This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

Ju nau 5-1-161

סאָוועטיש

6
1973

היימלאנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאל

ארגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

יון

6

1973

אינהאַלט

זײַט

מיר גיבן דאָס וואָרט פּובליציסטן פון ייִסראָעל. פּראָפּ. יאַנקעוו טאַלמאַן. צי וועט קויעך פאַרענטפערן אַלץ; פּראָפּ. אמנאָן רובינשטיין. ווי שנעל די צײַטן בײַטן זיך; אַרן קאָהען. די, וואָס פּאָכן מיט סטראַשידלעס; יעהושוע איִרגע. די אינפליאַציע און דער יאָקרעס — ניט איבער דער שולד פון די אַרבעטער . . . . 3—17

מאָטל טאַלאַליַעווסקי. מיט אײַך אײנייִנעם (לידער) 18

כאַסקל טאַבאַטשניקאָוו. מיט אַ וואַרעם האַרץ (באַרשעווער מאָטיוון). צייכענונגען פון ה. אינגער . . 21

דאָוויד בראָמבערג. קלאָרקײַט (לידער) 51

ד. זילמאַנאָוויטש. אָף דער אָרביטע פון אַ גרויס לעבן 54

מאָטל גרוביאַן. אַ בוך. — דרײַ נעמען און אַנד. לידער (פון דער שעפערישער ירושע) 99

סאַלוואַדאָר באָרזשעס. ראַטעווע, ברודער! (דערציילונג) 103

הירש בלאָשטיין. גאָלדענע טריט (לידער) 107

הערשל פּאָליאַנקער. די ווײַסע וואָראָנע. — אַ גאַסט אין שטעטל (דערציילונגען) 111

שיפרע כאַלאָדענקאָ. דערמונטערט עס ווערט מײַן געמיט (לידער) 133

כאַיִם ביידער. ביראָבידזשאַנער פּייזאַזשן (לידער) . 135

דווירע כאַראַל. לירישע העפטן 136

זיכרוינעס. בינימין שוואַרצער. פאַרבליבן אין מײַן זיקאָרן 144

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליִאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

אַרן ראַסקין. טעוויע געַנס ראָמאַן „אונדזערע צײַטן” 154

י. שוסטער. רעפּראָדוקציעס פון דער ראָסטאָווער בילדער־גאַלעריי 160

יעשועַ ליובאָמירסקי. „דרײַ פינטעלעך” . . . 161

אַרן ווערגעליס. נאָטיצן אָן אַ סיידער 168

אונדזערע מיטיילונגען. סאָניע פּרײַ. דער אייביק פרײַשער קוואַל 179

די פּאָטשט פון „סאָוועטיש היימלאַנד” 183

פאַרשיידנס 186

נאָטיצן אָפן קאַלענדאַר 189

כראָניק 132, 160, 167, 185, 188

מוישע שאַפּיראָ. שמועסן וועגן ייִדישער שפּראַך . 191

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

א. גאָנטאַר, ש. גאָרדאָן, ט. געֶן, נאָטע לוריע, מ. לעוו, כ. מאַלטינסקי, ב. מילער, כ. מעלאַמוד, ה. פּאָליאַנקער, ס. פּרײַ.

פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר

י. טשיטשעלניצקי

מיר גיבן דאָס וואָרט פובליציסטן פון ייִסראָעל

פּאַר אַ גערעכטיקן שאָלעם אפן יעסאָד פון דער רעזאָליוציע פונעם זיכערהייטס=ראַט פון די פאַרייניקטע נאַציעס

אין זעקס יאָר ארום נאָכן „זעקסטאָגיקן קריג" איז נאָך אלץ ניטאָ קיין שאָלעם און קיין רו אפן נאָענטן מיזרעך, און דער דאָזיקער געפערלעכער מאַצעוו איז א פויעל־יוֹיצע פון דער פאַרברעכערישער פּאָליטיק פון די ייִסראָעלדיקע רעגירנדיקע קרייזן, וועלכע ווילן זיך ניט אָפּזאָגן פון זייערע עקספּאַנסיע־פּלענער בענעגייע די שכײנישע אראבישע לענדער און דעם פאלעסטינישן אראבישן פאָלק.

דער בײַשפּיל פון וויעטנאַם, וווּ די צדאָדים זײַנען אײַנגעגאַנגען אף א פאָליטישער לייזונג, מאַכט נאָך דרינגענדיקער די נויטווענדיקייט צו פאַרלעשן דאָס מילכאָמע־פײַער אפן נאָענטן מיזרעך.

„סאָוועטיש היימלאַנד" גיט הײַנט דאָס וואָרט פובליציסטן פון ייִסראָעל, אָנהענגער פון פאַרשײדענע פּאָליטישע שטרעמונגען, וועלכע דענקען רעאַליסטיש, לויטן סייכל־האַשאָשער און דעריבער קומען זיי אלע צום אויספיר, אז ייִסראָעל דאַרף וואָס גיכער אײַנגיין צו שליסן שאָלעם מיט די אראַבישע לענדער אפן יעסאָד פון דער רעזאָליוציע פונעם זיכערהײַטס־ראַט פון די פאַרייניקטע נאַציעס פאַרן 22 נאָיאַבער 1967. די לעבנס־אינטערעסן פון דער מעדינע פאָדערן, אז די עקסטרעמיסטן זאָלן באַזײַטיקט ווערן פון דער לייזונג פון די פראַגן פון פרידן און קריג און ארום אָט די פראַגן זאָל געשאַפן ווערן אן אַטמאָספער פון טיפער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַרן גוירל פון אלע פעלקער און לענדער פונעם ראַיאָן.

ברענגענדיק דאָ די אַרטיקלען פון באַוווּסטע ייִסראָעל־פובליציסטן — דעם היסטאָ־ריקער פּראָפ. יאַנקעוו טאַלמאַן, דעם אָרײַענטאַליסט אָרן קאָהען און דעם פּראָפ. אַמנאָן רובינשטיין — גייט די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" ארויס פון דער האַנאָכע, אז פאַר אונדזערע לייענער שטעלט פאָר א היפּשן אינטערעס די מיינונג פון אָט די אָנגעזעענסטע פאָרשטייער פון דער ייִסראָעלדיקער עפנטלעכקײַט. פאַרשטייט זיך, ס'איז ניט אויסגעשלאָסן, אז אין באַזונדערע פראַגן וואָלט די מיינונג פון „סאָוועטיש היימ־לאַנד" ארויסגעזאָגט געוואָרן — אמאָל פינקטלעכער, אמאָל אַנדערש, נאָר אין אַלגע־מיין איז די שטעלונג פון די אָנגערופענע פובליציסטן א רעאַליסטישע און יוישערדיקע.

אלע דרײַ אַרטיקלען דרוקן מיר איבער פון „האַארעץ", דער גרעסטער פרימאָרגן־צײַטונג פון ייִסראָעל. די קירצונגען זײַנען געמאַכט איבער מאַנגל אין אָרט, דערבײַ איז באַוואָרנט, אז דער גרונט־געדאַנק פון יעדן אַרטיקל זאָל בלײַבן גאַנץ.

מיר פאַרעפנטלעכן אויך יעהוישוע אירגעס אַרטיקל (פון דער פּראָגרעסיווער צײַ־טונג „דער וועג") „די אינפלאַציע און דער יאַקרעס — ניט איבער דער שולד פון די אַרבעטער", אין וועלכן עס ווערט באַוויזן איינע פון די אָנגעווייטעקטסטע פּראָבלעמען אינעם אינערלעכן לעבן פון ייִסראָעל, וואָס צוליב איר לייזונג פאָדערט זיך, אז דאָס פאָלק פון דער מעדינע זאָל אין באַדינגונגען פון פרידלעכער מיטאַרבעט מיט די אַראַ־בישע און אַנדערע פעלקער זיך דערשלאָגן צום טריומף פון סאָציאַלער גערעכטיקײַט בא זיך אין לאַנד.

פּראָפ. יאַנקעוו טאַלמאַן

צי וועט קויעך פאַרענטפערן אַלץ?

אין „האארעץ" איז אָפּגעדרוקט געוואָרן א קורץ, אָבער זייער סימפּטאָמאַטיש ארטיקל פון הער אויזער ווייצמאַן — „אָן קאָמפּלעקסן".

דער מעכאבער טרעט ארויס קעגן דער אָנגענומענער טײַנע, אז מיר האָבן אָנגעהויבן און פירן דעם קריג, קעדיי צו פארטיידיקן אונדזער עקזיסטענץ, זיך צו ראַטעווען פון דער סאַקאָנע פון פארניכטונג, וואָס הענגט איבער אונדזער קאָפּ; אז מיר האָבן עס געטאָן, ווײַל ס'איז ניטאָ „קיין אנדער ברייִרע" און קעדיי צו דערגרייכן זיכערקײַט פאר אונדזער מעדינע.

איבערגייענדיק צו די ספערן פון פּאָליטישער פילאָסאָפיע און היסטאָרישער פאראלגעמיינערונג, פּראָקלאמירט הער ווייצמאַן, אז „א מעדינע גייט ניט ארויס אין קריג בלויז, ווען א געפאר פון באלדיקער פארניכטונג הענגט איבער איר קאָפּ... נאָר קעדיי צונישט צו מאכן יעדע אויסערלעכע שטערונג צום נאציאָנאלן אָנשטרענג, און גענויער — יעדע דראָונג פון קויעך בענעגייע די לעבנסוויכטיקע נאציאָנאלע אינטערעסן..., און קעדיי צו פארווירקלעכן היסטאָרישע רעכט".

כ'וועל, דאכט זיך, ניט זינדיקן מיט אומפּינקטלעכקײַט אָדער מיט מאנגל פון ערלעכקײַט און אָביעקטיוויטעט, אויב איך וועל אויסטײַטשן זײַנע ווערטער ווי אן אויסדרוק פונעם באוווסטזײַן, אז קויעך, צוואנג און געוואלטזאמקײַט אין זייער מאקסימאלער קאָנצענטראציע און אין זייער שטארקסטער פלאנירטער אָנווענדונג — דאָס הייסט מילכאָמע — וועט לייזן אלץ. און די דאָזיקע פעסטשטעלונג ווערט ארויסגעזאָגט ניט מיט א זיפץ פון „צום גרויסן באדויערן", ניט ווי א פעסטשטעלונג, אז די מענטשן זײַנען, ליידער, ניט מעקײַעם די צען געבאָטן, — זיי מאָרדן, גאנווענען, גלוסטן פרעמדע ווײַבער, — נאָר אינעם גײַסט פון פאָרמולירן א געוווּנטשענעם לעבנס־ארט, דעפינירן א ריכט־ליניע, אינספּירירן א האלטונג.

אזעלכע ברוטאלע ווערטער קאָנען נישט ניט ארויסרופן קיין אסאָציאציעס בא מענטשן, וועמען ס'איז עפּעס באקאנט וועגן דעם געדאנקענגאנג, וועגן די דאָקטרינען און דער שפּראך פון די שעליכים פון טײַוול אין די לעצטע צוויי דוירעס, — פון די, וואָס האָבן פארוואנדלט די וועלט אין א געהענעם, געבראכט א שוידערלעכע קאטאסטראָפע אף דער מענטשהײַט, פארטיליקט דאָס לעבן פון מיליאָנען און קימאט אומגעבראכט דאָס ייִדישע פאָלק. ווייצמאנס ווערטער קלינגען, ווי זיי וואָלטן איבערגעזעצט געוואָרן וואָרט בא וואָרט פון היינריך טרייטשקע, דעם היסטאָריקער און טעאָרעטיקער פון דעם עקסטרעמיסטישן רישעסדיקן דײַטשישן נאציאָנאליזם.

א ייִדישער מענטש, וואָס האָט צענדליקער יאָרן נאָכגעפאָלגט דעם פּראָצעס פון קײַקלען זיך צום אָפּגרונט און וואָס די גרוילן זײַנען געווען פאר אים אן אנטשיידנדיקע טראוומאטישע איבערלעבעניש, האָט דאָס געפיל, לייענענדיק ווייצמאנס ווערטער, ווי יענע ייִדן, וואָס פלעגן רײַסן קריִע און זײַנען געזעסן שיווע איבער עמעצן פון זייער מישפּאָכע, וואָס איז געוואָרן אן אָפּטריניקער.

דעם גרעסטן כעסעד, וואָס מע קאָן טאָן אויזער ווייצמאנען, איז אים אופנעמען ווי אן אנאכראָניסטישן טיפּ, וואָס די צײַט פון צאָרן איז פארבײַגעגאנגען פאר זײַנע אויגן אָן דעם, אז ער זאָל זי שפּירן, און וועלכער איז געבליבן שטעקן אין דער פריִערדיקער טקופע, אָדער גאָר ווי איינעם, וואָס ווייסט ניט, וואָס ער רעדט, וואָס קען ניט — ניט די געשיכטע פון אונדזער יאָרהונדערט, ניט דעם באדײַט פון די ווערטער, וועלכע ער באנוצט, און ניט די אויסווירקונגען פון די געדאנקען, וואָס ער זאָגט ארויס.

פונדעסטוועגן האָבן מיר אים אויסגעקליבן ווי א פאָרשטייער און וואָרטזאָגער פון א טענדענץ, ווײַל אין זײַן נאַיִוויטעט דריקט ער אויס די געדאנקען מיט מער קלאָרקײַט און אָפנהארציקײַט איידער אנדערע שרײַבער פון זײַן לאַגער, וועמענס ווערטער עס ווערן דערטרונקען אין א יאם פון מעליצעס, אין פסעוודאָ־פילאָסאָפיע אָדער אין היסטערישן סענטימענטאליזם, בייס ער איז אינגאנצן ארײַנגעטאָן אין טאַט, ער שטרעבט צו פירערשאפט.

ווייצמאָן דארף לערנען, אז געדאנקען האָבן א פארשנעלערונג און רעזולטאטן, וואָס שטײַגן איבער די קאוואָנע פון די, וועלכע זאָגן זיי ארויס; ער דארף געדענקען די לעגענדע וועגן דעם מעכאשעפס לערן־ייִנגל, וואָס האָט אין זײַן נאַיִוויטעט באפרײַט טײַוולאָנישע קויכעס, ניט קאָנענדיק דערנאָך זיי פארהאלטן און באהערשן.

און מיר לעבן דאָך אין א פעריאָד פון דער הידראָגען־באָמבע און פון גאז־קאמערן און פון שאנטאזש מיט אן עקאָלאָגישן סאָף.

ווייצמאן שפּאָט פון „גאָלעס־קאָמפּלעקס", ניט פארשטייענדיק, אז אָט דער „קאָמפּלעקס" איז געווען דער קען־צייכן פון אן אלטער קולטור, פון א צוגעבונדנקייַט צו דערהויבענע ווערטן, פון א ציטער פארן גורל פון דער מענטשהייַט, פון אן עקל צו בארבארייַ. ער איז געווען דער אויסדרוק פון האס צו דער העפקיירעס פון קראפט, פון מיטגעפיל צום ווייטעק און צער פון די געטראָפענע מיצאד ברוטאלן רויב און רייַשעס...

אויב די מיינונגען פון אויזער ווייצמאנען וועלן ווערן אָנגענומען, וועט מען מוזן שרייַבן פונדאָסנייַ די געשיכטע פון די ייִדן — שרייַבן זי ניט מיט צאָרן פאר די שרעקלעכע אוולעס, וואָס אונדזערע אָוועס האָבן באקומען פון די מענטשן פון פויסט; ניט מיט ליבע, אָנגעזאפּט מיט ראכמאָנעס, נאָר מיט פאראכטונג פאר פיל דוירעס ייִדן און מיט היספּייַלעס פאר זייערע פארפאָלגער. און עפשער וועלן מיר דארפן אויסמעקן פון טאנאך די נעוווע פון יעשאַיאָהו האנאָווי, אָדער פארבאָטן צו לערנען זי אין די שולן, טאָמער וועט איר פארפוילטער פאציפיזם אָפּשוואכן דעם שלאכט־כיישעק און דעם קאמפס־גייַסט אין יונגן דאָר? און אָנשטאָט „זיי וועלן מאכן פון די שווערדן אקער־אייַזנס" וועלן מיר שרייַבן „פון די אקער־אייַזנס — געווער". און מיר וועלן פאריכטן די ווערטער פונעם נאָווי און וועלן לערנען: „איין פאָלק וועט אויפהייבן די שווערד קעגן א צווייטן פאָלק".

„די געשיכטע לערנט, אז בלויז קויעך..."; „אונדזער היסטאָרישע רעכט"; „איין היסטאָרישע גאנצקייַט"... — דאָס זייַנען זאצן, וואָס ווערן אומענדלעך איבערגעכאזערט מיצאד מעלוכע־לייַט, פּאָליטיקער, זשורנאליסטן און סטאם מענטשן...

א פאָרשער פון געשיכטע וועט זייַן זייער פאָרזיכטיק באם יארשענען אָפּגעפאסקנטע טעזיסן וועגן אויסשליסלעכע און ארומנעמענדיקע לערעס און פאָרצושלאָגן זיי אלס אויסגעפּרוווטן און זיכערן רעצעפּט...

וואָס, לעמאָשל, קאָן מען לערנען פון דער געשיכטע וועגן דער מאכלויקעס איבער דעם, וואָס עס איז בעסער פונעם שטאנדפונקט פון דער זיכערקייַט און שטארקייַט פון דער מעדינע: ברייטע גרענעצן אָדער א האָמאָגענע באפעלקערונג אין א קלענערן שטעטך? צי דארפן מיר האנדלען, ארויסגייענדיק פון דער האנאָכע, אז וואָס מער די צייַט גייט און מיר בלייַבן אָף אונדזערע פּאָזיציעס, אלץ בעסער וועט אונדז זייַן, אָדער מיר דארפן זיך באמיִען צו דערגרייכן וואָס פריִער א העסקעם, אויס מוירע פאר דער פארשארפונג, פאר דער ראדיקאליזאציע און „גלאָבאליזאציע" פונעם קאָנפליקט? די סינייַ־קאמפּאניע אין 1956 האָט אונדז געבראכט 10 יאָר פון רעלאטיווער רו, וואָס האָט אונדז דערמעגלעכט א היפשע פארשטארקונג. פון דער אנדערער זייַט אָבער האָט זי ארופגעלייגט אָף אונדז א שטעמפּל פון שוטפים פון אימפעריאַליזם און פון זייַנע אגענטן אין די אויגן פון דער דריטער וועלט.

דער היסטאָריקער איז געגליכן צום פּסיכאָאנאליטיקער. זייַן קויעך איז ניט אין פאָרשלאָגן א רעצעפּט, נאָר אין שטעלן דעם דיִאגנאָז, ניט אין א פולער היילונג גלייַך, נאָר אין ארויסברענגען דעם כוש פון פּראָפּאָרץ און מאָס. ער פּרוווט אונטערצושיידן צווישן דעם ראציאָנעלן אין דער שטעלונג פונעם היסטאָרישן העלד, אָדער פון דער עפנטלעכער מיינונג, און אין זייערע באשלוסן — און דעם איראציאָנעלן; ער פּרוווט אופדעקן פאר זיי, וואָס עס דרינגט ארויס פון א ניכטערער באטראכטונג פון אָביעקטיווע אומשטענדן און וואָס עס איז א רעזולטאט פון טראוומעס, דיבוקים, טרוימען, אינסטינקטן, פאָרורטיילן, אופגעצוווּנגענע געוווינהייַטן, עגאָיִסטישע פאראקשנטקייַט אָדער אינערציע און פוילקייַט.

ווען מיר וועלן דערגיין צום געגארטן שאָלעם מיט אונדזערע אראבישע שכיינים, וועלן מיר נאָך מוזן א לאנגע צייַט זאָרגן אופצוהאלטן ווי ווייַט מעגלעך דעם ניוואָ פון מיליטערישע מעגלעכקייַטן. אָבער א גאנץ אנדערע זאך איז א שטעלונג, וואָס זעט אין מילכאָמע אן אינסטרומענט פאר עקספּאנסיע — א שטעלונג, וואָס איז אינספּירירט דורך א ווילן פון קראפט און פון מיליטאריסטישן אוואנטיוריזם, און וואָס יאָגט זיך נאָך א „מאקסימום אויסזיכטן". דער, וואָס לעבט אָפן כעזשבן פון זייַן שווערד, וועט סאָפקאָלסאָף שטארבן פון דער שווערד.

אין גאנצן ארטיקל פון הער ווייצמאן פילט זיך א מאנגל אין „מאָס", „גרענעץ", „באגרענעצונג". הער ווייצמאן רעדט וועגן רעכט צו לעבן לויט אונדזער אייַנזען, אין העסקעם מיט אונדזערע אינטערעסן, מיט אונדזער ווילן, מיט אונדזער געשיכטע, אָן דעם, אז אנדערע זאָלן אונדז שטערן. אָבער ס'איז דאָך פאראן א גרענעץ צו יעדער רעכט, סייַדן אז מע לעבט אָפּגעריסן פון אנדערע, אָף אן איינזאמען אינדזל. די גרענעץ באשטייט אין דער עקזיסטענץ, אין די רעכט און אין די אינטערעסן פון די שכיינים. אויב עס זייַנען ניטאָ קיין שום באגרענעצונגען, איז דאָס רעכט אונטערגעוואָרפן דער מאָס פון קויעך. און דאן איז ניטאָ קיין שום זין פארן וואָרט „רעכט", ווייַל די שכיינים האָבן די זעלבע רעכט זיך צו באנוצן מיטן קעגן־קויעך

אינעם פאסיקן מאָמענט, און ווער עס וועט זײַן שטארקער, דער וועט זיגן.

זעט אויס, אז לויט ווייצמאנען איז דאָס אנערקענען די רעכט פון א צווייטן — א באגרענעצונג פאר די אייגענע רעכט.

דער קען־צייכן פון רײַפקײַט איז דער באוווּסטזײַן וועגן באגרענעצונג, די מעגלעכקײַט זיך אײַנצוגלידערן, זיך צופאסן צו דער סוויווע. דאָס איז ניט קיין איניען פון א „באטלאָנישער" מאָראל־פריידיקערײַ, נאָר א לעבנס־נויטווענדיקײַט, א באדינג פון עקזיסטענץ, א גרונט־שטיין פון געזעלשאפטלעכער ראציִאָנעלקײַט.

די פילאָסאָפיע פון אויזער ווייצמאן געהערט פון פאָליטישן שטאנדפונקט צו דער טקופע פון קאוואלעריע־מיליטער אָדער אפילע צו די צײַטן פון די קליינע געדונגענע ארמייען.

אין פלוג איז דער איניען דערשטוינענדיק: מיר האָבן פאר זיך א פליִער, וואָס האָט א רעפוטאציע פון א ספעציִאליסט אין די דערגרייכונגען פון דער סאמע קאָמפליצירטער מאָדערנער טעכניק, און עס פעלט אים אין אזא גרויסער מאָס די פארשטענדעניש פאר די פראָבלעמען פון דער צײַט און פארן כאראקטער פון דער טאָטאלער מילכאָמע אין לעצטן דריטל פון 20־טן יאָרהונדערט.

די לײַכטקײַט און שנעלקײַט, מיט וועלכער מיר באזיגן אונדזערע קעגנער, מאכן אונדז פארגעסן דעם שרעקלעכן כאראקטער פון א מאָדערנער מילכאָמע, דעם פאקט, אז זינט דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, זינט מע האָט אָנגעהויבן באנוצן מאשינען־געווער, טאנקען, נאפאלם, באָמבארדירונג פון דער לופטן, שוין ניט ריידנדיק וועגן ראקעטן און נוקלעארן און ביִאָלאָגישן וואָפן; איצט, ווען עס זײַנען פאראן מיטלען צו פארוואנדלען א בליִענדיק לאנד אין א וויסטע, אויסטריקענען יעדן בוים און יעדן בלאט, פארגיפטן יעדן פלאנץ, אָפערירן מיט מעטאָדן פון א טאָטאלער מילכאָמע, ווו עס איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן קעמפער און ציווילער באפעלקערונג, צווישן א שלאכטפעלד און דירעס פון מענטשן, — איצט איז פאקטיש שוין ניטאָ קיין שום ציל און קיין שום דערגרייכונג, וואָס זאָלן קענען בארעכטיקן די שרעקלעכע פרײַז פון א מאָדערנער מילכאָמע.

נאָך מער: דער גרענעצלאָזער קויעך איז געוואָרן דער קוואל פון אָנמאכט. לאָמיר אָננעמען, אז מיר האָבן געקראָגן אין אונדזערע הענט וואָפן פון „אבסאָליוטן" מין. מיר וועלן זיך ניט קענען באנוצן מיט זיי, סײַדן אינעם מאָמענט פון „עק וועלט" און — „תמות נפשי עם פלשתים"[1]. אָנקומען צו אזעלכע מינים וואָפן, קעדיי צו דערגרייכן א באגרענעצטן פאָזיטיוון ציל, — דאָס וועט אופשטעלן קעגן אונדז א גאנצע וועלט און וועט אויך דערווײַטערן פון אונדז די יִדן פון אומעטום. און זינט די פאראייניקטע שטאטן האָבן מער ניט די מאָנאָפאָל פון נוקלעארן וואָפן און עס פארמערן זיך די נוקלעארע מעדינעס, איז ניטאָ מער די מעגלעכקײַט זיך צו באנוצן מיט אזא וואָפן. און עס ווײַזט זיך ארויס אף א פאראדאָקסאלן אויפן, אז דאפקע פרימיטיווע פעלקער זײַנען מעסוגל צו קריגן קלעפ און ניט כאָרעוו ווערן און ניט אונטערגעבן זיך, בייס פאר די אנטוויקלטע לענדער איז די מעגלעכקײַט געטראָפן צו ווערן אָן א שיר גרעסער — פון סטראטעגישן, מאטעריעלן און פסיכאָלאָגישן שטאנדפונקט.

די אָנשויִונגען פון הער אויזער ווייצמאן זײַנען אנאכראָניסטיש, פארעלטערט, רעאקציִאָנער און צעשטערעריש צוליב א צוגאָב־מאָטיוו: די פרײַז פון מאָדערנע מילכאָמעס איז ניט בלויז אויסער יעדער פראָפאָרץ צו זייערע דערגרייכונגען, נאָר אף א לענגערער צײַט איז אין זיי אויך ניטאָ קיין זיגער.

ענגלאנד, פראנקרײַך און אמעריקע האָבן געזיגט אין דער ערשטער וועלט־מילכאָמע. מיט 20 יאָר שפעטער האָט פראנקרײַך געליטן א צעשמעטערנדיקע מאפאָלע; ענגלאנד איז ניצל געוואָרן פונעם כורבן בלויז דורך אײַנבײַסן זיך מיט די ציינער, און נאָרד־אמעריקע איז געצוווּנגען געווען ארײַנצוטרעטן אין אן אנדער מילכאָמע, פון אן אומפארגלײַכלעך גרעסערן מאסשטאב, ווי די ערשטע.

אין 1945 איז ענגלאנד ארויס פון דעם סאמע הארבסטן ניסאָיען אין איר געשיכטע אלס זיגער און פול מיט פרעסטיזש, וואָס האָט ארויסגערופן באוווּנדערונג. מיט געציילטע יאָרן שפעטער איז אָבער ניט געבליבן גאָרניט פון איר מעכטיקער אימפעריע, און זינט איר ניצאָכן, קײַקלט זיך איר ווירטשאפט אומופהערלעך צום אָפגרונט.

אין 1965 זײַנען די פאראייניקטע שטאטן געווען די מעכטיקסטע פון די גרויסמאכטן, און הײַנט נייטיקט זי זיך אין ראכמים פונעם הימל און איר פרעזידענט שלעפט זיך קיין פעקין און קיין מאָסקווע, קעדיי די דאָזיקע קעגנער זאָלן אים העלפן ארויסצוגיין פון קלעם אין דאָרעם־מיזרעך־אזיע.

און אָט זײַנען דײַטשלאנד און יאפאן, וואָס אין 1945 האָט זיך געדאכט, אז זיי זײַנען אינגאנצן כאָרעוו געוואָרן און וועלן זיך ניט צוריקשטעלן אף די פיס; הײַנט־צו־טאָג זײַנען זיי די שטארקסטע עקאָנאָמישע גרויסמאכטן, און אין

[1] „לאָמיר שטארבן צוזאמען מיט די פלישטים" — די ווערטער פון שימשן האגיבער, ווען ער האָט אומגעוואָרפן דעם טעמפל און געפאלן צוזאמען מיט די פלישטים.

פאַטענץ — אויך מיליטערישע גרויסמאַכטן פון ערשטראַנגיקער מאַדרייגע.

צומערסטנס פילזאַגנדיק איז דער בײַשפּיל פון כינע, וואָס מיט 50 אָדער 100 יאָר צוריק איז זי נאָך פאַררעכנט געוואָרן אַלס לאַנד אָן קיין שום האָפענונג צוריקצוקומען צו די קויכעס און גיוויער זײַן די פאַרפּויליטקײַט, וועלכע האָט זי צעפרעסן אַף דורך און דורך; זי האָט אין יענע צײַטן געעפנט אירע טויערן פאַר יעדן, וואָס איז געווען אַ באַלן צו באַלעבאַטעווען דאָרט, ווי בא זיך אין דער היים.

דער עמעס איז, אַז עס איז ניטאָ קיין מאַמאָשעס, קיין שום רעאַלקײַט אין דעם פּרעטענציעזן זאָג: „אַ קלאַפּ, און מיר האָבן פאַרענדיקט״. באַזיגטע לענדער זאָגן זיך אָפּ צו אַנערקענען זייער מאַפּאָלע און שאָלעם מאַכן מיטן געדאַנק וועגן זייער מינדערווערטיקײַט. זיי וועלן פאַלן זיבן מאָל און וועלן זיך ווידער אויפשטעלן.

„אַלע מענטשן זײַנען געבוירן געוואָרן גלײַכע, — האָט געזאָגט וואָלטער אין אַ באַרימטן זאַץ, — אָבער די אײַנוווינער פון טומבאַקטאַ אין אַפריקע האָבן נאָך ניט געהערט דערפון״. איצט האָבן זיי עס יאָ געהערט, און זינט דאַן איז ניטאָ קיין רו אַף דער וועלט. זינט עס האָט זיך פאַרשפּרייט די אידיי וועגן גלײַכהײַט פון אַלע מענטשן, וועגן מענטשלעכן קאָוועד און וועגן די רעכט פון יעדן פאָלק און פון יעדן שייוועט צו לעבן זעלבשטענדיק, שטורעמט אויף דער גײַסט פון רעוואָלט בא שיכטן, קלאַסן, פעלקער, ראַסן, גאַנצע קאָנטינענטן.

די דאָזיקע אידיי האָט ליקווידירט די פאַרשקלאַפונג פון די פויערים, דעם פעאָדאַליזם. זי האָט געגעבן ציווילע בירגער־רעכט, צוגעטיילט פרײַהײַטן, רעכט פון זעלבסטבאַשטימונג פאַר אונטערדריקטע פעלקער. זי האָט אַ סאָף געמאַכט צום קאָלאָניאַליזם.

און אַגעוו: ווער נאָך אַזוי, ווי דאָס ייִדישע פאָלק און ווי זײַן געשיכטע, איז אַ לעבעדיקער און אַנטשיידנדער איידעס, וואָס פאַרלייקנט די באַרבאַרישע פּרעטענזיעס פון „אַ קלאַפּ, און געענדיקט״?

דער גרויסער קער אין דער אָנשויונג וועגן באַדײַט פון אַ פּרעווענטיווער מילכאָמע „פאַר נאַציאָנאַלע אינטערעסן״, „קעדיי צו לעבן לויט אונדזער ווילן״, „צו פאַרריכטן פּאָליטיש־געאָגראַפישע פאַרקריפּלונגען״, „מיטן ציל צו פאַרווירקלעכן היסטאָרישע רעכט״, „אָנצוצייכענען די גרענעצן לויט נאַציאָנאַלע, היסטאָרישע אינטערעסן אַף אַ לאַנגן צײַט־אָפּשניט״, צו דערגרייכן „דעם מאַקסימום אויסזיכטן״, אויסנוצנדיק גינסטיקע אינטערנאַציאָנאַלע אומשטענדן, — דער דאָזיקער קער איז געשען אין דער ערשטער וועלט־מילכאָמע.

אין יענער צײַט האָט די מענטשהײַט שוין געהאַט דעם באַוווסטזײַן, אַז זי איז געפאַנגען דורך טעכנאָלאָגישע און פּסיכאָלאָגישע פאַרניכטונגס־קויכעס, וואָס זי אַליין האָט זיי באַשאַפן. אָבער זי איז שוין ניט אימשטאַנד זיי אײַנצוהאַלטן און באַהערשן.

דעם דאָזיקן שרעקלעכן באַוווסטזײַן האָט געבוירן די אידיי פון דער פעלקער־ליגע, די פּרוּוון צו פאַרבאָטן די מילכאָמע, ווי אַן אינסטרומענט פון נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, דעם געדאַנק פון קאָלעקטיווער זיכערקײַט, אַנטוואָפענונג, צוואַנג־אַרביטראַזש, סאַנקציעס קעגן אַגרעסאָר, און צום סאָף פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע (וועלכע האָט געמאַכט צו שפּאָט די דאָזיקע אַלע קלאָלים) איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, אַז אַ פּלאַנירטע אַגרעסיע־מילכאָמע איז אַ פאַרברעכן קעגן דער מענטשהײַט, און אירע דײַטשישע פּלאַנירער זײַנען עקזעקוטירט געוואָרן.

וואָס באַדײַטן „לעבנסוויכטיקע נאַציאָנאַלע אינטערעסן״, „פאַרריכטן פּאָליטיש־געאָגראַפישע פאַרקריפּלונגען״, „טעריטאָריעלע גאַנצקײַט״? ווער זאָל זיי דעפינירן? אויב דער ריכטער איז אַן אינטערנאַציאָנאַלע אינסטיטוציע, וועלן מיר דאָך ניט קאָנען זאָגן, אַז מיר לעבן „לויט אונדזער ווילן״, האַנדלען „לויט אונדזער אײַנזען״. אַזויאַרום קומט אויס, אַז עס וועט אורטיילן דער באַלדאָווער אַליין מיט זײַנע ברייט־אַרומנעמענדיקע שטרעבונגען. וועלכע איז די מאָס פון זיי? דער קויעך פון דעם, וואָס מאָנט, אָדער די רעכט?

אָט האָט היטלער באַהערשט דײַטשלאַנד מיטן לאָזונג „איין היסטאָרישע גאַנצקײַט״ („איין פאָלק, איין „רײַך״, איין פּיורער״), מיטן לאָזונג פון פאַרייניקן אַלע דײַטשיש־ריידנדיקע (עסטרײַך, סודעטן, דאַנציג אדג.) און ער האָט אַף זײַן פאָן אָנגעשריבן דעם לאָזונג „מאַקסימום אויסזיכטן״ און „אַקציע־פרײַהײַט״ („לעבנסרוים״, אין זײַן שפּראַך), וואָס האָט געצילט צו רעאַליזירן דעם „דראַנג נאָך אָסטען״...

היטלערס געדאַנקען זײַנען ניט אַראָפּגעפאַלן פון הימל. אין די צײַטן פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע האָבן אין דער דײַטשישער עפנטלעכקײַט זיך אויסקריסטאַליזירט ניט בלויז די פּלענער פון „לעבנס־רוים״, נאָר אויך פאָדערונגען צו פאַרזיכערן זיך קעגן „אַלע אויסערלעכע שטערונגען צום נאַציאָנאַלן אָנשטרענג״ (די ווערטער אין די גענדזנפיסלעך זײַנען פונעם אַרטיקל פון אויזער ווייצמאַן). לעמאָשל: אין דער אַנעקסיע פון דער פראַנצויזישער לאָטאַרינגיע, וואָס איז רײַך אין אײַזנגרובן, אין אויפהאַלטן דײַטשיש מיליטער אין בעלגיע אַף אַן אומבאַגרענעצטער צײַט, „קעדיי

א סאָף צו מאַכן איינמאָל פאַר אַלעמאָל צו דער בריטישער דראָונג".

און יעדעס מאָל, ווען די דײַטשישע אַרמיי האָט געהאַט דערפאָלג, איז געוואָרן אַלץ לענגער די ליסטע פון די לעבנס־וויכטיקע פונקטן פאַר דער זיכערקייט און פאַרן אופבלי פון דײַטשלאַנד, אַף וועלכע זי טאָר בעשום־אופן ניט מעוואַטער זײַן. און ס'האָט זיך פאַרשטאַרקט דער קרייץ־צוג פון פאַרלוימדונג און העצע קעגן ליבעראַלן, סאָציִאַליסטן, קאַטאָליקן, פּאַציפיסטן — און אַלע זײַנען פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס „ייִדישע דעפעטיסטן און פאַררעטער", אַלע, וואָס האָבן געפּריידיקט שאָלעם אָן אַנעקסיע און אָן אַנטשעדיקונגען.

ס'איז אויך קיין סאָפּעק ניט, אַז ווען מע איז אַרײַן אינעם איניען וויעטנאַם, אָדער ריכטיקער געזאָגט: מע האָט אײַנגעזונקען אינעם זומפּ, זײַנען די פירער פון דער אַמעריקאַנער אויסערן־פּאָליטיק און זייערע מיליטערישע ראַטגעבער געווען איבערצײַגט, אַז דער העכערער נאַציִאָנאַלער אינטערעס פאַרלאַנגט עס, אַז עס איז נויטווענדיק צו צוימען דעם פאָרויסגאַנג פון קאָמוניזם אין דאָרעם־מיזרעך־אַזיע. די קריטיקער פון דעם דאָזיקן באַשלוס און זײַנע קעגנער זײַנען געשטעמפּלט געוואָרן אַלס פאַררעטער, וואָס העלפן דעם סוינע.

און ווער האָט געקאָנט שטעלן אונטער א צווייפל די מיליטערישע מעגלעכקייטן פון דער גרויסער וועלט־מאַכט צו באַזיגן א פּרימיטיוון שייוועט אָן מיטלען, אָן געווער און אָן אינדוסטריע? צי האָבן דען די העכערע קאָמאַנדירן פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי ניט פּראָקלאַמירט טאָג נאָך טאָג, אַז דער סוינע איז שוין צוזאַמענגעבראָכן, אַז עס איז שוין דערגרייכט דער זיג? און צי איז פאַראַן איצט אין אַמעריקע א מענטש, וואָס פאַרשילט ניט דעם טאָג, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל געהערט וועגן וויעטנאַם און וועמענס גלויבן אינעם פאַרשטאַנד און אין דער קאָמפּעטענץ פון די פּאָליטיקער צו אורטיילן און אַנטשיידן, ווו עס ליגט דער עמעסער אינטערעס פון אַמעריקע, — איז ניט צעטרייסלט געוואָרן?

דער קויעך וועט פאַרענטפערן אַלץ? אין דעם גלייבן שוין מער ניט די אופגעקלערטע פעלקער.

די, וואָס טײַנען, אַז דער קויעך וועט לייזן אַלץ, לעבן, אין אַלגעמיין גענומען, מיטן הײַנטיקן טאָג און קוקן ניט אין דער צוקונפט.

דאַכט זיך, אַז מענטשן, וואָס זײַנען דורכגעדרונגען מיט פּאַטריִאָטישע געפילן, וואָלטן געדאַרפט פאַרשטיין די שטאַרקייט פון אַזעלכע געפילן אויך באַם אַנדערן צאַד. אָבער דער עקסטרעמער נאַציִאָנאַליזם איז פול מיט טיפער פאַראַכטונג צו אַנדערע פעלקער. די, וואָס זײַנען באַהערשט פון אים, זײַנען איבערצײַגט, אַז דער קויעך פאַרענטפערט אַלץ און אַז זיי האָבן געשלאָסן א בונד מיטן אייבערשטן, וואָס פאַרזיכערט זיי אַן אומבאַזיגבאַרע קראַפט אַף אייביק.

אָבער צופיל קויעך און כיישעק צו עקספּאַנסיע שטויסן פון שטענדיק אָן די געטראָפענע דערפון אָדער די, וואָס זײַנען באַשטימט צו זײַן די געטראָפענע, זיך צו פאַרייניקן, קעדיי צו פאַרטיידיקן זיך און אַפילע צו זוכן שטאַרקע פאַרבינדעטע פאַר זיך. דער, וואָס פאַרלאָזט זיך אינגאַנצן בלויז אַף קויעך, איז געצוווּנגען צו גיין דעראָבערן די גאַנצע וועלט, און ער איז ווי א רײַטער אַף א טיגער, פון וועלכן ער קאָן נישט אַראָפּשפּרינגען.

אינעם גאַנצן אַרטיקל פון הער אויזער ווייצמאַן איז ניטאָ קיין דערמאָנונג פון די ערעץ־ייִסראָעלדיקע (פּאַלעסטינער) אַראַבער. אַפילע דאָס וואָרט „אַראַבער" איז דאָרט ניטאָ, שוין אָפּגערעדט פון די פּאַלעסטינער פּליטים. די אַראַבער פון פּאַלעסטינע — זייער עקזיסטענץ, זייער רעכט, זייערע אינטערעסן, זייער ווילן, זייער לעבנשטייגער, זייער שטרעבונג „צו לעבן לויט זייער אײַנזען" — זײַנען ווי ניט עקזיסטירנדיק אין דער פּראָבלעמאַטיק פון ייִסראָעל מיט אירע שכיינים. זיי זײַנען ווי א שטומער אָביעקט. ווײַל „בלויז פאַר אונדז" (ווי אין פּאָסעק שטייט: „פאַר דיר און דײַנע קינדער") איז דאָס דאָזיקע לאַנד און די היסטאָרישע רעכט אַף אים.

ווייצמאַנס ליניע זעט מיר אויס צו זײַן פול מיט ערנסטע סאַקאָנעס, ווײַל איך זע אינעם אָנשליסן אָנדערהאַלבן מיליאָן אַראַבער צו מעדינאַס ייִסראָעל ניט קיין פאַרשטאַרקונג פון איר קויעך און ניט קיין זיג פון אירע נאַציִאָנאַלע און היסטאָרישע אינטערעסן, נאָר אַן ערנסטע דראָונג פאַר איר קאָנסאָלידאַציע, פאַר איר פעסטקייט און פאַר איר מאָראַלישן כאַראַקטער; און דאָס איז, לויט מיר, ניט „די זיכערסטע גאַראַנטיע פאַר פאַרקלענערן די אויסזיכטן פון א נײַער מילכאָמע", נאָר אַן אָנהייב פון א מילכאָמע, צו וועלכער ס'איז קיין סאָף ניטאָ.

וואָס, אייגנטלעך, וויל די מעדינע ייִסראָעל? — אַז די אַראַבער זאָלן זי אַנערקענען, אַז זיי זאָלן שאָלעם מאַכן מיט איר עקזיסטענץ, זיי זאָלן זען אין איר א סטאַבילן פאַקטאָר, ניט קיין שטענדיקע דראָונג זייער עקזיסטענץ, א שכיינע, מיט וועלכער מע קאָן און מע דאַרף זיצן צוזאַמען.

אָבער אויך מיר דאַרפן אין זעלבן גײַסט שאָלעם מאַכן מיט דער עקזיסטענץ פון די פּאַלעסטינער אַראַבער. די דערפאַרונג פון די לעצטע דוירעס האָט באַוויזן, אַז א מעדינע, ווו עס זיצן צוזאַמען א הערשנדיק פאָלק און א פרעמדע

פּייַנטלעכע באַפעלקערונג, און צווישן זיי איז פאַראַן א קולטורעלער אונטערשייד, און יעדערער פון זיי האָט אַן אַנדער לעבנשטייגער, און אויך זייער עקאָנאָמיש־געזעלשאַפטלעכע לאַגע איז ניט קיין גלייַכע, און יעדערער פון זיי האָט אַנדערע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען, — אַזאַ מעדינע איז ניט קאָנסאָלידירט, פעלערהאַפט, פּיי־בערדיק און קראַנק.

די אויסגעברייטערטע גרענעצן, וואָס דאָס הערשנדיקע פאָלק האָט זיך דערוואָרבן, האָבן אים ניט געגעבן די זיכערקייַט, נאָר געשטעלט אין סאַקאָנע. עס זיצט ווי אויף א מינע, ווי אויף א טייַוול־מאַשין, באַזונדערס אויב דאָס באַהערשטע פאָלק האָט ברידער אויף יענער זייַט גרענעץ.

פאַראַן אַזעלכע, וואָס זאָגן: אונדזער זיכערהייַט־דינסט איז א גוטע און זי וועט באַווייַזן צו פאַרניכטן אין וואָרצל יעדן פּרוּוו פון א פאַרשווערונג, זי וועט שטענדיק אויפדעקן די שולדיקע אין סאַבאָטאַזש־אַקטן און וועט זיי שטעלן פאַרן געריכט. ס׳איז גענוי דאָס זעלבע, ווי מע וואָלט זאָגן, אַז מיר האָבן אויסגעצייכנטע דאָקטוירים, אַפילע די בעסטע אין דער וועלט, אָבער וואָס האָט מען פון זיי, אויב זיי זייַנען ניט מעסוגל צו פאַרמייַדן די אַנטשטייוּנג פון דער קראַנקהייַט און א סאָף צו מאַכן צו איר עקזיסטענץ? ס׳איז שווער צו באַהויפּטן, אַז א מעדינע איז אַזאַ ווי זי דאַרף זייַן, אויב זי האָט מער פּאָליציאַנטן ווי לערער, מער אַרעסטאַנטן, ווי קראַנקן־שוועסטער.

די באַציִונגען צווישן א הערשנדיקן פאָלק און א רעוואָלטירטער באַפעלקערונג זייַנען אין אונדזערע הייַנטיקע צייַטן א פאַרקישעפטער קרייַז, וואָס איז אומפאַרמייַדלעך: ווידערשטאַנד און אונטערדריקונג, טעראָר און אָפּשרעק־מיטלען...

פאַראַן אַזעלכע, וואָס ווייַזן אויף די צענדליקער טויזנטער אַראַבער, וואָס אַרבעטן אין יִשׂראָעל, און עס זייַנען ניטאָ קיין אינצידענטן; די אַראַבישע אַרבעטער פאַרנעמען זיך ניט מיט קיין סאַבאָטאַזש, און די ייִדן טשעפּען זיי ניט. איז אָט:

מיליאָנען אירלענדער האָבן געאַרבעט אין ענגלאַנד בעמעשעך פון דורות און האָבן געשפּייַזט דאָס אָרעמע אירלאַנד מיטן הויכן לוין, וואָס זיי האָבן געקראָגן אין ענגלאַנד. די בעסטע סאָלדאַטן אין די ענגלישע אַרמייען און פיל פון זייערע קאָמאַנדירן זייַנען געווען אירלענדער, סייַ פון צאָפן, סייַ פון דאָרעם. אָבער דאָס אַלץ האָט קלאָל ניט אויסגעהיילט די וווּנד. אירלאַנד, ציפּערן, מאַלטאַ און אַנדערע לענדער זייַנען א גענוגנדיקער באַווייַז, אַז פעלקער שטעלן העכער די אומאָפּהענגיקייַט איידער דעם טאָפּ פלייש.

ס׳איז שוין ניט ווייניק גערעדט געוואָרן וועגן דער ביטערער איראָניע און וועגן דעם געזעלשאַפטלעכן און מאָראַלישן דורכפאַל, וועלכע דערוואַרטן דעם ציִעניזם פאַר פאַרוואַנדלען די ייִדן אין באַלעבאַטים, דירעקטאָרן און אויפזעער אויף די אַראַבישע האָלצהעקער און וואַסערטרעגער אונטער דעם לאָזונג פון אייַנגלידערן זיך.

דאָס איז אַן אומפאַרמייַדלעכער פּראָצעס אין א באַפעלקערונג, וואָס איז צעטיילט אויף א הערשנדיקן פאָלק און באַהערשטן פאָלק. די גאַנצע געשיכטע באַווייַזט, אַז די געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעם איז א באַגלייטנדיקע דערשייַנונג, דער שאָטן פון דער נאַציאָנאַלער צעטיילונג, באַזונדערס אויב דאָס פאָלק פון דער מערהייַט פילט זיך אין געפאַר און באַלאַגערונג. פאַרשטייט זיך, אַז דאַן וועט מען זיך היטן צו באַשעפטיקן די פייַנטלעכע מינדערהייַט אויף פילבאַרע געביטן... אין דער ערשטער ריי טרעפט אַזאַ לאַגע די אינטעליגענץ פון דער מינדערהייַט.

ס׳איז לייַכט צו שעלטן און פאַרמיִעסן, אַרופלייגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייַט פאַר יעדן דורכפאַל, פאַר אַלע אומרוען אויף העצער, אַגיטאַטאָרן אאַזוו. אָבער אַזאַ איז דער שטייגער פון אַלע רעאַקציאָנערן, אונטערדריקער, עקספּלואַטאַטאָרן אין אַלע דורות און אין אַלע צייַטן. צי דאַרפן מיר גיין אויף דעם וועג און אים אויסקלייַבן באַוווּסטזיניק?

הער אויזער ווייצמאַן פאַרענדיקט זייַן אַרטיקל מיטן זאַץ: „אין אַזאַ שטעלונג (ווי זייַנע) ליגט אויך די זיכערסטע גאַראַנטיע פאַר באַגרענעצן די אויסזיכטן פון א נייַער מילכאָמע”. א סימען פון זייַן אָפנהאַרציקייַט איז, אַז ער זאָגט ניט „די זיכערסטע גאַראַנטיע פאַר א שאָלעם־רעגולירונג”, נאָר פאַר „באַגרענעצן די אויסזיכטן פון א נייַער מילכאָמע”. וואָלט ער זיך באַנוצט מיט דער פאָרמול „א שאָלעם־רעגולירונג”, ווי עס פירן זיך אַנדערע פון זייַן כייַדער, וואָלט ער אַרויסגעוויזן נאַיִוויטעט, צוויִעס אָדער ציניזם.

ווייצמאַן גיט זיך אָפּ א כעזשבן, אַז ער פאַרלאַנגט פון די אַראַבער זיך אונטערצוגעבן אָן קיין שום באַדינגונגען, אָן קיין שום פּרייַז פאַר דעם, און אין טאָך — אָן קיין שום גאַראַנטיע, אַז אַפילע אויב זיי וועלן אָנעמען זייַנע באַדינגונגען, וועלן זיי שוין ניט האָבן וואָס מוירע צו האָבן. וואָרעם ווייצמאַן איז דאָך פאַר אָנקומען צו מילכאָמע אַלס פּאָליטישן אינסטרומענט צו דערגרייכן מאַקסימום פאַר די עגאָיִסטישע אינטערעסן.

טיף אין האַרצן קאָן ווייצמאַן ניט וועלן, אַז די אַראַבער זאָלן אייַנגיין אויף פאַרהאַנדלונגען, אויף א פשאָרע־שאָלעם, ווייַל פאַר־

האַנדלונגען און אַ רעגולירונג זײַנען דאָך אומעגלעך אָן וועלכע־עס־איז קאָנצעסיעס פון אונדזער זײַט. ניט ווילנדיק און אין אונטערבאַוווסטזײַן זײַנען די, וואָס האָבן אַזאַ שטעלונג, פאַרינטערעסירט אין דער פאַרזעצונג און אַפילו אין דער פאַרשאַרפונג פון דער שפּאַנונג צווישן די גרויסמאַכטן, און ניט אין דער אָפּשוואַכונג פונעם גלאָבאַלן קאָנפליקט.

די גאַנצע פּאָליטישע וויזיע ווײַצמאַנס דרייט זיך ניט אַרום אַ שאָלעם־אָפּמאַך, נאָר אַרום דער אָפּשרעקונגס־סיסטעם. מיט אַנדערע ווערטער — אַרום אַ פּאָליטיק פון טעראָר, ווײַל אין זײַן שוירעש איז דער זין פונעם וואָרט „טעראָר" — אָפּשרעקן, אַרופֿוואַרפן אַ פּאַכעד. מיר דאַרפן — מיינט עס — זײַן אַזוי שטאַרק און אַזוי גרייט צו קריג, אַז זיי זאָלן ניט וואַגן אויפהייבן דעם קאָפּ.

וועלכע עס זאָל ניט זײַן די פּאָליטישע אָנגעהעריקייט און די אַרגומענטאַציע פון די אָנהענגער פון „גאַנץ עරעץ ייִסראָעל" (דאָס הייסט פון אַ גרויס־ייִסראָעל) — צי דאָס זאָל זײַן די וויזיע פון „קיבוץ גאָלאָיעס" (צונויפזאַמלען פון אַלע ייִדן פון דער וועלט) אָדער דער טרוים פון מאַכט, — איז וויבאַלד זיי זײַנען געצוווּנגען אָנצונעמען אַ קראַפט־פּאָליטיק, קעדיי צו פאַרווירקלעכן זייערע שטרעבונגען, האָבן זיי ניט קיין אַנדער ברייִרע, ווי דערגיין צו אַן אַווטאָריטאַרער, ניט־ליבעראַלער אָדער אַנטיליבעראַלער שטעלונג. אַן אַווטאָריטאַרע שטעלונג, וואָס גאַרט אָנצוקומען צו צוואַנגקויעך, איז זייער געפערלעך אין אַזאַ געזעלשאַפט, ווי די ייִסראָעלדיקע, וואָס איז געגליכן צו אַ דאַמף־קעסל אַדאַנק די טיפע און וועזנטלעכע קעגנזאַצן, וועלכע צעטיילן זי, — קעגנזאַצן צווישן רעליגיעזע מענטשן און וועלטלעכע, צווישן די מיזרעך־אײדעס און די אָפּשטאַמיקע פון אײראָפּע און אַמעריקע, צווישן די אַלט־אײַנגעזעסענע און נײַע אוילים, צווישן דער אַדמיניסטראַציע און די שוואַרצע פּאַנטערעס און נאָך אַזעלכע.

ניין, ייִסראָעל וועט ניט זײַן אַזאַ פאַרזעניש. ס'איז בעסער אַ קליינע מעדינע ייִסראָעל, אָבער אַ שיינע, געזונטע, שטאַרקע און זינגענדיקע, איידער אַ „גרויסע", אָבער אַ מיִעסע, צעפּרעסענע פון צעפּוילונגס־ווירוסן.

איך דערמאָן זיך אַ געשפּרעך מיט אַ באַוווסטן מאַרקסיסטישן דענקער, וואָס איז געווען אין צענטער פונעם אינטערעס פון דער וועלט בעמעשעך פון אַ געוויסער טקופע. איך האָב געשפּירט, ווי ער וואָלט מיך אַ שטאָך געטאָן, ווען ער האָט מיך געפרעגט, צי איז נאָך ביכלאַל עפּעס געבליבן פונעם סאָציִאַליזם אין ייִסראָעל. איך האָב אים געענטפערט, ווי איך האָב פאַרשטאַנען, אָבער ער האָט ווײַטער געפרעגט: „אין לעצטן כעזשבן און אָביעקטיוו גענומען האָט זיך דאָך אַזוי פאַרמינערט די פּראָפּאָרציאָנעלע אויפווירקונג פונעם סאָציִאַליסטישן אַספּעקט פון דער ייִסראָעלישער געזעלשאַפט אין פאַרגלײַך מיטן מיליטערישן און נאַציאָנאַליסטישן אַספּעקט, אַז דער סאָציִאַליסטישער טייל האָט באַקומען דעם כאַראַקטער פון אַ מין געברויך־אַרטיקל פאַרן עקספּאָרט אָדער פון אַן אינסצענירונג פאַר טוריסטן, אַ דעק־מאַנטל און אַ שלייער פאַר גאַנץ אַנדערע זאַכן".

ס'איז, עמעס, ניט קיין סימען פון מוט און זעלבסטזיכערקײַט צו ווערן אויפגעטרייסלט פון יעדן וואָרט פון קריטיק אָדער שטעלונג פון פרעמדע; ס'איז אָבער נאַיִוו צו „פּײַפן" אויף דער עפנטלעכער מיינונג און אויפן אײַנדרוק, וואָס מיר מאַכן. אָן אַ שיר שטאַרקערע מעדינעס ווי ייִסראָעל גיבן אויס מיליאָנען דאָלאַרן און שפּאָרן ניט קיין מי, קעדיי צו פאַרזיכערן זיך אַ גוטן נאָמען און אַ שיין געשטאַלט אין דער וועלט.

צו „אָן קאָמפּלעקסן" רופט אויזער ווײַצמאַן. בייסן ענדיקן דעם דאָזיקן עסיי (אין אויסלאַנד) איז מיר אַרײַנגעפאַלן אין דער האַנט דאָס אַרטיקל פון אַמנאָן רובינשטיין אין „האַאַרעץ" (פון 28 יול 1972). דאָרט ציטירט ער די ווערטער פון יעשאַיאָהו בען פּאָראַט אין „יעדיִאָט אַכראָנאָט" פון 14 יול 1972: „ניטאָ קיין ציִעניזם און ניטאָ קיין באַזעצונג און ניטאָ קיין ייִדישע מעדינע אָן עוואַקויִרן אַראַבער און אָן רעקווירירן באָדנס און זיי אָפּצוימען". און אויך זײַן טאַדלונג קעגן זיכערהײַט־מיניסטער דערפאַר, וואָס ער „גייט ניט ביזן סאָף".

ס'איז שווער ניט צו ווערן אויפגעטרייסלט פון דער געשמאַקלאָזיקײַט פון אַ פאָרשטייער פון אַ פאָלק, וועמענס גאַנצע געשיכטע איז פול מיט „עוואַקואַציע", „רירן פון אָרט" (דה. גײַרושים), „רעקוויזיציע" און „אָפּצוימונג" (דה. פאַרטרײַבן, רויב און קאָנפיסקאַציע), ווען ער קומט אָן צו אַזאַ געדאַנקענגאַנג און צו אַזעלכע אויסדרוקן. וויִאַזוי קאָן אַ פאָרשטייער פון אַ דאָר, אין וועמענס אויערן עס קלינגט נאָך אויף דאָס ווידערקאָל פונעם באַגריף „די ענדלייזונג" — און ער וועט נאָך אָפּקלינגען אין די אויערן פון די ייִדן ביזן סאָף פון די דוירעס, — זיך בייזערן צוליבן „ניט גיין ביזן סאָף"?

דאָס איז ניט סטאַם אַ שרײַיִקע רישעס, נאָר אַ שוידערלעכע טעמפּקײַט.

■

פּראָפ. אמנאָן רובינשטיין

ווי שנעל די צײַטן בײַטן זיך!

ווי די צײַט גייט שנעל פאַרבײַ! גאָר ניט לאנג צוריק האָט דער פּרעמיער פון ייִסראָעל שאַרף אטאקירט יעדן איינעם, וואָס האָט באַשולדיקט די רעגירונג, אַז זי וויל ניט קיין שאָלעם מיט די אראבישע לענדער. הײַנט זאָגן עס מינדסטנס צוויי מיניסטאָרן פון איר אייגענער רעגירונג און מע הערט ניט קיין שטים קעגן דעם.

ווי די צײַטן בײַטן זיך! נאָך מיט א יאָר צוויי צוריק האָט גאָלדע מעיר געזאָגט דעם שרײַבער כאַיִם כייפער, אַז ווען זי וואָלט געצווייפלט, ווי ער, אינעם ווילן פון דער רעגירונג צו שאָלעם, וואָלט זי אָרגאניזירט אַן אופשטאנד פון דער באפעלקערונג קעגן דער מאכט. הײַנט גיבן איבער רעגירונגס־קרײַזן און זייערע פּעןמענטשן, אַז ייִסראָעל וועט בלויז לײַדן פון א האסקאָמעדיקן שאָלעם מיט יאָרדאניע.

ווי די באגריפן בײַטן זיך! נאָך מיט עטלעכע כאדאָשים צוריק האָבן מיר געמיינט, אַז דער פּעכער פון די פּאָליטישע מיינונגען באוועגט זיך צווישן די עקסטרעמיסטישע אָנשוייוּנגען פון די מענטשן פון „גרויס־ייִסראָעל” ביז צו דער גרופּע „מאַצפּען” (מאַאָיִסטן). פּלוצלינג איז די דאָקטרינע פון א גרויס־ייִסראָעל פארוואנדלט געוואָרן אין א מעסיקער און פּשאָרעסדיקער אין פארגלײַך מיטן פּאָרשלאָג פון זיכערהײַטס־מיניסטער צו הערשן איבער די פּאלעסטינער אראבער און צונעמען בא זיי די פונדאמענטאלע מענטשן־רעכט, נעמלעך: די רעכט פון יעדן צו שטימען אין די וואלן און אויסצויִבן אַן אײַנפלוס בענעגייע דעם כאראקטער פון דער מאכט, וואָס וועט הערשן איבער אים. איבערנאכט געפינען מיר זיך אין א לאגע, ווו דער מאקסימום פונעם נעכטן ווערט א מינימום פון הײַנט, און ווער עס וויל זיך ניט גלײַכן לויט דער עקסטרעמיסטישער ליניע, איז א דעפּיטיסט. פּונקט ווי „אליס אין ווונדערלאנד”, דארפן מיר „לויפן שנעל, קעדיי צו בלײַבן אפן אָרט”...

די דאָזיקע אנטוויקלונג איז געקומען קימאט אינגאנצן פון „מאאראך”, פון דער ארבעטס־פּארטיי... דער קרייץ־צוג קעגן די „סענטימענטאלע” און די היסטערישע געשרייען קעגן יעדער מיינונג, וועלכע שטימט ניט מיט דעם, וואָס איז אָנגענומען, איז געקומען ניט פון „כערוט”... ניט פון „גאכאל” האָבן מיר געהערט די אלע אטאקעס קעגן די „מאָראל־פּריידיקער”. די עקסטרעמיסטישע פאָדערונג צוצונעמען די אנערקענטע מענטשן־רעכט בא די פּאלעסטינער אראבער — ניט ווי א צײַטווײַליקע רעגולירונג, ביז ס׳וועט קומען דער שאָלעם, נאָר ווי א סטאבילע רעגולירונג — איז געקומען ניט פונעם עקסטרעם־רעכטס, נאָר פון דער ארבעטס־פּארטיי.

פארשטייט זיך, אַז דאָס מיינט ניט, אַז די „כערוט”־ און „גאכאל”־קרײַזן זײַנען וויניקער עקסטרעמיסטיש, ווי די פירער פון דער ארבעטס־פּארטיי. נאָר בא יענע איז עס שוין אַן אלטע מײַסע און זיי כאזערן עס ניט איבער אָף שריט און טריט. אין דער ארבעטס־פּארטיי איז עס אָבער א נײַס.

אין פּרינציפּ איז די פּאָליטיק פון מאפּאי, און דערנאָך פון דער ארבעטס־פּארטיי שטענדיק געווען קעגן די אָנשוייוּנגען פון די רעוויזיאָניסטן, פון „כערוט”, פון אזעלכע פירער, ווי בעגין אָדער אויזער ווייצמאן. די לעצטע האָבן שטענדיק קוידעמקאָל דעפינירט די צילן פון ציִעניזם און דערנאָך גערעדט אָפן וועגן „פולן באנוצן קויעך, קעדיי צו דערגרייכן די דאָזיקע דעפינירטע צילן”. אין דעם זין האָבן זיי ארויסגערוקט דעם געדאנק פון א „גרויס־ייִסראָעל”. אָבער מאפּאי און די ארבעטס־פּארטיי האָבן געהאנדלט אנדערש: זיי זײַנען ניט ארויס מיט קיין קלאָרע לאָזונגען. זיי האָבן אפילע פון אָנהייב זיך קעגנגעשטעלט דעם געדאנק פון א „גרויס־ייִסראָעל”, אָבער זיי האָבן ביסלעכווײַז געשאפן געשעענע פאקטן און „מיטן עסן איז געוואקסן דער אפּעטיט”.

גאזע איז געוואָרן „אָנגעשלאָסן” צו ייִסראָעל, אָן צו געבן וועלכע־עס־איז רעכט אירע אײַנוווינער. אראבישע שעטאָכים זײַנען רעקוויזירט געוואָרן. דער שעטעך פון באזעצונג האָט זיך אזוי לאנג אויסגעברייטערט, ביז עס איז צום סאָף געקומען דער פּאָרשלאָג — א פּראָדוקט פון א קורצזיכטיקער פּאָליטישער אײַנשטעלונג — צו באהערשן יעהודע און שאָמראָן (צוויי געגנטן אפן אָקופּירטן מײַרעוו־ברעג), איגנאָרירנדיק די בירגער־רעכט פון זייערע אײַנוווינער. דער דאָזיקער פּאָרשלאָג איז אין קעגנזאץ צו די פונדאמענטאלע באגריפן פון געזעלשאפטלעכער יוסטיץ און אין סטירע צו די גרונט־פּרינציפּן

פון דער אינטערנאַציאָנאַלער יוסטיץ און פון די אַנגענומענע נאָרמעס צווישן ציוויליזירטע פעלקער.

לויטן פאַרשלאַג פונעם זיכערהייטס־מיניסטער וועלן אין יאַרדאַן־טאָל לעבן צוויי סאָרטן מענטשן: די זין פונעם יידישן פאָלק מיט פולע בירגער־רעכט; די זין פונעם אראבישן פאָלק, אָן רעכט. וויאַזוי וועט א בירגער פון דער אראַבישער ראסע קאָנען דערוווערבן די רעכט פון זיין יידישן שאָכן? דורך מעגייער זיין זיך לויטן דין? זיך טויוולען און לערנען מיצוועס? די אינערלעכע סטירעס זיינען דאָ צו גרויס, אז עס זאָל מעגלעך זיין צו דיסקוטירן מיטן עקסטרעמיסטישן פאַרשלאַג, וואָס דער זיכערהייטס־מיניסטער פון יִשׂראל און זיינע אונטערשטיצער האָבן ארויסגעבראכט.

ארן קאהען

די, וואָס פּאַכן מיט סטראַשידלעס

אין א באריכט וועגן דער ארויסטרעטונג פונעם פרעמיער־מיניסטער גאָלדע מעיר אין קלוב „בעט ברענער״ אין טעל־אוויוו דעם 13 אָקטיאבער 1972 האָבן מיר געלייענט: „פאַראן אזעלכע, וואָס ווילן ניט הערן סאדאטס ווערטער וועגן צוריקקערן די פּאַלעסטינער זייערע רעכט. זיי באַהויפּטן, אז ווען ער רעדט וועגן דעם, איז זיין קאוואָנע, מע זאָל צוריקקערן די אראבער ניט בלויז גאַזע, דעם מיירעוו־טייל פון יאַרדאַניע אָדער גאָלאַן, נאָר גאַנץ יִשׂראל. מיר — אין דרויסן, און זיי — אינעווייניק...״

ווען עס זאָגט ארויס אזעלכע ווערטער עפּעס א קליינער דעמאַגאָג, ערגעץ־ווו אין דער פּראָווינץ, קאָן מען בלויז שטוינען און זיך פאַרטראַכטן וועגן דער מאָס פון פּאַראנטוואָרטלעכקייט און ערנסטקייט פון „אופקלערער״, וואָס קומען באַלייכטן פאַר דער עפנטלעכקייט דעם פּאָליטישן לאַבירינט ארום אונדז. אָבער ווען אזעלכע ווערטער ווערן ארויסגעזאָגט פונעם פרעמיער־מיניסטער און זיי ווערן געבראַכט אין אזא צייטונג ווי „דאוואר״, — איז ניט אָנגענעם צו דעפינירן זייער עמעסן באַטייט.

צי איז פאַראן וועלכער־ניט־איז גרונט אויסצוטייטשן אַף אזא אויפן די שטעלונג פון דער עגיפּטישער רעגירונג? לויט די דאָקומענטן פונעם יִשׂראלדיקן אויסערן־מיניסטעריום (לעמאָשל, לויט דעם קאָמוניקאַט פון דער אופקלערונגס־אָפּטיילונג, דעם 16 יאַנואר 1972) איז ניטאָ קיין שום גרונט דערצו. די פירער פון דער יִשׂראל־פּאָליטיק האָבן ניט איין מאָל געטייַנעט, אז ווען די עגיפּטישע רעגירונג וועט בעפיירעש צו וויסן געבן וועגן דער גרייטקייט צו א שאָלעם־אָפּמאַך מיט יִשׂראל, וועט עס זיין א מאַמאָשעסדיקער פּאָזיטיווער קער, וואָס וועט דערמעגלעכן דער יִשׂראל־רעגירונג צו מאַכן איר שריט אין העסקעם דערמיט. מע האָט עפּשער געמיינט, אז די עגיפּטישע רעגירונג וועט צוליב אינערלעכע פּרעסטיזש־טעיַמים אָדער צוליב טאַקטישע געניג לעגאַבע קעגנער אין דער אראבישער וועלט ניט קאָנען מאַכן אזא דערקלערונג.

אָבער א דאָקומענט פונעם יִשׂראלדיקן אויסערן־מיניסטעריום באַשטעטיקט, אז אַף דער פראַגע פון דר. גונאַר יארינג אין זיין באַרימטן מעמאָראַנדום פונעם 8 פעוורואל 1971 וועגן עגיפּעטס גרייטקייט זיך צו פאַרפּליכטן „ארייַנצוטרעטן אין א שאָלעם־העסקעם מיט יִשׂראל״ — איז דער ענטפער פון דער עגיפּטישער רעגירונג געווען א פּאָזיטיווער.

אַף דער פראַגע אין יארינגס מעמאָראַנדום וועגן דער גרייטקייט פון יִשׂראל זיך צו פאַרפּליכטן „ארויסצוציִען אירע קריגס פונעם פאַרנומענעם שטעטעך פון עגיפּטן ביז צו דער אינטערנאַציאָנאַלער גרענעץ צווישן עגיפּטן און דעם שטעטעך פון בריטישן מאַנדאַט איבער ערעץ־יִשׂראל״ (פּאַלעסטינע) — האָט די יִשׂראל־רעגירונג ניט געגעבן קיין קלאָרן איינדייטיקן ענטפער.

עגיפּעט האָט באַשטעטיקט אלע פאַרפּליכטונגען, וואָס זי איז גרייט צו נעמען אַף זיך, לויט יארינגס פאָרמולירונג, אין העסקעם מיט דער רעזאָלוציע פונעם זיכערהייטס־ראט פון נאָיאַבער 1967, מיטן באַדינג, אז יִשׂראל זאָל פון איר זייט זיך פאַרפּליכטן אויסצופילן דאָס, וואָס די זעלבע רעזאָלוציע לייגט ארוף אַף איר.

אין די באַדינגונגען, וואָס עגיפּעט האָט געשטעלט, האָט די יִשׂראל־רעגירונג געזען א צונישט מאַכן איר פּאָזיטיוון ענטפער. דאַקעגן האָט זי איר אייגענעם אָפּזאָג צו ענטפערן פּאָזיטיוו אַף יארינגס איקער־פראַגע מאָטיווירט

מיט דעם, וואָס „אָט די פאָדערונג פון יארינגן האָט אוועקגעקוקט פון דער ייִסראָעלדיקער שטעלונג אין דער פראגע פון די גרענעצן און האָט דורך אוועקשטעלן די דערמאָנטע פאָדערונג צוגענומען דעם באָדן אונטער די פיס פון פרײַע פארהאנדלונגען און האָט זיך אידענטיפיצירט מיט איין צאד" (עגיפּטן).

עגיפּטן האָט זיך ניט צוריקגעצויגן פונעם ענטפער, וואָס זי האָט געגעבן אף יארינגס מעמאָראנדום. דער עגיפּטישער אויסערן־מיניסטער האָט, עמעס, צו וויסן געגעבן, אז אויב יארינגס מעמאָראנדום וועט אנולירט ווערן, וועט אויך אנולירט ווערן דער פּאָזיטיווער ענטפער פון עגיפּטן אף דער הויפּט־פראגע אינעם דערמאָנטן מעמאָראנדום, אָבער ביז איצט האָט יארינג ניט אנולירט זײַן מעמאָראנדום־ענטפער, און דאָס אָפּצײַען פון א שאָלעם־רעגולירונג צווישן ייִסראָעל און עגיפּטן אלס ארײַנפיר צו די שאָלעם־רעגולירונגען מיט אונדזערע אלע שכיינים — בלײַבט ווײַטער.

די הוסיינישע יאָרדאניע גיט קלאָרע סימאָנים וועגן איר גרייטקײַט צו שליסן א שאָלעם. לעוואָנען, אויב זי וועט ניט זײַן די צווייטע אין דער ריי, וועט זי זײַן די דריטע. אויך די סירישע רעגירונג האָט אונטער דער ווירקונג פונעם ראטנפארבאנד און פון אנדערע סאָציאליסטישע לענדער צו וויסן געגעבן דעם 9 מארט 1972 אין א דערקלערונג פון איר פּרעזידענט כאפעז אסאד, אז „אויב דער באשלוס פונעם זיכערהײַטס־ראט פון נאָיאבער 1967 איז בעיעכוילעס צוריקצוקערן די אראבער די שטעטאָכים אָן מילכאָמע און צו פארזיכערן די רעכט פונעם פּאלעסטינער פאָלק, — שטיצט אים סיריע".

קיינער וועט ניט טײַנען, אז די רעזאָליוציע 242 האָט א רעמעז אָדער וועלכן־ניט־איז אָנהאלט וועגן דעם, אז „עס וועלן צוריקגעקערט ווערן די אראבער ניט בלויז גאזע, דער מײַרעוו־טייל פון יאָרדאניע אָדער גאָלאן, נאָר גאנץ ייִסראָעל". ניטאָ קיין פארשטענדיקער מענטש, וואָס זאָל ניט אנערקענען, אז ווען עס רעדט זיך אין יענער רעזאָליוציע וועגן זיכערע און אנערקענטע גרענעצן צווישן ייִסראָעל און אירע שכיינים, מיינט עס: ייִסראָעל אין אירע גרענעצן פונעם פינפטן יון 1967. די מאָסקווער פּאָליטישע וואָכנצײַטונג „נאָוואָיע וורעמיא" האָט עס גאנץ קלאָר ארויסגעבראכט, שרײַבנדיק:

„אין העסקעם מיטן דאָזיקן פּרינציפּ (פון זיכערע און אנערקענטע גרענעצן) שלאָגט פאָר דער ראטנפארבאנד צו באשטימען די ליניעס פונעם 5 יון אלס סטאבילע און אנערקענטע גרענעצן צווישן ייִסראָעל און די שכיינעסדיקע אראבישע לענדער, וועלכע האָבן זיך באטייליקט אינעם יון־קאָנפליקט. מיט דעם דאָזיקן פאָרשלאָג זײַנען מאסקים אויך די אראבישע לענדער, האגאם אָט די לייזונג באטײַט פאר זיי א געוויסע קאָנצעסיע פון זייער זײַט לעטויוועס ייִסראָעל, וואָרעם ס'איז דאָך באוווּסט, אז די ליניעס פונעם 5 יון זײַנען בעסערע פאר ייִסראָעל, ווי די ליניעס, וואָס זײַנען באשטימט געוואָרן אין 1947 לויטן באשלוס פון די פאראייניקטע נאציעס".

אלע וויסן, אז דער ראטנפארבאנד, רומעניע, יוגאָסלאוויע איבן אויס א דרוק אף דער „אָרגאניזאציע פאר באפרײַען פּאלעסטינע" (פּאטאך), אז אויך זי זאָל זיך שטעלן אף דער באזע פון דער רעזאָליוציע פונעם זיכערהײַטס־ראט פון נאָיאבער 1967. אין די אינערלעכע דיסקוסיעס אין די אָרגאניזאציעס פון די פּאלעסטינער איז דער שטארקער ארגומענט קעגן נאָכגעבן דעם דאָזיקן דרוק די שטײַפקײַט פון דער שטעלונג פון דער ייִסראָעל־רעגירונג, וואָס האגאם זי האָט פאָרמעל געגעבן איר האסקאָמע צו דער רעזאָליוציע 242, זײַנען אָבער אירע פּאָליטישע שריט געריכטעט צו פארמײַדן איר דורכפירונג, לויט איר אינהאלט און גײַסט.

מע קאָן זײַן קעגן א שאָלעם־רעגולירונג, וואָס וועט פארפליכטן ייִסראָעל צו צאָלן פאר איר א פרײַז. דאָס, וואָס ס'איז אָבער פולשטענדיק קלאָר, איז — אז דער שאָלעם, וועגן וועלכן ייִסראָעל האָט ניט איין מאָל געמאָלדן, אז זי שטרעבט צו אים, זינט איר עקזיסטענץ און ביזן סאָף פון די שלאכטן פון דער זעקסטאָגיקער מילכאָמע, איז שוין פון לאנג מעגלעך צו דערגרייכן. דער שליסל צו א שאָלעם־רעגולירונג איז שוין זינט עטלעכע יאָר אין די הענט פון ייִסראָעל, און איר פּאָליטיק איז אזא, וואָס מאכט אים צונישט.

יעדנפאלס, דאָס ארויסשטעלן די סטראשידלע פון א פאָדערונג „צוריקקערן די אראבער גאנץ ערעץ־ייִסראָעל"; פון „מיר — אין דרויסן, זיי — אינווייניק" און ענלעכע סטראשידלעס — פּאסט ניט פאר קיין שום ערנסטן און פאראנטוואָרטלעכן מענטשן און אוודע ניט פאר קיין פּרעמיער.

חוק שירות בטחון תש״ט — 1959 (נוסח משולב)

מעלדונג וועגן צושטעלן זיך פון עולים – מענער

צו רעגיסטראַציע און אונטערזוכונגען אין די ראַיאָן־מאָביליזאַציע־ביוראָען

מענער ישׂראל־בירגער, אָדער סטאַבילע איינוווינער, וואָס זענען געבוירן געוואָרן צווישן א׳ בתשרי תרפ״ז (9 סעפּטעמבער 1926) און צווישן כ״ט באלול תשי״ג (9 סעפּטעמבער 1953), און וועלכע זענען עולה געווען אין מדינת ישׂראל צווישן ה׳ בתשרי תש״י (1 אָקטאָבער 1949) און צווישן כ״ז באלול תשל״א (20 יולי 1971), און וועלכע האָבן ביז ט״ו באלול תשל״א (5 סעפּטעמבער 1971) נישט באַקומען קיין באַפעל זיך צוצושטעלן צו רעגיסטראַציע און אונטערזוכונגען אויף פעסטצושטעלן זייער פעאיקייט אויף זיכערהייטס־דינסט, זענען מחויב זיך צוצושטעלן, ווי געזאָגט, אין לשכת הגיוס אין ראַיאָן פון זייער וווין־אָרט אין טאָג פון ט״ז באלול תשל״א (6 סעפּטעמבער 1971) 08.00 פרי.

ביים צושטעלן זיך דאַרף מען מיטברענגען א תעודת זהות, אָדער אַ תלוש רישום פון אינערן־מיניסטעריום, אָדער א געבורטס־שיין, ווי אויך א תעודת עולה און פאַספּאָרט.

די רשימה פון די מאָביליזאַציע־ביוראָען זענען פאָלגנדע:

- **ירושלים** — לשכת הגיוס, רח׳ רש״י מס. 103 (שכ׳ מקור ברוך)
- **תל־אביב–יפו** — לשכת הגיוס, רח׳ פוריה מס׳ 1 (ביים קינאָ „נוגה״)
- **חיפה** — לשכת הגיוס, רח׳ עומר על־כיאם מס׳ 12—14 (ביים קינאָ „מאי״)
- **פתח־תקוה** — לשכת הגיוס, שיכון עירתי פג׳ה
- **טבריה** — לשכת הגיוס, רח׳ נצרת
- **באר־שבע** — לשכת הגיוס, רח׳ יד ושם מס׳ 22.

י. הראל אל״מ
פוקד

באַמערקונג: דער פולער נוסח פון באַפעל וועגן צושטעלן זיך צו רעגיסטראַציע און אונטערזוכונגען (עולים) איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין קובץ התקנות.

לעצטע נייעס

זייער וויכטיקע מעלדונג פאַר עולים פון רוסלאַנד

אַלע מענער,

וועלכע האָבן נישט דורכגעפירט די ברית־מילה (אָברעזאַניע)

אויף זיך, אָדער אויף זייערע קינדער (אָן אונטערשיד פון עלטער) זאָלן זיך ווענדן צו. אונדז, מיר פירן דורך די אָפּעראַציע אין אַ מאָדערנעם שפיטאָל דורך ספּעציאַליסטן

די אָפּעראַציע ווערט געמאַכט אומזיסט

מיר פאַרפליכטן זיך צו האַלטן בסוד (סעקרעטנאָסט) וועגן דער אָפּעראַציע. זיך ווענדן: תל־אביב, ת. ד. 8582 (סעקרעט)

וואָס איז טייערער געוואָרן?

נאָך דער דערקלערונג וועגן דער דעוואַלוואַציע פון דעם ל״י, זענען געכטן אינדערפרי טייערער געוואָרן די פאָלגנדע שפּייזן און סחורות:

— איינהייטלעך ברויט (לחם אחיד, 1 ק״ג) איז טייערער געוואָרן מיט פיר אגורות: פון 38 אג׳ אויף 42 אג׳.

— איינהייטלעך ברויט פון 750 גראַם, פון 32 אג׳ אויף 38 אג׳.

— פּאַסטעריזירטע מילך, אַ פלאַש פון אַ האַלבן ליטער, קאָסט 33 אג׳ אַנשטאָט 30 אג׳.

— אַ פּעקל פּוטער פון 100 גראַם — דער פּרייז איז געשטיגן פון 65 אג׳ אויף 75 אג׳.

— אייער, וואָס זייער פּרייז איז געווען 17 אג׳ קאָסטן 19 אג׳; די וואָס קאָסטן 16 אג׳ — קאָסטן 18 אג׳; אייער וואָס האָבן געקאָסט 15 אג׳ און ווייניקער, זענען טייערער געוואָרן מיט 1 אגורה.

— אַ פלאַש שמן, וואָס האָט געקאָסט 68 אג׳, קאָסט 75 אג׳.

— אַ ק״ג צוקער קאָסט 78 אג׳, אַנשטאָט 68 אג׳.

— קאַרפּן: זייער פּרייז איז געשטיגן פון 3.30 ל״י אויף 3.50 אַ ק״ג.

— אַלע אַפּצאַלן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דאָלאַרן בשייכות מיט פליען און פאָרן מיט שיפן און געוויסע טאַריפן אין לאַנד און אין די פּאָרטן זענען טייערער געוואָרן מיט 20 פּראָצ.

— בענזין פון 83 אָקטאַן איז טייערער געוואָרן מיט אַנדערהאַלבן אגורות: פון 59 אג׳ אויף 60.5 אג׳ אַ ליטער.

— בענזין פון 94 אָקטאַן — זיין פּרייז איז געוואָקסן פון 70 אויף 72 אג׳ אַ ליטער.

— סאָלער (אויף דער סטאַציע) — דער פּרייז געשטיגן פון 19 אויף 20.5 אג׳ אויף אַ ליטער.

— פאַרשידענע סאָרטן מאַזוט זענען טייערער געוואָרן מיט 10 ל״י אויף יעדע 100 ליטער.

— גאַז צום קאָכן — פּרייז געשטיגן פון 10 ל״י אויף 10.25 ל״י פאַר אַ קליינעם באַלאָן, וואָס אַנטהאַלט 12 ק״ג. און פון 10.40 אויף 10.10 ל״י פאַר אַ באַלאָן, וואָס אַנטהאַלט 12.5 קילאָגראַם.

די פּרייזן פון געוויסע שפּייזן, ווי צום ביישפּיל געפרוירן פלייש, וועלן באַשטימט ווערן אין דער נאָענטער צוקונפט און זיי וועלן שטייגן — ווי אויך די פּרייזן פון מעל, סיגאַרעטן א.אַ.וו.

ה׳ ספּיר האָט אַרויסגעגעבן נעכטן אינדערפרי אַ דעקרעט, לויט וועלכן מען טאָר נישט ענדערן די פּרייזן, וואָס זענען געווען אָנגענומען דעם 15־טן אויגוסט 1971 אָן דער דערלויבעניש פון דעם ממונה על המחירים, דעם רעגירונגס־באַאַמטן, וואָס וועט זיך מטפּל זיין מיט די פּרייזן — און דאָס איז ד״ר משה מאַנדלבוים. עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ לאַנגע רשימה פון אַרטיקלען, וואָס זייערע פּרייזן טאָר מען נישט הויבן. דער ציבור ווערט געבעטן צו מעלדן שריפטלעך וועגן יעדער אומדערלויבטער פּרייז־העכערונג.

מען דערוואַרט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַ באַדייטנדן וווּקס פון די פּרייזן אויף אויטאָס, טעלעוויזיע־אַפּאַראַטן, טייפּ־רעקאָרדערס, וואַש־מאַשינען א.אַ.וו.

יעהוישוע איר גע

די אינפליאציע און דער יאקרעס — ניט איבער דער שולד פון די ארבעטער

דאָס יאָר 1972 האָט אין ייִסראָעל זיך פארענדיקט מיטן וווּקס פון די פרײַזן אף 14 — 15 פראָצענט. פון דעם האָבן די ספעציאַליסטן, וועלכע האָבן נעוויִעס געזאָגט וועגן געזונט ווערן פון דער ווירטשאפט און וועגן עקאָנאָמישער סטאבילקײַט, אויסגעזען לעכערלעך. די אינפליאציע און דער יאקרעס, די סאָציִאַלע פאָליאריזאציע, דער וווּקס פון אָרעמקײַט זײַנען שטענדיקע באגלייטער פון דער קאפיטאליסטישער אָרדענונג אין ייִסראָעל, און זיי זײַנען א רעזולטאט פון דער „פרײַער איניציִאטיוו". „די דיסקרימינאציע און די פארקריפלונג, וועלכע ליגן אין גרונט פון אלע פעלערן אין געזעלשאפטלעכן און עקאָנאָמישן לעבן אין ייִסראָעל, איז אן אָבליגאטאָרישער רעזולטאט פון דער פאָליטיק, וואָס איז געריכטעט פון „אויבן" דורך דעם פינאנץ־מיניסטעריום און פונעם ייִסראָעל־באנק (בען־ארן, גענעראל־סעקרעטאר פון היסטאדרוט, „יעדיִאָט אכראָנאָט", 73. I. 12).

די באשולדיקונגען, וואָס לאָזן זיך הערן לעגאבע די ארבעטנדיקע, אז, קלוימערשט, זיי זײַנען די שולדיקע אין דער קראנקהײַט, וואָס באהערשט די ווירטשאפט, אין יאקרעס און אינפליאציע, איז א שטענדיקע דערשײַנונג. עס לאָזן זיך הערן טײַנעס וועגן דער „נידעריקער ארבעטס־מאָראל", וועגן פאָדערונגען פון איבערגעטריבענעם לוין און דעם „לוקסוס־לעבן", וואָס עס פירן די האָרעפּאשניקעס. די דאָזיקע ליגנערישע טײַנעס קען מען הערן יעדן טאָג, ניט געקוקט אף די פאקטן און ציפערן, וועלכע דערווײַזן זייער פאלשקײַט און ניט־באגרינדעטקײַט.

דער איבערבליק, וואָס די צענטראלע ביוראָ פאר סטאטיסטיק האָט דורכגעפירט וועגן האכנאָסעס פון מישפּאָכעס פון לוין־ארבעטער אין יאָר 1971, ווײַזט, אז ס'איז געפאלן די רעאלע האכנאָסע פון מישפּאָכעס פון לוין־ארבעטער. פונעם דאָזיקן איבערבליק ווערט קלאָר, אז 11% פון די אלע מישפּאָכעס האָבן פארדינט ביז 500 ייִסראָעל־פונט א כוידעש ברוטאָ; 31% — צווישן 500 און 750 פונט; 43% — צווישן 750 און 1700 פונט. צוליב עפּעס האָט די סטאטיסטיק געמאכט א שפרונג פון 750 פונט ביז 1700 פונט. ס'איז קיין סאָפעק ניט, אז בא 80% פון די דאָזיקע מישפּאָכעס איז דער לוין ווײַט פון 1700 פונט, דער גרעסטער טייל זייערער פארדינט 800 — 900 פונט א כוידעש. בעכיין, קומט אויס, אז 75% פון די לוין־ארבעטער פארדינען ווייניקער פון 1000 פונט א כוידעש ברוטאָ.

בא 107 טויזנט ארבעטער־מישפּאָכעס דערגרייכט דער לוין ביז 650 פונט א כוידעש. דאָסראָוו פון די דאָזיקע פאמיליעס זײַנען מיט א סאך קינדער און פון די מיזרעך־געמיינדעס. דעריבער קומט אויס, אז דאָס באאוולען נעמט ארום בא א מיליאָן נעפאשעס.

אין ייִסראָעל איז די פראָדוקציע אין 1972 אויסגעוואקסן אף 26% (די פרײַזן זײַנען לויפנדיקע), דער לוין איז אויסגעוואקסן אף 21%, דה., אז אין יאָר 1972 איז דער לוין אף א פראָדוקציע־איינס געפאלן אף 4% — 5.

דער שטעלפארטרעטער פונעם סעקרעטאר פון היסטאדרוט ירוחם משל האָט פּובליקירט אן ארטיקל („דאוואר", II. 25), ווו ער זאָגט: „פון די געגעבענע, וואָס איך האָב, ווײַזט זיך ארויס, אז דער לוין פאר אן ארבעט־שאָ אין ייִסראָעל איז נידעריקער ווי אין אייראָפּע, אָבער דער פרײַז פון א פראָדוקציע־איינס איז העכער. מיר דארפן שטודירן די סיבעס דערפון". דאָ איז ניטאָ וואָס צו שטודירן: די פארדינסטן פון די קאפיטאליסטן אין ייִסראָעל זײַנען אומבאגרענעצט.

די טײַנע וועגן דער נידעריקער ארבעטס־פראָדוקטיווקײַט פון ארבעטער אין ייִסראָעל האָט קיין גרונט ניט. פארקערט, די עקספּלואטאציע איז געוואקסן סײַ איבער דער אינטענסיפיקאציע פון דער ארבעט און סײַ איבער דעם אומופהערלעכן וווּקס פון די נאָרמעס, ווי אויך איבער דעם, וואָס מע ברענגט ניט ארײַן קיין גענוגנדיקע נײַע טעכנישע פארפולקומונגען.

דער לוין און די סאָציִאַלע באדינגונגען אין די לענדער פונעם בעשוטפעסדיקן מארק זײַנען העכער ווי אין ייִסראָעל: אין דײַטשלאנד מיט 57%, אין האָלאנד מיט 51%, אין בעלגיע מיט 50%, אין פראנקרײַך מיט 32% און אין איטאליע מיט 26%. די דאָזיקע ציפערן ווײַזן, ווי אומבארעכטיקט ס'איז די בארימערײַ פון די

היסטאַדרוט־טוער, וואָס זאָגן, אַז דער לוין און די סאָציאַלע באַדינגונגען פונעם ייִסראַעלדיקן אַרבעטער זײַנען מאַמעש פּראַכטפֿולע.

די פאַרדינסטן אין ייִסראַעל פון אַ הײַפל גרויסע אינדוסטריאַלער זײַנען קאָלאָסאַלע — 42% פון דער נאַציאָנאַלער האַכנאָסע אין דער אינדוסטריע, — ניט געקוקט אױף דעם, וואָס די אינדוסטריע־אַרבעטער זײַנען אין זייער צאָל 5,5 מאָל מערער איידער זייערע אַרבעטגעבער.

די רעגירונג פון ייִסראַעל פירט אַ פּאָליטיק, וואָס פאַרוואַנדלט די מעדינע אין אַ גאַניידן פאַר קאַפּיטאַליסטן, פון איין זײַט; און פון דער אַנדערער זײַט גרײַפט די רעגירונג אַלץ מערער אָן די האַרעפּאַשנע שיכטן, וואָס ווערן אַלץ אָרעמער. די דאָזיקע פּאָליטיק איז געקומען צום אויסדרוק אין געבן לאַנגטערמיניקע האַלוואָעס מיט אַ קליינעם פּראָצענט, גראַטיפיקאַציעס פאַרשיידענע, אינוועסטאָרן, אַ באַקוועמען קורס אױף צו בײַטן פרעמדע וואַליוטע, פאַרשיידענע פּריווילעגיעס עקספּאָרטערן און אימפּאָרטערן, און דערצו נאָך פאַרשיידענע באַפרײַונגען פון צוגאָב־שטײַערן און פון שטײַערן ביכלאַל, און דאָס אַרופלייגן דעם שטײַערן־יאָך אױף די האַרעפּאַשניקעס. דער טייל פון לוין־אַרבעטער אין צאָלן האַכנאָסע־שטײַער איז אין 1971 — 1972 געוואַקסן ביז 55,8% אין פאַרגלײַך מיט 52,7% אין 1970 — 1971.

פון דעם אַלעם זעט מען דײַטלעך, ווי גרויס עס איז די עקספּלואַטאַציע, דאָס פאַלן פונעם רעאַלן לוין פון די אַרבעטנדיקע און די לאַסט פון די שטײַערן, וואָס באַשווערט אַלץ מערער די אַרבעטער. דאָס אַלץ ברענגט ניט צו דער סטאַבילקײַט פון דער ווירטשאַפט און צום געזונט מאַכן די עקאָנאָמיק.

לאָמיר ברענגען בלויז אייניקע בײַשפּילן פון די פאַרדינסטן פון די אינדוסטריאַלער: דער ריינער רעוועך פון דער קאָמפּאַניע „אַרגמן" איז געוואַקסן אױף 115% אין 1971 — 1972; פון „עסיס" (דער ברוטאָ־רעוועך) — פון 10 ביז 12,6 מיליאָן פונט; פון „דובעק" — די רעוואָכים האָבן דערגרייכט 25 מיליאָן פונט; פון „אַליאַנס" — דער ברוטאָ־פאַרדינסט איז געוואַקסן פון 7,4 מיליאָן ביז 9,7 מיליאָן פונט.

די רײַכע ווערן נאָך מערער רײַך פון דער אָקופּאַציע און פון די אַלץ וואַקסנדיקע מיליטערישע הויצאָעס.

אַזוי האָבן זיך צוזאַמען באַהעפט ביידע איקערדיקע פאַקטאָרן פון דער אַראָפּקײַקלונג פון דער ווירטשאַפט — אינפלאַציע און יאַקרעס, — און דאָס גרײַפט שווער אָן דעם רעאַלן לוין פון די אַרבעטנדיקע. דער מיליטערישער בודזשעט עסט אױף 7,3 מיליאַרד פונט, אַכוץ די 4 מיליאַרד צו באַצאָלן כויוועס און פּראָצענטן פאַר מיליטערישער געווער־אויסשטאַטונג אין די פריִערדיקע יאָרן.

220 טויזנט קינדער, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר בא אַ פערטל פון די קינדער פון ייִסראַעל, לעבן אין באַדינגונגען פון אָרעמקײַט אָדער אפן שוועל פון אָרעמקײַט.

נאַטירלעך, אַז וואָס מער ס'דעקן זיך אױף די רעזולטאַטן פון דער רעגירונגס־פּאָליטיק, דאָס רײַך ווערן פון ווייניקע און זייער הולטײַיש לעבן, און פון דער אַנדערער זײַט — די נויט פון אַלץ גרעסערע מאַסן אַרבעטנדיקע, אַלץ מער ווערט פאַרשאַרפט דער קאַמף פונעם פאָלק פאַר אַ בעסער לעבן.

אין 1972 זײַנען אין ייִסראַעל פאָרגעקומען 168 שטרײַקן. ס'זײַנען אויך געוואַקסן די צאָל טיילווײַזע שטרײַקן, סאַנקציעס, אַרבעט־פאַרלאַנגזאַמערונגען. די סיסטעם פון די טיילווײַזע שטרײַקן האָט זיך אויסגעברייטערט ווי אַ רעזולטאַט פון זוכן וועגן אַרומצוגיין די אַנטי־אַרבעטער־געזעצן און די אַרײַנמישונג פון דער רעגירונג, צום שלעכטן פאַר די אַרבעטנדיקע, אין זייער קאַמף. ס'איז קיין ספק ניט, אַז די דאָזיקע מעטאָדן פון קאַמף וועלן זיך אויסברייטערן און זיי וועלן צונישט מאַכן די געזעצגעבונג, וואָס איז באַשטימט צו טאָרמאָזירן דעם ווידערשטאַנד פון די אַרבעטנדיקע, וועמעס לעבנס־ניוואָ איז געטראָפן געוואָרן.

מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי

מיט אײַך אײנײנעם

דאָס גרעסטע גליק

מיט אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג, איך טייל זיך גערן.
כ׳בין זיכער, אַז דערפון כ׳וועל אָרעמער ניט ווערן.

אַ העלפט פון מײַנע הימלען — ביטע, נעמט!
דאָס גאָלד פון מײַנע שטערן — ביטע, נעמט!
נאָר פירט עס ניט ארויס, כאָלילע, אין דער פרעמד.

די בעסטע זאַפטן פון מײַן ערד — טרינקט צו געזונט,
נעמט מײַנע זוימען און פאַרזייט אין אײַער גרונט,

נעמט מײַנע ציגל, מײַן בעטאָן און בויט געזונטערהייט,
און טיילט זיך, פונקט ווי איך, מיט אײַער פרייד.

אַז דאָס איז רעכט, האָב איך שוין לאַנג פאַרשטאַנען, —
קיין גרעסער גליק פון דעם איז ניט פאַראַנען!

* * *

נעם צו בא מיר דעם שטילן טײַך,
דעם וואַלד, ווו איך בין אויסגעוואַקסן, —
און צו אַ בעטלער וועל איך ווערן גלײַך,
וואָס בלאָנקעט מיט דער טאָרבע אַפן אַקסל.

נעם צו מײַן קינדהײַט, מײַן אַמאָל,
מײַן אָרעמקײַט נעם צו אַפילע, —
און אָנווערן וועל איך מײַן קאָל,
און ווערן ווערט אַ פּוסטע טפילע

מײַן ווייטעקדיקע ליד —
אָן זיי אַ פּוסטער זאַנג כ׳וועל ווערן,
כ׳וועל זיך דערפילן אַלט און מיד,
ניט וויסן גאָר וווהין זיך קערן.

מײַן ערד, מײַן וואַלד, מײַן שטילער טײַך,
איך וועל ניט אָפּגעבן אײַך קיינעם.
כ׳בין מאַזלדיק און איך בין רײַך,
ביזוואַנען כ׳בין מיט אײַך אײנײנעם.

און לעבן גלוסט זיך

...און לעבן גלוסט זיך — ניט צו איבערגעבן!
זאָל זײַן מיט קאָפּווייטעק. אין פּײַן. אין ווײ.
מיט אָפּגעשוואַכטע פליגל — און דאָך שוועבן,
און הערן, ווי עס זינגט מײַן סאָלאָווײ.

זינג, זינג, מײַן סאָלאָווײ,
איך זאָל ניט הערן, ווי עס טוט מיר ווײ.

איך וויל, מע זאָל מיר זאָגן: ס׳איז אַ ליגן,
פאַרקרים זיך ניט, — דו ביסט געזונט — אַ גוואַר!
ווען ס׳טוט דיר ווײ, וואָלסטו דאָך ניט געשוויגן
און וואָלסט דאָס האַרץ געהיט פון אַ געפאַר.

וואָס קומט אַרויס — זיך היטן צי ניט היטן,
באַרימען צי באַקלאָגן זיך איז שפּעט...
דער אָנהייב מיטן סאָף — זיי פירן אַ געוועט,
און איך זעץ פאַר דאָס שווימען מיט אַ ציטער.

זינג, זינג, מײַן סאָלאָווײ,
איך זאָל ניט הערן, ווי עס טוט מיר ווײ.

א דענקמאָל

דאָס גאַנצע לעבן האָט ער זיי געזאַמלט,
געטרײַ פון שטויב און פּײַכטקײַט זיי פּאַרהיט.
עס פּלעגן צו אים קומען רײַכע קוינים,
באַצאָלן גרייט געווען די העכסטע פּרײַז.

זיי ווערן דאַך פאַרשטיקט אין אָט דער
ענגשאַפט —

געטײַנעט האָבן די מעווינים,
און ער האָט אַלץ געשמייכלט אין דער באָרד:
— כ׳פאַרקויף זיי ניט.
זיי זײַנען מיר ווי לופט...

ס׳איז יעדער בילד מיר טײַער, ווי אַ קינד,
ווי מיט אַ ליבסטן פרײַנט, איך רעד מיט דעם,
ווען ס׳ווערט מיר אומעטיק און ביטער אַפן
הארצן.

זײַן אַלטיטשקע האָט מיט איר גרײַזן קאָפּ
געשאָקלט און באַשטעטיקט, אַז איר אַלטער
וועט שטאַרבן אין זײַן בילדער־גאַלעריי.

נאָר פּלוצעם, אין אַ האַרבסטיק־גרויען טאָג,
האָט ער באַפוילן אופזידן דעם אַלטן סאַמאָוואַר
און אײַנלאַדן צו זיך די קינדער פון דער גאַס
צוזאַמען מיט די לערער פון דער שול,

און, האַלטנדיק די גלאָז אין זײַנע הענט,
צו די פאַרזאַמלטע אַזוי געזאָגט:
— כאַוויירים!
די טאַטע־מאַמעס אײַערע און באָבע־זיידעס אויך
האָבן געוויס געלאַכט פון מיר, וואָס כ׳האָב
דאָס גאַנצע לעבן
מײַן האָב־און־גוטס אַרײַנגעלייגט אין אָט די
בילדער...
איך בין שוין אַלט. איך האָב ניט קיין כאַראַטע,
וואָס ווי דאָס אויג אין קאָפּ האָב איך זיי
אָפּגעהיט.
איצט וויל איך, אַז דאָס גוטס זאָל אײַך געהערן.
איך שענק דאָס אײַך,
אַז איר און אײַערע קינדס־קינדער
זאָלן די בילדער אָפּהיטן און שעצן פּונקט
ווי איך,
און וויסן, אַז אין זיי
איז די אומשטערבלעכקײַט
פון מענטש
און פון זײַן גײַסט.

אַף גרויסן פּלאַץ, בײַשכיינעס מיט דער שול,
אַ ליכטיק מויערל מיט הויכע העלע פענצטער
שטייט אויבנאָן — אַ דענקמאָל יענעם אַלטן,
וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבן טרײַ געזאַמלט
זײַן וווּנדערלעכע בילדער־גאַלעריי...

שיידונג

איציקלס אַנדענק

עס זײַנען, גלייב מיר, גאָר ניט ווערט
די סאַמע שטאַרקסטע מיטלײַד־ווערטער,
ווען ס׳קומט די שאָ פון שיידונג
מיט אונדזער ערד.

ס׳גייט אויס מײַן ברודער
(שוין דער פערטער) —
דער סאַמע פריילעכסטער פון מײַנע ברידער,
וואָס איז געווען, ווי אויסגעשמעלצט
פון טאַנץ און לידער,
פון שאַרפזיניקע וויצן און פון פרייד,
וואָס האָט אין אים געשפּרודלט און געזאָטן.
איצט דאַכט זיך, אַז ער בעט מיך שטילערהייט:
— מע דאַרף מיך ניט באַוויינען, מאַטל,
פאַרבלײַב געזונט און זינג, ווי נאָר דו קענסט,

אַז אַלעמען זאָל גרינג זײַן אַפן הארצן.
איך ווייס שוין אַף געוויס:
געוויין און קלאָג איז ניט פון די רעפּועס,
וואָס היילן אויס, וואָס שטעלן אַף די פיס...
און ס׳האָבן זיך פאַרשלאָסן זײַנע ווײַסע
אַף אייביק מיטן שטאַרקסטן שלאָס.

און אַ פאַריאָסעמטע געבליבן איז די גלאָז
לעם זײַן צוקאָפּנס אַפן ווײַסן טישל —
זײַן לעצטער טרונק.
ס׳האָט אין אקוואַריום געשטיפט דאָס פישל,
דער זייגער דרײַ מאָל האָט געטאָן אַ קלונג,
נאָר דאָס האָט שוין מײַן ברודער ניט
געהערט —
אַזאַ איז זי געווען, זײַן שיידונג מיט דער ערד
און מיט די ברידער זײַנע...

ווי דו, מײַן קאַשטאַנבוים

דו ביסט דאָס שענסטע צירונג אין מײַן הויף,
דײַן גרינע קרוין, די זילבער־ווײַסע ליכט
פון יאָר צו יאָר, ווען ס׳קומט דער שטילער פרילינג,
באַגליקן און דערפרייען מיך, ווי קיינער.

און ווען די זון צעפלאַמט זיך, ווי איר פאַסט
אין הייסן טאַמעז, קומסטו מיט דײַן שאָטן,
און אַלע קינדער פון מײַן הויף דיר נעמען דאַנקען,
באַרימען זיך מיט דיר, מײַן קאַשטאַנבוים.

נאָר צען מאָל שענער ביסטו, הויכער גרינער גוואַר,
ווען ס׳קומט דער האַרבסט און ס׳ווערט דײַן קרוין
אַ קישעפדיקער, פלאַקערדיקער שײַטער,
וואָס ציט זיך מיט די פײַערדיקע צינגער
צום סאַמעט פון די דורכזיכטיקע הימלען.

די בלעטער האַלטן זיך נאָך אַף די צווײַגן,
ווי זיי זיך רייצן וואַלטן און שטאָלצירן
מיט זייער גאָלד, וואָס שײַנט אַנטקעגן זון.
אוי, קאַשטאַנבוים, ווי קומט צו דיר אַזויפיל
אי כיין, אי קראַפט, אי זיכערקײַט, אי ברען,
וואָס צווישן אַלעביימער אַף דער וועלט
דו ביסט דער איינציקער, וואָס רופט אַרויס
אַ הייסן ווילן ענלעך זײַן צו דיר:
אום פרילינג — בליִען, פלאַקערן אום האַרבסט,
ווי דו, מײַן וווּנדערלעכער קאַשטאַנבוים.

כאַסקל טאַבאַטשניקאָוו

מיט א וואַרעם האַרץ

(באַרדיטשעווער מאָטיוון)

די קיִעווער סאָלדאַטקע

געבענטשט זאָל זײַן די האַנט,
וואָס האָט אינמיטן וואַלד
אַף צווײַגל איבער קוואַל
פון פּראָסטער קאָרע מיר געלאָזט א קריגל.

אָשער שוואַרצמאַן

אין קוראַזש, אָן טומל האָט זיך באַוויזן אין שטאָט א שײַן יאָדערדיק מיידל. וווּיל געפּר־רעמט, מיט א פּאָר פרישע באַקן. א מויד, ווי מע איז געוווינט צו זאָגן אין באַרשעוו, א צימעס. גערופן האָט מען זי בלומע יאַכניס.

אָפּט לאָזט זיך הערן דער דאָזיקער נאָמען אין קאָמיוגישן קלוב, אין דער יוגנט־סעקציע בא די פּראָפּאַריינען, און מער ווי אומעטום קלינגט איר נאָמען צווישן די קינדער. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די קיִעווער קאָמיוג־טוערן בלומע יאַכניס איז געשיקט געוואָרן צו אונדז מיט א שליכעס פון גאָר א באַזונדערן באַטײַט פאַר דער היגער קאָמיוגישער אָרגאַניזאַציע און אויך פאַר דער געגנט.

דערווײַל ווייסן מיר, אַז די אַראָפּגעקומענע קאָמסאָמאָלקע איז א ייִדישע טאָכטער פון פּאָשעטע האָרעפּאַשנע עלטערן, לעבט אין קיִעוו און איז א טיכטיקע קאָמסאָמאָל־טוערן אין די צענטראַלע אָרגאַנען.

בלומע יאַכניס איז טאָמיד א פאַרטאָגנע, טראָגט זיך שטענדיק פון דאָרף צו דאָרף, קומט אין שטאָט ארײַן אַף א מעסלעס, העכסטנס אַף צוויי, און לאָזט זיך ווײַטער אין וועג ארײַן „אַף דער פּעריפעריע", ווי זי אליין רופט עס אָן. פלײַסיק און מיט קאַוואָנע פירט זי דורך נייטיקע באַראַטונגען מיטן אַקטיוו, לייענט פאַרן דאָרף־עולם לעקציעס, אין א גרעסערן ייִשעוו זאַמלט זי צונויף די עלטערע קינדער, קלערט פאַר זיי אויף די טאַקאָנעס פון דער נײַער קינדער־אָרגאַניזאַציע, וואָס וועט שפּעטער, בייסן שאַפן די פּילצאָליקע מאַכנעס, אָנגע־רופן ווערן פּיִאָנערן־אָרגאַניזאַציע.

פּראָסטלעך באַשיידן געקליידט, וואָכעדיק, ניט שטאָטיש, ניט דאָרפיש, קומט זי קעסיידער דיר אנטקעגן אופגעלייגט, מיט א ליכטיק צעשטראַלט פּאָנעם, כּיִעסדיק און אָנגעקוועלט, גוטמוטיק און ברייטהאַרציק. די צוגעלאָזטקײַט דערנעענטערט צו אָט דער פּאַרטרווילעכער בלומע יאַכניס, עס לאָזט זיך אַפילע מיט איר גרינג איבערגיין אַף דו. עמעס, א ביסעלע

זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 11 און 12 פאַרן 1972.

שטערט דאָ די שינעל... די דאָזיקע אַלט אָפּגעבליאַקעוועטע סאָלדאַטישע שינעל, וואָס כאַפּט ענג אַרום איר שטײַף־יאָדערדיקן גוף.

איינמאָל האָב איך בלומע יאַכניס געטראָפֿן אינמיטן דער צענטראַלער שעווטשענקאָ־גאַס א פֿאַרשטויבטע, א דורכגעווינטיקטע, קענטיק נאָרוואָס אָנגעקומען פֿון ווײַטן וועג. זי האָט אויסגעזען מידלעך, ניט דערשלאָפֿן. דאָס פּולבלעכע פּאָנעם איבערגעגליט, קוים וואָס זי האָט זיך געהאַלטן אויף די פֿיס. דער כּאַווער יאַקאָוו, מיט וועלכן זי איז געווען אַרײַנגעטאָן אין אָן ערנסטן שמועס, איז געשטאַנען מיט איר לעבן די אײַנגעמויערטע פֿלויט־גראַטעס פֿון שטאָטישן אויספּירקאָם, האָט קימאַט אָף איר אָנגעשריִען, ווי אן עלטערער ברודער, אַז זי ברענגט זיך צופֿיל אויס, שאַנעוועט ניט דאָס געזונט און אַז ער, דער כּאַווער יאַקאָוו אַליין, זי מעג דערפֿון וויסן, טראַגט אין א געוויסער מאָס די אַכרײַעס פֿאַר איר, פֿאַר דער קיִעווער קאָמיוג־אָרגאַניזאַציע.

— אַלצדינג, — זאָגט ער מיט לײַכטן פֿאַרוואָרף, — דאַרף געטאָן ווערן מיט מאָס און דערי־קער מיט סייכל.

אָבער לויטן אָנגעמערקטן פּלאַן, פֿאַרענטפֿערט זי זיך, מוז זי נאָך זײַן אין קראַפּעשי אָפּן אָוונט פֿון זעלבסטעטיקײַט, וואָס די עלטערע שילער אָרדענען אײַן פֿאַרן דאָרף. זי קאָן ניט, זאָגט זי, אַרונטערײַסן אַזאַ אויסערסט וויכטיקע אונטערנעמונג אפֿילע, ווען עס זאָל דונערן און בליצן. דערבײַ לויפֿן אָן פֿיל לעבעדיקע ווייערלעך און מאַכן דאָס ברייטלעכע פּאָנעם אירס טמימעסדיק־מילד.

— אָפּן געזונט קלאָג איך זיך ניט, — אָפּסנײַ גיסן זיך אָן די מיידלשע באַקן מיט פֿריש־צוגעקומען בלוט. — האַלעווײַ אָף ווײַטער ניט ערגער. נאָר וואָס זשע דען יאָ? — איז זי זיך אָפּנהאַרציק מוידע פֿאַרן כּאַווער יאַקאָוו, — די מידקײַט קומט ווי אַן אומגעבעטענע באַגלײ־טערן, ווען קיינער רופֿט זי ניט.

— אין דעם, טײַער בלימעלע, גייט עס דאָך.

די הויכע שטײַף געשנורעוועטע שטיוועלעך, געדיכט אײַנגעטונקענע אין גרויען וועג־שטויב, האָבן איידעס געזאָגט וועגן די אויסגעמאָסטענע שטאָכים. זאָל מען אָף איר איבעריקס קיין פֿאַריבל ניט האָבן, אויב עס קומט אויס, שטייענדיק אָט דאָ לעבן די אײַזערנע גראַטעס, בײַטן אָפּטער דעם פֿוס און זוכן עפּעס אָן אָנשפּאַר. דאָס בונטפֿאַרביק פּאַטשיילעכל, דאַרפֿיש געקווייטלט, זיצט אויך ניט רויִק, שוין דאָס וויפֿלטע מאָל איבערגעבונדן, אײַנגעקניפּט עס, און עס האַלט זיך פֿאַרט ניט אָפּן קאָפּ.

— איך בין מאַמעש אַנציקט! א מענטש זאָל פֿאַרמאָגן אַזאַ שלאָגנדיקן קוואַל ענערגיע, אַזויפֿיל לעבנס־פֿרייד, — רופֿט אויס באַגײַסטערט דער כּאַווער יאַקאָוו, — מיט אײַך, בלומע, איז אפֿילע גוט שטיין אונטער א גוסרעגן... נישקאָשע, פֿונעם אויספּירקאָם, מיין איך, וועט גאָרניט אָפּפֿאַלן, ער זאָל אײַך פֿונדעסטוועגן צוהעלפֿן מיט טראַנספּאָרט. באַלד וועל איך טאַקע א רעד טאָן מיטן קרומען, וואָס האָט צו שאַפֿן איבער פֿערד־און־וואָגן.

— מויכל, הונדערט מאָל מויכל, — וואָרפֿט זי גיך אָפּ מיט דער האַנט, — א גרויסן דאַנק פֿאַר אײַער לאַסקע, ניט קעדײַ די טירכע, אָף מײַן וואָרט, ניט קעדײַ. אײַער ווילן טאָן מיר א טויווע שאַץ איך זייער און זייער, דאָך קלער איך: דאָס בעסטע און זיכערסטע, ווען מע פֿאַרלאָזט זיך אָפּן אייגענעם טראַנספּאָרט, — זי טוט זיך לײַכט א נייג צו די פֿאַרשטויבטע שטיוועלעך, — גלייבט מיר, אַז דאָס איז סאַמע דאָס ראַיעלסטע.

— א ראַכמאָנעס אָף אײַערע פֿיסעלעך!.. — שפּאַסט ער לוסטיק. — אָרעמע יונגע פֿיסע־לעך. — ער ווערט אָבער טײַקעף ערנסטער און קוקט דורכדרינגלעכער אַרײַן אין אירע אויגן. — עמעס. פֿאַראַן צײַטן, ווען מע איז געצוווּנגען שטעלן דאָס לעבן אין א סאַקאָנע. באַ הײַנטיקן טאָג בעטן מיר אײַך, ליבע און טײַערע בלומע, שאַנעוועט דאָס ביסל געזונט. מײַן באַקאָשע: לערנט אויך די קינדער, די יוגנט, מיט וועמען איר קומט אין נאָענטן קאָנטאַקט, אָפּהיטן דאָס געזונט, — גאָר אָף א קליינער ווײַלע בלײַבט ער שטיל, בלויז אָף איבערכאַפּן דעם אָטעם, און זעצט ווײַטער פֿאָר, — צוליב נייטיקע פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכע אַקציעס וועט דער היגער אויספּירקאָם שטענדיק קומען צוהילף. זײַט נאָר ניט קיין שעמעוודיקע באַרישניע — מאָנט!

זי האָט געהאַט בעדייִע אים שאַרף אָפּענטפֿערן, אָבער זי האָט עס ניט געטאָן איבער פֿיל טײַמים, קודעם טאַקע צוליב דעם, וואָס זי דאַרף זיך פֿירן קעגן אַן עלטערן כּאַווער קאָרעקט און העפֿלעך; צווייטנס, איז דער פּאָליטפּראָסוועט פּאָרט אין באַרשעוו באַלעבאָס.

— דאָס זעלבע, — טוט זי א קרום מיט די ליפּן, — האָב איך שוין געהערט פֿון מײַן געטרײַער באָבע, די ערד זאָל איר דאָרט זײַן גרינג. זי פֿלעג מיך אויך שטענדיק וואָרענען, איך זאָל אײַנהיטן דאָס געזונט.

— וואָס זשע מיינט איר? גאָרניט קיין נאַרישע יידענע, — שלאָגט ער זי איבער, צוזשמור־רענדיק כיטרע אַן אויג.

דער כאַווער יאַקאָוו האָט זי באַגלייט אַף אַרופּצו, אַהין, ווו עס געפינט זיך די קאָמיונישע קאָמונע.

אויב זי וויל נאָך הײַנט זיך לאָזן קיין קראַפּעשי, איז איר געבליבן זייער ווייניק צײַט אַף אָפּרוען. זי וועט מיסטאָמע זיך נאָר אײַנוואַשן, איבערטאָן, עפּעס וואָס איבערכאַפּן און ווײַטער זיך לאָזן אין וועג אַרײַן.

צום באַדויערן איז נאָך ניט געקומען די רויִקע צײַט, ווען אַף די וועגן זאָל זיך האָבן אײַנגעשטעלט עכטער פרידן. ווו־ניט־ווו באַפאַלט מען נאָך אין וועג געלאָדענע וועגענער, מענטשן ווערן באַרויבט אינמיטן העלן טאָג פון באַנדיטישע איבערפאַלן. ווינציק ברענגט מען נאָך צו פירן געהאַרגעטע אַהער אין באַרשעוו? זי אַליין, די זעלבע בלומע יאַכניס, האָט יענע וואָך געבראַכט צו פירן פון הינטער סטעפּענעץ אַף אַ דאָרפישער דראַבינע, אײַנגעהילט אין שטרוי, צעהאַקט און צעבראָקט, אַ יידיש באָכערל אין אַ בודיאָנישן שלעם... פון דעמלט אָן האָט זי מיט נאָך מער פײַער און מער אַקשאָנעס געפירט איר פּראָפּאַגאַנדיסטישע אַרבעט.

נאָך מיטיק איז באַלעבאַטיש ברייטלעך אַרויסגעפאָרן ראַשיק פון אויספּירקאָמישן הויף אַף אַ פריש געפּאַרבט בריטשקעלע זיידל — די האַלבע באָרד.

אַ גוטערברודער, מיסטאָמע אויך פון כעוורע־בײַטש, האָט בא דער האַלבער באָרד אַ פרעג געגעבן אַף זײַן באַלעגאָלישן שטייגער מיט אַ געדיכט באַסאָווע קאָל, וואָס לאָזט זיך הערן אַף אַ צווייטער גאַס:

— ווּעמען פאָרט איר עס באַגעגענען, רעב זיידל, מיט אַזאַ פּאַראַדנעם טראַסק?

— אַ וואַזשנע פאַרשוין, — ענטפערט ער גאָר גײַוועדיק, — די קיִעווער סאָלדאַטקע, כ'מיין די אָראַפּגעקומענע פּאָלנאָמאָטשענע איבער די שקאָלעס און פּריִוטן.

— און ווײַט ליגט דער וועג אײַערער, רעב זיידל?

— דעם וועג מײַנעם האַלט איך אַף קראַפּעשי. זי דאַרף אַהין אַף אַ מיטינג. די באַרישניע אינעם שינעל וועט דאַרשענען פאַר דער דאָרפישער האָראָמאַדע. זי איז אַזאַ פּאַרשוין, וואָס וואָרט ניט אַף קיין קאָוועד. ניט געוווען אַזוי גיך די טאַראַטײַקע, האָט זי געכאַפּט די פּיס אַף די פּלייצעס און פּאַשאָל, פּאַשאָל... בא מיסיִלעווקע, קלער איך, וועל איך זי אָניאָגן.

דער פּאָליטפּראָסוועט אונדזערער, כאַווער יאַקאָוו, איז אין אַלע הינזיכטן אַ וואָרט־מענטש. ער איז ניט פון יענע לײַט, וואָס האָבן ליב אָפּלייגן אין דער לאַנגער באַנק און דערנאָך פאַרגעסן. בא אים איז אַ וואָרט אַ וואָרט. געזאָגט און געטאָן. וועהאַרײַ: דאָס שיינע פּאַרביקע אויספּירקאָם־בריטשקעלע מיט דעם געניטן באַלעגאָלע זיידל — די האַלבע באָרד איז אַצינד נאָכגעלאָפן דער קיִעווער קאָמסאָמאָלקע. מעגלעך, אַז דאָס גרינגע בריטשקעלע מיט די גלאַנציק־געמאָלטע קווייטעלעך וועט אויך צוגעבן איר שליכעס מער אָנזען אַפן אָרט, מער כשיוועס, און דאָס וועט אויך עפּשער פּאַרלײַכטערן איר ווײַט ניט גרינגע אַרבעט.

אין עטלעכע טעג אַרום ווײַזט זיך בלומע יאַכניס ווידער אין שטאָט, זי האָט אײַנגעאָרדנט אַ מין עקסקורסיע פון די היגע קאָמסאָמאָלצעס אַפן מיראָנעווקער צוקער־זאַוואָד. שפּעטער אָרגאַניזירט זי אַן אויספלוג אין דער ערשטער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָמונע, וואָס געפינט זיך אינעם דאָרף טונעקע (דאָס דאָרף ליגט גאַנץ ווײַטלעך פון באַרשעוו), און אָט דאָ אָקאָרשט, צוריק מיט אַ וואָך, פאַר איר אָפּפאָרן אין דער פּאָוויט־שטאָט קאָרסון, האָט זי באַוויזן דורכפירן מיט אַ היפּשן אוילעם יונגוואַרג אַ „שאַבעסניק״ אין די פּאַרלאָזטע און קויטיקע הינ־טערגעסלעך... אומקערנדיק זיך צוריק אין באַרשעוו פונעם „פּאָוויט״, האָט זי אַפּסניי גענומען מיט האַסמאָדע מעסטן די אומגעגנטן אין דער לענג און אין דער ברייט. דאָס געפּוצטע יאָמ־טעוודיקע אויספּירקאָם־בריטשקעלע האָט בלומע מער אין די אויגן ניט אָנגעקוקט — ניט אַלעמאָל טראָגט מען אונטער אַ זיס לעקעכל. זי האָט דען פריִער ניט געוווּסט? ווידער קומט אויס שלעפּן זיך צופוס דאָרף־אײַן, דאָרף־אויס, און אַז דאָס מאַזל גליקט, מאַכט זיך אין וועג אַ פורל, וואָס פאָרט אַהין, ווו זי דאַרף. קעסיידער קומט אויס זײַן אונטערוועגנס — ווו געגעסן, ניט געשלאָפן. רעדט מיט איר, איז זי גאָר גליקלעך.

וואָס־וואָס, נאָר בריוועלעך האָט בלומע יאַכניס געשריבן אַ וועלט. גייענדיק און שטייענ־דיק. בא איר הייסט עס: אינפאָרמאַציע, אָדער באַריכטן — דין־וועכעזשבן פאַר העכערע אינ־סטאַנצן. דאָרט, אין קיִעוו, דאַרף מען וויסן יעטווידער קלייניקײַט, וואָס דאָ, אַפן אָרט, אין דער פּעריפעריע, ווערט געטאָן. זי שרײַבט אין דער צענטראַלער יוגנט־פּרעסע. די פּיל געשאַ־פענע יונקאָרן־קרײַזן העלפן איר מיט זאַמלען אינפאָרמאַציע.

שטאַרק פּאַנאַנדערקלײַבן זיך אין בלומע יאַכניסעס גרינטלעכער טועכץ איז מיר, דעם

עמעס גערעדט, א ביסל שווערלעך, נאָר ווייסן ווייס איך, אז זי ווערט גוט אויסגעריסן אף איר אַרבעט. ניט איין מאָל, מיסטאמע, כאַלעשט איר איבער דאָס הארץ פון ניט־דערעסן. שלאָפן קומט אויך אויס זיך לייגן אָפטמאָל אף אבי אוועלכן געלעגער. די אַלע אָפקומענישן נעמט זי אָן פאר ליב, גרויסט זיך אפילע דערמיט.

אן אומגעריכטע אנטפלעקונג

און דאָ האָט זיך פלוצעם פאר גאַנץ בארשעוו אנטפלעקט א ווונדערלעכע געשיכטע. ווי מיטן ווינט איז שנעל צעטראָגן געוואָרן א קלאַנג, אַז בלומע יאַכניס, וואָס האָט צו טאָן מיט קאָמיוגישע איניאָנים, איז געשטאַנען נאָענט, טאַקע וואָס נאָענט הייסט, צום פריִ אומגעקומענעם דיכטער אָשער שווארצמאַן. ווייַ־וויי, ווי עס האָט זיך געגומען טומלען אין שטאָט! קלאַל־טוער, לערער און ביכלאַל דאָס בינטל ייִדישע אינטעליגענץ האָבן גענומען פאדען ארום איר. זי איז אײַנגעלאַדן געוואָרן אין קולטור־אַנשטאַלטן, קינדער־קאָלעקטיוון האָבן געשיקט צו איר דעלעגאַציעס, פארבעטן קומען צוגאַסט, זי זאָל דערציילן וועגן איר כאַוער און פריַינט אָשער שווארצמאַן.

ווי נאָר זי פלעג זיך אומקערן מיד־מאַט, א פארשטויבטע פון וועג, האָט מען זי טייקעף ארומגערינגלט, פארשאָטן מיט קאָלערליי פרעגענישן, מאַמעש געפּאָדערט פון איר, זי זאָל אפן אָרט, אָט דאָ אינמיטן גאַס, שטייענדיק, דערציילן וועגן אירע באַגעגענישן מיטן דיכטער, ביפראַט איצט, ווען מע האָט זיך געגנוי דערוווּסט וועגן דער פראַכטפולער ליד, וועלכע עס איז געשענקט געוואָרן מיט אַזאַ געטרײַען אופשריפט — בלומע יאַכניס.

די צווייטע סטראָפע פון דער ליד געדענק איך אף אויסוויייניק:

> ס'איז א הירש שוין געקומען צו טרינקען פון טײַך,
> ס'איז דאָס וואַסער א לויטער־קרישטאָלענע דעק...

זי פלעג נאָך מער צעשײַנען זיך, ווען עס איז איר אויסגעקומען דערמאָנען דעם פּאָעט אָשער שווארצמאַן. אוואַדע זײַנען געווען פיל אָנגענעמע שפּאַצירן, רײַכע, אינהאַלטפולע שמועסן, אפילע צומאָל שטרײַטן, פארשאַרפטע אַמפערנישן, וויקוכים, א שאָד נאָר, וואָס ער, דער ליכטיקער באַגאַבטער יונג, אָשער, האָט זי, בלומע יאַכניס, געהאַלטן פאר א גימנאַזיסטקע. דער כילעק אין די יאָרן האָט אים, אפּאָנעם, ניט דערלאָזט איבעריק פריַי זיך טיילן מיט זײַנע פערזענלעכע איבערלעבונגען, געפילן און געדאַנקען, דערצו איז נאָך דער פּאָעט שווארצמאַן געווען צוריקגעהאַלטן, עטוואָס שעמעוודיק, האַגאַם דאָס האָט אים ניט געשטערט צו זײַן מוטיק און געוואַגט אין די סאַמע פארביטערטע שלאַכטן קעגן סוינע.

...מאַכמעס די שווערע מאַטעריעלע אומשטענדן האָבן דערפירט זייער גאַנצע מישפּאָכע צו יערידע, איז זי, די מיזינקע, בלומע יאַכניס, געצוווּנגען געווען פארלאָזן דאָס לערנען אין דער פראָגימנאַזיע און זיך נעמען פארגיסן גאַלאָשן... שפּעטער האָט זיך דאָס מיידל אײַנגעאָרדנט אין א גומי־פאבריק. אינדערינען איז שוין געווען אומגעפער א יאָר אָנדערהאַלבן נאָך דער גרויסער איבערקערעניש. דאָרט, אין דער קליינער פאבריק, זײַנען געשטעלט געוואָרן אירע ערשטע טריט אין דער ברייט־צעצווײַגטער קאָמוניסטישער יוגנט־באַוועגונג. שווארצמאַן, דער נאָך ווינציק פּאָפּולערער דיכטער צווישן ייִדישן לייענער, איז געווען צו יענער אומרויִקער צײַט אָנגעשטעקט מיט קאָכיקן ברויז און רעוואָליוציאָנערן פּאַטאָס. אין איר, אין בלומע יאַכניסן, האָט ער געפונען א הייסע ליבהאָבערן פון פּאָעזיע. דער דיכטער האָט פאר דער יונגער אַקטיווער אַרבעטערן פּאָרגעלייענט זײַנע שאַפונגען. טכילעס האָט ער זיך געקווענקלט, פאָרלייענען צי ניט פאָרלייענען, געסאָפּעקט אין איר ייִדיש קענען. ווערדליק זי, בלומע יאַכניס, האָט פארשטאַנען, איז שווארצמאַנס שורע געווען ניט פּראָסט קיין שורע, נאָר א פּערל, א דיכטערישער פּערל... פּאָעזיע פון א הויכן גראַד. סאַרא טיף דורכגעטראַכטער געדאַנק, יעדעס וואָרט א דימענט. דער כוש צו עמעסער דיכטונג האָט זי ניט אָפּגענאַרט, די מיינונג וועגן שווארצמאַנס פּאָעזיע האָט זי ניט איין מאָל געהערט פון מענטשן, וואָס זײַנען געשטאַנען נאָענט צו ייִדישער ליטעראַטור, פון פאַכמענער, קאָן מען זאָגן, מענטשן מיט טיפן פארשטאַנד פארן קינסטלערישן וואָרט, וואָס פארמאָגן גוטן געשמאַק צו קונסט ביכלאַל. אָפּט און אָפּטער פלעגט שווארצמאַן פאָרלייענען פאר איר זײַנע נײַ־געשאַפענע לידער — אי שטיל לירישע, אי שטורמיש אופגעברויזטע, אי ראָמאַנטישע, אי העראָישע. אָשער שווארצמאַן, ווי עס געדענקט זיך איר, האָט אין יענער שווערער צײַט געאַרבעט אין א דרוקערײַ, געשטאַנען נאָענט און מיטגעפילט די באָלשעוויקעס. דערבײַ, דערציילט זי ווײַטער, איז קעדײַ צו באַמערקן, וואָס פאר א האַשפּאָע דער ברודער זײַנער דאָוויד, אַן אַלטער דערפאַרענער דרוקער,

אַן אָנגעזעענער קאָמוניסט, האָט געהאַט אויפֿן יונגן טאַלאַנט. אַ פֿאַרשלאָסענער אין זיך, אָפּגעזונדערט פֿונעם אַרום, פֿלעגט אַשער אין אַ פֿרײַער שאָ אַרומבלאָנקען איבער די שטאָטישע פּאַרקן, סקווערן, גאַסן און פּלעצער. אין אַזעלכע פֿאַלן, זעט אויס, האָט אַשער שוואַרצמאַן געלעבט מיט זײַן אייגענער דיכטערישער וועלט... פֿאַר קיינעם קיין שפּעלטעלע ניט געעפֿנט, פֿאַרבאָרגן און פֿאַרשלאָסן טראָגט ער אין זיך דעם טיפֿן סאָד, די זיס־ביטערע ווייען פֿון זײַן שאַפֿונג. קיין בילכערס, דאַכט איר, האָט פֿאַר אים ניט עקזיסטירט. קיינער אָבער האָט ניט צוגעזען די באַגײַסטערונג, דערהויבענע אויפֿוואַכונג, ווען דער אויפֿגערודערטער שטימונגס־מענטש האָט סאָפּקאָלסאָף געפֿונען דאָס אײַנגעגעבענע געראָטענע בילד, דעם נייטיקן אויסדרוק, דאָס טרעפֿלעכע וואָרט. אַדהײַעם איז בײַ איר געבליבן דער אײַנדרוק, אַז דער דיכטער, דער פֿרײַנט און כאַווער אירער, אַשער שוואַרצמאַן, האָט ניט געהאַט אַרום זיך די ליטעראַרישע וואַרעמע סוויווע, וואָס זאָל אים קעכלען און פּעסטען. ס'איז אים ניט באַשערט געווען בײַם לעבן זײַן דער ליבלינג צווישן ייִדישע דיכטער. פֿאַרקערט, ער איז טאָמיד געגאַן בײַ אַ זײַט, זייער פּאָרזיכטיק, אָן פּרעטענזיעס, כאָלילע ניט באַרירן דעם קאָוועד פֿון די אָנגעזעענע ליטעראַרישע קויהאַנים, וואָס האָבן געדוכנט איבער פֿיל טאַלאַנטלאָזיקײַטן, און אויף אים, אַשער שוואַרצמאַנען, ווינציק וואָס אַכט געלייגט. דער באַגאַבטער דיכטער איז געבליבן עלנט אין דער דעמלטיקער ליטעראַרישער סוויווע ביזן סאָף פֿון זײַן קורץ לעבן. נאָך זײַן העלדישן אומקום האָט מען זיך ערשט גענומען אַרומקוקן אויף דעם גרויסן פֿאַרלוסט, — וואָס פֿאַר אַן אייגנאַרטיקער פּאָעט שוואַרצמאַן איז געווען אין דער נײַ־אויפֿגעקומענער ייִדישער פּאָעזיע.

די רייד אירע, ווי פֿאַרכאַפּט און ציקאַווע עס זאָל ניט זײַן, האָב איך דאָך אויפֿגענומען ווי עפּעס אַ מין שטיקל צעשוווּמענע לעקציע. דאָס, וואָס זי האָט דערציילט, איז נאָך געווען פֿאַר מיר גענוג מעטושטעש, שווער געווען שאַפֿן אַ געניי בילד וועגן דעם באַליבטן דיכטער און העלדישן שלאַכטמאַן. עס האָט זיך געוואָלט פֿונדעסטוועגן הערן מער פּראָטים, סײַ פֿון זײַן פּערזענלעך לעבן, און טאַקע וועגן זײַן שאַפֿן אַליין אויך.

אָט דאָ לעצטנס האָב איך בלומע יאַכניס באַמערקט שטיין אויפֿן באַלקאָן פֿון קינדערהויז, אַרומגערינגלט, ווי געווײנלעך, מיט אַ היפּשער גרופּע פֿריילעך־ליאַרעמענדיקע צעזשווזשעטע ייִנגלעך און מיידלעך, זיי פֿאַרברענגען, די כוואַרע־יאַטלעך, מיט האַנאָע, אין אַ געהויבענער פֿריילעכער שטימונג. אַלע אַזעלכע מונטערע, לוסטיקע, באַגײַסטערטע. דעם עמעס געזאָגט, בין איך מעקנאַנע די מונטער־פֿריילעכע, לעבנסלוסטיקע קינדער פֿון קינדערהויז. צו אָט דעם העל־באַזונטן, ליכטיקן, זאָל זײַן ניט איבעריק היכן באַלקאָן איז, אָפּאָנעם, פֿאַר מיר דערוויײַל נאָך ניט צו דערלאַנגען. דאָס פֿרײַע פֿריילעכע שטיפֿן זייערס מיט דער ווילער בלומע יאַכניס האָט אין מיר דערוועקט אַ פֿאַרבאָרגן געפֿיל פֿון קינע — דאָס בעסטע און שענסטע קומט שטענדיק אָן דעם מאַזלדיקן קינדערהויז... צו אונדז, אין דער ווײַט פֿאַרוקטער שול־היים, כאַפּט זיך דער הויף געשעצטער גאַסט ניט אַזוי שנעל קומען, סע ברענט ניט. ביז די קאָמיוג־פֿאַרשטייערן, בלומע יאַכניס, וועט זיך אַמאָל דערמאָנען, אַז אין באַרשעוו געפֿינט זיך אויך אַ שול־היים און אַז עס שאַדט ניט אַרײַנקוקן אַהין, וועט שוין דעמלט, מעגלעך, די סימכע בײַ אונדז קיין סימכע ניט זײַן. די נעשאָמעס אונדזערע זײַנען אויך ניט פֿון קלאָטשע, דאָס צופֿיל דויערן קאָן אויך אַמאָל אָפּשלאָגן דעם כיישעק. קאָלזמאַן עס גייט אַ סעדרע וועגן נײַע קינדער־אָרגאַניזאַציעס, ווילט זיך גלײַך מיט אַלע זײַן אינדערמיט.

רוישיקע, טומלדיקע זײַנען די קינדער צוזאַמען מיט דער עלטערער כאַווערטע בלומע יאַכניס אַראָפּ, צעפֿילדערט, אין דרויסן, פֿאַרנומען די גאַנצע ברייט פֿונעם שליאַך און זיך געלאָזט אין איין צעצויגענער שורע אַראָפּ, צום בריק־צו. אַלע זײַנען אַזעלכע הייס־קאָכיקע, אַז מע זעט גאָרניט וואָס אַרום טוט זיך. אין דער סאַמע מיט שפּרײַזט שטאָלץ בלומע יאַכניס, דאָס געקווייטלטע קאָפּטיכל ליגט שוין, פֿון גרויס גדולע, אויפֿן נאַקן אַראָפּגעשאַרט.

די רעדאַקציע און די רעדקאָלעגיע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסן האַרציק דעם שרײַבער כאַסקל טאַבאַטשניקאָוו צו זײַן זעכציקסטן געבורטסטאָג און ווינטשן אים געזונט און פֿיל שעפֿערישע יאָרן.

וואָדען, אוואדע האָב איך גרויס כיישעק געהאט נאָכגיין דעם לעבעדיק־פּאַנאַדערגענור־מענעם ווייער, וואָס האָט זיך אַזוי זאָרגלאָז געלאָזט מיט צעשריגענעם געזאַנג צו דער בליזנע־דיקער לאַנקע, ווײַט אַהין הינטער דער שטאָט, צו די „קאַלטע קוואַלן"; ווייס איך אָבער ניט, צי זיי וואָלטן מיך וועלן פאַר א שוטעף?..

אַף דער שטילער קאַראַטשענע

בא מיר האָט זיך געשאַפן א פּאַלשער אײַנדרוק, כ'האָב זיך, פּאַשעט געדרעדט, טויע געווען אינעם כעזשבן... אומגעריכט האָט דער קאָלעקטיוו פון אונדזער שול־היים געהאַט די זכיִע צו זען בא זיך דעם לאַנג געגאַרטן גאַסט, די כאַשעווע פאַרשטייערן פון קיִעווער קאַמסאַמאָל, אַשער שוואַרצמאַנס יונגע פרײַנדן, בלומע יאַכניס. זי האָט ניט געוואַרט אַף קאָוועד, ביז מע וועט זי אײַנלאָדן, פאַרבעטן אַף א באַזוך. גאָר פּאַשעט, געגומען און זיך אַרײַנגעשטעלט, ווי א היימישער מענטש.

וויי־ווייִ, וואָס אין שול־היים האָט זיך אין די איינע־צוויי מינוט איבערגעבויטעט! די גדוי־לע, די פרייד, די גרויסע סימכע איז ניט צו באַמאָלן און ניט צו באַשרײַבן. דער אומדערוואַר־טער גאַסט האָט אַף אַלעמען געמאַכט א גוואַלדיקן רוישעם. פון איין עק קאָרידאָר ביזן צווייטן האָט זיך געטראָגן הילכיק און קלינגענדיק דער באַקאַנטער נאָמען בלומע יאַכניס. די לערער האָבן אָבער סייכל געהאַט באַצײַטנס און זי פריִער איבערגעכאַפּט.

קווידעמקאָל האָבן די לערער, ביז עס וועט אײַנגעשטעלט ווערן א שטיקל אָרדענונג, אַרײַנגעכאַפּט בלומע יאַכניס אין לערער־צימער.

— אַזא טײַערער גאַסט! — פרייען זיי זיך מיט איר קומען. — איר זאָלט נאָר זײַן געזונט און שטאַרק. מיר האָבן שוין געוואָלט שיקן נאָך אײַך, פאַרבעטן צוגאַסט. וואָס זײַנען מיר ער־גער פון אַנדערע?.. אונדזערע קינדער קוקן זיך די אויגן אַרויס. טײַנען, אַז זיי ווילן ניט זײַן פון אַן ערגערן סאָרט. אין קינדערהויז יאָ, און צו אונדז אין שול־היים ניט. מיט וואָס זײַנען מיר טאַקע ערגער?

אין לאַנגן האַלב־פינצטערן קאָרידאָר בא דער צוגעמאַכטער טיר פון לערער־צימער זײַ־נען מיר הויך אַפן גאַנצן קאָל, אַז די וועגט ציטערן אַזש:

„...לאָמיר אַלע אינ־ײנעם, אינ־ײנעם די כאַווערטע בלומע מעקאַבל־פּאָנעם זײַן,
די כאַ־אַ־אַוועַ־רטע בלו־ו־מע מע־ק־אַ־בל־פּ־אָ־נעם זי־י־יַן..."

די צו הילכיקע קוילעס קאָנען, דאַכט מיר, אופוועקן א טויטן.

אָט אַזוי האָבן מיר א צײַט געריסן די גאָרגלען, געשריִען און געקוויטשעט, ביז דער גאַסט, אַן עטוואָס דערשראָקענע, איז סאַפּקאָלסאָף אַרויסגעגאַן מיט אַלע איבעריקע לערער פונעם קליינינקן ענגן ציידערל, וואָס האָט געדינט פאַר א לערער־צימער. סײַ די געציילטע דרײַ־פיר לערער און סײַ בלומע יאַכניס האָבן זיך געהאַט טכילעס ווי דערשראָקן פונעם צו ראַשיקן טומל און געפילדער.

— ווי די ווילדע, — קוקט אַף אונדז בייזלעך־קרום די לערערן אַניוטע, — גענוג אײַך שוין רײַסן דעם האַלדז! וויפל איז דער שיר צו הלושען אין די אויערן?

ניט גרינג איז איר אָנגעקומען אײַנשטילן די געשרייען און גוואַלדן. ענדלעך האָט זיך איר אײַנגעגעבן האַמעווען די אופרודערונג פון די שוין צופיל צעלאָזענע קונדייסים־יינגלעך. ביסלעכווײַז און מיט האַכנאָע שאַרן זיך צו די מיידלעך, פּאַדען און קלעפּן זיך אַרום דעם טײַערן גאַסט, ווי בינען אַרום האָניק. אוואדע ווייסן זיי זייער גוט, ווער איז די צוגאַסט געקור־מענע קאַמסאַמאָלקע אין דער גרינער אָפּגעבליאַקעוועטער שינעל. ערשט אַצינד האָב איך זיך רעכט אַרומגעזען, אַז אָט די אייגענע בלומע יאַכניס איז גאָרניט אַזוי מעסוקן צוואַקסן און ניט אַזוי איבעריק לײַביק, ווי מע איז געווינט זאָגן בא אונדז אין באַרשעווו: „קיין אײַנהאָרע אַפּן ביינדל..." וועדליק איר וווקס איז זי אַקוראַט אין דער מאָס. וואָס מער איך קוק זיך אײַן אין איר פײַנער קרעפּטיקײַט, פולבלוטיקײַט און דעריקער אין איר וויל, גוטמוטיק פּאָנעם, ווילט זיך מיר שטיין נענטער צו איר, זײַן אַפילע אונטער איר אויפזיכט און אונטער איר האַזשגאָכע. ביפּראַט נאָך, ווען מע קוקט טיפער אַרײַן אין אירע ליכטיקע אויגן מיט אָט דעם בלווילעכן אָפּגלאַנץ פון בליק, פאַרשפּאָרט מען שוין רעדן וועגן איר ליבשאַפט צו מענטשן. דאָ, אין שול־היים, זאָגט זי, פילט זי זיך בעעמעס אויסגעצייכנט. דאַנקט אַלעמען האַרציק פאַר אַזא וואַרעמען קאַבאָלעס־פּאָנעם. אַלצדינג, וואָס זי זעט דאָ, פרייט איר ביז גאָר. דאָס

איז אפילע צו זען פון איר נאכעס שעפן, פון איר ווארעם־צעשטראַלט פּאָנעם. זי קוועלט נאַכעסדיק אָן סײַ פון די קינדער, סײַ פון די איבערגעגעבענע לערער־דערצי̇ער, עס פארשאפט איר, זאָגט זי, גרויס פרייד דער פײַנער אָרגאַניזירטער קינדער־קאָלעקטיוו. זי רימט און לויבט אונדז ביזן הימל ארײַן.

— אײַער שול־היים, — רעדט זי מיט היסלײַוועס, — איז א יעש, א נײַע טאָכיקע קערפערשאפט, דעריקער פאר די אָרעמע צעשפּליטערטע בעזשענצעס, וואָס זײַנען געלאָפן פון פּאָגראָמען אהער אין בארשעוו ראטעווען דאָס לעבן. עמעס, פון אזעלכע נײַ־געשאפענע קינדער־אנשטאלטן, ווי אײַער שול־היים, איז ווייניק באוווסט. איך, לעמאָשל, האָב קימאט אינגאנצן ניט געהערט פון אזעלכע מינים קינדער־קאָלעקטיוון מיטן נאָמען „שול־היים״, אָבער ניט דאָס איז וויכטיק. דאָס סאמע טײַערסטע, וואָס איז פאר אונדז געבליבן נאָך די פּאָגראָמאומגליקן, זענט איר, די געראטעוועטע קינדער. מיר געדענקען אלע, ווי אין דער כאָרעווגעוואָרענער מעדינע האָט געשוויבלט און געגריבלט מיט קאָלערליי באנדעס, זיי האָבן אָנגעטאָן געווג כורבוינעס, געצונדן ווילד פײַער, געשפּרייט רעדיפעס און גזיילע. דאָס זײַנען אלץ געווען רעשטלעך פונעם אלטן צעפוילטן צאריזם, ברוכשטיקער פון דער צעפאלענער אָרדענונג. קולאקישע אונטערהעצער, פארדארבער, ראָצכים, אונטערשטיצער פון דער ווײַסער אנטאנטע. סאָנים!.. מיר אלע פילן צו גוט און וויסן, אז דאָס כאָרעוו געוואָרענע לאנד איז פול מיט האלבע און גאנצע יעסוימים. ווי אין א שפּיגל קאָנט איר ארײַנקוקן אין אײַער בארשעוו אליין. — די דאָזיקע רייד אירע זײַנען געווען ווייטעקדיקע רייד.

שפּעטער האָבן מיר פאר איר געוויזן מיט שטאָלץ שיר ניט בארימעריש יענץ אָפּגעזונדערט ווינקל מיט די געמעלן, געקלעפּטע פיגורלעך, האָלץ־אויסשניטן. אַף איר פּאָנעם איז ווידער אומגעקערט געוואָרן די נאטירלעכע מילדקײַט, זי איז אפילע געוואָרן נאָך צארטער, נאָכגיביקער. באהערשט פון ווארעמע געפילן, שווימט אָן אַף איר מילד פּאָנעם א גוטסקײַט. בלומע יאכניס באוווּנדערט אונדזערע האנט־ארבעטן מיט פריידיקער אנציקונג:

— דאָס איז אויסגעצייכנט!

ווײַטער האָט זי שוין פּאָשעט געוואָלט פארשאפן די קינדער פרייד.

קלײנערהייט, האָט זי קורץ דערציילט, האָט זי פארבראכט אין א ווײַט פארוקט דאָרף ארומגערינגלט מיט אוראלטן וואלד. טאטע־מאמע האָבן גערעדט צווישן זיך האלב־יי̇דיש, האלב־אוקראַי̇ניש. אין דאָרף, ווייסט מען וויל, רעדט מען מיט די ארומיקע אוקראַי̇ניש. דערפאר רעדט זי אוקראַי̇ניש ווי א וואסער.

ניטאָ, דאכט מיר, קײן צווייטע צו אָט דער בלומע יאכניס, וואָס זאָל קאָנען אוועקלייגן אזא געשמאק דאָרפיש לאָשן.

— נו, און יי̇דיש?

יי̇דיש דאַרף מען זיך לערנען בא איר נאָענטן פרײַנט, דעם אָנגעזעענעם דיכטער אָשער שווארצמאן. צי האָבן מיר אמאָל געהערט, פרעגט זי, פון אזא יי̇דישן פּאָעט?

... א שײַלע א ביסל.

מיר קוקן אלע אַף בלומע יאכניס, ווי די פארקישעפטע, — עפּעס א קלײניקײַט, א פערזענלעכער פרײַנט פון אָשער שווארצמאנען! מיט אופגעריסענע אויגן שטייען מיר פאר איר און קוקן איר גלײַך אין מויל ארײַן. האָט טאקע בעעמעס דער דיכטער אָשער שווארצמאן זיך באגעגנט מיט דער קי̇עווער קאָמסאָמאָלקע אין דער גרינער שינעל, וועלכע מע רופט אזוי פּראָסט און היימיש, בלומע יאכניס?

און דאָ פלוצעם האָט א שאל געטאָן אין דער לופט ניט גאָר הויך, נאָר שטארק און מעכטיק, ווי א טרומייטן־רוף:

די שווארצע מוטער־נאכט
צעריסן ווערט פון ווײ:
דער סוינע בא די טויערן!

שטאָלץ און דערהויבן, מיט פולער זיכערקײַט, שוועבט איר פארמאָסטענע האנט אין דער לופט, גלײַך ווי זי אליין וואָלט געפירט דאָס כאַי̇ל צו שטורעמדיקע אטאקעס. אימפּעטדיק טוט איר קערפּער זיך א נייג פאָרויס, דער געדיכטער קאָפּ האָר איז צעקאָשמעט, מיט אלע אירע פיבערן איז זי אײַנגעוועבט אינעם קאמפס־ריטם.

אפגיך צום פערד,
די האנט שטאָל אָן,

ס'איז איצט די שווערד,
די שפּיז — אַ פּאָן —
— דער סוינע באַ די טויערן!

— אָשער שוואַרצמאַן... — קלינגט דער באַקאַנטער נאָמען אַי היימיש נאָענט, אַי גלײַכ־צײַטיק ווײַטלעך אָפּגעשיידט אין איר צאַרט קאָל. — אָשער שוואַרצמאַן, זאָלט איר וויסן זײַן, קינדער, איז געווען זייער אַן אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקײַט. דער יונגער געוואַגטער מענטש האָט זיך געקאָנט שטעלן ביז לעצט פּאַרן געקריוודעטן, געליטענעם, פּאַראַרעמטן. שטענדיק, צו יעדער צײַט געקומען צוהילף דעם יוירעד ניט נאָר מיט קלוגע אייצעס, נאָר אויך מיט מאַמאָשעסדיקע מײַסים. שוואַרצמאַן, דער עמעסער מענטשן־פרײַנט, האָט קיינמאָל ניט גע־שפּאָרט קיין צײַט, אָפּגעגעבן זײַנע קויכעס, קעדיי אַרויסהעלפן דעם געפאַלענעם און אַנטוישטן, דעם געשטרויכלטן און מאַפּאָלע־געליטענעם. דער דיכטער האָט זייער גוט געוווּסט וועגן די אַלע אומרעכטן, וואָס טוען זיך אָפּ אין דער פינצטערער רוסישער אימפּעריע, אָבער ניט שטענ־דיק האָט זיך אים אײַנגעגעבן שטעלן דעם עמעסדיקן עמעס אָף די אייגענע פּיס. דערפון, דאַרף איך אײַך זאָגן, קינדער, האָט ער שרעקלעך געליטן, געפּײַניקט זיך.

בייס בלומע יאַכניס רעדט מיט אַזויפיל האַרץ וועגן באַליבטן יונג־אומגעקומענעם דיכ־טער, איז צו מערקן, ווי אומרויִק עס צאַפּלען באַ איר די ווײַעס. אין דער דאָזיקער שווער אָנגעשטרענגטער מינוט, אויב עס לויערט אַ גרינג פיצינק שמייכעלע, באַמיט זי זיך עס ניט פאַרלירן, זאָל דאָס וואַרעמע שטראַלעכל לענגער זיך פאַרהאַלטן אָף איר צו אומעטיק גע־וואָרן פּאָנעם.

מיר האָבן אַלע, ווי איינער, געפילט איר הייסע פאַרליבטקײַט צום פרי־אומגעקומענעם דיכטער.

— ווער פון אײַך געדענקט די ליד „יוגנט“? — בליצן שטראַליק אוף אין אירע שטאָל־קאָלירטע אויגן דינינקע נאָדעלעך, אַזעלכע שאַרף בלענדיקע, באַזונטע, ווי עמעסע פײַער־

פונקען. זי זוכט צווישן דער ענג צונויפגעפּלאָכטענער גרופּע קינדער, עמעצער זאָל זיך אָפּ־רופן.

— „יוגנט, יוגנט!..“ — כאַפּט גיך אונטער שלוימקע, אַ פאַרסאָפּעטער, גלײַך ווי ער וואָלט אָקאָרשט געקומען צו לויפן אַ פאַרשפּעטיקטער פון דער גאַס.

— שלוימקעלע! עפּשער איז מעגלעך באַ דיר פויעלן, זאָלסט זיך האַלטן עטוואָס גלאַ־סענער, — באַמערקט די לערערן אַניוטע מיט עפּעס אַ מין זיסלעך בעטנדיקער שטים, —

קיינער וועט בא דיר גאַרניט אויסכאַפּן. איצט לאָז אראָפּ די הענט, אַט אזוי, הייב אוף העכער דעם קאָפּ. פאַמעלעך... פאַמעלעך, היץ זיך ניט אזוי, — די לערערן רוקט זיך אוועק אין יענער זײַט, ווו זי איז פריִער געשטאַנען, קוקט זיך זאָרגעוודיק ארום מיט אירע שטילע וואָרענענ־דיקע בליקן, אז קיינער זאָל ניט שטערן די אײַנגעשעטעלטע רויִקײַט, מע זאָל זיך האלטן פארן גאַסט, ווי עס פאסט פאר וויל־דערצויגענע שילער.

בלומע יאַכניס נעמט פאַרזיכטיק גרינג אראָפּ דאָס צעקרימטע קאַרטוזל פון שלוימקעס קאָפּ.

און ער, דער כאַווער מײַנער, שלוימקע, טוט זיך א שטעל אוועק מיט ווירדע, קימאַט אַרטיסטיש אינמיטן געשאַפענעם קרײַז, גיט טייקעף צו וויסן מיט זײַן מאַמזערישן ווונק, אז באַלד וועט ער לאָזן הערן זײַן קאָל. אין א ווײַלע ארום טוט שלוימקע א שאַל, ווי ער וואָלט זיך געפונען איינער אליין אין א מידבער:

יוגנט, יוגנט!
ווי א שפּילנדיקע וועל,
ווי א טרער פון פולער פרייד —
דײַן שטעל,
דײַן יונגע פרייד.

ס׳איז שווער אופכאַפּן שלוימקעס פאַרכושטן בליק. ער איז איצט פאר מיר עפּעס מאָדנע אַנדערשדיק... צעשטרייט, מעוווּלוולדיק קוקט ער פאַרטראָגן איבער אונדזערע קעפּ, דערנאָך מאַכט ער א קליינינקע פּויזע, דאָס קאָל זײַנס בײַט זיך שנעל אף נידעריקע און העכערע אָק־טאַוועס. ער יאָגט א ביסעלע צו, גלײַך ווי ער האָט צו אַנטפּלעקן עפּעס וויכטיקס און גע־היימס:

ווי פּרילינג־צײַט בערעזע־זאַפט
מיט שטיקלעך קאָרע אומריין־ריין
(דאָך גלײַך פון בוים),
אפילע טערפּקע אפן טאַם
(׳זוי איז דאָס שוין).
נאָר ס׳שמעקט מיט גרינעם קנאָספּן־קליי,
בא הערבליע רוישט א פרייד־געשריי,
און זון, און וועלט...

שרײַט שלוימקע אויס הייס־באַגײַסטערט, ניט מיט זײַן קאָל, גלײַך ווי ער האָט שוין דער־גרייכט דאָס סאַמע העכסטע אין זײַן לעבן, מער דאַרף ער גאַרניט...

...און איך אין וועלט...
צעקלאַפּ דעם קאָפּ מיר
אף א שטיין, —
איך דאַרף נישט מיין.

— אויסגעצייכנט! — שרײַט בלומע אויס, — אויסגעצייכנט! — זשמורעט זי אזש צו די הייס צעפלאַמטע אויגן.

ניט ווינציקער פון בלומען זײַנען מיר אליין פאַרכאַפּט פון דער פּרעכטיקער ליד. שלוימ־קע, דער גליקלעכער שלוימקע, באַקומט טייקעף אפן אָרט זײַן פאַרדינטן לוין: א וואַרעמען קוש אין שטערן פון דער צעשטראַלטער בלומע יאַכניס. די לערערן אַניוטע איז אויך העכסט צופרידן פון זײַן דערפאָלג.

— דער דיכטער אליין, — קוועלט די לערערן גאָר אָן פונעם כאַווער מײַנעם, — וואָלט זיך געפרייט מיט דיר, שלוימקע. — נאָכאַמאָל א קניפּ אין בעקל.

מיטן קליינוואַרג, דאָרט ערגעץ פאַרוקט אינעם עק קלאַס, איז פאַרנומען די צווייטע לע־רערן, די הויכע און קרענקלעכע כאַווערטע פרידע. יעדעס מאָל, בא א מינדסטער געלעגנהײַט, כאַפּט זי זיך שטילינקערהייט ארויס אָן אומגעדולדיקע, דערמאָנענדיק נאָכאַמאָל בלומע יאַכניס:

— פאַרגעסט ניט אינעם קליינוואַרג, מיר וואַרטן אויך אף אײַך...

איך הייב ניט אָן צו וויסן, וואָס קאָן בלומע יאַכניס דערציילן דעם קליינוואַרג? אָבער די שטאַרק פאַרינטערעסירטע נײַגעריקע לערערן באַשטייט, אז דער גאַסט זאָל אומבאַדינגט אַרײַנקומען אין יענעם ווײַט פאַרוקטן קלאַס־צימער.

— כ׳געדענק, — פּאַכט בלומע יאַכניס צו דער לערערן מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט, — זײַט רויק.

עפּעס פיל איך, ווי עמעצער שטופּט זיך פּאַמעלעך אין דער ענגשאַפט. מענדל דער רוי־טער רוקט זיך אַרײַן מיט אַ זײַט אינדערמיט, טוט דעם גאַסט גראַבלעך אַ צי באַ דער שינעל, ער וויל אויך זאָגן אַ וואָרט. די פּולע אָנגעבלאָזענע ליפּן זעען אויס באַרויגעזלעך, און מע זעט מאַמעש, ווי דאָס יִנגל איז פאַרכמורעט.

— אַ פּראַסטיקע נאַכט, — ציילט ער שווערלעך די צוויי וואַגיקע ווערטער, — אַ פּראַ־סטיקע נאַכט, — כאַזערט ער סוידעסדיק איבער, — אַ פאַרלאָזענער שײַער, איך זיץ ווי אַ הונט לעבן האַר, באַ מײַן פײַער... — דערציילט מענדל פּראָסט מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ. ...און באַלד וועט אַ קעסעלע טיי ווערן גרייט, — וויל ער מיט עפּעס אונדז דערפרייען, לוסטיקער מאַכן. — דאָס זײַנען עמעסע סאָלדאַטסקע געדיכטן, ניט קיין אויסגעטראַכטע... כ׳האָב דאָס אַליין געזען מיט מײַנע אויגן אָף דער לעוואַדע באַ די שוואַרצע קרוטשעס אָף סטעפּענעצער וועג. אָט האָבן מיר נאָך איינע אַ סאָלדאַטסקע ליד, וואָס דער לערער אַרל סקליאַר האָט מיט אונדז געלערנט, אָבער ניט אַלע וועלן זי גלײַך פאַרשטיין:

...פאַראָסטעט ווערט
די שאַרפע שווערד
און פאַלט פון האַנט:
סע גייט דער פערד
דעם קאָפּ צו דר׳ערד
אין פרעמדן לאַנד.

— ...אין פרעמדן לאַנד... אין פרעמדן לאַנד... — באַמבלען זיך טרויעריק נאָך די ווער־טער, — דאָס איז שוין אַ געהאַרגעטער קאַוואַלעריסט, — דערקלערט מענדל פאַרומערט, — זײַן פאַריאַסעמט פערד בלאָנקעט אום איבערן שלאַכטפעלד אַזוי לאַנג, ביז סע פאַרבלאָנד־זשעט, ניט וויסנדיק אַליין, צום סוינע אין פרעמדן לאַנד, צו די ווײַסע, הייסט עס. — צאַפּל־דיק טוט ער עפּעס ווי פון זיך אַ טרייסל אָפּ און שטאַרקט זײַן קאָל, — איך וועל אויך זײַן אַזאַ געוואַגטער רײַטער, ווי אַשער שוואַרצמאַן.

— מיט שפּאָרן? — כויזעקט לייווי און שטורכעט פאַרשײַט אונטער דעם פּאַמעלעך באַ־דאַכטן מענדלען. — מיט אַ געפלאָכטענער נאַהײַקע?

— דאָס גראַדע פּאַסט גיכער פאַר דיר, — קערעוועט מענדל לאַנגזאַם אויס דעם געל־רויטלעכן קאָפּ אין לייוויס זײַט רויגעזדיק, — זײַ דו אַ ווײַסער אָפּיצער, מיט אַן אַראַפּניק און מיט שפּאָרן. איך וויל בעסער זײַן פּראָסט און דרייסט, ווי אַשער שוואַרצמאַן. — אין אַ ווײַלע אַרום גיט ער צו ערנסטער, פאַרטראַכט: — אַ שאָד, אַזעלכע שיינע עמעסדיקע געדיכטן וועל איך מיסטאָמע קיינמאָל ניט קאָנען שאַפן. דאָס טוט מיר זייער באַנק. נאָר נישקאָשע, — נעמט ער זיך אָן מיט האַרץ און ווערט מוטיקער, — איך וועל זיי איבערשרײַבן מיט אַ ריינעם קסאַוו און שטענדיק האַלטן באַ זיך אָט דאָ־אָ אין קעשענע. ניין, — האָט ער כאַראָטע, — איך וועל זיי בעסער גוט אײַנכאַזערן און טראָגן אין קאָפּ.

— מענדעלע, טײַערער מײַנער, ביסט דאָך אַ נאַרעלע, — דריקט אים די לערערן צו זיך, — די אויגן פײַכטלעך פאַרלאָפן, אַ לײַכטער ציטער גליטשט זיך דורך איבער אירע ליפּן, — ווער, קינד מײַנס, קאָן וויסן, וואָס שפּעטער וועט זײַן מיט דיר. עפּשער איז דיר באַשערט ווערן אַ געלערנטער, אַ רײַזנדער, לאָמיר זאָגן, אָדער אַן אינזשעניר. ווייסט, וואָס נאָך איך וועל דיר זאָגן: ווערן אַ גוטער באַלמעלאָכע איז אויך ניט שלעכט.

— וואָס איך זאָל ניט זײַן, — פאַרקלעמען זיך באַ אים די פּיסטן אַקשאָנעסדיק, — נאָר שוואַרצמאַן, וויל איך, זאָל טאָמיד זײַן מיט מיר.

אַן אופגערעגטע האָט בלומע יאַכניס עטוואָס זיך צוגעבויגן צו מענדלען, אופגעהויבן זײַן אומעטיק־פאַרשפּיצט פּאָנעם.

— נו, באָכערל, לוסטיקער! ווײַז אַ פריילעכע מינע! — רופט זי אויס מיט אַן אָנגעשט־רענגט דערמונטערט קאָל. — ווי פּאַסט צו אַן עכט געוואַגטן רײַטער אַזאַ פאַרזאָרגט פּאָנעם. אַשער שוואַרצמאַן, ווייסן מיר ווויל, איז אין אַלע שווערע אומשטענדן געווען אַ בראַווער, לוסטיקער יונג.

— שטענדיק? — פרעגן אייניקע קינדער איבער טאַמעוואַטע.

— שטענדיק! — באַשטעטיקט זי עפּעס ניט אינגאַנצן זיכער. — יאָ, שטענדיק! — ביי־זערט זי זיך אָף איר אייגענער וואַקלעניש, קעדיי נאָך מער איבערצײַגן די קינדער אין די וואָרהאַפטיקע רייד, וואָס האַלטן זיך עפּעס ניט גענוג זיכער.

2*

— דער יונגער וווּנדערבאַרער דיכטער אָשער שוואַרצמאַן, — פאַרכלינעט זי זיך אַזש, — האָט אַפּילו זיך ניט געקאָנט פאַרשטעלן, ווער עס וועט געניסן פון זײַן פּאָעזיע. — בלומע יאַכניס איז אַנציקט, מאַמעש איבעראַשט פון דעם, וואָס מיר, קינדער פון שול־היים, זײַנען אַזוי באַקי אין שוואַרצמאַנס שאַפונגען, וואָס מיר האָבן אים ליב און האַלטן טײַער זײַן קאָוועד.

און דאָ לאָזט זיך הערן פלוצעם דער לערערנס קאָל:

— ערע זײַן ליכטיקן אָנדענק!

ווי איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן דער לערער אַרל סקליאַר, פאַרוואָס זעט מען אים ניט? זאָל זי וויסן, בלומע יאַכניס, אַז דאָס איז ער, דער לערער, „שולדיק", וואָס מיר, שילער, זײַנען אַזוי גוט באַהאַוונט אין שוואַרצמאַנס דיכטונג. דאָס האָבן מיר אים צו פאַרדאַנקען, וואָס ער האָט געפּלאַנצט אין אונדזערע הערצער די ליבע צו הײַנטצײַטיקע ייִדישע שרײַבער, צו די דיכטער האָפּשטיין, שוואַרצמאַן, מאַרקיש און קוויטקאָ. דער לערער אַרל סקליאַר האָט מיט אונדז געגנוג געקנעלט — יעדער שורע אויסגעטײַטשט, פאַנאַנדערגעגלידערט יעדעס וואָרט, אַרײַנגעדרונגען אין יעדער פּאָעטיש בילד. אַנטפּלעקן אַ גרויסן דיכטער, טײַנעט דער לערער אין אונדז אַרײַן, איז אַלצײנס ווי אַנטדעקן אַ נײַעם שטערן אין הימל.

מיר אַלע, קינדער פון עלטערן קלאַס, שטייען באַצויבערטע, מעגלעך אַ ביסעלע דער־שראָקענע אַרום דער גליקלעכער בלומע יאַכניס און האַלטן דעם עקזאַמען איבער שוואַרצ־מאַנס דיכטונג.

מאָנען מאָנען מיר פון איר, זי זאָל אונדז אויספּירלעכער דערציילן וועגן דיכטערס לעבן און שאַפן. וועגן וואָס האָט ער געטרוימט? וועלכע באַגערן האָט ער געהאַט אין לעבן?

שפּעטלעך, קימאַט צום סאַמע סאָף, איז פון שטאָט געקומען צו לויפן פאַרשמײַעט און פאַרפּאַליעט דער לערער אַרל סקליאַר. דעם איקער, פאַרשטייט זיך, האָט ער אָנגעוווירן. די צעדריבלטע פּיצינקע טראָפּנדלעך זיצן ניט נאָר אויפן הויכן שטערן, נאָר אויך אויף דער צע־פּרײַעטער נאָז און אויף די איבערגעגליטע באַקן.

— אײַ, אײַ, אײַ, — ערגערט ער זיך, — דורכגעלאָזט אַזאַ טײַערע געלעגנהײַט! אָך, ווען איך וויס פריִער! דער רועך האָט מיך פאַרשלעפּט צו דער פּאָסט, עפּשער אַ פרישע פּעקל ביכער אָנגעקומען פון דער „קולטור־ליגע". — דאָס פײַכטע טיכעלע זײַנס גליטשט זיך איבערן פאַרשוויצטן פּאָנעם.

— אַ יאַשער־קויעך אײַך פאַר אײַער פלײַסיקער מי! — האָט בלומע יאַכניס באַם געזע־געגען זיך באַזונדערס הארציק געדריקט די האַנט דעם לערער אַרל סקליאַר. — נאָכאַמאָל אַ דאַנק פאַר אײַער מי, פאַר אײַער ענטוזיאַזם!

— נו, נו, טרײַבט ניט איבער, טײַערע בלומע, — ענטפערט אונדזער לערער אויך ניט ווינציקער גערירט. — אײַערע בעעמעס אופריכטיקע שוואָכים דאַרפן אַדרעסירט ווערן צום דיכטער זעלבסט. איך מיט אײַך ווייסן דאָך גוט, אַז דאָס זײַנען אָשער שוואַרצמאַנס פאַרדינסטן, ניט מײַנע. יונג איז דער דיכטער פאַרשניטן געוואָרן, — ענדערט זיך גלײַך דאָס קאָל זײַנס, — ס'אַ גוואַלדיקער פאַרלוסט פאַר דער יונגער ייִדישער ליטעראַטור. שפּעטער, אין יאָרן אַרום, וועט מען זיך ערשט אַרומזען, וואָס מיר האָבן פאַרלוירן. די קליינע, אָבער רײַכע ירושע פונעם גרויסן פּאָעט איז ניט אָפּצושאַצן. דאָס עמעסע געזאָגטע וואָרט וועגן זײַן שאַפן דאַרף ערשט קומען. יאָ, בעפּיירעש, גאַנץ ריכטיק, איך בין שוואַרצמאַנס אַ גרויסער פאַרערער, אַ פאַרברענטער כאָסיד, — ער האָט זיך לאַנגזאַם אויסגעקערעוועט מיטן פּאָנעם צו אונדז, קימאַט יעדן באַזונדער אַרײַנגעקוקט אין די אויגן מיט עפּעס אַ מין ליבשאַפט, — אָט שטייען אַרום אײַך, כאַוועירטע יאַכניס, האַלב היימלאָזע קינדער, אונדזערע דערצויגלינגען, זיי זײַנען געוויס דעם דיכטערס יאָרשים, זיי וועלן שוואַרצמאַנס וווּנדערלעכע שאַפונג דורכטראָגן דאָס גאַנצע לעבן, ווי אַ הייליקײַט, און מיט שטאָלצער וירדע ווײַטער איבערגעבן די געבענטשטע עסטאַ־פּעטע דעם קומענדיקן דאָר. — דעם לערערס באַהאַרצטע רייד זײַנען געוווּן דורכגעדרונגען מיט גלויבן אין אונדז, אינעם קומענדיקן דאָר.

ליידער איז בלומע יאַכניס מער צו אונדז אין שול־היים ניט געקומען. די אַלשטאָטישע קינדער־פאַרזאַמלונג, צו וועלכער מע האָט זיך אַזוי זאַרגפול און טיכטיק געגרייט, איז אויך אויף אַן אומבאַשטימטער צײַט אָפּגעלייגט געוואָרן, מאַכמעס מע האָט בלומען דרינגענדיק אָפּ־גערופן צוריק קיין קיִעוו. אָבער סײַווי האָט בלומע יאַכניסעס באַזוך זיך אויף לאַנג פאַרגע־דענקט. אָשער שוואַרצמאַן איז וואָס אַ טאָג געוואָרן נאָך נעענטער, היימישער, טיפער אײַנ־געבאַקן אין האַרצן. די דעלעגירטע קאָמסאָמאָל־טוערן אין דער גרינער שינעל האָט מיט איר באַזוך איבערגעלאָזט דאָ צווישן אונדז אירע ליכטיקע דערמאָנונגען וועגן זײַן לעבן און שאַפן.

די לערערן ווֹעט טײַטשן אנדערש

ערשט ניט לאנג צוריק איז מיר אויסגעקומען זײַן בא דער נײַער לערערן ליזע טשערקאַסקע אין שטוב. זי וווינט בא אירע עלטערן אין א באַזונדער ביידערל, קלוימערשט ווי א שכײַנע. איך האָב פאַר איר דורכגעלייענט אייניקע סטראָפן פון שווארצמאַנס א ליד. דערמאָנט וועגן בלומע יאַכניסעס באַזוך. זאָגט זי מיר, די נאָך פרעמדלעכע לערערן, אז קיין זאַך האָט איר אזוי ניט געצופט בא דער נעשאָמע, ווי אָט די ליד:

מײַן ברודערס ליפּן בלוילעך־געל
און ציטערן... דעם לעצטן ציטער.
וועט עמעץ קושן זיי, אכוץ זײַן מוטער?..

איך קוק אָף דער לערערן ווי אַן עמעסער גוילעם. ס'איז דאָך מײַן באַליבטע ליד. איך שטיי צווישן די צוויי עטאַזשערקעס מיט ביכער, וואָס זײַנען ארײַנגערוקט אין דער נישע, און מורמל פאַר זיך:

מײַן ברודערס פּוס איז אָפּגעדעקט,
פאַרבלוטיקט און אין קויט,
און שטיל קוקט איר זיך איבער: טויט?..

אָף מיר, פּיל איך, זײַנען אָנגעשטעלט א פּאָר כמורע אויגן.

אַ, ניין!
פון אַלץ, וואָס אײַך באַטריבט,
ז'מײַן ברודער ריין!
א זון־באַשײַנטער ריז האָט ער זיך אופגעשטעלט
מיט אויסגעשפּרייטער האַנט אָף גאַרער וועלט...

די קומענדיקע צוויי שורעס דערמאָנען מיר עפּעס א מין קאַדעש נאָך א העלדיש־געפאַלענעם קעמפער.

א גרויס בלוי־שווײַגן איז אַצינד זײַן הייכל,
און ס'איז זײַן זונענבליק פאַר אַלעס מויכל, מויכל...

— מויכל?! — טוט די לערערקע א זאָג. — פאַרוואָס מויכל?
דער לעצטער ביין־האַשמאָשעסדיקער זון־פּלעק האָט לײַכט און אומבאַמערקט אראָפּגעפּויזעט פון דער וואַנט, אינעם ריין־צוגעקליבענעם ביידערל, וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט דופּטיקצאַרטע רייכעס.

דאָס, וואָס איך האָב דערוואַרט פון דער נײַער לערערן, איז ניט מעקוים געוואָרן. זי האָט ווינציק וואָס געלויבט מײַן רעציטירטע שווארצמאַן־ליד. איר מאַטעווע געזיכט (שטענדיק זע איך עס אין איין אויסגעאָסענעם בלייכן קאָליר) איז פאַרכאָלעמט געוואָרן צום אָפענעם פענצטער, פונוואַנען עס ציט די דורכזיכטיקע דעמערונג־בלויקײַט און שפּרייט פאַנאַנדער איבערן האַלב־ליידיקן צימערל דעם שטילן פאַרנאַכטיקן אומעט.

— די לעצטע צוויי שורעס, — באַמערקט די לערערן נאָך אַלץ א פאַרכושעטע, — האָסטו פּאַשעט ניט פאַרשטאַנען. ס'איז ניט דײַן שולד, — קערעווועט זי ראַפּטום אויס צו מיר א פּאַנעם מיט עפּעס א מין בייזלעכן אויסדרוק, — קוידעמקאָל האָט שווארצמאַן געשריבן פאַר דערוואַקסענע, ניט פאַר קיין קינדער. וויפל אײַער לערער סקליאַר זאָל זיך ניט אָנטאָן קיין מי דערקלערן דעם געדאַנק, דאָס בילד, שטעלן דעם טראָפּ אָף באַזונדערע שטעלן, וועט די ליד בעמיילע צו אײַך ניט דערגיין... יאָ, יאָ, איך בין טיף איבערצײַגט — ניט דערגיין ניט צו אײַערע נעשאָמעס און ניט צו אײַער פאַרשטאַנד. שפּעטער, אז איר וועט אונטערוואַקסן, ברייטער באַנעמען די וועלט, דעם אַרום, דאַן, מעגלעך, וועט קאָנען גיין א רייד וועגן דעם, וואָס דער דיכטער האָט געוואָלט זאָגן מיט דער אָדער יענער ליד, וואָס פאַר א געדאַנק האָט ער ארײַנגעלייגט אין זײַן ווערק, מיט וואָס צייכנט זיך אויס זײַן שאַפן פון אַנדערע פּאָעטן. וואָס, לעמאָשל, שטעלט מיט זיך פאַר זײַן פּאָעזיע אין אונדזער צײַט? קורץ, טיפער ארײַנדרינגען אינעם דיכטערישן סימוואָל, דערגרונטעווען זיך צום איקער, באַזיניקן דעם עצעם, ארויסציִען דעם שוירעש און אומבאַדינגט, פאַרשטייט זיך, זען און פילן דאָס בילד. מיט איין וואָרט, באַהעפטן זיך צום דיכטערס וועלט. דאָס זײַנען אַלץ אַזעלכע זאַכן, מײַן טײַערער, צו וועלכע מע מוז האָבן א צוגרייטונג. אויסכאַזערן א ליד אָף אויסווייניק הייסט נאָך ניט פאַרשטיין זי.

אָווא, זי פאַרמאָגט א היפּש ביסל האָזע, די נײַע לערערקע, ליזע טשערקאַסקע. אין איינע צוויי מינוט האָט זי געמאַכט אויסצודרייען סײַ פון ארל סקליאַרן און פון זײַנע טאַלמידים.

— אדעראַבע, זאָג מיר, לאָמיך הערן, וואָס האָסטו פאַרשטאַנען פון שוואַרצמאַנס ליד? — פּאָדערט פון מיר די לערערקע.

לאַנג קלער איך ניט און ענטפער אָף איר געשטעלטער פראַגע:

— מילכאָמע.. פײַער־פּאָזיציע... שלאַכט... האַריגעס... — רעכן איך איבער. — דער שרעק־לאָזער קאַוואַלעריסט איז שטענדיק מיט זײַן געטרײַ פערד געקראָכן אינעם גרעסטן פײַער. דער דיכטער אָשער שוואַרצמאַן האָט גוט געזען מיט זײַן שאַרף אויג, ווי די ברידער זײַנע, סאָלדאַטן, באַשיצער פונעם לאַנד, פאַלן אָף דער פּאָזיציע אונטער א האָגל פײַער. הימל און ערד מישן זיך אויס, בייס עס גייט דאָס שיסערײַ פון האַרמאַטן. דערנאָך, ווען עס קומט די צוגעשטילטע האַפּסאָקע, דער רויק און פײַער ווערט פאַרשוווּנדן, זעט מען אָפן שלאַכטפעלד די פיל צעזייטע קאָרבאָנעס... וועגן איינעם אזא געפאַלענעם קאָרבן דערציילט דער דיכטער. און מיינען מיינט ער די אַלע אומשולדיקע געפאַלענע סאָלדאַטן, וואָס לאָזן ארויס דעם לעצטן אָטעם, ציטערן מיטן לעצטן ציטער...

צי מאַכמעס די פאַרנאַכט־טונקלקײַט האָט געקאַרבט איר שווײַגנדיק־פאַרטראַכט פּאָנעם, צי מײַנע אומדרייסטע דערקלערונגען האָבן זי ווייניק צופרידנגעשטעלט — אַזוי אָדער אַנ־דערש, נאָר איך האָב געשפּירט, אז עפּעס קומט פאָר מיט דער נײַער לערערקע. וואָס אַמאָל ווערט אין כיידערל פינצטערער, פון אַלע פאַרשטעקטע ווינקעלעך שפּאַרט די נאַכט־טונקל־קײַט. פאַרוואָס, וויל איך וויסן, צינדט די לערערן ניט אָן קיין לאָמפּ?

— טשעפּוכא... — זיפצט זי שווער אָפּ, — אָך, ווען דו קאָנסט כאָטש פאַרשטיין א צענט־כיילעך פון דער דאָזיקער ליד, — הער איך קלאָר אירע באַדויערנדיקע ווערטער, וואָס ווערן ארויסגעבראַכט פול מיט סוידעס און רעטעניש, — ניין, ניין, אפילע א צענטכיילעך פאָדערן פון דיר איז אויך צופיל. ווילן וויל איך, זאָלסט זיך אליין א גריבל טאָן, ערנסטער פאַר־טראַכטן, טיפער ארײַנדרינגען אין דער וווּנדערלעכער ליד, וואָס וועקט די ריינסטע, איך וואָלט אפילע געזאָגט, הייליקסטע געפילן... דער גוטעריאָר זאָל עס וויסן, עפּעס רעד איך צו דיר ניט דאָס, וואָס מע דאַרף, — כאַפּט זי זיך קימאַט אָן איבערגעשראָקענע.

איך הער ווידער דער לערערנס קאָל, דאָס מאָל געדומפּט, ווי פון אָן אײַנגעפאַלענעם קעלער, זי כאַזערט איבער די אייגענע ווערטער, ווי זי וואָלט צוגעקומען א ביסל נעענטער:

— א צווייט מאָל וועל איך דיר די ליד טײַטשן עטוואָס אנדערש.

וואָס הייסט טײַטשן אנדערש?.. זאָל זי מיר הונדערט מאָל מויכל זײַן, די נײַע לערערן, ליזע טשערקאַסקע, נאָר עפּעס שטעלט זי מיך ניט אין קיין וואַזשנער לאַגע. דער לערער ארל סקליאַר, קומט אויס, האָט שוואַרצמאַנען ניט פאַרשטאַנען. טייקעף מאַך איך מײַן אויס־פיר: אײַנדרוקן, מיינונגען, שטימונגען בענעגייע א ליד קאָנען זײַן פאַרשיידענע, אין דעם פאַל פאַרלאָז איך זיך אינגאַנצן אָפן לערער ארל סקליאַר. כ׳האָב געהאַט דעם אײַנדרוק, אז צווישן די צוויי לערער איז דורכגעלאָפן א שוואַרצע קאַץ.

דער וועג צום אלטן פּעטערבורגער מאָלער

איינמאָל פאַר אַלעמאָל מוז איך באַ זיך פּויעלן זיך אָנעמען מיט דרייסטקײַט, ווי מע זאָגט, אײַנשטעלן דאָס מאַזל מײַנס. דערפאַר, מיין איך, קומט ניט געקעפּט צו ווערן. איך וועל אים שטאַרק בעטן, דעם אלטן מאָלער אָניסי מאַרקאָוויטשן, מאַמעש פאַלן אים צו די פיס, ער זאָל אָנמאָלן דעם געפאַלענעם אין בירגערקריג, דעם העלדישן און באַליבטן דיכטער אונדזערן, אָשער שוואַרצמאַנען.

ביז עפּעס וואָס האָב איך דערווײַל געקראָגן, עמעס מיט גרויס אײַנשטעלעניש און האַרץ־ציטערניש, א פאַרגעלט פאָטאָ־בילדל פונעם דיכטער אין איינעם א זשורנאַל. וויפל מאָל איז מיר אויסגעקומען לויפן אין שטאָט־ביבליאָטעק בעטן דעם ייִדישן זשורנאַל אָף די הענט, קלוימערשט אָף צו לייענען, ביז איך האָב סאָפּקאָלסאָף ארויסגעריסן ביגנייווע דאָס בלעטל מיטן בילד, און איצט טראָג איך זיך מיט דעם ארום בישטיקע, ווי מיטן גרעסטן סאָד און מיט דער גרעסטער גנייווע. כ׳האָב נאָך אַלץ מוירע, עמעצער זאָל מיך ניט פּאַקן מיטן „כאָמעץ״. כוץ דעם, וואָס דאָס ארויסגעריסענע זשורנאַל־בלעטל ליגט אקוראַט צונויפגעלייגט אין א ווײַס בייגעלע פּאַפּיר, אײַנגעפּלעטשט צווישן צוויי קאַרטאָן־טעוועלעך, געפינט זיך עס נאָך אָף אן איידעלן געלעגער, אײַנגעמאָסטעט אין א שמאָל האָרן־פּושקעלע פון אן אלטן פּאָרט־

סיגאַר. דאָס שלעכט־אָפּגעדרוקטע פּאָטאָ־בילדל, כאָטש עס איז דעראָבערט געוואָרן ניט גאָר אַף קיין קאָשערן אופן, איז בײַ מיר פיל מאָל טײַערער, ווי די בעסטע געשענקטע מאַטאָנע.

כ׳ווייס אַפריער — ניט גרינג וועט מיר אָנקומען זיך ווענדן מיט מײַן באַקאָשע צום אַלטן מאָלער. אויסלייגן מײַנע רייד אַף אַן אַנדער לאָשן, ער זאָל מיך גוט פאַרשטיין, — וועט זײַן פאַר מיר ניט אַזוי פּאָשעט. איך בין אַפילע ניט זיכער, צי וועט ער מיך וועלן אויסהערן ביזן סאָף און פאַרשטיין דאָס, וואָס איך בעט. איצט בלײַבט פאַר מיר נאָך אַ האַרבע קאַשע: וואָס, אַשטייגער, קאָן איך אים פאָרלייגן, דעם גענײטן מײַסטער, אָנשטאָט געלט? וואָס מער איך קלער וועגן דער באַגעגעניש, אַלץ מער וואַקסט אין מיר די שרעק. ווער בין איך עס אַזעלכער אַנטקעגן אים? עפּעס אַ שנעק פון שול־היים. קוקט נאָר אָן דאָס מענטשעלע, וואָס איז געקומען מיט אַ באַשטעלונג צו אַזאַ געקרוינטן מענטשן, וואָס האָט פאַרבינדונגען מיט לונאַטשאַרסקין... אויב דער מאָלער וועט מיך נאָר דורכטרײַבן, וועט עס זײַן נאָך אַ קלײנער אומגליק.

אָבער אָפּטרעטן קאָן איך ניט. כ׳וועל גיין אַף אַלץ אין דער וועלט, ס׳זאָל מיך קאָסטן וואָס איר ווילט, עס מעגן פאַלן שטיינער פון הימל, באַדײַ דאָס אייגענע לעבן אײַנשטעלן, נאָר מײַנס וועל איך זיך דערשלאָגן.

גאָרניט קיין שלעכטער סייכל וואָלט געווען, פאַלט מיר אײַן אַ געדאַנק, אויסייצענען זיך פריִער מיט כאָמעלען, וואָס פאַרהאַלט זיך מיטן מאָלער ביז גאָר פרײַנטלעך. ער וועט זיך לאָזן פאַר איר שנײַדן די פינגער. און טאַקע דורך כאָמעלען, אויב עס וועט מיר געלינגען דער פאַרטראַכטער פּלאַן, קומען צו מײַן באַגערטן ציל. זי וואָלט זיכער בײַ אים געקאָנט פּויעלן דאָס, וואָס אַן אַנדערער וואָלט זיך בײַ אים ניט געקאָנט דערשלאָגן. די, וועלכע קענען דעם אַלטן מאָלער אַ ביסל נעענטער, ווייסן גאַנץ וווּל, אַז ער קוקט ניט אַף קיין ייִכעס, הויכע באַאַמטע, אַזויגערופענע „שישקעס”. אָבער כאָמעלע האָט געהאַט צו אים גרויס מאַזל. נאָר גראַדע איר האָב איך גאָר ווינציק כיישעק געהאַט אַנטפּלעקן מײַן סאָד. ניין, כ׳וועל פּרוּוון אַליין געפינען אַ וועג צום קינסטלער, אַליין... אויב ער וועט מיך נאָר וועלן פאַרשטיין, דאַרף איך קיין שטאַדלאָנים ניט האָבן. טרײַבט ער מיך אָפּ, שטויסט מיך אַוועק... מײַלע, וועט אויך זײַן פאַרפאַלן.

באַטאָג בלאָנקע איך לאַנגע שאָען אַרום באַם ברעג טײַך, טאַנץ אַריבער איבער די שטיינער אַף יענער זײַט, לאָז זיך לויפן צו דער אײַנגעפאַלענער וואַסער־מיל, נישטער אַרום צווישן די אָנגעשפּאָלטענע סקאַלעס, צעוואָרפענע לאָזע־קוסטעס, ביז עס פאַרטראָגט מיך אַזש צו די מאָנאַסטיר־גערטנער. ווײַטער, מיטן אויסגעטראָטענעם בערגל אַראָף, וואָג איך ניט גיין. דאָרט, העכער, ווינט דער לײַטזעליקער פּאַטריִאַרך, דער קויהענגאָדל אַליין. אַוואַדע וואָלט איך זייער געוואָלט, אונדזער באַגעגעניש זאָל זײַן אַ ריין צופעליקע...

צוריקוועגס זוך איך אויס אַזעלכע ערטער אינעם טײַך, ווו דער שטראָם טראָגט ניט מיט אַזאַ האַסטיקער שנעלקײַט די רוישיקע כוואַליעס. פּאַמעלעך שטעל איך פאָרזיכטיקע טריט אין וואַסער, דערקלײַב זיך פון איין אָרט צום אַנדערן, ביז איך שטויס זיך אָן אין דער ריזיקער און הויכער גראַניט־וואַנט פון די שטיינער־קאַריערן. די מויערדיקע ריזן־וואַנט, וואָס איז צונויפגעגאָסן פון פאַרשיידנקאָליריקע שיכטן, בלענדן רויטלעך־שאַרף קעגן דער רונדער זון, וואָס פאַרגייט פלאַקערדיק איבערן צעגליטן האָריזאָנט. איך ווייס, אַז דער אַלטער מאָלער איז פאַרליבט אין די דאָזיקע אויסטערלישע צויבער־פאַרבן. ער רופט זיי טאַקע אַזוי אָן: די קישעפדיקע באַרשעווער זון־אונטערגאַנגען.

אויך דאָ, אַרום די קאַריערן, געפין איך ניט דעם, וועמען איך זוך. עפּשער איז מיט אים עפּעס געשען? פאָרט אַן עלטערער מענטש, אָפּגעזונדערט פון מענטשן, אַן עלנטער, מאַלע וואָס עס קאָן טרעפן. איך ווייס שוין ניט וואָס איבערצוקלערן. איין זאַך וויל איך אַצינד: ער זאָל כאָטש זײַן געזונט.

כאָמעלע, קלער איך, דאַרף געוויס וויסן, וואָס האָט פּאַסירט מיטן איינזאַמען זאָקן. ניטאָ, ווער עס זאָל אים צולייגן אַ נאַס טיכעלע צום קאָפּ, אַ ביסל וואַסער דערלאַנגען... אין איין אָטעם לויף איך פאַרסאָפּעט צו איר אַהיים, פונקט ווי רוכעס וואָלטן מיך געטראָגן. אין דער היים טרעף איך כאָמעלען מיט דער מומע העניע שטאַרק פאַרפּאָרעט. זיי זיצן ביידע אַף דער ערד, בײַ דער שטוב־וואַנט, אַרום אַ גרויסער קופּערנער פּאַן און קאָכן פלוימען־פּאָווידלע. זען זע איך, ווי בײַ דער שיינער כאָמעלען שלאָגן זיך אַרויס די האָר פונעם ענג־פאַרבונדענעם קאָפּטיכל, אירע אויגן זײַנען פײַכטלעך פאַרטרערט... און פון דער נידעריקער טריניקע שלאָגט מיט בלינדע צוגעטישקעוועטע פלעמלעך.

— כאָמעלע, זײַט מיר הונדערט מאָל מויכל, כאָמעלע, מײַן קומען אינמיטנדערינען צו אײַך, אומגעריכט, — פאַרענטפער איך זיך אַ פאַרויטלטער ביז איבער די אויערן...

— ווער פרעגט דיך, נאַרעלע, צוליב וואָס דו ביסט געקומען? — לאָזט זי מיך וויַטער ניט אויסרעדן קיין וואָרט. — אַ דאַנק גאָט, אַבי דו ביסט דאָ. נעם צעהאַק בעסער אַ ביסל שפּענער, — שטופּט זי מיר דעם אויסגעשטשערבעטן האַקמעסער אין האַנט אַריַין, — זיַיט זיך מאַטריזשעך, פּעטער, און זוכט דאָ אויס ערגעץ אַ טרוקן שיַיטל האָלץ. נישקאָשע, רעב פּעטער, דערפון ברעכט מען ניט איַין דעם רוקן. זעסט אַליין ניט, ווי דער רויך האָט שוין באַ מיר אויסגעגעסן דאָס שטיקל האַרץ. אַז דער מומע העניע מיַינער פאַרגלוסט זיך פּאָווידלע, קאָן דען זיַין אַ טערעץ?

כאַמעלע האַלט זיך מיט מיר שטענדיק פריַי, היימיש, פּראָסט, אָן כאַכמעס.

און אַז די שיינע כאַמעלע פריַיט זיך מיט מיַין צופעליקן באַזוך, ווערט באַ דער מומע העניע אויך אַ ביסעלע געהויבן די שטימונג. זי וויצלט זיך פון ציַיט צו ציַיט מיט פיַינע שאַרפזיניקע ווערטלעך. באַ כאַמעלען הייסט עס, די מומע העניע כאַכמעט זיך, זי קאָן אַמאָל גאַנץ געלונגען שטעלן יענעם צו לייטיש געלעכטער.

די אָנגעשפּאָלטענע שפּענער, וואָס ליגן אָנגעהויפט לעבן מיַינע פיס, זיַינען בעפיירעש טרוקענע שפּענער.

— כ'האָב שוין לאַנג געזאָגט, אַז דו ביסט באַ מיר אַ פּאָלנער מאָלאַדיעץ! — טוט זי אַ שפּרונג צו מיט גדולע און כאַפּט מיך אַריַין אין אירע אָרעמס. — ביסט דאָך מיַין עמעס גאָלדן יינגל, מיַין דימענטל!

— מיט אַ דימענט, — וואַרפט די מומע העניע כיטרע־שטעכיק צו, — איז גוט שניַידן גלאָז... אָבער טייקעף, פּיל איך, קריגט די מומע העניע כאַראָטע און וויל כאַפּן צוריק דעם וויץ, וואָס זי האָט געוואָרפן אין מיַין גאָרטן. אַזוי פאַרשטיי איך, אַנדערש וואָלט זי ניט גענומען מיך גלעטן איבערן קאָפּ.

— ניט דיך, כאַלילע, מיַין איך. ס'איז געזאָגט געוואָרן סטאַם אין דער וועלט אַריַין, צוליב אַ גליַיכוואָרט. אונדזערע כאַכאָמים זאָגן דאָך: צוליב אַ כאָכמע מעג מען זיך לאָזן גיין זיבן ווערסט צופוס.

מויכל, מויכל, איך קאָן גיין שווערן, אַז קיין בייזוויליקע קאַוואָנע האָט די מומע העניע ניט געהאַט. יאָ, קלער איך וויַיטער, וויַאזוי זשע טוט מען אַ טאַפּ אין וואָגן מיקויעך דעם אַלטן מאַלער?

נאָר כאַמעלע קומט מיר אַליין צוהילף.

— אָניסי מאַרקאָוויטש קוקט אַרויס אָף מיר, ווי אַ גוטער־ייִד קוקט אַרויס אָף מאָשיִעכן. גאַנצענע טעג, אָן אָפּרו און אָן אַ ביסל וואַרעם געקעכץ זיצט ער אונטער ראַסקאָפּענעץ באַם גרויסן „בורון", צווישן די צוויי מוירעדיקע שטיינער־טויערן. ער זיצט און מאָלט, מאָלט, מאָלט, דערנאָך וואַרפט ער דאָס געמאָלטע אין וואַסער אַריַין. גאָרנישט געפעלט אים ניט. אַ ראַכ־מאָנעס צו קוקן, ווי דער זאַקן שלאָגט זיך נעבעך אינגאַנצן אַרויס פון די קויכעס.

אַז באַם אַלטן וואָגלער איז ניט אַלץ גלאַט אין „אייבער־שטיבל", איז פאַר מיר קיין נײַס ניט. אַלע ווייסן, אַז עס פעלט אים אַ קלעפּקע... וואָס הייסט — מאָלן, מאָלן, מאָלן און וואַרפן דאָס געמאָלטע אין טיַיך אַריַין? דאָס איז אַ גאַנג פון אַ קלאָרן מענטשן?

כאַמעלע האָט צו מיר אַ באַקאָשע: איך זאָל אַליין געפינען דעם מאָלער און אים איבער־געבן אין די הענט דאָס פלעשעלע קליי, גומיראַביק הייסט עס, און איניינוועגס, אויב עס איז מיר ניט שווער, פאַרכאַפּן מיט זיך די ניַיע פאָלירטע רעמלעך.

מיטן שענסטן קאָוועד!

זי ווייסט ניט און וועט זיך קיינמאָל ניט אָנשטויסן, ווי גליקלעך איך בין מיט איר שלי־כעס. אַצינד קאָן איך קומען צום אַלטן מאָלער אַ סאַך דרייסטער. אָ, איך בין איר זייער דאַנקבאַר, וואָס זי שיקט מיך צו אים מיט אַזאַ וואַזשנעם גאַנג. נישקאָשע, זאָל כאַמעלע ניט דיַיגענען, איך וועל אים געפינען, אַפילע אונטער דער ערד וועל איך אים געפינען. איך וועל זיך פאַרגאַנווענען אין אַ באַהעלטעניש און שטילערהייט אונטערקליַיבן דאָס, וואָס ער וואַרפט אין וואַסער אַריַין.

זי וויל נאָך, כאַמעלע, מיט מיר איבערגעבן אַ וואַרעם סלאָיִקל פּאָווידלע. מעכעטייסע!

אַזוי האָבן מיר טאַקע אָפּגעשמועסט מיט כאַמעלען — מאָרגן נאָך די לימודים וועל איך קומען אַהער צו דער מומע העניע — נעמען אַלץ, וואָס מע דאַרף, און זיך אַוועקלאָזן צו די ראַסקאָפּענעצער שטיינער. בעערעך ווייס איך, ווו דער גרויסער „בורון" שפּאַרט אָן, איך ווייס אויך, ווו עס זיַינען די שטיין־טויערן באַם וואַסערפאַל.

— כוץ דעם, וואָס דו וועסט מיר אײַנשפּאָרן אַ גאַנג, — זאָגט זי, — וועסטו נאָך פאַרדינען אַ מיצווע. זעסט כאָטש, וויאַזוי עס האָט אָנגעריסן באַ מיר דער פּוס? סאַמע אָפּן טראָט. איך קאָן נישט, ניט פאַר דיר געדאַכט, אַרויסגיין פון יענער זיַיט טיר מיט אַן אָנגעטאָנענעם שוך.

קענסט דאָך מיך, כ׳בין ניט קיין שטוב־זיצערן, ס׳איז ניט אין מײַן נאַטור זיך שאַפן מיט יענעם, ווען איך אַליין בין בעקוועך עס טאָן. הײַנט, מאָרגן, האָף איך, וועט דער בלאָטער אופֿרײַסן. ווי נאָר עס וועט מיר ווערן אַ ביסעלע גרינגער, וועל איך זיך ניט לאָזן לאַנג בעטן. גיב אים איבער, אַניסי מאַרקאָוויטש, אַז מע האָט מיר צוגעזאָגט אין איינעם אָן אָרט, טאַקע באַ מײַנער אַ קוזינע, קריגן דעם לײַוונט־מאַטעריאַל פֿאַר אַ צוגענגלעכער פּרײַז.

פונעם גאַנצן האַרצן ווינטש איך כּאַמעלען, זי זאָל וואָס גיכער געזונט ווערן. מיט איר קראַנק־געוואָרענעם פֿוס, כאָטש מע טאָר אַזוי ניט זאָגן, האָט זי מיר דאַפּקע זייער שיין צוגעדינט.

אַף מאָרגן נאָכן מיטיק האָב איך צוגעקלערט אַ טערעץ, און די לערער האָבן מיך פֿרײַ געלאָזט פֿאַר דער צײַט. פֿון דער מומעס העניעס מאָקעם־מיקלעט בין איך אַרויס גאַנץ נישקאָשעדיק אָנגעגורט. כּאַמעלע האָט אַלץ באַוואָרנט, אַקוראַט ווי אַ גוטע באַלעבאָסטע, צונויפגעלייגט אין קויש, די רעמלעך אָנגעהאַנגען אַף מײַן האַלדז, ווי אַף אַ דישעל, און געבעטן, ווי אַן עלטערע שוועסטער קאָן בעטן, איך זאָל זיך אָפּן וועג מיט קיינעם ניט פֿאַרטשעפּען, ניט שטעלן זיך אויסטײַנען, ניט פֿאַרפֿירן מיט די גאַסן־ייִנגלעך דאָס, וואָס מע רופֿט אָן שורע־בורע, שטיפֿערישע מאַניפֿאַרגעס.

— טו מיר צוליבו!

כ׳ווייס אַליין זייער גוט, ווּהין איך גיי און וואָס איך טראָג מיט זיך. זי פֿאַרשפּאַרט אויסנעמען מיט מיר. כּאַמעלע מעג זײַן רויִק, אײַנגאַנצן רויִק.

— אַלץ וועט זײַן וויל און גוט! — שרײַ איך אַ פֿריילעכער אויס.

ווי נאָר מע שפּאַנט אַדורך די הילצערנע בריק, זעט מען ביכלאַל ווינציק ייִנגלעך, אַזעלכע ווי איך, ביפֿראַט נאָך, אַז מיר קומט אויס פֿאַרקערעווען צו דער לאַנקע, פּאַזע דעם שלענגלדיקן טײַך. דאָ וועסטו געוויס אינמיטן טאָג קיין לעבעדיקן הונט ניט באַגעגענען. אין אַזאַ צײַט איז יעדער איינער פֿאַרנומען באַ עפּעס אַן אַרבעט. ווער קאָן זיך עס פֿאַרגינען אינמיטן דער וואָך סטאַם לאָזן זיך אַף אַ שפּאַציר צו דער לאַנקע? שאַבעס אַדער זונטיק איז גאָר אַן אַנדער זאַך, שאַבעס און זונטיק זײַנען טעג פֿון רו און מע קאָן זיך דערלויבן, דעריקער צו פֿאַרנאַכט־צו, פֿאַרברענגען אַף דער פֿרישער לופֿט, באַם וואַסער, וויפֿל דאָס האַרץ גלוסט. דעמלט זעט מען פֿיל שפּאַצירנדיקע פּאָרלעך, אַנדערע לאָזן זיך מיטן טײַך אַף שיפֿלעך, יונגע באַכערים פֿאַרמעסטן זיך אין שווימען, פֿלעכטן היטעלעך, פֿאַרפֿירן צווישן זיך באַרעניש, טראַכטן אויס אַלערליי שפּילן. מיר דאַכט, אַז קיין שענער און בעסער אָרט ווּ צו פֿאַרברענגען איז אין באַרשעוו ניטאָ. דאָ, באַ די גרינע טײַך־ברעגן, אַרום פֿיל און פֿיל צעפּאַטלטע ווערבעס, איוועס, בערעזקעס, איז בעעמעס אַ שטיק גאַניידן. זון און שאָטן בײַטן זיך נאָכאַנאַנד דעם גאַנצן הייס־זומערדיקן טאָג. איצט, ווייס איך אַליין וויל, איז ניט קיין זמאַן פֿון זײַן פֿרײַ, לאָזן זיך ווויִלגיין אונטערן פֿרײַען הימל. דער וואָכעדיקער האַלב־טאָג שטייט פֿאַרנומען מיט שווערער מענטשלעכער האָרעוואַניע. אַפֿילע די ווײַס־צעגליטע זון, וואָס סאַרפּעט הויך אין הימל, איז ניט ווינציקער פֿאַרנומען מיט זאָרג און טאַכלעס פֿאַר אירע לעבעדיקע באַשעפֿענישן אַף דער ערד. פֿאַר די אויגן שפּרייט זיך די ווונדערלעכע מעכײַעניש אַליין, אַ דערקוויקונג פֿאַר דער נעשאָמע. דאָס האַרץ טרײַעט פֿון דער פּרעכטיקער פֿילפֿאַרביקײַט און זינגעוודיקײַט, וואָס רינגלט דיך אַרום. די העל־באַזונטע לאַנקע איז אָנגעפּילט מיט לעבעדיקע קוילעס, קאָלערליי זשומענישן און טשיריקערײַ, גרילעניש און צירקעניש. דער זיסער טרילערער געקלאַנג באַגלייט מיך דעם גאַנצן וועג.

...דעם גרויסן פּאַנאַנדערגענומענעם שירעם, וואָס שטייט ערגעץ דאָרט אין דער הייך, אַף די סקאַלעס, האָב איך דערזען העט פֿון דער ווײַט. כוץ דעם אַלטן מאָלער, אַניסי מאַרקאָוויטש, פֿאַרמאָגט קיינער ניט אַזאַ זון־דעכל. די צונג דאַרף מען מיר ניט פּיקן, איך ווייס זייער גוט, וואָס איך האָב צו זאָגן. דערפֿאַר טאַקע פֿיל איך זיך פֿעסט. „כּאַמעלע האָט מיך געשיקט...” דאָס וועלן זײַן די ערשטע ווערטער.

גאָר ניט אַזוי פּאָשעט איז זיך דערקלײַבן צום מאָלער. דורכויס זײַנען אָנגעוואַלגערט מאַסיווע שטיינער. וואָס ווײַטער, זײַנען די שאַרפֿקאַנטיקע גראַניט־הליבעס געפֿערלעכער. ערגעץ טיף אין דער נידער ריזלען פֿאַרטײַעטע בולקענדיקע שטרעמלעך. ענדלעך האָב איך זיך דערקליבן צום פֿאַרכושטן מאָלער. אַפֿילע אונטער דעם ברייטראַנדיקן שטרויענעם הוט האָט דאָס היפּשע אָנגעבראַקנטע פּאָנעם זײַנס אויסגעזען, ווי נאָך אַ שוויץ־באָד. די גלײַכע זון־שטראַלן פֿון אַזאַ טאַמעז־טאָג קאָנען אַדורכברעכן ניט נאָר קיין שירעם צי אַ שטרויענעם הוט, נאָר וואָס איר ווילט אַליין. ראָזלעך־צעפּרי׳עט שטייט דער אַלטער מײַסטער, עטוואָס אָנגעבויגן איבער דער מאָל־ברעט, שטרײַכלט און פֿינטלט מיט די פּענדזלעך, וויל עפּעס פֿון דער ווײַט אופֿכאַפּן מיט זײַן אָנגעשטרענגטער זקײנישער ריִע, שטעלט אונטער אַ האַנט־

דעכעלע, זשמורעט די אויגן, קרימט דאָס מויל, גלײַך ווי ער פּרוּווט דאָס געזעענע אָפּן טאַם. עס געפעלן אים ניט, ווײַזט אויס, די דין ארופגעלייגטע פאַרב־שטריכן אַפן לײַוונט. טכילעס האָב איך זיך אַליין ווי דערשראָקן: דער פּאָרטראַגענער מאַלער קוקט אַף מיר מיט ברייט צעעפנטע אויגן און זעט מיך ניט... עטלעכע מאָל כאַזער איך איבער שטיל און פאַרציטערט:

— פון כאַמעלען... דאָ האָב איך עפּעס וואָס געבראַכט פאַר אײַערטוועגן...

ווער, וואָס, א נעכטיקער טאָג, דער אַלטער הערט מיך ניט. ער איז בלינד און טויב צו מיר. נעם איך פאַמעלעך פּויזען א ביסעלע העכער. אַף אַלע פיר האָב איך צוגעקלעטערט גאָר נאָענט צום אײַנגעפּעסטיקטן שירעם. דאָס לענגלעכע פּאָנעם באַ אַניסי מאַרקאָוויטשן איז בייזלעך אַנגעכמורעט, דער בליק פאַרשאַרפּט. ווערדליק איך האָב פאַרשטאַנען, האָבן די אַנגע־האַנגענע רעמלעך אַף מײַן האַלדז אים אָפּגעהאַלטן מיך דורכצוטרײַבן.

— כאַמעלע, — שטאַמל איך, ווי די נעשאָמע באַ מיר וואָלט אַנטלאָפן אין די שפּיץ פינ־גער, — כאַמעלע זיצט אין דער היים מיט א געשוואָלענעם פוס...

— וואָס? — פרעגט ער צעטומלט.

— כאַמעלע, — זאָג איך א צווייט מאָל ווי ווײַט מעגלעך הויך, — זיצט אין דער היים מיט א געשוואָלענעם פוס. אָט דאָס אַלץ, — שלעפּ איך העכער ארוף דעם פולן קויש, — איז פאַר אײַערטוועגן. די רעמלעך אויך.

— א דאַנק! — נייגט ער דעם גרוי־גרײַזן קאָפּ מעוווּלוולדיק, — וועסט מיר ניט שטערן? — פינקלען נאָך אַלץ אין זײַנע אויגן אומרויִקע פײַערלעך, — דו זאָג מיר דעם עמעס, וועסט מיר ניט שטערן?

— איר ווילט, איך זאָל זיך וואָס גיכער אָפּטראָגן? נעמען די פּיס אַף די פּלייצעס און נעלעם ווערן? — שטיקט מיך עפּעס ביטערלעכס אין האַלדז.

— זיצן דאָ, — מאַכט ער א זויערע מינע, — וועט דיר גיך נימעס ווערן.

דערוף ענטפער איך אים עפּשער ניט אינגאַנצן איידל, מעגלעך אַפילע אַזעסדיק:

— זאָל אײַך ניט קימערן. אַז עס וועט מיר נימעס ווערן, וועל איך שטילערהייט נעמען דעם וועג.

ביסלעכווײַז ווערט דער מאָלער רויִקער, ווייכער און צוגעלאָזטער.

— גאָט באַהיט, איך טרײַב דיך דען? אַדעראַבע, זיץ דאָ לעבן מיר וויפל דו ווילסט. איך זאָג נאָר, אַף דײַן אָרט וואָלט איך מיסטאָמע אָפּגעזוכט א שענערע און א פריילעכערע קאָמפּאַניע.

איך האָב זיך גענומען פאַמעלעך אַראָפּגליטשן נידעריקער פון דער שטאַרק אַנגעגליטער סקאַלע און זיך צוגעשאַרט נעענטער צום פעלדזן־שפּאַלט. פון די אַנגעשפּאָלטענע שטיינער, וואָס דערגרייכן צום אָפּגרונט, האָט טויבלעך אָפּגעשלאָגן מיט מורמלענדיקע וואַסער־קלאַנגען. מיר האָט געדאַכט, אַז מע האַלט אין איין איבערגיסן א פּליסיקײַט פון איין קיילע אין א צווייטער. איך קוק אַרײַן אין דער טונקעלער טיף, ווי מע קוקט אַרײַן אין א קילן ברונעם, און באַמי זיך מאַכן דעם אַנשטעל, אַז עס אינטערעסירט מיך לאַכלוטן ניט, וואָס דער מאָלער מאָלט, באַמערק ניט זײַנע האָוועיעס, לאָז ניט ארויס קיין מינדסטן קלאַנג, גלײַך ווי איך בין דאָ ניטאָ. ווילן וויל איך, אַז אַניסי מאַרקאָוויטש זאָל אין מיר אינגאַנצן פאַרגעסן. ערשט דעמלט, ווען דער אַלטער וועט זיך קלײַבן גיין אַהיים, וועל איך פאַר אים אַנטפּלעקן דעם סאָד. לעסאָטע צי איך פאַרזיכטיק ארויס פונעם האָרן־פּושקעלע דאָס בלעטל, אַף וועלכן עס איז אָפּגעדרוקט שוואַרצמאַנס פּאָרטרעט. די ווײַסע און שוואַרצע שטריכן נעמען שווינדלען פאַר די אויגן, ווי אַן אויסגעמאָלטער קאַסער רעגן. נאָך ערגער און שרעקלעכער זײַנען די אויסגעצוויטעטע בלינדלעכע אויגן. ווער האָט עס אים קאַליע געמאַכט די ריִע?.. דער דיכטער אַשער שוואַרצמאַן האָט אוודע געמוזט האָבן שיינע, ליכטיקע, פײַערדיקע אויגן.

נאָר אונטער פעלדזן, הער איך, רינט,
און ריזלט פריש א שטראָם, —

די דאָזיקע צוויי שורעס זײַנען מיר געקומען אַפּן זינען, בייס איך האָב זיך צוגעקוקט און צוגעהערט, ווי דינינקע ריטשקעלעך ריזלען, זשומען, וואָרקען אונטער די מאַסיווע ריזיקע שטיינער. וואָס נידעריקער איך נייג דעם קאָפּ צום שטיין־שפּאַלט, אַלץ קילער לאָזט זיך פילן די פײַכטלעכע פרישקײַט.

פון צײַט צו צײַט פיל איך אַף זיך דעם מײַסטערס שווערן בליק. עפּעס ליגט אינעם דורכדרינגלעכן בליק אויסגעגאָסן א צאָרן. מיט אומצופרידענעם פּאָרוואורף שלײַדערט ער מיך אָפּ פון זיך. דערפון אַליין ווערט מיר שווער אַפּן האַרצן. וויאַזוי וועל איך אים קאָנען ווײַזן

דעם דיכטערס פּאַטאַ־בילד און אים נאָך בעטן, ער זאָל מאָלן דערפון א פּאָרטרעט?.. מײַן באַקאַשע וועט מיר אָנקומען זייער שווער.

— כ׳האָב דיך פּרוּוער געוואָרנט, — קלאָגט ער זיך אָף זײַן שווער־ביטערן כאַראַקטער, — זיצנדיק לעבן מיר, וועט דיר ווערן אומעטיק. אפילע אַן אומשולדיקע פליג אַנטלויפט פון מיר. זעסט דאָך אַליין, אַז איך בין א קנאַפּער בעריע אָף צו פאַרווײַלן עמעצן. האָב קיין פאַריבל ניט אָף אַן אַלטן מאַרעשכוירעניק. קוק ניט אַרויס און דערוואַרט ניט, מײַן טײַער ייִנגל, קיין ברעקעלע פרייד פון דעם אַלטגעבאַקענעם מעלאַנכאָליקער.

און דאָך, וואָס ווײַטער דערוועקט זיך אינעם קינסטלער מער ווייכהאַרציקײַט. ער ווערט צוגעלאָזטער און נאָכגיביקער. דער אײַנגעשלאָסענער מענטש האָט פּלוצעם באַקומען לאָשן. עס געדענקט זיך כאַמעלעס א קלוגער זאַג וועגן אַלטן: „זײַן שיין שווײַגן איז נאָך שענער ווי זײַן שיין ריידן..." איצטיקס מאָל דערקען איך אים ניט. וואָס איז די מײַסע, הייב איך ניט אָן צו וויסן. ער שמײַסט זיך אַליין מיט פּײַערדיקע ריטער, גלײַך ווי ער וויל מיט דעם אויסקויפן זײַנע זינד. ער איז גרייט שיטן אַש אפן קאָפּ. עפּשער פּײַניקט אים עפּעס דער געוויסן? אָבער איינצײַטיק זע איך, ווי ער איז מיט דער נעשאָמע אַרײַנגעוואַקסן אינעם דערווײַל נאָך אומקלאָרן בילד. צײַטנווײַז ווערט ער צוגעזאָטן צו דער מאָלבערט. וועלכער כאַכעם קאָן זיך דאָ אָנשטויסן, וואָס אַזעלכס האָט אופגעטרייסלט דעם זאָקן, ער זאָל אַזוי אומגעריכט ווערן איבערגעאַנדערשט?

דער אַלטער מאָלער האָט מיך מאַמעש געפּלעפט מיט זײַן ווילד־גליקלעכן אויסגעשריי:

— א בראָכע אָף דײַן קאָפּ!

אין א ווײַלע אַרום פּאַלט ער צו מיר צו ווי א דולער מיט פרייד־טרערן אין די אויגן.

— דײַן קומען אהער איז געבענטשט מיט מאַזל... — ווערט ער אַזש פאַרכלינעט, — האָסט געבראַכט, קינד מײַנס, דאָס, וואָס איך האָב וואָכנלאַנג געזוכט.

איך באַנעם לאַכלוטן ניט זײַן האַפּערדיקע צעראַשטקײַט, זײַן פריילעכע שטימונג, מײַן נאַרישער קאָפּ כאַפּט אפילע ניט אויף דאָס, וואָס דער פּלוצעם אופגעריכטער אַלטיטשקער רעדט צו מיר.

— סאַפּקאָלסאָף האָב איך געפונען דאָס פאַרהוילענע סטעזשקעלע, — שטראַלט ער אפּסנײַ אויף אַן איבערגליקלעכער, — דאָס מעטושטעשע יאַדערל האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט. איצט, מײַן ליב ייִנגל, וועט זיך גאָר אָף אַן אַנדער מין אויפן אַרבעטן.

א סוואָרע, אַז ס׳איז ניטאָ אין דער וועלט קיין איין מענטש, אין דעם האָב איך זיך לעצטנס טיף איבערצײַגט, וואָס זאָל טאָמיד זײַן איינער און דער זעלבער, ווען־ניט־ווען ווערט דער שווײַגער באַריידעוודיק, דער אומעטיקער — פריילעך, דער האַרבער — ווייכער. אויב עס קומט אויס אָנקומען צו א צווייטן מענטשן, ליידער איז עס ניט קיין זעלטענער פאַל, דאַרף מען נאָך האָבן א ביסעלע האַצלאָכע, יענער, דער צווייטער מענטש, הייסט עס, זאָל זײַן גוט געשטימט, זײַן האַרץ זאָל דערפילן דײַן האַרץ.

די צעבערעקלטע האַלב־טויבלעכע קלאַנגען, וואָס ער ברענגט אַרויס, דערמוטיקן מיך נאָך שטאַרקער.

— זאָלסט קיינמאָל ניט פאַרלירן די האָפענונג! — טרייסט ער זיך אַליין, — דאָס איז אויך, זאָלסטו וויסן זײַן, אַן אַלטער געבאָט. אַקשאָנעסדיקע מי ווערט קיינמאָל ניט פאַרלוירן. קוים גלייבסטו אין דײַנע קויכעס, וועט מעקוייעם ווערן דײַן שטרעבונג. פאַראַן א קלאָל באַ אַלע פעלקער און באַ אַלע מענטשן: אַז מע שפּאַרט זיך אײַן, פּילט מען אויס...

דער אופגעלייגטער מאָלער, שפּיר איך, איז אין דער געוווּנטשענער שטימונג. אַניסי מאַרקאָוויטשן איז ניט צו דערקענען. גאָט מײַנער, וויאַזוי א מענטש קאָן עס זיך אין איינע צוויי מינוט ענדערן! איך קאָן קאָווירן, אַז מיטן גליקלעכסטן אין דער וועלט וואָלט דער מאָלער זיך אַצינד ניט געביטן.

— שיקער? יאָ, שיקער! — טוט ער זיך מאָדנע א ציִ מיט ביידע הענט צום הימל. נאָכדעם ברענגט ער אַרויס געציילטע ווערטער, וואָס זײַנען לאַכלוטן פאַר מיר אומפאַרשטענדלעך: — שעפערישע פרייד! פאַר פּראָסטע כײַוועקײַעמס איז דער דאָזיקער באַגריף גאָלע גאַרנישט. שעפערישע פרייד, זונעניו, שטייט העכער פון אַלץ.

געוויס וואָלטן אונדזערע באַרשעווער לײַט געזאָגט אפן זאָקן: אינגאַנצן אויוורבאָטל. באַ וועמען זוכט איר קלאָרן סייכל?

ניט מײַן אייסעק זאָגן אָף אַן עלטערן מענטשן שלעכטס אָדער גוטס. דער כידעש באַשטייט דערין, וואָס דער דאָזיקער נעפעש האָט גראָדע פאַרקליבן זיך צו אונדז אין באַרשעוו. דער באַנומענער, ווי אַנדערע רופן אים הינטער די אויגן, איז ניט אַזאַ ווי אַלע. וואָס מאָלט ער? פאַר וועמען מאָלט ער? צוליב וואָס מאָלט ער? דערצו איז מען נאָך אָף דער עלטער עלנט,

איין גאָט אין הימל זאָל זיך אָף אים דערבאַרעמען. ווי האָט מען דאָס געהערט, מע איז דאָך ניט מער ווי א לעבעדיקער באַסערוועדאָם, אז א מענטש זאָל ניט קומען אין באַריר מיט אַנדערע מענטשן? לעבט זיך איינער אַליין, אָן פּרייַנט, אָן קרוווים, אָפּגעשיידט פון דער וועלט. כוץ די מאָל־מאַכשירים, דאַרף ער קיין זאַך ניט.

א דאַנק גאָט, וואָס כאַמעלע האָט זיך געפונען אין שטאָט און וויל אים דאַפקע יאָ פּאַר־שטיין. ווייס איך ניט, צי איר וועט געלינגען אַיינבייַסן דעם האַרטן נוס. מיר דאַכט, אַז זי נאַרט זיך אַליין אָפּ, מייַנענדיק, אַז זי קאָן יאָ אַרייַנדרינגען אין זייַנע דאַלעדאַמעס, באַנעמען זייַנע אַנשויוּנגען. עמעס, כאַמעלע האָט א מער פּרייַערן צוטריט צום מאָלער, ווי אַן אַנדערער, זי קאָן אומגעשטערט קומען צו אים אַהיים, ווען זי וויל און ווען זי האָט נאָר כיישעק. כאַ־מעלע קאָן זיך פאַרגינען לאָזן מיטן אַלטן קינסטלער אָף א וויַיטן שפּאַציר, אָבער דאָס הייסט נאָך ניט, אַז זי קאָן אַרייַנקוקן אין זייַן פאַרבאָרגענער וועלט.

איידער איך קוק זיך רעכט אַרום, פאַלט צו די נאַכט. ראָז־בלויע פּאַסן האָבן דאָ און דאָרט געבומען גאַרטלען דעם פילפאַרביקן הימל. דער צעפלאַקערטער מייַרעוו־האָריזאָנט ציט פאַמעלעך אין זייַן גלייַכן טהאָם די אומגעהייער גרויסע רויטבלוטיקע זון.

ענדלעך איז געקומען די צייַט, ווען דער מאָלער קלייַבט זיך אַהיים. אָט איצט גראַדע בין איך אים זייער גוט צוניץ געקומען. ווער ווייסט, צי דער גראָוער זאָקן וואָלט איינער אַליין, אָן מייַן הילף, זיך פאַרשלעפּט מיט אַזויפיל בעבעכעס? צו דעם אַלעם איז נאָך צוגעקומען כאַמעלעס צוגעשיקטע זאַכן.

אַניסי מאַרקאָוויטש פירט מיך דורך אַן אַנדער וועג. די לאַנקע האָבן מיר אויסגעמיטן, ערגעץ איז זי געבליבן ליגן וויַיט הינטער אונדז. אַרומגעהאַנגען מיט טאָרבעלעך, רענצעלעך, סלאָיִקלעך און פיל אַנדערע בלעכענע און גלעזערנע קיילים, האָט דער קינסטלער איצט אויסגעזען ווי אַן אַלטער שמאַטע־קלייַבער.

— האָב קליינע יעסורים, יינגל, — באַרויִקט ער מיך, — כ'וועל דיך צופירן גלייַך צו דער בריק.

ווייניקער פון אַלץ קימערט מיך, טאָמער וועט אויסקומען א ביסל בלאָנדזשען. איך בין ניט קיין קליינינקער, אַזעלכע זאַכן שרעקן מיך ניט. אַז איך טו זיך א דערמאָן אין בערעלעס קאָמפּאַניע, בעשאַס מיר האָבן זיך געלאָזט אָף גאָטס באַראָט ערגעץ צו אַלדי שוואַרצע יאָר, איז וואָס פאַר א ווערט, פרעגט זיך, האָבן די צוויי־דרייַ ווערסט הינטער באַרשעוו קעגן מייַן ביטערער פּלאָגעניש, ווען איך האָב געטיאַפּקעט איינער אַליין פון זשיוורעטש קיין באַרשעוו? מייַן קומען אַהער צום מאָלער, דאָס רעדן מיט אים וועגן שוואַרצמאַנס פּאָרטרעט קומט מיר אָן פיל פייַנלעכער. מעגלעך, דערפאַר זע איך איצט אויס ניט נאָר געקלעמט, נאָר אויך צעשטרייט. כ'האָב מוירע, דער מאָלער זאָל מיר גלייַך ניט אָפּהאַקן די פליגל און מעקייַעם זייַן דעם פּאַסעק: „פּאַשאַל וואָן!"

שנעלער, כאַפּ אַרייַן, קאָלזמאַן דער מאָלער איז אין דער רעכטער שטימונג, — לאָז איך זיך אַליין ניט צורו. דורכלאָזן די גינסטיקע מינוט וועט זייַן פון מייַן זייַט די גרעסטע אוולע. אָפּלייגן אָף שפּעטער? — וועל איך געוויס דערנאָך כאַראָטע האָבן. שפּעטער קאָן אַמאָל זייַן צו שפּעט... איך ציִ אַרויס דאָס האָרן־פּושקעלע, נעם פּאַרזיכטיק אָן מיט די שפּיץ פינגער דאָס צונויפגעלייגטע זשורנאַל־בלעטל און רוף מיך אָן:

— איך האָב צום בעקאָוועדיקן מייַסטער א גרויסע באַקאָשע.

— דעהייַנו?

עס ווערט מיר אַזש קאַלט אין די קני.

— דער אומגעקומענער פּאָעט אָשער שוואַרצמאַן... מיסטאַמע האָט איר פון אַזא ייִדישן דיכטער ניט געהערט? דער העלדנמוטיקער דיכטער האָט פאַרדינט, מע זאָל מאָלן פון אים א פּאָרטרעט, אַרויסהענגען אים אינמיטן שטאָט. כאָטשבי אין אַרבעט־פּאַלאַץ. אָט דאָס פּאָטאָ־בילדל, וואָס איר זעט פאַר אייַערע אויגן, איז נאָך ניט דער עמעסער אָשער שוואַרצמאַן. זייער שלעכט אָפּגעדרוקט, קימאַט אָף לעש־פּאַפּיר, וואַסערדיק פּאַפּיר. הייַנט טוט א רעכטן קוק אָף די קאָסע שטריכן. אָנשטאָט עמעסע שיינע אויגן זעט מען בלויז ווייַסע בלאָטערלעך. שלעכטס! — טו איך זיך א קרים.

דער אַלטער אַניסי מאַרקאָוויטש האָט טיפער אַרייַנגעקוקט אין זשורנאַל־בלעטל, מאָדנע אָף א זייַט אָנגעשפּאַרט דעם גרייַז־צעקודלטן קאָפּ אינעם עטוואָס אונטערגעהויבענעם אַקסל, עפּעס האָט ער געוואָלט מער אַרויסקריגן פונעם שלעכט אָפּגעדרוקטן בילדל. זייַן אָנגעשטרענגט פּאָנעם נעמט אַרוף אָף זיך אַן ערד־טונקעלן קאָליר, די ברעמען צעבאַרשט, אָנגעכמורעט.

— א דיכטער? — פרעגט ער איבער. — אָף דער מילכאָמע, זאָגסטו, אומגעקומען? סאַראַ יונג מיט ביינער!

— אין בירגערקריג העלדיש אומגעקומען, — גיב איך צו שטאָלץ, — פאַר דער רעוואָ־ליוציע אָפּגעגעבן דאָס יונגע לעבן זײַנס. פאַר דער נײַער ייִדישער פּאָעזיע...

די לעצטע ווערטער „נײַע ייִדישע פּאָעזיע" איז דעם לערער אַרל סקליאַרס באַליבטער אויסדרוק. דאַפקע דאָ זײַנען די באַדײַטנדיקע ווערטער פאַרן אַלטן פּעטראָגראַדער מאָלער געווען זייער צום אָרט. קעדײַ עס זאָל אים א נעם טאָן פאַר דער לעבער און ער זאָל כיישעק באַקומען מאָלן שוואַרצמאַנען, האָב איך נאָך צוגעגעבן: דער דאָזיקער דיכטער איז אונדזער שײַנדל, אונדזער קאָוועד. דערבײַ לייג איך נאָך צו מיטן גאַנצן האַרצן די פיר שורעס:

כ'דאַרף איצט ניט קיינעם, איך דאַרף איצט מײַן מאַמען,
און וואָלט איך זי האָבן, דאַן וואָלט איך איר זאָגן:
מאַמע, ניט מײַן, איך בין קינדערש און נאַריש —
איך קאָן, ווי א גרויסער, פאַר דיר זיך ניט קלאָגן.

...א שאָד! דער גאָניטער מײַסטער, וואָס איז אויסגעפאָרן א וועלט, זיך געוואַלגערט, ווי זאָגט מען, אין אַלע מיסטן, געגעסן קעסט בא פיל פרעמדע טישן, האָט שוואַך פאַרשטאַנען שוואַרצמאַנס לאָשן.

דער גרײַזער זאָקן איז מאַמעש געווען אַנציקט פון מײַן באַהאַוונטקײַט אינעם דיכטערס שאַפן. ער זעט עס אַרויס אַפילע, זאָגט ער, אין די נאַרוואָס דעקלאַמירטע שורעס, וואָס איך האָב מיט אַזויפיל נעשאָמע אַרויסגעבראַכט פאַר אים. זאָל זײַן, אַז מײַן בקיעס אין שוואַרצ־מאַנס פּאָעזיע איז אַפילע אָן אויבנופיקע, אָבער די ליבשאַפט צום דיכטער, וואָס איך ווײַז אַרויס, איז מאַמעש צו שטוינען.

דער מאָלער האָט מיך פרײַנטלעך־געטרײַ גענומען אונטערן אָרעם, ווי אַן עמעסער זיידע.

— ווער־ווער, — זאָגט ער געטרײַ, — נאָר דו מעגסט קומען צו מיר אָפטער, — דערנאָך האָט ער מיך געבעטן, איך זאָל פאַר אים איבערזעצן און פאַרטײַטשן די נאַרוואָס דורכגע־לייענטע שורעס. ווייסט ער דען ניט, אַז איך בין שטומפּיק אַף דער איוורע? וויאַזוי זשע, פרעגט זיך, קאָן איך פאַר אים איבערזעצן שוואַרצמאַן־שורעס? דערצו נאָך אַוועלכע פיר שורעס! ניין, איך נעם זיך ניט אונטער. וואָס זשע דען יאָ? בייס כאָמעלע וועט בײַזײַן, זאָל זי איבערזעצן און טײַטשן. עמעס, זי איז אויך ווינציק וואָס געשמירט אין די ייִדישע האַגאָ־דעס און זמירעס. פון דער נײַער ליטעראַטור איז דאָך ניט שײַעך אַפילע צו רעדן, אָבער עפּעס וואָס, מיין איך (פאַרט א ייִדישע טאָכטער, וואָס קאָן מאַמעלאָשן), וועט צום אַלטן געשמאַדטן מאָלער דערגיין.

מײַן ציל איז דערגרייכט געוואָרן, פריי איך זיך, דעם איקער האָב איך באַם מאָלער געפּויעלט. דער דיכטער אָשער שוואַרצמאַן וועט דורכן גערימטן מײַסטער פאַרייביקט ווערן.

— גוט, איך וועל מאָלן... — הער איך זײַן זיכער וואָרט.

אַצינד קאָן מען אַף געוויס רעכענען, אַז מיטן קינסטלער האָבן מיר זיך סאָפּקאָלסאָף דערעדט. דער שטרענגער אַלטיטשקער וויל, אַז איך זאָל פאַר אים נאָך עפּעס פאַרלייענען פון שוואַרצמאַנס שאַפונגען, כאָטש ער פאַרשטייט ניט, איז ער זיך מוידע, קיין וואָרט. זאָג איך אים, ווי דער עמעס איז, אַז כ'געדענק ווינציק אַף אויסווייניק, סײַדן, דערמאָן איך זיך, די ליד „מײַן ברודערס ליפּן בלווילעך־געל", וועלכע כ'האָב ניט לאַנג צוריק געלייענט בא דער לערערקע ליזע טשערקאַסקע אין שטוב.

די ליד האָב איך איבערגעלייענט מיט האַרץ, ניט געײַלט, פּאַמעלעך. נאָך מײַן אָפּגעע־זאָגטן שטילן קאַדעש פאַרגראָבט זיך ווידער טיף דער מײַסטער אין שוואַרצמאַנס פּאָטאָ־בילד און געפינט אויס, אַז באַם פרי אומגעקומענעם דיכטער זײַנען אַף אַן אַכזאָריעסדיקן אופן צעשאָסן די אויגן. מע האָט אים מערדעריש פאַרפּײַניקט...

— אָשער שוואַרצמאַן, — באַשטײַ איך אַקשאָנעסדיק, — האָט זיך העלדיש געשלאָגן און העלדיש אומגעקומען! דער דיכטער איז אין געפאַנגענשאַפט צו די ווײַסע ניט געגאַנגען.

ניט ווײַט פון דער בריק זײַנען אונדזערע וועגן זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. מיר האָט גע־דאַכט, אַז דער זאָקן איז עפּעס צערודערט.

— בא די ייִדן, — זאָגט ער, — האַלטן זיך ניט לאַנג קיין באַגאַבטע מענטשן, זיי וואַקסן אַרײַן אין דער קולטור פון די אַרומיקע פעלקער. טויפונג און אַסימיליאַציע איז שוין לאַנג געוואָרן א וואָכעדיקער גאַנג. בא דײַן אייגן פאָלק וועסטו קיין אָנערקענונג ניט קריגן...

ראַפּטום כאַפּט זיך דער אַלטער מאָלער, אַז זײַנע רייד זײַנען אַדרעסירט ניט אַהין, וווּ מע דאַרף.

— יאָ, יאָ, — קוקט ער ווײַטער אַף מיר מיט שוין מער געשטילטע אויגן, — פאַר א

שטומען שטיין רעדט מען אויך אַמאָל אויס דאָס האַרץ. אומבאַדינגט וועל איך מאָלן אַשער שוואַרצמאַנס פּאָרטרעט.

מעג מען דאָך איצט אוואַדע רעכענען, אַז די שול־היים אונדזערע וועט באַקומען פֿונעם קינסטלער די שענסטע און בעסטע מאַטאַנע. פֿאַר איין זאַך פֿונדעסטוועגן האָב איך יאָ אַ ביסעלע מוירע, ער זאָל, כאַלילע, ניט אָנמאָלן דעם דיכטער אַ בלינדן. ווידליק ער האָט זיך צעלאָזט וועגן „צעשאָסענע אויגן", איז עס אַפֿן אַלטן צו גלייבן.

אויפֿן צווייטן צי אויפֿן דריטן טאָג בין איך געלאָפֿן אַ פֿאַרשמייעטער צו די ראָסקאָפּענעצער שטיינער געוווירע ווערן, ווי האַלט עס מיטן שוואַרצמאַן־בילד. לאָזט זיך אויס, אַז דער מאָלער כאַפּט זיך ניט שטאַרק, שוואַרצמאַנען האָט ער נאָך דערווייל ניט גענומען צו דער אַרבעט.

דער פּעטראָגראַדער מאָלער, אַניסי מאַרקאָוויטש, מאָלט ניט גלאַט סתּם אַבי געמאָלט. אין יעדער בילד, זאָגט ער, ליגט פֿאַרבאָרגן אַ געוויסער מיין, עס מוז שטעקן אינדערינען אַן אידיי, אַ טיף דורכגעקלערטער געדאַנק, אַנדערש מאָלט ער ניט. וויאַזוי פּרוווט מען דער־קלערן דעם קרומען מויעך, אַז דאָס דאַרף זײַן אַ בילד פֿון אַ מענטשן, וואָס האָט געלעבט אויף דער וועלט, און נאָך פֿון אַ וואָסער מענטשן! דאָס דאַרף ווירקלעך זײַן דער לעבעדיקער דיכטער אַשער שוואַרצמאַן, אַזאַ ווי ער האָט אויסגעזען באַם לעבן, ניט קיין אַנדערער. איך וועל איצט נאָכאַמאָל פּרוּוון איבערכאַזערן די קורצע יידישע שורעס, עפּשער וועט צום אַלטן דערגיין דאָס וווּנדערלעכע דאָרפֿישע בילד. נישקאָשע, ער איז אַ מאָלער ניט מיט קיין קליינער פֿאַנטאַזיע. אויב ער פֿאַרשטייט ווינציקלעך אונדזער יידיש לאָשן, איז זאָל ער זיך אָנשטויסן.

עמעץ טראָגט אַ רויט־פּליושענע כופּע אוועק
און פֿאַרגייט און פֿאַרשווינדט...
אויף אַ שוועל פֿון אַ שטוב דרעמלען איינעט
אַ קינד און אַ הונט.

אָך, וואָלט עס געווען אַ נעס, ווען כאַמעלע קומט איצט אַהער! זי וואָלט אי מיטן צונג, אי מיט די אויגן, אי מיט דער האַנט אַקוראַט אָנגעמאָלט דאָס פֿאַרנאַכטלעכע שוואַרצמאַן־בילד.

זאָל דאָס האַרץ זײַן גאַנץ

ניט אויפֿן פֿינפֿטן און ניט אויפֿן נײַנטן טאָג האָט אַניסי מאַרקאָוויטש זיך גענומען צום פּאָרטרעט. אַפֿילע דאָס לעצטע מאָל, איידער ער האָט זיך אַריבערגעפּעקלט פֿון די ראָסקאָ־פּענעצער שטיינער צוריק צו דער הרעבליע, האָט ער פֿאַר מיר ניט דערמאָנט דעם דיכטער — קאָן דען מעגלעך זײַן, אַז ער זאָל פֿאַרגעסן אין זײַן צוזאָג?

דערקוטשען אים וויל איך ניט.

אומזיסט האָב איך מיט אומגעדולד אַרויסגעקוקט, אַז דער אַלטער זאָל מיר אומקערן צוריק דאָס אַרויסגעריסענע זשורנאַל־בלעטל מיט שוואַרצמאַנס פּאָטאָ־בילד. ער כאַפּט זיך ניט. און אַז דער אַלטער שווײַגט, שווײַג איך אויך, וואָרעם איך האָב מוירע, איך זאָל ניט מאַכן ערגער. ווען כאַמעלע וואָלט שוין געקאָנט אַרומגיין ווי אַלע געזונטע מענטשן, וואָלט אַלץ אַנדערש געווען.

אַ טאָג, און אַ טאָג, און נאָך אַ טאָג. אַזוי האָט פּאַמעלעך זיך געצויגן די צײַט. אַרויס־ווײַזן צופֿיל נײַגער, וועט דערפֿון בעסער ניט זײַן. איין מאָל אָדער צוויי מאָל טו איך גרינג אַ שוועב דורך פֿאַר זײַנע אויגן, מאַך דעם אָנשטעל, אַז איך בין פֿון גאָרנישט באַצאָרנט. דאָך איז געקומען דער גליקלעכער טאָג, ווען אַניסי מאַרקאָוויטש האָט מיך דערפֿרייט מיט דער גוטער בסורע.

— עס גייט אַ גאַנג! — ווינקט ער סוידעספֿול צו מיר מיט פֿאַרשמאָלטע וואָרעמע אויגן. — ניט שלעכט באַקומט זיך דײַן שוואַרצמאַן־פּאָרטרעט, אויף מײַן וואָרט ניט שלעכט. נעם זיך אָן, באָכערל, מיט געדולד, אַלץ וועט זײַן ראַיעל.

— ווי האָט אים געמאַכט פֿאַר אַ בלינדן? — טו איך אַן אומרויִקער אַ פֿרעג.

— באַרויִק זיך, — שטילט ער מיך אײַן, גלעטנדיק איבערן קאָפּ, — האַלטסט מיך טאַקע אײַנגאַנצן פֿאַר אַן אויוועבאַטל? זאָל דיר דאָס האַרץ זײַן גאַנץ. אויגן פֿאַרמאָגט דער פּאָעט ברייטע, טיפֿע, עטוואָס אומעטיק־פֿאַרטראַכטע. דער אינערלעך־קאָנצענטרירטער בליק זײַנער

איז פול מיט אומרו און דערוואַרטונג. מיין ניט, אַז דאָס שלעכט־אָפּגעדרוקטע פּאַטאָ־בילדל האָט מיר ווינציק־וואָס געגעבן, עפּעס וואָס האָב איך פון דײַן זשורנאַל־בלעטל אַרויסגעלייענט.

...ס'מאַכן זיך טעג, ווען איך פאַרפעל זײַן לעבן אַלטן מאַלער. דעמלט וואַרטשעט ער אונטער:

— כ'ווייס גאַנץ גוט, אַז ס'איז פאַראַן באַ דיר בילכערס. איך אַליין, ווי דו קוקסט מיך אָן, וואָלט מיסטאָמע בעסער ניט געוווּן. אַוואַדע איז מיט כעוורע ייִנגלעך פריילעכער פאַר־ברענגען, ווי מיט אַן אַלטן שטורמאַק. דערציילן, וואָס זשע האָט מען מיט אײַך הײַנט געלערנט? ביז איצט האָט דעם מאַלער ווייניק־וואָס אינטערעסירט די שול־היים. לעצטנס ווײַזט ער אַרויס אינטערעס אַפּילע צו קלייניקײַטן. ער וויל וויסן וועגן פּעדאַגאָגישן פּערסאָנאַל, פון וועלכע היכשולן זײַנען זיי געקומען; מיט וואָס צייכנט זיך אויס דער אָדער יענער לערער, צי די שילער זײַנען באַזאָרגט מיט לערנביכער? דעריקער וויל ער פאַרשטיין דעם געדאַנק: פאַרוואָס רופט מען דעם קינדער־אַנשטאַלט, ווו איך לערן, מיט אַזאַ מאָדנעם נײַעם נאָמען, ווי „שול־היים”? פּרוּוו איך אים דערקלערן קורץ און פּאַשעט — כּוץ דעם, וואָס מע לערנט, זאָג איך, גיט מען די קינדער עסן און טרינקען. דרײַ מאָל אין טאָג. עמעס טאַקע, נאָר אָפּן שפּיץ מעסער. און לערנען לערנט מען דאָרט אַזויפיל, וויפל מע עסט. קומט עס אויס אין סאַכאַקל, אַז עס איז אַ שטיקל שול און אַ שטיקל היים. איניינעם גענומען רופט מען עס „שול־היים”.

לאַכט ער, אַניסי מאַרקאָוויטש.

— עסן עסט מען ניט, ווי אין דער היים, — וואַרפט ער צו, קײַכנדיק, אַ גלײַך וואָרט, — און לערנען לערנט מען ניט, ווי אין שול.

— זייער ריכטיק, — בין איך זיך מודיע, — אינגאַנצן ריכטיק. ס'איז ניט געגעסן און ניט געלערנט. אָבער אַלץ בעסער, באַ הײַנטיקער צײַט, ווי גאַרניט טאָן. אַרומלויפן איבער די גאַסן פּוסט־און־פּאַס איז דען פאַר אונדז מער טאַכלעס?

— געדרעכט! אַוואַדע, אַוואַדע.

דערנאָך נעם איך דערציילן, אַז די ייִנגלעך לאַדען ניט מיט די מיידלעך, טאָג נאָך טאָג רײַסט מען זיך פאַר די שלייערס. וויפל די לערער לייגן אַרײַן געזונט, קויכעס, הריזאָטע, העלפט עס, ווי אַ טויטן באַנקעס. ניטאָ קיין שאָלעם, ניטאָ קיין אַכדעס צווישן די טאַלמידים, דאָס אַליין, קלאָגן זיך די לערער, איז אין פיל מאָל ערגער, ווי דאָס שלעכטע לערנען און דאָס שלעכטע עסן, — אַן אומגליק, וואָס מע קאָן גאָר פון אים ניט פּאָטער ווערן. אויב גיין מיטן גאַנצן עמעס, זײַנען זיי בעפיירעש געדרעכט.

אַניסי מאַרקאָוויטש וויל וויסן, ס'איז אים, זאָגט ער, שטאַרק ציקאַווע, ווי־אַזוי ווערן באַשטראָפט די שילער, וואָס פאַרזינדיקן זיך?

איך טו אַ ביטערן שמייכל צו זיך אַליין: זיי ווערן באַשטראָפט זייער שטרענג (איך האָב די שטראָף געפּרוּווט אָף דער אייגענער קישקע): עסן דער סאַמע לעצטער, דאָס, וואָס בלײַבט איבער אין קעסל אָפּן דנאָ — קאַלטס און געזאַלצנס... קיין האַרבערע שטראָף קאָן מען ניט צוטראַכטן, אָבער דעם אַלטן דערצייל איך ניט וועגן דעם. קיין סוידעס טראָגט מען ניט אַרויס פון דער אייגענער שטוב.

— ווען מע שיקט אָפּ אהיים, — רעכן איך פאַר אים אויס די אַלע געוויינלעכע שטראָף־מיטלען, וואָס איך ווייס, — ווער עס קומט אָפּ מיט אַ פאַרוואָרף. ניין, אין ווינקל שטעלט מען ניט, מיט אַנדערע שמועסט מען זיך דורך אין לערער־צימער אונטער פיר אויגן... עס ווענדט זיך, וואָס פאַר אַ כעט דער אָדער יענער שילער איז באַגאַנגען קעגן קאָלעקטיוו, קעגן לערער, קעגן גוטע לײַט.

— וויפל זשע יאָר לערנט מען אין אײַער שול־היים?

...הער נאָר אַ שײַלע! דערויף האָב איך זיך קיינמאָל ניט פאַרטראַכט.

— דאָס ווייס איך ניט. מיסטאָמע, ביז מיר וועלן אונטערוואַקסן.

— טרײַבסט קאַטאָוועס?.. כּויזעקסט? פון אַן עלטערן מענטשן איז ניטאָ וואָס צו שפּעטן. וואָס הייסט, דו ווייסט ניט, וויפל קלאַסן די שול־היים דײַנע פאַרמאָגט?!

— איך בין אין פערטן, צי עס וועט איבעראַיאָר זײַן אַ פינפטער, ווייס איך ניט.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ לערן־אַנשטאַלט, — צוקט דער מאָלער מיט די אַקסל, — הייב איך ניט אָן צו פאַרשטיין.

— דאָרט זײַנען צונויפגעזאַמלט די אָרעמסטע קינדער, — גרויס איך זיך דערמיט, וואָרעם איך ווייס, אַז אָרעמקײַט גרענעצט זיך מיט די האָרעפּאַשניקעס, מיט די אַרבעטער.

— ביסטו כאָטש צופרידן מיט דײַן שול־היים? — פרעגט ער ווײַטער.

— דערווײַל יאָ.

א סאָף צו די אויספּרעגענישן. קיין אַנדערע קאַשעס, אַ דאַנק גאָט, קומען מער ניט. דער פּאָרטראַגענער מײַסטער טיפּט זיך אַרײַן מיטן גאַנצן וועזן אינעם בילד מיט עפּעס אַזאַ קרענקלעכער מינע אפן פּאָנעם, אַז עס רײַסט מאַמעש דאָס האַרץ, קוקנדיק אַף אים.

איצט האָט אַניסי מאַרקאָוויטש אין מיר אינגאַנצן פאַרגעסן — ניט ער הערט מיך, ניט ער זעט מיך. די דאָזיקע טעווע פונעם קינסטלער איז מיר שוין לאַנג באַקאַנט. אַף אַזאַ מענטשן דאַרף מען קיין פאַריבל ניט האָבן. אַזעלכע ווי ער לעבן אָפּ אַ לעבן אין ביטערער עלנטקײַט, ווײַט פון מענטשן, אָפּגעשיידט פון דער וועלט. כאָמעלע האָט מיר פיל מאָל דערציילט וועגן לעבן פון מאָלער, אַקטיאָרן, מוזיקער. און דאָך איז דער פּעטראָגראַדער מאָלער אַן אַנדערער. ניט קיין אויסגעלאַסענער, ניט קיין צײַט־אויסברענגער און ניט קיין פּוסטעפּאַסניק. דאָס, וואָס ער איז געבליבן אַף דער עלטער איינער אַליין, איז אַוואַדע שלעכט. ער איז, אַפּאָנעם, פון די מאַזלדיקע, באַ וועמען דאָס ברויט פאַלט שטענדיק מיט דער פּוטער אַראָפּ. איך טראָג אין האַרצן גרויס מיטלײַד צום איינזאַמען מאָלער. מיט וואָס, פרעג איך זיך ניט איין מאָל, קאָן מען אַזאַ פאַרשוין פאַרגרינגערן זײַן ביטערע עלנטקײַט? קיינער וויל ניט באַרעכענען זײַן שווערע אומדערמידלעכע אַרבעט, וואָס ער טוט. בלויז גוטע קאַוואָנעס און גוטע מאַכ־שאָוועס ליגט אין זײַן אומגעוויינלעכער מי. נישטאָ דער רעכטער מייוון באַ אונדז אין באַר־שעוו, וואָס זאָל קאָנען אָפּשאַצן די געבענטשטע מעלאָכע, די הויכע שאַפונגען, וואָס זײַנען פול מיט עמעסע שטיקער לעבן. דאָס איז אויך כאָמעלעס געדאַנק, אַזוי רעדט זי מיט זיכער־קײַט און גרויס אַנערקענונג וועגן מאָלער.

און נאָך זאָגט זי מיט איר קלוגיטשקן ווײַטן קוק:

— אינעם רוסישן פּעטראָגראַד איז ער מער באַרימט, אַניסי מאַרקאָוויטש, ווי אין דעם קליינעם יידישן שטעטל באַרשעוו.

איך ווייס, אַז דער מאָלער האָט גרויס יִראַס־האַקאָוועד פאַר שעפער און דענקער. כאָטש אָשער שוואַרצמאַן, זאָגט ער, געהערט ניט צו יענע באַרימטע פאַרזאָנען פונעם יידישן פאָלק, וועלכע מע געפינט אין די פּילבענדיקע ענציקלאָפּעדיעס, נאָר דאָך פאַרשטייט ער אַליין מיטן סייכל, אַז דער דיכטער וועט זיך נאָך מיט דער צײַט קוויִנע־שעם זײַן צווישן לייענער און פאַרערער פונעם יידישן קינסטלערישן וואָרט.

— מײַן באַוויַז, — זאָגט ער, — קאָן איך גלײַך ברענגען: אויב אַזאַ יאַטל, ווי דו, גע־דענקט זײַנע לידער, — קוקט ער פאַרטראַכט מיר אין פּאָנעם אַרײַן, — איז ער שוין ווערט, דער דיכטער, מע זאָל וועגן אים ריידן, אויפקלערן און וואָס ברייטער באַקאַנט מאַכן. זאָל מיר דערלויבט זײַן, — רופט ער פײַערלעך אויס, — צולייגן מײַן קליינינקן צושטײַער אַף צו פאַרייביקן דעם דיכטערס אָנדענק. איך וואָלט זייער וועלן, מײַן אַרבעט, דער שוואַרצמאַן־פּאָרטרעט, זאָל זיך מיר אַמבעסטן אײַנגעבן. — דער מאָלער האָט זיך אַ ביסל פאַרויטלט און מיט באַדויערונג צוגעגעבן: — אַ שאָד, וואָס איך בין לאַכלוטן ניט באַקאַנט מיט זײַן שאַפן. קאָן זײַן, איך וואָלט אים, שוואַרצמאַנען, אַ ביסל מערער פאַרשטאַנען, ווי אַן אַנדערער.

אין דעם צווייפל איך ניט אַף קיין האָר.

שווער צו האַלטן אַ סאָד

אין באַרשעוו איז נאָך לעסאַטע אַ סאָד, אַז דער מאָלער אַניסי מאַרקאָוויטש, וועמען מע האָט נאָך מיט יאָרן צוריק מעשאַלייעך געווען פון דער קרוינשטאָט פּעטראָגראַד, מאַכמעס ער, דער קופּער־בעיִקער, האָט זיך ווי עס געהער צו זײַן ניט געהאַלטן אין דער מײַלע, מעגלעך אַ ביסל אונטערגעבונטעוועט און עפּשער אויך איבער געוויסע אַנדערע כאַטאָיִם, וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן דער קונסט־אַקאַדעמיע, אַז דאָ אין באַרשעוו האָט זיך אים געאַרבעט בעסער, ווי אומעטום, און ס'איז קיין כידעש ניט, וואָס דער מאָלער האָט מיט אַזאַ האַסמאָדע פּלײַסיק זיך גענומען צום שוואַרצמאַן־פּאָרטרעט.

— דאָס דיכטער־געשטאַלט, — זאָגט ער, — איז אים נאָענט און זייער שטאַרק צום האַרצן.

איך מיין, אַז דער כאַווער יאַקאָוו האָט געמעגט וויסן וועגן דעם פאַרבאַרגענעם סאָד, ווי־ניט־ווי איז ער פּאַרט דער פּאָליטפּראָסוועט אין שטאָט, און צו אים האָט דער איניען, אָן סאָפעק, די גרעסטע שײַכעס. דערפאַר שלאָג איך זיך מיט דער דייע, ברענגען פאַר אים מײַן פאַרטרויונג, אַנטפּלעקן דאָס סודעסדיקע פאַר דער צײַט, צי אויפהענגען אַ שלאָס אַפן מויל און דערוויַל נאָך צוּוואַרטן?

מיט די לערער האָב איך נאָך געוויס צײַט. זאָל עס אויסקומען, ווי אַ מין אומגעריכטע

איבעראַשונג, אַוואַדע וועט עס פּאַר דער שול־היים זײַן אַ סורפּריז, און נאָך וואָס פּאַר אַ סורפּריז. איין כאַמעלע ווייסט וועגן דעם סאָד. זינט דער פּוס האָט זיך באַ איר פּאַרהיילט, קומט זי צו דער הרעבליע יעדן טאָג און אַמאָל צוויי מאָל דורכן טאָג. אַניסי מאַרקאָוויטש איז זיך מודיע, אַז איצט אַרבעט זיך אים פּיל לײַכטער און מיט אַ סאַך אַ גרעסערן כיישעק. זי, די אָנרעגערן, ווײַזט ער אַ צופרידענער אַף דער שיינער כאַמעלען, איז מאַשפּיע אַף זײַן שאַפונג; ער איז ניט נאָר פּריש אין די קויכעס, נאָר אויך אָנגעשטעקט מיט דראַנג און שעפערישן שוווּנג. כאַמעלע האַלט, אַז דער פּאָרטרעט פונעם אומבאַקאַנטן פּאַר איר דיכטער, אַשער שוואַרצמאַן, האָט זיך דעם מאָלער אײַנגעגעבן גלענצנדיק, ווי מע זאָגט, האַצלאָכעדיק. אָבער אַניסי מאַרקאָוויטש אליין דערווידערט: צום פּאָרטרעט, זאָגט ער, פעלט נאָך עפּעס אַזעלעכס, וואָס ער קען נאָך דערווײַל ניט מעגאַלע־פּאָנעם זײַן... מיט דער צײַט, גלייבט ער, וועט דאָס פּאַרטײַעטע קערנדל אליין אונטערקומען.

— געדולד, יונגער פרײַנט מײַנער, געדולד!

געדולד?.. דאָס, וואָס מיר פעלט אויס.

כאַטש איין מינדסטן בליק וואַרפן אַפן אָנגעמאָלטן פּאָרטרעט — דעריקער אַף די אויגן... וואָס האָט ער, אַזאַ מײַסטער, געמאַכט פון שוואַרצמאַנס אויגן?..

אַצינד קומט כאַמעלעס טרייסט — איך זאָל ניט האָבן קיין אַגמעסנעפעש. די אויגן פונעם דיכטער, זאָגט זי, זײַנען אַפן אָרט, זיי זײַנען אויסדריקלעכע, זי וואָלט נאָך צוגעגעבן, — לעבנסדאָרשטיקע. דער טיפער בליק זײַנער, אַ האַלב־פאַרכאָלעמטער, עטוואָס סומנע, טריב. אַ ליאַדע מענטש וועט זיך מוזן אָפּשטעלן און לאַנג באַטראַכטן דאָס ציקאַווע אויסטערלישע פּאָנעם מיט אַזאַ שיינעם צעכוואַליעטן קאָפּ האָר.

דער מאָלער אליין זאָגט נאָך שפּעטער:

— מאָלנדיק דאָס שוואַרצמאַן־בילד, האָב איך זיך אַף אַ געוויסער צײַט אומגעקערט צו מײַן אייגענער יוגנט. — דאָס שטילע אויסגעבענקטע קאָל זײַנס האָט אין מיר דערוועקט אַ ראַכמאָנעס־געפיל: שטעלן זיך נעענטער צום איינזאַם־פאַרוואָגלטן זאַקן, מיט עפּעס פאַרפילן זײַן עלנטקײַט...

— מײַן ניט, אַז ס'איז געזאָגט געוואָרן אין דער וועלט אַרײַן, צוליב שיינריידערײַ, — טײַנעט זי צו מיר, כאַמעלע, — אַניסי מאַרקאָוויטש האָט נאָך קיינמאָל ניט געפעלשט מיטן געזאָגטן וואָרט. מע מעג אים גלייבן אַף נעמאָנעס, אָן אַ שוווּע.

זי פאַרשפּאַרט מיר שטאַרק אײַנריידן, כאַמעלע, זי דאַרף מיך ניט איבערצײַגן אין דער ערלעכקײַט פונעם אַלטן מאָלער, דאָס גראַדע ווייס איך גלײַך מיט איר. ווילן וויל איך פאַרשטיין אָן אַנדער זאַך — וואָס באַטײַט דער געדאַנק: אומקערן זיך צוריק צו די יוגנט־יאָרן? בעמיילע שטעלט זיך נאָך אַ פראַגע, וואָס, אַשטייגער, קער זיך עס אָן מיטן אומגעקומענעם דיכטער?.. דער אַלטער וואָגלער איז דען ווען־עס־איז אויך געשטאַנען פאַר אַ סאַקאָנע?.. פרײַער די גרויסע וועלט־מילכאָמע, דערנאָך דער בירגערקריג אין לאַנד האָבן דען באַם דערפאַרענעם גרויסן קינסטלער אויך אַזוי קנאַפּ, בעצימצעמדיק, געמישט, ווי באַ אַשער שוואַרצמאַנען, די קאַלענדאַר־בלעטלעך פון זײַן לעבן?.. צי עפּשער זוכט דער מאָלער אַף דער עלטער אַ זכוס באַם העלדישן פרי־אומגעקומענעם פּאָעט?..

דאַפקע דעמלט, ווען איך האָב ניט איבעריק געזוכט דעם כאַווער יאַקאָוו, איז ער גאַנץ אומגעריכט געקומען מיר אַנטקעגן. צווישן טאָג און נאַכט האָט דער פּאָליטפּראָסוועט ברייט געשפּאַנט אַף שעווטשענקאָ־גאַס, באַגלייט פון די צוויי באַרימטע ברידערלעך טעפּליצקי, ביידע געראָטענע באַלמעלאָכעס, ביידע באַגאַבטע אַקטיאָרן, אַף וועלכע עס האַלט זיך אויף, קאָן מען זאָגן, די יידישע ליבהאָבערישע טרופּע אין באַרשעוו. איינער פון איין זײַט, און דער צווייטער פון דער צווייטער זײַט שלעפּן דעם כאַווער יאַקאָוו פאַרן אַרבל, צופּן, רײַסן שטיקער, מאָנען באַם פּאָליטפּראָסוועט ניט אָפּלייגן די ספּעקטאַקלען אין דער לאַנגער באַנק, מער אויפמערקזאַמקײַט לייגן אַפן היגן דראַמאַטישן קאָלעקטיוו, אויסטיילן די געהעריקע געלט־סומע אַף די גאַסטראָלן אין די אַרומיקע שטעטלעך.

דער עלטערער ברודער, באַרעך, נעמט זיך אַפילע שטילערהייט בייזערן:

— טעאַטער, — זאָגט ער מיט עפּעס אַ מין אופגערעגטן ציטער, — איז אַ געוויסע קולטור־אינסטיטוציע, וואָס וועקט די מאַסע צו אַקטיווער טעטיקײַט, צו ברייטע געזעלשאַפטלעכע קאַמפּאַניעס. מיר דאַרפן שטיין באַ אײַך אַפן סאַמע שפּיץ פענדל, און איר האַלט אונדז ווי שטיפקינדער... איצט, כאַווער יאַקאָוו, לאָמיר אָפּנהאַרציק אַ שמועס געבן וועגן רעפּערטואַר. קרימט ניט, בעט איך אײַך, מיט דער נאָז... אין דער אוקראַיִנישער טרופּע באַ דוביניַנען, ווייל איך וויסן, איז דער רעפּערטואַר אַ שענערער? מיט וואָס איז „נע כאָדי, הריציו" כאַשעווער און טײַערער ווי די „קונילעמלעך"? „מאַרוסיאַ באָגוסלאַווקאַ" איז גוט, און „הערשעלע דוב־

ראָונער״ טויג ניט? „נאטאלקא פּאָלטאווקא״ איז קאַשער־ווײַאַשער, און „כאַסיע די יעסוימע״ איז בא אײַך טרייף־פּאָסל... אדעראבע, דערלאַנגט אהער די רעכטע פּיעסע, וואָס אײַך אליין געפעלט, וועט איר אומיסטן זען, צו וואָס פאר א טעאַטראַלער הייך מיר ווען זיך דערהייבן, כאָווער יאַקאָוו. איר ווייסט דאָך גאַנץ גוט, ווי א געבילדעטער קולטור־מענטש, וואָס באַטײַט פאר אונדז טעאַטער־שפּיל?.. מיר זײַנען ווי די אומשולדיקע שעפסן, וואָס גייען ארוף אפן מיזבייעך זיך מאַקריוו זײַן לעשעם דער קונסט... — ער שטעלט זיך אין א טעאַטראַלער פּאָזע, העכערט פּאַטעטיש די טיף־ברוסטיקע שטים. — מיר טוען טאָן קניִען פאר דער קונסט־הייליקייט... דאָס איז אונדזער קאָדשיי־קודאָשים!.. און איר, כאָווער יאַקאָוו, זײַט צוגעשטעלט געוואָרן פארן קויהענגאָדל...

דאָ האָט דער פּאָליטפּראָסוועט אויסגעפּראַלט אזא הילכיק געלעכטער, וואָס האָט אָפּגעדונערט פון איין עק גאַס ביז דער צווייטער. פּונקט אין דער מינוט בין איך אריַינגעפאַלן דעם כאָווער יאַקאָוו גלײַך אין די הענט.

— הא, ווי געפעלט דיר דער גראַמאַטיקער? — טרייסלט ער, קײַכנדיק, מײַן אקסל, — האָסט באַדאַרפט הערן, מיט וואָס פאר א לאָשן דאָס נעבעכדיק־אָרעם שעפעלע האָט געטײַנעט צום צוגעשטעלטן קויהענגאָדל?.. אָן אײַנפאַל א ביסל!

דער ייִנגערער ברודער, לייבושל, דער זעלבער, ווער עס מאַכט שטענדיק דאָס פּובליקום לאַכנדיק, אָן אַקטיאָר פון די שפּיץ פינגער ביז די שפּיץ האָר, האָט דאָס קורצע כיכיקען זײַנס מער געשלונגען אין זיך, ווי געוויזן פאר דער דרויסנדיקער גאַס. עפּעס איז בא מיר אויסגעקומען, קוקנדיק אף אָט דעם האָצמאַך, אז אויב ער מאַכט שוין יאָ יענעם לאַכנדיק, טאָר ער זיך אליין ניט פארגינען, ווי ווײַט עס זאָל אים ניט שטיקן דער געלעכטער, א לאַך טאָן אף א קאָל... דערפאר, זעט אויס, זופּט דער קאָמעדיאַנט לייבושל קלאַנגלאָז מיט די ליפּן, ווי, לעהאַוודל, אָן ארויסגעכאַפּטער פיש אף דער יאַבאָשע.

ניט שווער זיך אָנשטויסן, אז עפּעס זייער נייטיקס ווילן זיי פויעלן, די בלעכערלעך, באַם פּאָליטפּראָסוועט, זיי לייגן אײַן די וועלט פאר דער היגער ייִדישער טרופּע.

— טײַנע פון הײַנט ביז איבעראיאָר, רייד יאָ, רייד ניט, — קלאָגט זיך שוין דער כאָווער יאַקאָוו, — וויל מען ניט פארשטיין, אז ניט אלץ איז אָפּהענגיק פון מיר. גלייבט מיר בענעמאָנעס, אז איך וואָלט אליין א באַלן געוועז, סע זאָל אײַך זײַן וואָס בעסער, אָבער ניט אלץ, מײַנע פרײַנט, איז געווענדט נאָר אין מיר... דאַכט זיך, אזא פּראָסטע אריפמעטיקע, און קיינער וויל עס ניט נעמען אפן סייכל.

— האַקלאַל, צו וואָס זשע דערליידן מיר זיך? — גרײַפט אָפּסנײַ אָן דער טראַגיקער. — דאָנערשטיק, וויל איך וויסן, וועט דער זומער־גאָרטן זײַן אונדזערער? סאַכאַקל, ארום־און־ארום, האָבן מיר דרײַ מאָל געשפּילט „מירעלע עפראָס״ אין דער הילצערנער קאַזאַרמע (געמיינט דעם טוווע־שפּײַכלער, לעצטנס א פארלאָזענע כורווע אף דער טאָרהאָוויצע). וואָס זעט זיך עס אָן פאר אזא שטאָט, קיין אײַנהאָרע, ווי אונדזער אָנגעטאָסעוועטע באַרשעוו? א טראָפּן אין יאַם. מיר בעטן בא אײַך, כאָווער יאַקאָוו, דערלויבט כאָטש איין וואָך צײַט שפּילן אין זומער־גאָרטן. מיר וועלן אײַך אייביק דערמאָנען צו גוטן...

— דער זומער־גאָרטן געפינט זיך דען אין מײַן רעשוס? — טוט דער כאָווער יאַקאָוו א הייב די אקסל. — נארישקײַטן!

פּונקט לעבן סקווערל, אנטקעגן ארבעט־פּאַלאַץ, איז מען אלע דרײַ געבליבן שטיין אָן א וואָרט לאָשן. איך זע, אז מע האָט זיך צו גאָרנישט דערעדט. ערשט מאָרגן, נאָך דער ארבעט, ארום זעקס־זיבן אין אָוונט דאַרפן די ברידערלעך זיך אריַינכאַפּן, אָט דאָ אפן צווייטן שטאָק, אין לייען־זאַל, וועט ער, דער כאָווער יאַקאָוו, געבן א קלאָרערע טשוווע.

אפּאָנעם, דעם דאָזיקן איניען, שטויס איך מיך אָן, דאַרף נאָך עמעצער לייזן.

— איך שטיי אינגאַנצן אף אײַער זײַט, — זאָגט דער כאָווער יאַקאָוו לעסאָף, — נאָר אינדערינען, מײַנע טײַערע ארטיסטן, איז דאָ א שטיקל מעניִע...

שפּעטער, ווען די בלעכערלעך האָבן זיך פרײַנטלעך געזעגנט מיטן פּאָליטפּראָסוועט, רוף איך מיך אָן דרייסט און אנטשלאָסן, אז איך האָב אויך מיט אים עפּעס נייטיקס צו שמועסן.

— אשטייגער־לעמאָשל? — פארקלײַבן זיך בא אים צו די מויל־ווינקלען דריבנע שמייכלען.

— מיקויעך דעם אָנגעפּאָרענעם אלטן מאָלער, אָניסי מאַרקאָוויטש. געוויס, קלער איך, קענט איר אים זייער גוט.

— וואָדען, אוואַדע קען איך דעם פּעטראָגראַדער מאָלער. נו־נו, בעקיצער, — קוקט ער אף מיר אומגעדולדיק, — עפּעס איז געשען מיטן אלטן?

— כאָלילע, זאָל גאָט אויסהיטן... שטעלט אײַך פאָר, כאָווער יאַקאָוו, — בין איך אים מוידיע מיט דער העכסטער פרייד, — אַז דער מעפונעק האָט זיך אונטערגענומען מאָלן אַשער שוואַרצמאַנס פּאָרטרעט.

— דער אַנטלאָפענער?.. דער מיט אַלעמען צעקריגטער?.. — בלײַבט דער כאָווער יאַקאָוו אַ ווײַלע צעטומלט. — איך פאַרשטיי לאַכלוטן ניט, וואָס דו רעדסט צו מיר... פונוואַנען קומט דער געשמאַדטער מאָלער צו אַשער שוואַרצמאַנען? יענער האָט קיין מינדסטע אַנונג ניט וועגן ייִדישער ליטעראַטור, ביפּראַט וועגן דיכטער אַשער שוואַרצמאַן...

— אַצינד, כאָווער יאַקאָוו, האָט ער שוין אַ שטיקל אַנונג... — לאָז איך פאַרשעמט אַראָפּ דעם קאָפּ מײַנעם. — אַניסי מאַרקאָוויטש רופט אַשער שוואַרצמאַנען ניט אַנדערש ווי דער ייִדישער לערמאָנטאָוו... דער פּאָעט מיט די דורכגעשאָסענע אויגן... ווייסט איר כאָטש, פונוואַנען דאָס נעמט זיך? דאָס נעמט זיך, מיסטאַמע, דערפון, כאָווער יאַקאָוו, ווײַל אויפן שלעכטן פאָטאָ־בילדל, וואָס איך האָב אים אונטערגעטראָגן, זײַנען די אויגן ווי דורכגעגעבערט, ביפּראַט דער אַלטער מאָלער האָט נאָך דערהערט, אַז דער דיכטער איז מיט אַ העלדן־טויט געפאַלן אין אַ פאַרביטערטן שלאַכט מיט די ווײַסע.

— מענטש אײנער, — מאַכט ער צו מיר, — וואָס זשע שווײַגסטו? דו האָסט אים דערציילט וועגן שוואַרצמאַנס העלדישן אומקום?

— יאָ, איך האָב אים דערציילט... אַפילע אײניקע לידער געלייענט אויף אויסווייניק.

— נאַרעלע אײנער, דער מאָלער פאַרשטייט דאָך ניט די שפּראַך.

— וואָס זשע בין איך שולדיק?..

מיט אַלע פינף פינגער טוט דער כאָווער יאַקאָוו פריילעך־אויפגעלייגט אַ באָרבל אין מײַן קורץ געשוירענעם קאָפּ האָר, ער שמייכלט צופרידן, דריקט מיך צו צו זיך הייס און גליקלעך, גלײַך ווי איך וואָלט פאַר אים פערזענלעך געטאָן די גרעסטע טויווע. דער פּאָליטפּראָסוועט האָט ניט געוווּסט, וואָס מיט מיר פריִער טאָן פאַר גרויס סימכע... אָבער איך האָב זיך אָנגענומען מיט האַרץ און לעכאַטכילע אים געוואָרנט, אַז דער אַלטער מאָלער מאָלט דעם שוואַרצמאַן־פּאָרטרעט בלויז פאַר אונדזערטוועגן, פאַר דער שול־היים.

— וואָס פאַר אַ נאַפּקעמינע? — שפּרינגט ער אַזש אונטער פון גרויס סימכע. — דעריקער איז דאָך דאָס, וואָס דער צולאָכעסניק ברעכט זיך ביסלעכווײַז, ער ווערט נעענטער צו אונדזער נײַער צײַט, צו אונדזער נײַעם שטייגער־לעבן... מעגסט מיר גלייבן, ברודער מײַנער, אויפן וואָרט, — ווערט דער כאָווער יאַקאָוו מיט מיר היימישער און פאַרטרוילעכער, — מײַנע אויערן קאָנען אַקוראַט ניט כאַפּן דאָס, וואָס דײַן גוט גערעדטן צינגעלע ברענגט אַרויס... אַניסי מאַרקאָוויטש, אָט דער אַלטער מעשומעד, שעמט פאַר אַ גרויסן קינסטלער, מע מעג אים רעכענען פאַר אַ וועלט־מאָלער, פאַרשטייסט, ברודער־לעבן, וואָס איך רעד צו דיר? מיט אים פאַרנעמען זיך אָנגעזעענע מענטשן אין דער מעדינע, גרויסע פערזענלעכקײַטן... אַלע ווייסן, אַז ער איז אַ ביטערער אַקשן, זייער אַ קאַפּריזע בריִע, וועלכער וויל זיך מיט קײנעם ניט רעכענען. מיר גייען אים אַנטקעגן מיט אַ ריין אויפריכטיק האַרץ, מיט אָפענע אָרעמס, ווי צו אַ פרײַנט, נאָך מער, זאָל עס בלײַבן צווישן אונדז, ניט אַלע באַקומען אַזאַ מאַטעריעלע שטיצע, ווי דער מאָלער...

הייסט עס, — זאָגט מיר אונטער דער סייכל מײַנער, — אַז מע זאָרגט וועגן מאָלער, מע האַלט אים אין אויג און מע לאָזט אים כאָלילע ניט פאַלן... פאַרשטיי איך ווידער ניט. פאַרוואָס זשע פילט ער זיך אַזוי עלנט אין באַרשעוו? דער צאָרן ליגט אים מאַמעש אויסגעגאָסן אויפן פּאָנעם, עפּעס אַן אומגליק־בראָך הערשט אין זײַן געמיט. ווער, וואָלט איך אַ באַלן געוועון צו וויסן, האָט אים אָנגעטאָן אַזויפיל צאָרעס און כורבוינעס אויף דער עלטער?..

...דעם אַלטן נאָוועגאַד־מאָלער קאָן איך, באַ מײַן בעסטן ווילן, בעשום־אויפן ניט פאַרשטיין. ער איז פאַר מיר אַ האַרבע רעטעניש... אַ רעטעניש? יאָ, אַ רעטעניש. דערווײַל, ביז וואָס־ווען, איז עס ניט פאַר מײַן קעפּעלע... באַגערן באַגער איך איצט איין זאַך: דער שוואַרצמאַן־פּאָרטרעט זאָל וואָס גיכער פאַרענדיקט ווערן.

דאָך לאָזט מיך מײַן נאַיִוו־קינדערישער נײַגער ניט צורו.

— פאַרוואָס האָט מען דעם אַלטן מאַן מיט אַזאַ באַרימטן נאָמען אַרויסגעטריבן פון פּעטראָגראַד?... — פרעג איך זיך נאָך באַם כאָווער יאַקאָוו.

— אַזאַ בילבל! — וואַרפט ער זיך אָפּ, ווי אַ פריטשמעליעטער, מיט צעשראָקענע אויגן. — ווער טראַכט עס אויס אַזעלכע באָבעמײַסעס? נאַ דיר גאָר אַזאַ אויסטראַכטעניש!.. קײנער האָט אים ניט געטריבן, ער איז אַליין אַנטלאָפן פון דאָרט... אַליין. וועגן לונאַטשאַרסקיס דעפּעש ווייסטו דאָך? דער פאָלקסקאָמיסאַר רופט צוריק דעם אײַנגעשפּאַרטן אַקשן... ניאַנטשעט זיך

מיט אים, ווי מיט אַ צעפּעסטעטע קינד... און ער איז באַ זיך צו גאָדלדיק, מײַן מעיוכעס, מײַן טײַערס...

ווער־ווער, נאָר איך ווייס גוט דעם איקער־האַמײַסע, דעם עצעם פון דער זאַך: דער פּאָליטפּראָסוועט האָט, צום באַדויערן, דעם וועג ניט געפונען צום פּאַרוואָגלטן מאָלער. זייער נייטיקס, אַפּאָנעם, האָט געפעלט, עס זאָל אײַנגעשטעלט ווערן אַ וואָסער־ניט־איז קאָנטאַקט. מיר דוכט, אַז קיין בעסערן פאַרמיטלער, ווי איך אָדער כאַמעלע, וועט דער כאַווער יאַקאָוו אין ערגעץ ניט געפינען. דערפאַר איז ער, ווען איך האָב אים אָנגעזאָגט די גוטע יעדיִע וועגן שווארצמאַן־פּאָרטרעט, געוואָרן אַזוי מאָלע־גדולע, דער מענטש איז מאַמעש געווען אויפן זיבעטן הימל. מאַשמאָעס, דער פּאָרטרעט וועט עפּשער דערמעגלעכן אָנקניפּן נעענטערע באַציִונגען מיטן „אָטשעלניק”.

— זעסט אים אָפט, דעם אַלטן טשודאַק? — פרעגט ער דערעכאַגעוו.

— קימאַט אַלע טאָג זע איך אים.

— דערציילסט אים כאָטש וועגן אײַער שול־היים?

— אָניסי מאַרקאָוויטש האַלט ניט שטאַרק פון אונדזער שול־היים. ער זאָגט, אַז אַ שול דאַרף זײַן אַ שול און אַ היים דאַרף זײַן אַ היים.

— מיילע, פאַרשטייט ער ווינציק אין דער נײַער סאָציִאַלער פּעדאַגאָגיק. ער איז ניט מעכוּיעוו וויסן און פאַנאַנדערקלײַבן זיך אין די אַלע נײַ־געשאַפענע קינדער־אַנשטאַלטן, קלאָלים און סיסטעמען פון דער סאָוועטישער דערציִונג. אַזעלכס לאָזט זיך לײַכט פאַרגעבן. דער איקער־שעבעיִקער איז — בייגן אים אויף אונדזער זײַט, ער זאָל זיך ענגער אײַנלעבן מיט אונדזער ווירקלעכקײַט, טיפער באַנעמען דעם נײַעם אָרום.

אויפן זינען קומט מיר פּלוצעם מײַן מאַמעס אַ גלײַכווערטל וועגן אַזעלכע געבראָטענע אָקשאָנים, ווי דער פּעטראָגראַדער כושימניק, כוץ לעדערעך האַטעווע: ער וועט זיך גיכער לאָזן ברעכן, דער אָנגעפּאָרענער האַרבער פאַרשוין, איידער בייגן... מיר דאַכט, אַז דער כאַווער יאַקאָוו לייגט זיך גרינגע פייגעלעך אין בוזעם. אויב דער מאָלער וועט ווען־עס־איז אַרויף אויפן גלײַכן וועג, טראַכט איך פאַר זיך, איז נאָר מיטן אייגענעם סייכל־האַיאָשער, מיט דער אייגענער איבערצײַגונג און מיטן אייגענעם גוטן ווילן. דאָס, וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען מאָלן שווארצמאַנס פּאָרטרעט, איז נאָך גאָר אַ קליינער סימען, אַז ער האָט זיך אַ קער געטאָן מיטן פּאָנעם צו אונדזער צײַט, צו דער רעוואָליוציע. אייִנצײַטיק מאָלט ער אויך קאָל־האַמינים אָפּגעטער, צווישן זײַנע פּעק געמעלן קאָן מען געפינען אַ האַלב־שיקערן גלאָקן־קלינגער, אָן אַלטע פרומע איהומענשע, אָדער אַ הײַפעלע יידן, ווי זיי שטייען אין בעסמעדרעש־הויף און זײַנען מעכאַדעש די לעוואָנע, צי גאָר אַ שווארצע כאַסענע אין דער צײַט פון אַ מאַגייפע... צו דער רעוואָליוציע, זעט מען, איז ער נאָך מיט זײַן מאָלן ניט דערגאַנגען. פאַראַן עפּעס יאָ ברעקלעך, שטיקלעך, צעוואָרפענע געמעל־שטריכן, שאָטן־בילדלעך, עסקיזן, ווי ער אַליין רופט עס אָן, פון כאָרעווע וואָקזאַלן, פאַרטרונקענע אָקאָפּעס, גרויסשטאָטישע רויִנען, אַ באַנאַכטיקע ריי נאָך ברויט, אַ פּאַכעד וואַרפט אָן די אָנגעמאָלטע אויסגעהונגערטע גאַס זײַנע... דערבײַ איז אָבער אויך פאַראַן באַ אים אַן אויפגעהויבן פלאַטערדיק פענדל, אַ ליכטיקער זונפלעק...

— אַ גאַנץ לעבן יאָגן מיר זיך נאָך דער צײַט, — קלאָגט זיך דער אַלטער מאָלער, — און קאָנען זי בעשום־אויפן ניט אָניאָגן. מיר, קינסטלער, בלײַבן שטענדיק הינטערשטעליק, שלעפּן זיך ערגעץ־ווו אין עק, באַם סאַמע סאָף. יעטווידער קינסטלער שילדערט דאָס געשעענע, דאָס, וואָס האָט שוין אין לעבן פּאַסירט. הייסט עס בעמיילע, אַז ער ווערט אַ שטיק היסטאָריקער... דער שעפער שטעקט ערגעץ אינעם נעכטן, נאָר ער איז טאָמיד מעסוגל אָנצינדן מענטשלעכע הערצער צו בעסערס און שענערס אין דער צוקונפט.

כאָמעלע זאָגט, אַז זי פאַרשטייט זייער גוט, וואָס דער אַלטער מאָלער מיינט מיט דעם געזאָגטן, וואָס פאַר אַ טיפקײַט עס שטעקט אין זײַנע רייד. איך בין זיך מיסוואַדע פאַר איר, אַז מיר איז שווער צו באַנעמען זײַנע געדאַנקען. ענטפערט זי, די כאַכאָמע, אַז דאָס איז נאַטירלעך, דערצו בין איך נאָך ניט דערוואַקסן.

— וואָס פאַר אַ כידעש? — זאָגט זי. — דער מויעך דײַנער איז נאָך גאַנץ גענוג רוי...

באַ איר אַליין איז רוי דער מויעך... זי פאַרשטייט אים יאָ, און איך ניט... גלאַט, עס גלוסט זיך מיר ניט פאַרקריגן מיט איר אויף טויט... איך וואָלט איר געקאָנט אָפּשפּילן אַ פריילעכן ווײַוואַט. ווי געפעלט אײַך די האָזע? באַ איר זײַנען די געדאַנקען סייכלדיק־רײַף, נאָר באַ מיר זײַנען זיי נאָך רוי.

— נאַריש קעלבל וואָס דו ביסט, — לאָזט זי מיך לאַנג ניט שטיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער נאָז, — קינד אייינער... פאַר דיר עפנט זיך ערשט די גרויסע ליכטיקע וועלט. וועסט נאָך אין

דײַן לאַנג לעבן געגנוג זען, הערן און פאַרשטײן קלוגע זאַכן. אין אַ יאָר צוויי־דרײַ אַרום, קאָן איך דיר קאָווירן, ווען דער זעלבער מאָלער, אָניסי מאַרקאָוויטש, זײַן פאַר דיר גאָר אַן אַנדערער, און די אָנגעמאָלטע בילדער זײַנע וועסטו זען אַנדעה־ש און פילן אַנדערש...

דאָס גראָדע פאַרשטײ איך צו גוט. כאָמעלע רעדט ניט פון וועג. די מאַמע מײַנע זאָגט מיר אויך צו לעהאַבע גאָלדענע גליקן, אַז איך וועל נאָך באַווײַזן פאַרזוכן אין מײַן לעבן פונעם אײַיך־האַדאַס... די וועלט וועט מיר נאָך געגנוג נימעס ווערן... מיר דאַכט, פאַרקערט, איך האָף צו געניסן פון דער וועלט, דערזען פיל וווּנדערלעכס, דערוואַרט ניסים־ווּנעפלאָעס, כּידושים־דיקײַט, ניט זי זאָל מיך אַנטוישן, נימעס־אומאָעס ווערן. זאָל מיך גאָט אויסהיטן צו ווערן אָפּגענאַרט פון איר... וועגן דעם האָט מיר אַנומלטן דערקלערט זייער שײן דער לערער אַרל סקליאַר: די וועלט אַלײן, זאָגט ער, דערוואַרט אויך פון מיר עפּעס נוצלעכס, גוטס. מע קומט ניט צו דער וועלט זיך אָוועקזעצן צו איר טיש אַף קעסט. פונקט אַזוי, ווי דו ווילסט פון איר געניסן, האָבן פאַרגעניגן, שעפן נאַכעס, אַזוי וויל די וועלט, דו זאָלסט איר צאָלן מיטן זעלבן סכאַר... לײַדאַקעס, פּוסטעפּאַסניקעס, באַטלאָנים און לאָוועלאַסן האַלט זי אַפּן סמיטניק.

— נאָר אַ לאָדער, אַ פוילע זאַך, — זאָגט דער לערער, — שלאָפט זיצנדיק און אַרבעט ליגנדיק. — ער גיט נאָך דערבײַ פּילדײַטיק צו, זשמורענדיק די קלײנע כיטרע אײַגעלעך, — וואָס פאַר אַ זריִע, אַזאַ טוווע... אַף ניסים, קינדערלעך, איז ניטאָ וואָס זיך צו פאַרלאָזן.

פאַר זיך זעלבסט מאַך איך קלאָר און קורץ דעם אויספיר: ניט נאָר איך קוק אַרויס אַף דער וועלט, נאָר די וועלט אַלײן קוקט אויך אַרויס אַף מיר. בײדע וואַרטן מיר אומגעדולדיק אַף צו שעפן פולע ברינעמער נאַכעס אײנער פונעם אַנדערן, איך פון דער וועלט, און די וועלט פון מיר... דעריקער איז קעגנזײַטיק געפעלן ווערן, נויסע־כײן זײַן אײנער באַם אַנדערן...

שפּעטער, שפּעטער... וואָס שפּעטער וועט זײַן, וועלן מיר זען דערנאָך. דערווײַל ווילט זיך טראַכטן וועגן דער שײנער ליכטיקער וועלט, כאָלעמען וועגן איר די שענסטע כאַלוימעס — דער עמעסער גאַנײדן זאָל זײַן דאָ, אַף דער־וועלט, ניט אַף יענער־וועלט.

בעסער פריִער

כוץ כאָמעלען און דעם כאַוער יאַקאָוו, ווייסט נאָך קײנער ניט, אַז דער פּעטראָגראַדער מאָלער טוט בעפּירעש אַ גוטע נוצלעכע זאַך. פאַר דער שול־היים וועט עס זײַן אַן אומדערוואַרטע טײַערע מאַטאָנע. אַוואַדע וועלן מיר זיך גרויסן, איבערנעמען און אַפילע שטאָלצירן מיט אַזאַ ווערטפולן געשאַנק. זאָל אונדז געגעבן ווערן כאָטש אײן מאָל אין לעבן זיך פילן אַזוי גוט און צופרידן, ווי, לעמאָשל... די קינדער פון קינדערהויז.

מיט אומגעדולד קוק איך אַרויס, אַז דער שוואַרצמאַן־פּאָרטרעט זאָל פאַרענדיקט ווערן. כאָמעלע האָט בעשײַטע צוגעזוכט אַ שײנע געשניצטע ראַם און אײַנגעוועגס אָפּגערעדט מיטן שטונדיסט (זײַן נאָמען ווייס איך ניט), ער זאָל זיך מאַטריִען זײַן קומען צו אָניסי מאַרקאָוויטשן אַהיים אָנגלאָזן דעם פּאָרטרעט. דער אַלטער מאָלער האָט נאָך געגנוג אַרבעט אַרום שוואַרצמאַנען. אַז סע וועט שוין האַלטן באַ אָנגלאָזן, דעמלט וועט מען זען, צי עס לוינט פאַרבעטן אַזאַ טונקעלן פאַרשוין צום מאָלער. דערווײַל איז ניט נײטיק אָנקומען צום פאַרדעכטיקן שטונדיסט. דעם אויסגעדאַרטן נעפּעש האָב איך ניט ליב געהאַט איבער אַ סאַך טײַמים. קוידעמקאָל דערפאַר, וואָס אין שטאָט רעכנט מען אים פון די „פּאָטײַנע הינט"... וועגן שטונדיסט רעדט מען גאַנץ אָפן, אַז ער בײַסט אײנדערשטיל. ס׳אַ פאַרקויפטע פעל, פון וועמען מע קאָן אומגעריכט געמאַזיקט ווערן... זע נאָר, כאָמעלע, דער אַלטער מאָלער זאָל ניט אַרײַנפאַלן אין זײַן ווערעמדיק מויל... אַ מאָסער איז ערגער פון אַ גאַנעוו. אַ דײַגע, וועט דער פּאָרטרעט זײַן ניט אָנגעגלאָזט, אַ קלײנער אומגליק. שוואַרצמאַנס בילד, מעגסטו מיר גלייבן, וועלן מיר אַרומצירן און אַרומפּוצן מיט לעבעדיקע בלומען־קרענץ — גרינע יעלן־צווײַגלעך, פּילקאָלירטע פּאַפּיר־אויסשניטן, עס וועט זײַן פּאָשעט אַף כּידושים קוקן אַפן דיכטער. האַלעווײַ דערלעב איך אים שוין זען, דעם פּאָרטרעט.

ווער וויל עס לײַדן קרומע בייזלעכע בליקן, אויסהערן טאַרומעס, פּרעטענזיעס פאַר גאָלע גאָרניט? מײַנע לערער זײַנען ווינציק־וואָס צופרידן מיט מיר. זיי וואַרפן מיר פאָר, אַז באַטאָג ווער איך טײקעף, מיט דער מינוט, אַנטרונען... וואָס איז די מײַסע? דער קאָלעקטיוו, האַלטן זיי מיר אין אײן מוסער־זאָגן, איז מיר ניט ליב, ניט טײַער. איך מײַד אים אויס, ווער ביסלעכווײַז אָפּגעפרעמדט פון אים, אַנטלויף פונעם אַקטיוון לעבן, האַלט זיך באַ אַ זײַט, פונדערווײַטנס. פונוואַנען, ווילן זיי וויסן, די לערער, האָט זיך צו מיר גענומען אָט די טויטע פּאַ־

סיווקיַיט?.. פריִער האָב איך זיך באַטייליקט ענערגיש אין אַלע איניאַנים, אַפילע געווען אַן אַקטיווער אַנטיילנעמער אין אַלע רײַסערײַען, אַמפּערנישן, געַרעכטע און אומגערעכטע... מײַן קאָל האָט זיך אומעטום געלאָזט הערן. פאַרוואָס זשע הערט מען איצט ניט פון מיר קיין קלאַנג? זיי, די לערער, ווילן שטאַרק וויסן, וואָס איז מיט מיר לעצטנס געשען? דאָרט, אין קלײניטשקן לערער־צימער, דערמאָנט מען מײַן נאָמען ווײַט ניט צו גוטנס... ניט איין מאָל רופט מען מיך אַהין, אין ענגן כײַדערל, און מע וויל זיך אַלץ דערגרונטעווען, וואָס אַזעלכס האָט פּאַרט פּאַסירט... עפּשער איז די מאַמע מײַנע ניט געזונט, עפּשער פֿיל איך זיך אַליין ניט מיט אַלעמען?.. עפּשער און עפּשער... אומזיסט ברעכט מען די קעפּ, אומזיסט זייער גריבלעניש, דאָס נאָכפאָרשן און ראַיען זיך, דאָס אַרומפרעגן און איבערפרעגן, דעם „ריינעם עמעס" איז נאָך פרי צו דערציילן. דאָס, וואָס מיר קומט אויס פריִער אַוועקגיין פון שול־היים, אַף דעם איז בײַ מיר פאַראַן זייער אַ גוטער אויסגעטראַכטער טערעץ פאַר די לערער — מיר האָבן אַ גאַסט... דער מאַמעס אַן עלטערמומע איז געקומען, נעבעך אַ קאַליקע, ניט דאָ געדאַכט... עמעצער מוז זײַן מיט איר... מײַן מאַמע קומט שפּעט פון דער אַרבעט, דעריבער לויף איך פרי אַהיים... דער צוגעטראַכטער טערעץ מײַנער, פיל איך, לייגט זיך אַפן סייכל. אַזויאַרום בין איך פּאַטער געוואָרן פון אַן אומזיסטן כשאַד...

טאָג נאָך טאָג, עס מעג דונערן און בליצן, זיץ איך אַף מײַנע צוויי־דרײַ שאָ לעבן אַלטן מאָלער. מיט דעם, וואָס איך ווײַז זיך אָפּטער פאַר זײַנע אויגן, ווילט זיך מיר גלייבן, וועט זײַן מאָלערישע אַרבעט איבערן פּאָרטרעט גיין אַ ביסעלע שנעלער. וועהאָרײַע, יעדעס מאָל לאָזט ער מיך הערן האַלב אין שפּאַס און האַלב ערנסט, מיט אַ לײַכטן שמייכעלע: דײַן באַשטעלט שוואַרצמאַן־בילד לאָזט מיך, פּאַשעט גערעדט, ניט צורו, ער מאָנט ווי אַ לעבעדיק וועזן, וואָס גיכער אים אַרויספירן אַף דער ליכטיקער שײַן... דעם מאָלערס פאַרשמאָלטע אויגן מיט זייערע טיף דורכדרינגלעכע בליקן, קלוגיטשקע, דורכגעטריבענע, שטויסן זיך אָן אין מײַנע פאַרטײַעטע געדאַנקען: מיינסט, זאָגט ער, איך פאַרשטיי ניט, נאָך וואָס דו קומסט אַהער?.. האָב קיין יעסורים ניט, באָכער־לעבן, אַלץ, מײַן טײַערער, וועט זײַן אין דער פולער אָרדענונג, פריִער אָדער שפּעטער — מײַן כיוו וועט זײַן געדעקט.

...בעסער פריִער!

מײַן קומען אַהער צו די טײַך־שטיינער איז ניט קיין אומזיסטס. דאָס אָפּזיצן די עטלעכע שאָ מאָנט פון אים ניט ווינציק.

— אַ צוגעזאָגט וואָרט, זאָלסטו געדענקען, איז אַזוי גוט און ראַיעל, ווי אַ געלייגטע כסימע, — באַרוּיקט ער מיך, — זאָל דיר דאָס האַרץ זײַן גאַנץ! — דערלאָזט ער מיך ניט פאַרלירן די גוטע האָפענונג, מונטערט מיך בײַ יעדער געלעגנהײַט מיט אַ טרייסט־וואָרט. — זאָל דײַן שלאָף אין די נעכט זײַן רוּיקער.

צײַטנווײַז קאָן איך זיך קיין אָרט ניט געפינען. ביז די אויגן מײַנע וועלן ניט זען דאָס שוואַרצמאַן־בילד, גלייב איך קיינעם ניט. אײַ, כאָמעלע זאָגט, כאָמעלע דערציילט, כאָמעלע באַוואונדערט... מאַלע וואָס די מויד פּלאַפּלט דאָרט... איך וויל זיך ניט פאַרלאָזן אַף אירע היספּײַלעס. די געשניצטע ראַם, וואָס זי האָט שוין צוגעזוכט פאַרן שוואַרצמאַן־פּאָרטרעט, איז נאָך פאַר מיר קיין רײַע ניט. ס'אַ קליינער באַווײַז, גלייבן גלייב איך נאָר אין דעם, וואָס איך וועל אַליין זען מיט מײַנע אויגן.

...לאַנג האָט זיך געצויגן מײַן אומגעדולדיק וואַרטן, גאָר לאַנג. ערשט אין אַ וואָכן דרײַ און עפּשער אין אַ כוידעש אַרום האָב איך קוים דערלעבט זען דאָס באַגערטע און געגאַרטע. איבערן לײַב לויפט דורך אַ פראָסטיקע קעלט, עס וואַרפט מיך, ווי אין אַ קאַדאָכעס... דער דאָזיקער אומגעוויינלעכער נערוון־אָנפאַל דויערט ניט לאַנג. ביסלעכווײַז קום איך צו־זיך, נאָר ערגעץ־ווּ פרירט נאָך אַן אייוועך... כאָמעלע האָט זיך אַרום מיר געבאָרבלט, געווישט דעם שטערן, געשפּריצט וואַסער און דערנאָך, ווען איך האָב זיך אָנגעהויבן פילן בעסער, האָט זי גוטמוטיק געשמייכלט, געפרייט זיך מיט מײַן געזונט ווערן, ווי אַן אייגענע שוועסטער.

— האָסט דאָך מיך דערשראָקן אַף טויט, — האַלט זי מיך אין איין גלעטן און קושן. — כ'האָב שוין בעדייע געהאַט דיך פירן אין שפּיטאָל... נו, ווי:אַזוי פילסטו זיך איצט? בעסער. אַ דאַנק גאָט, אַבי בעסער... מיסטאַמע איז עס געווען בײַ דיר אַ מין כאַלאָשעס... דער מאָלער ווייסט אַפילע ניט, וואָס מיט דיר איז געשען אין די לעצטע עטלעכע מינוט. אַזוי ווי ער ווייסט ניט, אַזוי וועט אים ניט שאַטן.

— סע גאָלע גאָרנישט... — און איך האָב זיך ווידער מיט גרויס אימפּעט אַ צי געטאָן צום בילד. דער שוואַרצמאַן־פּאָרטרעט איז שוין אַרום־און־אַרום געווען פאַרענדיקט, אַפילע אײַנגערעמלט אין דער שיין געשניצטער ראַם, וואָס כאָמעלע האָט מיט אַזויפיל ליבשאַפט צוגעזוכט פאַרן געמעל. דאָס קליינע פאָטאָ־בילדל פונעם זשורנאַל האָט ווינציק־וואָס געשטימט

מיט דער ענלעכקײַט צום פּאָרטרעט. דאָ אפן פריש געמאָלטן שוואַרצמאַן־בילד איז אויס־דריקלעכער דאָס פּאָנעם. עס ציט צו מיט אָריגינעלע צייכענונגס־שטריכן. כ׳האָב דערזען (צו מײַן גרויסן ווונדער) א פּאָר ברייט צעעפנטע אויגן, וואָס קוקן שטאַרק פאַרכידעשט, באהויכט מיט עפּעס א מין אומעט, און אינערלעכן געקלעמטן ווײ... כוואַליעסווײַז שטײַגן די צעווינ־טיקטע האָר, ווי פּאַר א שטורעם. איך בין געווען איבערגליקלעך, וואָס איך זע ניט קיין דורכגעשאָסענע אויגן באַם יִדישן דיכטער... די געזיכט־שטריכן זײַנען געצייכנט אי ווינקלדיק פאַרשאַרפט, אי רונדיק געבראָכן, וואָס מער מע קוקט זיך אײַן אינעם מערקווירדיקן שוואַרצ־מאַן־בילד, אלץ טיפער דערשפּירט מען די ערלעכע פּאַשטעס און זעלטענע טמימעס פון גאָר א גרויסער נעשאָמע.

— נישקאָשע, ניט מעסוקן, אויב עס פעלט דאָ די פאָטאָגראַפישע ענלעכקײַט, — פּרווווט דער מאָלער אף זײַן אויפן מיך אײַנעמען און באַרויקן. — איך האָב קיינמאָל ניט אַרונטער־גענומען קיין קאָפּיע... דאָ וויל איך, זאָלסטו זען, אז אין א געפערלעכער צײַט, ווען עס שלאָגט אן אַליאַרעם, האַלט דער שטורעם־דיכטער די וואָגשאָלן פון שווערד און פען. זײַן נײַ, פריש לאָשן, נאָך אזא גוואַלדיקער וועלט־איבערקערעניש, באשטייט פון וואָרט און פּולווער... בלו־מען און שרויט...

כאָטש איך פאַרשטיי דעם אלטן מאָלער גאָר ווינציקלעך, נאָר איין זאַך, דאַכט מיר, האָב איך דאַפקע יאָ באַנומען, וואָרעם עס פעלט צונויף מיט אונדזער לערער אַרל סקליאַרס געדאַנק. אָשער שוואַרצמאַן קומט צום פּאָלק מיט וואָרט און שווערד — ס׳א גרויסער עמעס! אין גע־פּאַר ווערט דער שטיל־פאַרכאָלעמטער טרוימער א וואַכזאַמער שלאַכט־קאָמאַנדיר, א כאַיל־פירער.

וועהאַרײַע:

אפּגיך צום פערד,

די האַנט שטאָל אָן,

ס׳איז איצט די שווערד,

די שפּיז — א פּאָן —

— דער סוינע באַ די טויערן!

דער שאַלנדיקער רוף צום וואָפן אין מילכאָמע־צושטאַנד וועקט די באשיצער צו שלאַכט־גרייטקײַט, צו אַקטיווער פאַרטיידיקונג קעגן סוינע... דער דיכטער און שלאַכט־קאָמאַנדיר רופט שטעלן א ווידערשטאַנד די פײַנטלעכע קויכעס, די מערדערישע באַפאַלער... קוקנדיק אזוי אפן פּאָרטרעט, ווי דער גרויסער מײַסטער האָט אים געשאַפן, זעט מען, אז דאָס דאַרף טאַקע ניט זײַן בלויז אַן אָפּבילד פון א געוויסן מענטשן, נאָר א מין צוזאַמענגוס פון רוכנײַעס, אוילעם־האַדימיען מיט אַן ערדישן פּרײַהײַטס־קעמפער. איך זע אין שוואַרצמאַנען אויך פּראָסטע סאָל־דאַטישקײַט, פּראַנט, פּאָזיציע, טאָגטעגלעכע זאָרג פארן גורל פון דער מעדינע און פארן פּאָלק. וויפל אינערלעך פײַער, דיכטערישער שווונג ליגט אין דעם דאַזיקן אָקאָרשט אַרויסגעגעבן שוואַרצמאַן־פּאָרטרעט! דאָס עמעסע דיכטער־געשטאַלט טראָגט אין זיך נײַע, נאָך ניט קיין אנטפּלעקטע סוידעסדיקע וועלטן, אין וועלכע מע דאַרף טיף־טיף אַרײַנדרינגען, פאַרשטיין און באַנעמען דאָס מענטשלעך־לעבעדיקע אין דעם דיכטערס ברויזנדיקן האַרץ, אַדורכגענומ־מען ווערן מיט זײַנע פּלאָגן, שווערן אומעט, געדריקט געמיט פאַר מענטשן־פּײַן, פאַר אומזיסט געפאַלענע קאָרבאָנעס. אין דער זעלבער צײַט דאַרף מען זיך אויך קאָנען דערהייבן צו זײַנע ליכטיקע האָפענונגען, גלייבן מיטן גאַנצן וועזן, אז אינעם אָרעמען פּאָלק וועט אומבאַדינגט אויך אַרײַנשטראַלן די זון. אָך, ווי נײַטיק עס איז האָבן א ליכטיקן אויסקוק אף דער שפּע־טערדיקער צײַט, אף דער צוקונפט!

אין מײַן האַרצן איז דער ווונדערלעכער העלדישער דיכטער נאָך העכער געשטיגן, ברייַ־טער און טיפער אַרײַנגעוואַקסן אין מײַן נעשאָמע. מיר איז שטענדיק ליב צו טראַכטן וועגן אָשער שוואַרצמאַנען, געדענקען זײַנע זאַפטיק־געוואָרצלטע שורעס.

(סאָף קומט)

קלאָרקייט

נאָך יענעם מענטשן כ׳וועל ניט בענקען

נאָך יענעם מענטשן כ׳וועל ניט בענקען, פאר מיר, און ניט פאַרזײַנעטוועגן.
דעם וועג אים געבן — זאָל ער פאָרן, נאָך יענעם מענטשן כ׳וועל ניט קלאָגן.
אים אויסמעקן פון מײַן זיקאָרן
ס׳האָט דאָ דער מענטש ניט וואָס צו בלײַבן.
(געוועזן אזא, און ניט געוואָרן) —
עס פרילינגט.
נאָך יענעם מענטשן כ׳וועל ניט בענקען.
טיפער ווערט און ווייכער
נאָך יענעם מענטשן כ׳וועל ניט קלאָגן. דער הימל.
אָט וועט אַראָפּ א פרישער רעגן פון דער קעלט — קיין זייכער.
און אויסוואשן די גאס, די וועגן — אינגיכן פרוכט מיר וועלן קלײַבן.

האַריזאָנט

האָריזאָנט מײַנער, מײַן האָריזאָנט,
כ׳וויל דיך זען ניט פון דער ווײַט, נאָר פון דער נאָ׳נט.

דיך בארירן מיט אן אויסגעשטרעקטער האנט,
דיך א גלעט טאָן, זײַן מיט דיר באקאנט.

ס׳גאנצע לעבן מײַנס צו דיר איך לויף,
נאָר קיינמאָל קומען מיר זיך ניט צונויף.

עס דאכט אמאָל: דערגרייכן בלויז אָט יענעם בארג...
דערגרייכט דעם בארג, און ס׳ווײַזט ארויס זיך — עס איז קארג.

און ווידער כ׳לויף, ביזוואנען ס׳קלעקט נאָר קוי׳ך,
איך האָב שוין קינדער, און זיי לויפן צו דיר אויך.

זיי לויפן הינטער מיר געשווינד און פלינק.
איך קוק אָף זיי, און ס׳ווערט מיר עפּעס גרינג.

א גרויסע פרייד מײַן הארץ פילט דעמלט אָן,
איך בין פאר זיי
אליין דער האָריזאָנט...

די שטוב

עס שטייען פעסט די ווענט, און עס איז דאָ דער דאך,
פון וואנט צו וואנט דער דיל — כאָטש גיי א האָנע.
א שטוב שוין, ווי א שטוב, א שטוב א פראכט.
עס איז שוין דאָ די שטוב, און ס׳איז די שטוב ניטאָ נאָך.

מע האָט ארײַנגעפירט אהערצו וואָס איר ווילט:
א טיש, א בעט, א לאָמפּ און אלץ צעשטעלט דאָ.

א שטוב שוין, ווי א שטוב, א שטוב — א בילד,
א נאכלע, קיין איינהארע. עפּעס פעלט דאָך...

זי איז נאָך קאַלט, די שטוב, ווי ווינטער אין א שניי,
צו וווּסטע ווינקעלעך די שטילקייט קוים טוט גרייכן,
און פעלן פעלט דער שטוב דאָס קינדערשע געשריי,
דער העל־צעבליטער קינדערישער שמייכל.

שאָדן

וואָס רייסט איר עס ארויס, דאָסביימל, פון דער ערד,
האָט קיין ראַכמאָנעס ניט — טוט אזא שאָדן?
עס איז דאָך צוגעווינט צו אָט דעם באָדן,
צו אָט דעם סאָד, ווו זיין ס'איז דעם באשערט.

וואָס רייסט איר עס ארויס, דאָס ביימל, פון דער ערד?
וואָס האַקט איר אָפּ די וואָרצלען, וועלכע טויגן
בלויז דאָ, ניט ערגעץ אנדערש, אָף צו זויגן
דעם זאַפט, וואָס אלע ביימער שפּייזט און נערט.

וואָס רייסט איר עס ארויס, דאָס ביימל, פון דער ערד?
ס'וועט דאָך ניט גרינען מער, עס וועט פארוועלקן
און זיין וועט עס א קאָרבן דאַן, פאַר וועלכן
מע וועט פארשעלטן אייך,
און זיין מע וועט גערעכט.
וואָס רייסט איר עס ארויס, דאָס ביימל, פון דער ערד!

פ א ל ק ס - מ אָ ט י ו

אליין געבעטן אים — ניט קלאַפּ מער אין מיין פענצטער.
פארשווירן אים — פארגעסן זאָלסט מיין טיר.
און זאָל אן אנדערע שוין זיין דיין שענסטע,
אַן אנדערע שוין זיין זאָל אָנשטאָט מיר...

א גאַנצע נאַכט איך גיי ארום, ווי א געשפּענסטער,
געפינען זיך ניט קיין אָרט, דאָס הארץ פארשמארצט.
א גאזלען! האָב געבעטן אים — ניט קלאַפּ מער אין מיין פענצטער, —
קלאַפּט ער אפצולאָכעס אין מיין הארץ...

דיין ערשטער ווינטער

דער ערשטער שניי, דער ערשטער ווינטער.
דיין סאַמע ערשטער יאָרן־קרייז.
ס'איז ווייס אינדר'הייך, און ווייס אהינטער,
ארום איז ווייס — די וועלט איז ווייס...

צי וועט די ריינקייט ווייט זיך שפּרייטן
און ציִען לאַנג איר ווייס געשפּין?
די גאַנצע צייט דיך, קינד, באַגלייטן,
זיך ניט צעשיידן מיט דיר, קינד?

צי וועט די קלאָרקייט איבערבלייבן
אָף דיין געדרייטן, לאַנגן וועג,
צי אין דעם שניי וועט זיך פארקלייבן
געדיכטער טונקל פון א פלעק?

פון אויג דיין שליטעלע פארשווינדט שוין,
באַם האָריזאָנט זיין שפּור צערינט.
ס'איז ווייס אינדר'הייך און ווייס אהינטער,
א גוטן שליטוועגס דיר, מיין קינד!

דאָס וואָלקנדל

פון גאַנצפרי א וואָלקן, גרינג, ווי רויך,
האָט געצויגן שנעל זיך אינדערהויך.

העכער, העכער! — האָט דאָס וואָלקנדל
געקלערט,
ווייל וואָס העכער — גרעסער איז די ווערט.

און די ערד, צעטריקנט און פאַרדאַרט,
וואַרט אַף רעגן, וואַרט — זיך ניט דערוואַרט...

און צו אָוונט — גרוי שוין איצט און שווער —
שווימט צוריק דער וואָלקן צו דער ערד.

ווי א קינד, וואָס ערשט מע האָט אנטוויינט,
האָט דער וואָלקן, דאַכט זיך, גאָר צעוויינט.

זיפּט זיך שוין א רעגנדל אַף דר'ערד,
און עס ווייסט אליין גאָרניט זיין ווערט...

טריט

טראַטוארן רוישיקע און לאַנגע!
צי הערט איר טריט? — דער מענטש איז דאָ
געגאַנגען!
געגאַנגען אָרכים דאָ און באַלעבאַטים,
דערנאָך געגאַנגען מוירדים און סאָלדאַטן,
געגאַנגען שפּעטער טאַקע זיי — די זעלבע,
נאָר שוין פון רישטאָוואַניעס די זעלנער.
טראַטוארן רוישיקע און לאַנגע!
זאָגט, וועלכע טריט עס האָבן אייך געפאַנגען?
די טריט פון מענטשן יונגע און פון אַלטע,
פון די, וואָס גייען פאַרזיכטיק, באַהאַלטן,
און פון די פּאַשעטע גייענדיקע גייער,
און פון די גייער, וואָס דעם שפּור פאַרדרייען,
די טריט פון צניעס ריינע און פון זוינעס...
ווען איר געקאָנט וואָלט אָנשרייבן זיכרוינעס,
מיר וואָלטן לייענען טאַקע אפּאַנעמעס
פון טריט ראָמאַנען גאַנצע און פּאָעמעס.
ס'וואָלט עמעץ, בלעטערנדיק אייערע מעמואַרן,
געטאָן א ציטער, ווייל עס וואָלט אים אַרן,
ער וואָלט געהאַט כאַראָטע פאַר א טראָט א
שלעכטן,
פאַר א ניט באַטראַכטן, ניט גערעכטן...

און אַנדערע — אַזויפיל גוטע מענטשן —
וועלן זייערע טריט מיסטאַמע בענטשן.

טראַטוארן רוישיקע און לאַנגע!
צי הערט איר טריט? — דער מענטש איז דאָ
געגאַנגען!

א שטיין

ליגט א שטיין אינמיטן וועג
איין־אַליין.
כ'פרעג:
ס'איז אים גוט, דעם שטיין?
און פון אים א שפּאַן, ניט מער,
ליגן שטיינער, פונקט ווי ער.
גרייט זיך אָפּגעבן די הענט,
זיך פאַרקנעטן אין צעמענט,
ווערן ווענט.
ס'ליגט א שטיין אינמיטן וועג
איין־אַליין.
מישטיינסגעזאָגט, זיין גאַנץ פאַרמעג:
א ביסל זאַמד אונטערן זייט,
און מאָך — אָן איידעס פון דער צייט!
מיט שאַרפע שפּיצן קליינלעך־ביין
עס וועט א וואָרף טאָן אים צערייצט
די שלעכטע האַנט, וואָס וויל באַגיין
א שווער פאַרברעכן מיטן שטיין.
ווען דאָ ניט ווייט,
א שפּאַן, ניט מער,
עס ליגן שטיינער
פונקט ווי ער.
זיי גיבן אָפּ זיך צו די הענט,
וואָס בויען ווענט.

דאָס וואָרט

ס'איז שטיל ארום, קיין מינדסטער שאָרך,
מע הערט א פליג ניט זשומען.
איך זוך א וואָרט, מיר פעלט א וואָרט,
עס ליגט מיר אַפן גומען.
און איך דערזע דאָ אַפן אָרט
(איך רוף זיי ניט, כ'קאָן שווערן) —
אָט די, וואָס האָבן מיט א וואָרט
געהאָלפן, מיך געלערנט.
זיי קומען גלייך צום טיש, פאַרשפּאַרט
צו בעטן זיי, ווי שטענדיק, —
און ס'קומט דאָס וואָרט! דאָס נייטיק וואָרט!
דאָס וואָרט, וואָס איז פאַרשטענדלעך!

■ ■ ■

ד. זילמאַנאָוויטש

אַף דער אַרבעטע פון א גרויס לעבן

ראַקישקיס — זײַן היימשטאָט. די ערשטע „אוניווערסיטעטן"

ראַקישקיס איז ניט קיין גרויסע שטאָט אין דער ליטע. ווי עס באַהויפּטן די היסטאָריקער, האָבן די ערשטע אײַנוווינער זיך דאָ באַזעצט אריבער פיר הונדערט יאָר צוריק. אַמאָל האָבן דאָ געהערשט די פירשטן קראַשינסקיס, שפּעטער — די באַראָנען־דינאַסטיע טוזענהאַוזענס און אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט — דער גראַף פּשעזדזעצקי.

ייִדן לעבן אין ראַקישקיס פון קאַדמוינים. זיי האָבן געאַרבעט אַף די פּריצישע פּאָלוואַרקן, זײַנען געווען וואַלדהעקער, פורמאַנעס, שוסטערס און שנײַדערס. געווען אויך הענדלער. ייִדישע נעגידים איז אין ראַקישקיס געווען א הײַפּעלע, אָבער קיין אָרעמעלײַט האָבן ניט אויסגעפּעלט.

די נויט האָט א סאַך ראַקישקיסער ייִדן געטריבן אין פרעמדע מעקוימעס. די, וואָס האָבן ניט געקענט און ניט געוואָלט זיך שיידן מיט דער ערד פון זייערע טאַטעס און זיידעס, האָבן געגנוג אָנגעפּלאָגט זיך, ביז מ'האָט געשטעלט די קינדער אַף די פיס. מע האָט געלעבט מיט דער האָפענונג: עפּשער וועלן כאָטש זיי, די קינדער, זען עפּעס בעסערס.

וואָלף סמושקעוויטש איז געווען א מין וואַנדערער־שנײַדער, ער פלעגט גיין פון איין כוטאָר צום צווייטן, נייען פאַר די פּויערים פון זייער היימישן געוואַנט וועמען א סערמענגע, וועמען א רעקל, א פּאָר הויזן.

ניט זעלטן, זוכנדיק א שטיקל אַרבעט, פלעגט וואָלף „פאַרבלאָנדזשען" אין א בײַגרענעץ־דערפל פונעם שכיינעסדיקן לעטלאַנד. אין איינעם אַזא דאָרף באַראָווקי, ניט ווײַט פון דווינסק, האָט ער זיך באַקאַנט מיט באַשעווען — אַן אָרעם מיידל פון זײַן שטאַנד. מ'איז זיך געפעלן, און אינגיכן האָט מען געשטעלט א כופּע.

דעם פערצנטן אַפּרעל 1902 האָט באַשעווע געהאַט א זון. מ'האָט דעם ערשטלינג א נאָמען געגעבן יאָשע.

ווי אַלע ייִנגלעך אין ראַקישקיס, איז יאָשע מער געוואַקסן אַף דער גאַס צווישן דער כאַפּטע ווײַסכעוורעניקעס. זומערצײַט האָט ער גאַנצע טעג פאַרבראַכט הינטער דער שטאָט בא דעם טײַכל לאַוקופּ. צו זיבן יאָר איז ער שוין געווען א גוטער שווימער. די שכיינים האָבן מיט א לײַכטן געמיט אָפּגעלאָזט זייערע קינדער מיט יאָשען, זיי זײַנען געווען זיכער, אַז דאָס דאָזיקע קרעפּטיק און באַדאַכט באָכערל וועט זען, מ'זאָל זיך ניט צעמאַזיקן און וועט אין א נויט קעסיידער קומען צו הילף.

אָבער ניט לאַנג האָט געדויערט יאָשעס קינדהײַט. דאָס לעבן איז געוואָרן אַלץ שווערער. דאָס אַרומוואַנדערן איבער די דערפער האָט דעם טאַטן שוין ניט געגעבן אפילו יענע שפּאָט־קליינע פּאַרנאָסע, וואָס ער האָט פריִער געהאַט. וואָלף דינגט זיך אָן אין דעם גראַף פּשעזדזעצקיס גוט, ווערט א טרעגער און א פורמאַן גלײַכצײַטיק. ס'איז געווען א שווערע האָרעוואַניע. קאַיאָר לאָדט ער אָן דעם וואָגן מיט פולע בידאָנען מילך און פירט זיי אָפּ אַף דעם פּוטער־זאַוואָד. דערנאָך פאַרנעמט ער פון די פּי־שטאַלן, אַרום דער שטאָט, דעם פרישן גע־מעלק און פירט אים אָפּ אין דעם גראַפס הויף און פון דאָרט, ווידער מיט אָנגעלאָדענע בידאָנען, קיין אַביאַלײַ און אין אַנדערע גיטער. אָט אַזוי פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט, ווי א וועווערקע אין דער ראָד.

גענעראַל־לייטענאַנט פון אוויִאַציע
יאַ. וו. סמושקעוויטש

צו יענער צײַט האָט וואָלף שוין געהאט פיר זין. באַשעווע האָט געשוואַנגערט מיטן פינפטן קינד. האָט דער עלטערער, יאשע, אַלץ מער געמוזט זיך אײַנשפּאַנען און ווערן דער ברויטגעבער אין שטוב, מיטהעלפן דעם טאַטן.

לערנען זיך האָט דאָס ייִנגל רעכט ניט באַוויזן. דעם אַלעפבייס האָט אים אויסגעלערנט די מאַמע. אַ פּאָר זמאַנים איז ער געגאַנגען אין כיידער, וועלכן ער האָט, ווי אַ סאַך אַנדערע ייִנגעלעך, ניט איבעריקס ליב געהאַט. ווען דער טאַטע פלעגט אים זאָגן: „מיילע, וועסט הײַנט אין כיידער ניט גיין, וועסט פאָרן מיט מיר...״ — איז יאשע געווען אפן זיבעטן הימל...

די ביטערע בסורע, אַז ס׳איז אויסגעבראָכן אַ מילכאָמע, האָט אין ראָקישקיס זיך פאַרשפּרייט אײנײנעם מיטן שאָוויניסטישן טשאַד, מיט די מאַניפעסטאַציעס פון דער היגער בורזשואַזיע. אײַנגיכן איז די שטאָט געוואָרן אַ בײַפראָנטליניע. ייִדן זײַנען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן זייער היים, אַוועקפאָרן אין די טיפע רוסישע גובערניעס. עס האָבן זיך געלאָזט אין וועג אויך וואָלף מיט זײַן געזינד. געמיינט האָבן זיי זיך אָפּשטעלן אין דווינסק בײַ באַשעוועס קרויווים, נאָר זיי האָבן דאָרט קיינעם שוין ניט געטראָפן.

...לאַנגזאַם שלעפּן זיך אָף מיזרעך איבערפולטע עשעלאָנען מיט מילכאָמע־פּליטים. יאשען האָט זיך געדוכט, אַז ס׳וועט גאָר קיין סאָף ניט זײַן צום פאָרן. אין דרײַ וואָכן אַרום זײַנען זיי אָנגעקומען קיין וואָלאָגדע. די אַלטערטימלעכע רוסישע שטאָט איז געוואָרן אַן אָרעמיקלעך פאַר טויזנטער פּליטים פון ליטע און לעטלאַנד — אַלטע לײַט, פרויען און קינדער.

די סמושקעוויטשעס האָבן געקראָגן אַ ווינקל אין אַ הילצערנעם באַראַק. גאַנצע טעג האָט וואָלף מיטן עלטערן זון אַרומגעבלאָנקעט איבער דער שטאָט, זוכנדיק וועלכע־ניט־איז אַרבעט. ערשט אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט וואָלף פון עמעצן געהערט זאָגן, אַז אָף דער סטאַנציע ניאַדאָמע, ניט ווײַט פון אַרכאַנגעלסק, נייטיקט מען זיך אין אַרבעטער. קיין אַנדער ברייִרע איז ניט געווען. איבערגעלאָזט באַשעווען מיט די פיר קינדער אין וואָלאָגדע, האָט וואָלף זיך אַוועקגעלאָזט מיט יאשען קיין ניאַדאָמע.

פון אַלע זײַטן איז די סטאַנציע געווען אַרומגערינגלט מיט געדיכטע וועלדער. מע האָט דאָ פאַרגרייט געהילץ. וואָלף מיטן זון האָבן זיך אָנגעדונגען צום פּאָדריאַדטשיק גודאָווסקין אין אַ בעקערײַ, וועלכע האָט באַזאָרגט מיט ברויט די וואַלדהעקער. וואָלף — פאַר אַ פורמאַן, און יאשע — פאַר אַ געהילף בײַ דעם בעקער.

די בעקערײַ האָט זיך געפונען אין אַ נידעריקן האַלבטונקעלן באַראַק. די קליינינקע, מיט מעל־שטויב פאַרפּאַראָשעטע שויבן האָבן ניט דורכגעלאָזט די זון. יאשע האָט גיך זיך אויסגעלערנט מאַכן אַ ראָשטשינע, און ווען מ׳האָט אײנעם פון די, וואָס קנעטן דאָס טייג, צוגענומען אָף דער מילכאָמע, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אָף זײַן אָרט.

צו דרײַצן יאָר איז יאשע — יאַקאָוו, ווי מע האָט אים גערופן אין דער בעקערײַ, — געווען אַ הויכוווּקסיקער, קרעפטיקער יונג. אין אַ כוידעש אַרום איז ער אין דער אַרבעט שוין ניט אָפּגעשטאַנען פון די דערוואַקסענע.

אָפּגייענדיק מיט שווייס, האָט ער גאַנצע טעג געקנאָטן דאָס געדיכטע טייג. דער טאַטע האָט שווער געהאָרעוועט בײַ די פערד. גודאָווסקי האָט געצאָלט פאַר דער אַרבעט שפּאָטווייניק. נאָר וואָס זאָל מען געווען טאָן? אין וואָלאָגדע האָבן פינף הונגעריקע מײַלער אַרויס־

געקוקט אף א שטיקל ברויט! און דאָך, ווען דער פרעכער פּאָדריאַדטשיק האָט אזוי פאַר־קלענערט דעם לוין, אז ס'האָט אפילו ניט געקלעקט אף דורכשפּײַזן זיך, האָבן זיי באשלאָסן אומקערן זיך קיין וואָלאָגדע.

ס'האָט זיך געשטעלט דער הארבסט פון 1916. פונקט ווי פאראיאָרן, איז די שטאָט געווען פולגעפּאַקט מיט פּליטים. דער הונגער און דער פלעקטיפוס האָט געקאָסיעט ניט ערגער, ווי די מילכאָמע.

יאַקאָוו מיטן פאָטער האָבן זיך אײַנגעאָרדנט אף ארבעט אלס טרעגער. דער פּאָדריאַדטשיק, איינער א קראסילניקאָוו, איז צוגעגאַנגען צו וואָלפן, א זעץ געטאָן אין זײַן פעסטער פלייצע, צופרידן א שמייכל געטאָן, ווי איינער רעדט: „אָט אזעלכע דאַרף איך". יאַקאָוון האָט ער באשלאָסן מאכן אן „עקזאַמען". דער עלטסטער פון דעם טרעגער־ארטעל, ארקאַדי, א מענטש א ריז, מיט א ברייטער געדיכטער באָרד, האָט אָפּגעקליבן די שווערסטע צווײ זעק מיט טוווע, איין זאַק האָט ער, ווי מע נעמט א שפּילעכל, ארופגעוואָרפן צו זיך אפן אקסל, דעם צווייטן זאַק האָט ער געהייסן נעמען יאַקאָוון.

יאַקאָוו האָט אָנגעשטרענגט אלע זײַנע קויכעס און ארופגעוואָלגערט דעם זאַק טוווע אף די אקסל. די שווערע מאַסע האָט אים געבויגן צו דער ערד. יאַשע האָט געפילט, אז אָט באַלד וועלן זיך בא אים אונטערהאַקן די פיס, און דעמלט... סאַראַ ביזאָיען ס'וועט זײַן... נאָר אָט טוט ער א שפּאַן, א צווייטן, א דריטן... אָט איז ער שוין אף די טרעפּלעך, וואָס זײַנען צוגע־שטעלט צו דער באַרזשע.

אויסגעשאָטן די טוווע, האָט יאַקאָוו זיך אומגעקערט אפן ברעג. ארקאַדי איז צוגעגאַנגען צו אים, אראָפּגעלאָזט זײַן שווערע האַנט אף יאַקאָווס אקסל, פאַרכידעשט געקוקט אף אים און מיט טײַנעג א זאָג געטאָן:

— מאָלאָדיעץ, יאַשקע! ס'וועט זײַן פון דיר א טרעגער!

דעם ערשטן עקזאַמען האָט דער יונגער סמושקעוויטש אויסגעהאַלטן. איצט איז אים געבליבן אויסהאַלטן א צווייטן עקזאַמען — אף פרײַנטשאַפט און כאַווערשאַפט. מ'האָט באַדאַרפט זיך צוגעוווינען צו א געפּעפּערטן שפּאַס, א שאַרפן וואָרט פון זײַנע נײַע כאַוויירים.

— אונדזער עלטסטער, — האָבן געטײַנעט די טרעגער, — איז ווי צוגעזאָגט געוואָרן צו יאַשקען.

ארקאַדי האָט ליב געקראָגן דאָס יינגל פאַר זײַן גוט האַרץ און פאַר זײַן אָרנטלעכקײַט. ווען דער בריגאַדיר איז איינמאָל קראַנק געוואָרן, איז יאַשע ניט אָפּגעטראָטן פון זײַן בעט, אויסדערציילט אים די וווּנדערלעכע מײַסעס, וואָס ער האָט קינדווײַז געהערט פון דער מאַמען. מע האָט זיי אָפט געזען אינײנעם — דעם פערציקיאָריקן גוואַר און דאָס פופצניאָריקע יאַטל מיט די פעניקע געקרויזלטע האָר. ווענגן וואָס האָבן זיי געשמועסט? ווער קאָן עס איצט וויסן? מע קאָן זיך בלויז פאַרשטעלן, אז דער דאָזיקער ארקאַדי — א מענטש מיט א פאַר־שטאַנד, וואָס האָט א ביסל בעסער פון אנדערע געזען, וואָס עס טוט זיך ארום, האָט מינאַסטאַמע ניט איין מאָל, בײַם די שפּאַצירן מיט יאַשען, גערעדט וועגן דעם, ווי אומיוישערדיק עס איז, וואָס אייניקע האָרעווען און ווערן פאַרשוואַרצט, און די אנדערע פּוסטעפּאַסעווען און לעבן אין ווילטיק.

ס'איז אויך קיין סאָפּעק ניט, אז אין יענער אָנגעשטרענגטער צײַט, ערעוו דער רעוואָ־ליוציע, האָבן א גרויסע האַשפּאָע אף די טרעגער געהאַט די וואָלאָגאָדסקער רעוואָליוציאָ־נערן — די פּאָליטישע פאַרשיקטע און די אָרטיקע אײַזנבאַנער, צווישן וועלכע עס זײַנען געווען א סאַך ארבעטער פון מאָסקווע, פעטראָגראַד, יאַראָסלאַוול און אנדערע גרויסע אינדוסטריעלע שטעט.

אין אָנהייב 1917 האָבן די טרעגער, צווישן זיי אויך יאַקאָוו סמושקעוויטש, אָנגעהויבן באזוכן די פאַרזאַמלונגען און מיטינגען פון די אײַזנבאַנער. עס האָט זיך אים פאַרקריצט אין זיקאָרן איינער א יאַנוואַר־טאָג פון 1917. אומדערוואַרט האָבן דעם סקלאַד, ווו עס האָבן געאַרבעט די טרעגער, ארומגערינגלט זשאַנדאַרמען. דער זשאַנדאַרם־אָפיצער האָט געפאָדערט, אז ארקאַדי זאָל אָנרופן די, וואָס האָבן זיך באטייליקט אינעם באָלשעוויסטישן מיטינג. דער בריגאַדיר האָט געענטפערט, אז באטייליקט האָבן זיך אלע.

— אויב אזוי, רוף אָן די אונטערהעצער! — איז ניט אָפּגעשטאַנען דער זשאַנדאַרם. מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט א סוויטשטשעװ, אז מע האָט געקאָנט טויב ווערן, און אויסרופן: „דאָלאָי!". די טרעגער האָבן ארומגערינגלט די זשאַנדאַרמען. אָן איבערגעשראָקענער, האָט דער פּאָדריאַדטשיק קראַסילניקאָוו אָנגעהויבן בעטן, מ'זאָל צוטרעטן צו דער ארבעט.

— אײַער וווילגעבוירט, איך בעט אײַך, ווי גאָט איז ליב, גייט אוועק פונדאַנען. עס קאָן געשען אן אומגליק. איר האָט דאָך צו טאָן מיט גאזלאָנים, אײַער וווילגעבוירט...

די זשאַנדאַרמען האָבן זיך אָפּגעטראָגן.

דעם דאָזיקן עפּיזאָד האָט יאַשע פאַרגעדענקט אויף לאַנג. די אַלמעכטיקע זשאַנדאַרמען, ווי ער האָט פריער געקלערט, האָבן זיך דערשראָקן פאַר אומבאַוואָפנטע אַרבעטער. הייסט עס, די אַרבעטער זײַנען אַ קויעך.

דעם 28 פעברואַר 1917 איז קיין וואָלאָגדע דערגאַנגען די ידיעה וועגן דעם, אַז מע האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם קייסער. די אַרבעטער פון דער שטאָט האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טורמע און האָבן באַפרײַט אַלע פּאָליט־אַרעסטירטע. אויף דעם סענאַי־פּלאַץ, וווּ עס האָבן זיך פאַרזאַמלט טויזנטער מענטשן, האָט יאַקאָוו סמושקעוויטש הייס באַגריסט די אויסגעצערטע, אין קייטן פאַרשמידטע מענטשן. זייערע פּנימער האָבן איצט געלויכטן. יאַקאָוו האָט מיט־געהאָלפן אַראָפּנעמען פון די באַפרײַטע די קייטן.

סמושקעוויטש באַטייליקט זיך אַקטיוו אינעם פאַרמירן רויטגוואַרדייישע אָטריאַדן, אינעם אַנטוואָפענען די מיליטער־טיילן פון דער צאַרישער אַרמיי, וועלכע זײַנען פאַרבליבן אויף דער זײַט פון דער קאָנטררעוואָלוציע.

אין סענטיאַבער 1918 האָט מען אין וואָלאָגדע געבראַכט צו קווורע דעם העלד פון דער רעוואָלוציע פּאַוולין ווינאָגראַדאָוו. יאַקאָוו סמושקעוויטש טרעט אַרויס באַם אָפענעם קייווער און שווערט אין נאָמען פון די אַרבעטער ניט שוינען דאָס לעבן פאַר דער באַפרײַונג פון דער מענטשהײַט.

די סמושקעוויטשעס האָבן זיך אומגעקערט קיין ראָקישקיס אין סאַמע ברען פונעם קאַמף קעגן דער היגער בורזשואַזיע און קעגן די דײַטשישע אָקופּאַנטן. יאַקאָוו שטעלט אײַן אַ קאָנטאַקט מיט דעם פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד בעראָש מיט פּיאַטראַס קירסטיקאַס, וועלכער האָט אָפּעריִרט אין דער אומגעגנט פון ראָקישקיס. אָבער אומדערוואַרט האָט ער אינגיכן געמוזט פאַרלאָזן ליטע.

„איך דערמאָן זיך, — דערציילט די אַלטע לערערקע פון ראָקישקיס רייזע זאַלמענאָוונע דייטש, — ס'איז געווען אין אַ מאַרק־טאָג. צוויי דײַטשישע סאָלדאַטן זײַנען געגאַנגען איבער דער קאַמאַיו־גאַס. אַנטקעגן איז זיי אָנגעקומען אַ מיידל. די דײַטשן האָבן פאַרצוימט איר דעם וועג און גענומען פרעך צושטיין צו איר. יאַקאָוו מיט זײַנע כאַווירים איז גראָד פאַר־בײַגעגאַנגען די גאַס און האָט דערזען, ווי איינער פון די סאָלדאַטן כאַפּט אָן דאָס מיידל פאַר די צעפּ און נעמט זי שלעפּן. דאָס מיידל האָט אָנגעהויבן שרײַען. יאַקאָוו האָט אַזוי אַ זעץ געטאָן דעם פרעכן אָקופּאַנט איבערן קאָפּ, אַז יענער האָט אַ פּראַל געטאָן צו דער ערד. דער צווייטער סאָלדאַט האָט געמאַכט פּלייטע.

אינגיכן האָבן צו די סמושקעוויטשעס אין שטוב זיך געיאַוועט עטלעכע דײַטשישע סאָל־דאַטן בעראָש מיט אַן אָפיצער. יאַקאָוון האָבן זיי שוין אָבער ניט געטראָפן. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן באַ מייער לעווינען דעם פורמאַן, וועלכן אַלע האָבן אין ראָקישקיס גערופן „דער דווינסקער".

אין אַ כאַשכעסדיקער דעקאַבער־נאַכט האָט יאַקאָוו סמושקעוויטש אויף לאַנגע יאָרן פאַר־לאָזט זײַן היימשטאָט.

אין דער לוקישקער טפיסע. ווידער אין שלאַכט

קיין מינסק איז ער אָנגעקומען אינגיכן נאָך דעם, ווי די רויטע אַרמיי האָט באַפרײַט די שטאָט. עס האָבן זיך דאָ דעמלט פאַרמירט עטלעכע קאָמוניסטישע באַטאַליאָנען און אָטריאַדן. סמושקעוויטש פאַרשרײַבט זיך אין דעם 1־טן מינסקער קאָמוניסטישן באַטאַליאָן, וועלכער איז אַרײַן אין באַשטאַנד פון דער מײַרעווודיקער אַרמיי (אינגיכן האָט מען איר אַ נאָמען געגעבן „די ווײַסרוסיש־ליטווישע אַרמיי", און שפּעטער — די 16־טע אַרמיי).

אין אַ שטיקל צײַט אַרום ווערט יאַקאָוו סמושקעוויטש באַשטימט אַלס קאָמיסאַר פונעם באַטאַליאָן. אין אָנהייב פעברואַר 1919 האָבן די פּוילישע לעגיאָנערן קאָנצענטרירט אין דער אומגעגנט פון באַראַנאָוויטש היפּשע קויכעס און פאַרגענומען אַ פאַרביסענע אַטאַקע קעגן דער שוץ־ליניע פונעם 1־טן מינסקער קאָמוניסטישן באַטאַליאָן.

די שלאַכט איז געווען אַ שווערע. די רויטאַרמייער האָבן זיך העלדיש געשלאָגן. סמוש־קעוויטש ווערט שווער קאָנטוזיעט און פאַרלירט דעם באַוווסטזײַן. אין אַזאַ מאַצעוו פאַלט ער אַרײַן אין געפאַנגענשאַפט.

די אכזאַריעסדיקע פּײַניקונגען אין דער באַראַנאָוויטשער טפּיסע, אין וועלכער מע האָט צוערשט אופגעהאַלטן די געפאַנגענע, האָבן יאַקאָוון ניט אײַנגעבראָכן. די אָפּיצערן פון דער פּוילישער קאָנטר־אויסשפּירונג האָבן גאָרנישט ניט געקאָנט זיך דערשלאָגן בא אים.

אינגיכן פירט מען סמושקעוויטשן אריבער קיין ווילנע — אין דער לוקישקער טפּיסע. זײַן לײַב איז אין דורכויסיקע ווונדן. די כאַווײרים אין דער קאַמערע האָבן לויט א ריי אים געהאַדעוועט און איבערגעבונדן די ווונדן. וועגן יאַקאָווס צושטאַנד און ווי העלדיש ער האָט זיך געהאַלטן אף די פאַרהערן, האָט שפּעטער דערציילט איינער פון די ערשטע ווילנער קאָמיוגיסטן יאַקאָוו לוואָוויטש קראַניק.

אין אָנהייב 1918 האָט דער נײַנצניאָריקער יאַשע קראַניק זיך ארויסגעריסן פון ווילנע, וועלכע די דײַטשן האָבן אָקופּירט, זיך דערקליבן קיין סמאָלענסק און געוואָרן א רויטאַרמייער. אין דעם זעלבן יאָר פאַרענדיקט ער אין מאָסקווע קורסן פון ארטילעריע־קאָמאַנדירן, ווערט א מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

ס׳איז אוועק עפּעס מער פון א יאָר צײַט. קראַניק באקומט אורלויב און לאָזט זיך קיין ווילנע. נאָך אין וועג ווערט ער קראַנק אף טיפוס און פאַלט ארײַן אין דעם ווילנער גאַרני־זאָנען־שפּיטאָל.

ווען קיין ווילנע האָט אין איינעם א טאָג זיך ארײַנגעריסן אן אָטריאַד פּוילישע לעגיאָ־נערן, האָט א גרופּע פאַרוווּנדעטע און קראַנקע, צווישן זיי אויך יאַשע קראַניק, דרײַ טעג נאָכאַנאַנד זיך געשלאָגן מיט זיי אף די גאַסן פון דער שטאָט. א שווער־פאַרוווּנדעטן האָבן די לעגיאָנערן פאַרכאַפּט קראַניקן אין געפאַנגענשאַפט און אים ארײַנגעוואָרפן אין דער לו־קישקער טפּיסע. דאָרט האָט ער זיך געטראָפן מיט יאַקאָוו סמושקעוויטשן.

„איינעם איז אונדז שוין געווען פיל לײַכטער, — האָט קראַניק שפּעטער דערציילט דעם ברודער זײַנעם אלעקסאַנדערן[1]. — סמושקעוויטש האָט מיר דערציילט וועגן די אומשטענדן, בא וועלכע ער איז ארײַנגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. אונדז האָט באַהערשט איין לײַדנשאַפט־לעכער באַגער — וואָס גיכער ארויסרײַסן זיך פון דער טפּיסע. מיר האָבן געמאַכט פאַרשיידענע פּלענער, וויאַזוי צו אנטלויפן. פרילינג 1920 איז סמושקעוויטשן געלונגען איינעם אזא פּלאַן צו פאַרווירקלעכן...“[2].

געווען איז עס אזוי. אין דער וועשערײַ פון דער טפּיסע האָט מען די ארעסטירטע גע־צוווּנגען וואַשן דאָס גרעט פאַר די פּוילישע סאָלדאַטן. אין איינעם אן אָפּדערנאַכט, פאַרענדיקט די ארבעט, האָט יאַקאָוו סמושקעוויטש זיך באַהאַלטן צווישן די באַליעס מיט גרעט. די וועכ־טער האָבן אים ניט באַמערקט. די פרויען, וואָס זײַנען אינדערפרי געקומען נאָכן ריינעם גרעט, האָבן דערזען דעם באָכער, געהאָלפן אים אײַנמאָסטען זיך אין א קויש, ארופגעוואָל־גערט אף אים פּעקלעך וועש און ארויסגעפירט פון דער טורמע.

ווען ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָט סמושקעוויטש זיך געלאָזט דורך די וועלדער אף מיזרעך. אפן דריטן טאָג האָט ער אָנגעטראָפן אף א רויטאַרמייִישן פּאַטרול. מ׳האָט אים געבראַכט צו פירן אין דער פעלד־קאָמענדאַטור פון דער 15־טער ארמיי. סמושקעוויטש האָט אויספירלעך דערציילט, וואָס ס׳האָט מיט אים פּאַסירט, וויאַזוי ער איז אנטלאָפן פון דער לוקישקער טפּיסע.

דער שעף פון דער קאָמענדאַטור האָט, נאַטירלעך, ניט געקאָנט און ניט געטאָרט גלייבן אף נעמאָנעס. מיט דער ווערסיע, אז מ׳איז אנטלאָפן פון געפאַנגענשאַפט, פּלעגן זיך דורכ־שמוגלען שפּיאָנען און דיווערסאַנטן.

סמושקעוויטשן האָט מען דערווײַל פאַרעכנט אלס א געוויינלעכן סאָלדאַט פון דעם 14־טן שיסער־פּאָלק אין באַשטאַנד פון דער 48־טער בריגאַדע, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט דער לעגענדאַרער פאַבריציוס.

אינגיכן זײַנען פונעם פראָנט־שטאַב אָנגעקומען די דאָקומענטן, וועלכע האָבן פולשטענדיק באַשטעטיקט אלץ, וואָס יאַקאָוו סמושקעוויטש האָט דערציילט, און ער ווערט באַשטימט אלס פּאָליטרוק פון א ראָטע.

אין יענע טעג האָט די בריגאַדע זיך געגרייט דורכצורײַסן דעם פראָנט פון די פּוילישע לעגיאָנערן הינטער סמאָרגאָן. דער סוינע האָט דאָ געהאַט גוט צוגעגרייטע שוץ־ליניעס:

---

[1] אלעקסאַנדער לוואָוויטש קראַניק. גענעראַל־מאַיאָר, אָנטיילנעמער פון דעם בירגערקריג און פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע. קאַנדידאַט פון היסטאָרישע וויסנשאַפטן. לעבט אין קיִעוו.

[2] יאַקאָוו קראַניק האָט זיך געראַטעוועט פון דער לוקישקער טפּיסע, אַקטיוו זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן פונעם בירגערקריג און איז שפּעטער געוואָרן איינער פון די באַרימטע סאָוועטישע פּילאָטן־אויספּרוּוולער.

די אָקאָפּעס, וועלכע עס האָבן נאָך געמאַכט די דײַטשן בײַס דעם וועלט־קריג, זײַנען געווען פאַרייניקט צווישן זיך מיט דורכגאַנגען און האָבן פאַרמאָגט א סאַך בעטאָנירטע באַהעלטענישן און קוילנוואָרפער־נעסטן.

די 15־טע אַרמיי, אין וועמענס באַשטאַנד עס האָט זיך געפונען יאַן פאַבריציוסעס בריגאַדע, האָט דורכגעריסן די פאַרפעסטיקטע שוץ־ליניע סמאָרגאָן — שילאָוויטש — מאָלאָדעטשנע און זיך א לאָז געטאָן אױף וואַרשע.

אָבער אינמיטן אויגוסט האָט די פּוילישע אַרמיי פאַרגענומען א קאָנטער־אָנגריף אויפן גאַנצן פראָנט. אונדזער מיליטער איז געווען געצוווּנגען אָפּטרעטן.

...דאָס איז פאָרגעקומען בײַ דעם טײַך נאַרעוו. די 48־טע בריגאַדע, וועלכע האָט פאַרצאַמט דעם סוינע דעם וועג, איז פאַרבליבן אױף דעם מײַרעוודיקן ברעג פונעם טײַך. די בריק איבערן טײַך איז געווען צעשטערט.

פאַבריציוס האָט באַפוילן אָפּזוכן אַן אַנדער אָרט אויף אַריבערצוגיין דעם טײַך. סמושקעוויטש מיט נאָך עטלעכע קאָמוניסטן האָט זיך געפונען אין עק פון דער קאָלאָנע, קעדיי מיטהעלפן די רויטאַרמייער, וועלכע האָבן זיך אײַנגאַנצן אַרויסגעשלאָגן פון די קויכעס.

מ׳האָט דאַפקע אָפּגעזוכט א צעווייטע בריק, אָבער דעם סוינעס אַרטילעריע האָט זי שטאַרק באַשאָסן. אין דעם מאָמענט, ווען די קאָלאָנעס רויטאַרמייער זײַנען דאָך אַרויפגעטראָטן אױף דער בריק, האָבן זיך פּלוצעם באַוויזן פּוילישע אעראָפּלאַנען און געעפנט א פײַער. א טייל סאָלדאַטן האָט זיך א לאָז געטאָן אױף צוריק, נאָר דאָ האָבן אַלע דערזען, ווי יאַן פאַבריציוס איז צוגעפאַלן צו א קוילנוואָרפער און גענומען באַשיסן דעם סוינעס אעראָפּלאַנען. די רויטאַרמייער האָבן נאָכגעפאָלגט זײַן בײַשפּיל. איין פּוילישן אעראָפּלאַן האָט מען אונטערגעשאָסן, א פלאַקערנדיקער איז ער אַראָפּגעפאַלן באַם ברעג טײַך.

— ווי פליגלען זאָלן געווען אויסוואַקסן בײַ אונדז, — האָט שפּעטער דערציילט יאַקאָוו סמושקעוויטש. — מיר האָבן זיך א וואָרף געטאָן דורך דער פײַער־וואַנט פאָרויס אױף אונדזער ברעג. דער לעצטער איז די בריק אַריבערגעגאַנגען דער קאָמבריג יאַן פאַבריציוס.

ס׳איז געקומען דער זומער פון 1921. סמושקעוויטשעס געזונט האָט זיך שטאַרק פאַרערגערט. ס׳האָבן זיך געלאָזט פילן די אומופהערלעכע אָנגעשטרענגטע שלאַכטן און די ביטערע כאַדאָשים פון געפאַנגענשאַפט. אין יול כוידעש שיקט מען אים אָפּ אין א שפּיטאָל. די דאָקטוירים קומען צום אויספיר, אַז ער נייטיקט זיך אין דרינגענדיקער היילונג און אין אָפּרו. יאַקאָוו באַקומט א צווייכאַדאָשימדיקן אורלויב. פאָרן האָט ער ניט וווהין, אַלע זײַנע אייגענע געפינען זיך פון יענער זײַט גרענעץ, אין דער בורזשואַזער ליטע. פאַרבלײַבט ער זיך היילן אין דער ווײַסרוסישער שטאָט קלינצי.

גלײַך פונעם שפּיטאָל איז יאַקאָוו אַוועק אין דעם אויעזדנעם פּאַרטיי־קאָמיטעט און געבעטן אוועלכע־עס־איז אַרבעט אױף דער צײַט פון זײַן אורלויב. ער ווערט באַשטימט אַלס געהילף פונעם אויעזדנעם באַפולמעכטיקטן פון דער „וועטשעקאַ״ (אַלרוסלענדישע אויסערארדנטלעכע קאָמיסיע).

אין יענער צײַט האָבן אין דער האָמליער אומגעגנט שטאַרק אָרודעוועט קאָלערליי קאָנטררעוואָליוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן טעראָריזירט די היגע באַפעלקערונג און געפירט א באַוואָפנטן קאַמף קעגן דער סאָוועטנמאַכט.

סמושקעוויטש האָט שוין געהאַט א געוויסע דערפאַרונג פון קאַמף קעגן דעם באַנדיטיזם. איצט איז די דאָזיקע דערפאַרונג גוט צוניץ געקומען. ער באַטייליקט זיך אַקטיוו אין די אָפּעראַטיווע אָטריאַדן, קלײַבט אָפּ פאַר זיי אויסגעפּרוּווטע שלאַכטלײַט. אונטער זײַן אָנפירונג ווערט פאַרווירקלעכט א רײ אַקציעס, וואָס ברענגען צו דער פולשטענדיקער פאַרניכטונג פונעם באַנדיטיזם אין דעם דאָזיקן ראַיאָן.

ווען דער אורלויב האָט זיך פאַרענדיקט, האָט דער אויעזדנער פּאַרטיי־קאָמיטעט זיך מישטאַדל געווען פאַר דער מיליטערישער קאָמאַנדשאַפט, מ׳זאָל סמושקעוויטשן איבערלאָזן אין די אָרגאַנען פון טשעקאַ נאָך אױף א האַלב יאָר.

ס׳איז אַוועק אויך דאָס דאָזיקע האַלב יאָר, און סמושקעוויטש קערט זיך ווידער אום אין דער רויטער אַרמיי. ער ווערט באַשטימט אַלס געהילף פונעם קאָמיסאַר פון דעם 36־טן פּאָלק פון דער 4־טער סמאָלענסקער שיסער־דיוויזיע.

דער פּאָלק, ווו סמושקעוויטש האָט געדינט, האָט זיך אָפּגעשטעלט אינעם שטעטל פּוכאָוויטשי און אין די אַרומיקע דערפער. אין שטעטל איז מיטאַמאָל געוואָרן לעבעדיק. סמושקעוויטש אָרגאַניזירט א קלוב, שאַפט א ביבליאָטעק, פאַרשיידענע קרײַזלעך, שאַבעס און זונטיק אָפּדערנאַכט ווערן אין קלוב אײַנגעאָרדנט טענץ. יאַקאָוו גופא האָט אויך ליב געהאַט

כאַפּן אַ טענצל. די היגע קראַסאָוויצעס האָבן פון אים דאָס אויג ניט אַראָפּגעלאָזט. וואָס איז דער כידעש? דער שלאַנקער שיינער קאָמיסאַר איז קוים צוואַנציק יאָר אַלט.

טיילמאָל פלעגט יאַקאָוו נאָך די טענץ זיך אומקערן אויף דער פּרעוואָזנע־גאַס, ווו ער איז געשטאַנען אויף קוואַרטיר, איינינעם מיט באַסיע געלפאַנד, וועלכע האָט געלעבט בישכיינעס. די גאַס, ווו מע וווינט, מײַדט מען אויס. מע לאָזט זיך אַראָפּ צום טײַך סוויסלאָטש און מע שפּאַצירט ביז שפּעט...

אָבער אַזעלכע שפּאַצירן זײַנען אויסגעפאַלן ניט אָפט, דער פּאָלק האָט דאָך געהאַט שלאַכט־אויפגאַבעס.

אין דעם איגומענסקער אויעזד, ווו דער פּאָלק האָט זיך דיסלאָצירט, האָבן אָפּעריִרט פאַרשיידענע באַנדעס בעראָש מיטן ווײַסגוואַרדייִשן פּאָלקאָווניק פּאַוולאָווסקי. עס האָבן אים געהיים מיטגעהאָלפן דער אויעזדנער קריגס־קאָמיסאַר זשילינסקי און דער מיליטער־אינסט־רוקטאָר קאָנאָפּאַדסקי. וועגן אַלע מאָסמיטלען, וואָס האָבן זיך געגרייט קעגן די באַנדיטן, האָבן די דאָזיקע פאַררעטער טייקעף אינפאָרמירט פּאַוולאָווסקין. דאָס איז געווען די סיבע, פאַרוואָס דער פּאָלק האָט אַ לאַנגע צײַט ניט געהאַט דעם געוווּנטשענעם דערפאָלג אין קאַמף קעגן די באַנדעס.

אויסמײַדנדיק אָפענע צוזאַמענשטויסן מיט די רויטאַרמייִשע טיילן, פלעגן די באַנדיטן איבערטאָן זיך אין רויטאַרמייִשע קליידער און אָנפאַלן אויף די מעלוכישע אַנשטאַלטן, אויף די פאָרשטייער פון דער סאָוועטנמאַכט, קאָמוניסטן, רויטאַרמייער, אַקטיווע פּויערים, פלעגן ראַבעווען די באַפעלקערונג.

אין איינעם אַ יום־טאָג, אין דעם מאָמענט, ווען דער אַטריאַד, וואָס איז געשטאַנען אין פּוכאָוויטשי, איז אוועק אויספילן אַ פאַרגעבונג, איז אַ באַנדע אָנגעפאַלן אויפן שטעטל און אוועקגעפירט צוואַנציק אַרעסניקעס. די באַנדיטן האָבן געפאָדערט, דאָס שטעטל זאָל צו־שטעלן אין וואַלד לעבן דעם דאָרף ליפּניקי אויסקויף־געלט און צירונג.

ווען דאָס איז באַוווּסט געוואָרן, האָט סמושקעוויטש באַשלאָסן מיט אַ גרופּע שלאַכטלײַט נאָכשפּירן, ווו און ווען מע וועט איבערגעבן דאָס אויסקויף־געלט.

אויף אַזאַ אופן האָט מען פעסטגעשטעלט, ווו עס געפינט זיך די באַנדע. מע האָט זי באַלאַ־גערט און פאַרניכטעט. און אײַנגיכן נאָך דעם האָבן די טשעקיסטן דעמאַסקירט די פאַררעטער זשילינסקין און קאָנאָפּאַדסקין. צו דעם אָרגאַניזירטן באַנדיטיזם אינעם אויעזד איז געקומען אַ סאָף.

אויסגעפּילט זײַנע שליכעס, האָט דער פּאָלק פאַרלאָזט פּוכאָוויטשי. סמושקעוויטש איז אוועקגעפאָרן פון דאָרט מיט אַ שווער האַרץ — אין שטעטל איז פאַרבליבן באַסיע געלפאַנד. ווער ווייסט, וווּהין עס וועט אים פאַרוואָרפן דער מיליטערישער גורל און צי וועט ער זי נאָך זען אַמאָל...

דער ערשטער אַרויספלי, וואָס האָט שיר דאָס לעבן ניט געקאָסט. „עס וועט זיך באַקומען"

אין יענער צײַט איז דאָס לאַנד אָקאָרשט צוגעטראָטן אויפבויען אַן אייגענעם לופט־פלאָט. עס האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אַ גרויסע בויונג פון דער אַוויִאַציע־אינדוסטריע. עס ווערן פאַרווירקלעכט מאָסמיטלען אויף צו פאַרבעסערן די אַרבעט פון די וויסנשאַפט־אינסטיטוציעס, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט די פּראָבלעמען פון דער אַוויִאַציע־טעכניק. פון צעדרויבלטע אַוויִאַציע־אָטריאַדן און גרופּעס זײַנען געשאַפן געוואָרן מער קאָמפּאַקטע אײַנהײַטן.

דעם 17 סענטיאַבער 1922 ווערט יאַקאָוו סמושקעוויטש באַשטימט אַלס פאַראַנטוואָרט־לעכער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַטאָר אין דער 4־טער באַזונדערער פאַרניכטלער־עסקאַדריליע, וועלכע האָט זיך באַזירט אין מינסק. זינט דעמאָלט הייבט זיך אָן זײַן פּיליאָריקע טעטיקײַט אין דער סאָוועטישער אַוויִאַציע.

סמושקעוויטש האָט געטראָפן אין דער עסקאַדריליע דערפאַרענע פּילאָטן, וועלכע זײַנען דורכגעגאַנגען דעם גרויסן אויספּרווו פונעם בירגערקריג. אייניקע פון זיי זײַנען געווען פליִער נאָך פאַר דער רעוואָלוציע, האָבן פאַרענדיקט אַוויִאַציע־שולן אין רוסלאַנד, ענגלאַנד און פראַנקרײַך. אין 1922 זײַנען אין דער עסקאַדריליע געקומען פּילאָטן, וועלכע האָבן שוין פאַרענדיקט סאָוועטישע אַוויִאַציע־שולן.

דער קאָמאַנדיר פון דער עסקאַדריליע, דער שעף פונעם שטאַב, די שעפן פון דעם אָפּעראַ־טיוון־ און פאַרבינדונג־אָפּטיילן און צוויי פון די דרײַ אָטריאַד־קאָמאַנדירן זײַנען געווען גע־וועזענע אָפיצערן פון דער צאַרישער אַרמיי.

דער באַשטאַנד פון דער עסקאַדריליע איז געווען אַ פילנאַציאָנאַלער. איינעם מיט די רוסן, אוקראַינער, ווײַסרוסן האָבן דאָ געדינט ייִדן, לעטן, ליטווינער. עס זײַנען אַפילו געווען אַ גריך און אַ מאָנגאָל. קאָמיסאַר פון דער עס־קאַדריליע איז געווען באָריס יאַקאָוולעוויטש מאַשענדזשינאָוו, אויך פון דער ליטע. דאָס איז טאַקע ער געווען יאַקאָווס ערשטער לערער אין דער אוויִאַציע.

— ס'איז געווען שווער זיך מוידע זײַן, אַז דו ביסט אַ בלינדער מענטש אין דער אוויִאַציע־טעכניק, — האָט דערציילט סמושקעוויטש, — נאָר איך האָב דאָס באַדאַרפט טאָן. איך האָב אָפנהאַרציק געזאָגט וועגן דעם אַף דער ער־שטער פאַרזאַמלונג פון דעם פּאַרטיי־קעמערל.

סמושקעוויטש האָט באַזונדערס זיך צוגע־קוקט צו די קאָמאַנדירן פון די אָטריאַדן — געאָרגי וולאַדימיראָוויטש זשירקאָוויטשן און וואַלענטין מיכײַלאָוויטש זערנאָוון.

1923. יאַ. וו. סמושקעוויטש — דער פּאַרטאָרג פון דער 4־טער באַזונדערער פאַרניכטלער־עסקאַדריליע

זערנאָוו האָט געשטאַמט פון דעם אַדלטום, איז געווען דער סאַמע געבילדעטער פּילאָט אין דער עסקאַדריליע. אין 1912 האָט ער פאַרענדיקט אין פּעטערבורג די גימנאַזיע און אין דרײַ יאָר אַרום — אַ טעאַטראַלע שול. ווען ס'איז אויסגעבראָכן דער וועלט־קריג, האָט מען אים פאַררעכנט אין דער ערשטער אוויִאַציע־ראָטע. שפּעטער האָט זערנאָוו פאַרענדיקט די אָפיצערישע אוויִאַציע־שול בײַ דעם פּעטערבורגער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט, און אַלס זייער אַ באַגאַבטן אוויִאַטאָר האָט מען אים געשיקט קיין ענגלאַנד, וווּ ער האָט פאַרענדיקט אַ שול פון העכסטן פּילאָטאַזש. שוין אין די ערשטע טעג פון דעם אָקטיאַבער־אויפשטאַנד האָט זער־נאָוו אַנטשיידן זיך געשטעלט אַף דער זײַט פון דער רעוואָלוציע, געקעמפט אַף פאַרשיידענע פראָנטן פונעם בירגערקריג אַלס קאָמאַנדיר פון די רויטע אוויִאַציע־אָטריאַדן. די רעגירונג האָט אים באַלוינט מיטן אָרדען פון דער רויטער פאָן און מיט אַ גאָלדענעם זייגער.

יאַקאָוו סמושקעוויטש האָט שאָענלאַנג געשמועסט מיט זערנאָוון און זשירקאָוויטשן, באַזוכט זייערע לימודים מיט די פּילאָטן, דאָרשטיק אײַנגעזאַפּט זייער דערפאַרונג.

— טאַקע אין יענער צײַט, — האָט דערציילט סמושקעוויטש, — איז אויפגעקומען בײַ מיר דער גרויסער פאַרלאַנג זיך אויסלערנען פליִען. נאָר דערווײַל איז דאָס געווען בלויז אַ שיינער טרוים, וועלכן כ'האָב אַפילו ניט געוואַגט עמעצן צו פאַרטרויען.

צוביסלעך האָט יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש אַלץ טיפער געגומען אַרײַנדרינגען אין דער ספּעציפיק פונעם אוויִאַציע־וועזן, דורכגעשטודירט אַ מאַסע ביכער, גאַנצע טעג פאַרבראַכט אויפן אַעראָדראָם, צו אַלץ זיך צוגעקוקט, איינעם מיט די טעכניקער געהאַלטן אין דער האַנט יעדעס שרײַפעלע פונעם אַעראָפּלאַן.

איינמאָל האָט מאַשענדזשינאָוו אַ זאָג געטאָן:

— יאַקאָוו ווערט בײַ אונדז אַן עכטער אוויִאַטאָר.

סמושקעוויטש האָט דערויף געענטפערט:

— וואָס פאַר אַן אוויִאַטאָר בין איך, אויב כ'בין נאָך אינדערלופטן ניט געווען.

עמעצער פון די פּילאָטן, וואָס איז געשטאַנען דערבײַ, האָט אין אַ שפּאַס זיך אָנגערופן:

— אַן אוויִאַטאָר איז נאָך ווײַט ניט דער, וואָס איז געווען אינדערלופטן, נאָר דער, וואָס איז שוין מיטן אַעראָפּלאַן אַראָפּגעפאַלן אַף דער ערד און פונדעסטוועגן רײַסט ער זיך ווידער אין הימל אַרײַן...

דער דאָזיקער שמועס איז פאַר סמושקעוויטשן, ווי מיר וועלן דאָס זען, געווען אַ נע־וויִשער.

די עסקאַדריליע האָט זיך געגרייט צום ערשטן מײַ. זי האָט באַדאַרפט זיך באַטייליקן אינעם לופט־פּאַראַד, פּאַנאַנדערוואַרפן איבער די שטעט און דערפער פלוגבלעטלעך פון דער אָקאַרשט געשאַפענער געזעלשאַפט „פרײַנט פונעם לופט־פלאָט״, אַראָפּברענגען און איבערגעבן רויטע פאָנען די בעסטע אָרגאַניזאַציעס פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט.

אין דער עסקאַדריליע איז פאַר קיינעם ניט געווען קיין סאָד, אַז דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַטאָר ווײַזט אַרויס אַ באַזונדערן אינטערעס צו דעם שטעטעלע פּאָכאָוויטשי, ווו ער האָט פריִער געדינט. האָט מען באַשטימט, אַז אַהין וועלן פליִען דער פּילאָט וולאַדימיר שעסטאַקאָוו און יאַקאָוו סמושקעוויטש. זיי וועלן ברענגען אַהין די נײַטיקע ליטעראַטור און אַ רויטע פאָן.

וועגן אָט דעם ערשטן פלוג זײַנעם האָט סמושקעוויטש שפּעטער דערציילט:

— פון דעם אָנגעשטרענגטן וואַרטן אַף דעם אויסטערלישן, וואָס דאַרף באַלד פּאַרקומען, בין איך געווען אַזוי צעטומלט, אַז כ׳האָב ניט באַמערקט, ווי דער עראָפּלאַן האָט זיך אַ הייב געטאָן אינדערלופטן. עס זײַנען דורכגעשווומען אונטער אונדז הײַזער, סעדער און פעלדער... און די מענטשן — אַזעלכע ברעקעלעך... אַפן האַרצן איז געווען יאָמטעוודיק.

דער פינאַל פון אָט דעם פלוג איז אָבער געווען ווײַט ניט קיין פריילעכער. אָט וואָס מיר דערוויסן זיך פון אַ באַפעל נומ. 121 פאַרן 2 מײַ 1923:

„דעם ערשטן מײַ איז דער קריגס־פּילאָט פונעם דריטן אָטריאַד פון דער עסקאַדריליע וולאַדימיר שעסטאַקאָוו מיטן פאַראַנטוואָרטלעכן פּאַרטיי־אָרגאַניזאַטאָר יאַקאָוו סמושקעוויטשן אַרויסגעפּליִיגן אַפן עראָפּלאַן „ניו־19״ לויטן מאַרשרוט מינסק — סטאַנציע דובאָוואַיאַ — רוונאָפּאָל — בלאַני — פּאָכאָוויטשי, קעדיי, לויט דער באַקאַשע פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ווײַסרוסלאַנד, ברענגען אַהין ליטעראַטור צום ערשטן מײַ. צווי קילאָמעטער פאַר פּאָכאָוויטשי איז דער עראָפּלאַן אַרײַנגעפאַלן אין געדיכטע וואָלקנס און האָט געליטן אַן אַוואַריע. דער פּילאָט און דער פּאַרטאָרג זײַנען געבליבן לעבן״.

ווען סמושקעוויטש האָט נאָך דער אַוואַריע זיך אומגעקערט אין דער עסקאַדריליע, האָט מען אים דאָרט באַגעגנט מיט אַ געוויסער נײַגעריקײַט: צי וועט ער, נאָך דעם, וואָס האָט פּאַסירט, נאָכאַמאָל פליִען, צי וועט ער ניט אַרויסווײַזן קיין פּאַכדאַנעס?

קיין פּאַכדאַנעס האָט יאַקאָוו ניט אַרויסגעוויזן. פאַרקערט, ער האָט פעסט באַשלאָסן: „איך וועל פליִען, און פליִען אַזוי, אַז עס זאָל זיך ניט איבערכאַזערן דאָס, וואָס האָט פּאַסירט אין פּאָכאָוויטשי״.

דערווײַל איז אין דער עסקאַדריליע אָנגעקומען אַ גרופּע יונגע פּילאָטן, דערין סערגיי וואַניושין, אַלעקסאַנדער טורזשאַנסקי, וויאַטשעסלאַוו באַקון, אַלעקסאַנדער ראַפּאַלאָוויטש און אַנדערע. סמושקעוויטש, זײַענדיק שוין דעמלט פּאָליטרוק פונעם 2־טן אָטריאַד, האָט זיך גוט באַקאַנט מיט זיי אַלעמען.

אַלעקסאַנדער. טורזשאַנסקי און זײַן ברודער באָריס (ער האָט געדינט אין אַן אַנדער אַוויִאַציע־אײנהײַט) זײַנען אַף לאַנגע יאָרן געוואָרן סמושקעוויטשעס פרײַנט און מיטקעמפער. די ברידער זײַנען אויסגעוואַקסן אין סמאָלענסק, האָבן פרי אָנגעווירן דעם טאַטן, געלעבט אין דאַכקעס און... געטרוימט צו ווערן פּילאָטן. זיי האָבן געוווּסט אַלע טיפּן עראָפּלאַנען, אַליין געמײַסטערעוועט אַוויִאַ־מאָדעלן און דאָרשטיק נאָכגעשפּירט נאָך אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין דער אַוויִאַציע.

אין 1918 זײַנען די ברידער פרײַוויליק אַוועק אַפן פראָנט אַלס טעלעפאָניסטן פון אַן אַוויִאַציע־אָטריאַד. זיי פאַרענדיקן מיט אַן אויסצייכענונג די טעאָרעטישע אַוויִאַציע־שול אין יעגאָריעווסק, דערנאָך — די זאַרײַסקער מיליטערישע פּילאָטן־שול און שפּעטער — די מאָסקווער העכשול פון קריגס־פּילאָטן.

דער אַוויִאַציע־גענעראַל אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש טורזשאַנסקי דערמאָנט מיט באַזונדער וואַרעמקײַט יענע טעג, ווען ער, אַ פריש־אַרויסגעבאַקענער פּילאָט, איז אָנגעקומען אין דער 4־טער פאַרניכטלער־עסקאַדריליע, דעם צווײ־און־צוואַנציקיאָריקן פּאָליטרוק פונעם אָטריאַד יאַקאָוו סמושקעוויטשן:

„מע האָט אונדז, די יונגע פּילאָטן, באַגעגנט גאַסטפרײַנטלעך. ס׳האָט גלײַך אונדז זיך געוואָרפן אין די אויגן דער יונגער, ענערגישער פּאָליטרוק סמושקעוויטש. ער האָט צו דעם יונגוואַרג זיך באַצויגן זייער האַרציק און זאָרגזאַם. ער איז דעמלט נאָך ניט געווען קיין פּילאָט, און איך פאַרשטיי, אַז ער האָט באַדאַרפט פאַרמאָגן אַ סאַך טאַקט און אויסגעהאַלטנקײַט, קעדיי צו דעראָבערן באַ אונדז אויטאָריטעט.

די יונגע פּילאָטן האָבן דרייסט אָפּגעוואָרפן די פאָרורטיילן פון די, וואָס זײַנען אין דער אַוויִאַציע געקומען אין אַ צײַט, ווען אַף יעדן פלוג האָט מען געקוקט, ווי אַף אַ העלדנטאַט, און ווען אופהייבנדיק זיך אינדערלופטן, איז דער פּילאָט ניט געווען זיכער, צי ער וועט אַ

4*

גאנצער זיך אומקערן צוריק אויף דער ערד. די „זקיינימלעך" האָבן, לעמאָשל, געגלייבט אין „מאַזל" און „שלימאַזל". זעלטן ווער פון זיי פלעגט בא זיך פויעלן ארויספליען דעם דרייצנטן אָדער מאָנטיק. און נאָך זעלטענער פלעגן די דאָזיקע פּילאָטן דערלויבן, מע זאָל זיי פאַרן פלוג פאָטאָגראַפירן.

איינמאָל, פאַרן ארויספליען, שוין זיצנדיק אין דער פּילאָטן־קאַבינע פונעם פאַרניכטלער „ניופאָר", האָב איך געבעטן אונדזער פאָטאָגראַף, ער זאָל מאַכן עטלעכע פאָטאָגראַפיעס. יענער האָט גערן אָנגעצילט אויף מיר זיין גרויסן פאָטאָאַפּאַראַט. פּלוצעם לויפט צו מיר צו דער קאָמאַנדיר פונעם אָטריאַד זערנאָוו: „וואָס טוסטו? וועסט זיך צעמאַזיקן!".

דער פאָטאָגראַף האָט שוין געוואָלט אוועקנעמען דעם אַפּאַראַט, נאָר לעבן אונדז איז געשטאַנען דער פּאָליטרוק סמושקעוויטש, האָב איך אים געבעטן, ער זאָל דערלויבן דעם פאָטאָגראַף טאָן זיינס, ווייל איך האַלט ניט פון די דאָזיקע פאָרורטיילן. יאַקאָוו וולאַדימיראָ־וויטש האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט צום פאָטאָגראַף: „פאָטאָגראַפיר". א צעטומלטער האָט זערנאָוו א זאָג געטאָן צו סמושקעוויטשן: „ער וועט זיך צעמאַזיקן, און איר וועט זיין דער שולדיקער. איך זייט דאָך ניט קיין פּילאָט און קענט עס ניט באַגרייפן..."

ווען איך האָב זיך אומגעקערט אָפּן אַעראָדראָם, האָט סמושקעוויטש מיך אָפּגערופן אָן א זייט און געזאָגט:

— איר האָט גוט געטאָן. אָן איבעריק מאָל דערוויזן, אז די פאָרורטיילן זיינען אָן אַבסורד. דאָס איז זייער גוט. אין דער עסקאַדרילליע איז דאָך געקומען א סאַך יוגנט!"

עס איז דורכגעגאַן א יאָר, זינט סמושקעוויטש איז געקומען אין דער אוויאַציע. ער איז געווען איבערגעלאָדן מיט ארבעט, פונדעסטוועגן קומט ער אָן זיך לערנען אינעם ווייסרוסישן מעלוכע־אוניווערסיטעט אויף דעם פאַקולטעט פון הומאַניטאַרע וויסנשאַפטן. און כאָטש די מיליטער־דינסט האָט געפאָדערט, ער זאָל די גאַנצע צייט זיך געפינען אין דער עסקאַדרילליע, פלעגט סמושקעוויטש, ווו נאָר ס'האָט זיך געלאָזט, אָפּרייסן צייט פאַר דער לער.

צו יענער צייט איז פאָרגעקומען א וויכטיקע געשעעניש אין סמושקעוויטשעס פּערזענ־לעכן לעבן. ווי נאָר ער האָט באַקומען א באַזונדערן צימער, פליט אוועק קיין פּוכאָוויטשי א בריוועלע צו באַסיע געלפאַנד, זי זאָל קומען צו אים.

— איך האָב טייקעף צונויפגעקליבן זיך אין וועג אריין, — האָט דערציילט באַסיע סאָ־לאָמאָנאָוונע. — פאַרן איינע אליין איז געווען ניט באַקוועם. האָב איך געבעטן מיינע א כאַ־ווערטע, זי זאָל פאָרן אינאיינעם מיט מיר. געקומען. אָפּגעזוכט דעם שטאַב, ווו סמושקעוויטש האָט געדינט, און געבעטן דעם וואַכמאַן ארויסרופן יאַקאָוון. אין א ווײַלע ארום איז ער ארויסגעגאַן, מיך אוועקגעפירט אין זיינע „אַפּאַרטאַמענטן". דאָס איז געווען א ברעקל צימערל, אכט קוואַדראַטע מעטער. אין איין ווינקל איז געשטאַנען א סאָלדאַטיש בעטל, באַדעקט מיט א גרויער קאָלדרע, אין א צווייט ווינקל — א טישל מיט צוויי טאַבורעטקעס.

דעם אכצנטן סענטיאַבער 1924, אין דער אָנוועזנהייט פון א סאַך כאַווערים, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען יאַקאָווס נאָענטער פרייַנט לעוו יעפּימאָוויטש מאַניעוויטש[1], האָבן מיר פאַררעגיסטרירט אונדזער הייראַט".

פון מינסק האָט די עסקאַדרילליע זיך איבערגעבאַזירט קיין סמאָלענסק. אין סאָף 1925 איז בא סמושקעוויטשן געבוירן געוואָרן א טאָכטער. מ'האָט איר א נאָמען געגעבן ראָזע, לעקאָוועד דער מוטיקער רעוואָלוציאָנערקע ראָזע ליוקסעמבורג.

אינגיכן ווערט יאַקאָוו סמושקעוויטש באַשטימט אלס מיליטער־קאָמיסאַר פון א ספּעציעלן אוויאַציע־אָטריאַד. קאָמאַנדיר פונעם אָטריאַד איז געווען סטעפּאַן גראַסימאָוויטש פּיטשוגאָוו — א זון פון אָן אוראַלער אַרעמפּויער.

פּיטשוגאָוו דערציילט:

„אונדזערע צווישנבאַציונגען זיינען געווען גוטע. מיר האָבן געשטריטן, נאָר קיינמאָל ניט געקריגט זיך. סמושקעוויטש איז געווען א פּרינציפּיעלער עכטער פּאַרטיי־מאַן. אויב בייסן דערליין אוועלכע־עס־איז פראַגע זיינען אונדזערע מיינונגען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, איז ער ניט געווען אַמביציעז, נאָר זיך באַמיט צו דערווייזן זיין גערעכטיקייט.

מיר זיינען דעמלט געפלויגן אויף די דייטשישע „יונקערס־21". יאַקאָוו סמושקעוויטש האָט טיף שטודירט די קאָנסטרוקציע און די שלאַכט־מעגלעכקייטן פון דער דאָזיקער מאַשין. ער

---

[1] פאַר זיין העלדנמוטיקייט בייסן אויספּילן ספּעציעלע פאַרגעבונגען פון דער סאָוועטן־רעגירונג ערעוו דעם צווייטן וועלט־קריג און אין קאַמף קעגן דעם פאַשיזם איז לעוו יעפּימאָוויטש מאַניעוויטשן צוגעטיילט געוואָרן דער טיטל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

האט פארוואָרפן מיט פראגעס די פּילאָטן, די מעכאניקער און אפילו די מאַטראָסן. ער איז קעסיידער בײַגעווען באם אנאליזירן די פלוגן, ניט דורכגעלאָזט קיין איין געלעגנהייט זיך אָפּהייבן אינדערלופטן אלס פּילאָט־באָאָבאכטער (שטורמאן). און אינגיכן האָט ער טאקע באקומען דעם דאָזיקן אוויִאַציע־טיטל. ס׳האָט אים מיטגעהאָלפן אין דעם אזא פאל: עס זײַנען פאָרגעשטאנען גרויסע מאנעווערס. קיין באָברויסק איז געקומען דער שעף פון די מיליטערישע לופט־קויכעס פון דער רויטער ארמיי פּיאָטער איוואנאָוויטש באראנאָוו. אין איינעם פון די לערן־קלאסן האָט ער זיך באקענט מיט סמושקעוויטשן.

— איר זײַט שוין לאנג אין אַטריאַד? — האָט באראנאָוו געפרעגט בא סמושקעוויטשן.

— דרײַ כאדאָשים.

— איר זײַט שוין געפלויגן?

— ער פליט א סאך, — האָט אים פאר געענטפערט פּיטשוגאָוו.

באראנאָוו האָט אופמערקזאם באטראכט דעם קאָמיסאר און א פרעג געטאָן:

— און צוליב וואס, אייגנטלעך, פליט איר?

— קעדיי זײַן אינעם אוויִאַציע־וועזן צוגעגרייט ניט ערגער, ווי עס זײַנען אין פּאָליטי־שער הינזיכט צוגעגרייט די, וועלכע זײַנען מיר אונטערגעאָרדנט.

— און עס באקומט זיך? — האָט מיט אינטערעס זיך נאָכגעפרעגט באראנאָוו.

— עס וועט זיך באקומען! — האָט מיט זיכערקײַט געענטפערט סמושקעוויטש.

אפן צווייטן טאָג, אינדערפרי, האָט סמושקעוויטש באקומען א פאראָרדענונג צוגרייטן זיך צום פלוג און ראפּאָרטירן וועגן דעם באראנאָוון.

סמושקעוויטש האָט אָנגעצייכנט אף דער מאַפּע דעם מארשרוט. איינעם מיטן פּילאָט־אינספּעקטאָר באטראכט דעם עראָפּלאן. דער אינספּעקטאָר האָט פארנומען זײַן אָרט אין דער ערשטער קאבינע, סמושקעוויטש — אין דער צווייטער.

ווען דער עראָפּלאן האָט אין א שאָ דרײַ ארום זיך אומגעקערט, האָט דער אינספּעקטאָר, אראָפּשטײַגנדיק פון דער קאבינע, ראפּאָרטירט באראנאָוון:

— סמושקעוויטש איז אן אויסגעצייכנטער פּילאָט־באָאָבאכטער!

— און מיר געווינען נאָך די אכט כאדאָשים, וועלכע ס׳וואָלט אויסגעקומען פאטערן אף צוגרייטן אים, — האָט צוגעגעבן באראנאָוו.

אין עטלעכע טעג ארום איז אָנגעקומען א באפעל: סמושקעוויטשן איז צוגעטיילט געוואָרן דער טיטל „פּילאָט־באָאָבאכטער״.

א דערציִער און א פרײַנט פון די פּילאָטן. א מײַסע מיט א דאמען־פּוטער. די העכסטע אָפּשאצונג

אין סענטיאַבער 1930 ווערט סמושקעוויטש, לויט א באפעל פונעם רעוואָליוציאָנערן מיליטער־ראט פון פּסםר, באשטימט אלס שעף פונעם פּאָליט־אָפּטייל פון דער 6־טער אוויִאַציע־בריגאדע, וועלכע האָט זיך באזירט אין סמאָלענסק. ער באגעגנט דאָ א סאך אלטע פרײַנט און באקאנטע אוויִאַטאָרן. די בריגאדע האָט גראדע זיך געגרייט צו מאנעווערס. סמושקעוויטש האָט באזוכט אלע עסקאדריליעס, בא יעדער געלעגנהייט האָט ער באטאָנט, אז די פאָרשטייענדיקע מאנעווערס דארף מען באטראכטן ווי א שלאכט־אופגאבע.

— ערעוו די מאנעווערס, — דערציילט דער צווייִ מאָל העלד פון סאָוועטנפארבאנד ס. פּ. דעניסאָוו, — האָט סמושקעוויטש פערזענלעך געשמועסט מיט די אוויִאַטאָרן. מיך האָט דעמלט פארוווּנדערט זײַן פראגע:

— וויִאזוי זײַט איר צוגעגרייט אויספילן די שלאכט־אופגאבע?

— אוועלכע אופגאבע? — האָב איך איבערגעפרעגט.

— די שלאכט־אופגאבע! — האָט סמושקעוויטש איבערגעכאזערט.

א סאך פון אונדז האָבן געהאלטן, אז מאנעווערס זײַנען ניט מער ווי א געלעגנהייט אן איבעריק מאָל א פלי טאָן. דער נײַער שעף פון פּאָליט־אָפּטייל האָט געפּאָדערט, מיר זאָלן אונדזער אָנטייל אין די מאנעווערס באטראכטן אלס א וויכטיקע שלאכט־פארגעבונג. איך דער־מאָן זיך, אז פיל פון אונדז האָט עס דעמלט גוט אונטערגעצויגן.

ער האָט ניט נאָר זאָרגפעליק געגרייט אנדערע, זיך גופע האָט ער געגרייט צו פארנעמען, בײַס די מאנעווערס, אן אָרט אין א שלאכט־עקיפּאַזש.

די מאנעווערס האָבן זיך אָנגעהויבן פון אן אינספּעקטאָרישן קאָנטראָל, וויִאזוי מע שיסט

און מע באַמבירט. די בריגאַדע האָט מיט דערפֿאָלג אויסגעהאַלטן די פּראָבע, א סאַך פּי־לאָטן און שטורמאַנס האָבן געקראָגן פֿון דער קאָמאַנדשאַפֿט אויסגעצייכנטע אָפּשאַצונגען. אין די אויספֿירן, וואָס די אינספּעקציע האָט געמאַכט, איז געווען אָנגעוויזן, אַז דאָס ערשטע אָרט אינעם שיסן און באַמבירן האָט אין דער בריגאַדע פֿאַרנומען דער קריגס־קאָמיסאַר און שעף פֿונעם פֿאַליט־אָפּטייל פֿון דער בריגאַדע יא. וו. סמושקעוויטש.

אויך אין זײַן נײַעם אמט האָט סמושקעוויטש, ווי שטענדיק, וויייניק וואָס געזאָרגט וועגן זיך און זײַן געזינד. מער פֿון אַלץ האָט ער געקלערט וועגן דעם, ווי־אַזוי מאַכן בעסער, אינ־טערעסאַנטער און געמיטלעכער דאָס לעבן פֿון די פּילאָטן און פֿון די טעכניקער.

„ווען מיר זײַנען אריבערגעפֿאָרן קיין סמאָלענסק, — דערציילט סמושקעוויטשעס פֿרוי באַסיע סאָלאָמאָנאָווגע, — האָבן מיר אינעם שטעטל פֿון די אוויִאַטאָרן באקומען א באַזונדערע דרײַ־צימערדיקע דירע. אָבער ניט לאַנג האָבן מיר געלעבט אין אַזא „ראַסקאָש". אין איינעם א טאָג איז יאַקאָוו געקומען פֿון דער אַרבעט אַהיים פֿריִער, ווי געוויינלעך, איך זע — עפּעס קוועטשט אים, ער וויל וועגן עפּעס זיך דורכשמועסן מיט מיר, נאָר ער קאָן עס בא זיך ניט פֿוילעלן. איך האָב געוואַרט... ענדלעך האָט ער זיך אָנגערופֿן:

— באַסינקע, דו ווייסט דאָך, אין קוואַרטירעס איז נאָך דערווײַל א מאַנגל. צו אונדז אין דער בריגאַדע איז געקומען א נײַער אינזשעניער מיט זײַן געזינד, און ער האָט ניט ווו אַהינ־טאָן זיך. לאָמיר אים אָפּגעבן איין צימער. אַף וואָס דאַרפֿן מיר דרײַ? עס וועט געגוג זײַן צוויי...

שפּעטער האָט דעם דאָזיקן צימער פֿאַרנומען דער נײַער קאָמיסאַר פֿון אַן עסקאַדריליע סע־מיאַנאָוו, דערנאָך — דער נײַער קאָמאַנדיר מינין. אָט אַזוי האָבן מיר שוין די גאַנצע צײַט, ביז אָפּפֿאָרן פֿון סמאָלענסק, געלעבט אין א קאָמונאַלער דירע".

פֿרילינג־צײַט 1931 האָט די קאָמאַנדשאַפֿט באַשלאָסן שיקן סמושקעוויטשן אַף קורסן פֿאַר עלטערע קאָמאַנדירן פֿון דער רויטער אַרמיי בא דער מיליטער־אַקאַדעמיע אַף פֿרונזעס נאָ־מען. ער האָט געקראָגן א מעגלעכקײַט צו באַרײַכערן זײַנע קענטעניש אין דער סטראַטעגיע און טאַקטיק פֿון דער אוויִאַציע און אין דער מיליטער־קונסט ביכלאַל.

סמושקעוויטש האָט פֿאַרשטאַנען: די דאָקטרינע פֿונעם איטאַליענישן גענעראַל דוע, אַז אין די קינפֿטיקע שלאַכטן וועט די אוויִאַציע, קלוימערשט, פֿולשטענדיק פֿאַרבײַטן אַלע אַנדערע מינים מיליטער, איז א פֿעלערהאַפֿטע. ער איז געווען בא דער מיינונג, אַז דער הויפּט־באַדינג אַף צו דערלאַנגען א ניצחון אין דעם קינפֿטיקן קריג וועט זײַן די פּינקטלעכע קאָאָרדינאַציע פֿון דער פֿעכאָטע, אוויִאַציע און יאַם־פֿלאָט. ער איז געווען א קעגנער פֿון די בורזשואַזע מי־ליטערישע טעאָרעטיקער, וועלכע האָבן איבערגעשאַצט די ראָליע פֿון דער קריגס־טעכניק און געפּריידיקט די אידיי פֿון האַלטן מילכאָמע מיט דער הילף פֿון קליינצאָליקע, טעכניש גוט באַוואָפֿנטע פּראָפֿעסיאָנעלע אַרמייען. סמושקעוויטש האָט אין דעם אײַנגעזען א מוירע פֿון די אימפּעריאַליסטן פֿאַר די סאָלדאַטישע מאַסן, וואָס זײַנען די פֿאָרשטייער פֿונעם פּראָלעטאַ־ריאַט.

סמושקעוויטשעס טעאָרעטישע אָנשויונגען, ווי אויך זײַנע באַמיִונגען צו שטאַרקן די קאַמפּסגרייטקײַט פֿון די אוויִאַציע־איינהײַטן, האָט הויך געשעצט דער קאָמאַנדיר פֿונעם ווײַסרוי־סישן מיליטער־קרײַז יעראָנים פּעטראָוויטש אובאָרעוויטש, וועמענס גרויסע שלאַכט־דערפֿאַ־רונג און טעאָרעטישע ווערק זײַנען געווען ברייט באַוווּסט אין דער רויטער אַרמיי. און ווען מע האָט אין סאָף 1931 באַדאַרפֿט באַשטימען א נײַעם קאָמאַנדיר פֿון דער וויטעבסקער אוויִאַ־ציע־בריגאַדע, איז דער אויסוואַל געפֿאַלן אַף יאַקאָוו סמושקעוויטשן.

דאָס איז געווען די זעלבע בריגאַדע, ווו סמושקעוויטש איז מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק געווען קאָמיסאַר פֿון אַן עסקאַדריליע. זינט דאַן האָט אין דער בריגאַדע א סאַך זיך געענדערט. זי איז איצט באַשטאַנען פֿון באָמבאַרדיר־עסקאַדריליעס, אויסשפּיר־ און פֿאַרניכטלער־עסקאַד־ריליעס און פֿון צוויי באַזונדערע אָטריאַדן.

דעם זעלבן טאָג, ווי נאָר סמושקעוויטש איז געקומען אין דער בריגאַדע, האָט ער טייקעף צונויפֿגערופֿן די קאָמאַנדירן און קאָמיסאַרן, זײַנע שטעלפֿאַרטרעטערס און געהילפֿן, און זיי געבעטן געבן אינפֿאָרמירן וועגן דעם צושטאַנד פֿון דער בריגאַדע.

„עס האָט אַף אונדז געמאַכט א שטאַרקן אײַנדרוק די רויִקע אופֿמערקזאַמקײַט, מיט וועל־כער יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש האָט אויסגעהערט יעדן פֿון אונדז, — האָט מיט יאָרן שפּעטער דערציילט דער פֿאָלקאָווניק פֿון אוויִאַציע ניקאָלײַ פּיאָדאָראָוויטש פּאַפּאָווין, וועלכער איז דעמלט געווען קאָמאַנדיר פֿון א באַזונדערן אָטריאַד. — גופֿע סמושקעוויטש האָט גערעדט וויייניק. נאָכן שמועס האָט ער דערקלערט א האַפּסאָקע און האָט באַפֿוילן אין צוויי שאָ אַרום אָנהייבן די קאָנטראָל־פֿלוגן. אין אָוונט האָט ער צו אונדז געזאָגט:

— מאָרגן הייבט אָן דעם טאָג פון א קאָנטראָל, וויאזוי עס פליִען אייערע געהילפן און שטעלפארטרעטערס, און באמיט זיך אליין זיין א מוסטער אינעם באהערשן די קונסט פון פילאָטירן".

דער גענעראַל־לייטענאנט, העלד פון סאָוועטנפארבאנד א. ס. סענאטאַראָוו דערציילט, ווי־אזוי עס האָט זיי, דעמלט נאָך יונגע פילאָטן, באגעגנט דער קאָמבריג: „מיר, צוואנציק באַ־כערים, האָבן אָקאָרשט פארענדיקט די אָדעסער פילאָטן־שול און זיינען אָנגעקומען קיין ווי־טעבסק. גלייך האָט אונדז ארויסגערופן צו זיך דער קאָמאנדיר פון דער בריגאדע. מיר האָבן זיך ניט פארגעשטעלט, אז סמושקעוויטש זאָל זיין אזוי יונג. ער און דער נאטשאלניק פון דעם פאָליט־אָפּטייל קוזנעצאָוו זיינען געזעסן באם טיש אף דער סצענע פונעם קלוב. דערזען אונדז, האָט דער קאָמאנדיר עפּעס איינגערוימט אין אויער דעם נאטשאלניק פון פאָליט־אָפּטייל. זיי האָבן זיך אופגעהויבן, גענומען דעם טיש און אים אראָפּגעטראָגן אין זאַל.

— אזוי וועט זיין באקוועמער, — האָט סמושקעוויטש א שמייכל געטאָן. — פון וואס זשע זאָלן מיר אָנהייבן?

אלע האָבן געשוויגן. יאקאָוו וולאַדימיראָוויטש איז צוגעגאנגען צו יעדן איינעם, געפרעגט דעם נאָמען און פאָטערנאָמען, זיך אינטערעסירט, צי איז מען א מיטגליד פון פארטיי, וועלכן ראַזריאַד האָט מען באקומען באם פארענדיקן די שול.

— נו, אָט האָבן מיר זיך באקאנט, — האָט געזאָגט סמושקעוויטש, ווען ער האָט מיט אלעמען זיך דורכגעשמועסט. — און וועגן אונדז וועט איר אלץ געוווירע ווערן א ביסל שפּע־טער. אויב אייערע טרוימען און האָפענונגען, מיט וועלכע איר זייט געקומען אין דער ברי־גאדע, וועלן מעקויעם ווערן, וועט עס הייסן, אז אויך מיר בארעכטיקן די האָפענונג פון דער פארטיי און פון דער קאָמאנדשאפט".

„ער האָט שטענדיק זאָרגזאם זיך באצויגן צו אונדז, — דערציילט ווייטער א. ס. סענאַ־טאַראָוו. — נאָך דעמלט, בייס דער ערשטער באגעגעניש, האָט סמושקעוויטש זיך פארינטערע־סירט, וויאזוי מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט. ווען אייניקע פון אונדז האָבן געזאָגט, אז זיי ווױ־נען אין פריוואטע דירעס, האָט דער קאָמאנדיר פילבאדייטנדיק זיך איבערגעקוקט מיטן נאַ־טשאלניק פונעם פאָליט־אָפּטייל קוזנעצאָוון און א זאָג געטאָן:

— איר וועט האָבן א גוטע דירע...

און ווירקלעך, אין א כוידעש ארום האָט מען פאר אונדז אויסגעשטאַט א וווּנדערלעכע צוזאמענוווינונג. דער קאָמבריג פלעגט אלץ אין זינען האָבן: וויאזוי די פילאָטן רוען אָפּ, פארברענגען די פרייע צייט, זייערע שטייגערישע באדינגונגען".

סמושקעוויטשעס פרוי דערציילט וועגן אזא פאַל:

אין איינעם א פרימאָרגן צעקלינגט זיך דער טעלעפאָן.

— באַזנקע, — דערהער איך דעם מאנס שטים, — עס וועט באלד אריינגיין צו דיר דאָס ווייב פונעם פילאָט מ. גיב איר, ביטע, פיר הונדערט רובל. פרעג מיך ניט איצט, וואס און ווען. איך וועל אפדערנאכט קומען און וועגן אלץ דערציילן.

אין אָוונט דערוויס איך זיך: יאקאָוו וולאַדימיראָוויטש, וועלכער פלעגט שטענדיק פאר די פלוגן אופמערקזאם זיך צוקוקן צו יעדן פילאָט, צו זיין שטימונג, האָט אין יענעם פרימאָרגן באמערקט, אז דער פילאָט מ. — איינער פון די בעסטע אין דער בריגאדע — איז עפּעס ניט מיט אלעמען. עמעצער האָט א זאָג געטאָן, אז מ. האָט זיך צעווערטלט מיט זיין פרוי, אז „עפּעס איז אים אָנגעזאָלעט אפן הארצן..."

סמושקעוויטש האָט דערוויַל באפוילן אָפּלייגן דעם פלוג און האָט פארבעטן דעם פילאָט צו זיך. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן אָט וואס: נעכטן האָט מען דעם פילאָט פאַרגעלייגט אָן אָר־דער אף א פוטער פאר זיין פרוי, אָבער אין דעם מאָמענט האָט ער ניט געהאט קיין פריַי געלט און געמוזט פון דעם אָרדער זיך אָפּזאָגן. די פרוי זיינע האָט דערפון שטארק גענומען זיך צום הארצן.

יאקאָוו וולאַדימיראָוויטש האָט ארויסגענומען פון דער אייבערשטער קעשענע אָן אָרדער אף א דאמען־פוטער, אים געגעבן דעם פילאָט און געזאָגט:

— הערט א מייסע, און מיין פרוי האָט איצט גראדע קיין כיישעק ניט איינצושאפן זיך א פוטער. וואס איז שייעך געלט, איז עס דאָך ניט פון די גרויסע זאכן... מיר וועלן איַיך אנט־לייען.

ווען יאקאָוו איז אין אָוונט געקומען פון דער ארבעט, האָט ער מיך געהאלטן אין איין טרייסטן:

— נישקאָשע, באַזנקע, מיר וועלן א פוטער קויפן א צווייט מאָל..."

אַף די האַרבסטיקע מאַנעווערס פֿונעם ווײַסרוסישן מיליטער־קרײַז זײַנען אונטערגעפירט געוואָרן די סאַכאַקלען פון דער זומערדיקער לער. פאַר סמושקעוויטשעס בריגאַדע איז דעמלט צום ערשטן מאָל געשטעלט געוואָרן די אויפגאַבע: די „שלאַכט־אָפּעראַציעס" קאָאָרדינירן מיט דער מאָטאָמעכאַניזירטער בריגאַדע. דאָס איז געווען סײַ נײַ, סײַ קאָמפּליצירט און פאַרכאַפּנדיק. סמושקעוויטש האָט געקראָגן די מעגלעכקײַט צו אַנטפּלעקן זײַן דערפינדערישקײַט.

קלימענט יעפרעמאָוויטש וואָראָשילאָוו, וועלכער איז בײַגעווען אַף די מאַנעווערס, האָט באַגריסט סמושקעוויטשן, אַלע פּילאָטן און טעכניקער.

— ווו האָט איר זיך געלערנט, קאָמבריג? — האָט פּלוצעם אַ פרעג געטאָן וואָראָשילאָוו.

— אַף דער מיליטער־דינסט, כאַווער פאָלקסקאָמיסאַר, — האָט געענטפערט סמושקעוויטש.

— ווי קומט צו אײַך אַזוי גוט וויסן די נײַע טעכניק?

— די פּאַרטיי פאָדערט, מיר זאָלן ניט אָפּשטיין פון דער טעכניק, וואָס אַנטוויקלט זיך אַזוי האַסטיק, כאַווער פאָלקסקאָמיסאַר. סטאַרען מיר זיך ניט אָפּצושטיין.

אינגיכן נאָך די מאַנעווערס האָט סמושקעוויטש זיך געווענדט מיט אַ באַקאָשע צו וואָראָשילאָוון, מ׳זאָל אים שיקן זיך לערנען. דער פאָלקסקאָמיסאַר האָט דערלויבט יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטשן פאַרפולקומען זײַנע קענטענישן אין דער סעוואַסטאָפּאָליער פּילאָטן־שול. אָבער פון אָנפירן מיט דער בריגאַדע האָט מען אים ניט באַפרײַט.

צו יענער צײַט איז סמושקעוויטש שוין געווען אַ שטורמאַן און האָט פּראַקטיש באַהערשט די קונסט פון פּילאָטירן, נאָר ער האָט שטאַרק געוואָלט פאַרענדיקן אַ מיליטערישע אַוויאַציע־שול. אָבער זײַן אַ לענגערע צײַט אָפּגעריסן פון דער בריגאַדע האָט ער ניט געקאָנט. ער באַשליסט באַהערשן דעם לערן־קורס אין אַ מינימאַל קורצן טערמין.

נאַטשאַלניק פון דער סעוואַסטאָפּאָליער מיליטערישער פּילאָטן־שול איז דעמלט געווען דער געוועזענער קאָמאַנדיר פון דער אַוויאַציע פונעם ווײַסרוסישן מיליטער־קרײַז וולאַדימיר אַנטאָנאָוויטש קושאַקאָוו. ער האָט גוט געקענט סמושקעוויטשן און אים מיטגעהאָלפן וואָס גיכער צו פאַרענדיקן די לערן־פּראָגראַם. סמושקעוויטש שטודירט צו 12—14 שאָ אַ מעסלעס, אינטערעסירט זיך מיט אַלץ דאָס נײַע און פּראָגרעסיווע, קעדיי שפּעטער פּראַקטיש אָנווענדן עס אין דער בריגאַדע. אַ באַזונדערן אינטערעס האָט בא אים אַרויסגערופן די טעכניק פון פּילאָטירן אַף ניט קיין גרויסער הייך. אַף ספּעציעלע קורסן האָבן זיך געלערנט צוועלף קאָמאַנדירן פון עסקאַדריליעס פון פאַרשיידענע מיליטער־קרײַזן, דערין אויך דער קאָמאַנדיר פון דער אויסשפּיר־עסקאַדריליע פון דער וויטעבסקער בריגאַדע מעדיאַנסקי. אין זײַנע זיכרוינעס שרײַבט ער:

„דאָס איז געווען אַן עקספּערימענט. די קאָמאַנדשאַפט האָט באַשלאָסן אויסלערנען אונדז פּילאָטירן דעם קאָמפּליצירטן עראָפּלאַן «P-1» אַף 25 מעטער די הייך און נאָך נידעריקער אפילע. סמושקעוויטשעס אינטערעס צו דעם דאָזיקן איניען איז ניט געווען קיין הוילע נײַגעריקײַט. אַזעלכע מינים פלוגן האָט ער דערנאָך דורכגעפירט אין זײַן בריגאַדע און שפּעטער אָנגעווענדט אין שפּאַניע".

אין דער כאַראַקטעריסטיק, וואָס סמושקעוויטש האָט באַקומען נאָכן פאַרענדיקן די פּילאָטן־שול, לייענען מיר: „די רעזולטאַטן פון באַהערשן די זעלבשטענדיקע פּראָגראַם זײַנען לויט אַלע עלעמענטן אויסגעצייכנטע. שטודירן די פּראָגראַם האָט סמושקעוויטש אָנגעהויבן דעם 25 אָקטיאַבער 1932 און זי פאַרענדיקט דעם 14 דעקאַבער 1932. סאַכאַקל פאַר 38 טעג".

ביז דעם איז סמושקעוויטש געווען אַ גוטער פּאָליטרוק און קאָמיסאַר, אַ געניטער אָרגאַניזאַטאָר, ער האָט אויסגעצייכנט באַהערשט דעם פאַך פון אַ לופט־נאַוויגאַטאָר, שפּעטער האָט ער אָנגעפירט מיט אַ בריגאַדע, אָבער... קיין פּילאָט איז ער ניט געווען. איצט איז ער געוואָרן אַ פּילאָט. דאָס האָט ניט נאָר געהעכערט זײַן אויטאָריטעט אַלס קאָמאַנדיר, ער האָט גאָר מיט אַנדערע אויגן דערזען די אויפגאַבעס פון די אַוויאַטאָרן אין פּראַט פון פאַרפולקומען זייער מײַסטערשאַפט.

די בריגאַדע איז איצט אַ סאַך מער, ווי פריער, געפלויגן באַנאַכט. אַראָפּנידערן אַפן עראָדראָם פלעגט מען בא דער שײַן פון די „פלעדערמויז־לאַמטערנס". ס׳איז געוואָרן אַן אָבליגאַטאָרישער עלעמענט — פּילאָטירן דעם עראָפּלאַן לויט די מאַכשירים. אין דער וויטעבסקער בריגאַדע האָט מען אַ סאַך פריער, ווי אין אַנדערע אַוויאַציע־אײנהײַטן, באַהערשט דעם נײַעם מעטאָד פון פּיקירן.

די גרעסערע אָנלאָדונג, וואָס האָט זיך געלייגט אַף די פּילאָטן, האָט, נאַטירלעך, געפאָדערט פונעם קאָמאַנדיר נאָך מער, ווי ביז איצט, זיך זאָרגן וועגן זייער געזונט, וועגן זייער לעבנשטייגער. אין דער בריגאַדע האָט מען גענומען בויען אַ סאַך נײַע דירעס, אַ גאָרקיד, אַ קלוב. יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש האָט אַרײַנגעלייגט אַ סאַך מי אינעם אָרגאַניזירן און זיכערן

די נאָרמאַלע ארבעט פון דער באַנאַכטיקער סאַנאַטאָריע פאַר די פּילאָטן. שפּעטער זײַנען אַזעלכע סאַנאַטאָריעס אופגעקומען אין אַלע אַוויאַציע-בריגאַדעס פון דער רויטער אַרמיי. די וויטעבסקער אַוויאַציע-בריגאַדע האָט פעסט פאַרנומען א פאָרגעשריטן אָרט צווישן די בעסטע אַוויאַציע-אײנהײטן אין לאַנד.

יאַקאָוו סמושקעוויטש האָט מיט אומרו נאָכגעשפּירט, ווי עס וואַקסט אַלץ מער די פּאָשי-סטישע געפאַר, און איז אַלץ מער און מער אַנטשלאָסענער אַרויסגעטראָטן קעגן אייניקע פּע-לערהאַפטע אָנשויונגען, וואָס האָבן אין יענער צײַט זיך אײַנגעוואָרצלט אין אונדזער אַוויאַ-ציע און האָבן געשטערט צו אָרגאַניזירן די לער פון די פּילאָטן אַזוי, אַז זי זאָל מאַקסימאַל זײַן דערנעענטערט צו די מילכאָמע-באַדינגונגען. זײַן קוק אויף דער זאַך האָט יאַקאָוו וולאַדי-מיראָוויטש אַרויסגעזאָגט אויף א פאַרברייטערטער זיצונג פונעם רעוואָליוציאָנערן מיליטער-ראַט פון פּססר, ווו עס זײַנען באַהאַנדלט געוואָרן די סאַכאַקלען פון דער שלאַכט-צוגרייטונג פון דער רויטער אַרמיי פאַרן 1933:

— מיר דאַרפן זיך אויסלערנען באָמבאַרדירן אין קאָמפּליצירטע מעטעאָראָלאָגישע באַ-דינגונגען, פליִענדיק איבער די וואָלקנס... באָמבאַרדירן און שיסן דאַרף מען אין אַזעלכע אומ-געבונגען, וואָס זאָלן זײַן ענלעך צו די שלאַכט-סיטואַציעס, ווען די פאַרניכטונגס-אַוויאַציע וויַיזט אַרויס א ווידערשטאַנד...

דער רעגלאַמענט האָט זיך שוין פאַרענדיקט, נאָר דער פּאָרזיצער שטעלט ניט אָפּ סמוש-קעוויטשן. דאָס, וואָס ער האָט דאָ געזאָגט, צווינגט אַלעמען צו פאַרטראַכטן זיך.

דער בריגאַדע-קאָמיסאַר נ. ג. קאָניוכאָוו האָט שפּעטער געשריבן וועגן סמושקעוויטשעס אַרויסטרעטונג: „מיר האָבן געהאַט פאַר זיך א מוטיקן פּרינציפּיעלן פּאָליט-טוער, א דרייסטן קאָמאַנדיר, א שעפעריש-דענקענדיקן נאַטשאַלניק, א געטרײַען זון פון אונדזער היימלאַנד, אַן איבערצײַיגטן קאָמוניסט".

סמושקעוויטש האָט שוין פון לאַנג געהאַט א שעם פון א נאָוואַטאָר, אַלעמען האָבן געפרייט זײַנע דרייסטע שריט, די נײַע מעטאָדן, וועלכע ער האָט אָנגעווענדט אין דער שלאַכט-צוגרייטונג פון די אַוויאַטאָרן. אַשטייגער, ווינטער 1934 האָט סמושקעוויטש אויסגעשטאַט אַן אַעראָדראָם אויף דעם אײַז פון אַן אָזערע און געשאַפן דאָרט א ווינטער-לאַגער פאַר די קאָ-מאַנדירן און פּילאָטן. דאָס איז געווען נײַ און אויסטערליש.

די דערפאַרונג פון באַנוצן זיך מיט אײַז-אַעראָדראָמען איז גוט אָפּגעשאַצט געוואָרן בײַס דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע.

סמושקעוויטש האָט זאָרגפעליק געכאָוועט די אַוויאַטאָרן. אין 1932 איז אין דער בריגאַדע געקומען דער רויטאַרמייער-פּילאָט אַלעקסאַנדער סענאַטאָראָוו. אין קנאַפּע צוויי יאָר אַרום איז ער שוין געווען קאָמאַנדיר פון א רינג.

דער גענעראַל-לייטענאַנט, העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד אַלעקסאַנדער סערגייעוויטש סע-נאַטאָראָוו האַלט, אַז ער האָט פיל צו פאַרדאַנקען דעם קאָמבריג סמושקעוויטשן. אַלעקסאַנדער סערגייעוויטשן האָט באַזונדערס זיך פאַרקריצט אין זיקאָרן, וויאַזוי ער איז איינמאָל געפלויגן אינאיינעם מיטן קאָמבריג.

„איך האָב באַדאַרפט אַראָפּשפּרינגען מיט א פאַראַשוט. מיר האָבן זיך אופגעהויבן אכט הונדערט מעטער די הייך. ווען מיר זײַנען געפלויגן איבער דעם אַעראָדראָם, האָב איך זיך צוגעגרייט א שפּרונג טאָן, נאָר סמושקעוויטש זאָגט צו מיר: „זיצט רויִק און וואַרט אויף מײַן קאָמאַנדע". דער אַעראָדראָם איז שוין ווײַט הינטער אונדז, נאָר דער קאָמבריג שווײַגט אַלץ. מיר פליִען איבער א וואַלד. איבער ריוון. פונעם אַעראָדראָם זײַנען מיר שוין היפּש ווײַט. און דאָ דערהער איך: „פאַרלאָזן די קאַבינע!"

— וואָס הייסט פאַרלאָזן? — פרעג איך. — איך וועל דאָך ניט טרעפן אויפן אַעראָדראָם.

— טאַקע זייער גוט, וואָס איר וועט ניט אַזוי גרינג טרעפן אויפן אַעראָדראָם. שפּרינגט! איך האָב א שפּרונג געטאָן און אַראָפּגעשטיגן אויף א וואַלד-לאָנקע, א צען קילאָמעטער פונעם אַעראָדראָם.

שפּעטער איז מיר אויסגעקומען צו שפּרינגען מיט א פאַראַשוט צענדליקער מאָל, און ווען איך האָב געדאַרפט, פליִענדיק איבער די וועלדער פון שפּאַניע, פאַרלאָזן מײַן אונטערגעשאָ-סענעם אַעראָפּלאַן, איז מיר יענער ערשטער שפּרונג גוט צוניץ געקומען.

א צווייט מאָל, — דערציילט ווײַטער סענאַטאָראָוו, — בין איך געפלויגן אין א פאַרמאַכ-טער קאַבינע (אונטער א „קאַלפּעק") דרײַ טויזנט מעטער די הייך. איך דערהער דעם שטור-מאַנס קאָמאַנדע: „ס'איז די רעכטע צײַט אופעפענען די קאַבינע. מיר פליִען איבער דעם צענ-טראַלן טייל פון וויטעבסק".

איך האָב אויסגעשטרעקט די האַנט, קעדיי עפּענען דעם קאַלפּעק, נאָר אין דער זעלבער רעגע האָט דעם אעראָפּלאַן שטאַרק א טרייסל געטאָן. די ווײַזערס פון די מאַכשירים האָבן גענומען אונטערשפּרינגען. צוערשט איז דורכגעלאָפן א געדאַנק, אַז מיר האָבן, זעט אויס, זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט א צווייטן אעראָפּלאַן. איך עפן אוף דעם קאַלפּעק און זע: דער פּראָ־פּעלער דרייט זיך, נאָר דער מאָטאָר ארבעט ניט. אָט זײַנען שוין די גאַסן פון דער שטאָט. די ערד טראָגט זיך האַסטיק אונדז אַנטקעגן. א קלאַפּ. דער אעראָפּלאַן זעצט זיך אוועק אָף א גאָרטן, טוט זיך א דריי און שפּאַרט זיך אָן מיטן פּראָפּעלער אין דער וואַנט פון א שטוב. מיר קלײַבן זיך ארויס פון דער קאַבינע, טוען א ריר דעם פּראָפּעלער, — ער דרייט זיך אַזוי גרינג, ווי די פליגל בא א ווינטמיל. ס׳האָט, הייסט עס, געפּלאַצט די טראַנסמיסיע פונעם וואַל.

דער ערשטער איז צו דעם אָרט פון דער אוואַריע געקומען צו פאָרן סמושקעוויטש. ער האָט מיך ארומגענומען, געקושט, אראָפּגענומען פון זײַן האַנט דעם גאָלדענעם זייגער און אים דערלאַנגט מיר:

— נעם, האָסט עס פאַרדינט, — האָט געזאָגט דער קאָמבריג.

— מיט וואָס האָב איך עס פאַרדינט? — האָב איך אָן איבעראַשטער געפרעגט.

— האָסט זיך ניט פאַרלוירן. האָסט געראַטעוועט סײַ דעם עקיפּאַזש, סײַ די מאַשין, — האָט געזאָגט יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש.

דעם דאָזיקן זייגער האָב איך געהיט יאָרנלאַנג. א גרויסער שאָד, וואָס בייס די שלאַכטן אין שפּאַניע האָב איך אים פאַרלוירן״.

אין די יאָרן 1934—1935 האָט אונדזער אוויִאַציע אָנגעהויבן באַהערשן די קונסט פון פּילאָטירן אָף א גרויסער הייך, אין קאָמפּליצירטע מעטעאָראָלאָגישע באַדינגונגען און אָנווענדן אין א ברייטן מאַסשטאַב די ראַדיאָ־אַפּאַראַטור. צוליב דעם האָט מען געמוזט אַנטשפּרעכיק צוגרייטן די אעראָפּלאַנען, אָרגאַניזירן זויערשטאָף־סטאַנציעס, אויסלערנען די פּילאָטן זיך באַ־נוצן מיט ספּעציִעלע מאַכשירים אדג.

סמושקעוויטש האָט צונויפגערופן אין דער באַנאַכטיקער סאַנאַטאָריע די פּילאָטן פון דער בריגאַדע, די אינזשעניערן און דאָקטוירים — אַלע די, וואָס האָבן באַדאַרפט זיך צוגרייטן צו די קאָמפּליצירטע פלוגן. אין ספּעציִעל אויסגעשטאַטע לערן־אַודיטאָריעס פירט ער פּערזענ־לעך דורך די ערשטע לימודים. די טעכניקער, וועלכע זײַנען אויך דורכגעגאַנגען ספּעציִעלע קורסן, גרייטן צו אין דער זעלבער צײַט די אעראָפּלאַנען.

אָט אַזוי, אין אָנגעשטרענגטער מי, איז דורכגעגאַנגען דער ווינטערדיקער לערן־פּעריִאָד, און ווען די העכערע קאָמאַנדשאַפט האָט אונטערגעפירט א סאַכאַקל, האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז סמושקעוויטשעס בריגאַדע פאַרנעמט דאָס ערשטע אָרט אינעם גאַנצן מיליטער־קרײַז. אינגיכן איז אָנגעקומען א פריידיקע ידיִע: די בריגאַדע האָט געקראָגן דאָס רעכט זיך באַטייליקן אין דעם לופט־פּאַראַד אין מאָסקווע לעקאָוועד דעם ערשטן מײַ.

גענעראַל דוגלאַס. קאַראַוואַנען סאָוועטישע שיפן. אין מאַדרידער הימל

אין אָנהייב 1936 איז די פּאָליטישע אַטמאָספער אין דער וועלט שוין געווען אָף אַזויפיל אָנגעגליט, אַז ניט נאָר ווײַטזיכטיקע פּאָליטיקער, — יעדער איינער, וואָס איז מער־ווייניקער געווען באַקאַנט מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע, האָט געזען: די נײַע וועלט־מילכאָמע איז שוין בא דער שוועל. די איטאַליענישע פאַשיסטן זײַנען אָנגעפאַלן אָף עפיאָפּיע, די יאַפּאַנישע אימפּעריאַליסטן — אָף כינע. דאָס היטלער־דײַטשלאַנד האָט צעריסן דעם ווערסאַלער אָפּמאַך און מיט האַסטיקע טעמפּן געשאַפן א קאָלאָסאַלע ארמיי, געבויט דעם יאַמישן קריגס־פלאָט, באַשטאַט די אוויִאַציע מיט די מאָדערנסטע אעראָפּלאַנען. די פאַשיסטן האָבן אונטערגעוואָרעמט די רעוואַנשיסטישע שטימונג, גערופן די דײַטשן „אופשטעלן די גערעכטיקײַט״, אומקערן דײַטשלאַנד די ראָליע פון א „סופּער־מעלוכע״, זיך גרייטן צו א „קרייץ־צוג״ קעגן קאָמוניזם, דה. קעגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

„יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש, — שרײַבט אין זײַנע זיכרוינעס דער גענעראַל א. ק. אַדנאָ־וואַל, — האָט ניט איין מאָל ארויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז דעם פאַשיזם דאַרף מען אײַנצאַמען באַצײַטנס, ביז ער איז נאָך ניט געוואָרן שטאַרק.

אין מײַן זיקאָרן האָבן זיך פאַרקריצט די מיטינגען, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין די עס־קאַדריליעס פון דער בריגאַדע אין דעם טאָג, ווען ס׳איז באַוווּסט געוואָרן וועגן דעם פאַשי־סטישן פּוטש אין שפּאַניע. סמושקעוויטש איז ארויסגעטראָטן אָף דעם מיטינג אין דער עס־

קאדריליע, ווו איך בין געווען קאָמיסאר. ער האָט מיט צאָרן און אופגערעגטקייט גערעדט וועגן דער נידערטרעכטיקער ראָליע, וואָס עס שפּילט דאָס היטלער־דײַטשלאַנד און די פאַשיסטישע איטאַליע אינעם צוגרייטן דעם פּוטש קעגן דער געזעצלעכער דעמאָקראַטישער רעגירונג פון דער שפּאַנישער רעפּובליק. ער האָט אונדז גערופן צו זײַן וואַכזאַם און גרייט זײַן ארויסצו־ווײַזן א ווידערשטאַנד דעם פאַשיזם.

מיט יעדן טאָג האָבן אַלץ מער און מער פּילאָטן דערלאַנגט ראַפּאָרטן, מ׳זאָל זיי דערלויבן פרײַוויליק פאָרן קיין שפּאַניע. איינמאָל, ווען איך האָב איבערגעגעבן סמושקעוויטשן א פּריש פּעקל ראַפּאָרטן, האָב איך געפרעגט בא אים:

— וואָס זאָל איך פאָרט ענטפערן די כאַוויירים, וועלכע רײַסן זיך מאַמעש אין שלאַכט קעגן דעם פאַשיזם?

— ענטפערט זיי אזוי, ווי עס האָט מיר געענטפערט די קאָמאַנדשאַפט: „די גרייטקײַט צו קעמפן קעגן דעם פאַשיזם דאַרף מען דערווײַל ארויסווײַזן אף די מאַנעוורעס, און ווען ס׳וועט נייטיק זײַן, וועט דער באַגער פון יעדן, וואָס איז גרייט פאָרן קיין שפּאַניע, גענומען ווערן אין אכט”.

עס זײַנען דעמלט פאָרגעקומען מאַנעוורעס פון דעם ווײַסרוסישן מיליטער־קרײַז, אף וועל־כע עס זײַנען בײַגעווען דער מאַרשאַל וואָראָשילאָוו, דער קאָמאַנדאַרם פון 2־טן ראַנג אַלקס־ניס און אַנדערע אָנגעזעענע קריגס־אָנפירער. עס זײַנען אויך בײַגעווען א ריי אויסלענדישע מיליטערישע דעלעגאַציעס. דאָס איז געווען א באַווײַז, אַז די דאָזיקע מאַנעוורעס האָבן גאָר אַן אַנדער ווערט.

דער גענעראַל אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש טורזשאַנסקי דערציילט: „בײַס די דאָזיקע מאַנעוורעס, אין דער אָנוועזנהײַט פון דער העכסטער מיליטערישער אָנפירונג פון לאַנד און אויסלענדישע געסט, האָט די בריגאַדע באַדאַרפט פון זעקס טויזנט מעטער די הייך דערלאַנגען א פאַרניכטנדיקן קלאַפּ איבער דעם „סוינעס” אַן אַעראָדראָם, וועלכן עס האָבן לויט די טנאָים פון דער מיליטער־שפּיל באַשיצט א היפּשע צאָל זעניט־האַרמאַטן און אַעראָפּלאַנען־פאַרניכט־לער, וועלכע האָבן פּאַטרולירט אינדערלופטן.

לויט סמושקעוויטשעס באַקאַשע איז אין זײַן רעשוס איבערגעגעבן געוואָרן אַן עסקאַד־ריליע אַעראָפּלאַנען־שטורמאָוויקעס. דער קלאַפּ איז געווען אַן איבעראַשנדיקער. פונעם „סוי־נעס” אַעראָדראָם האָבן באַוויזן זיך אופהייבן ניט מער ווי צען פאַרניכטלער. די איבעריקע זײַ־נען „צעשמעטערט” געוואָרן פון די באָמבעס, וואָס האָבן אַראָפּגעוואָרפן נײַנציק אַעראָפּלאַנען פון סמושקעוויטשעס בריגאַדע.

ווען סמושקעוויטש איז געקומען אף דעם קאָמאַנדנעם פּונקט, האָבן די אָנפירער פון די מאַנעוורעס אים הייס באַדאַנקט. די אויסלענדישע גענעראַלן האָבן אויסגעדריקט זייער אַנצי־קונג. וואָראָשילאָוו האָט אַרומגענומען סמושקעוויטשן און געזאָגט:

— אײַער בריגאַדע האָט דערגרייכט הויכע שלאַכט־מײַסטערשאַפט. אָט אזא מײַסטער־שאַפט דאַרפן זיך דערשלאָגן אַלע אייניקײַטן פון אונדזערע מיליטערישע לופט־קויכעס. איך דאַנק אײַך, כאַווער סמושקעוויטש.

די פירטאָגיקע מאַנעוורעס האָבן זיך פאַרענדיקט מיט א מיליטער־פּאַראַד אין מינסק. נאָך דעם פײַערלעכן מאַרש פונעם מיליטער און דעם לופט־פּאַראַד האָבן די פּילאָטן־פאַרניכטלער פון דער וויטעבסקער בריגאַדע דעמאָנסטרירט פיגורן פון העכסטן פּילאָטאַזש אף די אַעראָפּ־לאַנען «P-16».

דער גענעראַל־לייטענאַנט ר. פּ. כמעלניצקי, וועלכער איז זײַנערצײַט געווען א פאַרבינ־דונגס־אָפיצער בא וואָראָשילאָוון, שרײַבט אין זײַנע זיכרוינעס: „דער גרויסער דערפאָלג און די העכסטע אָפּשאַצונג, וואָס עס האָט געקראָגן דער קאָמאַנדיר פון דער וויטעבסקער אוויאַ־ציע־בריגאַדע יאַ. וו. סמושקעוויטש, האָבן געהאַט א סאַך צו זאָגן בעשאַסן לייזן די פראַגע וועגן באַשטימען אים אַלס עלטסטן ראַטגעבער פון דער אוויאַציע אין דער רעפּובליקאַנישער שפּאַניע. איך געדענק, אַז ווען איך האָב אין דער אָנוועזנהײַט פון יאַ. אי. אַלקסניסן איבער־געגעבן וואָראָשילאָוון די טעלעגראַם וועגן א קאַנדידאַטור פאַר אַן עלטסטן ראַטגעבער, האָט קלימענט יעפרעמאָוויטש, ווענדנדיק זיך צו אַלקסניסן, געזאָגט:

— לאָמיר האַלטן, אַז די דאָזיקע פראַגע איז געלייזט — עס וועט פאָרן סמושקעוויטש. זײַן באַגער צו פאָרן אַהין איז אונדז באַוווּסט שוין פון לאַנג, און די מאַנעוורעס האָבן באַ־שטעטיקט. אַז ער איז פײַיִק אויספּילן אזא אופגאַבע.

קיין מאָסקווע האָט מען סמושקעוויטשן אַרויסגערופן גיכער, ווי מ׳האָט עס געקאָנט דער־וואַרטן. ער האָט אפילו ניט געהאַט קיין מעגלעכקײַט צוריק זיך אומקערן קיין וויטעבסק. די

קינדער זײַנע האָט מען מיט אַן אַעראָפּלאַן געבראַכט קיין מאָסקווע, זיי זאָלן קאָנען זיך געזע־גענען מיטן טאַטן פאַר זײַן ווײַטער נסיעה.

סמושקעוויטש האָט באַקומען אַן אויסלענדישן פּאַס („דוגלאַס" האָט ער איצט געהייסן), און איז אַרויסגעפלויגן דורך פּאַריז קיין שפּאַניע.

אויף דעם אַעראָדראָם אַלבאַסעטע האָט מען שוין געוווּסט, אַז פון פּאַריז איז אַרויסגעפלויגן אַן אַעראָפּלאַן, אויף וועלכן עס געפינט זיך סמושקעוויטש. דער סאָוועטישער אַוויאַציע־אַטאַשע באָריס פּיאַדאָראָוויטש סוועשניקאָוו האָט שוין עטלעכע מאָל געקלונגען אַהער, זיך אָנגעפרעגט, צי דער אַעראָפּלאַן איז שוין דאָ.

ענדלעך האָט דער דעזשורנער מיטגעטיילט אין שטאַב, אַז „דוגלאַס" איז אָנגעקומען. דער קאָמאַנדיר פון דער שפּאַנישער רעפּובליקאַנישער אַוויאַציע איגנאַסיאָ אידאַלגאָ דע סיס־נעראָס האָט געפרעגט:

— און וועמען האָט ער געבראַכט?

— „דוגלאַסן", — האָט געענטפערט דער דעזשורנער.

— ? ? ?

סיסנעראָס האָט ניט גלייך פאַרשטאַנען, וועגן וואָס פאַר אַ „דוגלאַס" עס גייט אַ רייד, ווײַל סמושקעוויטש־דוגלאַס איז געקומען צו פליִען קיין שפּאַניע אויף אַן אַעראָפּלאַן, וואָס הייסט אויך „דוגלאַס".

די סאָוועטישע אַטאַשעס וו. יע. גאָרעוו (דער מיליטערישער), ב. פּ. סוועשניקאָוו (פון דער אַוויאַציע) און נ. ג. קוזניעצאָוו (פון די מיליטערישע יאַם־קויכעס) זײַנען שוין צוויי כאָדאָשים געווען אין שפּאַניע. דער פּאָלקאָווניק סוועשניקאָוו האָט דערציילט יאַקאָוו וולאַדי־מיראָוויטשן וועגן דער אויסערסט ערנסטער און קאָמפּליצירטער לאַגע, וואָס האָט זיך דאָ געשאַפן.

די פּאָליטיק פון „ניט אַרײַנמישן זיך", באַ וועלכער עס האָבן זיך געהאַלטן די ענגלישע, פראַנצויזישע און אַמעריקאַנישע רעגירונגען, האָט געבראַכט דערצו, אַז פראַנקאָ, באַקומענ־דיק מיליטערישע שטיצע פון דעם פאַשיסטישן דײַטשלאַנד, האָט אַקטיוויזירט דעם אָנגריף אויף אַלע פראָנטן. אין אָנהייב סענטיאַבער 1936 האָבן די פראַנקיסטן פאַרכאַפּט אירון און טאַלאַווערו, און צום סאָף כודעש — טאָלעדאָ. אין דעם מאָמענט, ווען סמושקעוויטש איז גע־קומען קיין שפּאַניע, זײַנען די פראַנקיסטן שוין געשטאַנען אַ זיבעציק קילאָמעטער פון דער רעפּובליקאַנישער הויפּטשטאָט — מאַדריד.

דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט אײַנגעשטעלט מיט דער רעפּובליקאַנישער שפּאַניע דיפּלאָ־מאַטישע באַציִונגען, און ווי נאָר די רעגירונג פונעם פאָלקס־פראָנט האָט דאָס געבעטן, איז אונדזער לאַנד קאָנסעקווענט און אַנטשיידן אַרויסגעטראָטן צו הילף די רעפּובליקאַנער. קיין שפּאַניע זײַנען אַוועק קאַראַוואַנען סאָוועטישע שיפן מיט דערנערונגס־פּראָדוקטן, מעדיקאַ־מענטן, געווער און שלאַכט־אַמוניציע. עס זײַנען אַהין געפאָרן סאָוועטישע פרײַוויליקע: פּי־לאָטן, טאַנקיסטן, אַרטילעריסטן, קוילנוואַרפלער...

פון דער גאָרער וועלט זײַנען קיין שפּאַניע אָנגעקומען אינטערנאַציאָנאַליסטן, דאָסראָוו מיטגלידער פון די קאָמוניסטישע און אַרבעטער־פּאַרטייען. זיי האָבן פרײַוויליק זיך אַרויס־גערופן מיט געווער אין די הענט צו באַשיצן די רעפּובליק. אינגיכן האָט זייער צאָל דער־גרייכט דרײַסיק טויזנט. די שטאָט אַלבאַסעטע איז געוואָרן דער צענטער, ווו עס האָבן זיך פאָרמירט די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס.

סמושקעוויטש האָט געוואָלט וואָס גיכער באַקומען אַ פאַרשטעלונג וועגן דעם צושטאַנד פון דער רעפּובליקאַנישער אַוויאַציע, זיך באַקאַנען מיט די פּילאָטן. אויפן צווייטן טאָג, קאַיאָר, אָנגעטאָן אין אַ לעדערנעם רעקל, אין אַ גרויסן שוואַרצן בערעט אָנשטאָט דעם העלן מאַל־בעש פון אַ קאָמערסאַנט, אין וועלכן ער איז געווען אויסגעפּוצט, פאַרנדיק אַהער, איז יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש אַרײַנגעקומען צום קאָמאַנדיר פון דער רעפּובליקאַנישער אַוויאַציע סיס־נעראָסן.

איגנאַסיאָ סיסנעראָס שטאַמט פון אַ פאַרצײַטיקער אַריסטאָקראַטישער מישפּאָכע. דאָס איז געווען איינע פון די אינטערעסאַנטסטע פיגורן אין דער שפּאַנישער רעוואָלוציע. אַ דערפאַרענער פּילאָט, אַן אָפיצער פון אַ הויכן ראַנג, האָט סיסנעראָס זיך אָפּגעזאָגט פון זײַנע קלאַסן־פּריווילעגיעס, איז איבערגעגאַנגען אויף דער זײַט פונעם אַרבעטס־פאָלק, געוואָרן אַ קאָמוניסט. אינײַנעם מיט אים איז אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אויך געוואָרן זײַן פרוי קאָנסטאַנסיאַ דע לאַ מאַרא.

„אין פאַרלויף פון אַט די אַלע שווערע כאַדאָשים, — שרײַבט סיסנעראָס אין זײַנע מעמוארן, — האָב איך אויף די אַעראָדראָמען און אויף די פראָנטן געזען, ווי העלדנמוטיק עס האַלטן זיך די קאָמוניסטן. איך האָב זיך איבערצײַגט, אַז זיי ווילן בעעמעס באַשיצן די רעפובליק און דאָס פאָלק, און זיי טוען אַלץ, וואָס איז מעגלעך, קעדיי זיך דערשלאָגן דאָס. זייער אָרגאַניזירטקײַט און דיסציפּלין דינען אַלס אַ מוסטער פאַר אַנדערע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס. זיי זײַנען דרייסט ארויסגעטראָטן קעגן דעם כאַאָס און דער אומאָרדענונג, וועלכע האָבן אַזויפיל שאָדן געברענגט אונדזער זאַך. מיט איין וואָרט, דאָס זײַנען געווען עכטע פּאַטריאָטן, און ווײַל איך בין אויך געווען אַ פּאַטריאָט און האָב אויך געוואָלט געווינען די מילכאָמע, געווען גרייט אָפּגעבן אַלע מײַנע קויכעס, קעדיי אָפּהאַלטן אַ זיג איבערן סוינע, האָט מײַן געוויסן מיר אונטערגעזאָגט, וואָס איך האָב צו טאָן: איך האָב זיך געווענדט מיט אַ באַקאָשע, מע זאָל מיך אָננעמען אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון שפּאַניע"[1].

דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער אַוויִאַציע האָט אויסגעזען יונג. דעם דאָזיקן אײַנדרוק האָבן ניט געמינערט די גראָווע האָר בײַ די שלייפן. ער האָט זיך געהאַלטן פּראָסט. דער בלאָווער קאָמבינעזאָן האָט אים ניט אויסגעטיילט פון די געוויינלעכע פּילאָטן.

ק. וו. קאָבילאַנסקי, סמושקעוויטשעס פּערזענלעכער איבערזעצער אין שפּאַניע, דערציילט: „סיסנעראָס און דוגלאַס האָבן זיך באַגעגנט אַזוי, גלײַך זיי זאָלן שוין פון לאַנג זײַן באַקאַנט. אַ ברייטפּלייציקער, מיטלוווקסיקער, מיט אַ קאָפּ שוואַרצע געקרײַזלטע האָר, מיט אַ באַצויבערנדיקן שמייכל אויפן פּאָנעם, האָט סמושקעוויטש אויפמערקזאַם געהערט, וואָס סיסנעראָס דערציילט:

...צו אָנהייב אָקטיאַבער 1936 האָט די רעפּובליקאַנישע אַוויִאַציע געהאַט קאַרעוו צוויי הונדערט אַעראָפּלאַנען פון דרײַסיק פאַרשיידענע טיפּן און קאָנסטרוקציעס, וועלכע מ'האָט אײַנגעהאַנדלט אין פאַרשיידענע לענדער פון אייראָפּע און אַמעריקע נאָך ביז דעם פראַנקיסטישן פּוטש. אָבער בלויז צוויי און זעכציק אַעראָפּלאַנען, וועלכע האָבן זיך באַזירט אויף דרײַ אַעראָדראָמען: כעטאַפע (ניט ווײַט פון מאַדריד), אַנדוכאַר און פּראַט (אין ראַיאָן פון באַרסעלאָנע) האָבן געהאַט עפּעס אַ ווערט.

די פּילאָטן פון לאָס אַלקאַסאַרעס, — האָט דערציילט סיסנעראָס, — האָבן ענערגיש אַטאַקירט און פאַרכאַפּט די מיליטערישע יאַם־ און לופט־באַזע אין סאַן־כאַווערע — אַ וויכטיקער צענטער פונעם פּוטש. דאָס האָט אָפּגעשפּילט אַ באַשליסנדיקע ראָליע פאַר דעם גויראל פון קאַרטאַכען און פון דעם פלאָט.

אין באַרסעלאָנע איז די אַוויִאַציע גלײַך פונעם ערשטן טאָג אַריבערגעגאַנגען אויף דער זײַט פון דער רעגירונג, האָט עפעקטיוו מיטגעהאָלפן צו דערשטיקן דעם פּוטש אין שטאָט און דערנאָך, מיט עטלעכע אַעראָפּלאַנען, באַדינט דעם אַראַגאָנער פראָנט.

אין די הענט פון די רעפּובליקאַנער איז פאַרבליבן לעערעך נײַנציק פּראָצענט אַעראָפּלאַנען. בלויז פינף און דרײַסיק פּראָצענט אָפיצערן זײַנען פאַרבליבן געטרײַ דער רעפּובליק, דערפאַר אָבער איז אויף איר זײַט געווען קימאַט דער גאַנצער ייִנגערער אַעראָדראָם־פּערסאָנאַל — די סערזשאַנטן און סאָלדאַטן.

דײַטשישע און איטאַליענישע אַעראָפּלאַנען האָבן די פראַנקיסטן באַקומען טייקעף ווי דער פּוטש האָט זיך אָנגעהויבן.

ווי ס'איז שפּעטער באַוווּסט געוואָרן, זײַנען אויף די דײַטשישע „יונקערסן", וואָס היטלער האָט לויט פראַנקאָס באַקאָשע אָפּגעשיקט קיין מאַראָקאָ, איבערגעוואָרפן געוואָרן קיין שפּאַניע פערצן טויזנט פאַשיסטן, הונדערטער טאָן קריגס־מאַטעריאַלן, אַ גרויסע צאָל האַרמאַטן, שווערע קוילנוואַרפערס, שלאַכט־אַמוניציע אאַז"וו.

די דײַטשישע אַוויִאַציע האָט אָבער זיך ניט באַגרענעצט בלויז מיט טראַנספּאָרט־אָפּעראַציעס. די היטלעריסטישע פּילאָטן האָבן אײַנעם מיט די איטאַליענישע סיסטעמאַטיש באָמבאַרדירט די קריגס־שיפן, וועלכע האָבן פּאַטרולירט בײַ די ברעגן פון שפּאַניע, זײַנען אָנגעפאַלן אויף די פרידלעכע שטעט און דערפער, אַלציינס צי עס זײַנען דאָרט געווען אָדער ניט געווען קיין מיליטער־אָביעקטן.

סמושקעוויטש האָט זיך פאַרינטערעסירט מיט דער אַרבעט פונעם שטאַב, וויִאַזוי ווערט פאַרווירקלעכט די אָנפירונג מיט דער אַוויִאַציע. און ווי דערשטוינט איז ער געווען, דערוויסנדיק זיך, אַז פאַקטיש איז ניטאָ אַזאַ צענטראַליזירטער אָרגאַן, וואָס זאָל אָנפירן מיט די שלאַכט־אָפּעראַציעס פון דער רעפּובליקאַנישער אַוויִאַציע. עס האָט זיך אויך געוואָרפן אין די אויגן די געוויסע זאָרגלאָזיקײַט, וואָס הערשט דאָ: די אַעראָפּלאַנען זײַנען אויף די אַעראָ־

---

[1] איגנאַסיאָ אידאַלגאָ סיסנעראָס. „איך בײַט דעם קורס". מ., 1967, ז. 355.

דראַמען געשטאַנען שטאַרק נאָענט איינער לעבן צווייטן און ניט פּאַרמאַסקירט. בייסן אָנפֿלי פֿונעם סיניעס אוויִאַציע אויפֿן אַעראָדראָם כעטאַפֿע האָט די רעפּובליקאַנישע אוויִאַציע געליטן גרויסע פֿאַרלוסטן.

— ווי האַלטן זיך די פּריַוווּיליקע? — האָט געפֿרעגט סמושקעוויטש.

פּריַוווּיליקע סאָוועטישע פּילאָטן זײַנען דעמלט אין שפּאַניע נאָך געווען ניט קיין סאַך. און דוגלאַסן איז געווען אָנגענעם צו הערן וועגן זיי גוטע ווערטער.

צווישן די ערשטע זײַנען קיין שפּאַניע געקומען די פּילאָטן איוואַן קאָפּעץ, קאַזימיר קאָוואַלעווסקי און יעווגעני יערליקין. זיי זײַנען אַרײַן אין באַשטאַנד פֿון דער ערשטער אינ־טערנאַציאָנאַלער עסקאַדריליע. אָף די פֿירענייען זײַנען שוין אויך געפֿלויגן די סאָוועטישע פּילאָטן ערנעסט שאַכט, געאָרגי טופּיקאָוו, וויקטאָר פּאָלזונאָוו, איוואַן פּראָסקוראָוו, דער שטורמאַן גאַווריל פּראָקאָפּיעוו. אָף די אַעראָדראָמען האָבן געאַרבעט זעליק יאָפּע, יאַקאָוו זאַלעסקי און אַנדערע אוויִאַציע־ספּעציאַליסטן.

נאָכן שמועס מיט סיסנעראָסן האָט דער גענעראַל דוגלאַס באַטראַכט די אַעראָדראָמען, זיך באַקענט מיט די פּילאָטן און טעכניקער.

— מיר וועלן אָנהייבן שלאָגן די פֿאַשיסטן מיט דעם, וואָס מיר פֿאַרמאָגן דערווײַל, — האָט ער געזאָגט צו די פּילאָטן.

דרײַ טעג האָט דוגלאַס פֿאַרבראַכט אויפֿן אַעראָדראָם כעטאַפֿע, גענוי פֿאַנאַנדערגעפֿרעגט די פּילאָטן און די שטורמאַנס וועגן די באַזונדערקײַטן פֿון די אַעראָפּלאַנען „דראַגאָן”, „ברעגע־19” און אַנדערע, אַנאַליזירט די שלאַכט־אָפּעראַציעס, וואָס די דאָזיקע אַעראָפּלאַנען האָבן דורכגעפֿירט.

סמושקעוויטשן האָט געפֿרייט, וואָס די סאָוועטישע פּילאָטן זײַנען ניט אָפּגעזונדערט, וואָס זיי פֿליִען אינײנעם מיט אַנדערע פּילאָטן־אינטערנאַציאָנאַליסטן און מיט די רעפּובלי־קאַנישע פּילאָטן. עס האָט אים געפֿרייט דער גײַסט פֿון ברידערלעכער פֿרײַנטשאַפֿט, וואָס האָט געהערשט צווישן די אוויִאַטאָרס פֿון פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן.

מיט נעשאָמע־וואַרעמקײַט האָבן די פּילאָטן גערעדט וועגן דעם סאָוועטישן אינזשעניער זעליק יאָפּע, וועלכער האָט פֿאַר אַ קורצער צײַט מוסטערהאַפֿט אָרגאַניזירט דעם רעמאָנט פֿון דער אוויִאַציע־טעכניק. די אינזשענירן און טעכניקער, וועלכע זײַנען געקומען פֿונעם סאָ־וועטנפֿאַרבאַנד, האָבן אַרויסגעוויזן אַ סך דערפֿינדערישקײַט און הויכע מײַסטערשאַפֿט. דער אינזשעניער זאַלעסקי, אַשטייגער, האָט קאָנסטרויִרט און באַשטאַט עטלעכע אַעראָפּלאַנען מיט סינכראָניזאַטאָרס, וואָס האָבן געגעבן אַ מעגלעכקײַט צו שיסן דורך דעם פּראָפּעלער. בײַקו־מענדיק אַ סך שוועריקײַטן, האָט זאַלעסקי אויסגעשטאַט די אַעראָפּלאַנען מיט מער עפֿעק־טיווע קוילנוואַרפֿער. דאָס זײַנען אַלץ געווען סמושקעוויטשעס דערצויגלינגען.

יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש האָט מיט זײַן פּערזענלעכן בײַשפּיל דערמוטיקט די שלאַכט־כאַוויירים. ער האָט באַהערשט די טעכניק פֿון פּילאָטירן אַזעלכע, אומבאַקאַנטע פֿאַר אים אַעראָפּלאַנען, ווי „דראַגאָן” און „ברעגע־19”.

זאַלבעצווייט מיטן פּילאָט כאַלזונאָוון פֿליט סמושקעוויטש אַרויס אין אַן אויסשפּיר, זיי ברענגען זייער ווichטיקע יעדיִעס וועגן דער קאָנצענטראַציע פֿון דעם פֿוטשיסטישן מיליטער גאָר נאָענט פֿון מאַדריד. דער רעפּובליקאַנישער הויפּטשטאָט האָט געדראָעט אַן ערנסטע געפֿאַר.

אומקערנדיק זיך פֿון אָט דעם אויסשפּיר, רופֿט סמושקעוויטש צונויף אַלע פּילאָטן און טעכניקער, דערציילט זיי וועגן דער לאַגע אויפֿן מאַדרידער פֿראָנט־באַצירק און שטעלט פֿאַר זיי די אויפֿגאַבע: יעדע מינוט זײַן גרייט אַרויסצווײַזן אַ ווידערשטאַנד דעם נײַעם אָנגריף פֿון די פֿוטשיסטן. ער קלערט אויף די גרונט־פּרינציפּן, באַ וועלכע עס דאַרף זיך האַלטן אין שלאַכט די רעפּובליקאַנישע אוויִאַציע.

אויפֿן צווייטן טאָג איז אַ גרופּע פּילאָטן אײַנגעלאַדן געוואָרן קיין מאַדריד. דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון שפּאַניע האָט געוואָלט זיי באַווײַזן, ווי־אַזוי די באַפֿעלקערונג גרייט זיך צו באַשיצן די שטאָט. די פּילאָטן האָבן געזען די שפּורן פֿון די פֿײַנטלעכע באָמבאַרדירונגען, האָבן באַזוכט די קאַזאַרמעס, זײַנען געווען אָף די שלאַכט־פּאָזי־ציעס פֿון דעם באַרימטן פֿינפֿטן פּאָלק, וואָס עס האָט אָרגאַניזירט די קאָמפּאַרטיי, און זיך באַקאַנט מיטן לעגענדאַרן ענריקאָ ליסטער.

אָף איינער אַ גאַס, לעבן אַ שפּיטאָל, וואָס איז געלעגן אין רויִנעס, האָט סמושקעוויטש געבעטן די פּילאָטן זיך אָפּשטעלן. ער האָט געקוקט אָף זײַנע דערצאָרנטע שלאַכט־כאַוויירים און געזען: ווערטער זײַנען דאָ איבעריק.

געזעגנענדיק זיך מיט די פּילאָטן, האָט דער גענעראַל דוגלאַס געזאָגט:

— דערציילט אין די עסקאַדריליעס וועגן אַלץ, וואָס איר האָט דאָ געזען. זאָל יעדער איינער וויסן, אַז פון אים איז אָפּהענגיק דאָס לעבן פון די מאַדרידער איינוווינער און דער גורל פון דער שפּאַנישער רעפּובליק.

סמושקעוויטש איז צוגעטראָטן צו זיינע פליכטן אַלס עלטסטער ראַטגעבער פון דער שפּאַנישער רעגירונג אויפן געביט פון אַוויאַציע אין דעם אַנטשיידנסטן פעריאָד פונעם קאַמף קעגן די פאַשיסטישע פוטשיסטן. איינציקע זיינען קיין שפּאַניע אָנגעקומען ניקאַלײַ איוואַנאָוויטש פּעדאַסייעוו און איוואַן סערגייעוויטש גאַלצעוו. ביידע זיינען זיי אין דער וויטעבסקער בריגאַדע געווען סמושקעוויטשעס געהילפן. זאַלבעדריט זיינען זיי צוגעטראָטן צום קאָמפּלעקטירן די אַוויאַציע־טיילן און צעמענטירן דעם קאָלעקטיוו פון די רעפּובליקאַנישע אַוויאַטאָרן. די פּילאָטן פ. אי. פּומפּור און א. יע. זלאַטאָצוועט, וועלכע זיינען געקומען עטוואָס שפּעטער, זיינען געוואָרן דוגלאַסעס געהילפן: פּומפּור — אויפן געביט פון דער פאַרניכטלער־אַוויאַציע, זלאַטאָצוועט — פון דער באָמבאַרדיר־אַוויאַציע.

גלייך פון די ערשטע טעג האָט סמושקעוויטש איינגעשטעלט גוטע זאַכלעכע צווישנבאַציִונגען מיט ב. פּ. סוועשניקאָוו, נ. ג. קוזנעצאָוו, ר. יאַ. מאַלינאָווסקין, פּ. אי. באַטאָוו, ד. ג. פּאַוולאָוו, א. א. ראַדימצעוו און אַנדערע ראַטגעבער פון דער רעפּובליקאַנישער אַרמיי.

מיט די סאָוועטישע מיליטערישע ספּעציאַליסטן אין שפּאַניע האָט אָנגעפירט דער הויפּט־ראַטגעבער יאַן קאַרלאָוויטש בערזין. סמושקעוויטש האָט זיך געטראָפן מיט בערזינען נאָך אין 1934 אויף דער פּאַריזשער אַוויאַציע־אויסשטעלונג, וועלכע ער האָט באַזוכט מיט א גרופּע סאָוועטישע אַוויאַטאָרן. און אָט איז ער איצט, אין צוויי יאָר אַרום, געקומען קיין וואַלענסיע אויף א באַראַטונג, וואָס עס האָט צונויפגערופן דער הויפּט־ראַטגעבער. יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש האָט שטאַרק דערפרייט די באַגעגעניש מיט אַן אַלטן באַקאַנטן. עס האָבן אויף אים געקוקט די זעלבע גוטמוטיקע שמייכלענדיקע אויגן פון דעם אַלטן טשעקיסט — דזערזשינסקיס פריינט און מיטקעמפער.

יאַן קאַרלאָוויטש האָט אויף דער באַראַטונג גערעדט וועגן דער סאַמע אָנגעווייטיקטער פּראָבלעם — וועגן שאַפן א רעגולערע אַרמיי, אָן וועלכער עס איז אוממעגלעך א דערפאָלגרייכער קאַמף קעגן פראַנקאָן. די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט איז געווען קאָנצענטרירט אויף פאַרפעסטיקן דעם מאַדרידער פראָנט.

בערזין גיט דאָס וואָרט סמושקעוויטשן און זאָגט דערביי, אַז די אַוויאַציע וועט אין שפּאַניע שפּילן א באַזונדערס וויכטיקע ראָליע.

דער הויפּט־ראַטגעבער האָט באַוויליקט אַלע פּלענער, וואָס דוגלאַס האָט פאָרגעלייגט, באַזונדערס זיינע פאָרשלאָגן וועגן שאַפן געמישטע אַוויאַציע־טיילן, אין וועלכע עס זאָלן זיין סיי סאָוועטישע פּילאָטן, סיי אַוויאַטאָרן־אינטערנאַציאָנאַליסטן פון אַנדערע לענדער, און וועגן דער נייטיקייט צו שיקן קיין פסטר אויף קורסן יונגע שפּאַנישע פליִער.

די רעפּובליקאַנער האָבן זיך געגרייט צו אַן אָנגריף קעגן דעם פאַשיסטישן מיליטער. מע האָט באַדאַרפט אָפּשליידערן די פוטשיסטן פון מאַדריד. צו דער דאָזיקער פאַראַנטוואָרטלעכער אָפּעראַציע האָט זיך אויך געגרייט די רעפּובליקאַנישע אַוויאַציע. און דאָ האָט פּאַסירט אַזוינס, וואָס האָט אַלעמען דערשיטערט. די צוגרייטונג איז, דוכט זיך, געווען דורכגעפירט גוט פאַרמאַסקירט. דער קאָנטער־אָנגריף איז געווען באַשטימט אויף דעם ניין־און־צוואַנציקסטן אָקטיאַבער, נאָר דער סוינע האָט שוין וועגן דעם געוווּסט דעם זיבן־און־צוואַנציקסטן אָקטיאַבער.

וויאַזוי זיך נויהעג זיין? וואַרטן טאָר מען ניט. דאָס קאָן זיך ענדיקן מיט א קאַטאַסטראָפע. דוגלאַס נעמט אָן א באַשלוס: דרינגענדיק, ניט פאַרלירנדיק קיין צייט, צוגרייטן צום אַרויספליִ אַלע אַעראָפּלאַנען. ביזוואַנען ער פאַרבינדט זיך מיט סיסנעראָסן, זיינען שוין אַלע פּילאָטן בײַ זייערע מאַשינעס.

די רעפּובליקאַנישע אַוויאַציע האָט דערלאַנגט דעם סוינע איין קלאַפּ נאָכן צווייטן. דוגלאַס גופע פליט צוויי מאָל אַרויס אין באַשטאַנד פון די שלאַכט־עקיפּאַזשן. אָבער די פוטשיסטן האָבן נאָך אַלץ זיך געריסן קיין מאַדריד. די דײַטשישע „יונקערסן" און די איטאַליענישע „פּיאַטן" האָבן אָן אויפהער אַטאַקירט די פּאָזיציעס פון די רעפּובליקאַנער. דער סוינע האָט זיך דערנעענטערט האַרט צו דער הויפּטשטאָט.

אין אָט דער צייט איז פון סאָוועטנפאַרבאַנד אָנגעקומען א שיף מיט אַעראָפּלאַנען און א גרויסע גרופּע אַוויאַטאָרן. איגנאַסיאָ סיסנעראָס דערציילט וועגן דעם:

„מיר איז שווער צו באַשרײַבן די פרייד און די איבעראַשונג, וואָס עס האָט אונדז אַלעמען באַהערשט. דאָס, וואָס די רוסן האָבן צוגעשיקט, האָט אין פיל פּראָטים אַריבערגעשטיגן אונדזערע סאַמע העלע האָפענונגען. די סאָוועטישע כאַוויירים האָבן אַלץ אײַנגעפּאַקעוועט אַזוי, אַז מיר זאָלן ניט דאַרפן פּאַטערן קיין איבעריקע צײַט באַם אויסלאָדן. מיט דער זעלבער שיף זײַנען אויך אָנגעקומען טאַנקען מיט עקיפּאַזשן צו זיי. ווי נאָר די טאַנקען האָבן באַרירט די ערד, האָבן זיי טייקעף זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן.

די סאָוועטישע רעגירונג האָט אונדז צוגעשיקט ניט בלויז אויסגעצייכנט געווער, נאָר אַלץ, אין וואָס מיר האָבן אין יענער צײַט זיך גענייטיקט: פּילאָטן, טעכנישן פּערסאָנאַל, שלאַכט־אַמוניציע, באָמבעס, פּאַטראָנעס און נאָך און נאָך".

איניינעם מיט פ. אי. פּומפּורן — „פּאַלקאָווניק כוליא", ווי מ'האָט אים גערופן אין שפּאַניע, — שאַפט סמושקעוויטש אַ מעכטיקע קאָנצענטראַציע פון פּאַרניכטלער, קעדיי זיך דערשלאָגן אַן איבערוואָג פון קויכעס אין דעם מאַדרידער הימל.

סמושקעוויטש באַשליסט צו דערלאַנגען נאָך איין קלאַפּ איבער דער אַוויִאַציע־באַזע פון די פוטשיסטן לעבן טאַלאַווער. די אַטאַקע איז דורכגעפירט געוואָרן מיט דערפאָלג. עס זײַנען פאַרניכטעט געוואָרן עלף פײַנטלעכע אעראָפּלאַנען.

דעם פינפטן נאָיאַבער אינדערפרי האָבן די פוטשיסטן אַטאַקירט די פּאָזיציעס פון די רעפּובליקאַנער לעבן כעטאַפע און אַלקאָראָן. די רעפּובליקאַנער האָבן גענומען אָפּטרעטן. פּלוצעם האָבן איבערן שלאַכטפעלד זיך דורכגעטראָגן זעכצן נײַע רעפּובליקאַנישע פּאַרניכטלער. זיי האָבן אַטאַקירט דאָס פאַשיסטישע מיליטער, באַשאָטן עס מיט קליינע באָמבעס און באַשאָסן פון קוילנוואַרפערס. די אעראָפּלאַנען האָבן זיך געטראָגן איבער די קעפּ פון די פאַשיסטן און זיי דעמאָראַליזירט. דער קלאַפּ איז געווען אַ פאַרניכטנדיקער. די פוטשיסטן זײַנען אין פּאַניק אָפּגעטראָטן.

אין דעם מאָמענט, ווען די רעפּובליקאַנישע פּאַרניכטלער האָבן זיך שוין אויפגעהויבן אויף אַ גרויסער הייך, קעדיי אומקערן זיך אַפן אַעראָדראָם, האָבן אין הימל זיך באַוויזן צען „יונקערסן". זיי האָבן געהאַלטן דעם קורס אויף מאַדריד. די פּאַרניכטלער האָבן גלײַך אַטאַקירט דעם סוינע. די „יונקערסן" האָבן ניט אויסגעהאַלטן די האַסטיקע אַטאַקע און פּאַרקערעוועט אויף צוריק, צוויי פאַשיסטישע באָמבאַרדירער זײַנען אַראָפּגעקלאַפּט געוואָרן. אָבער די שלאַכט האָט זיך מיט דעם נאָך ניט פאַרענדיקט. עס האָבן זיך באַוויזן מער פון פינף און צוואַנציק „כיינקעלן". זיי זײַנען געגאַנגען אַרויסראַטעווען די „יונקערסן". און ווידער לאָזן זיך די פּאַרניכטלער אין אַן אַטאַקע און שיסן אַראָפּ פיר „כיינקעלן". אין די דאָזיקע לופט־שלאַכטן האָט דירעקט זיך באַטייליקט דער גענעראַל דוגלאַס...

דעם זעקסטן נאָיאַבער האָט מען איגנאַסיאָ סיסנעראָסן און סמושקעוויטשן אײַנגעלאַדן אין צ.ק. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון שפּאַניע און זיי מיטגעטיילט, אַז די רעגירונג עוואַקוִירט זיך פון מאַדריד קיין וואַלענסיע. דעם דאָזיקן באַשלוס זײַנעם האָט קאַבאַליעראָ דורכגעפירט אינעם מיניסטאָרן־ראַט מיט אַ מערהײַט שטימען. די מיניסטאָרן — מיטגלידער פון דער קאָמפּאַרטיי האָבן געוואָלט פאַרבלײַבן אין מאַדריד, האָט מען זיי אָבער געמאָלדן, אַז אַזאַ אַקט וועט קוואַליפיצירט ווערן ווי אַ פּרוּוו צו דיסקרעדיטירן די רעגירונג.

אין אָט דעם קריטישן מאָמענט האָבן די קאָמוניסטן גענומען אויף זיך דעם גאַנצן אָל פון באַשיצן די שטאָט. לויט זייער איניציאַטיוו איז אין דער נאַכט אַפן זיבעטן נאָיאַבער אין מאַדריד דורכגעפירט געוואָרן אַן אַלגעמיינע מאָביליזאַציע פון די אַרבעטנדיקע. אַ טייל איז גערופן געוואָרן אין דער אַרמיי, אַ צווייטער טייל — אויף בויען די שוץ־קאָמוניקאַציעס. בלויז פאַר איין מעסלעס האָט דער מאַדרידער שטאָטישער פּאַרטיי־קאָמיטעט און דער פאַרבאַנד פון דער פאַראייניקטער סאָציאַליסטישער יוגנט אָנגעשיקט אַפן פראָנט מער פון פינף און צוואַנציק טויזנט מאַן. אַרום דער שטאָט איז געשאַפן געוואָרן אַ מעכטיקע שוץ־ליניע. מאַדריד האָט אויסגעזען, ווי אַ באַלאַגערטע פעסטונג.

איגנאַסיאָ סיסנעראָס האָט שפּעטער געשריבן אין זײַן בוך „דער איינציקער וועג":

„אינדערפרי דעם זעקסטן נאָיאַבער האָבן זיך באַוויזן די דײַטשישע באָמבאַרדיר־אעראָפּלאַנען „יונקערס" אין דער באַגלייטונג פון די איטאַליענישע פּאַרניכטלער „פיִאַט". ווי געוויינלעך, האָבן זיי זיך צעשאָטן אין פאַרשיידענע זײַטן און זיך צוגעגרייט אומבאַשטראָפט צו באָמבאַרדירן און באַשיסן די שלאַכט־פּאָזיציעס און די שטאָט. אין דעם מאָמענט, ווען די סירענעס האָבן נאָך געגעבן צו וויסן דער באַפעלקערונג וועגן דעם לופט־אַליאַרעם, האָבן אין הימל זיך באַוויזן די אעראָפּלאַנען מיט דער רויטער עמבלעם פון דער רעפּובליקאַנישער אַוויִאַציע. זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין אַטאַקע קעגן די פאַשיסטישע לופט־פּיראַטן.

איך מוז זיך מודיע זײַן: נאָך אדהײַעם איז מיר שווער איבערצוגעבן דעם אײַנדרוק פון יענער אומפארגעסלעכער רעגע. עס איז געשטאנען אַן אומופהערלעכער געברום פון די מאָטאָרן. די פילאָטן האָבן קימאט ווערטיקאל פיקירט אף די „יונקערסן", ניט געלאָזט, זיי זאָלן אראָפּווארפן די באָמבעס. די מאדרידער טוישווים האָבן פארשטאנען: עס האָט פאסירט עפּעס אומגעווײנלעכס. זיי לויפן ארויס פון די באָמבע־באהעלטענישן אף די גאסן. אין פארלויף פון א סאך טעג האָבן זיי, שוצלאָזע, געליטן פון די גרויזאמע באָמבארדירונגען. איצט שפּירן זיי מיט נעשאָמע־פלאטער נאָך דער ערשטער לופט־שלאכט, וואָס גייט איבער דער באלאגערטער שטאָט. זיי זײַנען איידעס פון דעם, וויִאזוי די רעפובליקאנישע פילאָטן קלאפן אראָפּ, איינעם נאָכן צווייטן, נײַן פײַנטלעכע עראָפּלאנען און וויִאזוי די איבעריקע, פארפאָלגטע פון אונדזערע פארניכטלער, אנטלויפן אין פאניק.

מיט טרערן פון פרייד האָבן די מאדרידער אײַנוווינער באגריסט די רעפובליקאנישע אוויִאציע און דעם סאָוועטנפארבאנד.

פון דעם טאָג אָן האָבן די קויכעס־פארהעלטענישן אין דער לופט אף א געוויסער צײַט זיך געביטן. די פאשיסטן האָבן שוין ניט געקאָנט אומבאשטראָפט דורכפירן זייערע פיראטישע אָנפליִען..."

דעם דרײַצנטן נאָיאבער זײַנען פאָרגעקומען צוויי גרויסע לופט־שלאכטן. אין דער צווייטער שלאכט האָבן זיך באטייליקט פיר און צוואנציק פארניכטלער «И-15» און «И-16». עס זײַנען אראָפּגעשאָסן געוואָרן פיר פײַנטלעכע עראָפּלאנען. אונדזערע האָבן פארלוירן צוויי עראָפּלאנען. איין רעפובליקאנישער פילאָט איז ארויסגעשפרונגען מיט א פאראשוט. באם אראָפּשטײַגן איז ער שווער פארוווּנדעט געוואָרן. עס איז אויך פארוווּנדעט געוואָרן דער קאָמאנדיר פון דער גרופּע סערגיי פיאָדאָראָוויטש טארכאָוו — „קאפיטאן אנטאָניאָ".

צען מעסלעס האָט דער העלד זיך געראנגלט מיטן טויט. אינדערפרי דעם דרײַ־און־צוואנציקסטן נאָיאבער איז ער אויסגעגאַן.

„ביז דער לעצטער רעגע, — שרײַבט מיכאִיל קאָלצאָוו אין זײַן „שפאנישן טאָגבוך", — האָט ער גערעדט פון היץ, אז אָט האָט ער „זיך געזעצט" אף דעם פארניכטלער, „אטאקירט" די פאשיסטישע באָמבארדירער, „איבערגעגעבן באפעלן". א פערטל שאָ פארן טויט האָט זיך צו אים אומגעקערט דער באוווּסטזײַן.

ער האָט געפרעגט, וויפל האלט דער זייגער און וויִאזוי עס שלאָגט זיך זײַן עסקאדריליע. באקומען אַן ענטפער, האָט ער א שמייכל געטאָן:

— איך בין גליקלעך, וואָס כאָטש פארן טויט האָב איך מײַנע יאטן געפירט אין שלאכט... זיי זײַנען דאָך מײַנע שילער, מײַן בלוט!"

אין שטאב פון דעם צענטראלן פראָנט איז פאָרגעקומען אַן אומאָנגענעמער געשפרעך וועגן די אומשטענדן, בא וועלכע עס איז פארוווּנדעט געוואָרן טארכאָוו. עס איז אויסגעארבעט געוואָרן א פראָיעקט פון א באפעל, וועלכן עס האָט פאָרגעלייגט סמושקעוויטש, וועגן אָפּהיטן דאָס לעבן פון די פילאָטן, דערין אויך פון די פײַנטלעכע פילאָטן, וועלכע זײַנען געצוווּנגען אראָפּצושטײַגן אָדער אראָפּלאָזן זיך מיט א פאראשוט אף דער רעפובליקאנישער טעריטאָריע.

אָבער אויסרעכענען, אז די פאשיסטן וועלן אויך ארויסווײַזן אזא הומאניזם, איז, פארשטייט זיך, ניט געווען וואָס.

„אין עטלעכע טעג ארום, — שרײַבט סיסנעראָס, — האָט פאסירט אזעלכס, וואָס ניט קיין סאך מענטשן ווייסן וועגן דעם, ווײַל אין יענער צײַט האָבן מיר ניט געקאָנט אָפן ריידן וועגן דער באטייליקונג פון סאָוועטישע פילאָטן אין אונדזער קאמף קעגן די פאשיסטן. אלס שפּאניער איז מיר א כארפּע וועגן דעם צו דערציילן. נאָר ס'איז מײַן כויוו דאָס טאָן, כדי נאָכאמאָל דערמאָנען, וואָס אזוינס איז דער פאשיזם.

אין איינעם אַן אָפּדערנאכט האָט א פאשיסטישער עראָפּלאן אראָפּגעוואָרפן מיט א פאראשוט אף מאדריד א קאסטן מיטן טויטן קערפער פון א סאָוועטישן פילאָט, צעהאקט אף שטיקער. אלפּי־טאָעס איז דער דאָזיקער פילאָט אראָפּגעשטיגן אף דער פײַנטלעכער טעריטאָריע ניט ווײַט פון דער שטאָט סעגאָוויא. אין קאסטן איז געלעגן א צעטעלע: „דאָס איז א מאָטאָנע דעם קאָמאנדיר פון די רויטע לופט־קויכעס. זאָל ער וויסן, וואָס עס דערווארט אים גופע און זײַנע באָלשעוויקעס".

שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז די פאשיסטן האָבן ארומגעשלעפּט דעם סאָוועטישן פילאָט איבער די גאסן פון סעגאָוויא און דערנאָך אים דערהארגעט. ס'איז מיר א בושע, וואָס אין שפּאניע האָבן געקאָנט געבוירן ווערן אזעלכע ווילדע באשעפענישן, וועלכע זײַנען פייִק אף אזעלכע מײַסים".

דערקענען דעם אומגעקומענעם איז געווען אומעגלעך. אָבער אָפּן סמאַך פֿון די באַווײַזן, וואָס א ספּעציעלע קאָמיסיע האָט צונויפֿגעקליבן (שפּעטער האָבן עס באַשטעטיקט יעדיעס איך פֿון אַנדערע קוואַלן), האָט מען פֿעסטגעשטעלט, אַז דער נאָמען פֿון דעם ראַצכיש־אומגעבראַכטן פּילאָט איז וואָלאָדיע באַטשאַראָוו — סמושקעוויטשעס א דערציִיגלינג פֿון דער וויטעבסקער אוויאַציע־בריגאַדע.

אין א ראַפּאָרט דער קאָמאַנדשאַפט פֿון דער רויטער ארמיי האָט סמושקעוויטש מיטגע־טיילט: „מיר לעבן דאָ, ווי אין פֿרײַנטלעכע מישפּאָכע. די דיסציפּלין איז א גוטע. אונדזערע פּילאָטן שלאָגן זיך דרייסט און האַרטנעקיק. זייער ווילן צו באַקעמפֿן דעם סוינע איז גרע־נעצלאָז. ס'איז אַפֿילע שווער דאָס צו באַשרײַבן. איך ווייס ניט פֿון קיין איין פֿאַל, עמעצער זאָל אַרויסווײַזן פּאַכדאָנעס.

מאָרגן וועל איך טעלעגראַפֿיש מיטיילן דאָס צעטל פֿון די, וואָס האָבן פֿאַרדינט באַלוינט צו ווערן מיט אָרדענס. איך בעט מיך אינפֿאָרמירן וועגן דעם באַשלוס. צווישן די פּילאָטן זײַנען פֿאַראַן עכטע העלדן. לעמאָשל, דער קאָמעסק[1], וועלכער איז היינט אַרויסגעשפּרונגען מיט א פּאַראַשוט. ער האָט שוין אַראָפּגעשאָסן זעקס פֿײַנטלעכע עראָפּלאַנען. אויסגעצייכנט אַרבעטן פּומפּור, פּעדאָסייעוו און אַלע קאָמעסקן...”

דעם זעכצענטן נאָיאַבער, ווען ריטשאַגאָוו האָט געפֿירט א שלאַכט מיט א גרופּע „יונ־קערסן”, זײַנען אים באַפֿאַלן א גאַנצע סטײַע „כיינקעלן”. ווען זײַן עראָפּלאַן האָט שוין געפֿלאַקערט, איז ער, א פּאַרוווּנדעטער אין פֿוס, אַרויסגעשפּרונגען מיט א פּאַראַשוט און זיך אַראָפּגעלאָזט אַף איינעם פֿון די מאַדרידער בולוואַרן.

אין שפּיטאָל האָט מען ריטשאַגאָוון אַרומגערינגלט מיט אויסערגעוויינלעכער זאָרג און אויפֿמערקזאַמקײַט. די שפּאַניער האָבן אַף טריט און שריט אויסגעדריקט דעם העלדישן סאָ־וועטישן פּילאָט זייער אַנציקונג און וואַרעמע געפֿילן.

איינמאָל איז צו ריטשאַגאָוון אין דער פּאַלאַטע אַרײַנגעקומען אַן עלעגאַנט געקליידעטער שפּאַניער. ס'איז געווען צו זען, אַז דאָס איז זייער א רײַכער פּאַרשוין. דער איבערזעצער, וואָס האָט אים באַגלייט, האָט באַגריסט פּאַוועל וואַסיליעוויטשן און געזאָגט, אַז דער סיניאָר, וועלכן ער זעט פֿאַר זיך, האָט מיט די אייגענע אויגן געזען, ווי ער, ריטשאַגאָוו, האָט אַראָפּ־געשאָסן צוויי פֿראַנקיסטישע עראָפּלאַנען, און ער איז איבעראַשט פֿון זײַן העלדישקײַט.

צום שלוס האָט דער איבערזעצער געזאָגט, אַז אַלס אויסדרוק פֿון גרויס אָפּשײַ צו דעם העלדנמוטיקן פּילאָט וויל דער סיניאָר אונטערטראָגן דעם פּילאָט א מאַטאָנע... א שיף מיט מאַראַנצן און לימענעס...

ריטשאַגאָוו האָט פֿון דער מאַטאָנע זיך ניט אָפּגעזאָגט, געהייסן די שיף מיט די ציטרוסן אָפּשיקן קיין פּססר פֿאַר די עוואַקויִרטע שפּאַנישע קינדער...

דאָס שפּאַנישע פֿאָלק האָט ביכלאַל זיך באַצויגן מיט גרויס ליבע צו אַלע סאָוועטישע מענטשן, וועלכע האָבן געקעמפֿט פֿאַר דער רעפּובליק. די שפּאַנישע כאַווײרים האָט, לעמאָשל, געקימערט, וואָס די סאָוועטישע פּילאָטן האָבן ניט קיין אַפּעטיט צום עסן, און האָבן דער־ציילט וועגן דעם סמושקעוויטשן.

„ער איז געקומען צו אונדז אָפּן אַעראָדראָם, — דערציילט וו. אי. סויאַזין, — האָט פֿאַר־זוכט אַלע מײַכאָלים, וועלכע מ'האָט געקאָכט פֿאַר די פּילאָטן און טעכניקער, זיך דורכגע־שמועסט מיט עטלעכע מענטשן און האָט באַפֿוילן, איך זאָל אָנעמען אַלע מיטלען, אַז די פּילאָטן זאָלן באַקומען אַזאַ שפּײַז, צו וועלכער זיי זײַנען צוגעוווינט אין דער היים, דאָס איז זייער וויכטיק. איינינעם מיט דעם שפּאַנישן קעכער — דעם קליינוווּקסיקן פֿעסטגעבויטן פּאַקאָ, האָט יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש צונויפֿגעשטעלט דעם טעגלעכן שפּײַז־ראַציאָן. געזעגנ־נענדיק זיך, האָט סמושקעוויטש געזאָגט, אַז ווען אַלץ וועט זײַן צוגעגרייט לויט דעם דאָזיקן ראַציאָן, זאָל מען אים געבן צו וויסן.

— און פֿאַרגעסט ניט, — האָט צוגעגעבן יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש, שוין זיצנדיק אין דער אויטאָמאַשין, — ס'זאָל צום וואַרעמעס זײַן ווײַן.

אין דרײַ טעג אַרום האָבן אונדזערע אינטענדאַנטן און דער קעכער פּאַקאָ מיטגעטיילט, אַז אַלץ איז צוגעגרייט אַזוי, ווי עס האָט באַפֿוילן דער גענעראַל דוגלאַס.

סמושקעוויטש איז געקומען. פּאַקאָ האָט טאַקע באַוויזן, וואָס ער קאָן, ער האָט, ווי ער

---

[1] סמושקעוויטש האָט דאָ געוויס אין זינען פּ. וו. ריטשאַגאָוון, דעם קאָמאַנדיר פֿון אַן עסקאַדריליע פֿאַרניכטלער «И-15».

האָט זיך אויסגעדריקט, „רוסיפיצירט” דעם טיש. די צובײַסונג און די הייסע מײַכאָלים האָבן אויסגענומען באַ אַלעמען. ווײַן איז אויך געווען. מ׳האָט אויסגעטרונקען צו ביסעלעך. אַ סך אָפּגעדאַנקט פּאָקאַן, האָט סמושקעוויטש אַרויסגערופן אַף אַן אינסטרוקטאַזש אַלע אַוויאַ־ציע־קעכערס. מיט איין וואָרט, דער אַפּעטיט האָט זיך פֿאַרבעסערט. אונדזערע גאַסטפֿרײַנט־לעכע שפּאַנישע כאַווײרים האָבן זיך באַזונדערס געפֿרייט און מיט פֿאַרגעניגן דעגוסטירט די „רוסיפיצירטע” מײַכאָלים.

מיט דער גרעסטער אופמערקזאַמקײַט האָבן צו די סאָוועטישע אַוויאַטאָרן זיך באַצויגן די אָנפֿירער פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון שפּאַניע כאָסע דיאַס, דאָלאָרעס איבאַרורי און אַנדערע כאַווײרים, ווי אויך די קאָמאַנדירן און די שלאַכטלײַט פֿון די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס.

„אומדערוואַרט איז צו אונדז אַפֿן אַעראָדראָם, — דערציילט ק. וו. קאַבילאַנסקי, — גע־קומען אַ גרופּע שפּאַניער אין דער אוניפאָרם פֿון דער פֿאָלקס־מיליציע. פֿון פֿאָרנט איז געגאַנגען אַ פֿרוי אין די מיטעלע יאָרן, אין אַ טונקל באַשיידן קלייד, מיט שוואַרצע, גלאַט פֿאַרקעמטע האָר.

ס׳איז שווער איבערצוגעבן די פֿרייד פֿון אונדזערע שלאַכטלײַט, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז ס׳איז געקומען פּאַסיאָנאַריאַ[1] — דאָלאָרעס איבאַרורי. די פּילאָטן, בעראָש מיט סמושקעוויטשן און דעם קאָמיסאַר גאַלצעוון, זײַנען אַרויס זיי באַגעגענען. אינאײנעם מיט איבאַרורי איז געקומען כאָסע דיאַס. גאַלצעוו האָט אים געבעטן, ער זאָל אַרויסטרעטן פֿאַר די פּילאָטן און דערציילן וועגן דער פּאָליטישער לאַגע אין שפּאַניע. אונדזערע שלאַכטלײַט און קאָמאַנדירן האָבן אים אויסגעהערט מיט גרויס אינטערעס, האָבן אים און דאָלאָרעס פֿאַרגעבן אַ שיר פֿראַגן. כאָסע דיאַס האָט אויסגעדריקט זײַן הייסע דאַנקבאַרקײַט די סאָווע־טישע מענטשן פֿאַר זייער קאָלאָסאַלער הילף אין קאַמף קעגן די פֿאַשיסטן.

„גענוג שוין מאַטערן אונדזערע ליבע געסט, צײַט זיך זעצן צום טיש”, — האָט זיך אָנגע־רופֿן סמושקעוויטש. „איך האָב די דאָזיקע ווערטער איבערגעזעצט. מ׳האָט זיך אויסגעזעצט באַ די טישן.

דאָלאָרעס איבאַרורי און כאָסע דיאַס האָבן געהאַלטן אַ טאָסט פֿאַר דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, פֿאַר דעם סאָוועטישן פֿאָלק. סמושקעוויטש און דער קאָמיסאַר גאַלצעוו האָבן געבעטן איבערגעבן אַ האַרציקן גרוס אַלע שפּאַנישע קאָמוניסטן.

נאָכן מיטיק איז מען אוועק אַ טענצל. אומדערוואַרט האָבן צו אונדזערע כעווראַ זיך פֿאַרייניקט דאָלאָרעס איבאַרורי און כאָסע דיאַס. ווי גרויס איז געווען אונדזער כידעש, ווען זיי האָבן זיך אויך געלאָזט טאַנצן דעם „האָפּאַק”. דערנאָך האָבן זיי אונדז געלערנט די אַנדאַלוזער טענץ און די אַראַגאָנער „כאָטע”.

דאָס היימלאַנד באַלוינט אירע העלדן. אַ פֿײַער־קאַפּקאַן פֿאַר די אינטערווענטן. דער גוואַדאַלאַכאַרער ניצאָכן

טראָץ די קאָמפּליצירטע און אָנגעשטרענגטע פֿראָנט־באַדינגונגען האָט דער גענעראַל דוגלאַס באַשלאָסן אַף אַן אָרגאַניזירטן אופֿן באַגעגענען דאָס נײַ־יאָר. די סאָוועטישע פּילאָטן — אינאײנעם מיט זייערע פֿרײַנט האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אין דעם שטילן אַלקאַלאַ דע ענאַרעס — די היימשטאָט פֿון דעם באַרימטן סערוואַנטעס. ס׳האָט זיך געדוכט — אין אַלע ווינקעלעך שוועבט דאָ נאָך אַלץ דער גײַסט פֿון דאָן קיכאָט.

ערעוו דעם נײַ־יאָר איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז אַ גרויסע גרופּע שלאַכטלײַט, וואָס קעמפֿן אין שפּאַניע, זײַנען באַלוינט מיט סאָוועטישע אָרדענס.

דער גענעראַל דוגלאַס האָט האַרציק באַגריסט די פֿאַרזאַמלטע מיט דעם נײַ־יאָר און מיטגעטיילט, אַז ב. טורזשאַנסקין, ע. שאַכטן, פּ. ריטשאַגאָוון, ס. טשערניכן, וו. גאַראַנאָוון, ב. שמעלקאָוון, פּ. דעסניצקין און אויך די אומגעקומענע פּילאָטן ס. טאַרכאָוון, ב. באַטשאַ־ראָוון, ק. קאָווטונען און פּ. דזשיבעלען איז צוגעטיילט דער טיטל העלד פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד. נאָר קיינער האָט אין יענעם אָפּדערנאָכט זיך ניט דערוווּסט, מיט וואָס זשע איז באַלוינט דער גענעראַל דוגלאַס גופֿא.

---

[1] די פֿלאַמיקע (שפּאַניש).

5*

עס זײַנען געקומען געסט פון מאַדריד: דער מיטגליד פון פּאָליטביוראָ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון שפּאַניע אַנטאָניאָ מירע און די סאָוועטישע כאַווײרים מיכאַיל קאָלצאָוו און ראָמאַן קאַרמען. די פּילאָטן האָבן זיי באַגעגנט מיט א הילכיקן „וויוואַ!"
יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש האָט אופגעהויבן דעם בעכער און געזאָגט:

— נאָך א צוויי־כאַדאָשימדיקן שווערן קאַמף מיט דערפאַרענע פרעכע סאָנים זײַנען מיר איצט געוואָרן די באַלעבאַטים אין דעם מאַדרידער הימל. מיר האָבן די ערשטע אין דער וועלט גענומען אַף זיך דעם קלאַפּ פונעם באַוואָפנטן פאַשיזם. געררינגס פּילאָטן פליִען אַף די נײַסטע דײַטשישע עראָפּלאַנען. אין פּאַריזש און אין לאָנדאָן ווערט מען פאַרציטערט, דערזעענדיק זיי. נאָר ווי איר זעט, כאַפּט פון אונדז גערינג גוט אין פּיסק אַרײַן...

מיכאַיל קאָלצאָוו שרײַבט אין „שפּאַנישן טאָגבוך": „דוגלאַס טראָגט אין דער אייבערשטער קעשענע פון זײַן פראָסט, געשטרײַפּט רעקל א קליין נאָטיץ־ביכעלע. ער פאַרשרײַבט אין דעם זײַנע האַכנאָסעס און העזייקעס. דער באַלאַנס איז מער ווי אן אַקטיווער, ער איז אַפילע אן איבעראַשנדיקער. ריכטהאָפענס באַרימטע עסקאַדריליע האָט בײַס דער וועלט־מילכאָמע אין מעשעך פון אַנדערהאַלבן יאָר אַראָפּגעקלאַפּט הונדערט זיבן און פערציק עראָפּלאַנען. פון זיי האָט הונדערט צוואַנציק אַראָפּגעקלאַפּט גופע ריכטהאָפן איינינעם מיט נאָך פינף בעסטע פאַרניכטלער. די רעפּובליקאַנישע פּילאָטן פון שפּאַניע האָבן אין פאַרלויף פון צוויי כאַדאָשים אַראָפּגעשאָסן בלויז אין דעם מאַדרידער סעקטאָר זיבעציק דײַטשישע און איטאַליענישע אַפּאַראַטן (און ס׳איז דאָך קלאָר, אז אַראָפּקלאַפּן א מאָדערנעם שנעלן פאַרניכטלער איז ווײַט ניט דאָס זעלבע, וואָס אַראָפּקלאַפּן דעם האַמעטנעם עראָפּלאַן פון 1916)".

דער דאָזיקער באַלאַנס איז אָן סאָפעק געווען לעטויוועס די רעפּובליקאַנער פּילאָטן. זיי האָבן געהאַט מיט וואָס צו שטאָלצירן און פרייען זיך אין אָט דעם ערעוו נײַ־יאָר.

דעם דריטן יאַנוואַר 1937 האָט דער מיניסטער פונעם קריגס־פלאָט און אוויִאַציע, איינער פון די לידערס פון דער סאָציִאַליסטישער פּאַרטיי אין שפּאַניע אינדאַלעסיאָ פּריעטאָ אײַנגעאָרדנט אן אופנאַם לעקאָוועד סמושקעוויטשן. אין נאָמען פון דער רעגירונג האָט ער אים באַדאַנקט פאַר זײַן טאַלאַנטפולער אָנפירונג מיט די קריגס־אָפּעראַציעס און פאַר דעם, וואָס די רעפּובליקאַנישע אוויִאַציע האָט גענומען די אויבערהאַנט און ניט דערלאָזט, מאַדריד זאָל פאַרניכטעט ווערן. „...דער סאָוועטנפאַרבאַנד, — האָט געזאָגט סיניאָר פּריעטאָ, — איז פון גאַנצן האַרצן געקומען צו הילף דער רעפּובליקאַנישער שפּאַניע און האָט געטאָן אַלץ פאַרן ניצאָכן פון דער געזעצלעכער רעגירונג... ס׳וועט קומען די צײַט, און די שפּאַנישע סאָציִאַליסטישע פּאַרטיי וועט וועגן דער דאָזיקער הילף דאַרפן זאָגן מיטן גאַנצן מויל, אופריכטיק און איבערצײַגט".

אָפשאַצנדיק סמושקעוויטשעס פאַרדינסטן אינעם באַשיצן מאַדריד, האָט דער סעקרעטאַר פון דעם מאַדרידער פּראָווינציִעלן קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי פראַנציסקאָ אַנטאָן, וועלכער איז געשטאַנען בעראָש פון דעם קאָמיסאַריאַט פונעם צענטראַלן פראָנט, געשריבן אין זײַנע זיכרוינעס:

„די באַפעלקערונג פון מאַדריד, פּונקט ווי גאַנץ שפּאַניע, וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן די, וואָס האָבן זיי באַשיצט פון די שוידערלעכע פאַשיסטישע באָמבאַרדירונגען. בעראָש פון די העלדנמוטיקע סאָוועטישע פּילאָטן, וועלכע זײַנען אַהער געקומען, קעדיי איינינעם מיטן שפּאַנישן פאָלק פאַרטיידיקן די פרײַהײַט און דעמאָקראַטיע, איז געשטאַנען דוגלאַס — א מענטש, וועלכער איז אַף אייביק אַרײַן אין דער געשיכטע פון שפּאַניע. זײַנע העלדנטאַטן, די העלדנטאַטן פון אַלע סאָוועטישע פרײַוויליקע אין שפּאַניע וועלן שטענדיק לעבן אין אונדזערע הערצער".

דעם 17 יאַנוואַר 1937 האָבן כאָסע דיִאַס, דאָלאָרעס איבאַרורי און אַנדערע מיטגלידער פון פּאָליטביוראָ פונעם צ.ק. פון דער קאָמפּאַרטיי פון שפּאַניע באַגריסט יאַקאָוו סמושקעוויטשן מיט דעם לענין־אָרדען, מיט וועלכן ער איז באַלוינט געוואָרן.

דער באַשלוס פונעם צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון פססר וועגן באַלוינען יא. וו. סמושקעוויטשן מיט א לענין־אָרדען איז ניט געווען פּובליקירט אין דער פּרעסע, אָבער די סאָוועטישע מענטשן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין שפּאַניע, האָבן זיך דערוווסט וועגן דעם. דוגלאַס האָט באַקומען א סאַך באַגריסונגען פון באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע מענטשן.

אין אָנהייב מאַרט האָבן די פאַשיסטן פאָרגענומען א נײַעם אָנגריף אַף מאַדריד, דאָס מאָל פון דעם גוואַדאַלאַכאַרער פראָנט־באַצירק. פון אַנדאַלוזיע איז אַהער אַריבערגעוואָרפן געוואָרן דער איטאַליענישער עקספּעדיציע־קאָרפּוס, וועלכער האָט נאָך די שלאַכטן בא מאַלאַגע באַקומען פרישע רעזערוון.

ליידער האָט די קאָמאַנדשאַפט פון צענטראַלן פראָנט וועגן דעם ניט געוווּסט, און, ווי פריִער, נאָך אַלץ גערעכנט, אַז דעם נײַעם אָנגריף וועלן די פוטשיסטן אָנהייבן ערגעץ נאָענט פון מאַדריד.

די ווידערשפּרעכלעכע קלאַנגען וועגן דער קאָנצענטראַציע פון די איטאַליענער אַף אַ נײַעם באַצירק האָבן סמושקעוויטשן ניט געלאָזט צורו. עטלעכע טעג האָט ער ניט פאַרלאָזט דעם גוואַדאַלאַכאַרער אַעראָדראָם, מיט אומגעדולד געוואַרט, ס'זאָל זיך אויסלײַטערן, און מ'זאָל קענען דורכפירן אַן אויסשפּירונג אַף דעם וועג סיגוענס — מאַדריד.

ענדלעך האָט דער וועטער זיך פאַרבעסערט, און די פּילאָטן לאַקייעוו, פּרוטקאָוו און קראַווטשענקאָ זײַנען אַרויסגעפלויגן. דוגלאַס איז געבליבן וואַרטן אַפן אַעראָדראָם.

די רעזולטאַטן פונעם אויסשפּיר, אַף וועלכע דוגלאַס האָט מיט אַזאַ אומגעדולד געוואַרט, האָבן באַשטעטיקט, אַז פון סיגוענס אַף מאַדריד רוקט זיך אַ גרויסע קאָלאָנע אויטאָמאַשינעס און שלאַכט־טעכניק.

„אין אַנדערהאַלבן שאָ אַרום, — האָט שפּעטער דערציילט דער גענעראַל א. א. לאַקייעוו, — זײַנען מיר מיט פּרוטקאָוון ווידער אַרויסגעפלויגן אין אַן אויסשפּיר. מיט אונדז איז אויך געפלויגן סמושקעוויטש. דער וועטער איז געווען אַ שלעכטער, עס האָט געשאָטן אַ דריבנער שניי. אונדזערע פאַרניכטלער זײַנען געגאַנגען גאַנץ קאָמפּאַקט. שיסן האָט סמושקעוויטש פאַרווערט. לויט זײַן סיגנאַל האָבן מיר פּאַנאַדערגעצויגן אונדזער פראָנט און זיך געלאָזט לענגאויס דעם שאָסיי־וועג. אַ קאַראַוואַן פון 400 — 500 אויטאָמאַשינעס, עטלעכע קאָלאָנעס פּעכאָטע און טאַנקען האָבן זיך געצויגן אַף 10 — 15 קילאָמעטער אין דער ריכטונג פון אַלגאַרא — סיגוענס.

דוגלאַס האָט טייקעף איבערגעגעבן די אויסשפּיר־ידיִעס אין דעם שטאַב פונעם פראָנט, צונויפגערופן אַלע פּילאָטן און זיי דערציילט וועגן דער לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן.

אַף דעם גוואַדאַלאַכאַרער פראָנט־באַצירק האָבן די רעפּובליקאַנער געהאַט זייער ווייניק מיליטער, שוואַך־באַוואָפנטע טיילן פון דער מיליציע און ניט קיין גרויסע צאָל פּיקעטן. אויסהאַלטן דעם דראַנג פון אַזאַ שטאַרקער פײַנטלעכער גרופּירונג זײַנען זיי, נאַטירלעך, ניט געווען בעקויעך.

— עס שטייט פאַר אונדז אַ פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע, — האָט סמושקעוויטש געזאָגט צו די פּילאָטן. — מיר דאַרפן פאַרהאַלטן דעם מאַרש פון דער קאָלאָנע אינטערווענטן, אויסער אונדז וועט דאָס קיינער ניט טאָן...

אין משך פון צוויי טעג האָט סמושקעוויטש, באַ אַן אומוועטער און שלעכטן צושטאַנד פון די אַעראָדראָמען, קאָנצענטרירט לעבן אַלקאַלאַ דע ענערעס און גוואַדאַלאַכאַרע 116 אַעראָפּלאַנען. איצט האָט ער בלויז געוואַרט, אַז די שווערע שניי־וואָלקנס זאָלן זיך אופהייבן אַ ביסל העכער, ווײַל מען קענען פּינקטלעך פעסטשטעלן, וווּהין גייט דער סוינע — אַף מאַדריד אָדער צו דעם ברעגלאַנד?

„מיר זײַנען אַרויסגעפלויגן זאַלבעדריט, — דערציילט ווײַטער דער גענעראַל לאַקייעוו, — סמושקעוויטש, פּומפּור און איך. דערזען דעם שאָסיי־וועג, האָבן מיר זיך אַראָפּגעלאָזט אַף פּערציק־פופציק מעטער די הייך און זײַנען אַזוי געפלויגן ביז בראַוועגי. איך — פון פאָרנט — דער פירנדיקער, סמושקעוויטש פון דער רעכטער זײַט, און פּומפּור — פון דער לינקער. אײַ־גיכן האָבן מיר דערזען די פײַנטלעכע קאָלאָנע. הונדערטער אויטאָמאַשינעס זײַנען מיט צוויי וועגן געגאַנגען דורך בראַוועגי און טריכועקי אין דער ריכטונג צו טאַריכע. אַ קלאָרע זאַך: די אינטערווענטן האָבן באַשלאָסן דעם קלאַפּ אַף מאַדריד דערלאַנגען פון טאַריכע — גוואַדאַלאַכאַרע.

סמושקעוויטש האָט זיך אופגעהויבן איבער די בערג, וואָס האָבן באַזוימט דעם שאָסיי־וועג, און צוויי מאָל אַ מאַך געטאָן מיט די פליגל, געמיינט:

— טוט אַ קוק, דער וועג שלענגלט זיך אַף דעם דעק פון אַ באַרג־שפּאַלט.

מיר זײַנען איין מאָל און אַ צווייט מאָל דורכגעפלויגן לענגאויס דעם וועג און האָבן פאַרשטאַנען, וואָס דער גענעראַל דוגלאַס האָט פאַרטראַכט: פאַרוואַנדלען אָט דעם וועג אין אַ פײַער־קאַפּקאַן פאַר די פײַנטלעכע קאָלאָנעס.

די רעפּובליקאַנישע אַוויִאַציע האָט זיך צוגעגרייט צו דערלאַנגען אַ פאַרניכטנדיקן קלאַפּ, און ווען נאָך איין גרופּע אויסשפּירער האָט זיך אומגעקערט און מיטגעטיילט דוגלאַסן, אַז די הויפּט־קאָלאָנע פון די אינטערווענטן דערנעענטערט זיך צו טאַריכע — צו יענעם באַרג־שפּאַלט, האָט ער באַשלאָסן: „איצט איז די רעכטע צײַט!”. ער האָט צונויפגערופן די קאָמאַנדירן, אײַנגעשטעלט די ריי, לויט וועלכער די גרופּעס וועלן אַרויספליִען, אָנגעוויזן די באַצירקן, ווו זיי וועלן דערלאַנגען דעם קלאַפּ.

— מע דארף אזוי א קלאַפּ טאָן, — האָט געזאָגט דוגלאַס, — אַז דער צעשמעטערטער קאָפּ פון דער קאָלאָנע זאָל פּאַרהאַמעווען די באַוועגונג, און דער צענעריקטער עק פון דער קאָלאָנע זאָל פאַרצוימען דעם וועג פאַר א צוריקמארש. פליִען וועלן מיר לויט א קאַנווייער, די אַטאַקע זאָל זײַן אַן אומופהערלעכע...

ווען ס'האָט זיך דערהערט די קאָמאַנדע „צו די עראָפּלאַנען!", איז דער עראָדראָם נאָך געווען אײַנגעהילט אין דעם קאַיאָריקן נעפּל. מ'האָט אַפּגיך דורכגעקאָנטראָלירט דעם שלאַכט־קאָמפּלעקט, א קוק געטאָן, צי עס זײַנען גוט אונטערגעהאַנגען די באָמבעס. די פּאַר־ניכטלער און די שטורמאָוויקעס האָבן זיך אופגעהויבן קימאַט אייננצײַטיק.

די איבעריקע גרופּעס האָבן דעם ציל שוין ניט געדאַרפט זוכן, קיין בעסערן אָריִענטיר האָט מען ניט באַדאַרפט, ווי די פלאַקערנדיקע אויטאָמאַשינעס, וואָס אונדזערע שטורמאָווי־קעס האָבן אונטערגעצונדן. זיי האָבן געפּרוווט ארויסרײַסן זיך פונעם באַרג־שפּאַלט, אָבער זייערע אייגענע טאַנקען און דעמאָראַליזירטע פּעכאָטע האָבן פאַרהאַקט דעם וועג. די מאַ־שינעס, וואָס זײַנען געגאַנגען אין עק פון דער קאָלאָנע, האָבן ניט באַוויזן פאַרקערעווען אַף צוריק און האָבן פאַרשלאָסן דעם ארויסגאַנג פונעם קאַפּקאַן.

אין דער דאָזיקער אָפּעראַציע האָט סמושקעוויטש פאַרווירקלעכט זײַן אידיי וועגן מאַק־סימאַל אויסנוצן די פּאַרניכטלער אַף צו דערלאַנגען אַטאַקירנדיקע קלעפּ דעם סוינע. דוגלאַ־סעס „קאָנווייער" האָט געאַרבעט, ווי א גוטער מעכאַניזם. דער קלאַפּ פון דער רעפּובליקאַ־נישער אוויִאַציע איז געווען אַן איבעראַשנדיקער. די יעדיִע וועגן דעם דערפּאָלג האָט זיך צעטראָגן איבער גאַנץ שפּאַניע.

„דאָרט, לעבן גוואַדאַלאַכאַרע, — האָט געשריבן דער העלד פון שפּאַניע גענעראַל פּ. א. באַטאָוו, — האָט סמושקעוויטש דעמאָנסטרירט, וויִאַזוי מע דאַרף אַף דער פּראַקטיק אָנווענדן די טאַקטיק פון סינכראָניזירן די שלאַכט־אָפּעראַציעס פון דער אוויִאַציע און דעם יאַבאַשע־מיליטער — א טאַקטיק, וואָס אונדזער סאָוועטישע אַרמיי האָט אָנגעווענדט אין די סאַמע דערפּאָלגרײַכע אָפּעראַציעס בײַס דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע".

אַף די עראָדראָמען זײַנען געקומען פּילצאָליקע דעלעגאַציעס — פאָרשטייער פון די אַרבעטנדיקע, פון דער יוגנט. די באַגעגענישן זײַנען געווען פריידיקע און רירנדיקע. אָט גייט צו צו סמושקעוויטשן א באַיאָרטע שפּאַניערן, זי נעמט אים אַרום, דערלאַנגט מיט אירע ציטערנדיקע הענט א היטעלע, באַזוימט מיט א פרענדזל. דאָס דאָזיקע היטעלע, ווײַזט זיך ארויס, האָט געטראָגן איר זון פראַנציסקאָ, א שלאַכטמאַן פון דער פּאָלקס־מיליציע, ער איז אומגעקומען אין די שלאַכטן פאַר מאַדריד. די דאָזיקע מאַטאָנע איז יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטשן געווען זייער טײַער.

עס זײַנען געקומען שרײַבער, זשורנאַליסטן, זיי האָבן פאָטאָגראַפירט די העלדן פון גוואַדאַלאַכאַרע, פאַרנאָטירט זייערע דערציילונגען. עס האָבן באַזוכט די פּילאָטן זייערע אַלטע פרײַנט — די סאָוועטישע שרײַבער און זשורנאַליסטן מיכאַיִל קאָלצאָוו, איליאַ ערענבורג, איינעם מיט זיי איז געקומען אויך ערנעסט העמינגוועי.

„ערנעסט האָט נאָך פריִער געהאַט זיך באַגעגנט מיט סמושקעוויטשן, — האָט איליאַ ערענ־בורג, באַ א געלעגנהײַט, דערציילט דעם אויטאָר פון די דאָזיקע שורעס, — אָבער דאָס מאָל, נאָכן זיג באַ גוואַדאַלאַכאַרע (העמינגוועי האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז אַן ערנסטע מאַפּאָלע פון די פאַשיסטן), האָט ער זיך אײַנגעהערט, וואָס דוגלאַס דערציילט, ניט אַראָפּגעלאָזט פון אים דאָס אויג... „סאַראַ גוורע! סאַראַ האַס צום סוינע! — האָט ער אויסגערופן. — אַזעלכע, ווי דוגלאַס, שלאָגן זיך פאַר א זויבער־ריינער זאַך, איך שפּיר עס מיט מײַן גאַנץ וועזן..."

„נאָך דעם גוואַדאַלאַכאַרער ניצאָכן, — דערציילט דער הויפּט־מאַרשאַל פון אַרטילעריע נ. נ. וואָראָנאָוו, — האָבן מיר גראַטולירט סמושקעוויטשן מיט די דערפּאָלגרײַכע אָפּעראַציעס פון דער אוויִאַציע, מיט וועלכער ער האָט אַזוי טאַלאַנטפול אָנגעפירט. מיר האָבן אַלע געוווּסט וועגן זײַן פּערזענלעכן אָנטייל אין די לופט־שלאַכטן אין פאַרלויף פון דער גאַנצער אָפּעראַציע. יעדן איינעם פון אונדז האָט זיך געוואָלט וואַרעם, כאַוועריש אויסדריקן אים אונדזער אָפּשײַ, און, ווי סאָלדאַטן, פרײַנטלעך פאַרברענגען א ביסל מיט אָט דעם האַרציקן מענטשן.

סמושקעוויטש האָט טכילעס אפילע זיך פאַרלוירן פון אונדזער לויבגעזאַנג. בײַגעקומען די איבעראַשונג, האָט ער זיך אָנגערופן:

— נו, אויב אַזויפיל וואַזשנע קאָמאַנדירן קומען צו די אוויִאַטאָרן און זידלען זיי ניט, איז עס א סימען, אַז מיר האָבן ווירקלעך גוט אָן אַרבעט געטאָן. זאָלן פראַנקאָ, היטלער און

מוסאָליני אויסדריקן איינער דעם צווייטן זייער מיטלייד, און מיר וועלן דערווײַל אײַך מעכאַ־בעד זײַן פון די איטאַליענישע טראָפייען, וואָס מע האָט אונדז צוגעשיקט.

ער איז געווען אופגעלייגט און לוסטיק, א סאַך דערציילט וועגן די העלדנטאַטן פון זײַנע פּילאָטן. ווי נאָר מע האָט אָבער געגומען ריידן וועגן אים גופא, האָט ער דעם געשפּרעך אוועק־געפירט אין אַן אַנדער זײַט. יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש האָט אויסגעדריקט זײַן אַנציקונג מיט דעם, ווי העלדיש עס האָבן זיך געשלאָגן די שפּאַנישע שלאַכטלײַט און די אינטערנאַציאָנאַ־ליסטן. ער האָט געדערעדט וועגן דעם העלדנטאַט פון ענריקאָ ליסטערס בריגאַדע, וועלכע האָט אויסגעהאַלטן דעם דראַנג פון פיר איטאַליענישע דיוויזיעס. א סאַך ליב־ווערטער האָט ער גע־זאָגט וועגן מאַטע זאַלקע — דעם גענעראַל לוקאַטש... ניט פאַרגעסן זאָגן א וואַרעם וואָרט וועגן ליסטערס און לוקאַטשס ראַטגעבער — ראַדימצעוון און באַטאָוון, וועלכע זײַנען דאָ בײַ־געווען. געלויבט די טאַנקיסטן און די אַרטילעריסטן. מיט איין וואָרט, סמושקעוויטש האָט גערן גערעדט וועגן אַלעמען, נאָר ניט וועגן זיך.

באַם געזעגענען זיך האָבן מיר, פונדעסטוועגן, געוואָלט אויסדריקן דעם באַשיידענעם גע־נעראַל יענע געפילן, וואָס האָבן, אייגנטלעך, אונדז אהער געבראַכט. אין אונדזער אַלעמענס נאָמען האָט עס געטאָן ענריקאָ ליסטער.

— אָט, קום צו אזא איינעם צוגאַסט, — האָט ער געזאָגט, — מיר קומען אים אָפּדאַנקען, און ער פאַרעדט אונדז אזוי די ציין, אז עס באַקומט זיך, אז ער האָט קלוימערשט קלאַל זיך ניט באַטייליקט אין דער שלאַכט. ס'וועט אים אָבער ניט העלפן. ס'וועט קומען די צײַט, און מיר וועלן וועגן דעם גענעראַל דוגלאַס דערציילן מיטן פולן מויל...״

קימאַט מיט דרײַסיק יאָר שפּעטער האָט דער מיטגליד פון פּאָליטביוראָ פון דער קאָמוני־סטישער פּאַרטיי פון שפּאַניע ענריקאָ ליסטער געשריבן אין זײַנע זיכרוינעס, וועלכע ער האָט איבערגעגעבן אין רעשוס פונעם אויטאָר:

„דער נאָמען פונעם גענעראַל דוגלאַס וועט אייביק לעבן אין די הערצער פון די שפּאַניער. באַזונדערס ליב איז ער אונדז, די, וואָס האָבן געהאַט דאָס גליק צו זײַן זײַנע כאַווײרים אין די היסטאָרישע טעג פון גוואַדאַלאַכאַרע״.

סמושקעוויטשעס דערפּאָלגרײַכע שלאַכט־טעטיקײַט אין שפּאַניע האָט אַרויסגערופן באַם סוינע א ווילדע סינע צו אים. געפאַנגענע דײַטשישע פּילאָטן האָבן דערציילט, אז גערינג האָט צוגעזאָגט א מיליאָן מאַרק דעם, ווער עס וועט אראָפּשיסן דעם גענעראַל דוגלאַס.

דערווײַל האָט די רעפּובליקאַנישע אוויאַציע זיך געגרייט צו א גרויסער אָנגריף־אָפּעראַ־ציע אַף דער ברונעטסקער ריכטונג. טאָג און נאַכט, אָן אָפּרו, איז סמושקעוויטש פאַרטאָן אינעם צוגרייטן די דאָזיקע אָפּעראַציע. צו יענער צײַט האָט זײַן געזונט־צושטאַנד זיך פאַרערגערט פון טאָג צו טאָג, ער האָט אָבער ניט געווענדט אַף דעם קיין אופמערקזאַמקײַט. וועגן דעם איז באַוווסט געוואָרן אין מאָסקווע. דעם 15 מײַ 1937 האָט דער שעף פון די מיליטערישע לופט־קויכעס פון דער רויטער אַרמיי יאַ. אי. אַלקסניס אין א ספּעציעלן ראַפּאָרט דעם פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר קריגס־איניאָנים מיטגעטיילט:

„די כאַווײרים, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פון דער ספּעציעלער קאָמאַנדירונג, דער־ציילן, אז סמושקעוויטש איז פאַר אָט דער צײַט אָפּגעשוואַכט געוואָרן און נייטיקט זיך אין אָפּרו״. אַלקסניס זאָגט דערבײַ אַרויס זײַן מיינונג, ווען מע וואָלט באַדאַרפט שיקן אַף סמוש־קעוויטשעס אָרט.

און אזוי איז עס טאַקע געווען. אינגיכן איז קיין שפּאַניע אָנגעקומען א כאַוער, וועלכער האָט געזאָלט פאַרבײַטן דוגלאַסן. סמושקעוויטש האָט אָבער געהאַלטן, אז די דאָזיקע קאַנדי־דאַטור איז ניט קיין פּאַסיקע, און האָט רעקאָמענדירט די קאַנדידאַטור פון יע. ס. פּטוכינען. זײַן פאָרשלאָג האָט מען באַווייליקט. סמושקעוויטש האָט זיך גענומען גרייטן אין וועג אהיים.

די לעצטע טעג אין שפּאַניע האָט סמושקעוויטש די גאַנצע צײַט פאַרבראַכט אַף די אַראַ־דראָמען. ס'איז אים געווען שווער צעשיידן זיך מיט זײַנע שלאַכט־כאַווײרים, אזעלכע נאָענטע און ליבע.

„אין יענע טעג, — דערציילט פּ. א. גאָלצעוו, — איז מיר אויסגעקומען צו זען, מיט וואָס פאַר אַן אויסערגעוויינלעכער קראַפט אַלע רעפּובליקאַנישע אוויאַטאָרן האָבן אויסגעדריקט זייער געפיל פון ליבע און אָפּשײַ צו סמושקעוויטשן... אין אונדזער געזאַנדשאַפט איז פאָרגע־קומען א געזעגענונג־אופנאַם, אַף וועלכן עס זײַנען בײַגעווען די אָנפירער פון דער שפּאַנישער רעפּובליק״.

דער ערשטער גאָלדענער שטערן. אפן ווײַטן מיזרעך

קיין מאָסקווע האָט סמושקעוויטש מיט נאָך עטלעכע זײַנע קאַמפּס־פרײַנט זיך אומגעקערט דעם 18 יון 1937. קלימענט יעפרעמאָוויטש וואָראָשילאָוו האָט דאָס צעטל פון די געקומענע טייקעף איבערגעגעבן סטאַלינען מיט א באַקאַשע אופנעמען זיי.

דעם זעלבן אפּדערנאַכט האָט מען סמושקעוויטשן מיט זײַנע כאַווײרים אײַנגעלאַדן אין קרעמל. וואָראָשילאָוו האָט געבעטן, זיי זאָלן פאַרצייכענען אין די נאָטיץ־ביכלעך אַלץ, וואָס זיי האָבן צו זאָגן די מיטגלידער פון פּאָליטביוראָ.

די „שפּאַניער" זײַנען געקומען אין ציווילע קליידער. דער ערשטער איז ארויסגעטראָטן סמושקעוויטש. ער האָט גערעדט וועגן דעם העלדישן קאַמף פונעם שפּאַנישן פאָלק, וועגן דעם בײַטראַג פון די סאָוועטישע פּילאָטן אין דעם דאָזיקן קאַמף און האָט געמאַכט אייניקע אויספירן פון די לופט־שלאַכטן אין שפּאַניע.

„סמושקעוויטשעס ארויסטרעטונג, — האָט דעם אויטאָר דערציילט נ. נ. וואָראָנאָוו, — האָט מען אויסגעהערט מיט גרויס אופמערקזאַמקײַט. די מיטגלידער פון פּאָליטביוראָ האָבן פאַרגעבן א סאַך פראַגעס. עס זײַנען געזאָגט געוואָרן ניט ווייניק וואַרעמע ווערטער וועגן סמושקעוויטשן און זײַנע פּילאָטן.

די מיטגלידער פון פּאָליטביוראָ האָבן אונדז באַדאַנקט, און וואָראָשילאָוו האָט פאָרגעלייגט אף דעם שליסן די זיצונג. „דאָס איבעריקע, — האָט ער געזאָגט, — וועלן מיר באַשליסן מאָרגן".

— צוליב וואָס אָפּלייגן אף מאָרגן דאָס, וואָס מע קאָן אָפּטאָן הײַנט? — האָט דערווידערט סטאַלין. — מיר האָבן דאָך שוין אַלץ באַשטימט. מע דאַרף בלויז מיטיילן וועגן דעם די כאַווײרים.

ערשטנס, האָט זיך ארויסגעוויזן, אז מע האָט אונדז צוגעטיילט נײַע מיליטער־ראַנגען. סמושקעוויטש און איך זײַנען געוואָרן קאָמקאָרן. דערנאָך איז אוועק א רייד וועגן נײַע אַמטן. פּאַוולאָוו איז באַשטימט געוואָרן אלס פאַרטרעטער פונעם שעף פונעם טאַנקען־מיליטער, סמושקעוויטש — אלס שעף־פאַרטרעטער פון די מיליטערישע לופט־קויכעס, און איך — אלס שעף פון דער ארטילעריע פון דער רויטער ארמיי.

— און איצט, — האָט מען צו אונדז געזאָגט, — נעמט אײַערע אייגענע און פאָרט צום יאַם. און דערנאָך, מיט פרישע קויכעס — ווײַטער צו דער ארבעט!"

אָבער אוועקפאָרן טייקעף אין אורלויב איז סמושקעוויטשן ניט אויסגעקומען. קאַיאָר האָט אים אופגעוועקט דער טעלעפאָן, און אין א רעגע ארום האָט עמעצער אקשאָנעסדיק אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון זײַן האָטעל־נומער. פרײַנט זײַנען געקומען אים באַגריסן מיט צוטיילן אים דעם טיטל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

דער באַשלוס פונעם צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון פססר וועגן צוטיילן דעם טיטל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד יא. וו. סמושקעוויטשן, ד. ג. פּאַוולאָוון, מ. אי. פּעטראָוון, אי. אי. קאָפּעצן און אי. אי. פּראָסקוראָוון איז געווען פאַרעפנטלעכט אין אַלע צײַטונגען אף דער ערשטער זײַט.

סמושקעוויטש האָט זיך פאַרהאַלטן אין מאָסקווע. דעם 25 יון האָט די הויפּטשטאָט פּײַערלעך באַגעגנט די אָנטיילנעמער פון דער עקספּעדיציע אף דעם צאָפן־פּאָליוס — אָ. יו. שמידטן, מ. וו. וואָדאָפּיאַנאָוון און אַנדערע. דעם זעלבן טאָג, אף דעם צענטראַלן אַעראָדראָם אף מ. וו. פרונזעס נאָמען און אף דעם אופנאַם אין דעם געאָרגיִעווסקי זאַל פונעם גרויסן קרעמל־פּאַלאַץ, האָבן די אָנפירער פון דער פּאַרטיי און רעגירונג באַגריסט די העלדנמוטיקע פּאָליאַר־ניקעס מיט זייער ניצאָכן און פיל וואַרעמע ווערטער אויך געזאָגט וועגן די, וואָס האָבן אין די שלאַכטן קעגן פאַשיזם אויסגעפילט זייער אינטערנאַציאָנאַלן כויוו און באַקרוינט מיט רום די סאָוועטישע אוויִאַציע.

באַגריסנדיק די נײַע גרופּע העלדן פון סאָוועטנפאַרבאַנד, האָט דער פּאָרזיצער פונעם צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט מיכאַיִל איוואַנאָוויטש קאַלינין אופגעהויבן א טאָסט פאַרן געזונט פון דעם שעף־פאַרטרעטער פון די מיליטערישע לופט־קויכעס פון דער רויטער ארמיי דעם קאָמ־קאָר יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש סמושקעוויטשן.

אפן צווייטן טאָג אינדערפרי האָבן די „שפּאַניער" באַקומען די הויכע באַלוינונגען, מיט וועלכע עס האָט זיי באַערט דאָס היימלאַנד. איבערגעבנדיק סמושקעוויטשן די צוויי לעניִן־אָרדענס און דעם גאָלדענעם שטערן האָט מיכאַיִל איוואַנאָוויטש, שמייכלענדיק, זיך אָנגערופן:

— צום ווידערזען, ביז דער קינפטיקער באַגעגעניש, טאַקע דאָ, אַף דעם זעלבן אָרט.

ענדלעך איז סמושקעוויטש אַרויסגעפאָרן קיין וויטעבסק. כאָטש דער צוג איז אָנגעקומען שפּעט אָפּדערנאַכט, איז דער פּעראָן געווען פול מיט מענטשן, וועלכע זײַנען געקומען באַגעגענען דעם באַרימטן העלד. און אינדערפרי האָט וועגן סמושקעוויטשעס קומען שוין געוווּסט די גאַנצע שטאָט. ווו ער זאָל זיך ניט געווען באַווײַזן, זײַנען סטיכייִיש אופגעקומען מיטינגען.

יאַ. וו. סמושקעוויטש — פּאָרטרעטער פונעם שעף פון די מיליטערישע לופט־קויכעס פון לאַנד

און אין דער היים... דאָס ייִנגערע טעכטערל לעני̇נע (מ'האָט איר אַ נאָמען געגעבן לעקאָוועד וולאַדימיר איליטש לעני̇נען) איז ניט אַראָפּגעקראָכן פון דעם טאַטנס קני... עס זײַנען געקומען צו אים פּילאָטן, אינזשעניערן, טעכניקער. אַלע האָבן געוואָלט פּערזענלעך באַגריסן זייער געוועזענעם קאָמאַנדיר.

אינגיכן זײַנען די סמושקעוויטשעס אָפּגעפאָרן קיין סאָטשי. עס וואָלט זיך געקאָנט דוכטן, אַז נאָך דעם ראַש פון די באַגעגענישן און באַגריסונגען איז, ענדלעך, געקומען דער פאַרדינטער אָפּרו. ס'הייבט זיך ניט אָן. שוין אַפן צווייטן טאָג האָבן זיך אַרײַנגעשטעלט גוסיעוו, קאָפּעץ און אַנדערע „שפּאַניער", און מע האָט זיך אַוועקגעזעצט אײַנעם שרײַבן אַ באַריכט וועגן דער דערפאַרונג פון די לופט־שלאַכטן אין שפּאַניע.

אָפּט פלעגט צו סמושקעוויטשן קומען צוגאַסט נ. נ. וואָראָנאָוו. זיי האָבן אײַנעם שפּאַצירט און אַ סאַך געשמועסט. אָבער גאָר אינגיכן האָט מען יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטשן אַרויסגערופן קיין מאָסקווע. עס איז געווען אומרויִק אַפן ווײַטן מיזרעך.

אין דעם מאָמענט, ווען די שפּאַנישע רעפּובליק האָט העלדנמוטיק אָפּגעקלאַפּט די אַטאַקעס פון די פאַשיסטן, האָבן די יאַפּאַנישע מיליטאַריסטן פאַרברייטערט די אַגרעסיע קעגן כינע. אַ באַזונדער אָרט האָט אין זייערע פּלענער פאַרנומען צאָפּן־כינע, וואָס גרענעצט מיטן סאָוועטנפאַרבאַנד. די סאַמורײַען האָבן געוואָלט פאַרכאַפּן די דאָזיקע טעריטאָריע און פאַרוואַנדלען זי אין אַ פּלאַצדאַרם אַף אָנצופאַלן אַף אונדזער לאַנד.

די רעגירונג האָט באַשלאָסן שיקן אַפן ווײַטן מיזרעך דעם קאָרפּוס־קאָמאַנדיר סמושקעוויטשן און דעם דיוויזיע־קאָמיסאַר גאָלצעוון.

דער קאָמאַנדיר פונעם ספּעציעלן רויטפאָניקן מיליטער־קרײַז בליוכער האָט וואַרעם באַגעגנט סמושקעוויטשן מיט זײַנע פרײַנט. יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש האָט פאַר די קאָמאַנדירן פון העכערן ראַנג געהאַלטן אַ פאָרטראָג „וועגן דער דערפאַרונג פון די שלאַכט־אָפּעראַציעס פון דער אַוויִאַציע אין שפּאַניע" און איז גלײַך צוגעטראָטן זיך באַקענען מיט דער שלאַכט־גרייטקײַט פון די ווײַטמיזרעכדיקע אַוויִאַציע־טיילן.

בייס דער דאָזיקער קאָנטראָל־אינספּעקציע האָט יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש און די אַנדערע כאַווייִרים, וועלכע זײַנען מיט אים געקומען, פּראַקטיש מיטגעהאָלפן אײַנגלידערן אין די אַוויִאַציע־טיילן דאָס נײַע, וואָס באַזירט זיך אַף דער דערפאַרונג פון די שלאַכטן אין שפּאַניע.

ס'איז שוין אַוועק אַ כוידעש צײַט, נאָר אַרבעט איז נאָך פאַרבליבן אַ יאַם, און פּלוצעם באַקומט סמושקעוויטש אַ דערשיטערנדיקע ידיִעה: עס איז אומגעקומען זײַן פּיריאָריק טעכטערל לעני̇נע.

פאַרן אָפּפאָרן פון מאָסקווע האָט יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש געבעטן באַסיע סאָלאָמאָנאָוונען, זי זאָל, אומקערנדיק זיך קיין וויטעבסק, געבן צו וויסן פּעדאָסייעווס פרוי, אַז אין שפּאַניע איז אומגעקומען איר מאַן. ער האָט זי דערבײַ אויך געבעטן אַרויסווײַזן דער אַלמאָנע די נייטיקע אופמערקזאַמקײַט און וואַרעמקײַט, ניט איבערלאָזן זי אַליין.

וויפל ס'איז געווען אין אירע קויכעס, האָט באַסיע סאַלאָמאַנאָווונע זי געטרייסט, אָפּט געווען בא איר אין דער היים. אויך דאָס מאָל האָט זי באַטאָג אַרײַנגעכאַפּט זיך צו פּעדאָסייעווען, אָפּגעווען בא איר א שאָ, ניט מער. אומקערנדיק זיך אהיים, האָט זי נאָך פונדערווײַטנס דערזען אף דעם טראָטואַר לעבן דעם באַלקאָן פון זייער דירע א האַמוין מענטשן.

די שכיינישע קינדער האָבן א רוף געטאָן דאָס מיידעלע. לעניִנע איז אַרויס אפן באַלקאָן, אַריבערגעבויגן זיך איבער דער פּאַרענטשע און...

באַסיע סאַלאָמאַנאָווונע איז געפאַלן אָן באַוווסטזײַן. די דערשיטערונג איז געווען אזוי שטאַרק, אז די דאָקטוירים האָבן מוירע געהאַט פאַר איר לעבן.

און אים, סמושקעוויטשן, האָט דער גרויסער אומגליק געטראָפן ווײַט פון דער היים.

דערמאָנענדיק יענע שווערע טרויערפולע טעג, זאָגט באַסיע סאַלאָמאַנאָווונע, אז בלויז די טעלעגראַמע, וואָס זי האָט דעמלט באַקומען פון איר מאַן, האָט איר געגעבן קויכעס איבערטראָגן דעם גרויסן אומגליק. ער האָט איר געשריבן: „ס'איז שווער צו באַגרײַפן, ווי־אַזוי האָט עס דער טויט געקאָנט צונעמען בא אונדז לעניִנעטשקען. איך ווייס, ווי דיר איז שווער אָן מיר איבערטראָגן דעם פאַרלוסט. שטאַרק זיך. געדענק, אז מיר האָבן נאָך איין טאָכטער, ראָזע, צוליב וועלכער דו דאַרפסט לעבן. באַסינקע, אינגיכן וועלן מיר זײַן אינאיינעם".

קיין מאָסקווע האָט סמושקעוויטש זיך אומגעקערט אין אָנהייב אָקטיאַבער. עס האָבן זיך אוועקגעצויגן וואָכן און כאָדאָשים פון אָנגעשטרענגטער מי.

טראָץ די אומרויִקע געשעענישן אף מיזרעך, איז דאָס לעבן אין אונדזער לאַנד געפלאָסן מיט דעם געוויינלעכן ריטם. עס האָט זיך דערנעענטערט דער יאָמטעוו פון ערשטן מײַ. אָנפּירן מיטן לופט־פּאַראַד אין מאָסקווע האָט מען אויך דאָס מאָל באַופטראַגט סמושקעוויטשן.

אין סאַמע ברען פון דער צוגרייטונג צום יאָמטעוו האָבן די אַרבעטער פון דעם כאַרקאָווער אוויִאַציע־זאַוואָד באַשלאָסן אונטערטראָגן דעם קאָמאַנדיר פון דעם פאַרשטייענדיקן לופט־פּאַראַד א מאַטאָנע — זייער נײַעם אַעראָפּלאַן «P-10». אפן באָרט פון דער מאַשין, וועלכע מע האָט געבראַכט קיין מאָסקווע, איז געווען אָנגעשריבן: „דעם קאָמאַנדיר פונעם ערשטמײַיִקן לופט־פּאַראַד, דעם העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד דעם קאָמקאָר יא. וו. סמושקעוויטשן". די מאַטאָנע האָט יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטשן שטאַרק דערפרייט. ער איז געווען גרייט טייקעף אופהייבן זיך מיט דער נײַער מאַשין אינדערלופטן, נאָר די צוגרייטונג צום פּאַראַד האָט בא אים אָפּגענומען די גאַנצע צײַט.

ס'איז געקומען דער 30 אַפּרעל — דער לעצטער טאָג פאַרן פּאַראַד. פון אינדערפרי אָן האָט דער קאָמקאָר דורכגעקאָנטראָלירט די גרייטקײַט פון די אוויִאַציע־טיילן. אפן אַעראָדראָם איז ער מיט זײַן שטורמאַן פּראָקאָפּיעוון געקומען א שאָ פאַר דער לעצטער קאָנטראָל־רעפּעטיציע.

א שאָ צײַט איז א באַטרעף, און סמושקעוויטש באַשטימט דאָך א פלי טאָן אף דעם «P-10» — די מאַטאָנע פון די כאַרקאָווער אַרבעטער. ער האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין דער קאַבינע, געלאָזט דעם מאָטאָר און איז אַרויסגעפאָרן אפן סטאַרט... און אין א מינוט אַרום האָט זיך שוין געהערט א סירענע־געהויל פון סאַניטאַר־ און פײַערלעשער־מאַשינעס. ווער נאָר ס'איז געווען אפן אַעראָדראָם, האָט זיך געלאָזט לויפן צום ראַנד פונעם פלי־פעלד. דער אַעראָפּלאַן, אף וועלכן סמושקעוויטש האָט אָקאָרשט זיך אופגעהויבן, האָט קוים דערגרייכט 40—50 מעטער די הייך און איז אַראָפּגעפאַלן אף דער ערד.

ס'האָט געקאָסט א סאַך מי, ביז מע האָט סמושקעוויטשן אַרויסגעשלעפּט פון אונטער די ברוכשטיקער. ער איז געווען אָן באַוווסטזײַן. מ'האָט טייקעף אַרויסגערופן דעם פּראָפעסאָר מיכאַיִל אָסיפּאָוויטש פרידליאַנדן.

„סמושקעוויטשעס צושטאַנד איז געווען אָן אויסערסט שווערער, — דערציילט דער פּראָפעסאָר, — זײַן לעבן איז געהאַנגען אף א האָר. אין זעקס ערטער זײַנען געווען איבערגעבראָכן די ביינער, די פלייצע — שטאַרק אָפּגעבערענט. ס'האָט געהאַלטן באַם אַמפּוטירן די פיס".

אין שפּיטאָל איז געקומען וואָראָשילאָוו. דערזען, אין וואָס פאַר א מאַצעוו עס געפינט זיך סמושקעוויטש, האָבן אין זײַנע אויגן זיך געשטעלט טרערן. פאַרלאָזנדיק די פּאַלאַטע, האָט קלימענט יעפרעמאָוויטש גענומען מיכאַיִל אָסיפּאָוויטשן אונטער דעם אָרעם און געזאָגט: „פּראָפעסאָר, ער איז אונדז שטאַרק טײַער. טוט אַלץ, וואָס איז מעגלעך אף צו ראַטעווען אים".

און אָט איז א דערמאָנונג פון באַסיע סאַלאָמאַנאָווונע: „איך האָב אים ניט דערקענט. בלויז די האָר זײַנען געווען זײַנע. דאָס פּאָנעם — צעמאַזיקט און געשוואָלן אזוי, אז מע האָט ניט אַרויסגעזען די אויגן. יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש איז געווען אָן באַוווסטזײַן. איך בין געבליבן לעבן אים.

אינדערפרי איז ער אף א רעגע געקומען צו־זיך. א פרעג געטאָן: „ווי האלט עס מיטן פאראד?" און ווידער פארלוירן דעם באוווסטזײַן.

אפדערנאכט זײַנען געקומען לאַקטיאָנאָוו, כמעלניצקי, פאוולאָוו און נאָך איין כאווער, זײַן פאמיליע געדענק איך ניט. זיי זײַנען געשטאנען לעבן זײַן בעט און געווײנט. לאַקטיאָנאָוו האָט דערציילט יאקאָוו וולאדימיראָוויטשן, אז דער פאראד איז דורכגעגאנגען גוט, אז אלע, וואָס האָבן זיך באטייליקט אין אים, ווינטשן אים א רעפוע־שליימע".

א דאָקטוירים־קאָנסיליום האָט געבעטן בא סמושקעוויטשעס קרויווים און בא דער רע־גירונג א האסקאָמע אף אָפערירן אים. דער ענטפער איז געווען אזא: „אויב פון דעם איז געוועדט זײַן לעבן — אָפערירט אים טייקעף".

די אָפעראציע האָט געדויערט עטלעכע שאָ. ווען ער האָט זיך אופגעכאפט נאָך דער אָפע־ראציע, האָט ער ניט דערפילט די פיס.

— טוט נאָר א טאפ, די פיס זײַנען דאָ? — האָט ער זיך גענומען בעטן בא די ארומיקע.

די פיס זײַנען געווען גאנץ, מ'האָט זיי ניט אמפוטירט. ער האָט פּאָשעט ניט געקאָנט מיט זיי א ריר טאָן, און איין פוס איז געווען קירצער פון דעם צווייטן.

די וווּנדן האָבן זיך שווער פארהײלט. סמושקעוויטש האָט מיט אלע קויכעס אויסבאהאלטן דעם ווייטעק, בלויז די אויגן און די טראָפּנס שווייס אף דעם טייל פּאָנעם, וואָס איז ניט געווען פארבאנדאזשירט, האָבן איידעס געזאָגט וועגן זײַנע אנגסטן. נאָר אין שלאָף האָט ער גע־קרעכצט...

— איך וועל קענען פליִען? — האָט ער ניט געלאָזט צורו די דאָקטוירים.

— וואָס קענען, גיין? — האָט איבערגעפרעגט דער פּראָפעסאָר, ווי ער זאָל קלוימערשט געוועזן ניט דערהערן די פראגע. — ניט נאָר גיין, איר וועט נאָך לויפן.

— איך פרעג וועגן פליִען. צי וועל איך קענען פליִען?..

אינגיכן זײַנען באוווסט געוואָרן די סיבעס פון דער אווארִיע. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער מעכאניקער, וועלכער האָט צוגעגרייט דעם עראָפּלאַן, האָט נאָכן אויספרווון דעם מאָטאָר צוגעדרייט דעם קראַן פון דער אייל־סיסטעם. ווען סמושקעוויטש איז געקומען אפן עראַדראָם, האָט דער מעכאניקער אים ראַפּאָרטירט, אז די מאשין איז גרייט, אָבער עפענען דעם קראַן האָט ער פארגעסן.

די מאשין האָט זיך אָפּגעריסן פון דער ערד, נאָר ניט באקומענדיק קיין אייל, האָט דער מאָטאָר אופגעהערט צו ארבעטן, דער עראָפּלאַן האָט אָנגעוווירן די שנעלקײַט און איז אראָפּ־געפאלן אף דער ערד.

אין זיבן וואָכן ארום האָט מען סמושקעוויטשן, אײנגאנצן א פארקאָוועטן אין גיפּס, ארי־בערגעפירט פונעם שפּיטאָל אין א סאנאטאָרי הינטער מאָסקווע.

אין אָנהייב יול האָט מען דעם גיפּס אראָפּגענומען. מע קאָן זיך פאָרשטעלן, מיט וואָס פאר אן אומגעדולד יאקאָוו וולאדימיראָוויטש האָט געוואַרט אף אָט דער רעגע. ער האָט באטראכט זײַנע צעקאַליעטשעטע פיס, געוואָלט א ריר טאָן מיט די פינגער און ניט געקאָנט. מיט ווייטעק אין הארצן האָט ער א זאָג געטאָן צו מיכאיל אָסיפּאָוויטשן:

— צוליב וואָס האָט איר מיך באדארפט אָפּנארן? אזעלכע פיס וועלן דען קענען פילן די פּעדאלן פונעם עראָפּלאַן?..

— אומזיסט פאלט איר בא זיך אראָפּ, — האָט דער פּראָפעסאָר געפּרווט מאכן א גוטע מינע, — איר זײַט דאָך ניט קיין באַרישניע. די פליודערן וועלן צודעקן די שראמען, און קיי־נעם וועט אפילע אפן זינען ניט קומען א קלער צו טאָן, אז בא אזא קראַסאַוועץ זײַנען די פיס ניט קיין שיינע. דעריקערשט — זיי זאָלן אײַך טראָגן אף דער ערד. מאָרגן וועט איר זיך באקענען מיט אײַערע געהילפן.

„געהילפן" האָט דער פּראָפעסאָר אָנגערופן די קוליעס פון לײַכטע אליומיניע־רערן.

— און איצט, זײַט זיך מאטריִעך, לערנט זיך גיין, — האָט זיך אָנגערופן מיכאיל אָסיפּאָוויטש און האָט פארלאָזט די פאלאטע.

דאָס „לערנען זיך גיין" האָט אויסגעמאטערט. קעדיי פארגיכערן דעם איניען, האָט סמוש־קעוויטש אָפּטער און מער, ווי די דאָקטוירים האָבן געהייסן, געמאכט ספּעציִעלע גימנאַסטיק.

אין א קורצער צײַט ארום איז זײַן פאלאטע פארוואנדלט געוואָרן אין א מין ארבעט־קאַ־בינעט. צום קראנקן פלעגן קומען טוער פון דער אוויאציע, פונעם פּאָלקסקאָמיסאריאט פאר שוץ־איניאָנים, מיטגלידער פון דער רעגירונג. מיט יעדן טאָג זײַנען אקשאָנעסדיקער געוואָרן סמושקעוויטשעס באקאָשעס, מע זאָל אים דערלויבן גלײַכצײַטיק מיטן היילן זיך צוטרעטן צו דער ארבעט אין דער פארוואלטונג פון די לופט־קויכעס. די געשעענישן אפן ווײַטן מיזרעך

האָבן צו יענער צײַט געקראָגן אַזאַ דראַנעדיקן כאַראַקטער, אַז סמושקעוויטשעס באַקאָשע איז אינגיכן באַפרידיקט געוואָרן.

דעם 29 יול זײַנען די יאַפּאַנער אָנגעפאַלן אַף אונדזער בײַגרענעץ־ראַיאָן, אַריבערגע־גאַנגען דעם טײַך טומען־אולאַ לעבן דער אָזערע כאַסאַן און אַרײַנגעשניטן זיך אַף פיר קילאָ־מעטער אין דער טיף פון אונדזער טעריטאָריע.

„לויט דער אָנווײַזונג פונעם פאָלקסקאָמיסאַר, — דערציילט ר. פּ. כמעלניצקי, — בין איך געקומען צו סמושקעוויטשן, קעדיי אים אינפאָרמירן וועגן די געשעענישן אין ראַיאָן פון כאַ־סאַן. דער קאָמקאָר האָט בא מיר געפאָדערט, איך זאָל אים טייקעף טעלעפאָניש פאַרבינדן מיט וואָראָשילאָוון. בייסן געשפּרעך האָט סמושקעוויטש אין אַ קאַטעגאָרישער פאָרם געבעטן אַ דערלויבעניש צוטרעטן צו דער אַרבעט. דער פאָלקסקאָמיסאַר האָט דערווידערט. סמושקעוויטש האָט אַף דעם געענטפערט: „די קוליעס זײַנען ניט קיין מניעה פאַר דער אַרבעט...״

דער דאָזיקער געשפּרעך האָט, זעט אויס, זיך פאַרענדיקט מיט אַ קעגנזײַטיקער פּשרה. סמושקעוויטש האָט אָפּגיך זיך איבערגעטאָן און איז אוועקגעפאָרן אין שטאַב פון די מיליטערישע לופט־קויכעס.

דעם זעקסטן אווגוסט האָט דאָס סאָוועטישע מיליטער דערלאַנגט די יאַפּאַנישע אַגרעסאָרן אַ צעשמעטערנדיקן קלאַפּ. זיי זײַנען פאַרטריבן געוואָרן פון אונדזער ערד.

די פּיס האָבן נאָך אַלץ ניט געוואָלט אים דינען. מיט וואָס ער זאָל ניט געווען זײַן פאַר־נומען, וואָס ער זאָל ניט געווען טאָן, האָט ער אַף קיין רגע ניט אופגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם איקערדיקן: צי וועט ער נאָך זײַן אימשטאַנד ווידער זיך אוועקזעצן בא דעם רודער פונעם אעראָפּלאַן.

די היילונג אין פּיאַטיגאָרסק און אין סאָטשי האָט פיל פאַרבעסערט זײַן געזונט. אָבער צו פליִען איז נאָך געווען זייער ווײַט. סמושקעוויטש זעצט פאָר אַקשאָנעסדיק די טרענירונגען. צוביסלעך האָבן די דאָקטוירים זיך צוגעוווינט צו דעם כאַראַקטער פון זייער אומרויִקן פּאַ־ציִענט. און ווען באַסיע סאָלאָמאָנאָווגע האָט געפרווּווט פּראָטעסטירן, פאָדערן, מ׳זאָל פאַרווערן איר מאַן זיך גרייטן צו די פלוגן, האָט דער פּראָפעסאָר פרידליאַנד איר געקאָנט בלויז ענט־פערן:

— דאָס איז אומעגלעך. פאַר אים פליִען איז דאָס זעלבע, וואָס פאַר אונדז אָטעמען. קאָן מען דען פאַרווערן אַ מענטשן אָטעמען?..

אינגיכן נאָכן XVIII פאַרטיי־צוזאַמענפאָר, אַף וועלכן סמושקעוויטש איז געווען אויסגע־ווײלט אַלס קאַנדידאַט פאַר אַ מיטגליד פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי, איז ער אַרויסגעפאָרן אינעם קיִעווער ספּעציִעלן מיליטער־קרײַז דורכקאָנטראָלירן די שלאַכטגרייט־קײַט פון די אַוויִאַציע־טיילן. ער האָט עס געטאָן ניט אַף קיין געוויינלעכן אויפן. דעם פּאָל־קאָווניק קאָשעלעוון — אין יענער צײַט אַ שטורמאַן אַף אַ באָמבאַרדיר־אעראָפּלאַן — האָט זיך פאַרקריצט אין זיקאָרן אַזאַ עפּיזאָד: „אין אונדזער פּאָלק האָט דורכגעשאַלט אַן אַליאַרעם־סיגנאַל. דער קאָמקאָר האָט באַפוילן אונטערהענגען די שלאַכט־באָמבעס און אַראָפּוואַרפן זיי אַף אַן אומבאַקאַנטן אָביעקט. דערבײַ האָבן אַף דעם דאָזיקן אָביעקט, לויט סמושקעוויטשעס באַפעל, אונדז באַדאַרפט אַטאַקירן אַ גרופּע „פײַנטלעכע״ פאַרניטשטלער. אַזעלכע פאַרגע־בונגען האָבן מיר נאָך ביז דעם קיינמאָל ניט אויסגעפּילט. האָבן זײַנע פאַראָרדענונגען אַרויס־געררופן אַ געוויסע צעטומלטקײַט. עס איז דערגאַנגען צו דעם, אַז דער קאָמאַנדיר פון דער באַזע האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרויסגעבן די שלאַכט־באָמבעס און, ווי מיר האָבן שפּעטער זיך דערוווּסט, זיך באַקלאָגט אַף אים קיין מאָסקווע.

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז באָמבירן אַן אָביעקט, וועלכן עס באַשיצן פאַרניכטלער, זײַ־נען מיר, ליידער, ניט געווען צוגעגרייט. מיר האָבן אַף לאַנג פאַרגעדענקט די האַרבע, גע־רעכטיקע אויספירן, וואָס סמושקעוויטש האָט דעמלט געמאַכט״.

אַ געוויסע צײַט איז יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש נאָך פאַרבליבן אין דעם קיִעווער מיליטער־קרײַז, דירעקט אָנגעפירט מיט דער צוגרייטונג פון די אַוויִאַציע־טיילן צו דער מילכאָמע, וועל־כע איז שוין געשטאַנען בא דער שוועל.

דעם 11 מײַ זײַנען די יאַפּאַנער אָנגעפאַלן אַף דער מאָנגאָלישער פאָלקס־רעפּובליק. אין העסקעם מיט דעם אָפּמאַך וועגן קעגנזײַטיקער הילף, האָט דער 57־טער ספּעציִעלער קאָרפּוס פון דער רויטער אַרמיי, וועלכער האָט דאָרט זיך באַזירט, באַקומען אַ באַפעל צעגראָמירן דעם

סוינעס מיליטערישע גרופירונג. עס זײַנען ארויסגעטראָטן אויך אנדערע טיילן פון דער רויטער ארמיי.

דער מאסשטאב און דער כאראקטער פונעם באוואָפנטן קאָנפליקט בא כאלכין־גאָל האָט געפאָדערט צו קאָנצענטרירן אין מאָנגאָליע היפשע לופט־קויכעס. קעדיי צו פארווירקלעכן די דאָזיקע אופגאבע, ניט אָפּשוואכנדיק דערבײַ אונדזער לופט־פּלאַט אף די מיזרעוודיקע גרענעצן, האָט סמושקעוויטש פאָרגעלייגט שיקן קיין מאָנגאָליע א מאָבילע אוויאַציע־גרופּע פון פּילאָטן, וועלכע האָבן שוין געשמעקט פולווער אין שפּאַניע און אין כינע, האָבן פאַרמאָגט א היפשע דערפארונג. די העכסטע קאָמאנדשאַפט פון דער רויטער ארמיי און די סאָוועטישע רעגירונג האָבן דעם דאָזיקן פּלאַן באוויליקט.

דער שעף פון די מיליטערישע לופט־קויכעס דער קאָמאנדארם לאָקטיאָנאָוו, סמושקעוויטש און גאָלצעוו זײַנען פארבעטן געוואָרן אין קרעמל, ווו זיי האָבן מיטגעטיילט וועגן דער געשפּענער סיטואַציע. נאָך דעם, ווי מע האָט אלץ גענוי באטראכט, האָט סמושקעוויטש, אויסבאהאלטנדיק דאָס אונטערהינקען זײַנס, זיך אופגעהויבן פון טיש און דערקלערט, אז בייס ער האָט פאָרגעלייגט שאַפן א פּילאָטן־גרופּע, וואָס זאָל איר שלאכט־דערפארונג אויסנוצן קעגן די יאַפּאַנישע פארכאַפּער, האָט ער זיך ניט פאָרגעשטעלט, אז ער גופא זאָל בלײַבן אויסער דער דאָזיקער גרופּע. ער בעט דעריבער, מ'זאָל אים דערלויבן ארויספאָרן קיין מאָנגאָליע.

מ'האָט באשלאָסן זיך האלטן אן אייצע מיט די דאָקטוירים. „מיר זײַנען אוועק צום פּראָפעסאָר פרידליאנד, — דערציילט כ. פּ. כמעלניצקי. — סמושקעוויטש האָט לאנג אײַנגערעדט מיכאַיל אָסיפּאָוויטשן, ער זאָל ניט בלויז אליין ניט דערווידערן, נאָר ער זאָל אויך „צורייִדן" זײַנע קאָלעגן. מיט איין וואָרט, ער האָט א דערלויבעניש באקומען".

געקומען קיין מאָנגאָליע, האָט סמושקעוויטש דעם זעלבן טאָג באזוכט דעם 70־טן פארניכטלער־פּאָלק און אנדערע אוויאַציע־טיילן. אויסגעהערט גענויע ראַפּאָרטן פון די קאָמאנדירן, האָט ער זיך געווענדט צו די פּילאָטן מיט אזעלכע ווערטער:

— די צײַט פון פּאסיוון וואַרטן איז פאַריבער. מיר וועלן ניט דערלויבן, ס'זאָל כאָטש איין יאַפּאַנישער עראָפּלאַן אומבאשטראָפט זיך באווײַזן אינעם הימל פון מאָנגאָליע.

ניט פארלירנדיק קיין צײַט, האָט סמושקעוויטש טייקעף געשאַפן אן אָפּעראטיוון שטאב, וואָס זאָל אונטערהאלטן א סטאבילע פארבינדונג מיט דעם שטאב פון דעם יאבאָשע־מיליטער, נאָכשפּירן נאָך די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אף די פראָנט־באצירקן, זיכערן אן אומופהערלעכע אויספירונג און שאַפן א נעץ אעראָדראָמען.

קעדיי זײַן וואָס נעענטער צו די פּאָזיציעס, ווו עס קאָן זיך פאנאנדערפלאקערן די שלאכט, האָט סמושקעוויטש אריבערגעטראָגן זײַן קאָמאנדיר־פּונקט אף דעם בארג כאמאר־דאבא. פון דאָרט האָט מען געזען רונד ארום אף מײַלן די ווײַט. דאָ טאקע האָט זיך אויך געפונען דער קאָמאנדיר־פּונקט פונעם קאָמדיוו געאָרגי קאָנסטאנטינאָוויטש זשוקאָוו, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן אלס קאָמאנדיר פון דעם 57־טן ספּעציעלן קאָרפּוס. אף צו קאָאָרדינירן די אָפּעראַציעס פון דעם סאָוועטישן און מאָנגאָלישן מיליטער איז אהער געקומען דער קאָמאנדארם פון 2־טן ראנג גריגאָרי מיכײַלאָוויטש שטערן, אלס זײַן פארטרעטער אפן געביט פון דער אוויאַציע איז באשטימט געוואָרן סמושקעוויטש.

אין א ראַפּאָרט צו וואָראָשילאָוון האָט סמושקעוויטש געשריבן: „מיר טאָרן ניט וואַרטן, ביז די יאַפּאַנער וועלן ווידער האָבן אן איבערוואָג אין דער צאָל. עס איז נייטיק שוין איצט, בא זייער ערשטן פּרווו צו באנײַען די פּראָוואָקאציעס, דערלאנגען א צעשמעטערנדיקן קלאַפּ".

אין איינעם א זוניקן יון־טאָג זײַנען קאַרעוו פופציק יאַפּאַנישע עראָפּלאַנען ארויסגעשווומען פון די ניט געדיכטע וואָלקנס און זיך באוויזן אף דער מאָנגאָלישער טעריטאָריע. מיטאמאָל, אומדערוואַרט פאר די יאַפּאַנער, האָבן פון אויבן אף זיי זיך ארופגעוואָלגערט אונדזערע פארניכטלער «И-15», פון אונטן און פון פאָרנט האָבן אטאקירט זיי די פארניכטלער «И-16». פאר געציילטע רעגעס זײַנען עטלעכע יאַפּאַנישע עראָפּלאַנען אראָפּגעשאָסן געוואָרן. די איבעריקע האָבן זיך געלאָזט צוריק אף זייער טעריטאָריע.

פאר זעקס טעג — פון 22 ביז דעם 27 יון — האָט דער סוינע פארלוירן 64 עראָפּלאַנען.

דער שרײַבער וולאדימיר סטאַווסקי האָט אין יענע טעג געשריבן:

„...דעם 22 יון איז פאָרגעקומען א לופט־שלאכט, וואָס אזא איז נאָך ניט געוועזן אין דער געשיכטע פון דער אוויאַציע. אונדזערע העלדן האָבן אראָפּגעקלאַפּט 34 יאַפּאַנישע פארניכטלער. דער דאָזיקער ניצאָכן איז א רעזולטאט פון דעם נײַעם גײַסט און פון די נײַע מע־

טאָדן, וועלכע עס האָט געבראַכט מיט זיך די גרופּע דערפאַרענע פּילאָטן־העלדן, בעראָש מיט דעם קאָמקאָר סמושקעוויטשן".

סמושקעוויטשן האָט מען נאָך אַלץ פאַרווערט פליִען. בלויז דעמלט, ווען עס האָבן אָנ־געהויבן אָפּערירן די באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען «СБ», האָט ער געקראָגן אַ מעגלעכקייט זיך אופהייבן אינדערלופטן.

די סאָוועטישע פּילאָטן האָבן אַף לאַנג פאַרגעדענקט דעם יאָמטעוו, וואָס די אָנפירער פון דער מאָנגאָלישער פאָלקס־רעפּובליק האָבן איינגעאָרדנט פאַר זיי דעם 10 אווגוסט 1939. דעם יאָמטעוו האָט מען דורכגעפירט אַף דעם אעראָדראָם פונעם 2־טן פאַרניכטלער־פּאָלק. פון אַלע פּאָלקן האָבן זיך אַהער פאַרזאַמלט די אוויִאַטאָרן, וועלכע האָבן באַזונדערס זיך אויסגע־צייכנט אין די שלאַכטן מיט די יאַפּאַנישע פאַרכאַפּער.

עס איז געקומען דער מאַרשאַל טשאָיבאַלסאַן. עס האָבן אים באַגלייט סמושקעוויטש, פאַר־שטייער פון דער מאָנגאָלישער רעגירונג און פון דער קאָמאַנדשאַפט מיטן סאָוועטיש־מאָנ־גאָלישן מיליטער. טשאָיבאַלסאַן האָט פון טיפן הארצן באַדאַנקט דאָס סאָוועטישע פאָלק פאַר דער באַציִיִטנדיקער ברידערלעכער הילף. „אַ באַזונדערן דאַנק אייַך, כאַוויירים־פּילאָטן, — האָט געזאָגט דער מאַרשאַל, — פאַר דער העלדנמוטיקייט, וועלכע איר וויַיזט ארויס, באַשיצנ־דיק אונדזער היימלאַנד!"

דער מאַרשאַל טשאָיבאַלסאַן און יאַ. וו. סמושקעוויטש צווישן די פּילאָטן — העלדן פון כאַלכין־גאָל

יאָמטעוודיק־דערהויבן האָט געקלונגען דער באַשלוס פונעם פּרעזידיום פונעם קליינעם פאָלקס־כוראַל פון דער מאָנגאָלישער פאָלקס־רעפּובליק וועגן באַלוינען די סאָוועטישע פּי־לאָטן מיט אָרדענס. דער ערשטער אינעם צעטל איז געווען יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש סמוש־קעוויטש. ער איז באַלוינט געוואָרן מיט דעם אָרדען פון דער רויטער שלאַכט־פאָן פון דער מאַדרייגע.

דעם 27 אווגוסט 1939 איז דאָס יאַפּאַנישע מיליטער, וואָס איז אָנגעפאַלן אַף דער מאָנ־גאָלישער פאָלקס־רעפּובליק לעבן כאַלכין־גאָל, גענומען געוואָרן אין אַ קלעם און איז פול־שטענדיק צעגראָמירט געוואָרן.

קאָנסטאַנטין סימאָנאָוו, וועלכער איז אין יענע טעג געווען בא כאַלכין־גאָל אַלס מיליטע־רישער קאָרעספּאָנדענט, האָט פאַרצייכנט אין זיין נאָטיץ־ביכל:

„...ס'איז אָקאָרשט דערהאַלטן געוואָרן דער באַפעל וועגן דעם ניצאָכן, וועגן דער פאַר־טיליקונג פון דער יאַפּאַנישער מיליטערישער גרופּירונג און וועגן די באַלוינונגען. ס'איז גע־שטאַנען אַ פריילעכער גערודער, אַלע האָבן גערעדט, בא אַלעמען איז געווען דער פריידפולער געפּיל פונעם דערפאָלג. אַלע האָבן געשפּירט די וויכטיקייט פונעם מאָמענט.

אין צענטער פון א גרופּע איז געשטאַנען שטערן, אין דער אוניפאָרם פון א קאָמאַנדאַרם. ער איז געווען אונטערגעצויגן, אָפּציִעל און האָט געשײַנט. אױף זײַן מונדיר זײַנען געהאַנגען א סאַך אָרדענס, עס האָבן געבלישטשעט אױף אים און געקנאַקט די נײַע רימענס, די גוט אָנגעוועקסלטע שטיוול האָבן געגלאַנצט.

און ניט ווײַט פון אים איז געשטאַנען א צווייטער מענטש — דער קאָמקאָר סמושקעוויטש. מיט זײַן גאַנצן אויסזען איז ער געווען דער היפּעך צו שטערנען. ער איז געשטאַנען מיט אָן אַנטבלויזטן, געקרײַזלטן שווארצן קאָפּ, דאָס פּאָנעם — אָפּגעצויגין און פאַרזאָרגט, אָנגעטאָן אין א גרויער קאָווערקאָטענער גימנאַסטיאָרקע. ביידע הענט האָט ער געהאַלטן פאַרוקט אין דעם נידעריק אַרומגעגאַרטלטן רימען, ער האָט געטראָגן לאַנגע הויזן, אויך פון קאָווערקאָט, און סאַנדאַלן אױף די הוילע פיס... די פיס זײַנען געהאַט געווען בא אים איבערגעבראָכן, און ער האָט ניט געקאָנט טראָגן קיין שטיוול".

מאָסקווע האָט פײַערלעך באַגעגנט די העלדן פון כאַלכין־גאָל. אױפן אַעראָדראָם איז געקו־מען דער פּאָלקסקאָמיסאַר פאַר לאַנדשוץ, מיטגלידער פון דער רעגירונג, די העכסטע קאָ־מאַנדשאַפט פון דער רויטער אַרמיי.

דער קאָמקאָר סמושקעוויטש ראַפּאָרטירט דעם מאַרשאַל וואָראָשילאָוון וועגן דעם, אַז די יאַפּאַנישע אַרמיי, וועלכע איז אָנגעפאַלן אױף דער מאָנגאָלישער פאָלקס־רעפּובליק, איז פול־שטענדיק צעגראָמירט, אַז די גרופּע פּילאָטן, מיט וועלכע ער האָט אָנגעפירט, האָט זיך אומ־געקערט און איז גרייט אויסצופילן א באַליביקע פאַרגעבונג פון דער רעגירונג. קלימענט יעפרעמאָוויטש האָט אַרומגענומען סמושקעוויטשן. א ווײַז געטאָן אױף דער פּרוי און טאָכטער פונעם העלד, האָט ער זיך אָנגערופן צו די בײַוועזנדע:

— זאָלן זיי די ערשטע באַגעגענען דעם מאַן און פאָטער. סײַ ער און סײַ זיי האָבן עס פאַרדינט.

„איך האָב צוערשט ניט באַמערקט, — דערציילט באַסיע סאָלאָמאָנאָוונע, — אַז אַרויס־גייענדיק פונעם אַעראָפּלאַן, האָט יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש אונטערגעהונקען. נאָר ווען כ'האָב דערזען, ווי איין פוס איז בא אים פאַרבאַנדאַזשירט און דער סאַנדאַל איז צו אים צוגעבונדן, האָב איך א צעטומלטע געפרעגט:

— וואָס האָט פּאַסירט, דו ביסט פאַרוווּנדעט?

ער האָט שמייכלענדיק געענטפערט:

— ניין, דאָס האָבן די מאָסקיטן מיך צעביסן, כ'האָב א ביסל צעקראַצט...

מער האָבן מיר פון אים זיך טאָקע גאָרנישט ניט־דערוווּסט. עס האָבן אים אַרומגערינגלט די מיטגלידער פון דער רעגירונג, מיליטערלײַט. זיי האָבן אים באַגריסט מיטן ניצאָכן. וואָראָ־שילאָוו האָט אַלעמען פאַרבעטן אין די אויטאָמאַשינעס. ווענדנדיק זיך צו מיר, האָט ער געזאָגט:

— זײַט מויכל, באַסיע סאָלאָמאָנאָוונע, נאָר מיר וועלן אים צונעמען בא אײַך אױף א פּאָר שאָ. עס וואַרט אױף אים די רעגירונג".

...אין זאַל זײַנען אַרײַנגעקומען י. וו. סטאַלין, וו. מ. מאָלאָטאָוו, מ. אי. קאַלינין. זיי האָבן איניינעם מיט אַלע בײַוועזנדע אָפּלאָדירט די העלדן פון כאַלכין־גאָל.

דאָס וואָרט האָט באַקומען סמושקעוויטש. ער האָט גענוי דערציילט וועגן דער ראָל פון דער אוויִאַציע אינעם ניצאָכן איבער די יאַפּאַנער פאַרכאַפּער.

מיט באַגײַסטערטע אָוואַציעס האָט דער אוילעם באַגעגנט קאַלינינס רעפּליקע:

— מיר וואַרטן שוין לאַנג, אַז די העלדישע פּילאָטן זאָלן זיך אומקערן קיין מאָסקווע, קעדיי אָפּמערקן זייערע העלדנטאַטן מיט דעם גאָלדענעם שטערן, און אייניקע... אויך מיט דעם צווייטן גאָלדענעם שטערן.

ווען אין זאַל איז ווידער שטיל געוואָרן, האָט סמושקעוויטש דערציילט וועגן דעם מאַסן־הערא̇יִזם פון אונדזערע פּילאָטן.

— אין די שלאַכטן בא כאַלכין־גאָל, — האָט צום שלוס געזאָגט סמושקעוויטש, — האָט אונדזער אוויִאַציע אָנגעזאַמלט א באַדײַטנדיקע קאַמפּס־דערפאַרונג, וועלכע וועט אונדז גוט צוניץ געקומען.

ער האָט ניט אויסגעמיטן צו דערציילן אויך וועגן די שוואַכע זײַטן פון אונדזער אוויִאַציע אין יענע שלאַכט־אָפּעראַציעס.

— מיר וועלן אױף דעם ווענדן א באַזונדערע אופמערקזאַמקײַט. מיר וועלן די דאָזיקע פּראָגעס באַטראַכטן איניינעם מיט די טוער פון אונדזער אוויִאַציע־אינדוסטריע, מיט די פּי־לאָטן, וועלכע האָבן שוין א גענוגנדיקע שלאַכט־דערפאַרונג, מיט די געלערנטע און אוויִאַציע־

נאַטשאַלניקעס, — האָט דערקלערט סמושקעוויטש, — איצט איז פֿאַר אונדז מער ווי ווען־עס־איז קלאָר, וואָס מיר האָבן צו טאָן און וויאַזוי מיר דאַרפֿן אַרבעטן.

פֿון זײַן נאָמען גופֿא און אין נאָמען פֿון די בײַוועזנדע פּילאָטן האָט סמושקעוויטש זיך געווענדט צו דער רעגירונג מיט אַ באַקאָשע, מ׳זאָל זיי טייקעף שיקן אַהין, וווּ עס גייען די שלאַכטן צווישן דײַטשלאַנד און פּוילן, כּדי צו באַשיצן די באַפֿעלקערונג פֿון מערב־אוקראַיִנע און מערב־ווײַסרוסלאַנד פֿון די אָנגרײַפֿנדיקע היטלעראָווצעס.

— קיין אַנדער זאַך האָבן מיר פֿון אײַך ניט געוואַרט, — האָט געזאָגט וואָראָשילאָוו, — און אַרויספֿליִען וועט אײַך אויסקומען ניט שפּעטער ווי מאָרגן. אַזוי, אַז די סאַכאַקלען פֿון די שלאַכטן באַ כאַלכין־גאָל וועלן מיר אונטערפֿירן נאָך אײַער, איך האָף, גיכן אומקערן זיך.

— דעמלט וועט שוין אויך מיר אויסקומען זיך באַגעגענען מיט אײַך, — האָט מיט אַ שמייכל געזאָגט מיכאַיִל איוואַנאָוויטש קאַלינין, — כּדי דערגאַנצן די אוקאַזן פֿונעם פּרעזידיום פֿון אויבער־סאָוועט פֿון פֿסס״ר מיט נײַע נעמען.

דער באַנאַכטיקער סענטיאַבער־הימל איז געווען טיף און לויטער. אַרויסגייענדיק פֿונעם קרעמל־פּאַלאַץ אויף דער גאַס, האָבן די פּילאָטן באַוווּנדערט די שיינקייט פֿונעם קרעמל. אַלע האָבן געשוויגן.

— וואָס מאַכט עפּעס דײַן קאָפּ? — האָט פּלוצעם צעבוויטעט די שטילקייט גריצעווע.

— דעם קאָפּ בין איך דיר מוחל, — האָט געענטפֿערט סמושקעוויטש, — נאָר צי פֿאַרמאָג איך די פֿיס — ווייס איך ניט, יעדנפֿאַלס — איך פֿיל זיי ניט...

דערהערט די דאָזיקע ווערטער, האָבן זײַנע פֿרײַנט אים גענומען אונטער די אָרעמס, עטוואָס אונטערגעהויבן און אַוועקגעטראָגן צו דעם אויטאָמאָביל.

באַסיע סאָלאָמאָנאָוונע האָט זיך אַפֿילו ניט צוגעלייגט, געוואַרט אויפֿן מאַן. שוין גאַנצע פֿיר כאַדאָשים, אַז זיי זײַנען צעשיידט. זייער פּופּצניאָריקע טאָכטער ראָזע איז אויך געווען וואַך.

„מיר האָבן ניט געקאָנט צו זאַט זיך אָנריידן, — דערציילט באַסיע סאָלאָמאָנאָוונע, — ראָזע איז אויף קיין רגע פֿון אים ניט אָפּגעטראָטן. אַלץ פֿאַנאַנדערגעפֿרעגט וועגן דער מילכאָמע.

— און איצט, „פּראָפֿעסאָר“ מײַנער, — האָט יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש זיך געווענדט צו מיר, — כאַפּ אַ קוק אויף מײַן פֿוס.

איך האָב אַראָפּגענומען דעם באַנדאַזש. דער פֿוס איז געווען אינגאַנצן געשוואָלן, ס׳האָט זיך צעיאַטערט די אַלטע וווּנד.

מיכאַיִל אָסיפּאָוויטש האָט זיך ניט געכידעשט, וואָס איך קלינג צו אים אינמיטן דער נאַכט. „איך וואַרט שוין פֿון לאַנג אויף מײַן אומרויִקן פּאַציִענט. איך בין גרייט טייקעף אַרויס־פֿאָרן צו אײַך און באַטראַכטן אים“, — האָט ער מיר געענטפֿערט.

יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש האָט מיך אַ ביסל געמוסערט, האַלעמײַ איך באַאומרויִק דעם פּראָפֿעסאָר אין אַזאַ שפּעטער צײַט. ער האָט גענומען באַ מיר דאָס טעלעפֿאָן־טרײַבל, זיך אַנטשולדיקט און געזאָגט מיכאַיִל אָסיפּאָוויטשן, אַז זיי וועלן זיך טרעפֿן אינדערפֿרי.

דערווײַל האָט דער פּראָפֿעסאָר געייצעט מאַכן אַ מאַרגאַנצאָווע וואַנע און צוריק פֿאַר־באַנדאַזשירן דעם פֿוס.

געשלאָפֿן איז יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש ווייניק. אַזייגער זעקס אינדערפֿרי האָב איך דער־הערט זײַן מונטערע שטים:

— נו, באַסינקע, גרייט צו דעם טשעמאָדאַן! איך פֿלי אַוועק.

איך האָב געפּרוּווט פּראָטעסטירן, נאָר ס׳האָט מיר דען עפּעס געהאָלפֿן? ער האָט בלויז געשמייכלט, זיך אויסגעצויגן פֿאַר מיר, אָפּגעגעבן „טשעסט“, שטיל זיך געזעגנט מיט דער טאָכטער, וועלכע איז נאָך געשלאָפֿן, און איז אַוועקגעפֿאָרן“.

מ׳האָט זיך אײַנגעטיילט אין צוויי גרופּעס. איין גרופּע איז אַרויסגעפֿאָרן קיין מינסק, די צווייטע, אין וועלכער ס׳איז געווען סמושקעוויטש, — קיין קיִעוו.

אין יענע טעג האָט דער שטאַב פֿונעם אוקראַיִנישן מיליטער־קרײַז, בעראָש מיטן קאָ־מאַנדאַרם פֿון I ראַנג ס. ק. טימאָשענקאָ, אונטערגעפֿירט די סאַכאַקלען פֿון די קריגס־מאַ־נעוורען, וואָס זײַנען פֿאָרגעקומען אין די בײַגרענעץ־ראַיאָנען.

דער קאָמאַנדאַרם האָט באַקענט סמושקעוויטשן מיט דער סיטואַציע אין פּוילן. די דײַטשן האָבן שוין געהאַט פֿאַרכאַפּט דעם גרעסטן טייל פֿון דער פּוילישער טעריטאָריע. די פּוילישע רעגירונג און די אַרמיי זײַנען ניט געווען אימשטאַנד אָפּצושטעלן דאָס פֿאַשיסטישע כאַיִל, וואָס האָט, ווי אַ לאַווינע, זיך גערוקט אויף מיזרעך. וועלכע גאַראַנטיעס זײַנען געווען, אַז

פאַרכאַפּנדיק פּוילן, וועלן די דײַטשישע גענעראַלן, פאַרשיקערטע פון די לײַכטע ניצחונות, ניט אַ רוק טאָן דאָס מיליטער ווײַטער? אַזעלכע גאַראַנטיעס זײַנען ניט געווען.

דעריבער איז פּאַר סמושקעוויטשן, אַלס דעם פאַרטרעטער פונעם נאַטשאַלניק פון די מיליטערישע לופט־קויכעס פון לאַנד, געשטאַנען די אויפגאַבע איינינעם מיט אַ גרופּע דערפאַרענע פּילאָטן דורכקאָנטראָלירן די שלאַכטגרייטקייט פון די אַוויאַציע־איינהייטן, אויסקלאָרן די קויכעס־פאַרהעלטענישן פון די צדדים, וואָס פירן דעם קריג, און אָנעמען די נייטיקע מיטלען, וואָס די אומשטענדן וועלן דיקטירן.

דעם זעלבן טאָג איז סמושקעוויטש מיט זײַנע שלאַכט־כאַווירים אַרויסגעפלויגן אויף מײַרעוו. אויפן וועג צו דער גרענעץ האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אין פּראָסקוראָוו.

אײַנדערפרי — ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן — זײַנען אין צימער, וווּ סמושקעוויטש האָט גענעכטיקט, אַרײַנגעקומען באַסיע סאָלאָמאָנאָוונע און דער פּראָפעסאָר פרידליאַנד.

זיך דערוווּסט, אין וואָס פּאַר אַ ריכטונג עס איז אַרויסגעפלויגן איר מאַן, איז באַסיע סאָלאָמאָנאָוונע אָוועקגעלאָפן צום פּראָפעסאָר.

— דאָס, וואָס ער דערציילט אײַך, אַז עס האָבן אים, קלוימערשט, צעביסן די מאָסקיטן, איז אַ מײַסעלע פאַר מעלופּם־קינדער, — האָט זיך געבייזערט מיכאַיל אָסיפּאָוויטש. — אײַנדעריעמעסן בלאָנדזשעט אין איין פוס אַרום אַ שפּליטער פון אַ ביינדל און זוכט אַ וועג אויף אַרויסצוקריכן, דאָס קאָן זיך פאַרענדיקן מיט אַ גאַנגרענע. איר מוזט אומבאַדינגט פּועלן, איך זאָל נאָך הײַנט באַטראַכטן זײַן פוס.

— איך האָב גלײַך אָנגעקלונגען צו כמעלניצקין, — דערציילט באַסיע סאָלאָמאָנאָוונע, — און באַקומען אַ דערלויבעניש אַרויספליִען מיטן פּראָפעסאָר קיין קיִעוו. יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטשן האָבן מיר דעריאָגט אין פּראָסקוראָוו. כ'האָב געטראָפן דעם מאַן באַ דעם טיש. ער איז געשטאַנען אויף איין פוס פאַרנייגט איבער אַ מאַפּע. דערזען אונדז, האָט ער זיך צעשמייכלט: „געקומען טאַקע". — ער האָט אויסגעשטרעקט ביידע הענט און איינצײַטיק זיך באַגריסט מיט מיר און מיט דעם פּראָפעסאָר.

מיכאַיל אָסיפּאָוויטש האָט גלײַך גענומען באַטראַכטן דעם קראַנקן. אַראָפּגענומען דעם באַנדאַזש פונעם פוס, האָט ער מיט פאַרוווּרף אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— וואָס שאָקלט איר אַזוי מיטן קאָפּ? — האָט אַ פרעג געטאָן יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש. — קיין שרעקלעכס האָט דאָך ניט פּאַסירט?

— קיין „שרעקלעכס", פאַרשטייט זיך, ניט, — האָט רויִק געענטפערט דער פּראָפעסאָר, — אויב ניט רעכענען, אַז נאָך אַ פּאָר טעג, און איר וואָלט געבליבן מיט איין פוס.

מיכאַיל אָסיפּאָוויטש האָט קאַטעגאָריש געפאָדערט, ס'זאָלן געשאַפן ווערן די נייטיקע באַדינגונגען, אַז דער קראַנקער זאָל זיך קענען היילן.

אָבער ווי האָט מען געקאָנט קלערן וועגן דעם, אַז אַפּדערנאַכט האָט סמושקעוויטש שוין געהאַט דעם באַפעל פונעם אוקראַיִנישן פראָנט: „דעם 17 סעפּטעמבער איבערגיין די גרענעץ פון דער פּוילישער מעלוכע און באַשיצן דאָס לעבן און דאָס פאַרמעגן פון דער באַפעלקערונג פון מײַרעוו־אוקראַיִנע און מײַרעוו־ווײַסרוסלאַנד".

צוועלף טעג האָט געדויערט דער באַפרײַונג־מאַרש. אונדזערע גרענעצן אויף מײַרעוו האָבן זיך דערווײַטערט אויף הונדערטער קילאָמעטער.

סמושקעוויטש האָט זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם אָפּרו, וואָס מ'האָט אים פאָרגעלייגט, און איז צוגעטראָטן צו די איניאָנים, וועלכע האָבן באַדאַרפט דרינגענדיק דערלייזט ווערן.

דעם 17 נאָיאַבער 1939 איז יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש סמושקעוויטש באַלוינט געוואָרן מיט דעם צווייטן גאָלדענעם שטערן. ער איז געווען דער דריטער אין אונדזער לאַנד, וועמען די רעגירונג האָט צוגעטיילט דעם טיטל צוויי מאָל העלד פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

דעם זעלבן טאָג איז געווען פאַרעפנטלעכט אַן אוקאַז וועגן באַלוינען מיט אָרדענס אַ ריי מיליטער־טיילן פון דער רויטער אַרמיי, דערין אַלע טיילן, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן באַ כאַלכין־גאָל.

אַ גרויסע גרופּע שלאַכטלײַט האָט געקראָגן דעם טיטל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד. אויף דער ערשטער זײַט פון דער צײַטונג „פּראַוודאַ" זײַנען געווען אָפּגעדרוקט די פּאָרטרעטן פון דעם צוויי מאָל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש סמושקעוויטש און פון די צוועלף נײַע העלדן, דערין נײַן פּילאָטן: נ. וו. גרינעוו, ס. פּ. דאַנילאָוו, נ. פּ. זשערדיעוו, אַ. אַ. זײַצעוו, ב. אַ. סמירנאָוו און אַנדערע.

און אין צוויי טעג אַרום איז סמושקעוויטש באַשטימט געוואָרן אַלס שעף פון די מיליטערישע לופט־קויכעס פון דער רויטער אַרמיי.

אין יאנואר 1940 איז פֿאָלקסקאָמיסאר פון דער אוויִאציע־אינדוסטריע געוואָרן א. אי. שאַרוכין. זײַנע דערמאָנונגען וועגן סמושקעוויטשן זײַנען העכסט אינטערעסאנט:

„אלס פֿאָלקסקאָמיסאר פון דער אוויִאציע־אינדוסטריע בין איך באשטימט געוואָרן אין א מאָמענט, ווען די אינטערנאציִאָנאלע לאגע האָט זיך שטארק פארשארפט, און ווען די פּראָגראם פון ארויסלאָזן נײַע עראָפּלאנען האָט זיך געפונען אין א קריטישן צושטאנד. ס׳איז געווען קלאָר, אז בלויז אין ענגן קאָנטאקט מיט דער הויפּט־פארוואלטונג פון די מיליטערישע לופט־קויכעס איז מעגלעך צו דערלייזן די אויפגאבעס, וואָס שטייען פאר דער אוויִאציע־אינדוסטריע. דעריבער האָב איך געהאלטן פאר נייטיק גלײַך פון אָנהייב פערזענלעך זיך באקענען מיט יאקאָוו וולאדימיראָוויטש סמושקעוויטשן.

נאָך אין דער אקאדעמיע האָב איך געהערט, אז סמושקעוויטש איז איינער פון די בעסטע אוויִאציע־קאָמאנדירן. נאָכן 1937 איז ער מיר שוין געווען באוווּסט אלס דער אָנפירער מיט די שלאכט־אָפּעראציעס פון דער אוויִאציע אין שפּאניע. נאָך די געשעענישן בא כאלכין־גאָל איז סמושקעוויטש געוואָרן איינער פון די פּאָפּולערסטע מענטשן אין לאנד, און ווען ער האָט באקומען דעם טיטל צוויי מאָל העלד פון סאָוועטנפארבאנד, איז זײַן נאָמען נאָך מער געוואָרן פּאָפּולער.

ווען מיר זײַנען מיט א. ס. יאקאָוולעוון — מײַן פארטרעטער אפן געביט פון קאָנסטרויִרונג — ארײַנגעקומען צו סמושקעוויטשן אין קאבינעט, האָבן מיר דאָרט דערזען שטיין א בעטל. איך האָב זיך געכידעשט, ווי קומט אהער א בעטל. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אז דאָס האָבן די דאָקטוירים געפאָדערט, מ׳זאָל עס אוועקשטעלן.

סמושקעוויטש האָט אונדז ווארעם אויפגענומען. גלײַך זיך פארינטערעסירט, צי האָב איך זיך שוין אָפּגעפּארטיקט מיטן איבערנעמען די איניאָנים בא מײַן פאָרגייער. איך האָב אים גענוי דערציילט וועגן דער לאגע אינעם פֿאָלקסקאָמיסאריאט און אף באזונדערע אוויִאציע־זאוואָדן.

דערנאָך האָט ער מיט אינטערעס אויסגעהערט אונדזער אינפֿאָרמאציע וועגן דעם צושטאנד פון דער אוויִאציע־אינדוסטריע אין דײַטשלאנד.

דער ברייטער קרײַז פראגעס, וואָס מיר האָבן אינאיינעם באטראכט בייס אָט דער ערשטער באגעגעניש, האָט געשאפן בא מיר א זיכערקײַט, אז מיט סמושקעוויטשן וועט אונדז זײַן לײַכט צו ארבעטן, און אז די אויפגאבעס, וואָס עס האָט געשטעלט פאר אונדז די פּארטיי, וועלן מיר אימשטאנד זײַן אויסצופילן.

און ווירקלעך, די דאָזיקע אויפגאבעס זײַנען, אין גרונט, אויסגעפילט געוואָרן. באזירנדיק זיך אף דער שלאכט־דערפארונג פון די סאָוועטישע פּילאָטן און אף דער מיינונג פון די ספּעציִאליסטן, האָט דער צק פון דער פּארטיי געפאָדערט פון אונדז קאָנסטרויִרן נײַע טיפּן עראָפּלאנען מיט פיל העכערע עראָדינאמישע מעגלעכקײַטן, און וואָס גיכער אָנהייבן זיי ארויסלאָזן.

די קאָנסטרוקטאָרישע ביוראָען האָבן אזעלכע עראָפּלאנען געשאפן. דאָס איז געווען דער פארניכטלער «ЯК-1», וועלכן עס האָט קאָנסטרוירט א. ס. יאקאָוולעוו, דער «ЛАГГ-3», וואָס עס האָבן אינאיינעם געשאפן דרײַ קאָנסטרוקטאָרן — לאוואָטשקין, גאָרבונאָוו און גודקאָוו. די עראָפּלאנען «МиГ-1» און «МиГ-3» פון א. אי. מיקאָיאנס און מ. מ. גורעוויטשעס קאָנסטרוקציע, פּעטליאקאָווס באָמבארדיר־עראָפּלאנען, «Пе-2» און «ТБ-7», אילויושינס שטורמאָוויק «ИЛ-2». די מערהײַט פון אָט די נײַ־געשאפענע סאָוועטישע קריגס־עראָפּלאנען זײַנען נישט נאָר ניט געווען הינטערשטעליק לעגאבע די זעלבע טיפּן מאשינעס, וואָס עס האָט פארמאָגט דאָס היטלער־דײַטשלאנד, נאָר זײַנען אין געוויסע פּראָטים געשטאנען העכער פון זיי.

קימאט יעדן טאָג פלעגט סמושקעוויטש זיך טרעפן מיט די קאָנסטרוקטאָרן, באזוכן די זאוואָדן און אויספּרווו־סטאנציעס. אונדזערע באגעגענישן זײַנען געווען גאנץ אָפטע און לאכלוטן פרײַ פון וועלכע־עס־איז פֿאָרמאליטעטן. אָפטער פון אלץ האָבן מיר זיך געטראָפן בייס די אויספּרווון פון די עראָפּלאנען, בייס די שמועסן מיט די פּילאָטן, אינזשעניערן און קאָנסטרוקטאָרן, וועלכע האָבן דורכגעפירט די אויספּרווון. ס׳האָט געהאט א באזונדער ווערט דאָס, וואָס דער שעף פון די מיליטערישע לופט־קויכעס איז געווען אן אויסגעצייכנטער פּילאָט, האָט אף אלץ געקוקט מיט אָפענע אויגן, געוווּסט דעם כאראקטער, די באזונדערקײַטן, און אף וואָס עס איז פייִק יעדער פּילאָט־אויספּרווולער.

אין יענער צײַט איז יאקאָוו וולאדימיראָוויטש ניט געווען אימשטאנד צו פליִען — כאָטש די האָפענונג האָט ער ניט אָנגעווירן, — אָבער ווען ער האָט, נאָך אן אויספּרווו־פלוג, געשמועסט מיטן פּילאָט, האָט ער ריכטיק אויפגעכאפּט און טייקעף אָפּגעשאצט דעם צושטאנד

פונעם אעראָפּלאַן. איך, לעמאָשל, ניט זײַענדיק קיין פּילאָט, האָב די דאָזיקע פֿײַיקייט ניט געהאַט.

פאַר יאַקאָוו װלאַדימיראָוויטשן איז דער אעראָדראָם, די פּרוּוו־סטאַנציע געווען זײַן סטי־כיע, ער האָט זיך דאָ געפֿילט אַ סך בעסער, ווי אין קאַבינעט. ער איז געווען בעעמעס אומ־דערמידלעך און אַף זײַן געזיכט איז ניט געווען קיין שפּור פון די ליידן, וואָס האָבן אים געפּײַניקט. מיר איז געווען באַוווּסט, אַז אומקערנדיק זיך אהיים, האָט ער באַנאַכט ניט געקענט שלאָפן, אַזוי גרויס איז געווען דער ווייטעק אין די צעקאַליעטשעטע פיס.

פון אָנהייב פרילינג ביז הארבסט 1940 האָבן מיר זיך געזען מיט יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטשן קימאַט טאָגטעגלעך, און אַלע אונדזערע „זיצונגען", ווי כ'האָב שוין געזאָגט, זײַנען פאַרגע־קומען אַף די זאַוואָדן, אעראָדראָמען און אין די קאָנסטרוקטאָרישע ביוראָען, און אָונטערצײַט פלעגן מיר אונדזערע אויספירן וועגן די אויספּרוּוון פון די נײַע מאַשינעס מיטיילן דעם צק פון דער פאַרטיי און דער רעגירונג.

אגעוו, אייניקע מילכאָמע־היסטאָריקער זײַנען שלעכט אינפאָרמירט, מיט וואָס עס האָט זיך באַשעפטיקט די אינדוסטריע פונעם לאַנד אין די ערעוומילכאָמע־יאָרן. באַהויפּטנדיק מיט רעכט, אַז די נײַע אעראָפּלאַנען זײַנען בא אונדז ארויסגעלאָזט געוואָרן אין אַ באַדײַטנדיקער צאָל ערשט אין דער צווייטער העלפט פון 1942, באַגייען זיי אַ טאָעס, מיינענדיק, אַז ערשט דעמלט, אין 1942, האָט מען די דאָזיקע אעראָפּלאַנען אָנגעהויבן אויסאַרבעטן. ניין, מיר וואָלטן זיי אין 1942 יאָר ניט געהאַט, ווען מיר הייבן זיי ניט אָן צו פּראָדוצירן אין 1940 און אין דער ערשטער העלפט 1941, דה. פאַר דער מילכאָמע".

אַף זײַן הויכן אמט איז סמושקעוויטש פאַרבליבן דער זעלבער גוטהאַרציקער פילבאַרער מענטש. יעדן איינציקן, וואָס האָט עס פאַרדינט, איז ער גרייט געווען העלפן מיט וואָס נאָר מע קאָן. ווען ס'איז אומגעקומען דער בארימטער פּילאָט אַנאַטאָלי סעראָוו, האָט סמושקעוויטש אַרומגערינגלט זײַן מישפּאָכע מיט דער גרעסטער זאָרג. זיך דערוווּסט, אַז ס'איז שווער־קראַנק דער העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד ב. א. סמירנאָוו, האָט סמושקעוויטש ארויסגערופן צו אים די בעסטע דאָקטוירים. זיי זײַנען אָבער געקומען צום אויספיר, אַז די לאַגע פונעם קראַנקן איז האָפענונגסלאָז. דערוווּסט זיך, אַז אין לענינגראַד איז געווען אַ פאַל, ווען מע האָט פון אַזאַ קרענק אויסגעהיילט, שיקט סמושקעוויטש אהין זײַן אַדיוטאַנט מיט אַ שליכעס — אָפּזוכן יענעם ספּעציאַליסט און אים אַראָפּברענגען צום קראַנקן.

דער גענעראַל־מאַיאָר פון אוויאַציע באָריס אַלעקסאַנדראָוויטש סמירנאָוו האָט דאָס פאַר־געדענקט אַפן גאַנצן לעבן.

זײַענדיק פילבאַר צו אַנדערע, איז יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש קימאַט געווען גלײַכגילטיק צו זײַנע פּערזענלעכע באַדערפעניש. מיר האָבן שוין דערמאָנט וועגן אָט דעם שטריך פון זײַן כאַראַקטער.

סמושקעוויטשעס טאָכטער ראָזע יאַקאָוולעוונע — אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, אַרבעט אין איינעם פון די פאַרבאַנדישע מיניסטעריומס — האָט בא אַ געלעגנהײַט, דערמאָנענדיק דעם פאָטער, דערציילט דעם אַוטאָר וועגן אַן עפּיזאָד, וואָס האָט זיך איר נאָך פון די קינדער־יאָרן פאַרקריצט אין זיקאָרן.

„איינמאָל, — דערציילט ראָזע יאַקאָוולעוונע, — ווען מיר איז געלונגען אַף אַ רעגע צו פאַרהאַלטן דעם טאַטן און אויסדערציילן אים וועגן מײַנע קינדערשע פריידן און דײַגעס, האָב איך געפרעגט בא אים:

— טאַטע, וועסט מיר דערלויבן מאָרגן צופאָרן אין שול אַף דײַן אויטאָמאָביל?

דעם טאַטנס בליק האָט אַזוי ווי זיך אַ גליטש געטאָן פאַרבײַ מיר, דערנאָך האָט ער מיך גענומען פאַר די אַקסל, צוגעצויגן צו זיך און מיט אַ פאָרוווּרף אין דער שטים געפרעגט:

— צוליב וואָס?

— ס'איז שטאַרק קאַלט, — האָב איך געזאָגט, — און ס'איז ווײַט...

— וויפל כעוורע איז דאָ אין אײַער קלאַס, טאָכטערקע מײַנע? — האָט געפרעגט דער טאַטע.

— פערציק.

— און אַלע וועלן זיי מאָרגן קומען אין שול אַף אויטאָמאָבילן?

— וואָס רעדסטו אַזוינס, טאַטע!

— וויאַזוי זשע וועלן זיי זיך דערקלײַבן אהין אין אַזאַ קעלט?

— פאַרשיידן, — האָב איך געענטפערט. — ווער אַפן טראַמוויי, ווער אַפן אויטאָבוס און ווער צופוס.

— זעסטו שוין, ניט אַלע קינדער קאָנען אַפילע בעטן בא זייערע עלטערן דאָס, וואָס דו בעטסט. איך רעד שוין ניט וועגן אויטאָמאָבילן. ניט אַלע פאַרמאָגן דאָס, וואָס דו פאַרמאָגסט.

6*

יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש מיט זײַן טאָכטער ראָזע

א סאך קינדער האָבן נאָך ניט אַזעלכע גוטע פּוישטעלעך און אַזאַ וואַרעם מאַנטעלע, ווי דו. אַזוי, צי ניט?

— אַזוי, — האָב איך געזאָגט.

— ווי:אַזוי זשע וועלן די כעוורע קוקן אַף דעם, וואָס דו ביסט ניט נאָר בעסער באַקליידט און באַשוכט, נאָר דו קומסט נאָך צו פאָרן אין שול אַף דעם טאַטנס מאַשין. עמעצער וועט דיר מעקאַנע זײַן, עמעצער וועט זיך דערפילן באַליידיקט, און דאָס איז ניט גוט. פאַרגעדענק, טאָכטערקע: עס קאָנען זײַן קאָלערליי אַמטן, נאָר אַלע סאָוועטישע מענטשן זײַנען גלײַך צווישן זיך. ווער שמועסט נאָך — קינדער...

דער פאָטער האָט א ווײַלע געשוויגן, וועגן עפּעס געטראַכט, און דערנאָך פאַרגעזעצט:

— און צוריקגערעדט, פאַרמאָג איך דאָך ניט קיין מאַשין. די, וואָס פירט מיך אָפּ אַף דער אַרבעט, איז ניט מײַנע, נאָר א מעלוכישע, און אַרומפאָרן אַף איר קאָן איך בלויז צוליב מעלוכישע איניאָנים, נאָר ניט צוליב פּערזענלעכע. אויסטיילן זיך צווישן דײַנע כאַווײרים האָסטו ניט מיט וואָס און מע דאַרף דאָס ניט. פאַרגעדענק עס. לערן זיך, אַלץ אין לעבן דאַרפסטו זיך דערשלאָגן מיט אייגענער מי און פלײַס. פאַרגעס ניט: דו ביסט פּונקט אַזאַ, ווי אַלע דײַנע כאַווײרים, — א טאָכטער פון א סאָוועטישן מענטשן. און איצט, ראָזשעטשקע, זײַ מיר מויכל, איך מוז שוין גיין.

דער טאַטע האָט מיך לײַכט א טרייסל געטאָן פאַר די אַקסל, צוגעדריקט צו זיך, אָפּגעלאָזט, א קוק געטאָן אַפן זייגער, גייענדיק אָנגעטאָן אַף זיך די שינעל, און איז אַרויס פון שטוב".

1940 סמושקעוויטש האָט בעפיירעש געהאַט בעדייע גלײַך מיט די ערשטע עסקאַדריליעס, וועלכע זײַנען אַרויסגעפלויגן צו באַשיצן די גרענעצן פון די בײַבאַלטישע רעפּובליקן, צופלי:ען קיין ליטע, ווו טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער קוקן אַרויס אַף אים שוין אַזויפיל יאָרן. ער האָט אָבער געמוזט די דאָזיקע באַגעגעניש אָפּלייגן. די געשעענישן אַף דער סאָוועטיש־רומענישער גרענעץ האָבן געפאָדערט, ער זאָל דרינגענדיק אַרויספלי:ען אַהין.

ענדלעך איז געקומען די צײַט, ווען סמושקעוויטש האָט זיך געקאָנט פאַרגינען אַראָפּכאַפּן קיין ראָקישקיס.

„ווען מע האָט מיך אַרויסגערופן אין שוץ־קאָמיסאַריאַט, — דערציילט דער גענעראַל־מאַיאָר מאַצייאוסקאַס, — און געזאָגט, אַז לויט דער אָנווײַזונג פונעם פאָלקסקאָמיסאַר ס. ק. טימאָשענקאָ בין איך באַופטראָגט צו באַגלייטן דעם שעף פון די מיליטערישע לופט־קויכעס יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש סמושקעוויטשן אין די בײַבאַלטישע רעפּובליקן, האָט עס מיך שטאַרק דערפרייט. די בײַבאַלטיק איז מײַן היים, ווו איך בין ניט געווען זינט דעם יאָר 1919.

און אָט בין איך אַפן אַעראָדראָם. אונטערהינקענדיק איז צוגעגאַנגען סמושקעוויטש — א הויכער, ברייטפּלייציקער, מיט א געדיכטער קוטשמע טונקעלע האָר און מיט לויכטנדיקע קלוגע אויגן.

אײַנײנעם מיט סמושקעוויטשן איז געפלויגן א גרויסע גרופּע אַוויאַטאָרן. צווישן זיי — די העלדן פון סאָוועטנפאַרבאַנד לאַקייעוו, שעווטשענקאָ און ריטשאַגאָוו.

ווען מיר זײַנען אַריבערגעפלויגן די מעלוכע־גרענעץ, האָט יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש

דאָס שטיבעלע אין ראַקישקיס, וווּ עס האָבן גע־
לעבט סמושקעוויטשעס אייגענע

פאַרנומען דאָס אָרט פונעם צווייטן פּילאָט, פאַ־
נאַנדערגעוויקלט די מאַפּע און געזאָגט צום
שטורמאַן:

— אַף ראַקישקיס!

דערזען מײַן פרעגנדיקן בליק, האָט סמוש־
קעוויטש אַ זאָג געטאָן:

— ראַקישקיס איז מײַן היימשטאָט.

— און אויך מײַנע!

— איך האָב עס געוווּסט, — האָט אַ שמייכל
געטאָן דער קאָמאַנדאַרם, און צוגעגעבן אַף
ליטוויש:

— איז דאָך אוואַדע גוט, וועלן מיר אײנײ־
נעם באַגריסן אונדזערע לאַנדסלײַט מיט זייער
באַפרײַונג.

אונדזער אעראָפּלאַן איז דורכגעפלויגן איבער דעם צענטראַלן פּלאַץ פון ראַקישקיס אין דעם מאָמענט, ווען ס'האָבן זיך אהער פאַרזאַמלט טויזנטער מענטשן מיט רויטע פאָנען און לאָזונגען. סמושקעוויטש האָט גענומען אין די הענט דעם רודער, און אעראָפּלאַנדיק זיך גאָר נידעריק, געמאַכט אַ קרײַז איבער דעם פּלאַץ.

ווען ראַקישקיס איז פאַרבליבן פון הינטן, האָט סמושקעוויטש מיט אומעט געזאָגט:

— ווי גוט עס וואָלט געווען זײַן אין דער היים אין אָט דעם יאָמטעוודיקן טאָג! עס וואַרטן אָבער אַף אונדז וויכטיקע עניאָנים. אהיים וועלן מיר זיך אראָפּכאַפּן אַ ביסל שפּעטער...

אין שאַוליי האָט אונדז באַגעגנט דער צווייטער מאָל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד ג. פּ. קראַוור־טשענקאָ, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן אַלס אָנפירער פון די מיליטערישע לופט־קויכעס פון דעם בײַבאַלטישן מיליטער־קרײַז, קאָמאַנדירן פון די טיילן און אײַנהײַטן פון דער רויטער אַרמיי און די אָנפירער פון דער שטאָטישער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע.

אומעטום האָט מען סמושקעוויטשן באַגעגנט מיט דער גרעסטער גאַסטפרײַנטלעכקײַט״.
מיט אַ באַזונדערער באַגײַסטערונג האָט מען יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטשן באַגעגנט אין קאַונאַס, וווּ עס האָט זיך באַזירט די פאַרניכטלער־עסקאַדריליע, וועלכע איז זײַנערצײַט אַרײַנ־געגאַנגען אין באַשטאַנד פון דער וויטעבסקער אוויאַציע־בריגאַדע.

פון פּאַניעוועזש איז סמושקעוויטש מיט זײַנע באַגלייטער אָפּגעפאָרן קיין ראַקישקיס. קיינמאָל האָט נאָך די שטאָט ניט געזען אַזויפיל אויטאָמאָבילן. די גאַסן זײַנען געווען פאַר־פלייצט מיט מענטשן.

יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש האָט באַשטימט אויספּרוּוון דעם זיקאָרן. ניט נאָכפרעגנדיק זיך בא קיינעם, האָט ער זיך געלאָזט גיין צו דער שטוב, וווּ עס לעבן זײַנע עלטערן. אַגעוו, אָפּזוכן דאָס שטיבל איז געווען ניט שווער, ווײַל פאַר די צוויי און צוואַנציק יאָר, וואָס זײַנען פאַריבער, האָט זיך דאָ, פּונקט ווי אין דער גאַנצער שטאָט, קימאַט גאָרנישט ניט געביטן. די אויטאָמאַשינעס האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ שטיבעלע, וואָס איז געווען ענלעך אַף אַ וועכטער־בײַדל. דער ערשטער האָט אים באַגעגנט דער טאַטע, אַ הויכער ברייטפּליי־ציקער ייִד. כאָטש ער האָט געטראָגן אַ לאַנגע געדיכטע באָרד, איז זײַן ענלעכקײַט מיטן זון געווען אָן איבעראַשנדיקע. לאַנג זײַנען זיי אַזוי געשטאַנען ארומגענומען, ניט זײַענדיק אימשטאַנד אַרויסברענגען אַ וואָרט. און אָט איז די מאַמע. ניט זי גייט, — זי לויפט אַנטקעגן דעם זון צווישן די צוויי מענטשן־רייען, ווי דורך אַ קאָרידאָר... יאָ, ער איז שוין ניט אַזוי יונג, און פיר ראָמבן בלישטשען אַף די הימל־בלויע שלייפלעך, און צוויי גאָלדענע שטערן שײַנען אַף זײַן גימנאַסטיאָרקע. פאַר איר אָבער, פאַר דער מוטער, איז ער אַלץ נאָך אַ קינד, איר ייִנגעלע... יאַקאָוו כאַפּט אונטער די קליינינקע גראָווע פרוי אַף די הענט און טראָגט זי אַרײַן אין שטוב...

דער אוילעם בא דעם שטיבל ווערט גרעסער און גרעסער, מע רינגלט אַרום די פּילאָטן, וועלכע זײַנען געקומען אײַנינעם מיט סמושקעוויטשן, מע פאַרשיט זיי מיט פראַגעס. איינער פרעגט בא קראַווטשענקאָן, וואָס באַטײַטן די צייכנס אַף זײַנע שלייפלעך.

— איין ראָמב, — ענטפערט קראַווטשענקאָ, — אַנטשפּרעכט דעם מיליטערישן טיטל „קאָמבריג״.

דאָן פאַראינטערעסירט זיך אַ צווייטער: מיט וואָס פאַר אַ טשין אין דער צאַרישער אַרמיי קאָן מען פאַרגלײַכן דעם „קאָמבריג״, עפּשער מיט אַ גענעראַל?

— מינאַסטאַמע אַזוי, — ענטפערט קראַווטשענקאָ.

צוגאסט אין דער היים

— קומט אויס, — האָט ניט געקאָנט זיך באַרויקן דער נײַגעריקער באָכער, — אַז אונדזער יאשע איז פיר מאָל גענעראל?

— נעם נאָך העכער, — האָט קראַווטשענקאָ א שמייכל געטאָן, — ער איז א גענעראל איבער גענעראלן...

— אַהאָ!!!

פאַר די ראָקישקיסער איז עס געווען איבערראַשנדיק: יאשקע — וואָלף דעם שנײַדערס ייִנגל, דעם קאַפּצנס זון, — א גענעראל, און ניט סטאם אַ גענעראל, נאָר א גענעראל איבער גענעראלן. און נאָר דאָס? זייער גאַנץ לעבן האָט מיטאמאָל זיך א דריי געטאָן גאָר אין אַן אנדער זײַט. עס זײַנען אזוי ווי אויסגערונען געוואָרן די גײַוועדיקע טשינאָווניקעס, עס האָבן אין טונקעלע שפּארונעס זיך פאַרטײַעט די זעלבסטצופרידענע פּרעכע נעגידים. די גאַנצע מאַכט האָבן גענומען אין די הענט די אַרבעטער און באַטראַקעס...

א גאַנצע נאַכט האָט בא די סמושקעוויטשעס אין שטוב געברענט די שײַן, מע האָט ניט געקאָנט זיך אָנריידן צו זאַט. דער טאַטע מיט דער מאַמען זײַנען געזעסן בא ביידע זײַטן און געהאַלטן דעם זון פאַר די הענט, ווי מע האַלט א קינד, ס'זאָל, כאָלילע, ניט אוּמפאַלן און זיך צעמאַזיקן. די ברידער און שוועסטער האָבן פון אים קיין אויג ניט אראָפּגעלאָזט, געשלונגען יעדער וואָרט זײַנס.

אינדערפרי זײַנען ווידער געקומען געסט, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע מענטשן. מיט איינעם פון די געסט האָט יאקאָוו וולאַדימיראָוויטש באַזונדערס זיך דערפרייט. דאָס איז געווען דער געוועזענער פּורמאַן מייער לעווין — „דער דווינסקער", ווי מ'האָט אים נאָך אַלץ גערופן אין ראָקישקיס. ער האָט זיך שטאַרק געעלטערט. סמושקעוויטש האָט אַרומגענומען דעם אַלטן און זיך אָנגערופן:

— אָט דער מענטש האָט מיר אַמאָל דאָס לעבן געראַטעוועט. איך האָב אַלע יאָרן געטרוימט זיך באַגעגענען מיט אים...

דער לייענער געדענקט געוויס, אַז אין 1918, ווען די דײַטשן האָבן געוואָלט אַרעסטירן יאקאָוון, האָט מייער לעווין אים אויסבאַהאַלטן בא זיך אין שטוב אין א קאַסטן. עמעצער האָט א פרעג געטאָן דעם אַלטן, צי איז נאָך גאַנץ יענער קאַסטן.

— גאַנץ, אַוודאי איז ער גאַנץ, — האָט ער געענטפערט.

עמעצער האָט פאָרגעשלאָגן, מ'זאָל גיין א קוק טאָן אָף דעם וווּנדערלעכן קאַסטן, אין וועלכן עס האָט זיך געקאָנט אויסבאַהאַלטן אַזאַ געזונטער באָכערעץ.

מייער לעווינס שטוב איז געוואָרן פולגעפּאַקט. אַלע האָבן געוואָלט א קוק טאָן אָף דעם געהיימניספולן קאַסטן, וווּ ס'האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון דער פּאָליציי דער קינפטיקער קאָמאַנדאַרם.

„סמושקעוויטשעס באַגעגעניש מיט טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער און מיט זײַנע לאַנדסלײַט האָט אונדז גערירט ביז טרערן, — דערציילט אי. א. לאַקייעוו. — קראַווטשענקאָ האָט פאָרגעלייגט, מע זאָל מאַכן א מאַקעט פון זײַן שטיבל, און איינעם מיט דעם קאַסטן און אַנדערע זאַכן און דאָקומענטן, וועלכע זײַנען פאַרבונדן מיט סמושקעוויטשעס לעבן, אויסשטעלן אין דעם אָרטיקן מוזיי.

— מיר וועלן דאָס אוּמבאַדינגט טאָן, — האָבן אונדז פאַרזיכערט די פאָרשטייער פון דער אָרטיקער מאַכט".

לעקאָוועד יאקאָוו וולאַדימיראָוויטשן איז אין ראָקישקיס פאָרגעקומען א גרויסער מיטינג. דער זאַל פונעם שטאָטישן קינאָ־טעאַטער האָט ניט געקאָנט אַרײַננעמען אַפילע קיין צענטקייט פון די, וואָס האָבן געוואָלט בײַזײַן.

אין זײַן ענטפער־וואָרט אף די פילצאָליקע באַגריסונגען האָט יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש גערעדט וועגן די ברייטע, העלע האָריזאָנטן, וואָס עפענען זיך פאַר דער סאָוועטן־ליטע אין דער גרויסער פילנאַציאָנאַלער מישפּאָכע פון די ברידערלעכע רעפובליקן פון פססר.

צום סאָף 1940 איז שוין געווען לאַכלוטן קלאָר, אַז די מילכאָמע קאָן אויסברעכן יעדן טאָג. דער גענעראַל־שטאַב איז צוגעטראָטן צום פאַנאַנדעראַרבעטן די אָפּעראַטיווע פלענער און דאָקומענטן און האָט צו דער דאָזיקער אַרבעט צוגעצויגן פאַכלײַט פון אַלע מינים מיליטער. סמושקעוויטש ווערט באַשטימט אַלס געהילף פונעם שעף פון דעם גענעראַל־שטאַב פון דער רויטער אַרמיי אפן געביט פון דער אַוויאַציע. אין זײַן קאָמפּעטענץ האָט זיך געפונען די פלאַנירונג, די צוגרייטונג און די אָנווענדונג פון דער אַוויאַציע אין די שלאַכט־אומשטענדן. כוץ דעם, האָט ער אויך זיך באַטייליקט אינעם צונויפשטעלן די אָפּעראַטיווע דאָקומענטן אף דעם פאַל פון אַ מילכאָמע.

— — — — — — — — — — — — — — —

שוין באַם פאַרענדיקן שרײַבן די דאָזיקע נאָטיצן איז מיר אויסגעפאַלן אַ גליקלעכע געלעגנהײַט זיך טרעפן און שמועסן מיט דעם אָנגעזעענעם פאָלקנפירער מאַרשאַל פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד אַלעקסאַנדער מיכײַלאָוויטש וואַסילעווסקין.

דער דענקמאָל סמושקעוויטשן אין זײַן היימ־שטאָט — ראָקישקיס

ס'איז געקומען צו רייד וועגן יענע ערעוומילכאָמע־טעג, ווען סמושקעוויטש האָט געאַרבעט אין דעם גענעראַל־שטאַב פון דער רויטער אַרמיי. דער מאַרשאַל האָט געזאָגט:

— צווישן די, וואָס האָבן שוין געהאַט באַוויזן „אַ שמעק טאָן פולווער" פון דער הײַנטצײַטיקער מילכאָמע, איז דער גענעראַל סמושקעוויטש געווען דער סאַמע דערפאַרענער און פאָפולערער. עס האָט אונדז איבעראַשט זײַן אַרבעטזאַמקײַט, זײַן דראַנג, טראָץ דער שווערער קרענק, אין דער פולער מאָס אײַנשליסן זיך אינעם פאַנאַנדעראַרבעטן די פּראָבלעמען פון אָנווענדן די אַוויאַציע אין מילכאָמע־באַדינגונגען.

אַלעקסאַנדער מיכײַלאָוויטש האָט געמאַכט אַ פּאַוזע, און ווי ער זאָל געווען איבערלייענען אף מײַן געזיכט אַ דערמאָנונג וועגן סמושקעוויטשעס טראַגישן שיקזאַל, וואָס איז געווען פאַרורזאַכט פון די פאַרברעכערישע בעריאַ־אינטריגעס, — האָט דער מאַרשאַל, אַקצענטירנדיק יעדער וואָרט, פאַרגעזעצט:

— דער קאָוועד פון אַ סאָלדאַט מאָנט, איך זאָל דערקלערן: די מיליטער־אָנפירער פון מײַן דאָר האָבן אין דער פערזאָן פון יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטשן געזען אַ מוסטער פון מעסירעסנעפעשדיקער טרײַשאַפט דעם סאָציאַליסטישן היימלאַנד.

ייִדיש — י. טשיטשעלניצקי

א בוך

איך וויל גאָרניט באהאלטן,
נאָט אים אײַך, ברידער, —
דעם בוך דעם צעשטראלטן
פון גוורע און מילכאָמע.
פארגעסט ניט דעם אײַנבונד,

אינווייניק די לידער —
און אפילע דער סופער
איז אויך מײַן נעשאָמע,
נאָט אים אײַך, ברידער!

1971 — 20/2

היים

כ'בין ניט קיין וואנדער־פויגל,
ווען סע גרינט אזויפיל וואלד!
כ'וואָלט קיין אנדער היים ניט געוואָלט,
ווי א מענטש וויל ניט קיין אנדערע אויגן.

איך בין מיטביידע פיס
ארײַנגעוואקסן אין מײַן ערד,
וואָס כ'האָב אזוי אויסגעבלוטיקט;
אין מיר די קראפט אירע פליסט,
און בלויז זי מיך דערמוטיקט.

1 אפרעל 1969

דרײַ נעמען

מע שנײַדט אן עפל אוף, און זאפט סע שפריצט,
מע זעט: די זון אין בערג איז אופגעשטאנען,

אין מײַן הארץ ווי אף א שטיין איז אויסגעקריצט
מײַן מאמעס נאָמען כאנע און דער נאָמען דײַנער — כאנע.
ווען אינמיטן צווישן ביידע טײַערע נעמען וואָלט
מײַן נאָמען ניט געשטאנען,
ליכט אין די אויגן גענומען וואָלט איך פונוואנען.
זאָל נאָך באשערט זײַן אויך אף ווײַטער די האנאָע
און דער כיין,
צעשיידטע זאָלן די דרײַ נעמען אונדזערע
ניט בלײַבן,
וועל איך אין הארץ מײַנעם, ווי אף בעסטן שטיין,
א דריטן נאָמען — דעם נאָמען פון מײַן פאָטערלאנד
פארשרײַבן.

31 אָקטיאבער 1957

* * *

איר האָט ניט קיין פארשטאנד קיינער,
ווי ס'הארץ מײַנס טוט מיר וויי!
נאָר צו קיין דאָקטער פירט מען ניט קיין
שטיינער
און קיין קארדיאָגראמע מאכט מען ניט זיי.

זיי מאָלט מען אף שטויב איבער,
צי גאנצערהייט מע שפארט אין מויער,
וואָס אף כאָרעווער גאס מע בויט;
א טויב קומט צו פליִען, לייגט צו אן אויער,
און דער שטיין פארגעסט אין טויט.

פון דער שפּערישער ירושה

לעבן, מײַן לעבן!

דאָס לעבן איך בענטש,
דעם טויט איך שעלט;
נאָר כ'בין דאָך א מענטש
און וועל אויך אמאָל שטארבן,
בלײַבט מײַן גאָרטן דען הויל? —
אנדערע וועלן פייגעלעך
זינגען דאָ הערן,
פלאנצן דעם עפּלבוים,
מיד אף א שטיין אנשלאָפן ווערן,
דעריאָגן דאָס מיאטשיקל
פון זוניקן טרוים.
טאָר מען דען טראכטן
וועגן די רעגעס גרויל?
מיר, אז די בייזע שאָ וועט,
כאָלילע, א קלאַפּ טאָן
מיט א פוס אין דער טיר,
ניט שרעקן זיך איך וועל
פארן שטארבן —
א שמייכל טאָן וועל איך
צו דער וועלט
מיטן פולן מויל,
עס אויסווישן מיטן ארבל,
ווי נאָך א גוטן פולן
קופל ביר.

א גוטמאָרגן

א גוטמאָרגן דער זון, וואָס לײַכט.
זי לײַכט... און איך בין מער קיין לעמפל
אין א פינצטער שענקל.
כ'שטיי און הער, ווי סע הילכט צווישן בערג
א פרילינגדיקער טײַך.
מײַן לעבן נישט אראָפּשארן וועט קיינמאָל
קיינער מער,
ווי שנייי אין סקווער
מע שארט אראָפּ פון א בענקל.
א גוטמאָרגן דער זון, וואָס לײַכט,
זי לײַכט... און איך בין, ווי ערשט פון שטײַגל
א באפרײַטער פויגל,
וואָס טרינקט דעם הימל
און אף זײַן לאָשן שרײַט; —
דו זעסט דעם טײַך,
זײַן אלטע ריכטונג ער בײַט,
גיב אָפּ אים א גוטמאָרגן צו דער צײַט.
וואש אויס מיט זײַנע וואסערן
דײַנע אָפּענע, נאָך מידע אויגן.

איך לאַך ניט, אָ, ניין!

וואָס קומט מיר ארויס
פון דעם, וואָס דו ביסט שיין,
אז איך בין איצט, מײַן טײַערע,
דאָ אליין?

וואָס קומט מיר ארויס
פון דעם, וואָס מיר זײַנען אמאָל
געקראָכן אין שיינעם גרינעם טאָל,
און פייגל האָבן איבער אונדזערע קעפּ
געטרעלט
און א לעבעדיק טײַכל
האָט לעבן אונדז געקוועלט,
וואָס קומט מיר ארויס?..

אז איצט ביסטו ערגעץ
פארטרויערט אזוי
און טראכסט, עפשער האָב איך
שוין אן אנדער פרוי

און קענסט זיך נאָך פאָרשטעלן,
אז איך לאַך פון דיר.
אָ, ניין, דו ווייסט ניט, מײַן ליבע,
וואָס ס'טוט זיך בא מיר.

איך לאַך ניט, אָ, ניין,
גיכער איך וויין,
וואָס דו ביסט אזוי ווײַט,
וואָס איך בין אליין.

פושקין

פון זײַן קאָפּ דעם קוטשעראווע
וואָלקנט זיך דער הימל איצט;
מענטשן מיינען, פאר א רעגן בליצט,
ווינטן אין די ביימער זיך שושקען, —
ווייסן ניט, אז שטארבן
אין אָט דער רעגע קאָן איך איצט,
פושקין לייענט זײַן „פּאָלטאווע"! —
און א טראָפּן רעגן זיצט
אויך אין מײַנע האָר די קוטשעראווע,
איך בין פון „אויקער מין האשוירעש"
ווערן שוין גוט באשיצט:
איך האָב געהערט לייענען „פּאָלטאווע"!..

17 פעווראל 1971,
מאָסקווע

רעגן

ווען מע קאָן מיט א זעג
אונטערזעגן דעם רעגן,
אויספלאָסטערן מיט מײַן הארץ
נײַע און בעסערע וועגן;
באַם בוים טאָן א פרעג,
פארוואָס איז ער דאָ אין טאָל —
פון סרייפעס אזוי שווארץ?
פארוואָס מיינט ער, אז שטאָל
איז מײַן מענטשלעך הארץ?
זײַן כאַלעם אלץ נאָך אין שפיגל
פון דער העל־בלויער זעג,
וואָס אין לײַב זײַנעם קריכט;
די הימלען אין אָזערע, ווי אמאָל,
איבערגעקערט ציט׳ריק זיך וויגן;

און דער בוים און איך
באַם טײַך מיט זײַן ליימיקן ברעג.
אונטערן רעגן א שארפע זעג,
וואָס אין כאַלעם זיך ווײַזט,
קלינגט אין די אויערן,
די אפלען פון די אויגן רײַסט!
מ׳דארף נישט, מע טאָר נישט אונטערזעגן
נישט דעם בוים און נישט דעם רעגן.
צוערשט דײַן כאַלעם דײַן הארבן,
ווילדגראָז־קוסטעס, וואָס פארדארבן
דײַן בלי פון לעבן, ס׳גרויסע פארמעגן!
באַם טײַך מיט זײַן ליימיקן ברעג,
אונטערן רעגן א שארפע זעג.

6 דעקאבער 1971

אין מײַן מעלוכע

אין מײַן מעלוכע, ווו איך קיניג,
ניטאָ איז קיין ארמיי, —
כ׳האָב א גענעראל א טשײַניק,
פארפארע איך אין אים טיי.

כ׳האָב א מארשאל אפילע,
דאָס איז מײַן ליבע פרוי —
אירע ליפּן בלויז פאר טפילע,
איר גלייבט, אז ס׳איז אזוי?

סאָלדאטן — ניט צום איבערציילן,
ווי מע זאָגט: קעכויל־האיאם.
פּאָעטן קומען צו מיר זיך היילן,
כאַפן אמאָל א גראם...

אָ, גאָט מײַנער, איך בעט ווייניק,
טו מיר, וואָס איך בין ווערט,
נאָר מאַך מיך ניט פארן קיניג
איבער גראפאָמאנען אף דר׳ערד.

ווײַנשלעך

איך סטארע זיך יעדן זומער
אופעסן איין ווײַנשל,
וועט אלציינס זיך אָנקלײַבן
א גאנץ שיסעלע —
און מיר וועט גענוג זײַן שוין,
אופעסן א זיבעציק ווײַנשל —
און נאָך א ביסעלע,

וועט א ווײַנשל־בוים
איבער מײַן קאָפּ שוועבן —
און גליקלעך זײַן שוין
כ׳וועל מיט מײַן לעבן.
איך סטארע זיך יעדן זומער
אופעסן איין ווײַנשל.

7 יול 1970

פײַגעלעך

איך האָב געוואָלט א קוק טאָן איר אין די
אייגעלעך,
האָט זי אופגעהויבן דעם קאָפּ
צום בוים מיט די פייגעלעך,
און דער שמייכל פון אירע ליפּן
האָט זיך צו אירע מויל־ווינקלען פארוקט.
פארשעמט האָב איך קלוימערשט
צו אירע שיך געקוקט.
ס׳האָט א רעגנדל גענומען גיסן אף בערדיטשעוו,
און די נאסע פייגעלעך אפן בוים
האָבן קוים געפּישטשעט:
אזעלכע טײַערע קארשן־אייגעלעך,
און א קאָפּטעלע מיט פייגעלעך.

מאַן־קווייטן

דײַן קליינע, וווּנדערלעכע האַנט אַף מײַן
הארצן רוט,
ווי א שיפל אַף א טײַך א שטילן.
טײַערע מײַנע, ס'איז זייער גוט,
וואָס אַף דער ערד איז ווידער פרילינג.

און אויב דו זעסט אין פענצטער בלוט? —
איז עס פון מאַן־קווייטן אין גאָרטן קילן —
דײַן קליינע, וווּנדערלעכע האַנט אַף מײַן
הארצן רוט.

* * *

מיר זײַנען, מײַן טײַערע, מיט דיר
ביימער מיט צווײַגן,
ווינטער מיר שטייען אין ווײַסן געפריר,
שטייען אינצווייען און שווײַגן.
פרילינג די קאָרע טוט א ריר אונדז לײַכט,
שטארבן מע קאָן פון דעם פארגעניגן.
הערסט, ווי דאָס אײַז גייט אוועק פון טײַך,
דער טײַך וויל געקאָוועט ניט ליגן.
זעסט, ווי א וואָלקנדל דורכזיכטיק שוועבט,
קוים אין הימל זיך ארויסגעריסן,
די ערד זיך שפאלט, גרינט און לעבט,
און איינער א בוים מיט א בלאט אין מויל
האָט די ליפן מיט ווייטעק פארביסן.
ער קוקט זיך ארום, דער ווינטער איז ווײַט
און דער הארבסט אומפארמײַדלעך וועט קומען.
ער הערט ניט דעם פויגל, וואָס זינגט שירע
פארשײַט,
דעם אָנקום פון פריילעכן זומער.

הארבסטיקע לידער

איך בין ניט געווען קיין וואלד,
וואָס אוועק מיטן פײַער איז אומגעריכט.
כ'בין ניט געווען קיין פעלד, געדיכט
צעאַקערט מיט ראָוון און גריבער;
איך בין געווען בלויז א שטראַלכל ליכט,
וואָס אינדערפרי אַפן בוים פאלט —
און גייט אויס מיט די לידער פון ליבע,
וואָס יעדער פייגעלע אין מויל האלט.
הארבסט איז אין לעבעדיק געבליבענעם וואלד,
ברויט שטייט אין פעלד,
ווו געשטאַנען זײַנען ראָוון און גריבער;
איך ליג אַף הויכן ווייצענעם סטויג פארשטעלט
פון וואָלקן און ווינט,
שרײַב צו זיך אין העפט ארײַן פויגלשע לידער.

24 יול 1970,
נאָוואָסיבירסק

סאַלוואַדאָר באַרזשעס

ראַטעווע, ברודער!

I

גרינע ריזיקע וואַסער־בערג הייבן זיך גרויזאַם ביז צו די פאַרוואָלקנטע הימלען, און באַם סאַמע ברעג פאַלן זיי מיט שרעקלעכע דונערן אַראָפּ, צעגיסן זיך ווײַט אַף יענער זײַט פאַרצוימונג, לאָזנדיק נאָך זיך אַ ווײַסן שוים.

דערנאָך זיפּט זיך נאָך לאַנג אַ דינער רעגן, אָן אָנגעזאַפּטער מיט געזאַלצענע רייכעס פונעם אָקעאַן.

אין דעם טריבן טראָפּישן ווינטער־פרימאָרגן האָט אַ גרויער נעפּל נידעריק זיך געקנוילט פונעם וואַסער, אײַנגעהילט די שטאָט אין טונקלקייט. די מענטשן האָבן באַהאַלטן אין די אופגעשטעלטע קעלנער די פענעמער, געײַלט, באַשיצנדיק זיך פון פײַכטן ווינט.

ניט ווײַט פונעם ריאָ־דע־זשאַניירער צענטראַלן וואָקזאַל הייבן זיך אָן ציִען ביידע גאַסן סענאַדאָר עאוזעביע און וויסקאָנדע איטאַונע. ביז דער פּראַסע אָנזע ליגן די גלײַכע, אַספּאַלטירטע גאַסן אָפּגעזונדערט, און נאָך דעם סאָד מיט די אייביק גרינע ביימער, מיט די בונטע בלומען גיסן זיי זיך צונויף.

אינדערמיט פון אָט די ביידע גאַסן האָט זיך אײַנגעשניטן די פאַרצעמענטירטע ריטשקע מאַנגאַ מיט איר זומפּיקער בלאָטע, וואָס ציט זיך, ווי סמאָלע. לענגויס דער ריטשקע, פון ביידע זײַטן, וואַקסן הויכע שלאַנקע פּאַלמעס.

מיט אַ שטיל און ווייך שורשען, מיט אָפּגעריסענע דראָענדיקע סיגנאַלן לויפן דורך אויטאָבוסן, טאַקסי און מיט אַ געקלאַנג — די טראַמווײַען, אַראָפּ דורך איין גאַס, אַרויף — דורך דער צווייטער.

פון קעגניבער דער צעצווײַגטער אײַזנבאַנליניע קוקט אַף דער פּראַסע אָנזע אַ הויכער, נאַקעט־הוילער מעגושעמדיקער באַרג. צופוסנס דעם באַרג, צווישן גרויע שטיינערנע פלאַסטן, און אין דער הייך אפן באַרג, אין די ערטער, וווּ דינאַמיט האָט די גרויסע שטיינערנע פלאַסטן פונעם באַרגס האַרץ אַרויסגעריסן, זײַנען פון דינע בלעטלעך און אַלטן בלעך צונויפגעקלאַפּט באַראַקלעך. דאָס איינציקע בעט, וואָס שטייט אין קאָנורע, איז אויך פון אייגענער אַרבעט.

אין אַן אָנלעוואָנעדיקער נאַכט איז אין אָט דער כוישעכדיקער פאַוועלע סאַודע[1] גאָרניט לײַכט צו טרעפן צו דער אַווענידע מיט די קליינע צווייצימערדיקע דירעלעך, וואָס האָבן זיך צוגעטוליעט צום באַרג.

פון קאַיאָר אָן אײַלן מיט אומרו איבער דער שטאָט די אײַנוווינער פון סאַודע, ווער צו דער אַרבעט און ווער זוכנדיק אַרבעט לויט די מעלדונגען אין דער צײַטונג „זשורנאַל דאָ בראַזיל”. פאַרנאַכט קערט מען זיך אום מידע, דערשלאָגענע און מע בלײַבט זיצן בא די טירלעך פון נויט...

ווי ז׳שע קומען מיר אַהער, אין אָט דער ווײַטער שטאָט אזש קיין בראַזיליע?

בייס דער ערשטער וועלט־מילכאָמע האָבן מיר, בעזשענצעס, געוווינט אין בעלץ. ווען די רומענישע באָיאַרן האָבן בעסאַראַביע אָפּגעריסן פון רוסלאַנד, ווי מע רײַסט אָפּ אַ קינד פון אַ מאַמע, די ווײַספּאָליאַקן האָבן אָקופּירט מײַן וואָלינער היים, זײַנען מיר געבליבן נאַווענאַד, אומגעבלאָנקעט אָן אַרבעט, אין דאַכקעס. צוזאַמען מיט אַזעלכע ווי מיר, היימלאָזע, עמיגרירט מעייוועך־לעיאַם, אַרײַנגעפאַלן אַהער, קיין בראַזיליע, און דאָ דערפילט זיך, ווי אַ ביימל, וואָס מע האָט איבערגעפלאַנצט אַף אַ שטיינערנעם באָדן.

מיט דער צײַט האָט אַ קאָרעוו זיך אָפּגעזוכט, אַ באַלעבאָס פון אַ מעבל־געשעפט און פון עטלעכע גרויסע הײַזער, אַ ציִעניסטישער קלאַל־

---

[1] בײַשטאָטישע כורוועס, וווּ עס וווינט די אָרעמשאַפט.

טוער אַף דער פּראסע אָנזע. דער ייִנגערער ברודער האָט אָנגעהויבן ארבעטן בא אים אין מעבל־געשעפט, די שוועסטער האָט מען באַשטאט אין קיך. מיך האָט ער אויך באַזאָרגט מיט אַן ארבעט.

מיך פלעגט עקלען, ווען איך האָב געהערט, ווי ער דארשנט פאר די ארבעטער: „מיר, ייִדן, זײַנען ניט שײַעך צו שטרײַקן און אנדערע מיִעסע מײַסים. מיר זײַנען אלע ברידער — אכיינו בניי ייִסראָעל, אָן אונטערשייד, אָרעם צי רײַך. בא אונדז דארף זײַן אכדעס און נאָר אכדעס”.

ביז א צײַט האָב איך געשוויגן, הערנדיק אָט די דראָשעס, נאָר איינמאָל האָב איך ניט אויסגעהאלטן.

עס איז געווען פארנאכט, ווען איך האָב זיך אומגעקערט אין געוועלב. דער קאָרעוו, סעניאָר רויטמאן (אזוי האָט ער באפוילן זאָל מען אים רופן), האָט פאמעלעך זיך ארײַנגעזעצט אין פאָטעל באם שרײַבטיש. באם איבערנעמען דאָס אײַנגעמאָנטע געלט האָט ער זיך א קער געטאָן און ארײַנגעשטאָכן אין מיר א בייזן בליק:

— פארוואָס איז דאָ פארן מעבל ניט אײַנגעמאָנט?

— דער מענטש איז ארבעטסלאָז, — האָב איך געענטפערט.

וואָס איז דאָ געשען מיט מײַן סעניאָר רויטמאן! ער איז אופגעשפרונגען, דאָס פּאָנעם האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט, ער האָט זיך צעשריִען:

— וועמען גייט עס אָן, צי ארבעט ער יאָ אָדער ניט? וואָס מיר קומט, דארף מען צאָלן צו דער צײַט!

— ער איז דאָך אן אונדזעריקער, פון אכיינו בניי ייִסראָעל, — האָב איך שטיל זיך אָנגערופן.

— נו איז וואָס? — האָט אויסגעשריִען סעניאָר רויטמאן.

— ווּ זשע איז אכדעס? — האָב איך געפרעגט.

דער סעניאָר רויטמאן איז אריבער אף א קוויטש:

— אזוי גאָר — קאָמוניסטישע שטיק פּראווען? איך וועל דיר באווײַזן... וואָן!

ניין, פּראווען „קאָמוניסטישע שטיק” — דאָס האָט ער, דער ציִעניסטישער קלאל־טוער, ניט געקאָנט דערלאָזן. דאָ איז אויס אכדעס, אויס קרויוּוים. אף מאָרגן בין איך שוין געווען אָן ארבעט.

דער צעבושעוועטער אָקעאן האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן הימל. ער האָט געגוואלדעוועט, געדונערט, געליארעמט מיט מעשונע ווילדע קוילעס. ער האָט אָבער ניט געקאָנט פארטויבן אין הארצן די פראגע: וואָס טוט מען? ווּהין גייט מען? ווּהין?

2

אף די דאָזיקע פראגן האָב איך לאנג געזוכט אן ענטפער. און ענדלעך האָב איך אים געפונען. אין מײַן דעמלטיקער לאגע פון א נאוועגאדניק, פון א פארשטויסענעם — אן ארבעטסלאָזן און הונגעריקן, זײַענדיק א גוטער מייוון אף אזעלכע לײַט, ווי דער סעניאָר רויטמאן, מיט זייער מיִעסן טאָך, דערצו נאָך זײַענדיק יונג, פול מיט ענערגיע און פארלאנג עפּעס אופצוטאָן קעגן אָט די רויטמאנס און פאר יענע, וואָס לײַדן פון זיי, — בא דעם אלעם איז קיין כידעש ניט, וואָס איך האָב אין דער בראזילישער הויפטשטאָט גיך געפונען א וועג צו מענטשן, וואָס זײַנען דאָרט געיאָגט און גערוידעפט געוואָרן, נאָר וואָס האָבן, די איינציקע, געקאָנט געבן אן ענטפער אף מײַנע פראגן, — דאָס זײַנען געווען די קאָמוניסטן. צו קנאַפּ זײַנען זיי דעמלט, אָנהייב צוואנציקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט, געווען דאָרט, נאָר זיי זײַנען געווען. מיר האָט דעמלט אפילע אָפּגעגליקט צו קומען א געוויסע צײַט אין א נאָענטן באריר מיטן פירער פון די בראזילישע קאָמוניסטן זשאָאקין פערייראָ.

איך וועל קיינמאָל ניט פארגעסן, ווי מײַנער א יונגער כאווער, ענריקאָ בערענזאָן, האָט אים איינמאָל אין א רעגנדיקן פארנאכט געבראכט צו אונדז אהיים. אף א קורצער צײַט איז אונדזער אָרעמע דירע געוואָרן פאר אים א קאָנספּיראטיווע באהעלטעניש. פאר די שכיינים איז ער אָנגעגאנגען פאר אונדזערן א קאָרעוו דאָוויד פינקעל, וואָס איז געקומען פון סאן־פּאולאָ.

אינדערעמעסן האָט זשאָאקין פערייראָ דעמלט נאָרוואָס געהאט זיך אומגעקערט פון מאָסקווע, ווּ ער האָט זיך באטייליקט אינעם דריטן קאָנגרעס פון קאָמינטערן. די געהיים־אגענטן פונעם פערטן אשיליאר (געהיים־פּאָליציי) האָבן נאָך אים געטשאטעוועט פוסטריט. ער האָט אָפט געביטן די דירעס, ווּ געטאָגט, ניט גענעכטיקט. און דאָך האָט ער געפונען מעגלעכקײַטן צו באגעגענען זיך מיט אונדזערע מענטשן, קאָמוניסטן און מיטפילנדיקע, מיט ארבעטער, מיט רעוואָליוציִאָנער געשטימטער אינטעליגענץ. ער האָט זיי דערציילט וועגן מאָסקווע, וועגן דעם קאָנגרעס און, דעריקער, — וועגן לענינען.

וועגן לענינען האָט ער געקאָנט ריידן אָן א שיר, אזוי איז ער געווען פארכאפּט פון זײַנע באגעגענישן מיטן גרויסן פירער, דערפון, ווי ער האָט אים געזען און וואָס ער האָט געהערט.

מיר האָט זיך באזונדערס אײַנגעשניטן אין זיקאָרן איינע אן אומלעגאלע פארזאמלונג, אף וועלכער פערייראָ האָט דערציילט וועגן דעם קאָמינטערן־קאָנגרעס. דאָס איז געווען אינעם וועבער־ראיאָן פון סאן־פראנסיסקאָ שאוויער,

אין א ווײַט פאַרוקט געסל, א שיטער באַלויכטנס פון אַלטפרענקישע גאַז־לאַמטערנס. מיר זײַנען געגאַנגען אינדרײַען — פערייראַ, בערענזאָן און איך.

ניט ווײַט פונעם אָרט, וווּהין מיר זײַנען געגאַנגען, איז אונדז אַנטקעגן געקומען א מענטש און געפרעגט דעם פאַראָל. מיר האָבן אים געזאָגט, און ער האָט אָנגעוויזן:

— אין יענעם ליקל, דאָס דריטע הויז פון לינקס.

אזויפיל יאָרן זײַנען שוין זינט דאַן אוועק, נאָר איך געדענק גוט ביז איצט די מענטשן, עלטערע און יונגע, מאַנצבלען און פרויען, וואָס זײַנען אין יענעם צימער געזעסן, זייערע אָנגעשטרענגטע פּנעמער, די גיריקע בליקן, מיט וועלכע זיי האָבן אופגעכאַפּט יעדער באַוועגונג פונעם רעדנער.

קוקנדיק אף זשאָאַקין פערייראַ, האָבן די דאָזיקע מענטשן געזען ניט אים... עס איז געווען אומגלייבלעך: ערגעץ, זייער ווײַט, אף יענער זײַט אָקעאַן, איז פאַראַן א לאַנד, ווו עס האָט שוין געזיגט די רעוואָליוציע, ווו די גאַנצע מאַכט איז אין די הענט פונעם אַרבעטנדיקן פאָלק. רוסלאַנד הייסט דאָס דאָזיקע לאַנד — סאָוועטן־רוסלאַנד. דאָרט איז פאַראַן א הויפּטשטאָט מאָסקווע, און אין דער דאָזיקער הויפּטשטאָט לעבט לענין — דער גרויסער פירער פון דער רעוואָליוציע, דער פירער פון די אַרבעטנדיקע פון גאָרער וועלט. און דאָרט, אין רוסלאַנד, אין מאָסקווע, איז געווען אָט דער גליקלעכער מענטש, וואָס רעדט איצט מיט זיי, — פערייראַ. ער האָט מיט די אייגענע אויגן געזען און מיט די אייגענע אויערן געהערט לענינען. ער דערציילט זיי וועגן אים, און זיי דאַכט זיך אין דער מינוט, אַז זעענדיק און הערנדיק אים, זשאָאַקין פערייראַ, זעען זיי און הערן לענינען.

נאָר זיי דאַכט זיך, אַז דאָס, וואָס פערייראַ דערציילט, איז קנאַפּ, ניט גענוג, זיי ווילן וויסן נאָך און נאָך, און פאַרשיטן אים מיט פראַגן:

— ווי זעט ער אויס, לענין?

— וויאַזוי רעדט ער?

— וויאַזוי איז ער אָנגעטאָן?

פערייראַ ענטפערט נאָך און נאָכאַמאָל, און ער איז צופרידן עס צו טאָן, ווײַל ער פילט בעפויעל־מאַמעש, ווי מיט יעדן ענטפער מאַכט ער לענינען נעענטער און נעענטער צו אָט די מענטשן, וועלכע ווילן דאָס, וואָס זיי הערן הײַנט פון אים וועגן לענינען און וועגן זײַן לאַנד, אוועקטראָגן ווײַטער, צו נײַע הונדערטער און טויזנטער מענטשן.

— וועגן לענינען קאָן מען ריידן זייער א סאַך, — האָט געזאָגט פערייראַ, — נאָר אויב איר וועט מיך פרעגן, וואָס וואַרפט זיך דעריקער אין די אויגן, ווען דו קוקסט אף אים און זעסט אים, איז עס — פּראָסטקײַט, מענטשלעכקייט און אומויסשעפּלעכע ענערגיע...

אין צימער האָט געהערשט אַן אָנגעשטרענגטע שטילקײַט.

פערייראַ האָט ווײַטער דערציילט:

— אף די ערשטע זיצונגען פונעם קאָנגרעס איז לענין ניט געווען. אַלע האָבן מיר מיט אומגעדולד אַרויסגעקוקט אף אים, נאָר ער איז געקומען, אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, ערשט אף דער זיבעטער אָדער אַכטער זיצונג. צו מיר האָט זיך פונקט געווענדט מיט עפּעס א פראַגע א כאַווער, וואָס איז געזעסן לעבן מיר, און, ענטפערנדיק אים, האָב איך, צו מײַן גרויסן פאַרדראָס, דורכגעלאָזט דעם מאָמענט, ווען לענין האָט זיך אומגעריכט באַוויזן אין זאַל. איך האָב דערהערט אַפּלאָדיסמענטן, וואָס האָבן זיך גלײַך פאַרוואַנדלט אין אַן אָוואַציע. אַלע האָבן זיך אופגעשטעלט פון די ערטער, און דאָ האָב איך אים דערזען, אָט ווי איך זע אײַך. ניט קיין הויכער, א פעסטער, איז ער אפגיך דורכגעגאַנגען אין פּרעזידיום, זיך צוגעזעצט אף א פרײַ אָרט צום טיש און גלײַך מיט א באַשעפטיקטן אויסזען זיך אַרײַנגעטאָן אין עפּעס פּאַפּירן. דערמיט האָט ער געוואָלט זאָגן דעם אַפּלאָדירנדיקן זאַל: „הערט אוף! פאַראַן בילכערס מיט וואָס זיך צו פאַרנעמען...“

פערייראַ האָט א ווײַלע געשוויגן, קוקנדיק אף די מענטשן, וואָס האָבן אים מיט גרויס אופמערקזאַמקײַט געהערט, און האָט שטיל צוגעגעבן:

— אַזאַ איז ער, לענין, — א באַשיידענער, א פּראָסטער.

ער איז ווידער אַנשוויגן געוואָרן. די פאַרזאַמלטע האָבן געמיינט, אַז ער האָט פאַרענדיקט, האָבן זיך דערהערט שטימען:

— דערצייל נאָך.

— נאָך.

נאָר פערייראַ האָט גאָרניט געקלערט צו פאַרענדיקן זײַן דערציילונג. ער האָט פּאַשעט זיך צוניפגענומען מיט די געדאַנקען, צוקלײַבנדיק ווערטער, וואָס זאָלן געבן זײַנע צוהערער א בעסערע פאָרשטעלונג וועגן לענינען.

— ווען לענין איז אַרויסגעגאַנגען אף דער טריבונע, — האָט פאָרגעזעצט פערייראַ, — האָבן מיר דערזען פאַר זיך גאָר אַן אַנדער מענטשן — א צילגעווענדטן, א טיף איבערצײַגטן אין זײַן עמעס, א פולן מיט דער שטרעבונג איבערצײַגן אין אָט דעם עמעס אַלע, וואָס זײַנען געווען אין זאַל. פאַר דעם האָט גערעדט דער איטאַליענישער דעלעגאַט לאַדזאַרי, איינער פון די סיראַטיסטן, וועלכע האָבן געפּרוווט אַרײַנטראָגן א שפּאַלטונג אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. האָט איר געמעגט זען, מיט וואָס פאַר א סאַרקאַזם לענין האָט אים

אַרײַנגעטײלט אַ כײלעק, װי ער האָט צוגישט געמאַכט פֿון יענעמס אַלע פֿױלע „טעאָריעס״, ניט געלאָזט פֿון זײ קײן שטײן אױף קײן שטײן. דער שלימאַזל לאַדזאַרי האָט נאָר געװישט דעם שװײס. דער הונט איז װערט געװען דעם שטעקן!

אין צימער האָט מען זיך צעלאַכט. עס האָט זיך אױפֿגעהױבן שױן ניט קײן יונגע טונקלהױטיקע פּרוי און געבעטן געװיער זיך אָפּשטעלן אױפֿן אינהאַלט פֿון לעגינס אַרױסטרעטונגען אױפֿן קאָנגרעס.

— ער האָט מיט גרױס צאָרן גערעדט, — האָט געענטפֿערט פּערײראַ, — װעגן די איטאַליענישע רעפֿאָרמיסטן און צענטריסטן. נאָר גערעדט האָט ער ניט נאָר װעגן זײ — װעגן דעם, װי עס דאַרפֿן בױען זײער אַרבעט די קאָמוניסטן אין דער גאַנצער װעלט, אָן שום קאָמפּראָמיסן מיטן קלאַסן־סױנע און מיט זײַנע נידערטרעכטיקע מעשׂאָרסים...

עס זײַנען געװען נאָך און נאָך פֿראַגן, אױף װעלכע פּערײראַ האָט מיט גרײטקײַט געענטפֿערט.

אַ באַזונדערס דערהױבענע שטימונג האָט אין פֿאַרלױף פֿון יענעם אָװנט געהערשט אין אָט דעם צימער, װוּ אַלץ איז פֿול געװען, האָט געאָטעמט מיט לעגינען.

עס האָט זיך ניט געװאָלט, נאָר מע האָט געדאַרפֿט זיך אָנהײבן פֿאַנאַנדערגײן, פֿאַרבלײַבן לענגער װאָלט געװען געפֿערלעך. דער פֿערטער אַשיליאַר דרעמלט ניט. איז מען זיך פֿאָרזיכטיק אײנציקװײַז פֿאַנאַנדערגעגאַנגען.

די לעצטע זײַנען מיר אַרױסגעגאַנגען — איך, ענריקאָ און פּערײראַ. פֿאַרלאָזט דאָס פּינצטערע ליקל, האָבן מיר זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ טאַקסי.

מיר זײַנען אָפּגעפֿאָרן אַ שטיק װעג, און פּערײראַ האָט פּלוצעם אַ װײַז געטאָן אין הינטערשטן פֿענצטער:

— איר זעט?

דאָרט איז געפֿאָרן אַ שװאַרצע, פֿאַרמאַכטע פּאָליצײ־מאַשין — אװיװאָ־אַלעגרע.

— מאַלע װאָס! — האָט רױִק באַמערקט בערענזאָן.

נאָר די שװאַרצע מאַשין איז ניט אָפּגעשטאַנען.

װאָס טוט מען?

פּערײראַ קוקט אױפֿן שאָפֿער. װאָס קאָן מען װיסן װעגן אַ מענטשן, װעלכן מע זעט צום ערשטן מאָל? ער איז געװען שױן גאָר ניט קײן יונגער, אַ טונקלהױטיקער, אַ כמורנער.

מיר קוקן זיך אום — די שװאַרצע מאַשין שטײט ניט אָפּ. עס קאָן זיך שלעכט ענדיקן. אָט איז אַ זײַטיקע גאַס, מע דאַרף פֿאַרקערעװען אַהין. ריזיקירן? פּערײראַ ריזיקירט. ער טוט אַ ריר דעם שאָפֿער באַם אַקסל.

— דו זעסט, װער עס יאָגט זיך נאָך אונדז?

— כ׳זע.

— ראַטעװע, ברודער!

— װער זײַט איר?

— מיר זײַנען קאָמוניסטן.

דער שאָפֿער האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ.

— קאָמוניסטן? לעגין?

— לעגין! — האָט געענטפֿערט פּערײראַ.

מיר האָבן געזען דעם שאָפֿערס אָנגעשטרענגט אָנגעבױגענע פּלײצע, ער האָט האַסטיק אַ קערעװע געטאָן דעם רודער, אױסגעלאָשן די פֿאַרעס, מיר זײַנען בליץ־שנעל אַרײַן אין דער זײַטיקער גאַס, זיך אַ ריס געטאָן איבער איר, װי אַ װיכער, פֿון איר אין אַ צװײטער, אַ דריטער, בלױז דער װינט האָט געפּײַפֿט אַרום אונדז.

מיר האָבן זיך אומגעקוקט — קײנער איז הינטער אונדז ניט געװען.

— זיך אַרױסגעריסן!

געזעגענענדיק זיך מיטן שאָפֿער, האָט פּערײראַ געפֿרעגט:

— פֿונװאַנעט װײסטו װעגן לעגינען?

— װעגן לעגינען װײסן אַלע, — האָט יענער געענטפֿערט און אַ דרײ געטאָן דעם רודער.

מיר האָבן בעשאָלעם זיך דערקליבן צו אונדזער הױז. מײַן ברודער און מײַן שװעסטער האָבן שױן מיט אומרו אױף אונדז אַרױסגעקוקט.

מיר האָבן זײ דערצײלט װעגן שאָפֿער.

— און װײסט איר, װער עס האָט אונדז געראַטעװעט? — האָט אַן אױפֿגעלײגטער געפֿרעגט פּערײראַ.

— דער שאָפֿער, — האָט געזאָגט ענריקאָ, — אַ טײַערער באָכער!

— נײן, דו האָסט אַ טאָעס, — האָט פּערײראַ אים איבערגעשלאָגן. — אונדז האָט געראַטעװעט לעגין.

גאָלדענע טריט

א שטערנדל פאַלט

איך פריי זיך אזוי, ווי דאָס פעלד און דער וואַלד
אין באַגינען, ווען יעטווידער טויעלע שטראַלט,
און ס'ברענט שוין א ראַנד פון די הימלען בלייך־בלויע,
און ס'פּלאַסטערט די זון שוין איר וועג צום זעניט
מיט גאָלד פון די אייגענע טריט.

ס'איז גוט מיר אזוי, ווי דעם פעלד און דעם וואַלד
אין פאַרנאַכט, ווען די זון, א פאַרליבטע, פאַרהאַלט
דעם טאָג נאָך א שאָ, און פאַרמאַכט ניט איר טויער,
און שיט רויטע רויזן אים אונטער די טריט,
און יעטווידער טויעלע גליט.

ס'איז ווויל מיר אזוי, ווי דעם פעלד און דעם וואַלד
אין באַנאַכט, ווען פון יעטווידן ווינקעלע פּראַלט
מיט סאָד פון פאַרקישעפטן אייביקן דויער,
און ערגעץ פון הייך מיט פאַרבענקטן געמיט
פאַרכאַלעמט א שטערנדל פליט...

● ● ●

עס האָט נאָך מײַן אויג ניט פאַרדײַעט די שקיִע —
און ס'קומען פון ערגעץ שוין ווינטעלעך פריִע
און וויגן דעם טוי אויף גראָז פון באַגינען,
און כ'קען ניט געפינען,
ווו אַנהייב, ווו סאָף איז,
און בילד־שיין
און ווילד־שיין
א כאָלעם אַן שלאָף איז...

פאַר אַלץ אומגעריכטס בין איך ברייט היינט צעעפנט:
וואָס קאָן דען אין שאָען אזעלכע ניט טרעפן?..
אז ס'צאַפּלט די וועלט זיך
אין שיקערן פיבער,
און ס'זינגט א פאַרבענקטע
די שטילקײַט די ווײַסע
און וואַרט אַלץ אויף ווונדער — א קינדערשע מײַסע,
וואָס גיסט איבער ראַנד זיך מיט „פלוצלינגס" אַריבער...

איך זיץ בײַ מײַן אָפענעם פענצטער פאַרוווּנדערט:
איך זע דאָך, ווי ערגעץ דאָרט ווײַט
און נאָך ווײַטער
טאַנצט אויס ערשטן טאָג פון איר ערשטן יאָרהונדערט
(די שאָ, וואָס עס האָט זי פון זון אָפּגעזונדערט)
די ערד, און זי וויל מיט דער זון זיך ניט שיידן,
און כ'זע איר אינדזיאַנישן טאַנץ איבער שפּײַטערס —
א טאַנץ, וואָס ער קאָרטשעט אין ווייטעק און פריידן...

און כ׳זע, ווי עס שפּאַנט
איבער זילבערנע דעכער,
פאַרהילט אינעם זילבערנעם נעפּל, וואָס שימערט, —
אַ ברענגער פון בסורעס...
אָט שטילער,
אָט העכער,
ער קלאַפּט שוין מיט גוווּרע
אין טיר פון מײַן צימער...
כ׳הייב אויף מיך און גיי... —
איך בין אַלץ נאָך ניט זיכער,
אַז ס׳קלאַפּט דאָס מײַן האַרץ איצט
אַ ביסעלע גיכער...

גוט און שיין

ווען איך בין אַנומלט געזעסן אַליין
פאַרנאַכט לעבן פענצטער, —
מיט שטיפערשן טראָט
איז איינע אַ ליכטיקע יונגע מינוט
געקומען פון פרילינגן ווײַטע צו גיין
און האָט אײַנגערוימט מיר אין אויער אַ סאָד:
און איך האָב מיט איר זיך ניט שפּאָרן געוואָלט:
דער אָוונט מײַן שויב מיט רובין און מיט גאָלד
און קישעף פון בענקשאַפט האָט לאַנגזאַם
געמאָלט...
דער ווינט — אַזאַ אומרו, ווי ס׳האַרץ מײַנס — האָט אויך
אין שויס פון אַקאַציע־געבלעטער גערוט.
טשײַקאָווסקיס נאָקטירן
האָט ערגעץ ניט הויך
אַ פידל געזונגען מיט האַרציקן כּיין —
און אַלץ אַרום מיר
איז געווען אַזוי גוט,
און אַלץ איז געווען אַזוי שיין...
איך מיין,
אַז אַלץ, וואָס איז שיין,
איז אויך גוט,
און אַלץ, וואָס איז גוט,
איז אויך שיין...

דאָס מיידל באַם פענצטער

ווער אָנרופן קען אַלע פאַרבן באַם נאָמען,
ווען ס׳פלאַקערט אין מײַרעוו דער פרילינג־פאַרנאַכט!
עס פירט דאָרט דער טאָג מיט דער נאַכט אַ מילכאָמע
און גלייבט, אַז ער האָט ניט פאַרשפּילט נאָך די שלאַכט.

ער שטייט נאָך אין פײַער פון שווערן געראַנגל
און פילט ניט, ווי ס׳ליכט אין זײַן האַרצן פאַרגייט...
...באַם אָפענעם פענצטער, פון אומרו געפאַנגען,
אַ מיידל דעם טאָג דעם פאַרשפּילטן באַגלייט.

דער קאָפּ — אינעם ראָזיקן אַטלעס פון דלאָניעס,
די אויגן — אין יונגן, אין בלווילעכן צווויט.
אַף איר פון בורשטין־צעפּ געפלאָכטענער קרוין איז
אַף פונקען צעשפּליטערטע זון־גאָלד צעשיט.

און ס׳האַרץ אירס — נאָך נעכטן אַ ליכטיקע לאָנקע,
שוין הײַנט — אַ געדיכטער, פאַרטײַטער וואַלד... —
אַ צאַפּל אַזאַ האָט געמאָלדן דעם אָנקום
פון עפּעס, וואָס רײַסט זיך אַרײַן באַלד מיט גוואַלד!

זאָל, מיידל, זיך לעשן דאָס לעצט־שמאָלע שטעגל,
ווו ס׳גייט שוין דער טאָג אָפּ, אין שאָטנס פאַרהילט, —
און דו גיי דײַן העלן באַגינען אַנטקעגן:
דו האָסט נאָך קיין איינציקע שלאַכט ניט פאַרשפּילט...

מײַן װײַטע קאַטערינקע

ס׳האָט א שײנער כאָלעם מיך געטראָפן —
און עס איז מיר הײמלעך און פאַרדריסלעך:
זיבן צענדליק יאָר ביסט דורכגעלאָפן,
קינדהײַט מײַנע, אַף די פלינקע פיסלעך
און געבראַכט מיר פרילינג־זון און גרינקײַט,
און געבראַכט — אַן אַלטע קאַטערינקע.

װי ביסטו אַדורך אַזאַ מעהאַלעך
און דורך הױכע שיפּע בערג פון יאָרן!
פון די בערג צו דיר אין שױס גלײַך פאַל איך,
גרױס־מעכאַשעף מײַנער — מײַן זיקאָרן:
לױפט א לעבן דורך אין קורצע רעגעס,
און אַלײן מיט פליגל יעדער װעג איז...

...גרױסע שװאַרצע אױגן. באַרװעס. מאָגער,
שטײ איך אין מײַן לאַנג פאַרגאַנגען שטעטל...
אַפן קאַסטן — גרינער גױרל־זאָגער
פּיקט אַרױס א צעטל נאָך א צעטל.
כ׳עס דעם פּאַפּוגײַ מיט זשעדנע אױגן:
כ׳זע דאָס ערשטע מאָל אַזאַ מין פױגל.

ס׳שפּילט די קאַטערינקע — אינעװײניק
אין מיר... און מײַן פּענעמל צעפלאַמט זיך.

נײַן, מיך אַרט נישט, ס׳גײט מיר אָן גאַנץ
װײניק,
װאָס עס האָט מאַרוסיע אָפּגעסאַמט זיך[1],
נאָר דער ניגן, אױ, די בענקענדיקע קלאַנגען!
װי דאָס האַרץ אין מיר װאָלט זיך פאַרגאַנגען...

בלױ און גרין געקלײדט געװען איז סיװון
און מיט בלױען בעז אין בײדע לאַצן...
אינעם שפּיל־קאַסטן דעם אַלטן, פּרימיטיװן
הער איך עפּעס װוּנדער־קנאָספּן פּלאַצן,
און אין יעדן קנאָספּ א קלאַנג עס טליִעט...
(האָט אין מיר א ליד שױן דאַן שאַריִעט?)

און — איך טאַפּ דעם קאַסטן אַלץ בישטיקע:
װוּ אין אים דער קישעף ליגט, דער איקער?..
...הײַנט װײס איך גוט, װאָס קלאַנג און ריטם
עס באַטײַטן.
כ׳קען דעם אָרגלס ברױז, דעם פידלס דינקײַט.
נאָר עפּעס רירט אַזױ, װען זי קומט אָן
פונװײַטן —
מײַן אַלטע אומעטיקע קאַטערינקע!

[1] „מאַרוסיע האָט געסאַמט זיך“... — אַן אַלטע ליד פון די קאַטערינשטשיקעס.

דער אורערשטער דיכטער

— װי האָט ער געהײסן — דער אורערשטער דיכטער?
װוּ האָט ער זײַן פײַער געהאַקט פון א שטײן?
דו מוזט דאָך אַלץ װיסן: דו הײסט דאָך געשיכטע,
באַ דיר אין זיקאָרן טאָר קײן זאַך פאַרגײן!

װוּ האָט דער פּאָעזיעס ראָבינזאָן קרוזאָ
די קערנער די ערשטע פאַרזײט פון א ליד?
און װער איז געװען זײַן נאַיִװ־פּראָסטע מוזע:
די בענקשאַפט פון װאַלד? פונעם פױגל דער פּלי?

צי עפּשער זײַן ערשטלינג־זיג איבער א כײַע,
װען ער האָט זײַן אױבערהאַנט גליקלעך דערפילט?
און עפּשער אין פרילינג די זון האָט, א טרײַע,
געלערנט אים טאָקן פון װאָרט זײַנס א בילד?

קען זײַן, אַז באַם יאַם האָט פאַרכאַפּט אים דעם אָטעם
די גװוּרע, װאָס האָט ניט קײן סאָף און קײן ברעג?
און עפּשער מיט װײ־ליד א קלעם געטאָן האָט אים
דאָס בלוט פון זײַן ברודער אַף יעגערשן שטעג?

צי עפּשער שױן כאַװע, אַזאַ אומגעריכטע,
געבראַכט האָט דאָס ליד אַף די װילד־שײנע הענט?..
...מיט שמײכעלע שולדיקס מיר ענטפערט געשיכטע:
— איך װײס ניט... כ׳האָב דאַן נאָך ניט שרײַבן
געקענט...

בוקאָווינע. הארבסט. כאַסענעס

ס׳איז שוין טאַקע הארבסט, כאָטש
ס׳זײַנען
גרין די ביימער, און עס שײַנען
די באַגינענס, די פאַרנאַכטן,
ווי אַפּרעל וואָלט ערשטן לאַך טאָן...

כ׳טרעף דעם הארבסט אַף אַלע וועגן —
ס׳פירט מײַן אופגעריכטע געגנט
אויצרעס פרוכט און ווײַסברויט פרישן,
פּעסער ווײַן פאַר יאָמטעוו־טישן.

און פון דאָרפישע ארומען
אַף פאַרפּוצטע אוטאָס קומען
אָפּטער אַלץ אין שטאָט צו פאָרן
יונגע כאָסן־קאַלע־פּאָרן.
גייען זיך פאָטאָגראַפירן,
ברענגען זייער פרייד צו פירן

און דעם שמייכל דעם נאַיוון
צו די פאָטאָ־אָביעקטיוון...

מיט געזונטער פאַרב און באַקן
און מיט שטײַפן גלײַכן נאַקן,
גוט געקליידטע, טיף דערפרייטע,
טאַטע־מאַמעס שפּאַנען ברייטער

צו די מאַגאַזינען פולע
(אין די אויגן — נאַכעס, גדולע),
פאַר די כאָסן־קאַלעס קויפן
אַלץ — וואָס מער: מיט פולע הויפנס...

איז שוין טאַקע הארבסט! אין שײַער
די גערעטעניש די נײַע
שמעקט מיט פרישע זאַפט און קויעך —
און עס פילט מײַן הארץ דעם רייעך...

הײמװײ

איך האָב פרײַנט א סאַך
איבער לאַנד און יאַם,
פון דער זעלבער שפּראַך,
פונעם זעלבן שטאַם,
ס׳האָט דער זעלבער רוים,
און די זעלבע ערד
מיט א שיינעם טרוים
אַלע אונדז גענערט.
און די זעלבע נויט
האָט דעם וועג פאַרשטעלט —
און גאָר יונג צעשפּרייט
איבער גאָר דער וועלט.

דאָך אין הארצן טיף
זײַנען מיר באַנאַנד —
שרײַבן זיי מיר בריוו
מיט פאַרבענקטער האַנט.
און דעם זעלבן גרוס
יעדער בריוו מיר ברענגט:
...כ׳וואָלט מײַן מידן פוס
הײַנט נאָך אָנגעשטרענגט
און דעם ווײַטסטן וועג
מונטער דורכגעשפּאַנט,

כאָטש אין לעצטע טעג
צו דערזען דאָס לאַנד,
און די אַלטע שטוב,
וואָס האָט מיך געוויגט,
ס׳בערגל איבער גרוב,
ווו די מאַמע ליגט.
כ׳ווייס: ס׳איז קיינער דאָרט
נאָכן גרויסן בראַך
שוין נישטאָ! נאָר — ס׳אָרט
איז געבליבן דאָך!...״

לייען איך — און שווער
טיף דעם קאָפּ פאַרנויג,
און א שטילע טרער
צינדט זיך אָן אין אויג.
אזוי פײַנלעך־זיס
בענקט א קינד דאָך בלויז,
ווען די מאַמע איז
ווו אַף לאַנג ארויס,
נאָר איר קאָל עס הערט
קלאָר אזוי דורך ווײַט...
און איך בענטש מײַן ערד,
און איך בענטש מײַן צײַט!

די ווײַסע וואָראַנע

1

אזוי פּאוואָליע און ניט געכאַפּט איז שוין אדורך, קיין אײַנהאָרע, א גאנצע וואָך, זינט מיר האָבן זיך פארקליבן אהער, צום שווארצן יאם, און זיך גאנץ שיין אײַנגעאָרדנט אינעם געראמען נײַעם קאָרפּוס, וואָס איז געהאנגען א לײַכטער, א ווײַסער, א דורכזיכטיקער אפן סאמע ראנד פונעם הויכן ברעג און האָט געמאכט אן אײַנדרוק, אז אָט־אָט וועט ער א שפּרונג טאָן אין די זויבערע כוואַליעס.

פאר דער קורצער צײַט איז דאָ אלץ געוואָרן היימיש און באקאנט. דער פארשיידנארטיקער עולם, וואָס האָט זיך צונויפגעזאמלט פון אלע עקן לאנד, איז שוין געווען צווישן זיך היימיש, ווי מע וואָלט דאָ געווען צוזאמען ווייסעך וויפל כאדאָשים!

און טאקע, ווו נאָך ווערט מען אזוי שנעל באקאנט און באפרײַנדעט, ווי באם יאם, אף די זילבערנע פּליאזשן, ווו מע בראָט זיך גאנצע טעג אונטער דער פאַליענדיקער זון, און מע פּליוסקעט זיך אין די וואסערן, ווו מע ווערט שיר ניט פארכלינעט פון פארגעניגן?

ביסלעכווײַז האָבן זיך שוין באוויזן אויספּרעמען קלענערע און גרעסערע גרופּעס. מע האָט שוין אויך געוווּסט אײנער דעם צווייטנס כאַלאסן, געשמאקן און געוווינהײַטן.

מע האָט שוין געוווּסט, ווער וועט נעמען אפן אקסל עטלעכע ווענטקעס און זיך אוועקלאָזן אין די שטילע קאיאָרן כאַפּן ביטשקעס און סקומבריעס, ווער עס וועט ביז קאָפּווייטעק זיצן אָנגעשפּארט איבערן שאָך־ברעטל, פאנאנדערקלײַבנדיק א שווערע און פארפּלאָנטערטע אויפגאבע, ווער וועט זיך פארליבן איבער די אויערן און אָנווערן סײַ דעם שלאָף, סײַ דעם אפּעטיט, ווער וועט ארומגיין און בורטשען, אז דער באָרשטש איז איבערגעזאלצן און די טיי — צו קאלט...

קיין סוידעס זײַנען דאָ ניט געווען. קיין רעטענישן — אויך ניט! אלץ און אלע — ווי אף דער דלאָניע.

די הויפּט־באַלעבאָסטע פון דעם נײַעם קאָרפּוס איז געווען די מומע זאָסיע, א דיקע שווארצכיינעוודיקע פרוי אין די יאָרן, וועלכע האָט אָנגעפירט און קאָמאנדעוועט מיט עטלעכע אופראמערנס און צוגעייגנט זיך די רעכט זײַן דאָס אייבערשטע פונעם שטייסל איבער אלע, וואָס האָבן דאָ גערוט.

זי, די מומע זאָסיע, א מוירעדיק נײַגעריקע, האָט געוווּסט פון אלע שווערע הערצער און מײַסע באַלעבאָסטע זיך ארײַנגעמישט אין יענע איניאָנים, וועלכע האָבן צו איר ניט געהאט קיין שום שײַכעס. זי האָט געלאָזט אין קאָן איר שארף צינגעלע אין דער צײַט, ווען זי וואָלט בעפּיירעש געדארפט זײַן טויב און שטום.

אָבער אזא כאַלאס האָט זי פארמאָגט, די מומע זאָסיע, און גיי טו עפּעס מיט איר!

איז זי טאקע די ערשטע טעג געווען אכזאָריעסדיק צו די אָפּרוענדיקע.

איז זי טאקע אלעמען דערגאַן די יאָר, לעמײַ מע פּילט ניט אויס אלע קלאָלים פון רעזשים. לעמײַ מע קערט זיך אום פון שפּאציר נאָכן „אָטבאָי”, דאָס הייסט נאָך עלף, ווען זי פארהאקט שוין די טיר. לעמײַ שפּאצירט מען צו שפּעט און מע פארהאלט זיך אין די טונקעלע אלייעס אונטער די פּלאטאנעס.

די מומע זאָסיע האָט עס איבערגעלעבט מער ווי די גאנצע אדמיניסטראציע פון אָפּרו־הויז. וואָס הייסט עס, — האָט זי זיך ניט געקאָנט באַרויִקן, — די פּראָפארייניען פּאטערן א מאיאָנטעק אף אויסהאלטן דאָס הויז, קעדיי אירע מיטגלידער זאָלן זיך גוט אויסרוען, נעמען אף זיך וואָג, זיך פירן רויִק און סטאטעטשנע, און דאָ, לאָזט זיך אויס, פארנעמט מען זיך מיט נארישקײַטן, מיט ליבעס, פלירטן, שפּילעכלעך, מיט פיש. גאנצע טעג האלט מען אין איין לאכן, זיך כאָכמענען, שפּרינגען און טאנצן, ווי די ציגן!

ווען עס איז אין איר געווענדט, וואָלט זי דאָ געהאלטן א ספּעציִעלן מענטשן, וואָס זאָל נאָר קוקן נאָך די אָפּרוענדיקע און דערנאָך אָנשרײַבן א כאראקטעריסטיק אף יעדן אָפּרוענ־

דיקן באזונדער און זי אַפּשיקן צו יעדן איינעם אַף דער ארבעט!

אַט דעמלט וואָלט געווען א דיסציפּלין און יעדער איינער וואָלט געוווסט, וויאַזוי ער דאַרף זיך פירן! אויב ער האָט באַקומען א פּוטיאָווקע אַף פאַרדינטן אורלויב, טאָ זאָל ער וויסן, ווי מע דאַרף רוען.

די מומע זאָסיע האָט איר פּלאַן לאַנג אויסגעוואָרעמט אין איר הארצן און אים ארויסגעבראַכט אפילע פאַר דער אדמיניסטראַציע אַף איינער פון די בעראַטונגען, נאָר מע האָט אָפּגעהויבן אַזאַ געלעכטער, אַז זי האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן פון איר פאַרטראַכט.

איצט קוקט זי אַליין נאָך, אַף וויפל עס לאָזט זיך, און באַמיט זיך, דער אוילעם זאָל ניט שפּאַצירן שפּעט און אונטערהאַלטן די דיסציפּלין.

זי פירט א מעסירעסנעפּעשדיקן קאַמף מיט יענע, וואָס הערן זי, ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי. נאָר כוץ גוטמוטיקע שמייכלעלעך און וויצן, רופט עס בא קיינעם ניט ארויס.

אירע טײַנעס הערט מען טאַקע אויס גאַנץ אופמערקזאַם, מע שאָקלט צו מיט די קעפּ, ווי איינער רעדט — אוואַדע גערעכט, מומע זאָסיע. דאָס וועט שוין זײַן דאָס לעצטע מאָל. נאָר כעוורע האָבן לעכעריקע מויכעס און מע פאַרגעסט גלײַך, וואָס מ'האָט מיט זיי אײַנגעטײַנעט. ווי נאָר עס לאָזט זיך אַראָפּ די נאַכט און די זילבערנע אָדער גאָלדענע לעוואָנע באַווײַזט זיך איבערן יאַם, צעשײַנט זיך מיט אירע טויזנט ביינען, אַזוי צעפליסט זיך דער אוילעם איבערן שיינעם ברעג, איבערן געדיכטן פּאַרק, און פּרווו, זײַ א בעריע, פאַרטרײַב עמעצן אין די פּאַלאַטעס שלאָפן.

און די מומע זאָסיע פאַרהאַקט שוין ניט, ווי די ערשטע טעג, די טיר, זיצט אין איר ווייכן שטול האַלב־דרעמלענדיק און דערמאָנט זיך, אַז אין אירע צײַטן, ווען זי איז געווען יונג, האָט מען זי אויך ניט געקענט פרי פאַרטרײַבן אין פּאַלאַטע, בעשאַס זי האָט אָפּגערוט איינעם אַפּרו־הויז. זי האָט זיך געפירט ניט בעסער און ניט ערגער, ווי אַט די כעוורע.

און ווען זי איז געקומען צו דעם געדאַנק, האָט זי דערפילט, אַז סײַ איר, סײַ זיי ווערט גרינגער אַפן הארצן און מע הייבט שוין אָן קוקן אַף איר מיט גאָר אַנדערע אויגן.

זי האָט אויך באַקומען כיישעק טרײַבן מיט די כעוורע קאַטאָווועס, לאַכן, זיך וויצלען און ניט אופּעסן זיך די גאַל, ניט ארומיאָגן איבער די אַלייעס, איבערן ברעג און דערגיין אַלעמען די יאָרן.

אין טאָג גענומען, וואָס האָט זי געקאָנט האָבן צו די פאַרברוינטע און לעבנסלוסטיקע יונגען און מיידלעך, יונגעלײַט און פרויען, וועלכע זײַנען געקומען אַף אָפּרו פון אַלע עקן לאַנד און אָנגעפּילט דאָס שיינע יאַם־ווינקל מיט יוגנטלעכן ברען, געלעכטער, שאַרפזיניקע וויצן, מיט טענץ און געפּילדער?

נאָך א גאַנץ יאָר האָרעוואַניע האָט מען ערלעך פאַרדינט דעם אָפּרו, די פרייד. און די מומע זאָסיע האָט דערפילט, ווי צוזאַמען מיט דעם לעבנסלוסטיקן פריילעכן און פאַרשײַטן אוילעם ווערט זי אויך יינגער מיט א מיטוואָך, ווערט אויך ארײַנגעצויגן אינעם נײַעם ריטם פון לעבן.

און אינגיכן האָט מען שוין די מומע זאָסיע ניט געקענט דערקענען, פּינקטלעך ווי מע וואָלט זי פאַרביטן!

עמעס, זי האָט בעשום־אויפן ניט געקאָנט זיך צוגעוווינען צו דער דריטער פּאַלאַטע. זי האָט געהאַט אַף איר הארץ. ניט, כאַלילע, אַף דער פּאַלאַטע, — דאָס איז געווען א פּאַשעטע פּאַלאַטע, ווי אַלע, — נאָר אַף אירע דרײַ איינוווינער, ריכטיקער געזאָגט, אַף אירע דרײַ איינוווינערנס...

דאָס זײַנען געווען, ווי די מומע זאָסיע האָט זיי אָנגערופן, דרײַ גראַציעס, דרײַ אַקטריסעס פון דער אָפּערע. ניט, כאַלילע, קיין גאָר געהויבענע טאַלאַנטן — דאָס האָט די אַלטיטשקע גלײַך פאַרשטאַנען. לויט זייער שטעל, לויט זייער אופירונג, לויט זייער האַנאָר האָט א זײַטיקער מענטש געקאָנט מיינען, אַז אַף דעם דרײַלינג האַלט זיך די גאַנצע וועלט, נאָר עס האָט זיך גאָר גיך ארויסגעוויזן, אַז קיינער פון זיי איז, כאַלילע, ניט מײַע פּליסעצקאַיאַ, — פּאַשעטע אַקטריסעס, וועלכע וואָלטן מיט דעם זעלבן דערפאָלג געקאָנט פאַרקויפן פּרוכטן, זײַן קאָנדוקטאָרנס אין טראַמווײַ אָדער אַפּטייקערנס אין אַפּטייק. אַלע דרײַ האָבן געהערט צום אַזויגערופענעם קאָרדעבאַלעט און אָנטייל גענומען אין די מאַסן־סצענעס. קיינער האָט ניט געטראַכט זיי לאָזן טאַנצן, ווי מע זאָגט עס, סאָלאָ.

מאָדנע בריעס! — האָט געטראַכט די מומע זאָסיע. — אַזעלכע, ווי אַט די דאָזיקע, האָט זי נאָך ניט געזען!

טאָג ווי נאַכט זיצט מען מיט די שפּיגעלעך און מע שפּיגלט זיך. מע פאַרבט זיך און מע פּעסטעט זיך. פאַר דער זון און פאַרן ווינט היט מען זיך, ווי פאַרן מאַלעכהאַמאָוועס. מע האָט זיך דערבײַ געהאַלטן אין איין קריגן און שטורכען זיך, ווי די הענער אַף די סידעלקעס. וואָס איז געווען די סיבע פון די קריגערײַען און אַמפּערנישן, האָט די מומע זאָסיע ניט געקאָנט דערגיין.

נו, און אַז די מומע זאָסיע, פאַר וועלכער עס זײַנען קלאָל קיין סודיעס ניט געווען, האָט זיך שוין ניט געקאָנט דערוויסן, דאַרפט איר פאַרשטיין, אַז עס איז עק וועלט!

און דאָך האָבן זיך אַלע דרײַ טענצערנס גע־

האלטן צוזאמען — שטאָל און אײַזן! דערבײַ האָבן זיך אלע דרײַ געהאלטן אָפּגעזונדערט פון די ארומיקע אָפּרוענדיקע: פּאָרט טענצערנס, — ווער איז דען דאָ געווען גלײַך צו זיי?

די עלטסטע פון דעם דרײַלינג איז געווען מירע, אָדער, ווי זי האָט געפּאָדערט, מע זאָל זי רופן — מיראָסלאַווע שפּאַק־קאָוואַליק, — א לאנגע, דארע פרוי, הויט־און־ביין. זי איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט יאָרן, נאָר געוואָלט אויסזען יונג און דערפאר ארויסגערופן א שמייכל בא אלעמען. זי איז געווען באַרויגעז אפן טעאטער און אף דער גאנצער וועלט, געהאלטן, אז מע דערשאצט זי ניט, און צוליב מיספארשטייעניש גיט מען איר קיינמאָל קיין פײַנע ראָל ניט.

בא דער דאָזיקער מיינונג האָט זיך אויך געהאלטן איר באגלייטערן, דעבאָרע צירולניק, ניט, כאָלילע, וועגן ניט דערשאצן די פייִקייטן פון איר כאווערטע, נאָר דערפאר, וואָס מ׳האָט זי, דעבאָרען, ניט דערשאצט, דערצו נאָך האָט מען זי ערשט ניט לאנג איבערגעפירט אין כאָר, ווײַל זי איז געוואָרן דיק, און טאנצן איז איר שוין געווען שווער... מע קאָן ניט זאָגן, אז זי האָט פארמאָגט א שיינע שטים, נאָר אין כאָר האָט זי ווי־ניט־איז געזונגען. ביז דער פענסיע וועט מען זיך שוין מוזן מיט איר מוטשען אין טעאטער. וואָס קאָן מען טאָן?..

די דריטע פונעם דרײַלינג איז געווען נאטע צערעטעלי, א בלאָנד־געפארבטע, קליינוווקסיקע טענצערן מיט צוויי גרויסע קארע אויגן און שווארץ־פײַערדיקע ברעמען, וואָס האָבן געקענט אראָפּפירן מאנצבלען פון זינען אָדער פונעם גלײַכן וועג.

אויך איר איז ניט באשערט געווען זײַן צווישן די אויסגעשפּילטע טענצערנס. בא מאנצבלען האָט זי געהאט א גרעסערן דערפאָלג, ווי בא דער קונסט.

דאָ, אין אָפּרו־הויז, האָט זי זיך געפירט, ווי אירע כאווערטעס, שטיל, נאָר מיט גײַווע, און זיי נאָכגעפאָלגט, געטאָן דאָס, וואָס זיי.

מע קען ניט זאָגן, אז דער דרײַלינג זאָל צו זיך ניט געווען צוציִען די אופמערקזאמקײַט פון פיל אָפּרוענדיקע. פארקערט! דאָס, וואָס אלע דרײַ האָבן זיך אָנגערופן אקטריסעס, דערבײַ נאָך פון דער אָפּערע, האָט שוין געצוווּנגען דעם געוויינלעכן אוילעם קוקן אף זיי מיט אכטונג. נאָר אזוי ווי פון זייער זײַט, פונעם דרײַלינגס, הייסט עס, איז געגאן א קעלט, האָט מען זיי גאָר אינגיכן געגעבן אָנצוהערן, אז זיי זײַנען גאָר ניט אזעלכע צאצקעס, און אז מע קאָן זיך זייער שיין באגיין אָן זיי! און ווי מע וואָלט זיך צונויפגערעדט, האָבן אלע געמאכט דעם אָנשטעל, אז מע באמערקט זיי אפילע ניט, זאָלן זיי זיך פירן, ווי זיי גלוסט זיך, און אויס! זאָלן זיי זיך ניט בלאָזן, ווי די אינדעקעס, אזעלכע אקטריסעס האָט מען שוין געזען, כאָטש צו דער קונסט האָט מען ניט קיין שײַכעס!

און אזוי צוביסלעך האָבן זיך אין קאָרפּוס אויסגעפורעמט צוויי לאגערן: פון איין זײַט דער דרײַלינג און פון דער צווייטער — דער פרייילעכער, לעבנסלוסטיקער אוילעם, וואָס האָט פארפולט אלע ווינקעלעך פונעם פּארק, פונעם ברעג מיט הילכיקן געלעכטער, געזאנג, טענץ, שארפע וויצן, אזוי ווי די בארימטע שטאָט אָדעס קאָן זיך עס פארגינען!

אזוי איז דאָס לעבן ארײַן אין זײַן געוויינלעכער קאָלייע, און געדאכט האָט זיך, אז אזוי וועט זיך עס ציִען א גאנצן כוידעש.

אָבער כאפּט זיך ניט! ווארט א ווײַלעטשקע!

עס איז פארבײַ א גאנצע וואָך. אין איינעם א שיינעם זומער־פרימאָרגן איז אהער אראָפּגעקומען א באיאָרטער פארשוין אין א שטרויענעם אלטמאָדישן קאפעליוש, אין א שווארצן אָנצוג, פארשפּיליעט אף אלע קנעפּ, און, ניט געקוקט אף דער גרויסער היץ, האָט ער ניט אראָפּגענומען זײַן טונקעלע „באבאָטשקע” פונעם האלדז.

דאָס לענגלעכע געקנייטשטע פּאָנעם האָט אויסגעזען בייזלעך. מעגלעך, אז ער איז גאָר ניט געווען אזא בייזער, — דאָס האָבן די קורץ־געשוירענע גראָווע וואָנצעס צוגעגעבן דעם פּאָנעם זײַנעם אזא שטרענגקײַט.

אין דער פעסטער האנט האָט ער געטראָגן אן אלטן אָפּגעריבענעם סאקוואָיאזש, און דאָס האָט אים געמאכט ענלעך אף אן אויעזדנעם פעלדשער.

דער אוילעם האָט דעם קליינוווקסיקן געפּאקטן אלטיטשקן באגלייט מיט דערשטוינטע בליקן. קיינער האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, אז מיט זײַן קומען אהער וועט זיך דאָ אופהייבן א גאנצער טאראראם.

צווישן די פריילעכע און פארפּאליעטע, צעכראסטעטע און טומלענדיקע יונגען, מיידלעך, יונגעלײַט און פרויען, ווי אויך צווישן די אײַנוווינער פון דער דריטער פּאלאטע, איז דער פארשוין געווען, ווי א ווײַסע וואָראָנע.

און די אייביק אומצופרידענע און אָנגעדרודלטע מיראָסלאווע שפּאַק־קאָוואליק האָט דעם אלטן טאקע גלײַך אזוי אָנגערופן:

— די ווײַסע וואָראָנע...

דעבאָרע צירולניק האָט זי, פארשטייט זיך, אונטערגעהאלטן.

נאטע צערעטעלי — אוואדע.

דער ארומיקער אוילעם האָט צופרידן אונטערגעשמייכלט:

— א ווײַסע וואָראָנע אין אונדזער קאָרפּוס...

2

די מומע זאַסיע האָט געהאַט אַן אַרבעט — אין איינער פון די איבערפולטע פּאַלאַטעס אַרײַנרוקן נאָך איין בעטל פאַרן נײַעם גאַסט. זי האָט זיך לאַנג געבראַכן דעם קאָפּ: ווו געפינט מען פאַר דעם פאַרשוין אַ מאָקעם־מענוכע? מיט גרויסע צאָרעס און מאַטערנישן האָט זי אַרײַנגערוקט זײַן בעטל אין דער פערטער פּאַלאַטע, דאָס הייסט בישכיינעס מיט די דרײַ אַקטריסעס. קיינער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט דער אַלטיטשקער, דער שטילער און גאַנץ באַשיידענער מענטש, אַזוי ניט נויסע־כיין געוווען באַם דרײַלינג? אַ מענטש, וואָס איז גאָט די נעשאָמע שולדיק, האָט פון דער ערשטער מינוט געכאַפּט אַף זיך אומצופרידענע בליקן פון דרײַ פרויען, אַף וועלכע ער וואָלט איך געקענט, ווען ער וויל נאָר, קוקן קרום, לעמײַ מע איז אַזוי גרויס באַ זיך, אַזוי געפאַרבט און אַזוי מאָדנע אויסגעפּוצט. נאָר דאָס איז ניט זײַן זאַך. זיי זײַנען אים ניט געלעגן אַפילע אין דער לינקער פּיאַטע.

נאָר דערפאַר האָט דער דרײַלינג ניט געקאָנט באַהאַלטן די רעציכע. באַ יעדער באַגעגעניש האָבן זיי אים יעכידנע אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס, געוואָרפן שטעכווערטלעך:

— טאַקע נאָר אַזאַ קאַוואַלער גייט דאָ אָפּ! — האָט זיך פאַרקרימט שפּאַק־קאַוואַליק.

— ניט געקאָנט זיצן אין שטוב לעבן דער אַלטיטשקער זײַנער? — האָט געקרימט די פּעטגעפאַרבטע ליפּן דעבאָרע צירולניק.

— אַנשטאָט גיין אין זקיינים־הויז האָט ער פאַרבלאָנדזשעט אַהער...

ער האָט מיט איין אויער געכאַפּט די שטעכווערטלעך, נאָר ניט געלייגט קיין אַכט אַף דעם, און קעדיי דערגיין די מוידן די יאָרן, האָט ער פּאַמעלעך געבלאָנקעט איבער די שטילע אַלייעס, אונטערבאָמקענדיק זיך אונטער דער נאָז ניגונים פון אַלטע אָפּערעס.

דאָס האָט דעם דרײַלינג אינגאַנצן אַרויסגעשלאָגן פון די קיילים.

— איר הערט, ער איזדיעקעוועט זיך נאָך!

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט דער דרײַלינג באַמערקט באַם פרישטיק, ווי מע האָט צו זייער טישל צוגעשטעלט נאָך איין שטול. צעמישט זײַנען זיי געבליבן זיצן, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז פאַרן אַלטן.

זיי זײַנען געוווען אויסער־זיך. ניט דערוואַרט, אַז מע זאָל זיי אָפּטאָן אַזאַ מיִעס שפּיצל. טאַקע, נאָר ער פעלט זיי פאַר אַ שאָכן! ניט געקאָנט פאַר זיי צוקלײַבן אַ יינגערן? ניט אַנדערש, אַז עמעצער איזדיעקעוועט זיך איבער זיי. נישקאָשע, מע וועט דערגיין ביז צום דירעקטאָר, נאָר מע וועט זיך דערשלאָגן, מע זאָל דעם אַלטן פון זיי צונעמען!

דער דרײַלינג, ווי מע וואָלט זיך צונויפגערעדט, האָט ניט אויפגעהערט אָפּשפּאָטן פונעם שאָכן. דאָס געפעלט זיי ניט, ווי ער האַלט דעם גאָפּל מיטן מעסער, דאָס געפעלט זיי ניט, ווי ער כליעפּטשעט דעם באָרשטש, דאָס בייזערן זיי זיך אַף אים, לעמײַ נעמט ער צונויף פון טיש די ביינדלעך און האָדעוועט די הינט, וואָס קומען צו דער קיך און לאַשטשען זיך צום אַלטן.

זיך דערוווּסט וועגן דעם שיינעם קאַבאַלעספּאָנעם, וואָס עס האָט געקראָגן דאָ דער אַלטיטשקער מיטן שטרויענעם קאַפּעליוש, איז די מומע זאַסיע געוואָרן אויפגעבראַכט: וואָס הייסט? וואָס זשע, ער האָט ניט קיין רעכט אָפּרוען פונקט אַזוי, ווי די דרײַ גראַציעס? ער איז ערגער פון אַלעמען? וועער ער זאָל ניט זײַן, האָט ער, זעט אויס, מער רעכט, ווי זיי — רויק און פײַן אָפּרוען באַם יאַם!

און ווען זי האָט שוין ניט געקאָנט אויסהאַלטן פון זייערע וויצן און שמייכעלעך, האָט די מומע זאַסיע אַ דאַבער געטאָן:

— זאָגט מיר נאָר, מײַנע טײַבעלעך, וואָס האָט איר זיך אָקלעפּעט אין אַן עלטערן מענטשן? וואָס זשע, איר מיינט, אַז אייביק וועט איר זײַן אַזוי יונג און שיין?..

— וואָס זשע האַלט ער זיך אַזוי שטאָלץ און רעדט ניט מיט אונדז, ווי ער זאָל זײַן אַ פּראָפעסאָר? — האָט זיך אָנגערופן נאַטע צערעטעלי.

— און פונוואַנען ווייסט איר, עפּשער איז ער טאַקע אַ גרויסער מענטש? — זי האָט מאַמזעריש אַ פּיר געטאָן מיט די טונקעלע פאַרזשמורעטע אויגן און צוגעגעבן: — עפּשער טראַכט ער צו מוזיק? איר הערט דען ניט, ווי ער באָמקעט די גאַנצע צײַט ניגונים? און אַ מענטש, אַז ער טראַכט, איז פונקט, ווי אַ פרוי, וואָס דאַרף געבוירן אַ קינד — מע טאָר זי ניט טשעפּען, אַזוי איז מיט אים...

— עפּשער איז ער טאַקע אַ קאָמפּאָזיטאָר, מומע זאַסיע? — האָט אַרײַנגעשטעלט דעבאָרע צירולניק.

— מעגלעך, אַ קאָמפּאָזיטאָר, וואָס טראַכט צו אָפּערעס... — האָט איבערגעשלאָגן די מומע זאַסיע און זיך גלײַך געכאַפּט, דערמאָנענדיק זיך, אַז דער דרײַלינג טאַנצט אָדער זינגט אין דער היגער אָפּערע און זיי קלאָגן זיך די גאַנצע צײַט, אַז מע גיט זיי ניט קיין גוטע ראָלן און מע העכערט זיי ניט דאָס געהאַלט, די קאַטעגאָריעס, און שולדיק אין דעם איז בלויז דער נײַער דירעקטאָר.

נאָך אַ לאַנגער פּאַוזע האָט די מומע זאַסיע אַ וווּנק געטאָן פאַרעטעריש צום דרײַלינג און געזאָגט:

— יאָ, הייסט עס, ווייסט איר ניט, ווער דער מענטש מיטן קאפעליוש איז?

— ניין, ער שווײַגט, ווי א באָק, גריסט זיך ניט מיט אונדז, כאָטש ער זיצט בא אונדזער טישל שוין א וואָך צײַט. א מאָדנער פארשוין, — האָט צוגעגעבן שפאק־קאָוואליק.

— אהא, אָט דאָ טאקע שטעקט דער הונט באגראָבן! — האָט זיך דערפרייט די מומע זאָסיע. — אָט דער אלטער וואָלט אײַך אלעמען געקאָנט קומען צוניץ...

— וואָס הייסט?

— אָט דאָס הייסט! וויאזוי איז די פאמיליע פון אײַער דירעקטאָר? לושקין? נו, דער נײַער דירעקטאָר פון אײַער טעאטער? — און ווי זי זאָל דעם דרײַלינג אײַנרוימען א גרויסן סאָד, צוגעגעבן: — איז אָט דער מענטש, פון וועלכן איר שפאסט אזוי, איז דעם דירעקטאָרס אייגענער פאָטער...

— וואָס רעדט איר?!

— אָט דאָס, וואָס איר הערט! — האָט א זאָג געטאָן די מומע זאָסיע און קעדיי ניט אויסשיסן קיין געלעכטער, קוקנדיק אף די איבערגעשראָקענע פענעמער פון די דרײַ טענצערנס, אוועק אין עק קאָרידאָר, זיך פארקליבן אין א ווינקל.

דער דרײַלינג איז געבליבן שטיין אָן לאָשן, ווי פארכאלעשטע. הערט נאָר א מײַסע! דעם דירעקטאָרס פאָטער! אזא מענטש זיצט מיט זיי בא איין טישל, און זיי ווייסן ניט! נאָך מער, זיי שפאסן, איזדיעקעווען זיך איבער אים. עס איז גענוג, ער זאָל זאָגן דעם זון זײַנעם, דעם דירעקטאָר פון טעאטער, איין גוט וואָרט וועגן זיי, אז דער גורל זייערער זאָל אוועק גאָר אין אן אַנדער ריכטונג, אלע דרײַ זאָלן גלײַך אופגעריכט ווערן! און אָנשטאָט דעם, מע זאָל זיך באקענען און באפרײַנדן מיט אים, זײַנען זיי אים דערגאנגען די יאָרן! מע האָט נאָך אף אים, אף דעם מענטשן, אָנגערייצט זשאָרען, דעם קולטורניק, דעם לאנגן דראָנג, דעם באטלען, וואָס דארף דאָ פארווײַלן דעם אוילעם, דורכפירן קולטור־מאָסמיטלען, טענץ, לאָטערייעס און אנדערע שפילן. און אָט דער זשאָרע האָט זיך אויך גענומען טשעפען צום אלטן, לעמײַ קומט ער ניט ארויס גאנצפרי צום יאם מאכן פיזקולטור־איבונגען, לעמײַ נעמט ער ניט קיין אָנטייל אין דער זעלבסטעטיקײַט און פירט זיך גײַוועדיק, שטאָלץ, האלט זיך אָן א זײַט פונעם קאָלעקטיוו...

יאָ, מע איז שיין ארײַנגעפאלן! די דרײַ אקטריסעס האָבן זיך אופגעגעסן לעבעדיקערהייט. זע נאָר, ווי מע קאָן זיך אמאָל באנארישן! געוועזן אזא גאָלדענער פאל זיך דערנעענטערן צום דירעקטאָר! מער וועט, דאכט זיך, אזוינס ניט געשען. אזוינס טרעפט איין מאָל אין הונדערט יאָר. נאָר שרעקלעכער פון אלץ איז דאָך דאָס, וואָס דער אלטער וועט זיך אומקערן אהיים און דערציילן דעם זון, דעם דירעקטאָר, וויאזוי עס זײַנען זיך מיט אים באגאנגען די טענצערנס דעבאָרע צירולניק, נאטע צערעטעלי און שפאק־קאָוואליק, ערשט דעמלט וועלן זיי אלע דרײַ האָבן א שיין פאָנעם. עמעס, ער וועט זיי, מעגלעך, ניט מאכן קיין אויסרייד, נאָר שטילערהייט קאָן ער זיך מיט זיי צערעכענען, זיי זאָלן אפילע ניט וויסן, פונוואנען עס קומט. לעצטנס גייען ארום קלאנגען, אז מע וועט פארקירצן עטלעכע טענצערנס פונעם קאָרדעבאלעט, עטלעכע אקטיאָרן אָפשיקן אף פענסיע... און, דאכט זיך, אז אלע דרײַ פאלן זיי ארונטער אונטער די דאָזיקע ארטיקלען. אזוי זיך באנארישן!

זיי זײַנען דעם גאנצן טאָג ארומגעגאן אָן קעפ, זיך געהריזעט, באשולדיקט איינע די אנדערע אין די שפיצלעך, וואָס מע האָט אָפגעטאָן דעם אלטן. אינדערעמעסן זײַנען שולדיק געוועזן אלע דרײַ: איינע האָט ערגעץ באהאלטן זײַן קאפעליוש, א צווייטע האָט אונטערגעלייגט א שטיין אף זײַן שטול, די דריטע האָט אים אָפגענארט, אז אין קאנצעליאריע ליגט פאר אים א טעלעגראמע, און ער איז געלאָפן אָן א נעשאָמע אין אויסרײַסעניש אומזיסט און אומנישט, און אויסגעלאָזט האָט זיך, אז קיין שום טעלעגראמעס זײַנען פאר אים נישטאָ...

נאָך דעם, ווי מע האָט זיך גוט דורכגעווערטלט און זיך אויסגעזידלט, איז מען געקומען צום אויספיר, אז מע טאָר ניט פאטערן קיין איבעריקע צײַט און מע מוז זיך גלײַך נעמען דרייען דאָס רעדל אף צוריק. נאָר וויאזוי? דאָס איז אן אלטער, אן אקשן, און ניט אזוי גרינג בעט מען אים איבער!

אז זיי האָבן דערציילט זשאָרען, דעם קולטורניק פון אָפרו־הויז, אז דער אלטער, איבער וועלכן ער האָט אויך ליב געהאט שפאסן, איז דעם דירעקטאָרס פאָטער, איז ער געבליבן שטיין, כאָטש מעלק אים אויס. גוואלד, ווען ער ווייסט עס פריער, וואָלט ער זיך מיט אים גלײַך געוואָרן א גוטערברודער, און יענער וואָלט געבעטן דעם זון, ער זאָל אים, זשאָרען, נעמען אין טעאטער פאר אן אדמיניסטראטאָר. דאָ אין אָפרו־הויז איז ער ניט אין קיין גוטע באציונגען מיט דער אדמיניסטראציע. מע האָט אים שוין א פאָר מאָל געגעבן אָנצוהערן, אז אויב ער וויל ניט, מע זאָל אים אראָפנעמען פון דער ארבעט, זאָל ער בעסער אליין אָנגעבן א מעלדונג, אז ער גייט אוועק פרײַוויליק... ער טרוימט מאמעש פאָטער ווערן פון דער־אָ ארבעט און ווערן אין טעאטער אן אדמיניסטראטאָר... און ווען דער אלטער זאָגט דעם זון איין גוט וואָרט, וואָלט דער גורל זשאָרעס גלײַך געוועזן געלייזט. נאָר איצט קאָן ער, זשאָרע, רעדן נאָר צו דער וואנט! דער אלטער איז אף

אים אין קאַס און וויל ניט קוקן אין זײַן זײַט.

אַזאַ צופאַל — זיך באַקענען, זיך באַפרײַנדן מיטן דירעקטאָרס פאָטער — טרעפט איין מאָל אין טויזנט יאָר! און אַזאַ גוטן פאַל דורכגעלאָזט!

ניין, ער האָט ניט קיין מאַזל, זשאָרע. און אַז ס'איז נישטאָ קיין מאַזל, זאָל מען בעסער ניט געבוירן ווערן!

3

די גאַנצע נאַכט האָט מען ניט צוגעמאַכט מיט קיין אויג און געטראַכט, וויאַזוי בעט מען איבער דעם דירעקטאָרס פאָטער, און וויאַזוי שטעלט מען אײַן מיט אים דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען.

זשאָרע, דער קולטורניק, וואָס פלעגט טאָמיד, ווי אַ וויכער, אַרײַנלויפן אין קאָרידאָר און טראַכקען מיטן פויסט איבער די טירן, וועקן דעם אוילעם, מע זאָל לויפן אַף פיזקולטור־איבונגען, איז הײַנט אַף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צום אַלטנס בעטל און איידל געזאָגט:

— פּאַפּאַשע, אויב אײַך גלוסט זיך ניט גיין אַף דער זאַריאַדקע, טאָ שלאָפט געזונטערהייט...

איצט האָט ער אים שוין ניט געוועקט גראָב און פרעך, ווי פריִער, און ניט אויסגעלאַכט, ניט געשפּאַסט איבער אים. ער האָט זיך געסטאַרעט זײַן מיט אים איידל, נאָר דער אַלטער האָט זיך אויסגעדרייט אַף דער אַנדערער זײַט און ניט געענטפערט. אַפילו אַף זײַן באַגריסונג ניט רעאַגירט.

און דאָס האָט זשאָרען געמאַטערט. יאָ, זעט אויס, יענער וועט אים ניט מוחל זײַן! און ער איז דערפאַר מוירעדיק באַ זיך געפאַלן.

אין דער זעלבער צײַט זײַנען שוין די דרײַ טענצערנס געשטאַנען באַם אַרויסגאַנג און געוואַרט, דער אַלטער שאַכן זאָל זיך באַווײַזן.

אין דער דאַזיקער פריִער שאָ טוט ער געווײנלעך אָן דעם לאַנגן כאַלאַט, דעם קאַפּעליוש, נעמט אַ בוך אין האַנט און לאָזט זיך צו דער גראַבער פאַלמע, וואָס וואַקסט אַפן ברעג, שפּאַרט זיך אָן אינעם גרינעם פאַרקנדל און קוקט, ווי דער יאַם שפּיגלט זיך און ברענט אונטער דער פריִער זון.

דאָס איז די סאַמע גינסטיקע צײַט, זיי זאָלן אים באַגריסן, דעם אַלטן אַקשן, און פאַרפירן מיט אים אַ געשפּרעך.

אַלע דרײַ זײַנען זיי געשטאַנען מיט צאַפּלדיקע הערצער אַף דער שוועל און מיט פאַרטײַעטן אָטעם געוואַרט, נאָר ער האָט ניט געאײַלט זיך צו באַווײַזן.

קיינמאָל האָבן זיי זיך ניט דערוועגט אַרויסגיין פון דער פּאַלאַטע אַזוי פרי, זיך באַווײַזן פאַר מענטשן אין אַזאַ אומגעלומפּערטן הוילעך — ניט אונטערגעשמירט מיט בלויען די אויגן, ניט צוגעפאַרבט מיט צונטער־רויטער פּאָמאַדע די ליפּן, ניט פאַרדרייט די מאָדערנע מעשונעדיק־הויכע פריזורן, — דערויף האָט איצט ניט געסטײַעט קיין צײַט, מע האָט מוירע געהאַט פאַרשפּעטיקן דעם שאַכן, אים דורכלאָזן.

אַזוי זײַנען זיי געשטאַנען צעשויבערטע, ניט־געוואַשענע, אופגערודערטע און מיט אומגעדולד געוואַרט. און יעדער מינוט האָט געדויערט פאַר זיי אַ יאָר. דאַכט זיך, אַז אין די יונגע יאָרן, ווען זיי האָבן זיך נאָך געקענט פאַרליבן, האָט קיינער פון זיי אַזוי צאַפּלדיק ניט געוואַרט, ניט אַרויסגעקוקט אַף די ליבע באַכערים, ווי מע האָט איצט אַרויסגעקוקט אַפן דירעקטאָרס פאָטער. און ווען ער האָט זיך ענדלעך באַוויזן אין זײַן שטרענגן שווארצן אָנצוג מיטן קאַפּעליוש אַפן קאָפּ, מיט די אַקוראַט־צוגעקעמטע זילבערנע שטאַרצנדיקע וואָנצעס — אַף מיזרעך און אַף מײַרעוו, — זײַנען די טענצערנס אונטערגעלאָפן און מיט כניפע־שמייכלעך אויסגעפּראַלט:

— גוטמאָרגן, פּאַפּאַשע, ווי פילט איר זיך?

פון אומדערוואַרטקײַט, פון שרעק האָט ער מיט האַרץ אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, שיר ניט אויסגעזידלט זיך. אָפּמעסטנדיק מיט אַ ניט גוטן בליק די שכיינעס, אַף וועלכע ער האָט פון ערשטן טאָג געוואָרפן אָן אומכיין, האָט ער זיך שנעלער געלאָזט צום אַרויסגאַנג, בורטשענדיק עפּעס אונטער דער נאָז. ער האָט זיך געביייזערט, זיכער געווען, אַז דער דרײַלינג האָט אויסגעטראַכט אַ נײַע שפּיל. פריִער, הייסט עס, האָבן זיי זיך געקרימט אָדער געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי באַמערקן אים ניט, דערנאָך האָבן זיי אים געוואָרפן שטעכווערטלעך, געלאַכט פון אים און פון זײַן הוילעך. איצט, זעט אויס, האָבן זיי צוגעטראַכט אַ שפּאָגל־נײַ פּעקל פאַר אים.

דערזען, ווי ער גייט האַסטיק און באַרויגעז אַוועק, האָבן זיי שיר ניט קראַפּירט.

— אַ מאָדנער פאַרשוין! — האָט אין אָנמאַכט אַרויסגערעדט שפּאַק־קאַוואַליק.

— אַ האַרבער כאַראַקטער, ווי באַ זײַן זון... — האָט צוגעגעבן דעבאָרע צירולניק.

— אַ שטאַרק ניסל, — האָט געדרייט מיטן קאָפּ נאַטע צערעטעלי.

נאָר אונטערגעבן זיך האָט קיינער פון דעם דרײַלינג ניט געטראַכט. ניין! מע מוז דעם מענטשן אײַנברעכן, ער מוז ווערן ווייכער צו זיי. עס וועט געוויס אויסקומען לײַדן פון אים ביזיוינעס, סקאַנדאַלן, באַליידיקונגען, נאָר קיין אַנדער ברייַרע איז נישטאָ. זיי האָבן פאַרקאַכט אַ קאַשע, מוזן זיי זי אויסכליאַפּטשען.

און, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז מע גייט זיך שפּאַצירן איבער דער אַלייע, זײַנען זיי שטילערהייט, קימאַט אַף די שפּיץ פינגער, פאַרבײַ־

געגאַן די פּאַלמע און, דערזעענדיק דעם אַלטן אַקשן שטיין אָנגעשפּאַרט אינעם פּלויטל, זיך אָפּגעשטעלט.

שפּאַק־קאַוואַליק האָט אונטער אַ בוים באַמערקט אַ געפלאָכטענע שטול, האָט זי געשיקט זי אונטערגעטראָגן דעם אַלטן און זיך אָנגערופן:

— ביטע, פּאַפּאַשע, זעצט זיך צו... וואָס דאַרפט איר שטיין? אַזאַ שיינער יאָם איז היינט...

— זייער אַ שיינער! — האָט ער אָפּגעענטפערט. — נאָר ווען איר טשעפּעט זיך אָפּ פון מיר, וואָלט ער געווען נאָך שענער!

און איז אָפּגעגאַנגען אין אַ צווייטער זייט, געבנדיק דערמיט צו פאַרשטיין, אַז דער געשפּרעך איז געענדיקט.

— קאָלעגע, מיר טוען דאָס פון טיפן האַרצן. איר דאַרפט זיך אָף אונדז ניט באַליידיקן, — האָט געמאַכט עטלעכע טריט פאָרויס דעבאָרע צירולניק.

— איך בעט אייך מיך לאָזן צורו! — האָט ער געזאָגט, ניט אָפּשטעלנדיק זיך. — איך בין אַהער געקומען זיך אָפּרוען און וועל ניט דולדן קיין נאַרישע שטיק. אויב איר וועט ניט אופהערן אייער שפּיל, וועל איך זיך ווענדן צום דירעקטאָר... און ער וועט אָף אייך געפינען אַן אופראווע...

וואָס? ער וועט זיך אָף זיי באַקלאָגן צום דירעקטאָר? צו וועלכן דירעקטאָר? עפּשער צום דירעקטאָר פונעם טעאַטער, צו זיין זון?

דעבאָרע צירולניק איז געוואָרן בלאַס, ווי די וואַנט. זי האָט אַ ווונק געטאָן צו אירע צוויי כאַווערטעס, וועלכע האָבן זיך אויך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען, דערהערנדיק פון זיין מויל אַזעלכע דיבורים, און מע האָט זיך אינגאַנצן פאַרלוירן. וואָס וועט זיין, טאָמער קלינגט ער אָן אין טעלעפאָן און רופט אַרויס אַהער דעם זון?

טאַקע, נאָר דאָס פעלט זיי אויס, זייער דירעקטאָר זאָל קומען און זיי מאַכן אַן אויסרייד, לעמיי באַגייען זיי זיך שלעכט מיט זיין אַלטן פאָטער...

מע האָט זיך אופגעגעסן לעבעדיקערהייט — ווען מע ווייסט, אַז אַזוינס וועט געשען, וואָלטן זיי דען גענומען די פּוטיאָווקעס? אַנשטאָט אָפּרו איז דאָ פאַר זיי דריי געוואָרן אַ געהענעם!

זיי האָבן זיך פאַרקלאָגט פאַר דער מומע זאַסיע, אַז מע קאָן בעשום־אויפן ניט געפינען קיין „שליסעלע" צום אַלטנס נעשאָמע. יענע האָט זיי מיט קאָפּ אויסגעהערט און, באַהאַלטנדיק דאָס כיטרע שמייכעלע, וואָס האָט געשפּילט אָף איר פולבלעך עטוואָס פאַרוויטלטן פּאָנעם, געזאָגט:

— וואָס זשע מיינט איר, ס'איז אַזוי גרינג? קאַרג בלוט האָט איר אים פאַרצאַפּט? ווייניק זיינט איר אים דערגאַן די יאָר? איצט דאַרפט איר זיך גוט אַ סטאַרע טאָן, ער זאָל אייך מוחל זיין.

אַ טראַכט געטאָן, האָט זי צוגעגעבן:

— נאָר איך אָף אייער אָרט וואָלט זיך ניט אונטערגעגעבן. זעצט פאָר אייערע באַמיזונגען. און איך גלייב, אַז אויב איר וועט זיך גוט נעמען, וועט אומבאַדינגט פאַלן די פעסטונג... דאַכט זיך, אַז ערגעץ אין די אַלטע ביכער שרייבט זיך: „דאָרטן, ווו קיין טייוול וועט ניט העלפן, רופט אַ פרוי!".

אָט די ווערטער האָבן צוגעגעבן מוט דעם דריילינג, און מע האָט זיך מיט נאָך גרעסערער ענערגיע גענומען איינברעכן דעם אַלטן אַקשן, איינשטעלן מיט אים דיפּלאָמאַטישע באַציונגען.

אָבער ניט ווייניקער פונעם דריילינג האָט זיך געמאַטערט זשאַרע, דער קולטורניק פון אָפּרו־הויז. אויך ער האָט זיך אַלץ ניט געקאָנט באַרויקן, לעמיי האָט ער זיך אַזוי באַנאַרישט און ניט געפונען קיין שטעגעלע צום דירעקטאָרס פאָטער. און אַז ער האָט דערזען, ווי דער פּאַפּאַשע שטייט אָנגעדרודלט און באַרויגעט, און ניט ווייט פון אים — די בלאַסע טענצערנס, איז ער פאָרזיכטיק צוגעגאַנגען צו אים, גענומען אונטער דער האַנט און זיך אָנגערופן:

— איך בעט אַנטשולדיקן, איך פאַרשטיי, אַז איר האָט זיך אָף מיר אַ ביסל באַליידיקט, וואָס איך האָב אייך געוואָלט אַריינציען, איר זאָלט צוזאַמען מיט אַלע אָפּרוענדיקע מאַכן גאַנצפרי איבונגען... נאָר איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איר האָט זיך אָף מיר באַליידיקט. אָבער גלייבט מיר, אַז דאָס האָב איך געטראַכט בלויז וועגן אייער געזונט. איר, און דעריקער אייער זון, פאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז ספּאָרט — דאָס איז איצט דאָס בעסטע אין דער וועלט. אָן ספּאָרט קאָן ניט עקזיסטירן קיין היינטצייטיקע געזעלשאַפט. איר האָט געוויס געלייענט וועגן די ספּאַרטאַקיאַדעס. אַלע צייטונגען זיינען פול מיט ספּאָרט־נייעס, אַפילו די סאַמע ערנסטע צייטונגען. נו, אויב אַזוי, האָב איך פאַר אייך פערזענלעך אַ פיזקולטור־קאָמפּלעקס, און איר וועט זיך אַליין קאָנען פאַרנעמען.

דער אַלטער האָט צעפירט מיט די הענט און געוואָרן אויסער־זיך:

— זאָגט מיר נאָר, יונגערמאַן, איר קאָנט זיך אָפּטשעפּען פון מיר? וואָס זשע, איר זיינט מעשוגע, צי איר ווילט מיך מאַכן מעשוגע? און אויב איר האָט זיך דאָ ניט מיט וואָס צו פאַרנעמען, טאָ גייט האַקן האָלץ אָף דער קיך!

דער דאַרער דראַנג האָט נאַריש אונטערגעשמייכלט און ניט געוווּסט, וויאַזוי מע גייט אַוועק פונעם אַלטן.

— נו גוט, איך זע, אַז ספּאָרט אינטערעסירט אײַך ניט... — האָט זשאַרע זיך געפּרוווט אַרויס־פּלאָנטערן פון דער אומגעלומפּערטער לאַגע, — אָבער איך האָב געהערט, אַז איר האָט אַ קליי־נינקע שײַכעס צו אָפּערע... אײַער זון, הייסט עס. נו און איר אַליין, גייט אַרום די גאַנצע צײַט און זינגט זיך אונטער מאָטיוון פון „רי־גאָלעטאָ", „יעווגעני אָניעגין". וואָלט איך אײַך געוואָלט בעטן, איר זאָלט אַרויסטרעטן אָפן אָוונט פון זעלבסטעטיקײַט, עפּעס אויספּילן, מירן זאָגן, זינגען, דעקלאַמירן.

דאָ האָט אף אים דער אַלטער אַ קוק געטאָן, ווי אף אַ לעץ, אַ מעשוגענעם:

— פּאַרנעמט זיך פונדאַנען! אויב אײַך גלוסט זיך שפּאַסן, צי עפּשער זײַנט איר שיקער, קענט איר זיך געפינען אַנדערע אָביעקטן. לאָזט מיך צורו! דאָ איז ניט קיין מעשוגאָים־הויז, גלייב איך.

און ער האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן, זיך פאַרקוקט אָפן יאַם.

זשאַרע האָט דערפילט, ווי עס האָט אים באַ־שלאָגן אַ קאַלטער שוויס פונעם אַלטנס רייד. כאָטש לויף פון אים אין דער וועלט אַרײַן. געוויס דאַרף ער נעמען אַ גוטן שטעקן און זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ דעם פּלאַן, וואָס ער האָט פאַרטראַכט, — פאַרבעסערן די באַציִונגען מיטן אַלטן, יענער זאָל זיך דורכרעדן מיט זײַן זון, ער זאָל נעמען אים, זשאַרען, פאַר אַן אַדמי־ניסטראַטאָר אין טעאַטער. דעם אַלטן וואָלט עס גאָרניט געקאָסט, און פאַר אים, פאַר זשאַרען, וואָלט עס געווען די גרעסטע טויווע.

אָבער גיי רעד מיט אים! אַז ער לאָזט זיך ניט!

4

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָבן אַלע פיר גע־זוכט אַ פּאַסיקן צופאַל אף צו באַגעגענען זיך מיטן אַלטן. ס'איז אָבער ניט געלונגען. פּונקט ווי ער זאָל זיך ספּעציעל פון אַלעמען אויס־באַהאַלטן.

עסן איז ער געקומען פריִער פון אַלעמען, און זײַנע שכיינעס האָבן אַלץ ניט געקאָנט אויס־מאַרקירן אַזוי, מע זאָל עסן אין איין צײַט. אין קינאָ־זאַל פלעגט ער אַרײַן, ווען די שײַן האָט זיך שוין אויסגעלאָשן, און מע האָט ניט געזען, ווו ער האָט זיך אַוועקגעזעצט. באָדן זיך אין יאַם האָט ער זיך פאַרקליבן אין אַזעלכע איינ־זאַמע ווינקעלעך, ווו מע האָט אים ניט געקאָנט געפינען. דערצו נאָך האָט ער זיך פרי געלייגט שלאָפן און אופגעשטאַנען מיט די ערשטע הע־נער.

הײַנט גיי זײַ אַ כאָכעם און רעד זיך דורך מיט אים!

אַפילע זשאַרען האָט זיך עס אויך ניט אײַנ־געגעבן.

און דאָך האָט מען זיך ניט אונטערגעגעבן. די דרײַ טענצערנס האָבן אָנגעהויבן זיך אופ־הייבן פון די גאַלעגערס גאַנצפרי און צוזאַמען מיטן שאַכן געגאַנגען עסן פרישטיק.

איצט וועט ער זיך פון זיי ניט אויסדרייען! איינמאָל האָט די אָפּיציאַנטקע אים געבראַכט אַ טעלער קעז מיט סמעטענע, נאָר פאַרגעסן אוועקלייגן אַ לעפעלע. דערזען דאָס, האָבן אַלע דרײַ שכיינעס זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער קיך און געבראַכט דרײַ לעפעלעך.

ער האָט זיך געפילט ניט באַקוועם און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אָפּגעדאַנקט, נאָר גע־ווען איינצײַטיק אין אַ פאַרלעגנהײַט, ער האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זײַנען אַלע דרײַ געלאָפן און אים געבראַכט דרײַ לעפעלעך? ווי־דער שפּאַסן זיי, ווײַזט אויס!

דער קאַפּעליוש איז אַראָפּגעפאַלן אָפן דיל, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן נאָך אים סײַ דעבאָרע, סײַ שפּאַק־קאָוואַליק.

ער האָט זיך אַ קרים געטאָן. ער איז ניט גע־וווינט, פרויען זאָלן אים באַדינען. ער איז נאָך אַליין בעקוויעד.

ווו ער האָט זיך ניט באַוויזן, איז גלײַך, ווי פון אונטער דער ערד, אויסגעוואַקסן זשאַרע דער קולטורניק און גענומען צושטיין, זיך נאָכפרעגן, ווי פילט ער זיך, צי נייטיקט ער זיך אין גאָרנישט ניט. עפּשער איז אים זײַן פּאַלאַטע ניט געפעלן, וועט ער זען, מע זאָל אים איבערפירן אין אַ צווייפּערזאָניקן צימער, — פּאַרט אַ בעקאָוועדיקער מענטש. אויב אים גע־פעלן ניט די פאַרווײַלונגען און שפּילן, וואָס דער קולטורניק פירט דורך, טאָ זאָל ער זאָגן, וועט זשאַרע צוטראַכטן אַנדערע, נײַע, און ביכלאַל זאָל ער זיך ניט שעמען און זאָגן, וואָס ער פאַרלאַנגט. צו זײַן שטים וועט מען זיך אָן שום סאָפּעק צוהערן...

נאָר יענער האָט זיך געטײַנעט זײַנס — מע זאָל אים לאָזן צורו, ניט צושטיין און לאָזן רויִק לעבן. ער איז שוין זאט פון זייער לייצאָנעס און זייערע כאָכמעס. וואָס האָט מען צו אים?

און ער האָט זיך ניט אופגעהערט אָפּקערעווען פון יענע, וועלכע האָבן אים געפּרוווט פאַר־לויפן דעם וועג.

נאָר אַ מאָדנע געשיכטע — וואָס מער ער האָט זיך פון זיי אויסגעדרייט, אַלץ מער איז מען צוגעשטאַנען צו אים! ניט געלאָזט רויִק עטע־מען! וואָס איז אַזוינס פאָרגעקומען, — האָט ער געטראַכט, — פאַרוואָס סטאַרעט מען זיך אַזוי שטאַרק אים אָפּגעבן קאָוועד און אַרויסווײַזן אופמערקזאַמקײַט?

געוויס איז דאָס אַ מין סאָרט שפּיל!

נאָר דער אַלטער מיטן קאַפּעליוש האָט זיך

פון זיי אויסגעדרייט, ווי פון אײַנגעגעסענע פליגן: ער דאַרף גאָרניט און בעט בא קיינעם גאָרניט! מיט אַלץ איז ער צופרידן. זאָל מען אים בלויז ניט טשעפּען און לאָזן אַרײַנקוקן אין אַ בוך, אין אַ בלאַט... ער האָט ליב איינזאַמקײַט.

דערבײַ האָט ער ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס אַלע רעדן וועגן עפּעס אַ דירעקטאָר, וועגן ראָלן, אַ שטעלע פון אַן אַדמיניסטראַטאָר?..

דערווײַל האָט דער קולטורניק און דער דרײַ־לינג זיך דערשלאָגן בא דער אַדמיניסטראַציע, מע זאָל דעם בעקאָוועדיקן אַלטן, דעם דירעק־טאָרס פאָטער, אַריבערפירן אין דער קליינער פּאַלאַטע פאַר איין פּערזאָן, וועלכע האָט זיך אָקאָרשט באַפרײַט.

ווען דער אַלטער האָט זיך וועגן דעם דער־ווּסט, האָט ער אופגעהויבן אַ גוואַלד! ווער האָט געבעטן, מע זאָל אים אַהער אַריבערפירן? אים איז גוט אין זײַן פּאַלאַטע, ווו עס וווינען נאָך דרײַ גוטע, באַשיידענע יונגעלײַט, מיט וועלכע אים איז פריילעך און גוט.

נאָר רעד צום לאָמפּ!

די דרײַ האָבן שוין אַריבערגעטראָגן אַהין זײַנע זאַכן, דאָס בעטגעוואַנט, און פאַרטיק די פיש!

בא אים אינעם נײַעם צימער האָבן שוין גע־האָוועט שפּאַק־קאָוואַליק, דעבאָרע צירולניק. מע האָט געווישט דעם שטויב, און נאָטע צערעטעלי האָט זיך געפּאָרעט בא די בלומען, וועלכע זי האָט אַהער געבראַכט. זשאָרע איז אויך ניט געשטאַנען מיט קיין צונויפגעלייגטע הענט. ער האָט דערקוטשעט דער מומע זאָסיע, זי זאָל געבן נאָך איין קישעלע פאַרן אַלטן און אַ טע־פּיכל אַפן דיל, לעבן דעם בעטל.

דער מומע זאָסיע איז גראָדע געפעלן געוועזן, וואָס דער פאַרשוין זאָרגט אַזוי פאַרן אַלטן. זי האָט נאָר ניט פאַרשטאַנען, פון ווען אָן איז ער געוואָרן אַזאַ גוטער צו אים און פאַרוואָס האָט ער ניט געזאָרגט פאַר אים די ערשטע טעג, ווען יענער איז אַהער געקומען, און פאַרוואָס טראַכט ער ניט וועגן אַנדערע?

דער אַלטער האָט זיך אַלץ ניט אופגעהערט בייזערן — ער נייטיקט זיך ניט אין קיין זײַטי־קער הילף! ער וועט זיך אַליין זײַן שטעטל באַ־שטיין. אָבער אַלע האָבן זיי געטראַכט, אַז דאָס רעדט ער אַזוי, בייזערט זיך אויס באַשיידנקײַט...

נאָר אינדערמעסן האָבן זיי זיך אַלע געהריי־זעט. הער נאָר אַ מײַסע, — וואָס מע טוט ניט פאַר אים, דערשאַצט ער עס ניט! אַ מאָדנער אַלטער! מע קאָן אים בעשום־אויפן ניט צו־טרעפן. דו סטאַרעסט זיך טאָן אים גוטס, און ער צאָלט דערפאַר מיט סינע.

5

די מומע זאָסיע האָט אַלץ צוגעזען און דער־פון געוואָרן גרעבער, ווי לענגער. איר האָט דאָס אַלץ האַנאָע געטאָן. זי האָט זיך דערלעבט אין די פיר פאַרשוין אַ נעקאָמע. דאָס האָבן זיי האַרצווייטעק דערפאַר, ווײַל די ערשטע טעג, ווען דער אַלטער איז געקומען, זײַנען זיי זיך מיט אים גראָב און מיִעס באַגאַנגען. איז זאָלן זיי זיך מאַטערן! אַ מיצווע אַף זיי!

און ווען זיי זײַנען געקומען צו איר שיר ניט מיט געוויין און געפרעגט, וואָס נאָך זיי זאָלן צוטראַכטן, ער זאָל זיי מויכל זײַן, האָט די מו־מע זאָסיע צעפירט מיט די הענט:

— זעט אויס, אַז ער איז שטאַרק אין קאַס. די ערשטע טעג האָט איר אים גענוג בלוט פאַר־צאַפּט מיט אײַערע געלעכטערלעך און שטעכ־ווערטלעך. נאָר פאַלט בא זיך ניט אַראָפּ. מיר דאַכט זיך, אַז עטוואָס האָט איר אים שוין אײַנ־געבראָכן. איך שטעל זיך ניט פאָר, אַז אַזעלכע שיינהײַטן, ווי איר, זאָלן ניט קאָנען איבערבעטן אַ מאַנצבל! מיט איין וואָרט, איר דאַרפט מיט דער זעלבער אַקשאָנעס פאַרזעצן אײַער אַרבעט. ער וועט זיך מוזן אונטערגעבן. ער וועט מוזן אויספילן אַלע אײַערע באַקאַשעס...

— איר זײַנט אין דעם איבערצײַגט, מומע?

— געוויס! ווי קאָן אַנדערש זײַן!

— פאַרוואָס זשע, זאָגט אונדז, אַז מיר האָבן פאַרזיכטיק געבעטן, ער זאָל זיך דורכריידן מיטן זון, דעם דירעקטאָר, מע זאָל אין טעאַטער זיך באַציִען צו אונדז בעסער, האָט דער אַלטער אונדז אָנגעקוקט, ווי די מעשוגאָיִם, און אַפילע ניט געוואָלט הערן? — האָט געזאָגט נאָטע צע־רעטעלי.

— און זשאָרע האָט ביכלאַל קיין סאַך ניט געבעטן בא אים. ער האָט בלויז געוואָלט, דער אַלטער זאָל זאָגן דעם זון, מע זאָל אים נעמען פאַר אַן אַדמיניסטראַטאָר. נאָר יענער האָט אים שיר ניט דוירעס געוועזן.

— וואָס זשע ווילט איר? — האָט מיט קאַס איבערגעריסן די מומע זאָסיע. — נאָך דעם, ווי איר זײַנט זיך אַזוי גראָב באַגאַן מיט אים, ווילט איר, ער זאָל זיך וואַרפן קושן מיט אײַך? איר וועט צוואַרטן! מיר שײַנט, אַז ער געהער ניט צו יענע פלאַפלער, וואָס האָבן ליב אַ סאַך צוזאָגן און קיין זאַך ניט טאָן. אַנדערע וועלן אײַך צוזאָגן גאָלדענע בערג, און איר וועט אומ־זיסט וואַרטן. דער אַלטער געהער צו די שווײַ־גער, וואָס צוזאָגן וועלן זיי ניט, נאָר ריידן פאַר אײַך וועט ער געוויס... אַלץ וועט זײַן גוט און פײַן.

די מומע זאָסיע האָט פאַריכט דעם ווײַסן כאַ־לאַט, פאַרשאַרט מיט דער האַנט די האָר, וואָס האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן פון אונטער דעם ווײַסן

קאַפּיטל, און, דערשטיקנדיק אין זיך דעם געלעכטער, וואָס האָט זיך באַ איר שיר ניט ארויסגעריסן, צוגעגעבן:

— איר זעצט פּאָר אײַערע באַמיִונגען, און אַלץ וועט זײַן גוט!

— יאָ, נאָר ער וויל אַפילו ניט קוקן אין אונדזער זײַט, — האָט געזאָגט דעבאָרע צירולניק.

— וואָס מער מיר ווילן אים טאָן גוטס, — האָט איבערגעשלאָגן שפּאַק־קאָוואַליק, — אַלץ שטאַרקער בייזערט ער זיך, און זשאָרע, אַזאַ דיפּלאָמאַט, וואָס קאָן, דאַכט זיך, ווייכער מאַכן א שטיין, קאָן אויך מיטן אַלטן גאָרנישט ניט מאַכן!

די מומע זאָסיע איז א פּאָר רעגעס געשטאַנען אין פאַרלעגנהײַט, אויסגעווישט מיט די פינגער די פולע ליפּן, און ווי זי זאָל פאַרטרויען א גרויסן סאָד, שטילערהייט זיך אָנגערופן:

— מיר דאַכט זיך, אַז איבערמאָרגן איז ער אַן אימענינִיק, זײַן געבורטסטאָג... א מענטש איז ניט מער, ווי א מענטש, און א האַרץ איז ניט פון קלאָטשע. אַז מע טראָגט אים אונטער אין אַזאַ טאָג א פּאָר בוקעטן בלומען, א סוווענִיר, א שניפּס צי א באַבעטשקע, — ווערט ער גלײַך ווייכער און פאַרגעסט אין אַלע באַליידיקונגען...

— אוי, מומע זאָסיע, וויפל ווערט ער אַלט? — האָט אויסגעשריגן נאַטע צערעטעלי.

— וואָס פאַר א כילעק וויפל? איך אַף אײַער אָרט וואָלט נאָכאַמאָל א פּרוּוו געטאָן דאָס מאַזל.

זיי האָבן, ווי די דולע, ארומגעכאַפּט די מומע זאָסיע:

— אוי, טײַערינקע, איר זײַט דאָך א כאַכאָמע! א גאָלדענער אײַנפאַל!

מע איז אוועקגעלאָפן אין א ווײַט ווינקל פון סאָד און זיך גענומען יִישעוון, וואָס קאָן מען מאַכן, וואָס קאָן מען פאַר אַזאַ קורצער צײַט צוטראַכטן פאַרן אימענינִיק.

זשאָרע דער קולטורניק איז ווידער אויסגעוואַקסן, ווי פון אונטער דער ערד. זיך דערוווּסט, אין וואָס עס גייט, האָט ער זיך אָנגעצונדן. וואָס הייסט עס? באַם אַלטן אַקשן דערנעענטערט זיך אַזאַ וויכטיקע דאַטע אין לעבן, און אים, זשאָרען, זאָגט מען ניט? איצט איז אַלץ אין זײַנע הענט! ער וועט זיך דערשלאָגן, מע זאָל ברייט אָפּמערקן דעם געבורטסטאָג פון דעם דאָזיקן מענטשן. ערשטנס, וועט די אַדמיניסטראַציע אים געבן א באַגריסונג־טעלעגראַם. כוץ דעם, וועט מען אים אונטערטראָגן בלומען, מאַטאָנעס. אין קלוב שטייט א גרויסער מאַקעט פונעם נײַעם קאָרפּוס, וועט מען אים אונטערטראָגן דעם אַלטן. אַלצייַנס ווייסט מען ניט, וווּהין מע זאָל אַהינטאָן דעם מאַקעט. ער פאַרנעמט צופיל אָרט.

דער קעכער וועט אָפּבאַקן א גרויסן טאָרט אָדער א גרויס פלעצל. ער, זשאָרע, וועט אָנשרײַבן וועגן אַלטן קופּלעטן און צוטראַכטן מוזיק... דערצו נאָך, וועט ער אײַנאָרדענען אַן אָוונט פון זעלבסטטעטיקייט און צווינגען דעם אַלטן עפּעס זינגען, טאַנצן, דעקלאַמירן... וואָס ער וויל, זאָל ער טאָן! איצט וועט ער זיך פון זײַנע הענט ניט ארויסדרייען... נו, און ער וועט ארויסלאָזן א פּלאַקאַט און באַגריסן מיט גרויסע אויסיִעס דעם בעקאָוועדיקן דירעקטאָרס פאָטער!

קורץ גערעדט, מע מעג זיך שוין פאַרלאָזן אַף זשאָרען! ער, אַז ער וועט זיך נעמען, וועט אַלץ זײַן אָלרײַט, באָנזשור, גענאַצוואַלי!

דער פּלאַן, וואָס דער קולטורניק האָט ארויסגעלייגט, האָט אַף דעם דרײַלינג געמאַכט א רויִקן אײַנדרוק. איין זאַך האָט זיי אָבער געקימערט: וואָס זשע וועט זיך אָבער באַקומען, אַלץ וועט מאַכן זשאָרע? און זיי וועלן שטיין אין א זײַט? אין אַזאַ טאָג וועט געוויס דאָך קומען זײַן זון, דאָס הייסט זייער דירעקטאָר. טאָ זאָל ער זען, ווי זיי אַכטן זײַן פאָטער. זאָל ער זען, מיט וואָס פאַר אַן אופמערקזאַמקײַט זיי האָבן אים ארומגערינגלט. אַזאַ זאַך וועט דער דירעקטאָר אָפּשאַצן, ניט פאַרגעסן און מאַכן געוויסע אויספירן...

גערעדט און געטאָן!

פאַר די פּאָר טעג האָט מען זיך שיר ניט ארויסגעשלאָגן פון די קויכעס. אַף דער קיך האָט מען געגרייט דעם געבורטסטאָג־טאָרט. די קעכער האָבן זיך געסטאַרעט. די דרײַ טענצערנס האָבן אַפן „פּריוואָז" אײַנגעהאַנדלט שײַנע בוקעטן בלומען, געקויפט פײַנע סוווענירן — אָנהייבנדיק פון א נײַעם שטרויענעם קאַפּעליוש ביז די מאָדערנסטע שניפּסן און שקאַרפּעטקעס. פאַר די פּאָר טעג זײַנען אַלע פיר שיר ניט געפאַלן פון די פיס. מע האָט געפּאַטערט מער וואָג, ווי מע האָט אַף זיך גענומען פאַר דער צײַט, זינט מע געפינט זיך דאָ אין אָפּרו־הויז.

נאָר געטראַכט האָט מען, אַז אַלץ איז קעדײַ! עס לוינט דאָס געשעפט! ניט אַלע מאָנאַטיק און דאָנערשטיק באַגעגנט מען זיך פּאָנעם־על־פּאָנעם מיטן דירעקטאָרס פאָטער! ניט אַלע וואָך פראַוועט מען אַזאַ אָנגעלייגטן מענטשן א געבורטסטאָג!

זשאָרע איז ארומגעגאַנגען, ווי א מעכוטן. אַלץ האָט ער געגרייט פון דער ברייטער האַנט און אַפן בעסטן אויפן, מיט א פאַרנעם! אים האָבן בלויז ניט געלאָזט צורו די קופּלעטן, מיט וועלכע ער האָט געטראַכט באַגריסן דעם טײַערן אימענינִיק. ווי אַפּצולאָכעס האָבן זיך די שורעס ניט געקלעפּט, און די גראַמען זײַנען זיך צעקראָכן.

ענדלעך איז אָנגעקומען דער געגאַרטער פרימאָרגן. זשאָרע און די טענצערנס זײַ־

נען געווען פאַרפּוצט אין זייערע שענסטע און בעסטע מאַלבושים. מע האָט אַף דעריבאַסאָווסקע אין שערערײַ פאַרדרייט די פײַנע פריזורן. מע איז געווען מוירעדיק אופגערעגט. דעריקער האָט מען ניט געקענט צוטראַכטן, וואָס מע זאָל זאָגן דעם זון, אויב ער וועט קומען. און קומען וועט ער געוויס, אומבאַדינגט. ווײַל אַ טאַטע בלײַבט אַ טאַטע און ניט אייביק לעבט ער...

דער פרימאָרגן האָט זיך אָנגעהויבן, ווי געווײנלעך. דער אוילעם האָט זיך אומגעקערט פונעם יאַם־ברעג. דער אַפּעטיט האָט זיך צעשפּילט. מע איז געגאַנגען גלײַך אין עסזאַל און געבליבן געפּלעפט, איבערלייענענדיק אַ גרויסן פּלאַקאַט, וואָס איז געשטאַנען בא דער וואַנט. די אַדמיניסטראַציע האָט הייס באַגריסט און גראַטולירט דעם אַלטן מיטן שטרויענעם קאַפּעליוש. קיינער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס איז אַזוי די גדולע. עפּעס האָט מען דאָ נאָך ביז איצט אַזוינס ניט געזען. אופן עקסטן טיש, בא וועלכן עס זײַנען די גאַנצע צײַט געזעסן די דרײַ באַלערינעס, וואָס האָבן קימאַט בא קיינעם דאָ ניט אַרויסגערופן קיין איבעריקע סימפּאַטיע, און דער אייביק אָנגעדרודלטער אַלטער, איז געשטאַנען אַ גרויסער טאָרט, אַ באַשטעקטער מיט ליכטלעך, בלומען, קעסטעלעך מיט מאַטאַנעס, טעלעגראַמעס, און באַנאַנד — דער גרויסער מאַקעט פונעם נײַעם קאָרפּוס.

אין זאַל איז געווען רויִשיק. מענטשן האָבן זיך געשמאַק גענומען צו דער אכילע און געקוקט אין יענעם ווינקל, וואָס איז געווען באַשטעלט מיט בלומען.

די דרײַ אַקטריסעס, אָנגעפּאַרבטע, צוגעקעמטע, פאַרפּוצטע, זײַנען געשטאַנען בא דער טיר און מיט אומרו אַרויסגעקוקט אופן באַלסימכע, זיי זאָלן אים די ערשטע באַגריסן. לענגאויס דעם ברייטן אַרײַנגאַנג האָט זשאָרע נערוועז געשפּאַנט הין און צוריק מיט אַ גרויסן רופאָר און ביז וויטעק אין די אויגן אַרויסגעקוקט אופן אַלטן, קעדיי, כאַלילע, ניט פאַרשפּעטיקן אַרײַנשרײַען אינעם רופאָר די עטלעכע קופּלעטן, וואָס ער האָט פאַרט צונויפגעשטעלט פאַרן אימעניניק, ווי נאָר יענער וועט זיך זעצן צום טיש עסן זײַן מילכיקע קאַשע מיט רײַז.

און יענער האָט זיך באַוויזן. ער איז געגאַנגען ניט געײַלט, די הענט פאַרלייגט אַף הינטן, און זיך ניט פאָרגעשטעלט, וואָס עס דערוואַרט אים.

ער האָט גראַדע באַמערקט נאָך פונדערווײַטנס, ווי באַם אַרײַנגאַנג אין עסזאַל שטייט אַ גרויס רעדל. נאָר וואָס גייט עס אים אָן? ער איז זיך געגאַנגען ניט געײַלט צו זײַן טישל. אַף די ברייטע טרעפּ האָבן זיך צו אים אַ לאָז געטאָן דעבאָרע צירולניק, נאַטע צערעטעלי און שפּאַק־קאָוואַליק, אים אַרײַנגערוקט בונטע בוקעטן בלומען און אַרומגעכאַפּט קושן.

— מיר באַגריסן אײַך מיטן געבורטסטאָג!..

— האָבן זיי מיטאַמאָל אויסגעשריגן און נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון זייערע אָרעמס, אָפּגעגעבן זיי די בלומען און דערשראָקן זיך אָנגערופן, לאָזנדיק זיך צו זײַן טישל:

— אַן אומגעהערטע געשיכטע! אַן אָנשיקעניש אַף מײַן קאָפּ!

— וואָס זשע, מע טאָר אײַך ניט באַגריסן מיטן געבורטסטאָג? — האָט שולדיק צעפּירט מיט די הענט שפּאַק־קאָוואַליק. — דאָס איז דאָך עלעמענטאַרע העפלעכקייט... אײַער זון וואָלט...

— וואָס פאַר אַ זון? וואָס פאַר אַ העפלעכקייט? וואָס פאַר אַ געבורטסטאָג?.. איך בין געבוירן ווינטער, און איצט איז, דאַכט זיך, זומער... און דערצו...

— וואָס?!

— איך בין אײַך ניט קיין ייִנגעלע, איר זאָלט זיך טשעפּען... איך אַנערקען ניט קיין פּוסטע כאָכמעס, קיין נאַרישקייטן, — האָט ער אַלץ ניט געקענט קומען צו־זיך.

אויסגעדרייט זיך פון די דרײַ איבערגעשראָקענע טענצערנס, האָט ער זיך געלאָזט האַסטיק צו זײַן טישל און געפּלעפט געוואָרן, דערזעענדיק אַנשטאָט זײַן מילכיקן זופּ אַ גרויסן יאָמטעוודיקן טאָרט מיט ליכט, אַ פּלאַש שאַמפּאַניער, עטלעכע טעלעגראַמעס אַף אַ טעלערל, מאַטאַנעס און דעריקער — דעם פּלאַקאַט, וואָס איז שוין געשטאַנען באַנאַנד מיטן טישל.

ווען זשאָרע האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף דער שוועל, אויסגעשריגן אין רופאָר צום אוילעם, אַז מע זאָל אַף אַ פּאָר מינוט אוועקלייגן די לעפל, די אָפיציִאַנטקעס זאָלן ניט טומלען מיטן געפּעס, און גענומען זינגען די קופּלעטן, געווידמעט דעם פאָטער פונעם באַרימטן זון, דעם דירעקטאָר, האָט דער אַלטער דערפילט, אַז מער וועט ער ניט אויסהאַלטן. ער האָט מיט האַרץ אַ פּאַך געטאָן מיטן פויסט, אַרופגעכאַפּט דעם קאַפּעליוש אופן שפּיץ קאָפּ, אַ פיר געטאָן מיט די וואָנצעס און אַרויסגעלאָפן, ווי אַן אָפּגעבריטער, פונעם זאַל.

זשאָרע האָט אופגעהויבן די האַנט אינדערלופטן, ווי איינער רעדט: שאַ, באַרויִקט זיך! הייבט ניט אויף קיין פּאַניק. דער אימעניניק איז עטוואָס אופגערודערט פון דעם געהויבענעם קאַבאַלעס־פּאָנעם. פּאָרט אַזאַ טאָג... ער וועט זיך באַרויִקן, וועט ער זיך אומקערן, און מירן פּאָרזעצן די פּײַערונג. און מיט נאָך מער ברען פּאָרגעזעצט זינגען די קופּלעטן און לייענען די באַגריסונגען פון די טענצערנס...

זשאָרע האָט געזונגען און אָפט געוואָרפן אַ בליק צו דער טיר — צי קומט ניט דער בריוו־

טרעגער מיט א טעלעגראַמע פונעם זון — דעם דירעקטאָר פון דער אָפערע. אויב יענער האָט ניט געהאַט די מעגלעכקייט אַהער קומען, האָט ער געוויס צוגעשיקט א טעלעגראַמע דעם טאַטן... נאָר א נעכטיקער טאָג! ניט דעם זון, ניט דעם בריווטרעגער מיט דער טעלעגראַמע זעט מען ניט.

יאָ, נאָר ווו איז דער אימעניניק? שוין צײַט, און יענער קערט זיך ניט אום. זשאָרע האָט אַזוי צעוואָרעמט דעם אוילעם, אַז אַלע האָבן גע־וואָלט אים באַגריסן, דריקן די האַנט. נאָר דער אַלטער איז ווי אויסגערונען געוואָרן. נישטאָ, כאָטש שרײַ גוואַלד!

דער גרויסער טאָרט איז, נעבעך, געשטאַנען אפן טישל, ווי א יאָסעם, און דער אַרומיקער אוילעם האָט אים באַטראַכט מיט דאָרשטיקע אויגן. די פלאַש שאַמפּאַניער, א פאַרקאָרקעווע־טע מיט אײַזן און מיט דראָט, האָט געשײַנט קעגן די זון־שטראַלן, וואָס האָבן זיך אַהער אַרײַנגעריסן דורך די פענצטער — ניט פאַר זיך, ניט פאַר לײַטן. די מאַטאָנעס זײַנען געלעגן אָן אָרדענונג, ווי די בלומען. דאָס לײַכטע, מעכײַ־עדיקע יאַם־ווינטל האָט געשוויבערט די עטלעכע באַגריסונג־טעלעגראַמעס, נאָר זייער אַדרעסאַט איז דאָ ניט געווען, ריכטיקער געזאָגט, ער האָט זיך ניט אומגעקערט. אַזאַ אַקשן! צי דען האָט ער ניט פאַרשטאַנען, אַז ער מאַכט צונישט זשאָ־רעס קולטור־אַרבעט?

...און ווער ווייסט, עפשער וועט דער אַלטער, דער אַקשן, אים נאָך אָפטאָן פונקט אַזאַ שפיצל אויך אָפדערנאַכט. ס'איז דאָך געמאָלדן אָן אָוונט פון זעלבסטטעטיקײַט, וואָס איז טאַקע געווידמעט אים. אפן אָוונט וועט קומען די גאַנצע אַדמיני־סטראַציע...

ווען זשאָרע האָט געענדיקט דעם גרויסאַרטיקן ספיטש און אַרומגעווישט מיטן טיכל דאָס פאַר־שוויצטע פּאָנעם, האָט ער זיך באַגעגנט מיט די איבערגעשראָקענע בליקן פון די טענצערנס און זיך אויך פאַרלאָרן. וואָס איז געשען? פאַר־וואָס קומט ער ניט, דער אַקשן? ער מאַכט דאָך קאַליע דעם גאַנצן איניען, און אַלץ גייט צו גרונט. מע האָט זיך געלאָזט קאָסטן געלט, און אַלץ צום טײַוול?

זשאָרע האָט אויפגעהויבן די האַנט, מע זאָל זיך באַרויִקן, באַלד וועט מען אויספאָרשן, פאַר־וואָס דער אימעניניק קערט זיך ניט אום.

דער קולטורניק און זײַנע דרײַ צעטומלטע באַגלייטערנס זײַנען אַוועקגעלאָפן זוכן דעם אימעניניק, אָבער אין דער פּאַלאַטע האָבן זיי געטראָפן בלויז די אופראַמערן — א דיקע מיטל־יאָריקע שוואַרץ־אויגיקע פרוי אין די פופצי־קער. זי האָט געוואַשן דעם דיל, גרייטנדיק די פּאַלאַטע פאַר א נײַעם פּאַציענט. זי האָט זיך אונטערגעצוונגען, ווי עס וואָלט גאָרנישט ניט געשען.

— גלאַפירע, טײַערינקע! — האָט זיך צו איר א לאָז געטאָן נאַטע צערעטעלי. — ווו זשע איז אונדזער אַלטער שאַכן?

יענע האָט זיך ניט מיטאַמאָל אויפגעהויבן פון דיל, אויסגעדרייט די נאַסע שמאַטע, א וויש גע־טאָן מיטן אַרבל דאָס פּאָנעם און ניט געײַלט איבערגעפרעגט:

— וועלכער שאַכן? אָט דער מיטן שטרויענעם קאַפעליוש און מיט די ווײַסע וואָנצעס? אַהאָ! זוכט דעם ווינט אין פעלד!

— וואָס הייסט? — האָט ניט ווי מיט איר שטים אויסגעשריגן שפאַק־קאָוואַליק.

— אָט דאָס וואָס איר הערט! — האָט גלאַפּי־רע באַטראַכט די פאַרדײַגעטע פרויען. — דער אַלטער איז געקומען צו לויפן אין קאָרפּוס, ווי אָן אָפּגעבריטער, א בייזער און אָן אופגערעג־טער, געכאַפּט זײַן קאַפעליוש, דעם שירעם, דעם סאַקוואַיאַזש, און אַוועק צו דער סטאַנציע, צום ניקאָלײַעווער צוג... ער פאָרט קיין ניקאָלײַעוו. צו דער טאָכטער. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז שוין זאַט מיט די וויצלער, וואָס דערגייען אים די יאָרן און לאָזן אים ניט אָפּרוען. אַלעמאָל טראַכטן זיי צו, זאָגט ער, אַנדערע מעשוגענע שטיק, מע איזדיעקוועט זיך איבער אים... הײַנט האָבן זיי אים צוגעטראַכט, האָט ער דער־ציילט, א געבורטסטאָג. באַגריסונגען, טעלעגראַ־מעס, בלומען... מענטשן האָבן ניט וואָס צו טאָן, גייט מען אַראָפּ פון זינען.

— וואַרט נאָר, וואַרט, גלאַפירע! — איז א צעטומלטער צוגעגאַנגען צו דער אופראַמערן זשאָרע, און דאָס פּאָנעם זײַנס איז געווען אויס־געצויגן און בלאַס, ווי די וואַנט. — פאַרוואָס גראָדע קיין ניקאָלײַעוו?

— וווהין דען זאָל ער פאָרן? — האָט זי באַרויִקט איבערגעשלאָגן. — ער וווינט אין ני־קאָלײַעוו לעבן זײַן טאָכטער און אַרבעט אין באַנק, דאַכט זיך א בוכהאַלטער, צי א קאַסיר.

— וואָס, א טאָכטער, ניט קיין זון? — איז שיר ניט געפאַלן כאַלאַשעס דעבאָרע צירולניק און צוגעשפאַרט זיך צו נאַטע צערעטעליס אַקסל.

די אופראַמערן האָט א קנייטש געטאָן מיטן אַקסל:

— איך זאָג דאָך אײַך: א טאָכטער! אין ניקאָ־לײַעוו! און ניט קיין זון. איך האָב אים גוט אויסגעפרעגט.

— די מומע זאָסיע האָט דאָך געזאָגט, — האָט מיט א וויינענדיקער שטים הילפלאָז א כליפּע געטאָן זשאָרע, דער קולטורניק, — די מומע זאָ־סיע האָט געזאָגט, אַז ער האָט א זון, א דירעק־טאָר, און דער אַלטער איז א היגער. און מיר...

— אַהאָ! די מומע זאָסיע האָט געזאָגט! מאַלע וואָס די שטיפערן קען אײַך אַמאָל צוטראַכטן! —

האָט א פּאָך געטאָן מיט דער האַנט אינדערלופטן
די אופּראַמערן גלאַפּירע און זיך ווידער גענו־
מען צום דיל. — וואָס זשע, איר קענט זי ניט?
זי קאָן אײַך אויסטראַכטן אפן בוידעם א יאַריד!
אָף איר שטעלע, זעט איר אַליין, האָרעוועט זי
זיך ניט איבעריקס איבער. ווען זי וואָלט דאַרפן
אַלע טאָג אופּראַמען און וואַשן אַזױפיל פּאַלאַ־
טעס, ווי איך, וואָלט בא איר קיין צײַט ניט גע־
קלעקט צו טרײַבן לייצאָנעס. און אַזוי... נו־נו,
אַזא מײַסע! א זון א דירעקטאָר.

דערזען, ווי אירע ווערטער האָבן פּריטשמע־
ליעט די מענטשן, ווי זיי זײַנען געבליבן שטיין,
כאָטש מעלק זיי אויס, האָט גלאַפּירע צוגע־
געבן:

— וואָס איז מיט אײַך? איר האָט נאָך ניט
פאַרשפּעטיקט. ערשט ניט לאַנג האָט ער אָפּגע־
שטעלט א טאַקסי און איז אַוועקגעפאָרן צו דער
סטאַנציע. איך מיין, אַז ווען איר פאַקט א מאַ־
שין, וואָלט איר נאָך באַוויזן צום צוג, באַגלייטן
דעם אַלטיטשקן. גאָר א פײַנער פאַרשוין. אַזא
פּראָסטער מענטש, ער האָט מיר א סאַך דער־
ציילט וועגן זײַן טאָכטער... זי אַרבעט אויך אין
ניקאָלײַעוו, אין באַנק. פאָלגט מיך, זשאַלעוועט
ניט קיין רובל, און נעמט א טאַקסי, פאָרט אים
באַגלייטן. איך האָב געזען, ווי איר האָט זיך צו
אים די לעצטע צײַט גוט באַצויגן... און הײַנט
איז ער געקומען צו לויפן אָן אופּגערודערטער,
געכאַפּט דעם קאַפּעליוש, דעם סאַקוואָיאַזש און
אַנטלאָפן צו דער סטאַנציע. ווער ווייסט, וואָס
איז געשען. פאַטערט ניט קיין צײַט, נעמט א
טאַקסי. איר וועט נאָך באַווײַזן באַגלייטן אײַער
באַקאַנטן, צי איך ווייס ניט, וואָס ער קער זיך
מיט אײַך אָן. ער איז אַוועק אין א שווערער
שטימונג. באַגלייט אים שוין אַרויס, עפּשער
וועט בא אים פאַרבלײַבן וועגן אײַך, וועגן אונד־
זער הויז א גוטער אײַנדרוק. פאָלגט מיך.

— א דאַנק אײַך פאַר דער פײַנער אייצע! —
האָט זשאָרע איבערגעשלאָגן און אַראָפּגעלאָזט
דעם קאָפּ, פאַרלוירן דאָס לאָשן. פּונקט אַזוי
דערשלאָגן און אַנטוישט איז געשטאַנען דער
דרײַלינג. ווער פון זיי האָט זיך געריכט, אַז
די געשיכטע וועט זיך אַזוי ענדיקן? און קיינער
פון זיי האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, ווי מע וועט
איצט קוקן מענטשן אין די אויגן.

נאָך א גליק, וואָס די מומע זאָסיע איז פון
הײַנט אָן אַוועק אין אורלויב אָף א גאַנצן כוי־
דעש. זי וואָלט בא זיי שיין אָפּגעלייזט פאַר איר
שפּאַס!

א גאַסט אין שטעטל

די בסורע איז אָנגעפלויגן, ווי א דונער
אין א לויטערן פרימאָרגן, און אופּגע־
הויבן א גאַנצן האַרמידער אין כמעלניק.

אייגנטלעך, ניט אין כמעלניק, נאָר אין כמעל־
ניקער האָטעל...

אינמיטן דער נאַכט האָט זיך פּלוצעם צע־
גראַגערט דער טעלעפאָן אפן ־טישל, לעבן וועלכן
ס'האָט געדרעמלט די מומע כאַסיע קאַראַסיק, די
אופּראַמערן און די דעזשורנע. זי האָט זיך, נע־
בעך, אַזוי דערשראָקן, די אַלטיטשקע, אַז זי
האָט געכאַפּט דעם בעזעם און זיך געלאָזט לויפן
צו דער טיר, מיינענדיק, אַז דער האָטעל ברענט,
כאָלילע.

הער נאָר א מײַסע, דער טעלעפאָן, וואָס האָט
שוין עטלעכע טעג געשוויגן, האָט זיך צעקלונ־
גען, גלײַך ווי מע וואָלט אים געקוילעט.

איז געשטאַנען די אַלטיטשקע כאַסיע קאַראַ־
סיק א ווײַלע באַם טישל, אַרײַנגעשאָטן אינעם
טעלעפאָן אַלץ, וואָס איר איז געווען אפן האַרצן,
פאַריכט דאָס געקווייטלטע קאָפּטיכל, אויסגע־
ווישט מיטן אַרבל פון דער פּופּײַקע די ליפּן, ווי
זי וואָלט זיך געקליבן מיט עמעצן קושן, און
ערשט דעמלט גענומען דאָס טעלעפאָן־טרײַבל
צום אויער און מײַסע באַלעבאָסטע זיך אָנגע־
רופן:

— איך הער! די דעזשורנע כאַסיע קאַראַסיק
הערט אײַך! ווער רעדט עס, האַ? פון ווינ־יצע?
זייער פײַן! און איך — פון כמעלניק. יאָ, יאָ,
פון כמעלניק! וואָס זשע דען, פון פּאַריזש? פון
כמעלניק, זאָגט מען אײַך. וואָס זאָגט איר? עס
פאָרט צו אונדז, קיין כמעלניק, א פּרעזעס? וואָס
פאַר א פּרעזעס, מיט וואָס עסט מען עס? האַ,
א פּרעזידענט? א פּרעזידענט פאָרט צו אונדז
קיין כמעלניק? וואָס פאַר א פּרעזידענט?! פון
פילאַדעלפיע, פון אַמעריקע? הערט נאָר א מײַ־
סע, פון אַמעריקע! פאָלג מיך א גאַנג! שיינע
מײַסעס מיט פּעטע קוגלען! וואָס פאַר א מעכוטן
איז מיט כמעלניק א פּרעזידענט פון אַמעריקע?
וואָס זשע, דאָרטן, בא זיך, אין אַמעריקע, האָט
ער שוין ניט וואָס צו טאָן? צי עפּשער פאָרט
ער אַוועק פון דאָרטן, ווײַל מע האָט אָנגעהויבן
שיסן פּרעזידענטן און קיינער ווייסט ניט, ווער
עס זײַנען די שיסער? יאָ, נאָר וואָס וועט בא
אונדז אין כמעלניק טאָן דער פּרעזידענט? מיר
באַדרייען זיך דאָ, דאַנקען גאָט, גאַנץ שיין אָן
א פּרעזידענט. וואָס זאָגט איר, ער האָט זיך

פאַרהאַלטן אין ווינעציע און פּאָרט אינגיכן אַרויס צו אונדז קיין כמעלניק. זייער שיין! און וואָס וועלן מיר דאָ מיט אים טאָן? עפּעס הער איך אײַך ניט. בלאָזט דורך דאָס טרײַבל. עס הודעט שטאַרק. וואָס, וואָס? מיר זאָלן אים צוגרייטן אַ האָטעל? וואָס זשע, אַוודאי, אָט זיצן מיר און קוקן נאָר אַרויס אַף אים. אַלע נומערן ביז אײַנ־נעם זײַנען באַ אונדז פאַרנומען... וואָס, ער פּאָרט די מינוט אַרויס, דער פּרעזעס, דער פּרע־זעדענט? וואָס עס האָט זיך מיר געכאַלעמט די נאַכט, יענע נאַכט... שאַ, שרײַט ניט אַזוי! איך בין ניט אײַער מעשאָרעס. אַליאָ! טפו, צו אַלדי רוכעס! ווידער שטום געוואָרן, ווי אַ באָק... אַליאָ!

דער טעלעפאָן איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן און כאָטש גיב אים אַכצן קרענק, האָט ער מער ניט געוואָלט ריידן, דער מעיוכעס. וויפל די מומע כאַסיע האָט ניט געבלאָזן אין טרײַבל, האָט עס איר געהאָלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס.

זי האָט אָפּגעווישט מיטן עק פונעם קאָפּטיכל דעם שוויס, וואָס האָט באַשלאָגן איר אָפּגעצויגן טונקל פּאָנעם, באַרויגעז אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסל און געזאָגט צו זיך אַליין:

— עס וואָלט מיר גרינגער געווען אופּראַמען צען צימערן, איידער זיך דורכריידן דורכן טע־לעפאָן מיט איין פּרעזעדענט.

זינט זי לעבט אַף דער וועלט, די מומע כאַ־סיע, — אַ כעזשבן פון קנאַפּע זיבעציק יאָר, — האָט זי נאָך ניט געהאַט צו טאָן מיט קיין גרוי־סע מענטשן, ניט ריידנדיק שוין פון פּרעזידענטן. ער פּאָרט, ער איז שוין דאָ, טאָמער דאַרפט איר אים! ער איז שוין, מיט גאָטס הילף, אין ווינעציע, און פון ווינעציע, ווי באַוווסט, ביז כמעלניק איז אַ פּאָר שאָ פאַרעכץ מיטן אויטאָבוס, און אַ פּרע־זידענט, דאַרפט איר וויסן, אויב ער איז ניט קיין קאַרגער, — האָט געטראַכט די מומע כאַ־סיע, — קאָן זיך אַמאָל פאַרגינען פליִען מיט אַן אַעראָפּלאַן, מיט אַ ווערטאָליאָט, און וויבאַלד אַזוי, קאָן עס אים אָנטראָגן אַהער נאָך גיכער. הײַנט זײַט זשע אַ בעריע און גיט אַן אייצע, וואָס זי דאַרף טאָן.

די מומע כאַסיע איז אָפן גאַסט געווען אַזוי אופגערעגט, ווײַל ער האָט איר איבערגעשלאָגן דעם געשמאַקן שלאָף. עס איז גראַדע זונטיק, און זי וואָלט זיך געקאָנט פײַן אויסשלאָפן, העלפט גאָט, און עס טראָגט אָן אַהער אַ פּרע־זידענט!

איידער עפּעס־וואָס, האָט די מומע כאַסיע זיך אַרומגעוואַשן מיט קאַלטער וואַסער, דער שלאָף זאָל זיך פון איר אָפּטאָן. דערנאָך האָט זי צוגע־קעמט באַם שפּיגעלע, וואָס הענגט אַף דער וואַנט, די האָר און זיך אַנידערגעזעצט אַף דער טאַבורעטקע, אַ טראַכט צו טאָן, וואָס זי האָט צו טאָן, ווי זי זאָל אופנעמען דעם געהויבענעם גאַסט.

אָבער דער מומע כאַסיען האָט זיך נאָך אַלץ ניט געלייגט אַפן זינען, וואָס פאַר אַ ווינט האָט אַהער פאַרטראָגן דעם פּרעזידענט? וואָס פאַר אַ מיין האָט ער געהאַט, ווען ער האָט באַשטימט זיך לאָזן אין אַזאַ ווײַטער נעסיִע? פּאָלג מיך אַ גאַנג — פון אַמעריקע קיין כמעלניק! און כאָטש אַלעמען, דאַרף דאָס דאָך אָפּקאָסטן אַ מאַיאָנטעק מיט געלט. איר מעגט זײַן זעקס מאָל פּרעזי־דענט און צען מאָל אַ מיניסטער, זײַנט איר ניט מער און ניט ווייניקער, ווי אַ לעבעדיקער מענטש, וואָס דאַרף עסן. נו, וויבאַלד ער איז אַ פּרעזידענט, דאַרף ער נאָך פירן מיט זיך מענטשן, וואָס זאָלן אים היטן, עס זאָל אַף אים, כאַלילע, קיין שטויבעלע ניט פאַלן. פּאָרט אַ פּרעזידענט.

די מומע כאַסיע האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט קומען צו־זיך און געווען פול מיט מאַכשאָוועס און טיפע געדאַנקען.

יאָ, אַ מאָדנער פאַרשוין מוז עס אַוודאי זײַן. און וואָס האָט עס אים גראַדע פאַרטראָגן אַהער, קיין כמעלניק? — האָט זי ניט געקאָנט פאַר־שטיין. וואָס זשע, ער האָט ניט געקאָנט פאַרפאָרן, מירן זאָגן, קיין שאַרגאָראָד, צי קיין יאַמפּעלע, קיין קיטײַגאָראָד אָדער יאַרמעלינעץ, קיין מעד־זשיבעזש אָדער הײַסין?

נאָר דאָ האָט די מומע כאַסיע קאַראַסיק זיך געכאַפּט, אַז ניט אַנדערש, ווי דער פּרעזידענט האָט געהערט וועגן די באַרימטע כמעלניקער ראָדאָנעווע וואַנעס, און דאָס האָט אים, אַפּאָ־נעם, געבראַכט אַהער.

דער פּרעזידענט פאַרמאָגט, מינאַסטאַם, אַ שיינעם ראַדיקוליט, אָן אישיאָס, אַ שטעכעניש, אַ ברעכעניש, — מאַלע וואָס אַ פּרעזידענט קאָן האָבן! אַוודאי פּאָרט ער זיך אַהער היילן!

יאָ, עס איז אָבער ציקאַווע, צי פּאָרט ער אַהער מיט אַ פּוטיאָווקע, צי עפּשער מיט אַ קורסאָווקע? און עפּשער פּאָרט ער גאָר ווי אַ „דיקאַר״, אַ „ווילדער״ הייסט עס? אָן אַ פּוטיאָוו־קע און אָן אַ קורסאָווקע?

זעט אויס, אַז דאָס דאַרף זײַן אַ קאַרגער פּאַר־שוין. אַ מענטש איז שלאָף. וואָס זשע, איז ער קראַנק צעבינדן דאָס קניפּל און זיך אַראָפּכאַפּן קיין קאַרלסבאַד, אָדער, לאָמיר זאָגן, קיין יע־סענטוקי, קיין קיסלאָוואָדסק? אַהער, קיין כמעל־ניק, דאַרף עס אים פאַרטראָגן?

זאָל ער פאָרן! ווער זאָגט אים דען עפּעס? נאָר זעט אַ שטעל — באַלד זאָלט איר אים צו־גרייטן אַ האָטעל אין כמעלניק. אַז בעסאַכאַקל איז דער גאַנצער האָטעל גרויס, ווי אַ הונט זיצנדיק. אַרום־און־אַרום האָט איר דאָ אַכט צי־מערן, וואָס זײַנען שטענדיק פאַרנומען. גראַדע הײַנט שלאָפן דאָרט די אַרטיסטן און קונצנמאַ־

כער פון דער טשערנאָוויצער פילארמאָניע, וואָס זײַנען יענע נאכט געקומען אהער שפילן טעאטער. וואָס זשע, וועט איר זיי אופטאָרען פונעם שלאָף און זיי בעטן זיך מאטריִען זײַן — גיין שלאָפן אפן בולוואר? וואָס איז אזוינס געשען? העפקער פעטרישקע. פאר זיי, דאָרטן, אין אמעריקע, איז ער א גאנצער יאטאָבידאם, נאָר בא איר, בא דער מומע כאסיע, איז ער גאָר א קליינער ייִכעס. און צוריקגערעדט, איז זי דאָ א קנאפע באלעבאָסטע. זי איז אָן אופראמערן, א שטיקל דעזשורנע, און איר זאך איז זען, עס זאָל אומעטום זײַן ריין און ציכטיק, מע זאָל צו דער צײַט בײַטן דאָס וועש, און דאָס איבעריקע קער זיך צו איר ניט אָן, ס'איז ניט איר באָבעס דײַגע! דאָ איז פאראן א נאטשאלניק, א דירעקטריסע, ביז הונדערט און צוואנציק יאָר, נאסטאסיע פעטראָוונע, טאָ זאָל זי זיך דרייען דעם קאָפ מיט די געסט און האָבן צו טאָן מיט פרעזידענטן.

עמעס, נאסטאסיע פעטראָוונע איז איצט אוועקגעפאָרן צו איר קראנקער מוטער קיין טעפליק און פארהאלט זיך א ביסל, און דערווײַל איז באלעבאָסטע זי, די מומע כאסיע קאראסיק.

דערמאָנענדיק זיך וועגן דעם, איז זי באפאלן א פאכעד.

וויִאזוי עס זאָל דאָרט ניט זײַן, נאָר דער פרעזידענט וועט באלד אהער ארײַנפאלן, און זי וועט אים מוזן ערגעץ אהינטאָן. עס איז דאָך ניט קיין געשעפט לאָזן א פרעזידענט שלאָפן אונטערן פרײַען הימל. עס קאָן, כאָליִע, אויסברעכן א סקאנדאל.

יאָ, די צײַט גייט גיך, אָט־אָט וועט ער זיך ארײַנשטעלן, דער גאסט. ווו זשע לייגט מען אים אוועק שלאָפן, אז אלע ערטער זײַנען פארנומען? סײַדן אים אוועקשטעלן אין קאָרידאָר א ראסקלאדושקע. נאָר ווער ווייסט, צי וועט ער דאָ וועלן שלאָפן, ער איז דאָך געוויס איידל געפאצקעט.

נאָר כוץ אלעמען, הייבט זי ניט אָן צו פארשטיין, די מומע כאסיע קאראסיק, וויִאזוי וועט זי זיך מיט אים דורכשמועסן, אז קיין ייִדיש, אפאָנעם, קען ער ניט. קיין רוסיש אָדער אוקראִיניש פארשטייט ער אויך ניט. קיין ענגליש, פראנצויזיש צי טערקיש פארשטייט זי ניט. וואָס זשע קאָן זיך באקומען?

נאָר פלוצעם איז איר געקומען אין קאָפ א גליקלעכער געדאנק. זי האָט זיך דערמאָנט, אז זי קאָן אוועקלייגן שלאָפן דעם פאני פרעזעס בא דער דירעקטריסע אין קאבינעטל, אפן דיוואן. עמעס, דאָס איז ניט קיין גאָר גרויסארטיקער דיוואן, נאָר קיין אנדער אויסוועג איז ניטאָ. דאָך בעסער צו שלאָפן אפן שלעכטן דיוואן, איידער אונטערן פרײַען הימל. און אז ער וועט, מירצעשעם, זיך אומקערן צו זיך אהיים, דער פרעזידענט, זאָל ער זיך שלאָפן אפילע אף א העסעבעט!

נו־נו, אזא אָנשיקעניש!

עפשער זאָל זי גאָר אָנקלינגען דעם פאָרזיצער פון סאָוועט, דעם כמעלניקער פרעזידענט, ער זאָל איר געבן אן אייצע? נאָר וואָס פאר א מעכוטן איז זי מיט אזא נאטשאלניק, די מומע כאסיע קאראסיק? און דערצו נאָך איז זונטיק, און יענער זיצט, מינאסטאם, באם טעלעוויזאָר, וועט זי אים גיין דרייען א קאָפ? און נאסטאסיע פעטראָוונע קאָן איר דערפאר אָפשפילן אזא כאסענע, אז זי וועט פארגעסן, ווי מע רופט זי. איז דאָ איין ברײרע — מע דארף זיך אליין געבן אן אייצע. זי וועט יאקאָס באלייגן שלאָפן דעם פרעזידענט, און אינדערפרי וועט מען זען. עפשער וועט קומען צו פאָרן נאסטאסיע פעטראָוונע, זי איז א זאוועדעשטשע און דארף וויסן, וויִאזוי מע פירט זיך אוף מיט פרעזידענטן.

נאָר איידער עפעס וואָס דארף מען גיין צוגרייטן דאָס געלעגער פארן גאסט. אויב ער איז טאקע אן עמעסער פרעזידענט, קער ער מינאסטאם זײַן אן איידעלער מענטש און וועט זיך ניט באליידיקן, אויב דאָס געלעגער וועט ניט זײַן אזא פויגלדיקס.

נאָר די מומע כאסיע, פארטאָן אין אירע אומרויִקע מאכשאָוועס, האָט ניט באמערקט, ווי די צײַט איז איבערגעפלויגן. די אלטיטשקע האָט זיך ניט באוויזן ארומקוקן, ווי עס איז צום גאנעק פונעם האָטעל צוגעפאָרן אן אווטאָמאָביל און פון דאָרטן איז קרעכצנדיק ארויסגעקראָכן א רירעוודיקער פארשוין, אָנגעשטאָפט מיט יאָרן, אפן קאָפ בא אים האָט געשטעקט א הארט קאפעליושל. אָנגעטאָן איז ער געווען אין א פאָר קורצע הייזלעך, ארײַנגערוקטע אין גראָבע זאָקן, אין א העל קורץ ספאָרטיוון רעקל. דאָס קײַלעכיקע פאָנעם זײַנס איז געווען שטארק געקנייטשט, ווי עס וואָלט שוין ווייסעך וויפל צײַט ניט געוויסט פון קיין שלאָף. פון אונטער די גרויסע ברילן האָבן ארויסגעקוקט צוויי אומרויִקע, א ביסל שטיפערישע אויגן און די צוויי קורצע וואָנצעלעך, וואָס זײַנען געזעסן אונטערן קורצן, עטוואָס פאריסענעם נעזל, האָבן צוגעגעבן דעם אויסזען זײַנעם א ביסל שטרענגקײַט.

דער שאָפער האָט געהאָלפן דעם פארשוין ארײַנטראָגן אין האָטעל צוויי גראָבע טשעמאָדאנעס.

די מומע כאסיע האָט זיך א ביסל דערשראָקן. זי האָט געוואָרפן א בליק אפן פענצטער, געזוכט די סאָלדאטן, וואָס דארפן, אלפי־סייכל, באגלייטן און אָפהיטן דעם פרעזידענט, נאָר קיינעם האָט זי ניט באמערקט.

דער שאָפער האָט מאַמזעריש א שמייכל גע־
טאָן צו דער מומע כאַסיע און זיך אָנגערופן:

— כאַווערטע קאַראַסיק, איך האָב אײַך גע־
בראַכט א גאַסט, און איר באַשטאַט אים ווי עס
דאַרף צו זײַן.

און איז גלײַך ווי אויסגערונען געוואָרן.

און אָט זײַנען זיי געבליבן, ווי מע זאָגט,
אויג־אָף־אויג — די מומע כאַסיע קאַראַסיק און
דער פּרעזידענט.

ווען די מומע כאַסיע איז א ביסל געקומען צו־
זיך, האָט זיך איר געוווּנען דאַכטן, אַז דער פאַר־
שוין איז עפּעס ניט ענלעך אָף קיין פּרעזידענט!
ער זעט אויס צו זײַן א ייִד, און ווו האָט איר
געזען בא הײַנטיקע צײַטן ייִדן פּרעזידענטן? און
דאָס גרויסע גליק, וואָס וואָלט אים געכאַפּט,
ווען ער איז א פּרעזידענט. ס'איז מאַמעש גע־
וואָרן א געפּערלעכע זאַך זײַן בא הײַנטיקע
צײַטן א פּרעזידענט. אַז אַלע מיטוואָך און דאָ־
נערשטיק לייענסטו אין די בלעטער, אַז דאָרטן
האָט מען אַראָפּגעמאָרדעוועט פונעם בענקל איין
פּרעזידענט און דאָ האָט מען דערשאָסן א
צווייטן פּרעזידענט. יאָ, א שיינע פּראָפעסיע,
אָף אַלע מײַנע סאָנים געזאָגט געוואָרן!

די מומע כאַסיע האָט געקוקט אָף דעם פאַר־
שוין מיט ראַכמאָנעס און מיטלײַד, און ער אָף
איר — מיט א מאַמזעריש שמייכעלע.

זי שווײַגט, און ער שווײַגט.

ווײַל וואָס, אַשטייגער, האָט זי מיט אים גע־
קאָנט רעדן, אַז זי פאַרשטייט ניט א וואָרט
אַמעריקאַניש, דאָס הייסט ענגליש, און ער? —
ער האָט שוין, מינאַסטאַם, פון לאַנג פאַרגעסן
דאָס מאַמע־לאָשן. אַזא טעווע האָבן די אינטעלי־
גענטן, ווי נאָר מע רײַסט זיך אַרויס פונעם
טאַטנס שטוב, אַזוי הייבט מען זיך אָן צו שע־
מען מיטן מאַמע־לאָשן.

נאָר מיטאַמאָל רופט ער זיך אָן, דער פאַר־
שוין מיטן צעקנייטשטן פּאָנעם און מיט די קור־
צע וואָנצעלעך אונטערן קורצן נעזל:

— גוטמאָנינג, מיסיס, אַנטשולדיקט, איך ווייס
ניט, ווי מע רופט אײַך, דאָס זײַנט איר דאָ פּרע־
זעס, דאָס הייסט פּרעזידענט פון אָט דעם האָ־
טעל־קאַרפּאָריישן?

דער מומע כאַסיען איז געוואָרן פינצטער אין
די אויגן, ווען זי האָט דערהערט, אַז זי איז שוין
בא אים אויך געוואָרן א פּרעזידענט. נאָר וואָס
הייסט דאָס „קאָרפּאָריישן”? די אַלטיטשקע האָט
זיך א ביסל דערשראָקן. עס גייט איר נאָך אָפּ
צו ווערן אין כמעלניק א פּרעזידענט. טאָמער,
כאָלילע, ברענגט עס דער לעץ אַרויס פאַרן אוי־
לעם, איז זי אויסגעשטעלט, די מומע כאַסיע. מע
וועט דאָך זי די גאַס ניט לאָזן דורכגיין! איר
שטעלט זיך דען פאָר, וואָס עס הייסט אַרײַנ־
פאַלן אין די מײַלער צו די כמעלניקער כאַכמאַ־
טשעס? וועסט גלײַך דאַרפן נעמען א בילעט
און אַנטלויפן אַהין, ווו דער שוואַרצער פּעפער
וואַקסט.

און די מומע כאַסיע האָט אים איבערגעשלאָגן:

— גאָט איז מיט אײַך! וואָס רעדט איר? מיר
האָט מען דאָך געקלונגען פון וויניצע, אַז איר
זײַנט דער פּרעזודענט... פון אַמעריקע...

— וואָס? — האָט ער אויסגעשטעלט אָף איר
א פּאָר גרויסע אויגן. — איך? איך בין דער פּרע־
זידענט פון אַמעריקע?

און דער פאַרשוין האָט אויסגעשאָסן א גע־
לעכטער, אַז דער קאַפּעליוש איז אַראָפּגעפלויגן
פון זײַן געגאָלטן קאָפּ.

די מומע כאַסיע האָט אים קוים אײַנגעשטילט,
געטײַטלט אָף די זײַטיקע טירן, ווי איינער
רעדט: „איר וועט מיר אופוועקן די מענטשן,
וועלן מיר דערמלט ביידע אַרײַנכאַפּן”...

ער האָט זיך א ביסל באַרויִקט, אויסגעווישט
מיט א גרויס טיכל דעם פאַרשוויצטן שטערן,
דערנאָך אַרויסגענומען פון קעשענע א ראָזלעכע
גומקע, זי פלינק אַרײַנגעכאַפּט אין מויל אַרײַן
און זי גענומען מיט געשמאַק מאַלעגיירען.

די מומע כאַסיע האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס
ער קײַט מיט אַזא אַפּעטיט. ווען זי האָט דער־
זען, ווי ער רוקט איר אויך אונטער אַזא גומקע
און ווײַזט, זי זאָל אויך קײַען, איז איר געוואָרן
מלאָסנע אָפן האַרצן. אײַ דער פאַרשוין זאָגט, אַז
גאַנץ אַמעריקע קײַט טאָג ווי נאַכט אָט די גומ־
קעס, טאָ מאַלע וואָס אַמעריקע טוט! זיי מעגן
אַפילע גיין מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס
אַרויף. זי וועט ניט קײַען קיין קלאָטשעס! דאָס ניט,
דאָס וועט ער בא איר נישט פויעלן!

— א שיינעם דאַנק אײַך, פּאַני פּרעזודענט! —
האָט זי אַנטשיידן א זאָג געטאָן, די מומע כאַסיע
קאַראַסיק. — איך בין שוין א געגעסענע. וואָס
זשע מיינט איר, אַז מיר האָבן, כאָלילע, ניט
וואָס צו עסן? דאַנקען גאָט, האַלעוואַי אָף ווײַטער
ניט ערגער. דאָס שטיקל ברויט פאַרדינען מיר
און קומען צו קיינעם ניט אָן. מיר לעבן, ניט
צו פאַרזינדיקן, מיר זשאַלעווען זיך ניט אָף
אונדזער גורל. ווי זאָגט מען דאָרט: די בור־
זשואַזיע מיטן קאַפּיטאַל עסט ניט קיין גאָלד, און
מיר עסן ניט קיין שטיינער.

זי האָט א קוק געטאָן, ווי יענער מאַלעגיירעט
מיט אַזא פאַרגעניגן די גומקע, און צוגעגעבן:

— איר דאַרפט אָף מיר זיך ניט באַליידיקן.
בא אײַך אין אַמעריקע, האָב איך געהערט, ווווי־
נען א סאַך מיליאָנשטשיקעס, וואָס זשע זײַנען
זיי ניט בעקויעך אויסהאַלטן איין פּרעזודענט?
ער מוז, נעבעך, קײַען אָט די קלאָטשעס? און
נאָך איין זאַך, אײַערע בורזשויעס זײַנען קראַנק
אײַך קויפן א פּאָר לײַטישע הויזן, איר זאָלט ניט
טראָגן אָט די מאַטקעלעך, וואָס בא אונדז, דאַכט
זיך, שעמען זיך אַפילע זיי טראָגן פּיאָנערן? איין
שטיקל פּרעזודענט, און דאַרף אַזוי בידעווען...

8*

דער פארשוין האָט זיך נאָך שטארקער צעלאכט, זיך אזש געכאפּט פארן בויך:

— אוי, איך פאל אוועק א טויטער! — האָט ער אויסגעשריִען. — מיסיס, וויִאזוי רופט מען אײַך? מיסיס... מומע כאסיע קאראסיק? וואָס זשע, איר מיינט אפּאנעמעסן, אז דאָס בין איך דער פּרעזידענט פון אמעריקע? זאָל גאָט היטן! איך בין פּרעזעס, דאָס הייסט א פּרעזידענט פון א קנעפּל־קאָרפּאָריישן אין פילאדעלפיע... איר פארשטייט, מיסיס כאסיע, איך האָב א געשעפט פון קנעפּלעך, א קאָרפּאָריישן...

— אזוי גאָר? וואָס ס'האָט זיך מיר געכאָלעמט די נאכט, יענע נאכט! הער נאָר, — האָט אָפּגעטאָטעמט די מומע כאסיע, — איר האָט דאָך מיך איבערגעשראָקן אף טויט. וואָס זשע האָט איר מיר געדרייט א ספּאָדעק: פּרעזעדענט...

— איר פארשטייט, מיסיס כאסיע, — האָט ער איר ווײַטער גענומען דערקלערן, — ווען איר זײַנט מיט אײַער גרויסארטיקן האָטעל בא אונדז אין אמעריקע, וואָלט איר אויך געווען א פּרעזעס, א פּרעזידענט פון האָטעל־קאָרפּאָריישן.

— א שיינעם דאנק אײַך! — האָט זי אים איבערגעשלאָגן. — איך וויל ניט זײַן בא אײַך אין אמעריקע און דארף אף קאפּאָרעס אײַער קאָרפּאָריישן. איך לעב מיר, דאנקען גאָט, אין כמעלניק און האָב צו קיינעם ניט קיין טײַנעס. איך באקום א פּענסיע, און דערצו ארבעט איך נאָך דאָ אין האָטעל בא מײַן, ווי זאָגט איר עס, פּרעזעדענט נאסטאסיע פּעטראָוונע אין קאָרפּאָריישן.

דער פארשוין האָט ניט אופגעהערט צו לאכן און אלץ געבעטן די אײַנגעאקשנטע מומע כאסיע, זי זאָל פארזוכן זײַנע א גומקע. עס וועט איר גאָרנישט ניט שאטן. נאָר זי איז געווען שטאָל און אײַזן. ניין! זי האָט א טראכט געטאָן: „דער טײַוול ווייסט אים, עפּשער איז דאָס פון יענע זאכן, מיט וועלכע מע פארשלעפּערט"... און מע דארף וויסן, אז די מומע כאסיע קאראסיק איז אין כמעלניק ניט דער לעצטער מענטש. זי איז א מיטגליד פון דער פרויען־קאָמיסיע און א מיטגליד פון פּראָפאריין.

זי האָט גענומען שאָקלען מיטן קאָפּ, מאכן מיט די הענט, ער זאָל זיך אָפּטשעפּען פון איר מיט זײַנע גומקעס. זאָל ער ניט זײַן אזא כאָכעם, ווײַל זי איז ניט פון די פארשלאָפענע יאכנע־דוואָסיעס און קיין פינגער אין מויל זאָל ער איר ניט ארײַנשטעקן.

ער איז געשטאנען א פארלוירענער מיט זײַן שמייכעלע און פלוצעם א קלאַפּ געטאָן זיך אין שטערן:

— מיסיס קאראס! — האָט ער זיך אָנגערופן. — זאָגט מיר נאָר, בא דער אלטער מיל האָט אמאָל געלעבט א קירזשנער יוינע קאראסיק, ניין, וואָס זאָג איך — מענדל קאראסיק, א קירזשנער, זײַט איר ניט זײַנע א קרויווע?

בא דער מומע כאסיע האָט אָפּגענומען דאָס לאָשן. זי האָט זיך נאָך שטארקער דערשראָקן, ווי פריִער: „זע נאָר, פונוואנען ווייסט מען אזש דאָרט, אין אמעריקע, אז דאָ, לעבן דער אלטער מיל, האָט געוווינט איר אייגענער פאָטער מענדל קאראסיק, דער קירזשנער?"

דערזען, אז די מיסיס כאסיע האָט זיך געענדערט אין פּאָנעם, בלאס געוואָרן, ווי די וואנט, האָט דער פּרעזידענט פון דער קנעפּל־קאָרפּאָריישן צוגעגעבן:

— איר פארשטייט, מיסיס קאראסיק, מיר האָבן אמאָל געוווינט א טיר בא א טיר מיטן קירזשנער מענדל קאראסיק. מיר זײַנען געווען שנײַדער, און ווי איך זע איצט, דארפט איר זײַן מענדל דעם קירזשנערס א טאָכטער. און אויב דער זיקאָרן פירט מיך ניט אונטער, בין איך אמאָל געווען א ביסעלע פארליבט אין אײַך... דאָס איז, עמעס, געווען לאנג, א יאָר פופציק צוריק...

— אָהאָ, זיך דערמאָנט יאק באבא דיווקא בולא! — האָט די מומע כאסיע א מאך געטאָן מיט דער האנט און איניינוועגס גענומען פאַריכטן די גראָווע האָר, וואָס זײַנען ווי אפּצולאָכעס ארויסגעקראָכן פון אונטערן קאָפּטיכל. — עפּעס הייב איך זיך ניט אָן צו דערמאָנען. זאָגט מיר, און וויִאזוי רופט מען אײַך?

— מיך רופט מען דזשייקאָב ראָבינזאָן... פּרעזעס, פּרעזידענט פון קנעפּל־קאָרפּאָריישן אין...

— וואָס דרייט איר א מויעך? — איז די מומע כאסיע געוואָרן אין קאַס. — בא אונדז אין כמעלניק זײַנען קיינמאָל ניט געווען קיין דזשייקאָבס מיט קיין ראָבינזאָנס, מיט קיין קאָרפּאָריישן... איך האָב קיינמאָל פון אזעלכע באשעפענישן ניט געהערט.

דער גאסט האָט אויסגעשאָסן א געלעכטער און זיך גלײַך פארכאפּט:

— אנטשולדיקט... איצט רופט מען מיך דזשייקאָב ראָבינזאָן אין פילאדעלפיע. אמאָל אין כמעלניק האָב איך געהייסן דאָדעק ראָבינאָוויטש!

— טפו, צו מײַנע סאָנימס קעפּ! — האָט זי אויסגעשאָסן. — וואָס זשע האָט איר גלײַך ניט געזאָגט? דזשייקאָב־שמייקאָב, קאָרפּאָריישן, ראָבינזאָן. דאָדעק ראבינאָוויטש — אָט דאָס איז גאָר עפּעס אנדערש! איז, ווי איך פארשטיי, זײַנט איר אזא פּרעזעדענט אין אמעריקע, ווי איך בין א באָרישניע אין כמעלניק? איז פארנעמט איר זיך דאָרט מיט קנעפּלעך? זייער פײַן. אויסגעביטן שנײַדערײַ אף קנעפּלעך! ווי זאָגט מען בא אונדז, ווימעניאוו קאָניא נא סוויניא...

— ניין, מיסיס קאראסיק, איך האָב ניט וואָס צו זינדיקן. איך מאך ניט שלעכט ביזנעס! און אָפּגעשפּאָרט א פּאָר דאָלער אויך. מאך א לעבן...

— א שיין לעבן! איך זע, ווי איר קײַט גומקעס... א בער זויגט די לאַפּע, און איר זויגט א גומקע. שעמט זיך ניט, טאָמער זײַנט איר הונגעריק, קאָן איך אײַך געבן א פרישן בייגל מיט מאָן, א פּאָר קנישעס מיט פּאסאָליעס, וועט איר אונטערהאלטן א ביסל די נעשאָמע, זיך מעכײַע זײַן. און גאנצפרי, אז מירן לעבן און געזונט זײַן, וועט איר ארײַנשפּרינגען צו אונדז אין טשײַנע און נעמען א פּאָרציע מאקאראָנעס מיט קאָטלעטן און א קאָמפּאָט פון סוכאָפּרוקטן. קיין גרויסע דעליקאטעסן זאָג איך אײַך ניט צו, נאָר הונגעריק וועט איר בא אונדז ניט זײַן.

— אָ, מיסיס קאראסיק! — האָט ער זיך אָנגערופן. — וואָס זשע מיינט איר, מיר קײַען די גומקע, ווײַל מיר זײַנען הונגעריק? דאָס איז פאר די נערוון. איך בין אהער ניט געקומען עסן אײַערע קאָטלעטן מיט בייגל. איך בין געקומען א קוק טאָן אף דער אלטער היים. מע איז שוין, ווי איר זעט, ניט קיין ייִנגעלע און מע פּאָרט שוין פונעם יאריד. עס ווילט זיך זען די אלטע היים. עפּשער שטייט נאָך בא דער מיל אונדזער שטיבל. און איך האָב כיישעק נעמען בא אײַך, ווי זאָגט מען עס, אן אינטערוויו.

די מומע כאסיע איז געוואָרן צעמישט: וואָס, וואָס וויל ער בא איר נעמען? זעט אויס, ער וויל בא איר עפּעס אויספרעגן און דערנאָך וועט ער זי באשרײַבן דאָרט אין די בלעטער. נאָר דאָס גייט איר אָפּ! ער איז טאקע א גרויסער פּאָרעץ מיט די ברילן און מיט די וואָנצעלעך, מיט די קורצע מײַטקעלעך און מיטן הארטן קאפּעליושל, נאָר זי איז אויך ניט פון קאָבעליאקע. און זי איז אף איר פּאָסטן און קאָן זיך ניט פארנעמען מיט קיין זײַטיקע פּלאפּלערײַען. אויב ער וויל, טאָ זאָל ער צוווארטן, ביז עס וועט זיך אומקערן נאסטאסיע פּעטראָוונע, און אויב זי וועט וועלן, זאָל זי אים דערציילן. און איר, דער מומע כאסיע, האָט ער ניט וואָס צו דולן א קאָפּ אינמיטן דער נאכט.

— וואָס זאָגט איר, מיסיס קאראסיק? — האָט ער זיך געכאפּט. — דער קאָפּ, זאָגט איר, טוט אײַך וויי? אָט באלד גיב איך אײַך א פּראָשעק, וועט גלײַך אופהערן וויי טאָן דער קאָפּ! א גאָלדענער פּראָשעק. ער קאָסט בא אונדז צען דאָלאר. אָלרײַט!

— וואָס פאר א דאָלארן? ווי קומען צו מיר דאָלארן? און ווער האָט אײַך געזאָגט, אז ס׳טוט מיר וויי דער קאָפּ און איך דארף האָבן פּראָשקעס? זאָלן מײַנע סאָנים שלינגען אײַערע פּראָשקעס!

— וואָס האָט איר זיך אזוי דערשראָקן, מיסיס קאראסיק? — האָט ער זיך געפּרוווט זי בארוּיקן. — וואָס זשע, איך וויל בא אײַך דאָלארן פאר די פּראָשקעס? זאָל גאָט היטן. איך זאָג נאָר, אז דאָס איז אָלרײַט! איז אויב דער קאָפּ טוט אײַך ניט וויי, דערציילט מיר, זײַט אזוי גוט, ווי גייט עס אין כמעלניק דאָס לעבן?

— וואָס ס׳הערט זיך? גאָרניט. וואָס מע רעדט, דאָס הערט זיך.

— נו, איז דערציילט מיר כאָטש, וואָס טוט איר פּערזענלעך, מיסיס כאסיע?

— וואָס הייסט, וואָס איך טו? דאָס, וואָס אלע טוען: איך עס אָפּ ווארמעס און ווארט אף וועטשערע.

— אָלרײַט! וווּנדערבאר! — האָט זיך צעקוואָלן, ווי א באָקסער, זײַן פול געקנייטשט פּאָנעם. — איך זע, אז איר זײַנט א דיפּלאָמאט. ווען איר זײַנט בא אונדז אין אמעריקע, וואָלט איר געקאָנט זײַן א ראטגעבער באם פּרעזידענט.

— בא וואָס פאר א פּרעזידענט? באם עמעסן, צי בא דעם פון די קנעפּלעך? — האָט זי אף אים אויסגעסטארטשעט אירע גרויסע, שווארצע אויגן.

— באם עמעסן פּרעזידענט.

— א שיינעם דאנק דער באָבע אײַערער! זאָל שוין בא אים זײַן עמעצער אנדערש. מיר איז ניט שלעכט בא מײַן פּרעזידענט, בא נאסטאסיע פּעטראָוונע, פונעם, ווי זאָגט איר, האָטעל־קאָרפּאָריישן. אלע דרײַ כאדאָשים באקום איך בא איר א פּרעמיע.

נאָר זעענדיק, אז דער גאסט איז ניט גאָר צופרידן מיט איר ענטפער, קרימט זיך, האָט זי פאָרגעזעצט:

— אינדערפרי וועט איר זיך דורכגיין איבער כמעלניק, וועט איר אליין זען, וואָס בא אונדז טוט זיך. די שטאָט וועט איר שוין געוויס ניט דערקענען. מע האלט אין איין באָוען. שיינע הײַזער אוועקגעשטעלט, א קינאָ, א פײַן קולטור־הויז, שיינע קראָמען. הײַנט אונדזערע קוראָרטן! ווּ זעט איר דען נאָך אזוינע?.. נישקאָשע, קוקט ניט אף אונדזער האָטעל־קאָרפּאָריישן. אָט דאָרט, אפן בוג, באָוועט מען אזא האָטעל, אז אײַערע אמעריקאנער האָטעלן וועלן מעגן בא אונדז הייצן די הרובע. אז איר וועט ד׳עמלט קומען צו אונדז, וועל איך אײַך שוין ניט דארפן אויסבעטן אף דעם־אָ דיוואן מיט די פּרוזשינעס... מיר האָבן אויסגעשריבן מעבל פון זשיטאָמיר און טעפּיכער פון טשערניגאָוו, הײַנט פּיליעסאָסן, פּאָלאָטיאָרן — פון דעם איז שוין אָפּגערעדט. ניט קיין האָטעל וועט דאָ זײַן — א פּאלאץ, א צאצקע!

הײַנט אונדזערע ראָדאָנעווע וואסערן. איר שטעלט זיך דען פאָר, וואָס דאָס איז פאר א וואסער? זי טוט מאמעש וווּנדער. אָט ווען איר האָט עפּעס א גוטן רעוומאטיזם, אן אישיאָס, עפּעס א רעכטן ראדיקוליט אָדער אנדערע באַ־

ליאַטשקעס, וואָלטן מיר אײַך מיט אָט דער וואַסער, מיט אונדזערע וואַנעס, איינס און צוויי אויסגעהיילט. די אייגענע מאַמע וואָלט אײַך ניט דערקענט, איר מעגט מיר גלייבן. איר וואָלט זיך מאַמעש מעכײַע געווען, ווען איר קריכט אַרײַן אין אַ ראָדאָנעוווער וואַנע, אין אַ ביטל. איר וואָלט זיך מאַמעש דערקוויקט די נעשאָמע. צו אונדז פאָרט מען פון אויסרײַסעניש. מע ברענגט אַהער מענטשן אָף ווענעלעך, אָף טראָגבעטלעך, עס קומען צו אונדז, ניט פאַר אײַך געדאַכט, קאַליקעס אָף קוליעס, און ווי נאָר זיי באָדן זיך אויס עטלעכע מאָל אין די ביטלעך, אין דער ראָדאָנעוווער וואַסער, שפּרינגען זיי פון דאָרט אַרויס, ווי נײַגעבאָרענע. וואָס דאַרפט איר מער, פאַני פּרעזעדענט, אָט דאָ פאַראַיאָרן האָט ער מיך אַ כאַפּ געטאָן, דער ראַדיקוליט, איך האָב געמיינט, איך ענדיק זיך. בין איך אַוועקגעלאָפן צו אונדז אין קליניקע, מע האָט מיר צוגעשריבן צען וואַנעס, און נאָך דעם האָב איך געטאַנצט אַ פריילעכס באַ מײַן פּלעמעניצע אָף דער כאַסענע.

— וואָס רעדט איר! — האָט זיך פאַרוווּנדערט דער גאַסט. — נו, זאָגט מיר דעם עמעס, וואָס האָט עס אײַך אָפּגעקאָסט, דאָס שטיקל אַרבעט, די צען וואַנעס? איך מיין, וויפל דאָלאַרן האָט איר געדאַרפט באַצאָלן?

— ווידעראַמאָל דאָלאַרן? — האָט זיך צעבייזערט די מומע כאַסיע. — טויזנט מאָל האָב איך אײַך שוין געזאָגט, אַז מיר צאָלן ניט קיין דאָלאַרן. באַ אונדז היילט מען קראַנקע מענטשן אומזיסט. פאַרקערט, מע צאָלט אונדז נאָך צו. סאָצסטראַך... איר זײַנט אַ מיטגליד פון פּראָפאַריין, פאַניע פּרעזעדענט?

— וואָס הייסט עס פּראָפאַריין? — האָט ער אויסגעשטעלט אָף איר אַ פּאָר אויגן.

די מומע כאַסיע האָט אים אָנגעקוקט, ווי אַ מעשוגענעם: הער אַ מײַסע, אַזאַ גראָבער יונג, ווייסט ניט, וואָס איז אַזוינס פּראָפאַריין! זי האָט זיך געבייזערט, ניט ווויסנדיק, וויִאַזוי גיט מען אים צו פאַרשטיין די זאַך.

— נו, וויִאַזוי זאָל איך עס אײַך דערקלערן? פּראָפאַריין... נו, אַ טשלען סאָיוזאַ, ווו מע צאָלט אַלע כוידעש מיטגלידס־אָפּצאָל.

— אָ, ווונדערלעך! אָלרײַט! פאַרשטאַנען! — האָט ער זיך דערפרייט. — דאָס הייסט יוניאָן, יוניאָן!

— מיילע, זאָל זײַן יוניאָן! — האָט זי פרײַער אָפּגעאָטעמט. — איך זע, אַז פאַר די יאָרן, וואָס איר זײַנט אַוועקגעפאָרן פון כמעלניק, האָט איר זיך אויסגעלערנט אַזוינע אינטעליגענטנע ווערטער, וואָס איך פאַרשטיי זיי ניט.

ער האָט געקוקט אָף איר און אונטערגעשמייכלט:

— איז זאָגט איר, מיסיס קאַראַסיק, אַז דאָ באַ אײַך היילט מען אומזיסט? וואָס זשע, די סאָוועטן זײַנען אַזוי רײַך, אַז זיי קאָנען זיך אַזוינס פאַרגינען? איך וואָלט מיט אײַערע וואַסערן געמאַכט ניט קיין שלעכט ביזנעס. מײַן קאָמפּאַניאָן וואָלט געוואָרן מיסטער ראָקפעלער אַליין.

— און וואָס איז דאָס פאַר אַ ייִכעס אָט דער ראָקפעלער? וואָס זשע, ער איז באַ אײַך אויך אַ פּרעזעדענט? מיט וואָס באַשעפטיקט ער זיך?

— ניין, ער טוט גאָרניט. נאָר ער קאָסט באַ אונדז אַ פּאָר מיליאַרד דאָלאַרן.

— אַזוי גאָר? און באַ אונדז וואָלט מען פאַר אים קיין דרײַ גראָשן ניט געגעבן! קיין לייַדיקגייער דאַרפן מיר ניט, — האָט איבערגעשלאָגן די מומע כאַסיע, — הערט נאָר אַ מעדינע, מע קויפט דאָרט ליידיקגייער!

נאָר דער פּרעזידענט האָט זיך שוין צו איר נישט צוגעהערט. ער האָט בעשום־אויפן ניט געקאָנט פאַרשטיין, וויִאַזוי היילט מען עס אומזיסט. אין אַלע מעדינעס, ווו ער איז געווען, מאַכן די וואַסער־קאָרפּאָריישנס גרויסע ביזנעס, שאַרן מאַמעש גאָלד מיט לאָפּעטעס. ראָדאָנאָווע וואַסער איז ניט קיין קלייניקײַט.

פּלוצעם איז דער גאַסט געפאַלן אָף אַ האַמצאָע. עפּשער וואָלט געלוינט זיך אויסהערן באַ אַ דאָקטער, און אויב ער פאַרמאָגט אַזאַ קראַנקײַט, וואָס מע דאַרף זי היילן, וואָלט ניט שלעכט געווען אויסנוצן די געלעגנהײַט... מע קאָן דאָ אַרײַנכאַפּן אַ מעציִע! נאָר ווי אַפּצולאָכעס, האָט ער ניט פאַרמאָגט ניט קיין רעוומאַטיזם, ניט קיין ברעכעניש, ניט קיין שטעכעניש, ניט קיין אישיאַס.

פונדעסטוועגן האָט ער זיך אָנגערופן:

— זאָגט מיר נאָר, מיסיס קאַראַסיק, מיך, אַשטייגער, וואָלט איר אויך געקאָנט היילן? דאָס הייסט, איך וואָלט אויך געקענט באַ אײַך קריגן עטלעכע וואַנעס?

זי האָט אָף אים אָנגעשטעלט אירע גרויסע שוואַרצע אויגן:

— וואָס זשע? איר זײַנט קראַנק? איר האָט אַ ראַדיקוליט? עס ברעכן אײַך עפּשער די ביינער? איר האָט אישיִאַס?

— ניין, ס'הייסט יאָ. דאַכט זיך מיר, אַז אין וועג האָבן מיר אָנגעהויבן דרייען די ביינער. עפּעס שטעכט אין די זײַטן. עס בורעט אַ ביסל אין בויך, — האָט ער איר אָנגעהויבן דערקלערן, — איר פאַרשטייט, מיסיס כאַסיע, איר שטעלט זיך פאָר, ווען איך קום צוריק אַהיים, אין די שטאַטן, און דערצייל, אַז באַ אײַך אין כמעלניק, באַ די סאָוועטן, אין אוניִאָן, האָט מען מיך געהיילט אָן אַ סענט, אומזיסט, וואָלט עס געווען די גרעסטע סענסיישן. דאָס וואָלט געווען די בעסטע פּראָפּאַגאַנדע פאַר אײַך.

— איז וואָס זשע ווילט איר, פאַניע פּרעזע־

דענט? בעקיצער. איך האָב קיין צײַט ניט, — האָט די מומע כאסיע אים איבערגעשלאָגן, — מע זאָל אײַך צושרײַבן עטלעכע ראַדאָנעווע וואנעס? א גרויסע מעציִע! מאָרגן לויף איך ארײַן צו אונדזער פּארוואלטער און ברענג אײַך עטלעכע טאלאָנעס, און באָדט זיך געזונטערהייט. בא אונדז זעט זיך עס אָן! אָדער איך וועל זאָגן קסעניען, איך האָב דאָרט א כאַווערטע, א סאניטארקע, וואָס שטייט בא די וואַנעס, וועט זי אײַך זיך לאָזן פּליוסקען א גאנצן טאָג, זי וועט אײַך מאכן מאסאזשן און וואָס איר וועט וועלן. זי וועט אײַך מאכן פאר א קראסאווועץ! יאָ, און איר זאָלט טאקע דערציילן בא אײַך, אין אמעריקע, אז דאָס אלץ איז אומזיסט, אָן א גראָשן געלט.

אָבער דאָ האָט די מומע כאסיע קאראסיק זיך געכאַפּט, אז זי האָט א ביסל איבערגעטריבן. זי וועט גיין בעטן, מע זאָל אָן שום ריי, אָן א קוראָרטנע קארטעטשקע, געבן וואנעס א קאַפּיטאליסט, אַ בורזשוי פון קנעפּלעך — צי פּאַסט עס פאר איר? קיין גרויסער דייעזאָגער אין כמעלניק איז זי, עמעס, ניט, נאָר דאָך פארנעמט זי ניט דאָס לעצטע אָרט אין זשענסאָוועט. איז אז זי וועט גיין בעטן פאר א לײַטישן מענטשן, איז דאָס איין זאך, נאָר פאר עפּעס א פּרעזידענט פון א קאָרפּאָריישן, וואָס מאכט ביזנעס אין אמעריקע, האנדלט מיט קנעפּלעך, וואָס פאר א פּאָנעם וועט זי האָבן?

נאָר דאָ איז איר געקומען א נײַער געדאנק: ניט שיין צו קריכן אפּצוריק. וויבאלד זי האָט געזאָגט, אז זי וועט גיין אין קליניק קריגן פאר אים עטלעכע טאלאָנעס אף ביטלעך, וועט זי ניט נעמען אירע ווערטער צוריק. עס פּאַסט ניט. נישקאָשע, זאָלן טאקע די אמעריקאנער זען און מעקאַנע זײַן, פּלאצן פון קינע.

די מומע כאסיע האָט אים קוים מיט צאָרעס באלייגט אפן דיוואן מיט די סטארטשענדיקע פּרוזשינעס און פרײַער אָפּגעאָטעמט, ווען ער איז אײַנגעשלאָפן און גענומען כראָפּען. וואָס, אשטייגער, וואָלט זי געטאָן, די מומע כאסיע, ווען ער הייבט מיט איר אָן רעדן וועגן פּאָליטיק?

גאנצפרי איז זי אוועקגעלאָפן וווּהין מע דאַרף און גלײַך, אָן קאָפּווייטעק געפּויעלט בא נאטשאלסטווע, אז מע נעמט אים אוף, דעם כאָסנבאָכער פון די קנעפּלעך, מע באטראכט אים און מע גיט אים וואנעס.

טאקע אליין האָט זי אים געבראכט אין דער קליניקע, און אלע זײַנען זיך צונויפגעלאָפן א קוק טאָן אפן גאסט, וואָס וויל זיך היילן, נאָר וואָס ווייסט נאָך ניט, וואָס עס טוט אים ווײ...

יאָ, ער האָט זיך טאקע געמוטשעט, ווי אפן טויט, פאר די דאָקטוירים אין די אויגן, צוטראכטנדיק פאר זיך עפּעס א פּאסיקע קרענק.

און מע האָט אים צוגעשריבן וואנעס! אן אנדער ברייערע האָט מען געהאט? די מומע כאסיע קאראסיק האָט פאר אים געבעטן, און איר וועט מען ניט אָפּזאָגן.

דעם זעלבן טאָג איז שוין דער מיסטער דזשייקאָב ראָבינזאָן געלעגן אין א ווײַס־ציכטיקער וואנע, ווי א קייסער, און זיך געבאָדן אין דער שוימיקער וואסער. ער איז געלעגן און געכעזשבנט, וויפל דאָלער וואָלט עס אים אָפּגעקאָסט בא זיך אין אמעריקע אָדער אין קארלסבאד. דאָרט וואָלט ער געדאַרפט ארויסלייגן א פײַנע פּיטעקע, און דאָ — קיין סענט ניט! אומזיסט! און וויבאלד אזוי, האָט ער זיך געטראכט, מאכט ער שוין ביזנעס. ער פארדינט בא די סאָוועטן, וואָס זײַנען גאנץ גוטע מענטשן, נאָר שלעכטע ביזנעסמענער!

און נאָך האָט איצט געטראכט דזשייקאָב ראָבינזאָן, דער פּרעזידענט פון דער קנעפּל־קאָרפּאָריישן, אז וויבאלד מע היילט דאָ אינגאנצן אומזיסט, וואָלט עפּשער געווען א פּלאן, ער זאָל בעטן, מע זאָל אים היילן די ציין אויך? ער האָט זיך אין דער היים, פארן אוועקפאָרן, גראדע אָנגעהויבן דינגען מיט די ציין־דאָקטוירים, זיי זאָלן אים אויסהיילן די ציין, נאָר יענע גאזלאָנים רײַסן שטיקער פליישׁ, פאָדערן פון אים א גאנצן מאיאָנטעק. וועט ער זיי איצט ארויסשטעלן א פײַג אונטער דער נאָז!

אמעריקאנער זײַנען פּראקטישע מענטשן, גערעדט — און געטאָן. דעם צווייטן טאָג האָט די מומע כאסיע אים געמוזט פירן צו א צייןדאָקטער אין קליניק, מע זאָל אים, דזשייקאָבן, נעמען היילן די ציין.

דאָ האָט מען לאנג ניט געטראכט, אוועקגעזעצט דעם גאסט אין שטול און גענומען אים עגבערן און רײַסן די ציין.

די מומע כאסיע האָט געהאט יענץ שטיקל ארבעט. אלעמאָל האָט דער פּרעזידענט אויסגעטראכט אן אנדער קרענק, און זי האָט, נעבעך, געמוזט לויפן בעטן פאר אים. זי האָט זיך מאמעש ארויסגעשלאָגן פון די קויכעס: דאָס האָט זיך אים פארגלוסט נעמען וואנעס ניט א טאָג איבער א טאָג, ווי די דאָקטוירים האָבן אים צוגעשריבן, נאָר צוויי וואנעס א טאָג, ווײַל לאנג קאָן ער זיך דאָ ניט פארהאלטן. עס גייט די צײַט, און בא אים אין אמעריקע איז צײַט — געלט.

ער איז געגאַן פון איין קאבינעט אין אנדערן, און אלע דאָקטוירים האָבן אים אויסגעהערט, צוגעשריבן נײַע היילונגען, פּראָשקעס, פּילן, וויטאמינען און אנדערע זאכן. פּאָרט א גאסט!

די גאנצע קליניק איז מיט אים געגאַן כאָדראָם. די דאָקטוירים און די מעדיצין־שוועסטער האָבן זיך געהאלטן פאר די זײַטן פון געלעכטער.

און דער גאַסט, דער פּרעזידענט, האָט געהאַלטן אין איין כעזשבענען, וויפל דאָלאַר פאַרדינט ער דאָ. ער האָט אויסגערעכנט, אַז ווען מע מאַכט אים נאָך אומזיסט אַן אָפּעראַציע אַף אַפּענדיציט, וואָלט זיך אַזוי באַקומען, אַז זײַן גאַנצע רײַזע פון אַמעריקע קיין כמעלניק האָט אים ניט אָפּגעקאָסט קיין סענט. פאַרקערט, ער וואָלט נאָך פאַרדינט!

איר שטעלט זיך דען פאָר, וויפל עס וואָלט אים אָפּגעקאָסט אין אַמעריקע אַן אַפּענדיציט!

יאָ, האָט ער זיך געטראַכט, דאָס איז ניט קיין שלעכטער געדאַנק. שוין ניט איין מאָל האָט ער געפילט, אַז דאָס ווערעמל, דאָס אַפּענדיקסל, לאָזט זיך פילן אין די געדערים. סאָפּקאַלסאָף, האָט ער געוווּסט, וועט עס זיך צעבונטעווען. עס קאָן נאָך אַמאָל טרעפן אים אין וועג אויך. אויב ניט איצט, איז אין אַ יאָר אַרום, אין צוויי, אין דרײַ. ווו האָט איר געזען אַ מענטשן אָן אַן אַפּענדיציט? אויסשנײַדן אים שטערט קיינעם ניט. פאַרקערט! און עס איז גראָדע ניט קיין מוז, זאָלסט אויסשנײַדן דעם אַפּענדיציט דאָן, ווען עס טוט דיך אַ כאַפּ און מע דאַרף נאַשפּיץ לויפן צום טעלעפאָן רופן די „גיכע הילף".

און דער געדאַנק האָט דעם פאַרשוין שוין מער ניט געלאָזט רוען. אַ קלייניקייט, האָט ער זיך געטראַכט, די סאָוועטן אָפּערירן אַפּענדיציטן אומזיסט! ווייבאַלד אַזוי, טאָ זאָלן זיי אים אויך אָפּערירן. זיי זײַנען גוטע מענטשן און וועלן אים ניט אָפּזאָגן.

ניט לאַנג געטראַכט, האָט דער פּרעזידענט זיך געווענדט מיט זײַן שפּאָגל־נײַער אידיי צו דער מומע כאַסיע קאַראַסיק. און זי, וואָס האָט זי געקענט מאַכן? זי האָט אים אָוועקגעפירט אין קליניק צום כירורג און אים אָנגעזאָגט די שיינע בסורע, אַז דער גאַסט וויל, ער האָט שטאַרק כיישעק, מע זאָל אים עפּעס אויסשנײַדן, אָפּערירן...

— וואָס הייסט, ער וויל? — האָט זיך פאַרוווּנדערט דער דאָקטער. — עפּעס אַ שפּילעכל? ער וויל! מע דאַרף דאָך אַ קוק טאָן, צי דאַרף ער, דער פּאַציענט, מע זאָל אים שנײַדן. צי איז פאַראַן אַ נויטווענדיקייט...

קורץ גערעדט, מע האָט אים באַטראַכט, דעם גאַסט, גענומען בײַ אים אַף אַן אַנאַליז בלוט און אַנדערע איידעלע זאַכן, נאָר דער אויספיר איז געווען, אַז דער פּרעזידענט דאַרף קיין שום אָפּעראַציעס ניט. מיט אַזאַ אַפּענדיקס, ווי בײַ אים, לעבט מען הונדערט יאָר...

דער פּרעזידענט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז ניט קיין קליינער אַקשן. ער איז דעם כירורג מאַמעש דערגאַנגען די יאָר, געבעטן, געכאַלעשט, מע זאָל אים שנײַדן. מער וועט ער די דאָקטוירים מיט קיין זאַך ניט מאַטערן. זאָלן זיי אים נאָר אויסשנײַדן דעם אַפּענדיציט. ער דערקוטשעט אים שטאַרק, דער אַפּענדיציט. דערבײַ מוז מען וויסן, אַז ער קלײַבט זיך אין אַ ווײַטן וועג איבער יאַמען און אָקעאַנען, און טאָמער טוט אים אין וועג אַ כאַפּ דער אַפּענדיציט, איז ער אויסגעשטעלט.

דאָ האָט זיך ווידער אַרײַנגעמישט די מומע כאַסיע. זי האָט שטאַרק געבעטן פאַרן פּרעזידענט און ניט אַזוי פאַר אים, ווי פאַר זיך. דערבײַ האָט זי געהאַט אַ מיין: עפּשער וועלן זיך שוין דערמיט ענדיקן אירע מאַטערנישן? זי וועט פּאָטער ווערן פונעם גאַסט, און ער וועט אָוועקפאָרן.

מיסטער דזשייקאָב ראַבינזאָן האָט געזיגט אין דער אומגלײַכער שלאַכט. ער האָט זיך דערשלאָגן זײַנס. מע האָט אים פּאָרט גענומען אַפן אָפּעראַציע־טיש און אויסגעשניטן דאָס בלינדע קישקעלע, דאָס הייסט דעם אַפּענדיציט.

דער פאַרשוין איז געווען אַפן זיבעטן הימל. איר שטעלט זיך דען פאָר, וויפל ס'וואָלט אים אָפּגעקאָסט אין די שטאַטן אָט דאָס שטיקל אַרבעט? און דאָ האָט מען עס אים געמאַכט איינס און צוויי, דערבײַ אָן אַ גראַשן, און פאַר דער קויקע אין שפּיטאָל האָט ער אויך ניט געדאַרפט באַצאָלן. פאַרן עסן — אויך ניט. מאָדנע מענטשן די סאָוועטן, — האָט ער זיך געטראַכט. — אין הילכעס קאָמערציע פאַרשטייען זיי גאָרניט. וואָס הייסט עס — אומזיסט?

די דאָקטוירים האָבן בלויז באַדויערט, וואָס ער פּאַטערט אומזיסט און אומנישט צײַט. אין דער צײַט פון דער אָפּעראַציע האָבן זיי זיך אינגאַנצן איבערצײַגט, אַז די אָפּעראַציע האָט ער געדאַרפט, ווי אויגן־ווייטעק. נאָר וואָס האָט מען געקענט מיט אים טאָן, אַ מענטש בעט זיך אים מאַכן אַן אָפּעראַציע, און ניט קיין פּאַשעטער מענטש — אַ פּרעזידענט.

דרײַ וואָכן צײַט, ווי איין טאָג, איז אונדזער דזשייקאָב ראַבינזאָן געלעגן אין שפּיטאָל, ווי אַ קייסער. די מיסיס כאַסיע קאַראַסיק איז שוין געפאַלן פון די פיס, — אַלע טאָג אים געקאָכט אַ גאָלדענע יויך מיט מאַנדלען — דער געהויבענער גאַסט זאָל זיך גיכער שטעלן אַף די פיס, זי זאָל פון אים גיכער פּאָטער ווערן. און ער אַליין האָט אויך געאײַלט אהיים. פון דאָרטן זײַנען געפלויגן צו אים בריוו מיט טעלעגראַמעס. מע האָט שוין געמיינט, אַז ער איז פאַרפאַלן געוואָרן. נאָר קיינער האָט זיך דאָרטן ניט אָנגעשטויסן, אַז דער פּרעזידענט פונעם קנופּלקאָרפּאָריישן ליגט אין כמעלניקער שפּיטאָל און מאַכט ביזנעס.

איידער עפּעס וואָס, האָט זיך דער פּרעזידענט גאַנץ פײַן אויסגעשלאָפן און אָפּגערוט. ער האָט זיך דאָ געפילט, ווי אין גאַניידן. נאָך מער — פאַר דער צײַט האָט ער גענומען אַף זיך פיר

קילאָ רייִנע וואָג. נאָר די מומע כאַסיע קאַראַסיק, נעבעך, איז פֿאַר דער צײַט שטאַרק אַראָפּ פֿונעם פּאָנעם און פֿאַרלוירן איבער דער האַוועניש דרײַ קילאָ. זי האָט זיך ארויסגעשלאָגן פֿון די קויכעס, און דער פּראָפֿעריין האָט איר געגעבן א פּוטיאָווקע אין אָפּרו־הויז, זי זאָל זיך א ביסל פֿאַריכטן.

גאָט האָט געהאָלפֿן, די מומע כאַסיע האָט זיך דערלעבט דעם טאָג, ווען דער פֿאַרשוין איז אָפּגעפֿאָרן אין זײַן ווײַטער היים. זי האָט איצט פֿרײַער אָפּגעאָטעמט, און דאָס איז פֿאַר איר געווען דאָס גרעסטע גליק. און ניט בלויז פֿאַר איר, פֿאַר דער מיסיס כאַסיע, נאָר אויך פֿאַרן פּערסאָנאַל פֿון דער קליניק.

די גאַנצע צײַט, וואָס דער פּרעזידענט פֿון דער קנעפּל־קאָרפּאָריישן דזשייקאָב ראָבינזאָן האָט פֿאַרבראַכט אין כמעלניק, איז די שטאָט געגאַנגען כאַדאָראָם. ס'איז שוין אוועק א פּײַן ביסל כאַדאָשים, נאָר ביז איצט, אז מע דערמאָנט זיך, קײַכט מען פֿון געלעכטער.

כראָניק

ביראָבידזשאַנער נײַס

פֿאָלקס־טאַלאַנטן

פֿיר טעג האָט געדויערט דער דורכקוק פֿון דער קינסטלערישער זעלבסטעטיקײַט פֿון די אונטערנעמונגען און אַנשטאַלטן פֿונעם געגנטלעכן צענטער. 16 קאָלעקטיוון, אָנדערהאַלבן טויזנט מענטשן האָבן זיך באַטייליקט אינעם דורכקוק.

אינטערעסאַנטע פּראָגראַמען האָבן באַוויזן די זעלבסטעטיקע קאָלעקטיוון פֿונעם זאַוואָד „דאַלסעלמאַש" אונטער דער אָנפֿירונג פֿון לעוו גאָרעליק און סאַוועלי סיריצקי, דער כאָר און דער כאָרעאָגראַפֿישער אַנסאַמבל פֿונעם טראַנספֿאָרמאַטאָר־זאַוואָד (קינסטלערישע אָנפֿירער ט. טשערניס און א. גראַזשדאַנקין).

די זשורי האָט אָפּגעמערקט די סאָלאָ־ארויסטרעטונג פֿונעם מעדיצין־טוער פּ. קליינערמאַן, וועלכע האָט אויסגעפֿילט די ייִדישע פֿאָלקסליד „קלעזמאָרימלעך".

מיט א גרויסער קאָנצערט־פּראָגראַם האָט דעם דורכקוק געשלאָסן די קינסטלערישע זעלבסטעטיקײַט פֿונעם שטאָטישן קולטור־פּאַלאַץ: דער פֿידלער־אַנסאַמבל, דער אָרקעסטער פֿון פֿאָלקס־אינסטרומענטן און דער טאַנץ־קאָלעקטיוו.

צוגאַסט אין ביראָבידזשאַן

אין דער געגנטלעכער ביבליאָטעק אַף שאָלעם־אַליייכעמס נאָמען איז פֿאָרגעקומען א שפּעריישער אָוונט פֿון דער סאָליסטקע פֿון דער מאָסקווער מעלוכישער קאָנסערוואַטאָריע מאַרגאַריטא מיראָשניקאָווא.

די באַגאַבטע זינגערן האָט אין דער מוזיקאַלער באַגלייטונג פֿונעם פּיִאַניסט איגאָר גוסעלניקאָוו אויסגעפֿילט פֿאַר די ביראָבידזשאַנער צושויער א ריי לידער און ראָמאַנסן פֿון טשײַקאָווסקי און ראַכמאַנינאָוו. נאָכן קאָנצערט האָט זי זיך געטיילט מיט אײַנדרוקן וועגן אירע גאַסטראָל־רײַזעס איבער פֿאַרשיידענע שטעט פֿון אונדזער לאַנד, ווי אויך אין אויסלאַנד — איטאַליע, פּוילן, דײַטשלאַנד.

א טעלעוויזיע־פּראָגראַם, געווידמעט דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט

דעם 5 מײַ האָט די צענטראַלע טעלעוויזיע געווידמעט איינע פֿון אירע באַטאָגיקע פּראָגראַמען דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. אין משך פֿון א האַלבער שאָ איז טראַנסלירט געוואָרן א דאָקומענטאַלער פֿילם „סאָוועטישער ביראָבידזשאַן". מיט אַן אַרײַנפֿיר־וואָרט צו דער פּראָגראַם איז ארויסגעטראָטן דער הויפּט־רעדאַקטאָר פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" אַרן ווערגעליס.

מיליאָנען צושויער אין אַלע ווינקעלעך פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד האָבן געהאַט די מעגלעכקײַט צו באַקאַנען זיך מיט דער בליִענדיקער בײַ־אַמורער געגנט, וואָס איז דעם 7 מײַ אַלט געוואָרן 29 יאָר.

אוקאַז פֿון פּרעזידיום פֿונעם אויבער־סאָוועט פֿון פֿססר

וועגן באַלוינען דעם שרײַבער מיילער ב. ס. (מילער ב. אי.) מיטן אָרדען „ערן־צייכן"

פֿאַר די פֿאַרדינסטן אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור און אין צוזאַמענהאַנג מיטן זעכציקסטן געבורטסטאָג באַלוינען דעם שרײַבער מ י י ל ע ר ב ע ר סרולעוויטש (מ י ל ע ר באָריס איזראַיִלעוויטש) מיטן אָרדען „ע ר ן־צ י י כ ן".

פֿאָרזיצער פֿון פּרעזידיום פֿונעם אויבער־סאָוועט פֿון פֿססר

נ. פּ אָ ד ג אָ ר נ י.

סעקרעטאַר פֿון פּרעזידיום פֿונעם אויבער־סאָוועט פֿון פֿססר

מ. ג ע אָ ר ג אַ ד ז ע.

מאָסקווע, קרעמל, 28 אַפּרעל 1973.

דערמונטערט עס ווערט מײַן געמיט

עפּיר

גאָרניט איז מיר ניט פאַרבאָטן,
פראַנק־און־פרײַ איז מײַן געדאַנק,
כ׳קען אפילו אָן די דראָטן
הערן רעדעס און געזאַנג.

וויפל ווערטער, וויפל טענער,
וויפל פרייד און ווינד און וויי,
נאָר, ווי פּערל, קלײַב איך יענע,
וואָס דעם עמעס זאָגן זיי.

וויפל מיסט און וויפל זשאַווער
אין די שויסן פון עפּיר,
וועלט, מײַן וועלט, כ׳בין דאָך דײַן א
כאַוווער,
נאָר דעם עמעס זאָג איך דיר:

כוץ דעם מוירעדיקן וווּנדער,
כוץ דעם ליכטיקן געדאַנק,
האָט געשאַפן דער יאָרהונדערט
ניט איין וואָרעם, ניט איין שלאַנג.

דער פאַרשאָלטענער און וויסטער, —
ווירקן וויל ער אַף דער וועלט,
דורכן זעלטענעם טראַנזיסטאָר
נאָר ער לײַגט און נאָר ער שעלט.

ווען פּאַפּאָוו, דער וועלט־אַנטדעקער,
אָט די שאַנד עס וואָלט דערהערט,
אָט דעם קעזעוו, אָט דעם שעקער, —
ס׳וואָלט אים שווער געווען די ערד,

און געזוכט ער וואָלט א מיטל,
און געזוכט אַן עליקסיר
אַף די מענטשן צו פאַרהיטן
אינעם סדאָם פון דעם עפּיר.

לעבן

איך פיל זיך שטענדיק, ווי אין וועג,
מיר דאַכט, אַז ערגעץ פּאָר איך.
צי עפּשער שווים איך צו א ברעג,
ס׳איז ביז אהער ניט קלאָר מיר.

און שטענדיק שטרעב איך צו א ציל,
און עפּעס שטויסט מיך שטרעבן,
קאָן זײַן, אַז אָט אָ־דער געפיל
הייסט פּראָסט און פּאָשעט „לעבן".

די אַטעיִסטישע טפילע

אָ, גאָטעניו, גאָט, איך ווייס — ביסט נישטאָ,
איך בעט, אַף א ווײַלע זאָלסט ווערן,
ניט ענטפער מיר „ניין", ניט ענטפער מיר „יאָ",
נאָר פּרווו מײַנע טעג מיר פאַרמערן.

דאָס ביסעלע לעבן, וואָס איך אין זיך טראָג,
כ׳זאָל פולקום עס אויסטראָגן קענען,
דאָס בעסטע, דאָס שענסטע פון דעם, וואָס כ׳פאַרמאָג,
כ׳זאָל וואגן עס אָפּגעבן יענעם,

אָט דעם, וואָס נאָך מיר וועט באַהערשן די ערד,
און ציִען נאָך מיר זײַנע יאָרן,
און גליקלעך כ׳וועל זײַן, ווען ס׳וועט זײַן מיר באַשערט,
כ׳זאָל עפּעס א גאַנג אים פאַרשפּאָרן,

אַז אויסמײַדן זאָל ער אַ כעט צו אַ גרײַז
אין קורצן געיעג פונעם לעבן,
מיט עפּעס אַ רעמעז, איך בעט דיך, באַווײַז,
ווי לאַנג איז מיר לעבן געבליבן.

אָ, גאָטעניו, גאָט, איך ווייס — ביסט נישטאָ,
איך בעט, אַף אַ ווײַלע זאָלסט ווערן,
ניט ענטפער מיר „ניין", ניט ענטפער מיר „יאָ",
איך בעט, מײַנע טעג זאָלסט פאַרמערן.

◆ ◆ ◆

כ׳בין קיינעם אַף גאָרניט מעקאַנע,
פון קינע מײַן האַרץ כ׳האָב פאַרהיט,
איך ווייס, אַז פיל רײַכטום פאַראַן איז,
וואָס דרעמלט באַ מיר אין געמיט.

פיל דימענטן ליגן און צאַנקען
אין גרונט פון מײַן מענטשלעכן זײַן,
אַ טייל ווען פון זיי כ׳וואָלט דערלאַנגען,
איך וואָלט, ווי אַ שטערן, געשײַנט.

מעקאַנע געווען וואָלט מיר יענער,
וואָס אים גאָר די סינע דערנערט,
פון מיר איז ער עפּשער פיל שענער,
זײַן רײַכטום באַגראָבט ער אין דר׳ערד.

די בעסטע געפילן דערוועקן
אין אונדזער דערהויבענע פליכט,
די לענגסטע עס זײַנען די וועגן,
וואָס פירן צום אייגענעם איך.

אַ שנײ

ווען ס׳קלײַבט זיך אין דרויסן אַ שניי,
דער קאָפּ און דאָס האַרץ טוען וויי,
די פיס און די הענט זײַנען שווער,
נו מאַמעש כאָטש לייג זיך אין דר׳ערד.

נאָר ס׳טוט זיך פון הימל אַ שיט
אָט דאָס, וואָס קיין נאָמען האָט ניט,
וואָס זויבערער איז פונעם צוויט, —
דערמונטערט עס ווערט מײַן
געמיט.

פון וואָס איז דער שניי אַזוי ריין?
פאַרוואָס איז די וועלט אַזוי שיין?

◆ ◆ ◆

דו ביסט געווען מײַן אויסדערווײלטער פרײַנט,
און ברייט געעפנט האָסט פאַר מיר דאָס האַרץ דאָס הייסע,
ביסט גרייט געווען פאַר מיר זיך מאַקריוו זײַן,
און צוליב מיר אויך אופשטיין טכיאַס־האַמייסים.

און מיך געשראָקן האָט דײַן אופגעוואַכט געפיל,
און מער פון אַלץ דײַן אומבאַגרײַפטע צאַרטקײַט,
איך האָב דיך ליב געהאַט, געוויינט כ׳האָב אין דער שטיל,
נאָר ניט צעעפנט כ׳האָב פאַר דיר דאָס האַרץ מײַנס.

ביראָבידזשאַנער פּייזאַזשן

דער שטערן אויף דער סאָפּקע

באַנאַכט צינדט אָן די סאָפּקע איר לאַמטערן,
און, לויכטנדיק אַף דעם אַנטענע־שפּיץ,
ער ווינקט זיך איבער מיט די הויכע שטערן —
א וווּנק — א בליץ, און נאָכאַמאָל — א בליץ.

נאָר ווען פאַרכמורעט ס'ווערט דער הימל־בויגן
און לאָזט אַראָפּ זיך צו די פעלדער ווייך, —
עס ווערן גרעסער די לאַמטערן־אויגן,
פאַרכידעשט קוקן זיי אין טונקלער הייך.

פאַרשטיין זיי ווילן: אינעם רוים גראַמען
געשײַנט עס האָבן טויזנט שטערן שיין,
ווי גוט עס איז מיט זיי געווען צוזאַמען,
ווי עלנט, אומעטיק איז שטיין אַליין.

און ווען דער ווינט די כמאַרעס נעמט צעיאָגן
און שטערן צינדן ווידער אָן די שײַן,
מיר דוכט, אַז דער לאַמטערן באַלד וועט זאָגן:
— כ'וועל איינזאַם דאָ שוין קיינמאָל מער
ניט זײַן.

און ווידער ווינקט די סאָפּקע איר לאַמטערן
און גרויסט זיך, וואָס ער הענגט אַף סאַמע
שפּיץ, —
ער ווינקט זיך איבער מיט די ווײַטע שטערן:
א וווּנק — א בליץ, און נאָכאַמאָל — א בליץ...

דאָס געוויסער

און ס'האָט די ערד זיך אזש פאַרכליגעט,
געכליופּעט און געכליפּעט שווער:
„גענוג, גענוג שוין! כ'וויל ניט, כ'וויל ניט!
איך בין שוין זאַט, איך דאַרף ניט מער!..״

נאָר ס'האָט דער הימל אַלץ געגאָסן,
גערוישט, געשפּילט זיך און געלאַכט —
עס האָט אין אים זיך אופגעשלאָסן
די קראַפט, וואָס האָט שוין לאַנג געוואַרט.

און כמאַרעס האָבן זיך געקײַקלט,
ניט ווייסנדיק וווּהין אַליין,
און רעגנס האָבן אַלץ געפּײַקלט
אין פויקן פון אַספאַלט און שטיין.

און ווען ס'איז צו דעם טאָג דעם טריבן
אָן ענד געקומען סאָפּקאָלסאָף,
עס האָט דער ווינט נאָך לאַנג געטריבן
די וואָלקנס, ווי א סטאַדע שאָף.

ד וו י ר ע כ אַ ר אָ ל

לירישע העפטן

טרוים און וואָר

נ יט לײַכט איז מיר אָנגעקומען דער וועג, וועלכן איך האָב אויסגעקליבן אַפן גאַנצן לעבן.

און ענג איז מײַן שטיבל,
פאַרשלאָסן די טירן.
וווּהין זאָל איך גײן
און ווער וועט מיך פירן?

און רײַסן א טיר — דאַרף מען
קויעך דאָך האָבן.
ווי גרויס איז מײַן קויעך,
ווער וועט מיר זאָגן?

די ליד צוזאַמען מיט נאָך דרײַ לידער זײַנען אין 1922 געווען אָפּגעדרוקט אין זשורנאַל „שטראָם". פון איינזאַמקײַט, פון ענגן שטיבל, פון פאַרשלאָסענע טירן בין איך געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור. א באַפליגלטע, ווי א נײַ־געבוירענע, געזעגן איך זיך מיט מײַנע „נעכטנס".

ווייסט גרעסערן אָטעם מײַן אָטעם,
כ'וועל צווישן ווענט זיך ניט פרייען,
ווײַזט אויס, מער ניט כאַלעמען
ניט העפטן, ניט נייען.

ווײַזט אויס, מער בא שוועלן
פאַרנאַכט ניט שטיין
און וואַרטן, אין וואָלקנס
זאָל עפּעס געשען.

טריפט פון שטילער שויבן־שײַן
אין אלטער היים פאַרשנייטער גליק,
רו, פאַרוועבט אין ווענט פון ליים,
אין ליים פאַרוועבט מײַן הייסער בליק.

מײַנע ערשטע לידער שרײַב איך אין יידיש, אזוי ווי מע האָט גערעדט בא דער באָבען אין שטוב. אזוי ווי איך האָב קינדווײַז גערעדט.

בא אונדז אין שטוב איז יידישע ליטעראַטור געווען א היימישע זאַך — מע האָט געלייענט בא אונדז שאָלעם־אַלייכעמס דערציילונגען, דאָוויד בערגעלסאָן האָט פאַר אונדז פאָרגעלייענט פּערעצעס „אויב ניט נאָך העכער" און „צווישן צוויי בערג" און אנדערע.

אין מײַנע ערשטע לידער בין איך געווען אונטער דער ווירקונג פון די איבערגעלייענטע ביכער.

אין פאַרשנייטן, אין פינצטערן יישעוו
א ריזיקער עמעצער שאַלט.
איינע אליין כ'בין באם פײַער,
געיעג גייט אין וואַלד.

אף דער וואַנט שווענקט אָפּשײַן פון פײַער,
פוכיקע וואָלפישע פעל,
דרייט זיך, דרייט זיך מײַן שפּין־ראָד,
שלאָפט מײַן הונט בא דער שוועל.

אין סאַמעט אין גרויען זיך קוטען די קוילן,
דורך פענצטער טריפט פינצטער.
פון פעלד פונעם הוילן
ס'וועט מאָרגן פרימאָרגן זײַן וווּנדערלעך־העל,
און ער וועט מיר ברענגען א קלאָר־ווײַסע פעל.

ניטאָ קיין וואַסער שוין אין קריגעלע,
מײַן פּאָנעם דאָרעם־ווינט פאַרברענט.
וויגט זיך מידבער, ווי א וויגעלע,
ברייטן מידבערשע פאַרפרעמדט.

זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 2 פאַרן 1968, נומ. 3 פאַרן 1969 און נומ. 7 פאַרן 1971.

ווירבלען ווינטן, העלע זאמדן
ברענט דער מידבער, ברענט אין שלאָף,
אַלץ מיר דאכט זיך — פון אנטקעגן
גייט א טשערעדע מיט שאָף.

איך האָב זיך באקענט מיט דער ייִדישער דיכטונג פון אָשער שווארצמאן, דאָוויד האָפשטיין, ארן קושניראָוו. די פּראָזע האָב איך באהערשט און ליב באקומען א סאך שפּעטער, ווען איך האָב געענדיקט די ליטערארישע אָפּטיילונג פונעם פּעדאגאָגישן אינסטיטוט אין קיִעוו.

אין יענער צײַט האָב איך זיך באקאנט מיט שימענען און מיט ראָכל דאָבין. זיי האָבן מיך ארײַנגעפירט אין דער ייִדישער סוויווע. איך בין געווען הויפּטזאכלעך באקאנט מיט די שרײַבער, וועלכע איך פלעג באגעגענען בא דאָווידן. דאָרט פלעג איך טרעפן דאָברושינען, ניסטערן.

שימען דאָבין האָט געארבעט אין פּעדאגאָגישן אינסטיטוט. ראָכל האָט געארבעט אין ביבליִאָטעק אף ווינטשעווסקיס נאָמען. זי פלעגט ברענגען אהיים די נײַסטע סאָוועטישע ליטעראטור: באבעל, באגריצקי, פּעדין, פּאדייעוו און אויך אויסלענדישע ייִדישע ביכער, אזעלכע ווי לייוויק, מוישע נאדיר, מאני־לייב.

אין שטוב בא דאָבינען פלעג איך אויך טרעפן שרײַבער. אהין פלעגן קומען ליפּע רעזניק, מיט וועלכן שימען איז געווען שטארק באפרײַנדעט, דאָוויד וואָלקנשטיין, עליע ספּיוואק, דאָוויד האָפּשטיין, לייב קוויטקאָ. מע פלעגט באהאנדלען דערשינענע ווערק.

שימען איז א סאך עלטער פון מיר און גיט מיר פארשיידענע אייצעס. ער זאָגט, צום בײַשפּיל: „ווען עס טרעפט בא דיר א צוזאמענשטויס מיט עמעצן, באשולדיק ניט דעם צווייטן. א טייל פון דער שולד פאלט געוויס אף דיר".

„ווען עס גייט דיר ניט, ס'גיט זיך דיר ניט אײַן דאָס פארטראכטע, טרעט אָפּ, שלאָג זיך ניט מיטן קאָפּ אין דער וואנט; שפּעטער, ווען דו וועסט זיך בארויִקן, וועט דיר קלאָרער ווערן די סיטואציע".

„ווען די רעדאקציע נעמט בא דיר ניט אָן קיין ליד, — באהאלט זי אין טישקעסטל, זי וועט דיר צוניץ קומען".

שימען איז פארליבט אין מאָסקווער ייִדישן טעאטער. ווען דער טעאטער קומט אף גאסטראָלן, לאָזן מיר ניט דורך קיין איין ספּעקטאקל. איך גיי באשטענדיק מיט שימענען, ער באקענט מיך מיט פיל מענטשן. באזונדערס באפרײַנדע איך זיך מיט סאָרע ראָטבאום.

סאָרעלע האָט מיר דערציילט, אז זיי קומען צוריק פון די גאסטראָלן קיין מאָסקווע, דערמאָנען זיי מיט ליבע שימענען און קאָפּירן זײַנע באוועגונגען, זײַן אינטאָנאציע און זשעסטן. זײַן זון רופט ער כעמעלע. אין דער רוסישער ליטעראטור איז ער איצט באוווּסט, ווי יעפים דאָבין, אלס א ליטעראטור־קריטיקער. ער שרײַבט אויך וועגן קינאָ. זײַן וואָרט איז אָריגינעל און וואָגיק. אין די צוואנציקסטע יאָרן איז ער געווען דער רעדאקטאָר פון זשורנאל „יונגוואלד" אין מאָסקווע. אין די דרײַסיקער יאָרן — רעדאקטאָר פון „ליטעראטורנאיא גאזעטא" אין לענינגראד. זײַן לעצטע ארבעט איז וועגן אנא אכמאטאָווא.

דער ייִדישער טעאטער

סאָרעלע ראָטבאום פארמאָגט א רײַכע קולטור. זי האָט געענדיקט די טעאטראלע שול פון מאקס ריינהארדט אין בערלין. זי איז א קענערן פון דער רוסישער קלאסישער און סאָוועטישער ליטעראטור. זי ווייסט אויך אויסגעצייכנט די מיזרעוו־ליטעראטור.

אין גאָסעט שפּילט זי די ערשטע ראָלן אין „געט", אין „טויבן", אין „צוויי הונדערט טויזנט". שימען דאַבין האָט מיר אמאָל געזאָגט וועגן סאָרעלען: „וואָס קולטורעלער דער ארטיסט איז, אלץ אינטערעסאנטער איז ער אף דער בינע". מיר איז גוט צוזאמען מיט איר דורכטראכטן אן איבערגעלייענטן בוך. אירע אײַנדרוקן וועגן דורכגעלייענטן זײַנען מיר נאָענט. כוץ אלעמען, איז זי א שטילע, א בענימעסדיקע, אויגן זײַנען בא איר בלויע, גרויסע. מיט אכטונג און צוטרוי באציט זיך צו איר מיכאָעלס.

ווען ס'עפנט זיך די טעאטראלע סטודיע באם ייִדישן טעאטער, ווערט סאָרע ראָטבאום די פארוואלטערן פון דער פּעדאגאָגישער ארבעט. כוץ דעם, לייענט זי לעקציעס פאר די סטודענטן וועגן אקטיאָרישער מײַסטערשאפט, דיקציע.

זי האָט שטארק ליב געהאט מאכן רײַזעס. זי פאָרט ארום איבערן לאנד און אָפט גייט זי צופוס. זי באקענט זיך מיטן לעבן, מינהאָגים פון די אײַנוווינער פון די קאווקאזער בערג. באזונדערס אינטערעסירט זי דאָס לעבן פון די פרויען פון פאר דער רעוואָליוציע.

אירע אײַנדרוקן דערציילט זי אזוי בילדעריש, אז מיר דאכט זיך, אז איך אליין האָב דאָס אלץ געזען.

ווען איך טרעף זיך מיט איר, איז איר ערשטע פראגע צו מיר: „דווירעלע, וואָס טוט דײַן זונעלע?". און איך דערצייל איר וועגן זײַנע ערשטע טריט, וועגן זײַנע דערגרייכונגען.

ווען מײַן זון איז אלט געווען דרײַ יאָר, האָב איך אים אין א זוניקן טאָג אוועקגעפירט צו א סאזשלקע. דער בלויער הימל האָט זיך געשפּיגלט אין דער וואסער. מײַן זון האָט קיינמאָל קיין סאזשלקע ניט געזען. אים איז געפעלן געוואָרן די העל־בלויע וואסער — דער הימל אין וואסער. ער האָט זיך געלאָזט גלײַך לויפן פארנעם ברעג. איך האָב אים געכאפּט אף די הענט, ער האָט געצאפּלט, ווי א געפאנגענער פויגל. ער האָט געוויינט און געריסן זיך צו דער בלויער ערד. ווען איך האָב עס דערציילט סאָרעלען, האָט זי זיך שטארק געכידעשט פון די ווונדער, וואָס רינגלען אונדז ארום.

סטאראָפּאנסקי־געסל, נומ. 1

די רעדאקציע פון דער צײַטונג און פונעם פארלאג „דער עמעס" געפינט זיך אף סטאראָפּאנסקי־געסל, נומ. 1.

די רעדאקציע לעבט אין מײַן זיקאָרן, ווי א שעפעריש ווינקל, ווי א ווארעמע נעסט, ווו יעדערער פון אונדז פלעג זיך פילן היימיש, ווי בא זיך אין דער היים. אָט שטייט פאר מײַנע אויגן א לאנגער, שמאָלער, טונקעלער קאָרידאָר מיט טירן, וואָס פירן אין ליכטיקע צימערן. דאָרט ארבעטן די מיטארבעטער פון דער רעדאקציע. אין טונקעלן קאָרידאָר, אין שײַן פון עלעקטראָ־לעמפּלעך שטייען גרופּקעלעך מענטשן. זיי ריידן שטיל צווישן זיך, און שפּעטער פארשווינדן זיי און צערינען זיך אין די ליכטיקע צימערן פון דער רעדאקציע.

די באוווּסטע פּאָעטן האלקין, ראָסין זײַנען אויך אמאָל געווען מיטארבעטער פון דער רעדאקציע. טאָגטעגלעך קומען אהער צו גיין עלטערע שרײַבער, עס קומט אויך די יוגנט, וועלכע האָט זיך ערשט ניט לאנג אָנגעהויבן דרוקן. דאָ קאָנסטו אויסהערן א מיינונג וועגן דײַן ערשט אָנגעשריבענער ליד. איך לייען זי איבער אויסלענדערן, דאָברושינען, קושניראָוון אָדער האלקינען. איך לייען איבער די, וועמענס מיינונג איז מיר טײַער. דאָ אין רעדאקציע קאָנסטו הערן אן אווטאָריטעטע מיינונג וועגן אן ערשטדערשינענעם בוך, סײַ אין ייִדיש, סײַ אין רוסיש, וועגן ביכער, אָנגעקומענע פון אויסלאנד און איבערגעזעצטע פון אויסלענדישע שפּראכן.

בעראָש פון דער רעדאקציע פון דער צײַטונג „דער עמעס" שטייט מ. ליטוואקאָוו. זײַן איידעלער געשמאק, זײַנע שטרענגע פאָדערונגען צו דער ליטעראטור שאפן א הויכן אווטאָריטעט דער צײַטונג. איך האָב לאנג ניט געוואגט איבערלייענען אים מײַנע לידער און בין געווען גליקלעך, ווען ער האָט פּאָזיטיוו אָפּגעשאצט מײַנעם א ציקל לידער „היים".

אין יענער צײַט האָבן זיך אין מאָסקווע ארום דעם פארלאג אָנגעזאמלט שטארקע שעפערישע ליטערארישע און וויסנשאפטלעכע קויכעס. אין דער קריטיק: אויסלענדער, ווינער, דאָברושין, נוסינאָוו, גורשטיין. אין דער פּראָזע: בערגעלסאָן, דער ניסטער, דער וויסנשאפטלער יודיצקי, הייליקמאן. אין פּאָעזיע: מארקיש, האלקין, קושניראָוו, קוויטקאָ.

אכוץ קינסטלערישער, וויסנשאפטלעכער און פּאָליטישער ליטעראטור האָט דער פארלאג געדרוקט פּעריאָדישע אויסגאבעס: דעם אלמאנאך „סאָוועטיש", דעם זשורנאל „פּאָרפּאָסט", שפּעטער נאָך דער מילכאָמע דעם זשורנאל „היימלאנד".

אווראָם יודיצקי האָט געדרוקט זײַנע וויסנשאפטלעכע, היסטאָרישע, ליטערארישע און טעאטראלע ארבעטן אין זשורנאלן און צײַטונגען. ער האָט אויך געדרוקט ארטיקלען וועגן אלטייִדישער געשיכטע און רעליגיִעזע מינהאָגים.

צוזאמען מיט דאָברושינען האָט א. יודיצקי צונויפגעשטעלט א גרויסע זאמלונג פון פאָלקסלידער. ער האָט א סאך איבערגעזעצט פון אנדערע שפּראכן.

א. יודיצקי האָט איבערגעזעצט יאראָסלאווסקיס בוך „פאר גלויביקע און אומגלויביקע", וועלכער איז ארויס אין ייִדיש מיט צוגאָבן: „וויִאזוי עס ווערן געבוירן און שטארבן געטער".

איך דרוק מײַנע לידער פון דעם 1922 יאָר, כ׳בין א מיטגליד פון דער ייִדישער סעקציע בא דעם פארײן פון שרײַבער.

אין מעשעך פון א סאך יאָרן קומען פאָר בא אונדז ליטערארישע אָוונטן און קאָנצערטן. די קאָנצערטן פארשאפן מיר פרייד, מיר זײַנען ליב די פאָלקסלידער, אייניקע פון זיי האָב איך קינדווײַז געהערט בא אונדז אין שטוב. מיר זײַנען אויך טײַער די לידער פון אונדזערע פּאָעטן, צו וועלכע קאָמפּאָזיטאָרן האָבן אָנגעשריבן מוזיק. „שלאָף, מײַן קינד, פארמאך די אויגן, טונקל ווערט אין בערג, ס׳איז אן אָדלער דורכגעפלויגן. זײַן זאָלסטו, ווי ער" — דאָס איז פּעפּערס ליד מיט באָיארסקעס מוזיק.

ייִדישע פּאָעטן זײַנען ענג פארבונדן מיט די רוסישע. זיי שטייען אין איין שערענגע. אייניקע זײַנען צווישן זיך באפרײַנדעט: ארן קושניראָוו מיט אלעקסיי סורקאָוון, לייב קוויטקאָ מיט קאָרניי טשוקאָווסקין, דאָברושין מיט אסייעוון, האלקין מיט פּאדייעוון. בא אונדז קומען פאָר אָוונטן. זיי גייען דורך בא פול־געפּאקטע זאלן.

איך האָב פארגעדענקט אן אָוונט אין הויז פון שרײַבער. איך זיץ אין דער ערשטער ריי, אף לינקס פון מיר זיצט דאָברושין, אף רעכטס נוסינאָוו. אף דער בינע א ייִנגל אין א ווײַס העמדל מיט העל־געלע האָר און טונקעלע אויגן. אייגענע זעונג, עמאָציע און יוגנט האָט אין זאל געבראכט דאָס ייִנגל אין ווײַסן העמדל. דעם אוילעם געפעלן זײַנע לידער. מע אפּלאָדירט. דאָברושין זאָגט: „פארשטייט זיך, איך האָב פריִער געוווּסט. זאָל ער לייענען נאָך". נוסינאָוו כאפּט זיך אוף פונעם בענקל, שרײַט: „ארעלע, לייען נאָך, לייען נאָך". דאָס ייִנגל איז געווען ארן ווערגעליס.

אין קליינעם זאל מיט א קאמין, אין שרײַבערהויז, ווערט פאָרקומען א פארזאמלונג. דער זאל איז פול־געפּאקט. פונעם קאָרידאָר טראָגן בענקלעך די פארשפּעטיקטע. עמעצער שטעלט אפּגיך ארײַן זײַן בענקל קימאַט אין קאמין. די פארזאמלונג פירט מארקיש. איידער ער עפנט די פארזאמלונג, טוט ער א קוק אפן אוילעם אין זאל, און פּלוצעם צעלאכט ער זיך. ער זאָגט: „כאוועך, איר זיצט אין קוימען".

דאָברושין האָט אף אונדזערן א קאָנצערט געבראכט עמיל הילעלסן, וועלכער איז שוין געווען באוווּסט און געהאט דערפאָלג אלס פּיאניסט. ער איז געווען א דאר ייִנגל מיט געלרויטלעכע צעשויבערטע האָר. מיט פּאָטערלעכער ליבשאפט האָט געפּאדקעוועט ארום אים דאָברושין. אין איבערײַס, אין א קליין צימערל

האָט מען אים ענג אַרומגערינגלט און זייער געליבט. עמיל הילעלס איז ניט געווען גרייט צו אַזאַ וואַרעמען אופנעם. ער האָט זיך פאַרלאָרן און געשוויגן. פלוצעם איז אים אײַנ־געפאַלן אַ גליקלעכער געדאַנק. ער האָט געזאָגט: „איך וויל אײַך דערציילן וועגן מײַן ערשטער אַרויסטרעטונג״.

„...איידער איך בין אַרויסגעגאַן אַף דער בי־נע, האָב איך אַפגיך אַ קוק געטאָן אין שפּיגל. איך האָב דערזען, אַז מײַן קאָפּ איז צעשויבערט. אַפן טיש איז געשטאַנען אַ פלעשל סיטראָ. איך האָב באַנעצט מײַנע האָר און זיי צוגעגלעט. אַרום דעם פלעשל האָבן זיך אַרומגעטראָגן פליגן. זיי האָבן מיך באַגלייט אַף דער בינע, געזשומעט איבער מײַן קאָפּ. איך האָב געשפּילט מיט גרויס אָנשטרענגונג״.

עמיל הילעלסעס דערמאָנונג האָט אַרויסגע־רופן אַ געלעכטער און אים אַרויסגעפירט פון זײַן פאַרלוירנקייט.

דאָס לעבן פון מאָסקווער שרײַבער איז ענג פאַרבונדן מיטן לעבן פונעם מאָסקווער טעאַ־טער. דער גאַסט שטעלט בערגעלסאָנס „דער טויבער״, מאַרקישעס „די מישפּאָכע אָוואַדיס״, האַלקינס „באַר־קאָכבאַ״. אין טעאַטער באַאַר־בעטן די טעקסטן אויסלענדער און דאַבּרושין. אַף דער בינע קלינגט אַ שיין, אַ ציכטיק וואָרט.

כאַצי דאָבּרושין

כאַצי דאָבּרושינען רופן אַלע בײַ דעם נאָמען „כאַצי״. כאַצי איז אַלעמענס אַ גוטער פרײַנט. באַזונדערס זאָרגט ער פאַר דער יוגנט. ער באַ־ציט זיך צו איר מיט פאָטערלעכער צאַרטקייט. ווען אַ יונגער שרײַבער קומט קיין מאָסקווע, גייט ער צום אַלעמערשטן אַוועק אַף גאָרקי־גאַס, נומ. 5. דאָ וועט ער איבערלייענען זײַן פּעקל געבראַכטע לידער. כאַצי וועט געפינען צײַט און געדולד אַף אויסהערן אַפילו ניט אײַנ־גאַנצן קיין געלונגענע לידער. ער וועט אויס־קלײַבן דאָס בעסטע, באַטראַכטן ווי אײַנאָרדע־נען דעם מאַטעריאַל און אויך ווי אײַנאָרדענען דעם אויטאָר מיט אַרבעט און מיט אַ ווינונג. מיט יעדן צוגעקומענעם יונגן מאָלער, אַרטיסט, שרײַבער ווערט רײַכער כאַצים פאַרמעגן.

אַזאַ איז ער, כאַצי דאָבּרושין.

ליטעראַטור פאַר קינדער

איך אַרבעט אין אַ שול, איך לערן קינדער. איך שרײַב אַמאָל אָן אַ ליד וועגן קינדער. נאָר עס קומט מיר ניט אַפן געדאַנק שרײַבן פאַר קינדער, מיר דאַכט זיך, אַז צוליב דעם דאַרף מען האָבן באַזונדערע פייִקייטן. נאָר עס טרעפט אין מײַן לעבן אַ געשעעניש, וואָס באַשײַנט און באַרײַכערט מײַן לעבן. איך ווער אַ מאַמע. בײַ מיר וואַקסט אַ קלייִנינקער זון, און איך באַקום

אַ נייטיק וואָרט פאַר אים, ווײַל יעדער ריר, יעדער באַוועגונג זײַנע דערציילט מיר פון זײַן פאַרבאָרגענעם קינדער־לעבן, ווײַל רעדן קען ער דאָך ניט. ער ברענגט מיר נײַע טיפע איבערלעבונגען, ער ברענגט מיר נײַע זאָרגן, דײַגעס און אַגמעסנפעש. ווען ער פלעג קראַנק ווערן, פלעג איך זיך שרעקן פאַר זײַן לעבן. אַרומיקע פלעגן מיך באַרויִקן. איך געדענק, ווי שימען דאַבין האָט מיר אַמאָל געזאָגט: „אַזוי וועט ער בײַ דיר אַלעמאָל, ביז דער כאַסענע, קראַנק ווערן״.

פאַר מיר איז דאָס געווען אַ טרייסט, אַז ער וועט בלײַבן לעבן און דערלעבן צו זײַן כאַסענע. מײַן זון וואַקסט, און איך אַליין ווער זיכערער און שטאַרקער בײַ זיך. מײַן לעבן איז נייטיק מײַן קינד. ווי מײַן מאַמע, ווי מײַן באָבע, היט איך דאָס לעבן פון מײַן קינד. איך דערמאָן זיך אָפט אין מײַן באָבעס ליכט־בענטשן, ווען בײַם פײַער פון ליכט און ביין־האַשמאָשעס האָט זי אויג־אַף־אויג מיט גאָט זיך אײַנגעשטעלט פאַרן לעבן פון אירע קינדער. און איך שרײַב וועגן זיך אַזעלכע שורעלעך: „אין ביין־האַשמאָשעס הײַנט צעזייטע ליכט פאַרטרויען מיר פון דוי־רעס מײַנע רעכט״.

וועלכע רעכט, איז מיר ניט קלאָר, נאָר מיר איז קלאָר, אַז מײַן באָבע האָט מיך ניט פאַר־טיילט אין יערושע און מיר איבערגעגעבן אירע גליק, אירע צאַר, אירע דײַגעס און זאָרגן פון אַ מאַ־מע.

ליפע רעזניק האָט אַמאָל בײַ מיר געפרעגט:

— וואָס איז אײַך טײַערער — אײַער ליד, צי אײַער קינד?

איך האָב אים גלײַך געענטפערט:

— מײַן קינד איז מיר טײַערער.

— און מיר איז טײַערער מײַן ליד, — האָט געזאָגט ליפע.

דאָ האָב איך זיך שווין פאַרטראַכט.

איך האָב געזאָגט ליפע רעזניקן:

— איך קען ניט אָפּטיילן מײַן קינד פון מײַן ליד — זיי זײַנען איינס פאַר מיר. פאַר מיר איז מײַן קינד מײַן סאַמע אויסגעזונגענסטע, מײַן סאַמע שטאַרקסטע ליד, מײַן זון וואַקסט.

איך דערצייל אים וועגן די באַלעכאַיִם, וואָס רינגלען אים אַרום. עס באַקומען זיך לידער: „אַף דער לאָנקע, אַף דער גרינער, גייט אַרום אַ האָן מיט הינער. אין די גראָזן, הויכע, גרינע, זוכט זיך עסן האָן מיט הינער״.

צוויי ענטלעך האָבן זיך צעקריגט,
דאָס וואַסער אין סאַזשלקע צעוויגט.

גאַנדז, גאַנדז, גאַ־גאַ־גאַ,
דו ווילסט עסן?
יאָ, יאָ, יאָ.

טופּע, טופּע, ציגעלע,
פונעם באַרג,
אַ גאַנצן טאָג אַרומגעטופּעט
איז דיר קאַרג...

מורעשקע, מורעשקע, דריי זיך נאָר אויס,
וועל איך אַ קוק טאָן,

זוי דו ביסט גרויס,
ביסט אזא שווארצינקע,
גלאנצסט אזוי ווויל,
לאָז מיך א קוק טאָן,
צי האָסטו א מויל.

אָט די אלע לידער האָט אין 1934 יאָר אָפּגעדרוקט דער פארלאג „דער עמעס", אין א זאמלונג „אונדזערע שכיינים".

אין דער קינדער־סעקציע, ווו איך קום אָן אין 1935 יאָר, טרעף איך באגאבטע שרײַבער, פּאָעטן און פּראָזאִיקער. איך קום אין א פרײַנטלעכער און ווארעמער סוויווע. די פּאָעטן טאראכאָווסקי, איווענסען, אלעקסאנדראָווא, ספּענדיִאראָווא זעצן איבער מײַנע קינדער־לידער אין רוסיש. איינצײַטיק דרוקן זיך מײַנע ביכעלעך אין ייִדיש (אין פארלאג „דער עמעס") און אין רוסיש (אין פארלאג „דעטגיז"), שפּעטער — אין פארלאג „מאליש". צו מײַנע רוסישע לידער שרײַבן קאָמפּאָזיטאָרן מוזיק, און זיי דרוקן זיך אין זאמלונגען פון פארלאג „מוזגיז", מע גיט זיי איבער דורך ראדיִאָ.

אין מעשעך פון א סאך יאָרן שטייט בעראָש פון דער קינדער־סעקציע לעוו קאסיל.

קאסיל איז אונדז יעדן באזונדער א הארציקער גוטער פרײַנט. און עס שאפט זיך בא אונדז אין סעקציע א גוטע, א כאווערישע באציִונג פון איינעם צום צווייטן. מיר קלײַבן זיך אָפּט צונויף אין הויז פון די שרײַבער. אפן לאנגן טיש, וואָס איז געדעקט מיט גרינעם געוואנט, ליגן אונדזערע דערשינענע ביכעלעך. דער קליינער זאל איז געפּאקט מיט מענטשן, עס קומט פאָר אַן אויסטויש פון מיינונגען וועגן די דערשינענע ווערק.

אזעלכע אָוונטן קומען בא אונדז פאָר אָפּט. אַף די אָוונטן קומען צו אונדז פאָרשטייער פון די רעדאקציעס, עס טרעטן ארויס לערער, רעדאקטאָרן, ביבליִאָטעקערן.

קאָרניי טשוקאָווסקי — דער באוווסטער קריטיקער און וויסנשאפטלער, דער קענער פון פיל שפּראכן, וועלכער איז דעריקער באליבט אלס קינדער־שרײַבער, קומט זייער אָפּט אַף אונדזערע באגעגענישן. נאָך דער מילכאָמע האָט ער געשאפן א ביבליִאָטעק, וואָס טראָגט זײַן נאָמען. טאָגטעגלעך באגעגנט ער זיך דאָרט מיט קינדער. אלע זומער ציִנדן קינדער בא אים אַף דער דאטשע שײַטערס, אַף דעם יאָמטעוו קומען ארטיסטן פון די מאָסקווער קינדער־טעאטערן. מיט דעם דאָזיקן יאָמטעוו פירט אָן קאָרניי איוואנאָוויטש אליין. אפן שײַטער קומען שרײַבער, וואָס לעבן אין פּערעדעלקינאָ, און אויך די אײַנוווינער פונעם ייִשעוו.

די פּרײַז אַף ארײַנגאנג אפן יאָמטעוו איז געווען פינף סאָסנע־שישקעס.

טשוקאָווסקי איז ענג געווען פארבונדן מיט שרײַבער. ער האָט ליב געהאט קוויטקאָס לידער און געלייענט זיי אַף ייִדיש.

איך האָב אמאָל געבראכט טשוקאָווסקין א זאמלונג לידער, איבערגעזעצט אין רוסיש. ער האָט מיר געזאָגט: „לייענט מיר איבער די לידער אין ייִדיש". איך האָב אים איבערגעלייענט מײַן ליד „ווינטער": „אפן שליאך, אין טיפן שניי, פירט א פערד א שליטן היי. אין דער הייך א פויער פאָרט. פול מיט שנייעלעך זײַן באָרד, און אהינטער לויפן קינדער. גרינער היי און ווײַסער ווינטער: היי אין שניי, שניי אין היי. קינדער שרײַען: היי, היי..."

טשוקאָווסקי האָט מיר געזאָגט: „מיר זײַנען באקאנט א סאך שפּראכן, נאָר אין קיין איינער האָב איך ניט באגעגנט אזויפיל צערטלעכע ווערטער". שפּעטער, ווען מיר פלעגן זיך באגעגענען מיט אים, פלעג ער מיך באגריסן מיט די ווערטער: „שניי אין היי, היי אין שניי, קינדער שרײַען: היי, היי".

מילכאָמע־יאָרן

אין 1941 יאָר, אין די ערשטע שוידערלעכע טעג פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, איז אונדזער לעבן צעבראָכן געוואָרן. ווי אין א הוראגאן האָט אונדז אראָפּגעטראָגן פון די היימען, אָפּגעריסן פון אונדזערע נעכטנס: פון אויסגעטראָטענע סטעזשקעס, פון דעם, וואָס איז געווען נאָענט און טײַער. די מאנצבלען האָבן זיך פארשריבן אין „נאראָדנאָיע אָפּאָלטשעניע". די קינדער, די פרויען און די עלטערע שרײַבער האָט דער פאריין פון שרײַבער עוואקויִרט אין דער שטאָט טשיסטאָפּאָל, וועלכע געפינט זיך אפן ברעג פונעם טײַך קאמא. די קינדער האָט מען געזאמלט אין א קינדערהויז און אוועקגעפירט קיין בערסוד, אויך אפן ברעג פון קאמא. אין טשיסטאָפּאָל האָבן מיר באקומען קליינע צימערלעך אָדער ווינקלען בא די היגע אײַנוווינער.

ברויט־קארטלעך און ארבעט האָב איך באקומען. ארבעט איך אין א ביבליִאָטעק. מיר ווארטן מיט האָפענונג און שרעק אַף די סוואָדקעס פון פראָנט. דער דיקטאָר איז מודיִע, אז די רויטע ארמיי טרעט אָפּ אַף נײַע פּאָזיציעס. מיר גלייבן אָבער, אז אונדזער פאָלק וועט גויווער זײַן און זיגן. אמאָליק לעבן וועט זיך אומקערן. מי און געראנגל וועט אונדז אומקערן אונדזער היים.

דאָס שטיבל, אין וועלכן איך האָב באקומען א ווינקל, שטייט אפן סאמע ברעג פונעם טײַך קאמא. אלע אינדערפרי שווימט דורך פארבײַ א ווײַס שיפל. אונטער דעם העל־בלויען הימל אפן בלויען טײַך זעט אויס דאָס ווײַסע שיפל ווי פארקישעפט. איך קוק לאנג נאָך דעם שיפל. איך טראכט: דאָס שיפל איז געשוווּמען פארבײַ בערסוד, ווו עס געפינט זיך אין קינדערהויז מײַן קינד. געוויס בענקט ער אהיים. „ווען איך זאָל האָבן פליגעלעך, וואָלט איך צו דיר געפלויגן. און ווען איך זאָל האָבן קייטעלעך, וואָלט איך זיך צו דיר געצויגן".

אין מאָסקווע, אין דער היים, פלעג דאָוויד בערגעלסאָן ליב האָבן צו זינגען אָט די ליד,

קאָפּירנדיק ציפּעס, זייַן פּרויס, אינטאָנאַציע. פאַר מיר איצטער באַקומען די ווערטער אַ נייַעם אינהאַלט.

אונטער דער שטאָט שטייען הויכע, רייַפע טוועס, פאַרלאָזענע. די זון ברענט זיי. דער ווינט בייגט זיי, און די שטויבן שטויבן זיי. בענקען די טוועס נאָך די הענט, וועלכע האָבן זיי פאַרזייט. עס איז שוין לאַנג געקומען די צייַט פון שניט. פאַרוואָס קומען ניט די שניטער אַראָפּשנייַדן די טוועס? אין די הענט פון די שניטערס איז געווער. עס ברענען שטעטלעך און שטעט. עס ברענען אונדזערע היימען...

מיר האָבן אויסגעקליבן די פאָלקס־אַרטיסטן סטעפּאַנאָווא (פאַדייעווס פרוי) פאַר אונדזער פאַרשטייערן. סטעפּאַנאָווא גייט אַוועק אין קאָלווירט און רעדט זיך צונויף מיטן פאָרזיצער, אַז מיר, עוואַקויִרטע פון מאָסקווע פרויען, ווילן העלפן דעם קאָלווירט שנייַדן די טווע אין די פעלדער. אָף מאָרגן גייען מיר אַלע אַרויס אין פעלד. פאַר יעדן איז צוגעגרייט אַ סערפּ. מיר שטייען אין איין שערענגע.

דער שרייַבער פּאַוסטאָווסקי איז, ווי אַלע שרייַבער, אַוועק אין „נאַראָדנע אָפּאָלטשעניע". אין טשיסטאָפּאָל איז ער געקומען אָף אַ פּאָר טעג צו זען זיך מיט זייַן קראַנק ווייַב. אין יענע הייסע טעג האָט ער זיך אַראָפּגעכאַפּט אין פעלד מיט אַ קאָסע. ווי אַ געניטער שניטער, גייט ער פאָרויס און אונטער זייַן געניטער האַנט לייגן זיך אויס די זאַנגען אָף דער ערד אין גלייַכע שורעלעך. עס ברענט די זון, און ניט געשיקט זייַנען אונדזערע הענט. פּאַוסטאָווסקי כאַפּט אַלעמאָל אַ קוק אָף אונדז, ער וואַרפט אַרייַן אַ וואָרט, אַ פריילעכע רעפּליקע, וואָס רופט אַרויס אַ געלעכטער בא אונדז. ער טוט אַלץ אָף צו מוטיקן אונדז. אָט האָט ער צוגעטראַכט „פּערעקור". אַלע צוואַנציק מינוט זעצן מיר זיך אויס אָף דער ערד און מע רייכערט. פּאַפּיראָסן טיילט ער אַלעמען פון זייַנע. אַזוי פאַרגרינגערט ער אונדזער אַרבעט. העלפט אונדז קומען צו־זיך.

מיר קומט אָן די אַרבעט שווערער ווי אַלע. צי דער סערפּ איז בא מיר אַ טעמפּער, צי די איבערגעשטאַנענע זאַנגען זייַנען פאַרהאַרטעוועט, צי מייַנע הענט זייַנען ניט גענוג שטאַרק פאַר אַזא אַרבעט, נאָר מייַן סערפּ שנייַדט ניט, מייַנע שכיינעס פון דער שערענגע שנייַדן פאַר מיר אָפּ מייַן כיילעק. באַזונדערס העלפט מיר סעלווינסקיס פרוי, זי איז אין דער היים אַ גאָלדענע באַלעבאָסטע און דאָ אין פעלד איז זי אויך אַ בעריע.

פּלוצעם דערהער איך: „אַפּאַ, אַפּאַ!" (אַפּאַ איז אָף טאָטעריש אַ פרוי). צו מיר אייַלט אַ פרוי פון מיטעלע יאָרן. זי האַלט אין דער האַנט אַ סערפּ. זי ווענדט זיך צו מיר: „אַפּאַ, איך אַרבעט אָט דאָ ניט ווייַט, און איך גיב אַכטונג די גאַנצע צייַט אָף דיר, דו האָסט ניט קיין געוווינהייַט צו אונדזער אַרבעט, אָט וועל איך דיר באַלד העלפן, שטעל זיך לעבן מיר, באַנאַנד, וועלן מיר שנייַדן ביידע". פליט פלינק איר סערפּ, און אָף דער ערד לייגן זיך פאַר איר

גאָלדענע רייַפע זאַנגען, דערבייַ דערציילט זי מיר, אַז איר מאַן איז אָפן פראָנט. באַקומט בריוו פון אים. ער איז געזונט. זי איז געבליבן מיט דרייַ קינדער. זי דערפרעגט זיך וועגן מייַן מישפּאָכע, און איך באַמערק ניט, ווי זי האָט מיט מיר זיך דערנעענטערט צו אונדזער שערענגע.

ווען איך האָב אָנגעיאָגט מייַן ריי, האָב איך דערזען, אַז קיינער אַרבעט שוין ניט. עס איז געקומען אין פעלד דער פאָרזיצער פונעם קאָלווירט, און עס גייט אַ פריילעכער שמועס. דער פאָרזיצער לויבט זייער די אָפּגעטאָנענע אַרבעט, ער וווּנדערט זיך, ווי?אַזוי אין עטלעכע שאָ האָבן מיר באַוויזן אַזא שטיק פעלד אָפּשנייַדן. די פרויען לויבן פּאַוסטאָווסקין. זיי זאָגן, אַז דאָס האָט זייַן קאָסע געגעבן דעם טאָן, און כוץ דעם האָט ער אַליין אונדז געשטאַרקט און געמוטיקט.

דער פאָרזיצער האָט אונדז אייַנגעלאַדן אין קאָלווירט. אין גרויסן הויף פונעם קאָלווירט האָבן מיר געטראָפן לאַנגע טישן מיט הילצערנע בענק. מע האָט אונדז מעכאַבעד געווען מיט קאַלטער פרישער וואַסער פון אַ קרעניצע. און פאַרבעטן צו די טישן, ווו עס איז געווען צוגעגרייט פאַר אונדז מילך און פלייש. נאָך מייַנע איבערלעבונגען פאַרן טאָג אין פעלד האָב איך זיך צום עסן ניט צוגערירט. באַנאַנד מיט מיר איז געזעסן פּאַוסטאָווסקי. ער האָט פרייַלעך זיך געווערטלט מיטן אוילעם. ער האָט באַמערקט, אַז איך עס ניט, און זיך געווענדט צו מיר: „האָט ניט מוירע, אַז אייַך וועט פאַרשאַטן. וויפל מאָל אונדז איז איצטער אויסגעקומען טרינקען פון קאַליוזשעס, ווען עס איז קיין וואַסער ניט געווען, און אונדז האָט ניט פאַרשאַט".

אין האַרבסט האָבן אין טשיסטאָפּאָל אָנגעהויבן גיין רעגנס, עס האָבן געבלאָזן קאַלטע ווינטן. דער טייַך קאַמאַ איז געוואָרן טונקל־גרוי. מע האָט געבראַכט אונדז די קינדער פון בערסוד.

פון מאָסקווע האָבן זיך עוואַקויִרט אייניקע שרייַבער קיין אוזבעקיסטאַן.

אין נאָיאַבער 1941, ווען דער סוינע האָט זיך דערנעענטערט צו מאָסקווע, האָט דער פאַריין פון מאָסקווער שרייַבער זיך עוואַקויִרט קיין אוזבעקיסטאַן. אָפן וועג זייַנען די מאָסקווער שרייַבער פאַרפאָרן קיין קאַזאַן, ווו עס האָבן געוווינט פריִער עוואַקויִרטע פון מאָסקווע שרייַבער. און אַלע צוזאַמען זייַנען אין טעפּלושקעס געפאָרן קיין אוזבעקיסטאַן. צווישן די שרייַבער זייַנען געווען דאָוויד בערגעלסאָן, כ. דאָברושין, פּ. מאַרקיש און אויך עוואַקויִרטע דייַטשישע שרייַבער, אַנטיפאַשיסטן.

יודיצקי איז אויך געפאָרן פון מאָסקווע. איך מיטן זון און נאָך עטלעכע מישפּאָכעס זייַנען געקומען פון טשיסטאָפּאָל קיין קאַזאַן. און צוזאַמען מיט זיי געפאָרן קיין אוזבעקיסטאַן.

אין קאַזאַן האָבן מיר זיך פאַרהאַלטן אַ צייַט. לאַנג געפאָרן אין די טעפּלושקעס. אין אוזבעקיסטאַן זייַנען מיר געקומען אָנהייב פרילינג. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין נאַמאַנגאַן. נאָך די

גרויסע פרעסט און קאַלטע ווינטן אין קאַזאַן האָבן מיר זיך דאָ דערוואָרעמט. מיר האָבן געווױנט אין א צוזאַמענוווינונג. נאָכאַנאַנד האָט אונדז באַגעגנט מיט בלאָטעס און קאַליוזשעס. די בלאָטעס זײַנען געווען טיפע, איך האָב ניט געוואַגט איבערגיין דעם שליאַך.

אַלע פאַרטאָג פלעג מיך וועקן א יונג הילכיק געזאַנג און א טופּעריי פון שטיוול. דאָס פלעגן פאַרבײַ אונדזערע פענצטער גיין מיטן שליאַך יונגע רויטאַרמייער, שילער פון א מיליטער־שול, וואָס האָט געגרייט העכערע קאַדרן.

נאָכאַנאַנד איז געווען פאַרפלייצט מיט פּליי־טים פון פּוילן, גאַליציע, ליטע, ווײַסרוסלאַנד און אוקראַיִנע. א טייל פון זיי, אָפּגעריסענע פון זייערע היימען און פון ארבעט, האָבן זיך ניט געקענט צופּאַסן צום נײַעם לעבן, צו די נײַע באַדינגונגען, זיי האָבן ניט געקאָנט געפינען זיך קיין פּאַסיקע ארבעט.

נאָר די מערסטע טייל „בעזשענצעס" זײַנען געשטאַנען פעסט אַף די פיס. זיי האָבן זיך אײַנגעשלאָסן אין אָנגעשטרענגטער מי, מיט וועלכער עס האָט געלעבט דאָס לאַנד. איך האָב נאָך ניט באַוויזן צוטרעטן צו דער ארבעט, ווי איך בין קראַנק געוואָרן מיט פלעקטיפוס. ווען איך בין געקומען צו־זיך, זײַנען מיר איבערגעפאָרן קיין אַנדיזשאַן, ווו עס האָבן געוווינט מײַן שוועסטער מיט איר מישפּאָכע. קיין אַנדיזשאַן זײַנען זיי געווען עוואַקויִרט פון קיִעוו. געקומען קיין אַנדיזשאַן, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מײַן שוועסטער און איר מאַן זײַנען אומגעקומען פון אַן עפּידעמיע. אין פערגאַנא האָבן געוווינט נאָענטע פרײַנט. בין איך איבערגעפאָרן אהין. איך האָב איינגיכן אָנגעהויבן ארבעטן אין א רוסישער צײַטונג. זיך אָנגעשלאָסן אין געזעלשאַפטלעכער ארבעט. די שטאָט פערגאַנא, ווי דאָס גאַנצע לאַנד אין יענער צײַט, האָט געלעבט אָנגעשטרענגט, מיט איין ווילן — פאַרגרעסערן, פאַרבעסערן די פּראָדוקציע פאַרן פראָנט. דאָס פאָלק האָט אין הינטערלאַנד געהאָפט אַפן צווייטן פראָנט. פון אַלץ, וואָס עס האָבן געטאָן די הענט פון פאָלק, האָט געאָטעמט מיט ליבע צו דער ארמיי. אזוי אין מי און געראַנגל האָט זיך געשטאַרקט דאָס לאַנד און געקומען צום זיג.

אין די שפּיטאָלן צו די פאַרווונדעטע גייען בריגאַדעס פון ארטיסטן און שרײַבער. זיי טרעטן ארויס אין די פּאַלאַטעס. איך גיי אויך מיט זיי. איך געדענק, ווי איך האָב זיך פאַרלאָרן, ווען איך בין ארײַן אין צימער און דערזען אַף די בעטלעך ליגן און זיצן מענטשן מיט ווײַסע בינטן אַף די הענט, אַף די קעפּ, אַף די פיס. אייניקע — אָן הענט, אָן פיס... איך בין געבליבן שטיין בײַ דער שוועל. עמעצנס א פרײַנטלעך, פרייִלעך קאָל האָט מיך גערופן גיין נענטער צו די בעטלעך, אין טיף פון גרויסן צימער.

איך האָב איבערגעלייענט מײַנע א ליד, איבערגעזעצט אין רוסיש. די ליד איז געפעלן געוואָרן, און מע האָט מיך געבעטן איבערלייענען נאָכאַמאָל. איין פאַרווונדעטער האָט מיר געזאָגט: „דײַן ליד דערמאָנט מיר אין מײַן היים".

קינדער פון עוואַקויִרטע פון אוקראַיִנע קינדער־הײַזער זײַנען געווען אײַנגעשלאָסן אין ארומיקן לעבן. זיי פלעגן גיין אין די שפּיטאָלן און ארויסטרעטן מיט טענץ, געזאַנג, דעקלאַמירן פאַר די פאַרווונדעטע. זיי פלעגן אויסארבעטן הענטשקעס און שקאַרפּעטקעס און צוזאַמען מיט וואַרעמע בריוו אוועקשיקן פעקלעך אַפן פראָנט. אונטער פערגאַנא אין די סעדער האָבן גערײַפט אַבריקאָסן און פערשקעס, רײַפע האָבן זיי זיך געשאָטן פון די ביימער אַפן גראָז, זיי פלעגן באַזעצט זײַן מיט מורעשקעס, נאָר קיין הענט אַף צונויפקלײַבן זיי איז אין קאָלווירט ניט געווען. די קינדער פון די קינדער־הײַזער פלעגן גיין מיט א לערער און קלײַבן די פּרוכטן אין קעסטעלעך. אַמאָל בין איך געגאַן מיט די קינדער אין פעלד אַף א וואָסקרעסניק. איך האָב וועגן אים אָנגעשריבן א ליד:

טערקישער טאַבאַק — דער רויטער ארמיי,
אַף פעלדער געראָטן גייט אויף דער פּאַרזיי,
אַף הייכן טיאַנשאַנער א זויבערע קעלט,
און אונטן מיט בלומען צעבליט איז דאָס
פעלד,
און ראָז זײַנען בלומען, באַגינענדיק ראָז,
וואָס ראָזער די בלומען, אַלץ גרינער דאָס
גראָז.
פון אַלע פיר זײַטן מע קומט אין דער מיט,
מיט קליינינקע הענטלעך מע רײַסט אָפּ
דעם צוויט.

אין דער צײַטונג, אין וועלכער איך ארבעט, דרוקט מען טאָגטעגלעך יעדיִעס, ווי עס גייט דורך דער פּאַרזיי אין די פעלדער אונטער פערגאַנא. די יעדיִעס ברענג איך. איך האָב געבעטן פאַרטרויען די ארבעט מיר, קעדיי זיך נעענטער באַקענען מיט די בריגאַדעס, וואָס ארבעטן אין די פעלדער, און אויך מיט דער ארומיקער נאַטור.

איך גיי ארויס פון דער היים פאַרטאָג, קעדיי איך זאָל באַוויזן זיך אומקערן צוריק נאָך פּרי, ביז עס וועט אָנהייבן באַקן די זון. איך גיי מיטן שטעגל אַפן ברעג פעלד, ווי אַמאָל אין דער פריִער יוגנט; איך גיי באָרוועס, די שיכלעך טראָג איך אין דער האַנט, איך גיי מיט גרינגע טריט; ווי אַמאָל, שויבערט מײַנע האָר א גרינגער ווינט. שטויב, ווי גרויער סאַמעט, טוליעט זיך צו מײַנע טריט.

ווי אַמאָל, נאָר טרויעריק איז מײַן הארץ און טרויעריק איז מײַן געמיט — איך האָב מײַנע אייגענע, מײַנע נאָענטסטע פאַרלאָרן אין טאַשקענט. עס איז אומגעקומען יודיצקי. איך גיי מיטן פעלד און כאָזער שטיל איבער האַלקינס שורעס: „טיפע גריבער, געלע ליים, כ'האָב אַמאָל געהאַט א היים!"

אין די גאַסן גייט דער טויט, בײַ מײַן טויער שטעלט ער זיך אָפּ, גראָווער, גראָווער ווערט מײַן קאָפּ. איצטער איז מײַן היים אוזבעקיסטאַן. מײַן קינד — אין פערגאַנא, אין א קינדערהויז.

איך שפּאַן מיטן שטעגל פּאָרויס, אַרום מיר הויכן זיך טיאַנשאַנער בערג, זיי זײַנען הויכע, זיי זײַנען פאַרנעפּלט מיט בלוילעכן רויך, נאָר ווען עס באַווײַזן זיך די ערשטע שטראַלן פון דער זון, באַפאַרבן זיי די שנייען מיט ראָזער שײַן, די שנייען ווערן באַגינענדיק־ראָז.

אַף רעכטס און אַף לינקס פון מיר ציִען זיך געקעסטלטע פעלדער: די ערד איז צעדרויבלט מיט אַ קעטמען, זי איז צעדרויבלט און צעשטויבט מיט געטרײַע הענט. אייניקע קעסטעלעך האָבן זיך שוין צעגרינט. פעלדער אָטעמען מיט מי. געטרײַע הענט האָבן מיט ליבע געהאָרעוועט דאָ. און געוויס וועט די ערד מיט דאַנקבאַרקייט ענטפערן. מיט רײַכער גערעטעניש. ס'איז נאָך זייער פרי, און אין פעלד באַווײַזן זיך זעלטן דורכגייער. נאָר אַפן ברייטן שליאַך באַווײַזן זיך אַמאָל קעמלען. זיי גייען צו זיבן, איינער נאָכן אַנדערן. בא דעם זיבעטן קעמל — אַ גלעקל אַפן האַלדז. די קעמלען פירן גרויסע פּעק בוימוואָל. בוימוואָל, וואָס הענגט בא זיי אַף די זײַטן. אָט פאָרט דורך אַן אַרבאַ, ווי אַ באַרג, זי איז געפּאַקעוועט מיט בוימוואָל. אָט גייט מיטן שטעגל אַנטקעגן מיר אַ יונגע פרוי, זי איז פון קאָפּ ביז די פיס געקליידט אין ווײַסן. אַפן קאָפּ טראָגט זי אַ גרויסן קויש. די פרוי באַגריסט מיך און שטעלט זיך אָפּ לעבן מיר. זי פרעגט: „פאַרוואָס דעקסטו זיך ניט צו אַף דער זון, זי וועט דיך אָפּבריִען, און פאַרוואָס גייסטו באָרוועס? דו האָסט דאָך שיך, פאַרוואָס טוסטו זיי ניט אָן?" איך ענטפער איר: „איך האָב ליב די ערד, די לופט, דעם ווינט און וויל זיך ניט באַהאַלטן פון דעם אַלץ, און באָרוועס גיי איך אויך דערפאַר — ווען מײַנע פיס טוליען זיך צו צו דער ערד, ווערן זיי שטאַרקער און קרעפּטיקער. עס ווערן גרינגער מײַנע טריט. זיי גיט זיך איבער די קראַפט פון דער ערד".

די פרוי איז מיט מײַן ענטפער ניט צופרידן. זי פאַרשטייט מיך ניט. איך לאָז זיך גיין ווײַטער. איך זע שוין קליינע גרופּקעלעך מענטשן, צעשאָטענע אין פעלד, די זון אַפן הימל האָט זיך אויפגעהויבן העכער און געביטן די קאָנטורן און די פאַרבן פון די בערג. פון ווײַטן, אַף מײַן שטעגל האָט זיך באַוויזן אַ קלייניקע פיגור אין שוואַרצן. ווען די פיגור האָט זיך דערנעענטערט, האָב איך דערזען אַ פרוי מיט אַ לאַנגער שוואַרצער פּאַראַנדזשאַ אַפן פּאָנעם. פּאַראַנדזשאַס, וועלכע זעען אויס ווי האַרטע, שוואַרצע זיפּן, טראָגן אין אוזבעקיסטאַן עלטערע פרויען. זי איז געגאַנגען, די פרוי, מיר אַנטקעגן מיט גרינגע און לײַכטע טריט. איך באַגריס זי. די פרוי שטעלט זיך לעבן מיר אָפּ. זי באַגריסט מיך. פרעגט בא מיר: „וויפל האָסטו קינדער?" איך ענטפער איר, אַז איך האָב אַ קליינעם זון. „און איך האָב אַן אור־אייניקל", — זאָגט די פרוי און נעמט אַראָפּ די פּאַראַנדזשאַ פונעם פּאָנעם. איך בלײַב שטיין דערשטוינט. די פרוי איז אויסגעטריקנט, ווי אַ גרעזעלע אין סאָף זומער. איר פּאָנעם, איר האַלדז צעאַקערט מיט טיפע קנייטשן, די הויט אַף זיי איז אַזוי דורכזיכטיק, אַז מע זעט, וואָס עס טוט זיך אונטער איר, נאָר אירע אויגן לעבעדיקע, לויכטנדיקע. זיי זײַנען מיר עפּעס באַקאַנט, נאָענט. איך האָב זיך פאַרקוקט אין זיי, ווי אַמאָל אין אונדזער אָכרימאָווער קרעניצע, אין איר קוועלנדער טיף. די פרוי שווײַגנדיק טוט אָן אַפן פּאָנעם איר האַרטע, שוואַרצע זיפּ, טוט אַ שאָקל מיטן קאָפּ און גייט אַוועק מיטן שטעגל מיט גרינגע, לײַכטע טריט.

איך שטיי אַ טיף־אויפגערעגטע, איך זע, ווי זי דערווײַטערט זיך פון מיר. אַ פאַרכאַפּטע מיט מײַנע געדאַנקען, באַמערק איך ניט, ווי איך בין שוין גאַנץ נאָענט צוגעגאַן צו אַ בריגאַדע אין פעלד.

איך זיץ מיט זיי אַף דער ערד, פאַרשרײַב אַלע וויכטיקע ידיעס. מיט שמאָלע סטעזשקעלעך גיי איך פון איין בריגאַדע צו דער צווייטער און פאַרשרײַב, ווי עס גייט די אַרבעט אַף די פעלדער, איך קער זיך אום אַהיים צו דער צײַט. די זון באַקט נאָך ניט אַזוי שטאַרק.

בנימין שוואַרצער

פאַרבליבן אין מײַן זיקאָרן

(דער אָדעסער פּעריאָד)

דעם 1 יאַנואַר 1934 האָט זיך דער וויניצער יידישער מעלוכע־טעאַטער פאַראייניקט מיט דעם אָדעסער יידישן מעלוכע־טעאַטער. ווידער אין מײַן היימשטאָט! ווידער אין אָדעס! 25 יאָר האָב איך מיט פאַרשיידענע טרופּעס געוואַנדערט איבער די ראַכוועסן פון אונדזער גרויסן לאַנד. 25 יאָר געוואַנדערט, ווו געטאָגט, ניט גענעכטיקט און ווו גענעכטיקט, ניט געטאָגט, ניט געקאָנט קומען צו קיין ברעג. און אָט האָב איך געאַנקערט אין דער וואונדערלעכער האַפן־שטאָט. אויס וואַנדער־אַקטיאָר! איך האָב מײַן וואַנדער־שטעקן אַרײַנגעוואָרפן אין שוואַרצן יאַם. איך בין זיכער געווען, אַז דער יאַם וועט אױף מיר דערפאַר קיין פאַריבל ניט האָבן. עפּעס זײַנען מיר דאָך מעקוראָווים: ער הייסט שוואַרצער, און איך הייס שוואַרצער. כאָטש אינדערעמעסן זײַנען מיר ביידע ניט קיין שוואַרצע: ער, דער יאַם, איז אַ בלויער, און איך בין איצטער שוין אַ ווײַסער.

מײַנע קאָלעגן, די שטענדיקע אַכסאַניע־מענטשן, האָבן זיך דערפילט גליקלעך מיט דער שיינער דאַרעמדיקער זוניקער שטאָט, צו וועלכער מע איז געקומען ניט אױף אַ ווײַל, ניט אױף איבערצוועכטיקן עטלעכע נעכט, נאָר אױף שטענדיק. זיי האָבן זיך ניט געקאָנט אָנזעטיקן מיטן גליק פון פאַרמאָגן אַ טעאַטער ניט אױף רעדער, נאָר אױף אַ פעסטן פונדאַמענט, פון האָבן אַ שטענדיקע דירע, אַן אייגן בעט, אַן אייגענעם ביכער־שראַנק.

מײַן פרייד און מײַן גליק זײַנען געווען געדאָפּלט און געקייפלט ניט בלויז מיט דעם נײַ־

זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 5, 6, 7, 1972.

אופגעמישטן בלעטל אין מײַן טעאַטראַלער ביאָגראַפיע, נאָר אויך מיט צענדליקער פאַרמישטע בלעטער פון מײַן קינדהייט, פון מײַן יוגנט, פון מײַנע ערשטע טעאַטער־טריט.

אין אָדעס בין איך געבוירן געוואָרן, אין אָדעס האָב איך געשטעלט מײַנע ערשטע קינדערישע טריט. בײַ סימכע סקליאַר, בײַ דעם קאַפּצאַנישן מעלאַמעד פון די אָדעסער קאַפּצאַנישע קינדער, האָב איך דערלערנט די כאָכמע פון די יידישע אויסיעס.

ס'האָט לאַנג ניט געדויערט, און איך האָב דערפילט, אַז די וועלט איז ניט ריכטיק באַשאַפן געוואָרן. די אַרבעטער־ און סטודענטישע דעמאָנסטראַציעס מיט רויטע פאָנען און רעוואָליוציאָנערע לידער איבער די אָדעסער גאַסן, די יידישע פּאָגראָמען אין 1905, די זעלבשוץ, דער געקנאַל פון די קאַזאַקישע נאַהײַקעס, די מאָלדאַוואַנקער אָרעמקייט און די רײַכע פּניי האָבן מיך אַלץ מער איבערצײַגט אין דער אומיוישערדיקייט פון דער וועלט, און עפּשער דערפאַר טאַקע האָט עס מיך דערנאָך אַזוי אָפט געטראָגן אַראָפּ און אַרויף איבער די אָדעסער פּאָטיאָמקין־טרעפּ. זיי, די פּילצאָליקע טרעפּ, האָבן אויסגעזען אין מײַנע אויגן ווי פאַנאַנדערגעוויקלטע בלעטער געשיכטע וועגן העראָישקייט, וועגן אופשטאַנד, וואָס זאָגן פאָרויס דעם טרעפּ־אַראָפּ פון דער אַלטער ניט־יוישערדיקער וועלט און דעם טרעפּ־אַרויף פון אַ נײַער, פרײַער, רעוואָליוציאָנערער וועלט.

מאָלדאַוואַנקע איז פאַר מיר ניט עקזאָטיק, נאָר אַ געשטאַלטן־גאַלעריע, אַ שעפע פון שטייגער, מיט אַ באַזונדערער אייגנאַרטיקער זינגענדיקער יידישער שפּראַך, מיט פאָלקס־

לידער און פֿאָלקס־ווערטלעך, וואָס האָבן זיך
אָפּגעזעצט אין מײַן הארצן, אײַנגעשניטן זיך
אין מײַן זיקאָרן און גענערט מײַן אקטיאָרישע
פאנטאזיע באם אויספורעמען דאָס אָדער יענץ
געשטאלט, באם אויסגעפינען די נייטיקע האַ־
ווײַע, זשעסט און אינטאָנאַציע.

אויך דער פערעסיפּ איז פאר מיר ניט קיין
דורכגעלייענטע געשיכטע, נאָר א געזעענע מיט
די אייגענע אויגן, א דורכגעלעבטע. מיט איין
וואָרט — די יאם־שטאָט אָדעס איז פאר מיר
א יאם מיט זיכרוינעס. די פארביקע שטאָט אָדעס
איז פאר מיר געווען אן אומויסשעפּנדיקער
קוואל, זי האָט געהאלטן אין איין געבן שפּײַז
פאר מײַן פאנטאזיע, פאר מײַנע אייגנשאפטן
נאָכצומאכן, נאָכצוזינגען, נאָכצוטאנצן, איבער־
זאָגן און נאָכצוזאָגן.

דער זיידע מענדעלע האָט זיך אמאָל געהאט
אויסגעדריקט, אז אָדעס איז די סאמע שפּילעוור־
דיקסטע שטאָט אין דער וועלט. אלץ און אלע
שפּילן דאָ, אפילע די אָדעסער אָרעמעלײַט, וואָס
האָבן אזוי ביטער פארשפּילט זייער לעבן, שפּילן
אויך.

די כאסענעס, די אָדעסער ייִדישע כאסענעס,
אף וועלכע איך בין שטענדיק געווען דער ניט־
געבעטענער מעכוטן, האָבן איינצײַטיק געדינט
פאר מיר ווי א טעאטער־שפּיל. קיין זאך גיט
ניט ארויס אזוי א מענטשן, ווי סימכע. אף די
כאסענעס איז געווען וואָס צו זען, וואָס צו הערן
און וואָס נאָכצומאכן. פּונקט ווי פארשיידן ס׳זײַ־
נען געווען די מעכוטאָנים, אזוי פארשיידן זײַ־
נען געווען די קלעזמער־קאפּעלעס. אף רײַכע
כאסענעס — געגאָלטע, אויסגעפּוצטע קלעזמער,
אין מאנישקעס. זיי האָבן בעשאסן שפּילן ארײַנ־
געקוקט אין נאָטן און זיך געלאָזט פירן פונעם
דיריזשאָרס שטעקעלע. א מיטעלע כאסענע איז
שוין געווען אָן נאָטן און אָן א דיריזשאָר־שטע־
קעלע. אף אן אָרעמער כאסענע פלעגן די גע־
ציילטע עטלעכע בידנע קלעזמער אָפּטמאָל אָנ־
ווארפן מיט זייער שפּילן מער אומעט, ווי פרייד.
דער ווונדער איבער אלע ווונדער זײַנען געווען
די באדכאָנים, וואָס זײַנען איינצײַטיק אויך
געווען די ווײַנקעלער־זינגער. צווישן די סאמע
פּאָפּולערסטע און באליבטסטע זײַנען געווען
מוישע קיציס, ליפּאָוועצקי, ווײַנשטיין. די ווײַנ־
קעלערס פלעגן זײַן פולגעפּאקט, ווען אָט די
דרײַ פּאָלקס־זינגער פלעגן ארויסטרעטן. צוליב
זיי, צוליב אָט די זינגער און דערציילער, פלעגט
מען אין אָדעס זאָגן, מאכט מען א לעכאַים, און
ניט צוליב א לעכאַים הערט מען זיי, די זינגער.
און דאָס איז געווען ריכטיק, ווײַל אין די טעג
און אָוונטן, ווען די ווײַנקעלער־זינגער פלעגן
בײַטן זייער זשאנער און ארויסטרעטן אלס
באדכאָנים אף כאסענעס, בריסן און פארשיידענע
פאמיליען־סימכעס, איז דער אוילעם אין די

ווײַנקעלערס געווען א שטארק דערשלאָגענער,
עס פלעגן באזוכן די קעלערס בלויז די שיקו־
רים, וואָס האָבן אָן ווײַן ניט געקאָנט לעבן און
וואָס האָבן זייער לײַכט פארדײַעט ווײַן אָן
געזאנג.

מוישע קיציס, ליפּאָוועצקי און ווײַנשטיין זײַ־
נען געווען עכטע אקטיאָרן, אויסגעצייכנטע
אימפּראָוויזאטאָרס. קיינער האָט פאר זיי ניט
צוגעגרייט קיין רעפּערטואר, קיינער האָט פאר
זיי ניט געשריבן, זיי פלעגן אליין אפן אָרט באַ־
שאפן זייערע לידלעך, זייערע מײַסעס, זייערע
וויצן און שפּאסן. און שטאָף האָט פאר זיי
שטענדיק געסטײַעט, ווײַל זיי האָבן דעם שטאָף
געשעפּט פון דער אָדעסער טאָגטעגלעכער
ווירקלעכקײַט.

די אָדעסער שטאָט־כראָניק פלעגט צו זיי
דערגיין גיכער, ווי צו די סאמע פלינקסטע
צײַטונגס־כראָניקיאָרן. זיי, די באדכאָנים, האָבן
געהאלטן, אז קיין פּאסירונג און געשעעניש
טאָר מען ניט לאָזן פארקילט ווערן. א פארקיל־
טע כראָניק איז ווי א פארקילט מײַכל, וואָס
פארלירט אלע זײַנע טאמען. אין די טאנץ־ און
כאסענע־זאלן אף דער יעקאטערינינסקער גאס
און אף דער פּושקין־גאס, אזוי אויך אין די
פארשיידענע הײַזער און כאסענע־שאלאשן
פלעגן זיי, די באדכאָנים, מײַסע אקטיאָרן, זיך
איבערטאָן און פאָרשטעלן זיך. זייער גארדע־
ראָב איז באשטאנען פון א קאפּאָטע, א ייִדיש
היטל און א יארמלקע מיט צוגענייטע פּייעס.
און ווי נאָר זיי פלעגן זיך איבערטאָן, פלעגן
זיי גלײַך ווערן גאָר אנדערע מענטשן. עס האָט
זיי געטראָגן אין דער לופט, אלץ האָט אין זיי
געשפּילט און אלץ האָט אין זיי געזונגען, גע־
גראמטע בראָכעס און זינגענדיקע ווינטשעוואַ־
ניעס פאר יעדן איינעם און פאר אלע צוזאמען
האָט געסטײַעט ביזן העלן טאָג ארײַן.

און קלאָר, אז אויך אף די כאסענעס, בריסן
און פארשיידענע אנדערע סימכעס האָט די טע־
מע פון דער טאָגטעגלעכער ווירקלעכקײַט פאר־
נומען אין זייער רעפּערטואר א באדײַטנדיק
אָרט. און דאָ וועט זײַן טשיקאווע צו דערציילן
וועגן א מײַסע־נוירע, וואָס איז זיך פארלאָפן
אין אָדעס, און וויאזוי די געשעעניש איז אופּ־
געכאפּט געוואָרן דורך דעם ווײַנקעלער־זינגער
מוישע קיציס, וואָס האָט גלײַך אָנגעשריבן וועגן
דעם א פּיעסע, וועלכע האָט געהייסן „אוורע־
מעלע פּריוואָזניק”. דער אנטרעפּרעניאָר דאָוויד
סאבסײַ האָט אָפּגעקויפט די פּיעסע בא קיציסן
פאר 500 רובל, און זי איז געשטעלט געוואָרן
מיט גרויס דערפאָלג אינעם באָלגאראָוו־טעאַ־
טער. דער פּראָטאָטיפּ פון אווּרעמעלע פּריוואָז־
ניק איז געווען א כאָשעווער אָדעסער שטאָט־
באלעבאָס, איינער פון די רײַכסטע פרוכט־
הענדלער. האָט ער, אָט דער רײַכער פרוכט־

הענדלער, אַף די עלטערע יאָרן זיך פֿאַרליבט אין אַן אָרעם, יונג, שיין מיידל. אַף דער מיאַסאָיעדאָווסקער גאַס, ערגעץ אין אַ זײַטיקן פֿאַרוואָרפֿענעם הויף, האָט ער פֿאַר זײַן געליבטער געדונגען אַ דירע.

פֿאַר דער מאָלדאַוואַנקע זײַנען אָבער ניט געווען קיין סודים, ביפֿראַט נאָך, אַז דער פֿאַרעלטערטער ליובאָווניק, אַ פֿאַרשיקערטער פֿון זײַן ליבע־גליק, האָט מיט דער צײַט אופֿגעהערט שפּילן אין געהיימניסן. פֿון דער מאָלדאַוואַנקע האָט זיך די ידיעה וועגן דער אויסטערלישער ליבע איבערגעטראָגן אַפֿן פּריוואָז און פֿונעם פּריוואָז גלײַך אַהיים, צו דעם ווײַב און צו די קינדער. די פּרוי פֿונעם רײַכן פּרוכטהענדלער האָט עס זייער שווער איבערגעלעבט.

דער עלטערער זון איז געקומען צום טאַטנס געליבטער, איר פֿאָרגעלייגט געלט, אַז זי זאָל גלײַך אַוועקפֿאָרן קיין אַמעריקע אָדער ערגעץ אין אַ שטאָט ווײַט פֿון אָדעס, און ער גיט איר אַ וואָך צײַט אַף זיך צו באַטראַכטן און אַף זיך צוגרייטן אין וועג, און אויב זי וועט ניט אָננעמען דעם פֿאָרשלאָג, וועט פֿאַר איר ערגער זײַן. דער פֿאַרליבטער איבער די אויערן האָט באַרויִקט זײַן געליבטע און איר צוגעזאָגט, אַז קיין שום בייז וועט מיט איר ניט געשען. ער וועט אָפּשלאָגן די לונג און צעברעכן די ביינער זײַן ניט־סטאַטעטשנעם זון, וואָס ווייסט ניט פֿון קיבעד־אָוו און פֿאַרגינט ניט דעם אייגענעם טאַטן דאָס גליק, וואָס ס'האָט אים געטראָפֿן.

די געליבטע האָט זיך געלאָזט אײַנרעדן, און ווען דער צוואַנציקיאָריקער זון איז געקומען צו איר זיך דערוויסן וועגן איר באַשלוס, האָט זי געמאָלדן, אַז זי וועט זיך ניט רירן פֿונעם אָרט. אַן אופֿגערעגטער און דערצאָרנטער, האָט דער באָכער אַרויסגעכאַפּט דעם צוגעגרייטן רעוואָלווער, זי דערשאָסן און גלײַך אַליין אַוועק אין דער פּאָליציי און געמאָלדן וועגן דעם. אָדעס האָט גערוישט, דער אינטריגאַנטישער ראָמאַן, וואָס איז זיך פֿאַרלאָפֿן אין דער דאָרעמדיקער שטאָט, האָט געווירקט מער ווי אַ ראָמאַן, וואָס ווערט באַשריבן אין די ביכער. דער אין אָדעס זיך פֿאַרלאָפֿענער ראָמאַן איז באַהאַנדלט געוואָרן פֿון אַלע אָדעסער אײַנוווינער, פֿון ייִדן און ניט־ייִדן, מע האָט וועגן אים גערעדט אַף די גאַסן, אין די קלובן, אין יעדער שטוב. אַלע, ווי איינער, האָבן פֿאַרורטיילט דעם אַלטן באַלטײַוועניק, מיטגעפֿילט זײַן פּרוי און באַטראַכט זײַן עלטערן זון מאַמעש ווי אַ העלד. אַלע, ווי איינער, האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אַף דער ווײַטערדיקער סוזשעטישער פֿאַנאַנדערוויקלונג פֿון דעם ראָמאַן. לאַנג וואַרטן איז ניט אויסגעקומען.

אין אַ כּודעש אַרום איז פֿאָרגעקומען דער פּראָצעס, וואָס האָט געדויערט פֿיר־פֿינף טעג. טויזנטער מענטשן האָבן אַרומגערינגלט די געריכט־געבײַדע און פֿאַרפֿילט די נאָענטסטע גאַסן אַרום. דער פּראָקוראָר, וואָס האָט געפֿאָדערט אַ האַרבע שטראָף פֿאַרן ווידערשפּעניקן זון, איז גלײַך פֿאַררעכנט געוואָרן צו די נעגאַטיווע געשטאַלטן פֿון דעם געשעענעם ראָמאַן, און דער פֿאַרטיידיקער, דער באַוווּסטער אַדוואָקאַט גראָספעלד, איז נאָך קיינמאָל אַזוי ניט באַליבט געווען בײַ די ייִדישע אײַנוווינער, ווי נאָך זײַן פֿאַרטיידיקונגס־רעדע, אין וועלכער ער האָט דערוויזן, אַז דער מערדער איז קיין מערדער ניט, נאָר אַ געטרײַער ווירדיקער זון. דער שאָס זײַנער איז געקומען פֿון גרויסער אופֿרעגונג און אופֿגעבראַכטקייט, פֿון שטאַרקער ליבע צו דער מוטער און פֿון טיפֿסטער פֿאַראַכטונג צום מאָראַליש־געפֿאַלענעם פֿאָטער.

דער ריכטער מיט די געשווירענע בײַזיצער האָבן זיך געשטעלט אַף דער זײַט פֿונעם פֿאַרטיידיקער און באַפֿרײַט דעם געטרײַען ווירדיקן זון. דעם באַפֿרײַטן האָבן באַגעגנט מיט בלומען און אַפּלאָדיסמענטן ניט בלויז די מאָלדאַוואַנקער און פּריוואָזניקעס, נאָר אַלע אײַנוווינער פֿון שטאָט. ער איז דורכגעגאַן אַלע גאַסן פֿון געריכט־הויז ביז צו זיך אַהיים — ווי אַ זיגער, וואָס האָט מענאַצייעך געווען דעם סוינע און געראַטעוועט די שטאָט פֿון געפֿאַר. דער עפּילאָג פֿונעם ראָמאַן איז ווידער באַוויזן געוואָרן אַף דער פּרעמיערע פֿונעם ספּעקטאַקל „אוורעמעלע פּריוואָזניק”. די ראָל פֿון אוורעמעלע פּריוואָזניק האָט געשפּילט דער אַרטיסט קאַלינסקי, די ראָל פֿון דער מוטער — די אַרטיסטן מאָגילנער.

דער דערפֿאָלג איז געווען אַן אומגעהערט גרויסער. אַלע צושויער האָבן געוווּסט, וועגן וואָס עס גייט דאָ די רייד, און יעדן האָט זיך געוואָלט זען, וויִאַזוי די אַרטיסטן וועלן עס פֿאָרשטעלן, וויִאַזוי זיי וועלן דערציילן וועגן דעם. אַף דער פּרעמיערע איז אויך בײַגעווען דער העלד פֿון טאָג. ווען דער ספּעקטאַקל האָט זיך געענדיקט, האָט מען אַף דער בינע ניט אופֿגעהערט אַרויסרופֿן אים, דעם העלד, און דעם אַקטיאָר, וואָס האָט געשפּילט די ראָל, האָט מען פֿאַרוואָרפֿן מיט בלומען.

ווען אַ שיף גייט אָפּ פֿון ברעג און דערווײַטערט זיך עטוואָס, דערזעט מען פֿאַר זיך בוילעטער די שטאָט אין איר גאַנצער גרייס, מיט אַלע אירע שיינקייטן. איך האָב עס שטענדיק געפֿילט, ווען דאָס לעבן האָט מיך דערווײַטערט פֿון אָדעס. וואָס ווײַטער, אַלץ נענטער און שענער האָט מײַן געבורט־שטאָט געגומען אויסזען אין מײַנע אויגן. ווי קאָן מען פֿאַרגעסן דעם שוואַרצן יאַם? ביז איצט רוען טיף אין מײַן האַרצן זײַנע שווײַגנדיקע שטילקײַטן, זײַנע באַנאַכטיקע זילבערנע סטעזשקעס און וועגן.

ביז איצט רוישן אין מײַנע אויערן זײַנע צעבייזערטע כוואליעס, וואָס זײַנען גרייט די וועלט פארפלייצן.

בא מענדעלען, דעם זיידן פון דער ייִדישער ליטעראטור, האָט דער שווארצער יאם געהייסן „דאָס טינטערל”. אהער, צום קישעפדיקן „טינטערל”, האָט ער ליב געהאט אראָפקומען מיט זײַנע באליבטע אייניקלעך — שאָלעם־אלייכעמען און ביאליקן. דאָ באם יאם האָט זיך טיפער געאָטעמט, כאָכמעדיקער זיך געכאָכמעט און הילכיקער זיך געלאכט.

ווען שאָלעם־אלייכעם איז אָפגעפאָרן קיין אמעריקע, האָט ביאליק באם געזעגענען זיך גערופן אים זיך גלײַך אומקערן קיין אָדעס — ניטאָ נאָך אזא גוטע שטאָט ווי אָדעס: „קיין אָדעס, קיין אָדעס, קיין אָדעס, שאָלעם־אלייכעם!..”

וועגן מענדעלען, שאָלעם־אלייכעמען און ביאליקן האָט מען אין אָדעס גערעדט, אז ווען זיי וואָלטן ניט געוואָרן קיין שרײַבער, וואָלטן זיי געוויס געוואָרן אקטיאָרן. מע האָט זיך ניט געקאָנט אָנדערציילן די כידושים, וויִאזוי שאָלעם־אלייכעם פארשטעלט זיך פאר מענדעלען, מאכט נאָך זײַן הוסט און דעם גאנג פון זײַנע טריט, און ווי דער אלטער מענדעלע ווערט מעגולגל אין א יונגן און מאכט נאָך מיט אלע פישטשעווקעס שאָלעם־אלייכעמען. ביאליק איז ניט אָפגעשטאנען אין נאָכמאכן, קאָפירן. און אויסער דעם, האָט ער נאָך געשעמט פאר א „באָרעץ”. ער האָט געהאט א באזונדערע לײַדנשאפט צו דערווײַזן, אז א שטארקער גײַסט געפינט זיך אין א שטארקן גוף. אויסער דעם אלעמען, איז דער זיידע מיט זײַנע אייניקלעך געווען שטארק פארליבט אין ייִדישן טעאטער. דער עמעסער יאָמטעוו און דער עמעסער טעאטער פלעגט זיך שטענדיק אָנהייבן, ווען זיי פלעגן קומען אף א פרעמיערע אָדער אף א גענעראלער רעפעטיציע. ווי נאָר מע פלעגט דערפילן זייער אָנוועזנהײַט, האָט זיך גאָר אנדערש געשפילט, אנדערש געזונגען און אנדערש געטאנצט. ווײַל, אינדערעמעסן, וואָס פאר א העכערע באלוינונג האָט געקאָנט זײַן איידער א גוט וואָרט, א באגײַסטיקונג פונעם זיידן מיט זײַנע אייניקלעך. אין זײַן באגריסונג צום צוזאמענפאָר פון ייִדישע ארטיסטן אין רוסלאנד, וואָס איז אָפגעהאלטן געוואָרן אין קיִעוו אין אווגוסט 1917, האָט מענדעלע מיט טיפער ליבע און מיט טיפן ווייטעק גערעדט וועגן די שווערע וועגן, וואָס דער ייִדישער טעאטער האָט דורכגעמאכט: „אָך, א פינצטערע, א ביטערע, א וויסטע קינדהײַט האָבן זיי נעבעך געהאט. קיין ראכמאָנעס, קיין הילף פון קיינעם ניט, נאָר ביזיוינעס פון איטלעכן, קיין גוט וואָרט האָבן זיי פון קיינעם ניט, אכוץ געשפעט מיט רישעס. פארוואָס ניט אזוי, פארוואָס ניט דאָס, פארוואָס ניט יענץ, פארוואָס ניט ווי בא לײַטישע קינדער. און אָך און וויי איז נעבעך געווען די קינדער און וויי די עלטערן, וואָס האָבן צוגעזען אזעלכע שווערע ליידן”. און דער זיידע איז גליקלעך געווען, וואָס ניט געקוקט אף אזעלכע באדינגונגען, זײַנען אויסגעוואקסן עכטע, טאלאנטפולע ייִדישע אקטיאָרן, מיט וועמען ס'איז ניטאָ וואָס צו שעמען זיך. „פון די קינדער איז באָרעכהאשעם געוואָרן לײַט, דאָס מאזל האָט זיי געשפילט דערהויבן צו ווערן אין דער וועלט”. דער זיידע רופט, מע זאָל זיך ניט אָפשטעלן, ניט באנוגענען זיך מיטן דערגרייכטן, ווײַל בענעגייע קונסט קאָן מען קיינמאָל ניט זאָגן: „איך האָב שוין דערגרייכט, און ווײַטער איז ניטאָ וווּהין צו שטײַגן”.

אָדעס, דער ייִדישער ליטערארישער צענטער, איז אויך געווען איינער פון די באדײַטנדיקסטע ייִדישע טעאטער־צענטרען, און דאָס האָט מיטגעווירקט דעם זיידנס אינטערעס צום ייִדישן טעאטער, צום ייִדישן אקטיאָר. אָדעס האָט זיך ניט באנוגנט מיט איין ייִדישן טעאטער. אין 1909 יאָר האָבן דאָרט געשפילט פיר טעאטער־טרופעס (די טרופע פון סאבסײַ און לאגער אינעם נײַעם טעאטער אף דער ייִדישער גאס, אווראָם פישזאָנס טרופע אין באָלגאראָוו־טעאטער, פערעץ הירשביינס טרופע אין זאל „גארמאָניִא” — אָווטשיניקאָווסקי פערעולאָק — און איליא קאָריקס טרופע אין „טעאטער נאָוואָסטיי” אף דער פראָכאָראָווסקע־גאס).

אין צושויער איז ניט געווען קיין מאנגל, אלע פיר טעאטער־טרופעס האָבן געשפילט בא איבערגעפולטע זאלן. דער רעפערטואר און די זשאנרען זײַנען געווען פארשיידענע, אזוי אז דער זעלבער צושויער איז געגאנגען קוקן אלע פיר טרופעס. יעדן האָט זיך געוואָלט פארגלײַכן, זאָגן מעווינעס און אויסדריקן די ווונטשן, וואָס ער פארלאנגט פון יעדן טעאטער באזונדער. דאָוויד סאבסײַ און ארן לאגער האָבן גענומען דעם אוילעם מיט שאָרס אָפערעטע „א מענטש זאָל מען זײַן”. זיי האָבן פארכאפט דאָס הארץ מיט „דאָס ייִדישע הארץ”, אזוי אויך מיט די מעלאָדראמעס „דער פארלוירענער גאניידן” פון באָריס טאָמאשעווסקי און „דער בלינדער מוזיקאנט” פון זאָלאָטארעווסקי.

אווראָם פישזאָנס טרופע האָט אימפאָנירט דעם צושויער פריִער פון אלץ מיט דעם, וואָס דאָס איז געווען א פאמיליען־טרופע — עס האָבן געשפילט בראגינסקאיא, אווראָם פישזאָנס פרוי, זײַן זון מישע מיט דער פרוי זאסלאווסקאיא און פישזאָנס טאָכטער מאניע ארקאָ מיט איר מאן ארקאָ. פון „פרעמדע” ארטיסטן זײַנען געווען דער ארטיסט קושטשינסקי מיט זײַן פרוי, דער ארטיסט אָרנשטיין און אנד. דער רעפער־



א סצענע פונעם ספעקטאקל „מירעלע עפראָס". דער דריטער פון רעכטס — בינימין שוואַרצער (**אין דער ראָל שאַלמען**).

טואַר פון אוורהם פישזאָנס טרופּע איז באַשטאַנען דעריקער פון פאָלגנדע פּיעסן: „די ייִדישע נעשאָמע", „דאָס פּינטעלע ייִד" פון באָריס טאָמאַשעווסקי, „די קישעפמאַכערן" און „שולאַמיס" פון אוורהם גאָלדפאַדען, שאָלעם אַשס „גאָט פון נעקאָמע", גורוויטשעס מעלאָדראַמע „די פאַרשטויסענע".

איליא קאָריק האָט מיט זײַן טרופּע געהאַט א פאַרשיידנאַרטיקן רעפּערטואַר: לאַטײַנערס „דער יעשיוועבאָכער", אייגענע מעלאָדראַמעס „לייבל אויקער" און „בראָדיאַגא".

אין די אַלע אויבנדערמאָנטע טרופּעס זײַנען געווען באַגאַבטע אַקטיאָרן, וואָס האָבן געמאַכט א רושעם ניט בלויז אויפן צושויער, נאָר אויך אויף מיר — דעם אַקטיאָר. ביז איצט זאָגט מיר יעדער נאָמען פון זיי עפּעס אַנדערש, דאָס, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש בלויז פאַר אים און ניט פאַר קיין אַנדערן. עס זײַנען פאַרבליבן אין מײַן זיקאָרן א סך עמאָציאָנעלע, ווירקנדע און אויסדריקלעכע מאָנאָלאָגן, דיאַלאָגן, מיזאַנסצענעס, זשעסטן, באַוועגונגען, טענץ.

א באַזונדערס אומפאַרגעסלעכן אײַנדרוק האָט אויף מיר געמאַכט דער אַרטיסט מישע פישזאָן. א הויכער, ברייטפּלייציקער, שיינער, די נאַטור האָט אים באַשאָנקען מיט אַלץ, וואָס עס איז נייטיק פאַר אַן אויספירער פון העלדישע און ליבע־ראָלן. מישע פישזאָן האָט זיך אָבער מיט אָט דעם אַמפּלואַ ניט באַנוגנט, ער האָט זיך אויסגעצייכנט אויך אַלס כאַראַקטער־אַקטיאָר.

אין שאָלעם אַשס פּיעסע „גאָט פון נעקאָמע" און אין גורוויטשעס „די פאַרשטויסענע" האָט ער געשפּילט צוויי געשטאַלטן פון סוטעניאָרן. אָבער ווי אַנדערש און פאַרשיידנאַרטיק זיי זײַנען געווען! אין שאָלעם אַשס פּיעסע האָט ער אין דער ראָל פון שלוימקען אַנטפּלעקט א קאַלטבלוטיקן סאַדיסט, א רעצייעך, וואָס טוט אויף די סאַמע נידערטרעכטיקע זאַך מיט אַזא לײַכטקײַט, ווי זאָגן א גוט־מאָרגן. קאָרטנשפּיל פאָדערט א סך געלט, און דעריבער צווינגט ער אויפן סאַמע ברוטאַלן אויפן זײַן קאָרבן אויפצונעמען וואָס מער „געסט". דעם צווייטן סוטעניאָר הערשקע פּײַפער אין דער פּיעסע „די פאַרשטויסענע" האָט מישע פישזאָן באַוויזן ווי אַזא, וואָס האָט בא זײַן גאַנצער געפאַלנקײַט ניט פאַרלוירן דאָס מענטשלעכע. הערשקע פּײַפערן טוט וויי, און ער האָט ראַכמאָנעס אויף זײַן קאָרבן, ווײַל ער אַליין איז אויך א קאָרבן פון דער זעלבער געזעלשאַפט, פון דער זעלבער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. די אַנדערשקײַט פון די צוויי געשטאַלטן האָט מישע פישזאָן אויסגעפונען דורך צענדליקער פּסיכאָלאָגישע דעטאַלן.

פישזאָן האָט געפּרוּווט זײַנע קויכעס אויך אין דער קאָמעדיע, ווו ער האָט איבעראַשט מיט זײַן פאַרביקער ווירטואָזישקײַט, לײַכטער באַוועגלעכקײַט, קלוגער און טרעפלעכער האַמצאָעדיקײַט, היסלײַוועסדיק אופּברויזנדיקער פרייד.

מיר איז אויסגעקומען צו שפּילן אינאיינעם מיט מישע פישזאָנען אין גאָרדינס פּיעסע „גאָט, מענטש און טײַוול". פישזאָן האָט אויסגעפילט די ראָל פון כאַצקל דראַכמע, איך — פון הערשעלע דובראָוונער. פישזאָן האָט זײַן כאַצקל דראַכמע־געשטאַלט געשפּילט וואָרהאַפּטיק, רעאַליסטיש, אָן די מינדסטע שפּורן פון נאַטוראַליזם. ער האָט אַרײַנגעהויכט אין דעם געשטאַלט אַ סאַך לירישע וואַרעמקײַט. באַזונדערס איז עס געווען צו פילן אין די צווישנבאַציִונגען צווישן אים און זײַן פרײַנט הערשעלע דובראָוונער. כאַצקל האָט ניט אופגעהערט צו וועקן אין זײַן פרײַנט הערשעלע דעם ניכטערן רעאַליסטישן צוגאַנג צום לעבן, ער זאָל ווייניקער פליִען אינדערלופטן, זיך ניט פאַרלאָזן אַף גאָט און אַפן באַלעבאָס און מערער גלייבן אין די אייגענע קויכעס.

אַ שטאַרקע האַשפּאָע האָט אַף מיר געהאַט דער גרויסער אַקטיאָר יאַקאָוו ליבערט. אַיך האָב געוווּסט וועגן ליבערטס צוזאַמענאַרבעט מיט עסטער־ראָכל קאַמינסקע. ליבערט האָט דורכגעמאַכט אַן אינטערעסאַנטן לעבנס־וועג. צום אונטערשייד פון דאָסראָוו יִדישע אַקטיאָרן, וואָס האָבן געשטאַמט פונעם קליינעם שטעטל, איז ער געווען אַ מענטש פון דער גרויסער שטאָט. געבוירן געוואָרן אין 1874 אין וואַרשע, ווו ער האָט פאַרבראַכט אַ גאַנצע ריי יאָרן, זײַענדיק נאָענט פאַרבונדן מיט דער אַרבעטער־סוויווע. אַ צײַט לאַנג איז ליבערט געווען אַן אַרבעטער (אַ זעצער אין טיפּאָגראַפיע), אָבער אין דער זעלבער צײַט האָט ער שוין געמאַכט זײַנע ערשטע טריט אויך אַלס אַקטיאָר. אין די יאָרן 1885 — 1886 שפּילט אין וואַרשע אַוראָם גאָלדפאַדענס טרופּע. גאָלדפאַדען האָט, ווי שטענדיק, צוגעצויגן די בעסטע קויכעס, וואָס עס האָט פאַרמאָגט די דעמלטיקע אַקטיאָרשאַפט. און אין דער דאָזיקער סוויווע האָט דער יונגער יאַקאָוו ליבערט באַקומען די ערשטע באַגריפן וועגן דער בינע.

יאַקאָוו ליבערט דערציילט אַליין אין זײַן אויטאָביִאָגראַפיע: „איך בין אַלט געווען דאָס עלפטע יאָר, און איך האָב צום ערשטן מאָל די ברעטער פון דער סצענע באַטראָטן. גאָלדפאַדען האָט מיך דערנעענטערט צו זיך און מיר באַלד פאַרטרויט קליינע ראָלן (לויט מײַן עלטער און וווּקס). אַלץ, וואָס איך האָב געזען און געהערט, האָב איך באַטראַכט פאַר הייליק, ווײַל קיין בעסערס און שענערס, ווי זײַן אַן אַקטיאָר, איז אַף דער וועלט ניט פאַראַן. אָבער אין 1887 האָט מען פאַרבאָטן שפּילן יִדיש טעאַטער אין וואַרשע. גאָלדפאַדען איז אוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. פאַר מיר איז דאָס געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ. איך האָב זיך געפילט

יאַקאָוו ליבערט

ווי אַ יאָסעם, מיר האָט שוין געפעלט עפּעס אין לעבן".

גראָד דעמלט קריגט ליבערט אַ צוטריט צו דער פּוילישער בינע. ער דערציילט, אַז ערשט דאָרט האָט ער „די אויגן געעפנט". „מיך האָט אָנגעהויבן צוריקציִען צו דער בינע און צו שפּילן טעאַטער טאַקע נאָר ווי בײַ זיי, אָבער אַף מײַן מוטער־שפּראַך".

אין סאָף פון די 80־ער יאָרן קומט אַראָפּ קיין וואַרשע אַ דײַטשישער אַקטיאָר יוליִאַן אָסקאַר, און אונטער זײַן אָנפירונג הייבט אָן ליבערט אין 1892 אופטרעטן אינאיינעם מיט אַ גרופּע יונגע יִדישע אַקטיאָרן אין טעאַטער „עלדאָראַדאָ". ליבערט שרײַבט: „דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פון מײַן אַרטיסטישער קאַריערע, און גלײַך באַם אָנפאַנג האָט מען מיר פאַרמאַכט דאָס מויל און מיר געשטערט אַנטוויקלען מײַנע פייִקײַטן. מע האָט מיך געצוווּנגען קריכן אין אַ פרעמדן קייווער, דאָס הייסט שפּילן אַף דײַטש". צווישן די אַקטיאָרן, וואָס האָבן געשפּילט אין „עלדאָראַדאָ", איז געווען אויך עסטער־ראָכל קאַמינסקע. אָבער וועגן שעפּערישער צוזאַמענאַרבעט האָט דאָרט ניט געקאָנט זײַן קיין רייד, ווײַל דאָס איז געווען אַ יִדיש־דײַטשישער טעאַטער, וועלכער איז אָפיציִעל פאַרבאָטן געוואָרן. אַזוי האָט זיך געצויגן ביזן 1900 יאָר.

דאָ און דאָרט פלעגט פּאַסירן, אַז בײַס זייערע אַקטיאָרישע וואָגלענישן פלעגט יאַקאָוו ליבערט און עסטער־ראָכל קאַמינסקע זיך צוזאַמענטרעפן אין באַשטאַנד פון אַ טרופּע. זיי פלעגן אַ צײַט

לאנג אופטרעטן צוזאמען, מע פלעגט אפילע באמערקן, אז, אופטרעטנדיק צוזאמען, האָבן זיי א גרעסערן דערפאָלג באם צושויער איידער אנדערע אקטיאָרן, אָבער אײַנזען די דאָזיקע נאָענטע שײַכעס, וואָס איז פאראן צווישן ליבערטן און עסטער־ראָכל קאמינסקע, האָט זיך דעמלט נאָך ניט געלאָזט. יאקאָוו ליבערט האָט אין יענע יאָרן געהאט א רעפוטאציע פון אן אקטיאָר, וועמען ס'איז טײַער זײַן זעלבשטענדיקײַט. ער האָט זיך באמיט פארהיטן זײַן זעלבשטענדיקײַט, ווען ער איז געוואָרן א מיטגליד אין אווראָם פישזאָנס טרופע און, פארשטייט זיך, אז ער איז געווען פארשקלאפט בא דעם אלטן פישזאָנען. וועלכע אָנשטרענגונגען דער יונגער ליבערט האָט ניט געמאכט, קעדיי זיך ארויסרײַסן פון פישזאָנס הענט, האָט עס אים ניט געהאָלפן. די רעצענזענטן פלעגן אָפט שרײַבן: „הער ליבערט איז זייער א פאָרטרעפלעכער קינסטלער, ווען ער שפילט זײַנע ראָלן! אָבער וועלכע ראָלן זײַנען זײַנע, האָט אים קיינער ניט געזאָגט”. אייניקע רעצענזענטן און זײַנע פרײַנט צווישן די אקטיאָרן פלעגן זאָגן, אז יאקאָוו ליבערט איז אן אקטיאָר מיט גרויסע האסאָגעס. און אזוי איז עס טאקע געווען, ווײַל ער איז דערצויגן געוואָרן אף די מוסטערן פון ערנסטע גרויסשטאָטישע טעאטערן (פוילישע און ייִדישע).

א רײַך־באשאָנקענער פון דער נאטור, האָט ער פארמאָגט א שטארקן טעמפעראמענט און אן אויסגעצייכנטע שטים, אויך אן אימפּאָזאנטע פיגור. ער האָט געבענקט נאָך אקטיאָרישער טעטיקײַט פון א גרויסן מאסשטאב. נאָר ער האָט אין דעם דײַטש־ייִדישן פארבאָטענעם טעאטער, ווו מע האָט געשפילט פון צײַט צו צײַט, ניט געקאָנט דאָס באווײַזן. און אפילע אין דעם שונד־רעפערטואר, וואָס איז דאן גענגען, ווי, לעמאָשל, אין לאטײַנערס פיעסע „דאָווידס פידעלע”, האָט ליבערט געפרווט אפצולאָכעס לאטײַנערן שאפן אן עכט־דראמאטישע פיגור, און אין אייניקע סצענעס איז אים געלונגען צו מאכן א שטארקן אײַנדרוק אפן צושויער. אזוי איז אויך געווען, ווען ליבערט האָט געשפילט א באלעגאָלע אין ריכטערס פיעסע „הערצעלע מעיוכעס”. און ס'האָבן זיך דערהערט נײַע טענער. די רעצענזענטן האָבן געשריבן, אז יאקאָוו ליבערט שפילט א לעבעדיקן מענטשן, וואָס לאָזט זיך ברעכן, אָבער ניט בייגן. ער האָט געשילדערט, ווי דאָס באליידיקטע מענטשעלע ווײַזט זיך ארויס אין א שארפן פראָטעסט קעגן דעם גוויר הערצעלע מעיוכעס. שפעטער האָט זיך ליבערט ווידער אנטפלעקט ווי אן אקטיאָר מיט גרויסע האסאָגעס. ער האָט געשפילט סאטינען אין גאָרקיס פיעסע „אפן לעצטן שטאפל” („נא דניע”). אין זײַן אינטערפרעטאציע איז סאטין געוויזן געוואָרן אויך ווי איינער, וואָס לאָזט זיך ברעכן, אָבער ניט בייגן. די דאָזיקע אײַנגעשפארטקײַט פון דעם לײַדנדיקן סאטינען האָט ליבערט באוויזן מיט גרויס באגײַסטערונג. אין דעם מאָמענט איז געקומען ליבערטן צוהילף די צוזאמענארבעט מיט עסטער־ראָכל קאמינסקע.

די ווירקונג פון עסטער־ראָכל קאמינסקע האָט זיך אָנגעהויבן נאָך שטארקער באווײַזן, ווען זיי האָבן צוזאמען געשפילט אין דאָוויד פינסקיס „די מוטער”. וועגן ליבערטס שפיל אין דער דאָזיקער פיעסע האָט מען געשריבן, אז דאָ איז צו פילן אן אײַנגעשטילטער נעשאָמע־ווייי, צוריקגעהאלטענע נעשאָמע־פּײַן. נאָך בוילעטער איז אנטפלעקט געוואָרן זײַן סטיל אין דער פאָרשטעלונג „כאסיע די יעסוימע” פון גאָרדינען. געשפילט האָט ליבערט א נעגאטיוו געשטאלט — דעם גוויר טראכטענבערג. דאָ האָט ער זיך פארטראכט אף דער סאָציאַלער פיגור פונעם קאָמערטשעסקע מענטשן, וואָס טראָגט אפן לאץ א מעדאל. ער האָט אים געשפילט מיט גרויס טאקט, אָן שארזש, אָן אויסערלעכע עפעקטן. א וויכטיק אָרט האָט פארנומען בא ליבערטן די איראָניע. נאָך דעם ספּעקטאקל האָבן אלע רעצענזענטן אין איין קאָל געשריגן, אז איראָניע איז דער גרונט־שטריך פון זײַן אקטיאָרישער שפיל.

ליבערט האָט זײַן עכטע קינסטלערישע באגאבונג ארויסגעוויזן אין „יאנקל דער שמיד” פון דאָוויד פינסקי. אין איינער א צײַטונג האָט מען געשריבן: „די טאלאנטפולע, בוילעטע און איבערצײַגעוודיקע שפיל פונעם הער ליבערט האָט באוויזן, אז ער איז די ערשטראנגיקע קראפט פון דער ליטערארישער טרופע. אזא שפיל האָט מען געזען בלויז בא עסטער־ראָכל קאמינסקע. הער ליבערט שפילט די ראָל פון יאנקל דעם שמיד קלוג, באגײַסטערט, מיט א סאך טעמפעראמענט”. ליבערט האָט דערזען ניט בלויז די סטיכישע קראפט, וואָס איז פאראן אין דעם פאָלקס־מענטש, נאָר אויך דעם געזונטן ווילן, וואָס קאָן צוימען די סטיכישע קראפט.

יאקאָוו ליבערט האָט געהערט צו די אקטיאָרן, וואָס האָבן ניט געוווסט פון קיין פוסט וואָרט, פון קיין ניט נייטיקן זשעסט. אלץ האָט בא אים געדינט אף אופדעקן די אינערלעכע וועלט פונעם געשטאלט, אף אויסצוגעפינען א בארעכטיקונג פון דער האנדלונג.

אין נומ. 5 „סאָוועטיש היימלאנד” פארן 1972 האָב איך שוין עטוואָס דערציילט וועגן דער גרויסער ראָל פון פערעץ הירשביינס טעאטער אין מײַן אקטיאָרישער ביאָגראפיע און אין דער געשיכטע פונעם ייִדישן טעאטער ביכלאל. נעמענדיק אין אכט די באזונדערע וויכטיקײַט פון

דעם, וועל איך דאָ פרוּוון צוגעבן א ריי מאָמענטן.

וואָס האָט געבראכט פערעץ הירשביינען קיין אָדעס? געבראכט האָט אים זײַן פיעסע „אף יענער זײַט טײַך", וואָס איז געשטעלט געוואָרן אף דער בינע פונעם אָדעסער רוסישן טעאטער. אגעוו, איז די פיעסע אויך געגאנגען אף דער בינע פון דעם מאָסקווער קינסטלערישן אקאדעמישן טעאטער „מכאט" אונטער דער אָנפירונג פון סטאניסלאווסקי און נעמיראָוויטש־דאנטשענקאָ.

פערעץ הירשביין האָט זיך שוין צו יענער צײַט אויסגעצייכנט אלס טאלאנטירטער דראמאטורג, וואָס האָט ארײַנגעבראכט אין דער ייִדישער דראמאטורגיע א סאך מאָטיוון און געשטאלטן. דאָס רעאליסטישע אין זײַן שאפן האָט מיט דער צײַט גויווער געוועזן דעם סימבאָליזם און אימפרעסיאָניזם, וועלכע האָבן געדריקט און געשטערט אופדעקן אין דער פולער מאָס די ווירקלעכקײַט אזא, ווי זי איז געוועזן. באזונדערס האָט זיך עס געפילט אין זײַן פיעסע „ווּ דאָס לעבן פארגייט". באפרײַענדיק זיך פון די פרעמד אָנגעהויכטע סימבאָליסטישע און אימפרעסיאָניסטישע עלעמענטן, דערגרייכט ער אין זײַן ווײַטערדיקן שאפן, אין די פיעסן „אין א פארוואָרפן ווינקל", „די פוסטע קרעטשמע", „גרינע פעלדער" א גאָר הויכן ניוואָ. דער ייִדישער ייִשוּווניק, וואָס האָט ביז פערעץ הירשביינען געדינט אלס אָביעקט פון כויזעק איבער זײַן פארגרעבטקײַט און אָפגעשטאנענקײַט, ווערט באוויזן אין הירשביינס פיעסן ווי א קערנדיקער ערד־מענטש, וואָס האָט ליב דאָס לעבן, די נאטור, די מענטשן, דעם גאנצן ארום.

פערעץ הירשביינען איז באשערט געוועזן, אז מיט זײַן קומען אין אָדעס אף דער פרעמיערע פון דער פיעסע „אף יענער זײַט טײַך" זאָל זיך אָנהייבן א נײַ בלעטל אין זײַן לעבן און שאפונג. א גרופע שרײַבער, קינסטלער און סטודענטן פון דער רוסישער דראמאטישער הויכשול, בעראָש מיטן סטודענט ווײַסבלאט־וועריטע (דירעקטאָר פון דער דראמאטישער הויכשול איז געוועזן די באוווּסטע רוסישע אקטריסע מאָרסקאיא), האָבן פאָרגעלייגט פערעץ הירשביינען, ער זאָל אָפקלײַבן פון די מער טאלאנטפולע סטודענטן און יונגע אקטיאָרן, וועלכע געפינען זיך אין אָדעס, א טרופע און אָרגאניזירן א טעאטער, וואָס זאָל שפילן בלויז ליטערארישע פיעסן.

פערעץ הירשביין האָט זיך געלאָזט אײַנרעדן, און אזויארום איז געשאפן געוואָרן די פערעץ הירשביין־טרופע, וואָס האָט גלײַך באקומען דעם נאָמען „קונסט־טעאטער". די ערשטע פיעסע, וואָס דער נײַ־אָרגאניזירטער טעאטער האָט געשטעלט, איז געוועזן די קאָמעדיע פון דעם אָדעסער דראמאטורג פיסארעווסקי „צוויי שאדכאָנים". געשטעלט האָט די קאָמעדיע דער רעזשיסער באָריס הערמאן. די ראָלן פון די שאדכאָנים האָבן געשפילט יאקאָוו בען־אמי און ווײַסבלאט־וועריטע. פיסארעווסקי איז אזוי פארכאפט געוועזן מיט דער שפיל פון דעם יונגן קאָלעקטיוו, אז אָנשטאָט באקומען האָנאָראר, האָט ער נאָך צוגעצאָלט עטלעכע הונדערט רובל, און דאָס האָט געגעבן די מעגלעכקײַט אײַנצײַטיק רעפעטירן עטלעכע פיעסן: „טקיִאסקאף", „די נעוויילע", „יויעל". רעזשיסירט האָט פערעץ הירשביין — דער מעכאבער פון די פיעסן. די ערשטע אפראָבירונג איז פאָרגעקומען אף דער גאסטראָל־רײַזע אין כערסאָן, ניקאָלײַעוו און יעליסאוועטגראד (איצט קיראָוואָגראד).

באגײַסטערט פון דעם דערפאָלג אף דער גאסטראָל־רײַזע, האָט דער קונסט־טעאטער אין יאנוואר 1909 אופגעהויבן זײַן פאָרהאנג אין אָדעס. אין מעשעך פון דרײַ אָוונטן, איינס נאָכן צווייטן, זײַנען באוויזן געוואָרן דרײַ פרעמיערעס: „טקיאסקאף", „די נעוויילע" און „יויעל".

„טקיאסקאף" האָט באקומען א ביז גאָר הויכע אָפשאצונג אין דער אָדעסער פרעסע. די צײַטונג „אָדעסקיִע נאָוואָסטי" האָט געשריבן: „נעכטן, בא אן איבערגעפולטן זאל, דעריקער פון יוגנט, איז מיט גרויס דערפאָלג געשפילט געוואָרן הירשביינס פיעסע „טקיאסקאף". אף מאָרגן, ווען עס איז געוויזן געוואָרן „די נעוויילע", האָט די צײַטונג ווידער געשריבן: „אויך דאָס מאָל האָט די פאָרשטעלונג צוגעצויגן זייער א גרויסן אוילעם. דאָס איז אין גרונט געוועזן א דעמאָקראטישער צושויער, בא וועלכן עס האָט ארויסגערופן א גרויסן אינטערעס דער נײַ־געגרינדעטער „קונסט־טעאטער" מיט זײַן נײַעם ערנסטן רעפערטואר און מיט זײַן נײַעם צוגאנג צו דער טעאטער־קונסט".

דעם פערעץ הירשביין־טעאטער האָט ניט אויסגעמיטן דער גוירל פון אלע ייִדישע טעאטערס אין יענער צײַט — אויך ער האָט באדארפט הייסן „דײַטש־ייִדישער", און דאָס איז נאָך געוועזן ווייניק. עס האָבן זיך א שאָט געטאָן מעסירעס פון אלע זײַטן צום גראדאָנאטשאלניק, אז פערעץ הירשביין איז א דעמאָקראטישער קינסטלער. דער גראדאָנאטשאלניק האָט גלײַך אָפגעגעבן א באפעל, אז מע זאָל אראָפנעמען פון דער אפישע דעם נאָמען פונעם קינסטלערישן אָנפירער. דער נאָמען פערעץ הירשביין איז טרייף און פון הײַנט און אף ווײַטער לוי ייִזאָכער וועלוי ייִפאָקעד.

אין עטלעכע טעג ארום איז געקומען א צווייטער באפעל פונעם גראדאָנאטשאלניק, וואָס

האָט פאַרבאָטן דעם דעמאָקראַטישן קונסט־טעאַטער ביכלאַל שפּילן.

אָדעס האָט אופגערודערט, פון אַלע זײַטן זײַנען געלאָפן מיליץ־יוישערס, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין דערווײַזן דעם גראַדאָנאַטשאַלניק, אַז ער איז פאַר קיין זאַך ניט פאַראַנטוואָרטלעך, ווײַל דער קונסט־טעאַטער שפּילט די פּיעסע לויט די עקזעמפּליאַרן, וואָס זײַנען דערלויבט פון דער פּעטערבורגער צענזור, און אים באַוויזן די צענזורירטע עקזעמפּליאַרן. דאָס וואָרט „פּעטערבורג" און די צענזור האָבן געהאָלפן, דעם גראַדאָנאַטשאַלניק איז אַרײַן אין נאָז, אַז די פּעטערבורגער נאַטשאַלסטווע קאָן אים אויסלאַכן און באַשולדיקן אין אַמעראַצעס, און ער האָט דערלויבט ווײַטער שפּילן.

אין 1909 איז דער פּערעץ הירשביין־טעאַטער אַרויסגעפאָרן אף גאַסטראָלן קיין יעקאַטערינאָסלאַוו (איצט דניעפּראָפּעטראָווסק) און געשפּילט מיט גרויס דערפאָלג אין מעשעך פון זעקס וואָכן. די אַרטיקעל צײַטונגען האָבן שטאַרק געלויבט יעדע פאָרשטעלונג באַזונדער.

אף די פאָרשטעלונגען איז געווען אַ גרויסע צאָל פאָרשטייער פון די אַרבעטער און פון דער שטודירנדיקער יוגנט.

נאָך די גאַסטראָלן האָבן מיר זיך אומגעקערט קיין אָדעס און זיך געגרייט צום נײַעם סעזאָן. מ'האָט רעפּעטירט עטלעכע נײַע פּיעסן, וועלכע הירשביין האָט אײַנגעשלאָסן אין רעפּערטואַר („מיטן שטראָם", „גאָט פון נעקאָמע" און „דער ייִכעס" פון שאָלעם אַש, הײַערמאַנס „געטאָ" און ס. יושקעוויטשעס „אין שטאָט").

פּערעץ הירשביין האָט געזאָרגט ניט בלויז פאַרן פאַסיקן רעפּערטואַר, נאָר אויך פאַר דעם, אַז עס זאָלן זיך באַווײַזן נײַע טאַלאַנטפולע רעזשיסערן. אַזוי, צום בײַשפּיל, האָט די פּיעסן „יעקל דער שמיד", „מיטן שטראָם", „מענטשן" און „געטאָ" געשטעלט דער טאַלאַנטפולער רעזשיסער־אַרטיסט יאַקאָוו בען־אַמי, וועלכער איז שפּעטער אין אַמעריקע אַנערקענט געוואָרן אַלס באַדײַטנדיקער טראַגיקער. די פּיעסן „צעזייט און צעשפּרייט", „דער ייִכעס" און „גאָט פון נעקאָמע" האָט געשטעלט דער אַרטיסט און רעזשיסער וואָלף זילבערבערג.

בײַס די גאַסטראָלן פון פּערעץ הירשביין־טעאַטער אין וואַרשע האָט י.־ל. פּערעץ באַ אַ כאַווריש גלעזל טיי געזאָגט אָט וואָס: „אין אַלע ייִדישע טרופּעס, וועלכע ס'איז מיר אויסגעקומען באַגעגענען, האָב איך קיין יוגנט ניט געזען. מע זעט ניט קיין יונגע קויכעס אין ייִדישן טעאַטער, אָבער דאָ אין הירשביינס טעאַטער איז די מערסטע טייל אַקטיאָרן — יונגע, אינטעליגענטע, טאַלאַנטפולע אַרטיסטן, וועלכע האָבן טעאַטער־בילדונג. אַזוינס איז, צום באַדויערן, באַ אונדז ביז אַהער ניט געווען".

נאָך אַ סאַך שווערע וואַנדערונגען און שטערונגען פון אַלע זײַטן, נאָך אַ סאַך שווערע ניסיוינעס איז דער „קונסט־טעאַטער" צעפאַלן געוואָרן. אָבער זײַער וויכטיק איז דאָס, וואָס אַזאַ טעאַטער איז געווען און וואָס ער האָט באַוויזן אַרײַנשרײַבן זײַן בלעטל אין דער געשיכטע פונעם ייִדישן טעאַטער.

אָט דער ערשטער אָדעסער ייִדישער טעאַטער האָט אין מײַן לעבן אָפּגעשפּילט אַ היפּשע ראָל. ער פירט מיך צו צום שפּעטערישן שווונג, וועלכער איז מיר באַשערט געווען אין די דרײַסיקער יאָרן, אין די יאָרן פונעם פאַנאַנדערבלי פון דער פילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער טעאַטראַלער קונסט.

זיבן יאָר האָט געדויערט מײַן נײַער שעפערישער פּעריאָד אין אָדעס — פונעם 1934 ביז אווגוסט 1941. דאָס זײַנען געווען זיבן זאַטע יאָר, די סאַמע זאַטסטע יאָרן אין מײַן אַקטיאָריש לעבן. שפּילן זיבן יאָר אף איין אָרט — דאָס איז געווען קימאַט ניט גלייבלעך פאַר אַ וואַנדער־אַקטיאָר, דערבײַ נאָך אף אַזאַ פּרוכטבאַרן באָדן, וואָס האָט פאַרזיכערט דעם וווקס און פאַנאַנדערבלי פון דעם גאַנצן קאָלעקטיוו און פון יעדן אַקטיאָר באַזונדער. זיבן יאָר האָט יעדער איינער פון אונדז אינעם פאַרשיידנאַרטיקן רעפּערטואַר פון דער ייִדישער, רוסישער, אוקראַיִנישער און מײַרעוו־אייראָפּעיִשער קלאַסיק און פון דעם סאָוועטישן רעפּערטואַר אַנטפּלעקט זײַנע שעפערישע מעגלעכקײַטן, זײַן שעפערישע אינדיווידואַליטעט.

מיר זײַנען אין אונדזערע שעפערישע זוכונגען געגאַנגען אין דער לענג און אין דער ברייט, און וואָס מער מיר האָבן געזוכט, אַלץ מער האָבן מיר געפונען. ס'איז גענוג צו זאָגן, אַז פאַר די זיבן יאָר אינעם אָדעסער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער האָב איך פאַרזענלעך געשאַפן אַ גאַלערײַ פון פיר און צוואַנציק פאַרשיידענע געשטאַלטן.

דער ערשטער ספּעקטאַקל פון דעם נײַ־פאַרייניקטן טעאַטער אין אָדעס איז געווען ווסעוואָלאָד ווישנעווסקיס פּיעסע „אָפּטימיסטישע טראַגעדיע" (רעזשיסער — וועגגרע, קינסטלער — פאָלקס־אַרטיסט פון פססר רינדין, קאָמפּאָזיטאָר — פּײַנטוך). דעם עקזאַמען האָט דער טעאַטער אויסגעהאַלטן אף אויסגעצייכנט. גלײַך נאָך דער ערשטער פאָרשטעלונג זײַנען געווען אָפּגעדרוקט אין דער אָדעסער פּרעסע דרײַ רעצענזיעס (אף אוקראַיִניש, רוסיש און ייִדיש). אַלע רעצענזענטן האָבן געלויבט די סאָציאַלע אָנגעלאָדנקײַט, די פאַרביקײַט פון דער שפּיל. באַזונדערס האָט מען אויסגעטיילט די פאַר־



א סצענע פון בער אָרשאַנסקיס פּיעסע „בלוט”. דער צווייטער פון רעכטס — בינאָמין שוואַרצער

דינסטפולע אַרטיסטן לייע בוגאָווע, וואָס האָט אויסגעפונען מוטערלעכע און פרויִשע צאַרטקײַט, אויך קעמפערישע דרייסטע מוטיקײַט אין דער ראָל פונעם קאָמיסאַר. אבעלעוו האָט ריכטיק איבערגעגעבן די אַנאַרכיסטישע צעכראַסטעטקײַט, וואָס ווייסט ניט פון קיין צוים, אין דעם פולבלוטיקן געשטאַלט פונעם וואָזשאַק.

מיר איז אויסגעקומען צו שפּילן אין אָט דער פּיעסע דעם אַנאַרכיסט סיפּלי. אין סיפּליס גענגעלע, אין זײַן הייזעריקער שטים, אין זײַן יעדן זשעסט האָב איך זיך באַמיט אופדעקן די מידעס פונעם פאַרביסענעם סוינע פון דער רעוואָליוציע. וואָס מער סינע איך האָב אויסגעדריקט אין דעם סיפּלי־געשטאַלט, אַלץ מער פאַרשטאַנד האָב איך געוווּנען באַם צושויער. דאָס זעלבע האָב איך, דוכט זיך, דערגרייכט אין די אַלע נעגאַטיווע געשטאַלטן, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו שאַפן אין מעשעך פון דעם אָדעסער פּעריִאָד (אין שאָלעם־אַלייכעמס „סענדער בלאַנק” — סענדערן, אין קראָפּיווניצקיס „די שפּין און די פליג” — יאָסיף ביטשאָקן, אין קראָפּיוועס „ווער עס לאַכט דער לעצטער” — דעם פּראָפעסאָר גאָרלאָכוואַטסקין, אין פלאָבערס „מאַדאַם באָוואַרי” — שאַרל באָוואַרי, אין נאָטע לוריעס „עלקע רודנער” — דעם אַגראָנאָם).

סאַטירע — דאָס איז דאָס וויכטיקסטע מיטל, וואָס טריקנט אויס די זומפּן און בלאָטעס און גרייט צו דעם באָדן פאַר אופבלי, וווּקס און גערעטעניש. גערעכט זײַנען געווען די גרויסע סאַטיריקער, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז דאָרט, ווו דער אופרײַסנדיקער געלעכטער לאָזט זיך ניט הערן, איז ניטאָ קיין האָפענונג אף באַנײַונג.

גלײַך נאָך דער ערשטער נעגאַטיווער ראָל איז מיר אויסגעקומען צו שפּילן צוויי פּאָזיטיווע ראָלן: אין שקוואַרקינס קאָמעדיע „דאָס פרעמדע קינד” (סעניטשקע פּערטשאַטקינען) און אין א. ברוטשטיינס פּיעסע „דער קאַמף דויערט” (דעם פּראָפעסאָר ווערדל). אין די צוויי ראָלן האָב איך זיך געשטעלט א ציל צו אַנטפּלעקן די טמימעסדיקע נאַיִווקײַט — פון איין זײַט, און דאָס דענקערישע, פון דער צווייטער.

מיט די דרײַ פאָרשטעלונגען איז דער אָדעסער ייִדישער מעלוכע־טעאַטער אַרויסגעפאָרן אף זומער־גאַסטראָלן קיין וויניצע, פּראָסקוראָוו (איצט — כמעלניצק), בערדיטשעוו און האָמעל. אין וויניצע — דרײַסיק פאָרשטעלונגען, אין בערדיטשעוו — פינף און צוואַנציק, אין פּראָסקוראָוו — צוואַנציק, אין האָמעל — צוואַנציק... איינצײַטיק האָט דער טעאַטער געשפּילט אין א ריי שטעטלעך, אויך אין מיליטער־לאַגערן פון דער רויטער אַרמיי, געווען מיט קאָנצערטן אף די זאַוואָדן און פאַבריקן.

די דרײַ פאָרשטעלונגען האָבן באַוויזן, אַז דער אָדעסער ייִדישער מעלוכע־טעאַטער פאַרמאָגט א היפּשע גרופּע טאַלאַנטפולע אַקטיאָרן, וואָס ווייסן ניט פון אַמפּלואַ־באַגרענעצטקײַט און קאָנען שפּילן אין קאָמפּליצירטע קלאַסישע און סאָוועטישע פּיעסן.

■ ■ ■

ארן ראסקין

טעוויע גענס ראָמאן „אונדזערע צײַטן"

„אונדזערע צײַטן" איז טעוויע גענס ערשטער פּרוּווּ אין א נײַעם פאר אים זשאנער, דעם ראָמאן. און מע דארף גלײַך זאָגן, דער פּרוּווּ איז אים געלונגען.

ביז איצט האָבן מיר ט. גענען געקענט דעריקער אלס דעם מײַסטער פון דער קורצער נאָוועלע. נאָר אויך צו גרעסערע פאָרמען האָט אים פון צײַט צו צײַט געצויגן. זײַנע גרעסערע דערציילונגען „אין דער היימשטאָט", „א דערציילונג פון דער קינדהײַט", „א פּאָשעטע געשיכטע" דארפן באטראכט ווערן אלס א געוויסער עטאַפּ אפן וועג צום ראָמאן, צו „אונדזערע צײַטן".

דער נאָמען פונעם ראָמאן אנטשפּרעכט זײַן אינהאלט. פון יעדער שורע זײַנער לאָזט זיך שפּירן דער הייסער אָטעם פון „אונדזערע צײַטן". פון דער גענויער באשרײַבונג פונעם נײַעם מויער אין א נײַעם מיקראָ־ראַיאָן פון דער הויפּטשטאָט, מיט וועלכער דער ראָמאן הייבט זיך אָן, ביז דער אויספירלעכער שילדערונג פון די קאָרפּוסן פונעם גרויסן מעטאלורגישן זאוואָד אין נאָוואָסיבירסק, מיט וועלכער דער ראָמאן ווערט פארענדיקט, — דורכויס און אומעטום פילן מיר די אטמאָספער פון אונדזער שטורמישער צײַט, דער צײַט פון גרויסן עקאָנאָמישן און קולטורעלן אופשטײַג, דער צײַט פון דער וויסנשאפטלעך־טעכנישער רעוואָליוציע. אונדזערע צײַטן זײַנען אָבער, ליידער, ניט נאָר יאָרן פון גראנדיעזן אופשוווּנג, נאָר גלײַכצײַטיק אויך יאָרן פון היילן טיפע ווּנדן, יאָרן פון נאָך דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, וועלכע האָט גוירעם געווען דעם אומקום פון מיליאָנען מענטשן אפן פראָנט און אין היגטערלאנד, אין די טויט־לאגערן און גאז־קאמערעס. וועגן דעם פארגעסט ניט טעוויע גען. דער מעכאבער פונעם ראָמאן „אונדזערע צײַטן" ווייסט גוט, אז איבער דעם דאָר, וואָס שטעלט אוף פון רוינען די נײַע גראנדיעזע ביניאָנים און פארווירקלעכט די גרויסע רעוואָליוציע אין דער וויסנשאפט און טעכניק, האָט זיך דורכגעטראָגן דער מילכאָמע־שטורעם, וועלכער האָט איבערגעלאָזט טיפע קארבן אין מויעך און אין הארצן פון יעדן איינעם, וואָס האָט אים איבערגעלעבט.

דאָס געשטאַלט פונעם וויסנשאפטלער כאנין און די פּראָבלעמאטיק, וואָס איז פארבונדן מיט דעם וויסנשאפטלעך־טעכנישן פּראָגרעס, זײַנען נײַ אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. אייגנטלעך האָט גען צום ערשטן מאָל זיך געווענדט צו דער דאָזיקער טעמאטיק שוין אין זײַן גרעסערער דערציילונג „אין דער היימשטאָט". דאָ, אינעם ראָמאן „אונדזערע צײַטן", באקומט די דאָזיקע פּראָבלעמאטיק א טיפערע און ברייטערע באהאנדלונג.

דאָס געשטאַלט פונעם געלערנטן כאנין איז געגעבן אף א רײַכן סאָציאַל־היסטאָרישן הינטערגרונט. אין דער ייִדישער ליטעראטור איז איצט צום ערשטן מאָל אוועק א רייד וועגן עלעקטראָניק, וועגן טעכנישע דערפינדונגען, וועגן וויסנשאפטלעכע דיסערטאציעס און עקספּערימענטן, וועגן פּראָדוציר־פּראָצעסן, וואָס ווערן אנטוויקלט אפן יעסאָד פון דער הײַנטצײַטיקער וויסנשאפט און טעכניק. מיט גרויס באהאוונטקײַט און וויסן האָט גען געשילדערט דאָס נאָוואָסיבירסקער וויסנשאפטלער־שטעטל מיט זײַן שעפערישן טאָג־אײַן, טאָג־אויס, די ליידן און פריידן פון דער עקספּערימענטאלער לאבאָראטאָריע «БП», וווּ ס'ווערט פּרובירט לעוו באָריסאָוויטשעס נײַע אנטדעקונג פון אומופהערלעכער שטאָל־שמעלצונג, דער גרויסער מעטאלורגישער זאוואָד מיט זײַן הייסן צעך און מארטען־אויוונס, וווּ ס'ווערט אופגעשטעלט דער נײַ־דערפונדענער אויוון, וואָס טיילט זיך אויס, ווי „א נײַ־געבוירן שעפעלע צווישן א גרויסער סטאדע אלטע שאָף".

לעוו באָריסאָוויטש כאנין, אָדער, ווי מע רופט אים געקירצט, לעבאָר, דאָס צענטראלע געשטאלט אין ראָמאן, איז געמאָלט מיט א געניטער האנט פון אן עכטן מײַסטער און געהער, בעלי־סאָפעק, צו די אינטערעסאנטסטע געשטאלטן אין אונדזער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור.

דאָס איז א געלערנטער, וועלכער איז ניט נאָר פארליבט אין זײַן ארבעט, ער פארמאָגט די פייִקײַט ארײַנצוקוקן אין דער צוקונפט און באשטראלן די טאָגטעגלעכע מי מיט שעפערישער פאנטאזיע.

די דאָזיקע אייגנשאפט פון זײַן נאטור ווערט באַ־

טאָנט אינעם לאַקאָנישן, מיט קאַרגע שטריכן געמאָלטן פּאָרטרעט, אין וועלכן כאַנין ווערט ניט צופעליק פאַרגליכן מיט דאָן קיכאָטן. און ניט נאָר זײַן ראָמאַנטישקײַט, זײַן הויכער אידעאַליזם מאַכט לעבאָרן ענלעך צום באַרימטן ליטעראַרישן העלד, נאָר אויך די אים אייגנטימלעכע טיפע מענטשלעכקײַט, ערלעכקײַט און אופריכטיקײַט, זײַן קימאַט קינדישע פאַרטרויִלעכקײַט צו מענטשן:

„דערבײַ האָט ער מיט דער לאַנגער פיגור, מיטן לענגלעכן פּנים, אַף וועלכן עס האָבן געברענט די אויגן, טאַקע אויסגעזען ווי דאָן קיכאָט, אַ מעשונעדיקער פאַנטאַזיאָר, עס האָט אים נאָר געפעלט די שפּאַגע און דער העלם פון דעם זינלאָזן ריטער. אין די רייד זײַנע איז געווען עפּעס גאָר קינדישעס, וואָס עס קלעפּט זיך ניט מיט דער ערנסטקײַט פון אַ וויסנשאַפטלעכן טוער, אַן עלטערן מענטשן".

די דאָזיקע דאָן־קיכאָטישע ראָמאַנטישקײַט, באַטאָנט דער שרײַבער, האָט זיך בײַ לעבאָרן אַנטוויקלט נאָך אין דער פריִער יוגנט. פון זײַנע יוגנטלעכע פאָטאָגראַפיעס קוקט אַרויס „אַ באָכער מיט אַ פאַרנעם, מיט אַ העכערער שטרעבונג, מיט אַ ציל. די אָנגעשפּיצטע אויערן האָבן שוין אויסגעהערט פיל לעקציעס איבער אַלע מינים וויסנשאַפטן און דאָרשטן צו הערן נאָך און נאָך. דער בליק זײַנער — אַ פאַרטרוימטער און אַ פאַרכושטער — איז פון אַ פאַרשוין, וואָס איז אַרײַנגעטאָן אין די העכערע ספערן און האָט ווייניק וואָס צו טאָן מיט זיך גופא".

טאַקע ווי דאָן קיכאָט, האָט לעוו באָריסאָוויטש „ווייניק וואָס צו טאָן מיט זיך גופא", אייגננוץ און פּראַקטישער אינטערעס זײַנען אים פרעמד. ער יאָגט זיך ניט נאָך רום, אים אינטערעסירט ניט זײַן פערזענלעך ווױלגײן, אים גייען אָן אייִנציק און אַליין די אינטערעסן פון דער וויסנשאַפט גופא, די אינטערעסן פונעם כּלל, וועלכן זי, די וויסנשאַפט, איז באַרופן צו דינען. פונדאַנען שטאַמט זײַן שטרענגקײַט צו זיך אַליין, די אַכרײַעספולקײַט לעגאַבע דער אייגענער אַרבעט, דאָס ניט־באַפרידיקן זיך מיטן דערגרייכטן, די שטענדיקע שטרעבונג צו פאַרפולקומונג, צו דערגראָבן זיך ביז צום גרונט. לעוו באָריסאָוויטש אײַלט זיך ניט צו פאַרטיידיקן די דאָקטאָר־דיסערטאַציע, און כאָטש זײַן בוך איז שוין קימאַט אינגאַנצן פאַרטיק, יאָגט ער זיך ניט אים צו פאַרעפנטלעכן, ער וויל אים דערגאַנצן מיט נײַע פּרוּוון.

מיט דעם אַלעמען שיידט זיך לעוו באָריסאָוויטש כאַנין לעגאַמרע אונטער פונעם אַנדערן געלערנטן, וואָס ווערט אַרויסגעפירט אין ראָמאַן, פון אַנאַטאָלי דאַנילאָוויטש רײַסקי, וועלכער איז געגעבן אין אַ געוויסער מאָס אַלס אַנטיפּאָד צו כאַנינען. דעם שרײַבער האָט זיך אײַנגעגעבן אָנצומאָלן אַ קאָלאָריטפולע פיגור, וועלכע איז גענוג טיפּיש פאַר אַ באַשטימטער קאַטעגאָריע וויסנשאַפטלער. רײַסקי איז ניט קיין סכעמאַטיש געשטאַלט פון אַ פּסעוודאָ־געלערנטן. דער שרײַבער האָט אים געוויזן אַלזײַטיק. דאָס איז אַ פײַיִקער טוער, וואָס האָט אַ קאָפּ אַף די פּלייצעס, אַ שאַרפע וויסנשאַפטלעכע אינטויִציע, איז קאַפּאַבל צו מאַכן געוויסע פאָרשערישע חידושים. ער געהער אָבער ניט צו די ענטוזיאַסטן, צו די ראָמאַנטיקער, צו די דאָן קיכאָטן, ער געהער מער צו די סאַנטשאָ־פּאַנסאָס. די אינטערעסן פון דער וויסנשאַפט, די אינטערעסן פונעם כּלל זײַנען בײַ אים אַף דעם לעצטן אָרט. אין פאָדערגרונט איז בײַ אים דאָס אייגענע, דאָס פערזענלעכע, דער פּראַקטישער אינטערעס.

זײַן אויסזען: „אַ קרעפּטיקער, יאָדערדיקער מאַנצבל, מיט גלײַכע קוואַדראַטע פּלייצעס פון אַן אויסגעשולטן מיליטערמאַן, מיט רויטע באַקן, ווי ער וואָלט געהאַט פערציק גראַד היץ".

„ער געהערט צו די מענטשן, — באַמערקט וועגן אים דער שרײַבער, — וועגן וועלכע מע זאָגט, אַז זיי זײַנען געבאָרן געוואָרן אין אַ זײַדן העמדל. עס האָט אים שטענדיק געגליקט, אָנגעהויבן פון זײַן וווילקלינגענדיקן פאַמיליען־נאָמען רײַסקי. אַזאַ פאַמיליע דערמאָנט גלײַך וועגן עפּעס זייער גוטס, ליכטיקס, גאַניידנדיקס. פאַרן באַזיצער פונעם דאָזיקן נאָמען איז עס אַ מין פּאַרטיקער וועקסל, אַז דער גאַניידן קומט אים שוין אַף דער וועלט".

אין דער ווײַטערדיקער האַנדלונג באַווײַזט דער שרײַבער מיט גרויסער קינסטלערישער איבערצײַגעוודיקײַט, אַז דער סאָד פון דעם, וואָס רײַסקין האָט „שטענדיק געגליקט", שטעקט, נאַטירלעך, ניט אינעם „פּאַרטיקן וועקסל, אַז דער גאַניידן קומט אים שוין אַף דער וועלט", נאָר אין זײַן פײַיִקײַט צו נעמען אים, דעם דאָזיקן גאַניידן, מיט גוואַלד. אַ פײַיִקײַט, וואָס האָט זיך בײַ אים אויסגעאַרבעט שוין אין דער פריִער קינדהײַט. דער שרײַבער ברענגט אַ רײ כאַראַקטעריסטישע עפּיזאָדן פון רײַסקיס קינדהײַט, פון וועלכע ס'לאָזט זיך גרינג אַרויסזען, אַז צוגלײַך מיט גוטע פײַיִקײַטן איז ער פון דער נאַטור געווען באַשאָנקען „מיט אַ ווײַלער קענטשאַפט אויסצונעמען בײַ מענטשן, בײַ וועמען עס איז ווינטשנסווערט אויסצונעמען און נויסע־כיין זײַן".

אין דער וויסנשאַפט האָט רײַסקי שטענדיק געזוכט די גרינגסטע וועגן, וואָס פירן צום דערפאָלג, צו רום און פריִאָריטעט. ער איז „מעקאַנע געווען יעדערן, בײַ וועמען, ווי אים האָט זיך געדאַכט, עס לויכט זיך בעסער איידער בײַ אים, און ער האָט מוירע געהאַט, טאָמער וועט ער בלײַבן אין שאָטן, אַ פאַרטונקלטער דורכן אַנדערנס ליכט". גרענעצלאָזע אייגנליבע, רומגיריקײַט, קינאה, געיעג נאָך פריִאָריטעט פירן אָן מיט אַלע זײַנע האַנדלונגען. ער שטימט קעגן לעבאָרן, ווען יענער פאַרטיידיקט זײַן קאַנדידאַט־דיסערטאַציע, ווײַל בעדערעך קלאָל האָט רײַסקי שטענדיק „יענעמס דערפאָלג איבערגעלעבט ווי אַ שווערן קלאַפּ, אַן אייגענעם ביטערן פאַרלוסט". דאָס שטערט אים ניט אַרבעטן מיט לעבאָרן צוזאַמען אין זײַן לאַבאָראַטאָריע, ווײַל יענעמס פּראָיעקט פון אומופהערלעכער שטאָל־שמעלצונג שײַנט צו זײַן פּערספּעקטיוופול און מע קען פון דעם אַרויסציִען גרויסע נוץ פאַר דער אייגענער קאַריערע. ווען ס'ווערט אָבער קלאָר, אַז די פּערספּעקטיוו איז אַ זייער ווײַטע, און דער רום קען, כאָלילע, פאַרשפּעטיקן, טרייסלט ער זיך אָפּ פונעם געוועזענעם קאָלעגע און שטעמפּלט אים עפנטלעך אַלס אַ „לוי־יוצלעך, אַ דאָן קיכאָטל". קוים אָבער דערהערט ער, אַז דער אינטערעס צו לעבאָרס דערפינדונג איז אויסגעוואַקסן, אַזוי אײַלט ער זיך פײַל־אויסן־בויגן צו שליסן מיט אים שותּפֿעס.

קעדיי צו דערגרייכן זײַנע קאַריעריסטישע צילן, שטעלט זיך רײַסקי ניט אָפּ פאַר קיינע מיטלען. צוליב דעם צוועק ווערט אויסגעאַרבעט דער פּלאַן צו שפּילן אַ ראָמאַן מיט לעבאָרס פרוי פּאָלינע יאַקאָוולעוונע: „בײַ אַנאַטאָלי דאַנילאָוויטשן איז אַזאַ געפיל, ווי ער

וואָלט צוזאמען מיט דער דאָזיקער באקאנטשאפט דערוואָרבן א לאָטעריי־בילעט, אָף וועלכן מע קאָן א סאך אויסגעווינען, אָן דער ריזיקע און דער מוירע עפעס צו פארלירן". רײַסקין געלינגט פארהעלטניסמעסיק לײַכט צו רעאליזירן אלע זײַנע סטראטעגישע פלענער, ווײַל אים זײַנען פרעמד די עלעמענטארסטע באגריפן פון דער וויסנשאפטלעכער און ביכלאל מענטשלעכער עטיק. דעריבער קלעקט אים גענוג פרעכקײַט אויסצונוצן די באקאנטשאפט מיט פאָלינען, קעדיי ארויסצובאקומען געוויסע מאטעריאלן פון לעבאָרס דיסערטאציע, זיך אראָפכאפן קיין נאָוואָסיבירסק מיט דעם אויסרייד אים „באהילפיק צו זײַן" און אים פאָשעט באגאנווענען אי טעאָרעטיש, אי פראקטיש. און דאָס אלץ ווערט בארעכטיקט מיט דעם געשטעלטן ציל: איבעריאָגן כאנינען, ארויסקומען דער ערשטער מיט דער דאָקטאָר־דיסערטאציע אָף דער זעלבער טעמע. אלע מאניפוליאציעס ווערן דערבײַ אָפגעטאָן אזוי „ראיעל, מיט סייכל", אז כאנין „קען ניט א פיפס טאָן", כאָטש ער פילט, אז „רײַסקי שטייט צו אים צו מיט א מעסער צום האלדז". נאָך מער, דער געוויסנהאפטער געלערנטער הייבט אָן צווייפלען אין זײַנע פייִקײַטן און אים הייבט זיך אָן דאכטן, אז דאָס, וואָס אים גיט זיך אײַן שווער, מיט האָרעוואניע און מיט פארלוסטן, גיט זיך רײַסקין אײַן גרינג, אָן אָנשטרענגונג. שפעטער ווערט אים, דעם ערלעכן געלערנטן, ווי אויך זײַן פרוי, פאָלינע יאקאָוולעוונע, באשײַמפערלעך קלאָר, אין וואָס סע שטעקט דער סאָד פון דעם, וואָס בא רײַסקין באקומט זיך אין זײַן וויסנשאפטלעכער טעטיקײַט אלץ אזוי לײַכט און גראציִעז. ווען רײַסקי האָט געפרוווט, פארגלײַכנדיק זײַן „גראציִעזקײַט" מיט כאנינס „שווערער האָרעוואניע" אין דער וויסנשאפט, דורכפירן א פאראלעל צווישן זיי ביידן מיט מאָצארטן און סאליערי, האָט שוין פאָלינע, פאר וועלכער ס'האָט זיך דעמלט פולשטענדיק אנטבלויזט זײַן, רײַסקיס, עגאָיִסטיש־קאריעריסטישער מעהוס, געוווּסט אים צו ענטפערן:

„די גראציִעזקײַט גיט זיך דיר אײַן, ווײַל דו ביסט ניט איבערקלײַבעריש אין די מיטלען".

אגעוו, האָט רײַסקי דעם דאָזיקן דיִאגנאָז — ניט־איבערקלײַבערישקײַט אין די מיטלען — גאָר גיך באשטעטיקט מיט דעם לעצטן נידערטרעכטיקן מיטל, וועלכן ער האָט אָנגעווענדט קעגן לעבאָרן, מיט דער דורך אים פאבריצירטער און לעוו באָריסאָוויטשן צוגעשיקטער „אנאָנימקע", וועלכע האָט, בעלי־סאָפעק, פאָרסירט דעם טויט פונעם געלערנטן.

רײַסקי האָט דערגרייכט די העכסטע שטאפלען פון זײַן קאריערע, טרעטנדיק מיט די פיס אנדערע, וועלכע זײַנען אים געשטאנען אפן וועג. פאר אים איז די וויסנשאפט געווען בלויז א מיטל זיך צו דערהייבן אָף דעם לייטער פון רום, בלויז א וועג צו א בעסערן אייגענעם ווילשטאנד. ער האָט ניט געהאט קיין שול, קיין נאָכפאָלגער, זײַנע וויסנשאפטלעכע אופטוען האָבן איבערגעלאָזט קנאפע שפורן אין לעבן. זײַן גאָב דער וויסנשאפט איז אין טאָך מינדערווערטיק.

גען ווידמעט אין זײַן ראָמאן פיל אופמערקזאמקײַט דעם פערזענלעכן לעבן פון זײַן הויפט־העלד. דערבײַ הייבט ער אוף א וויכטיקע און אקטועלע לעבנס־פראָבלעם, וואָס איז ניט איין מאָל אופגעשווומען אין דער ליטעראטור. דאָס איז די פראָבלעם פון געזעלשאפטלעכן און אינדיווידועלן, אלגעמיינעם און פערזענלעכן. דאָס לעבן איז רײַך און קאָמפליצירט, און ניט שטענדיק גיט זיך אײַן אײַנצושטעלן א פולשטענדיקע הארמאָניע צווישן די דאָזיקע צומאָל פאָליארע קאטעגאָריעס. עס זײַנען באוווסט פאקטן, ווען דאָס פערזענלעכע לעבן פון גרויסע קינסטלער און געלערנטע לייגט זיך צונויף צומאָל ניט גענוג גליקלעך מאכמעס דעם, וואָס זייער שעפערישע טעטיקײַט נעמט בא זיי אוועק די גאנצע לעבנס־ענערגיע און פארוואנדלט זיך אין איין־און־איינציקער לײַדנשאפט, וועלכע דאָמינירט איבער אלע אנדערע און שלינגט זיי אײַן. גען האָט באוויזן אין זײַן ראָמאן, אז אויך כאנינס פערזענלעך לעבן האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן אין א גרויסער מאָס דערפאר, וואָס זײַן וויסנשאפטלעכע טעטיקײַט איז פאר אים געוואָרן די איינציקע. דער שרײַבער האָט אָבער אויסגעמיטן פארפלאכונג, ער האָט זיך ניט געשטעלט אָף דעם וועג פון פרימיטיווער, טראפארעטער באהאנדלונג פון דער דאָזיקער פראָבלעם. ער האָט זי באטראכט פיל ברייטער און פיל טיפער. מיט גרויסן קינסטלערישן טאקט האָט ער אופגעקלערט, אז דאָס, וואָס כאנינען האָט זיך ניט אײַנגעגעבן אײַנצושטעלן א הארמאָניע צווישן זײַן אינטימען און געזעלשאפטלעכן לעבן, איז אליין א רעזולטאט פון אנדערע, פון אים ניט אָפהענגיקע, אָביעקטיווע, מע קען זאָגן, גוירלדיקע סיבעס, וועלכע ס'האָט געבאָרן די צײַט, די צײַט פון דעם מילכאָמע־שטורעם און שוידערלעכן קאטאקליזם. אופדעקנדיק די דראמאטישע און אין טאָך טראגישע פאמיליען־געשיכטע פון לעוו באָריסאָוויטש כאנין, האָט דער שרײַבער דײַטלעך באוויזן, אז גאָר אין א גרויסער מאָס איז זי א פועל־יוצא פונעם מילכאָמע־קאָשמאר און פון זײַנע נאָכווייענישן.

די מילכאָמע־טעמע האָט קיינמאָל ניט אופגעהערט צו רעגן גענען, איר האָט ער געווידמעט א ריי נאָוועלן, וועלכע זײַנען ארײַן אין בוך „דאָס פארבלײַבענע העפטל" (1944), נאָוועלן, וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט א מין קינסטלערישן רעפאָרטאזש פון די גרויזאמע און העראָיִשע שלאכט־טעג. צו דער מילכאָמע־טעמע האָט זיך דער שרײַבער אומגעקערט אויך נאָך דער מילכאָמע. באזונדערס טיף האָט זיך אים אײַנגעגעבן איבערגעבן דעם שוידערלעכן גוירל פון די מילכאָמע־יאָרן אין דער דערציילונג „אין דער היימשטאָט", ווו ער האָט מיט גרויסער קינסטלערישער קראפט געשילדערט דעם געראנגל, וועלכן ס'איז אויסגעקומען צו פירן די נאָך דעם קריג לעבנגעבליבענע מענטשן מיט זיך אליין, מיט דער דריקנדיקער לאסט פון טרויעריקע זיכרוינעס, מיט די „מאַצייוועס אין הארצן" אין פעריִאָד, ווען דאָס גאנצע לאנד האָט גענומען היילן די מילכאָמע־וווּנדן און זיך א צי געטאָן צו ווידערופלעבונג און באנײַונג.

אויך אינעם ראָמאן „אונדזערע צײַטן" איז דער געראנגל צווישן טויט און לעבן נאָך ניט פארענדיקט. און באזונדערס איז עס טאקע קענטיק אָף דעם לעבנס־גוירל פון לעוו באָריסאָוויטשן און פאָלינע יאקאָוולעוונען.

די מילכאָמע האָט פארקריפלט די מענטשלעכע גויראָלעס, און טאקע זי איז די הויפט־שולדיקע, ווי עס באווײַזט איבערצײַגעוודיק גען, אין דעם, וואָס לעבאָרס און פאָלינעס גליק האָט זיך ניט אויסגע־

שפּילט און זייער פאַמיליען-געשיכטע האָט באַקומען אַזאַ דראַמאַטישן כאַראַקטער.

מיט גרויסער פּסיכאָלאָגישער ראַפינירטקייט דעקט אויף דער שרײַבער שטאַפּל נאָך שטאַפּל די אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער דראַמע.

ביידע האָבן זיי פאַרלאָרן די פאַמיליעס בײַס דער מילכאָמע. לעוו באַריסאָוויטש איז געווען אויפן פראָנט, און ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט, האָט ער קיינעם ניט געטראָפן באַם לעבן. זײַן פרוי סאָניע און דעם זון עלינקען האָבן די פאַשיסטן אומגעבראַכט.

פאַלינע יאַקאָוולעוונע האָט בעסאַכאַקל עטלעכע וואָכן געלעבט מיט איר מאַן צוזאַמען. ער איז אומגעקומען אויפן פראָנט אײנעם טאָג פון ניצאָכן: „אין איין אויגנבליק איז זי געוואָרן די אומגליקלעכסטע פרוי אין דער וועלט, דאָס לעבן האָט פאַרלאָרן דעם טאַם. זי האָט אָנגעטאָן אַ שוואַרץ קלייד און אַ שוואַרץ טיכל אויפן קאָפּ. לויט דער נאַטור אַן ענערגישע, אַ לעבנסווילנדיקע און לעבנספרייידיקע, איז זי באַ זיך אַראָפּגעפאַלן, און ס'וואָלטן עפּשער אײנגאַנצן זיך אונטערגעהאַקט אירע קרעפטן, ווען ניט וואָלאָדיע — דער זון...“

דער עלנט-געוואָרענער לעוו באַריסאָוויטש געפינט אַ טרייסט אין דער אַרבעט, אין דער וויסנשאַפט, אין זײַנע שעפערישע פּלענער, וועלכע ער גיט זיך אָפּ מיט לײַב און לעבן. נאָר די „מאַציייוועס אין האַרצן“ זײַנען פריש, און ער קען זיי ניט פאַריאָגן אַפילע דאַן, ווען ער הייבט אָן אַ צווייט פאַמיליען-לעבן מיט פאַלינע יאַקאָוולעוונע. זײַנע פאָדערונגען צום פאַמיליען-גליק זײַנען געווען טיפערע, ווי באַ פאַלינען. פאַלינע האָט געהאַלטן, אַז „געוויינלעכע מענטשן דאַרפן נאָר אַ ביסל געוויינלעך גליק“, און מע קען עס דערגרייכן, ווען מע באַמיט זיך צו פאַרגעסן די פאַרגאַנגענהײַט, ווען מע רײַסט אַרויס מיט גוואַלד די „מאַציייוועס“ פון האַרצן. לעוו באַריסאָוויטש האָט זיך ניט געקענט באַנוגענען מיט „אַ ביסל געוויינלעך גליק“, ער האָט געוואָלט, אַז דאָס פאַמיליען-גליק זאָל זײַן פול, ווי עס איז געווען פריער, פאַר דער מילכאָמע.

כאָטש לעבאַר און פאַלינע האָבן ליב געהאַט אײנער דעם צווייטן, האָבן זיך „זייערע לעבנס ניט צוזאַמענגעגאָסן“, האָט זיך די ליבע צווישן זיי „ניט אויסגעשפּילט“. פאַלינע האָט שטענדיק געפילט, אַז „נאָך אַזויפיל יאָרן צוזאַמענלעבן קוקט ער נאָך אַלץ אָפּ איר, ווי אָפּ אַ פרעמדער, אַלע אירע רייד, אַלע אירע שריט און גענג מעסט ער ביז הײַנטיקן טאָג מיט אַ צווייטער מאָס. ער פאַרגלײַכט זי מיטן ערשטן ווײַב זײַנס, מיט סאָניען... ער זאָגט עס ניט, נאָר זי, פאַלינע, פילט, אַז אַלץ, וואָס זי ברענגט אַרויס פונעם מויל, און יעדע טוּונג אירע רופן באַ אים אַרויס אַ פראַגע, צי וואָלט יענע אויך אַזוי געזאָגט און געהאַנדלט“. ווי צאַרט סע איז ניט לעבאַר צו זײַן צווייטער פרוי, פאַרגעסט ער אָפּ קיין איין מינוט ניט די ערשטע, היט זאָרגזאַם סאָניעס בריוו, איר געשטאַלט קומט אים אָפּט פאַר די אויגן; ווי טרײַ ער איז ניט צו פאַלינעס זון וואָלאָדיען, וועלכן ער האָט בעעמעס ליב, פאַרגעסט ער אָפּ קיין רעגע ניט דעם אומגעקומענעם עלינקען, און ווען ער ברענגט אַ שפּילעכל וואָלאָדיען, מוטשעט אים די דערמאָנונג: „מענטשן, וואָס האָבן געזען, האָבן מיר דערציילט, אַז אין יענעם וויסטן טאָג, ווען מע האָט די קינדער צוזאַמען מיט זייערע מאַמעס געטריבן צו דער גרוב, האָט עלינקע געהאַלטן אין דער האַנט אַן אַראַפּלאַנדל — דאָס לעצטע שפּילעכל, וואָס איך האָב אים באַוויזן צו קויפן...“

דער מילכאָמע-שווידער האָט זיך געשטעלט אָף דעם וועג פון לעבאַרס און פאַלינעס פאַמיליען-גליק, קיין האַרמאָניע האָט זיך אין זייער פאַמיליען-לעבן ניט באַקומען.

ווען לעבאַרן לייגט מען פאָר אַריבערצופאָרן קיין נאָוואָסיבירסק, זאָגט זיך פאַלינע אָפּ מיטצופאָרן, ווײַל איר איז שווער זיך צו שיידן „מיט מאָסקווע, מיט די פרײַנט און באַקאַנטע, וואַרפן אַ נײַע פּרעכטיקע דירע“, ווי עס וואָלט געוויס געטאָן, ווי זי אַליין באַמערקט, זײַן ערשטע ווײַב סאָניע. לעבאַר נעמט אויף איר אָפּזאָג ווי אַ באַווײַז פון ניט גענוגנדיקער ליבע און טרײַשאַפט. פאַלינע געפינט ניט אין לעבאַרס בריוו פון נאָוואָסיבירסק קיין אויסדרוק פון בענקשאַפט נאָך איר. „אײניקע מאָל, ווען עס כאַפּט זי אַרום דער אומעט, — באַמערקט גען, — איז זי גרייט צו לויפן אויפן טעלעגראַף און קלאַפּן לעוו באַריסאָוויטשן אַ דעפּעש, אַז זי פאָרט צו אים, און זאָל ער זי קומען באַגעגענען. זי ווערט אָבער גיך אָפּגעקילט, דערמאָנענדיק זיך, אַז אין קיין איין בריוו, וואָס זי האָט דערהאַלטן פון אים אין מעשעך פון די פינף כאַדאָשים, זינט ער איז אַוועקגעפאָרן, רופט ער זי ניט צו זיך, דערמאָנט ניט וועגן דעם אַפילע מיט אַ וואָרט“.

אַזוי ווערט געשאַפן דער באָדן פאַר דער באַקאַנטשאַפט מיט רײַסקין. מײַסטעריש שילדערט גען דעם גוואַלדיקן קאַמף, וועלכן ס'קומט אויס פירן פאַלינען מיט זיך אַליין אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דאָזיקער אומדערוואַרטער ליבע-געשיכטע. נאָך די ערשטע צוזאַמענטרעפן מיט רײַסקין „וואַשט זי לאַנג די הענט מיט זייף, ווי זי וואָלט געוואָלט פּראָפילאַקטיש אַראָפּוואַשן עפּעס איבעריקס, עפּעס אַזעלכעס, וואָס קאָן זיך צוקלעפּן און אַרײַנקריכן אינווייניק, טיף אונטער דער הויט“. זי באַמיט זיך פון אים צו באַפרײַען אײנמאָל פאַר אַלעמאָל, נאָר די ניט-אויסגעשפּילטע ליבע האָט געבילדעט אַ פּוסטקײַט: „די, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין קינדהײַט, בענקען נאָך אַ שפּילעכל ביז דער טיפער עלטער. אַז מע שפּילט ניט אויס די ליבע אין דער יוגנט, קוקט מען אַרויס און מע יאָגט זיך נאָך איר בלאַסן שאָטן ביזן סאָף לעבן“.

אינעם גלענצנדיקן קאַפּיטל „צוגאַסט אין מאָסקווע“, וואָס איז אָנגעשריבן, ווי מע זאָגט, אין איין אָטעם-איבערכאַפּ, איז מיט גרויסער פּסיכאָלאָגישער פײַנקײַט געשילדערט די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג פון די געשעענישן. לעוו באַריסאָוויטשעס אָנקום קיין מאָסקווע עפנט עפּעס אַ נײַ בלעטל אין זייער פאַמיליען-געשיכטע. זײַן בענקשאַפט נאָך פאַלינען רײַסט זיך אַרויס אין אַ ליבע-אויפברויז, וואָס דערמאָנט די בעסטע, יונגע יאָרן. פאַלינען כאַפּט אָן אַ טיפער געפיל פון כאַראָטע פאַר דעם, וואָס איז געשען צווישן איר און רײַסקין, זי באַשליסט אויסקויפן איר שולד פאַר דעם נאָענטסטן צו איר מענטשן, דעם „אומיטלבאַרן, אומבאַהאָלפענעם און אומבאַשיצטן ווי אַ קינד“. זי נעמט אָן דעם ענדגילטיקן באַשלוס מיטצופאָרן מיט אים קיין נאָוואָסיבירסק. מעגלעך, אַז ערשט איצט וואָלט דאָס געגאַרטע גליק געקומען, די פאַמיליען-האַרמאָניע וואָלט זיך אײַנגעשטעלט. אָבער רײַסקינס

10*

צוגעשיקטע „אנאָנימקע" וואלגערט אלץ אום אין איין מינוט. פאר לעבאָרס ערלעכער נאטור איז פּאָלינעס פאראט, אין וועלכן ער האָט אזוי ניט געוואָלט גלייבן און וועלכן די אופריכטיקע פּאָלינע איז ניט בעקויעך געווען אָפּצולייקענען, געווען געגליכן צו א טויט־קלאַפּ. ס'איז געווען די צווייטע און די שטארקסטע טראוומע, וואָס ער האָט אין מאָסקווע באקומען נאָך דער באקאנטשאפט מיט רײַסקיס דאָקטאָר־דיסערטאַציע. איצט איז שוין לעוו באָריסאָוויטשן שווער צו קומען צו־זיך.

די געלונגענע רעאליזירונג פון זײַן עקספּערימענט מיטן איוואן פון אומופהערלעכער שטאָל־שמעלצונג בייס זײַן צוריקקער קיין נאָוואָסיבירסק ברענגט אים גרויס פרייד, נאָר באַרויִקן זיך נאָך די איבערגעלעבטע אופטרייסלונגען קען ער שוין ניט. שטאַרקער ווי פריִער וואקסט אָן די בענקשאפט נאָכן באַרויבטן פאמיליען־גליק. אָפּטער קומען אוף אין זיקאָרן די בילדער פון דער ניט ווײַטער פארגאנגענהײַט. סאָניעס אויגן פארפאָלגן שוין אים איצט אָן אופהער. די צופעליקע באקאנטשאפט מיט אדען, פון וועלכער „עס האָט ווידער א וויי געטאָן לעוו באָריסאָוויטשן אין פּאָנעם מיט זייער א גרינגער און פריידיקער בלויקײַט", וואָס האָט דערמאָנט די בלויקײַט פון סאָניעס אויגן, פארטיפערט זײַנע ווייטעקן. אלס לעצטער קלאַפּ איז געקומען סאָניעס טאָגבוך פאר איר טויט, וועלכער פאלט ארײַן אין זײַנע הענט...

לעוו באָריסאָוויטש כאנין האָט ניט אויסגעהאלטן דעם דרוק פון די „מאצייוועס אין הארצן". די מילכאָמע־נאָכווייענישן האָבן אונטערגעגראָבן זײַן געזונט, מיטגעווירקט זײַן פריצײַטיקן טויט. ער איז אָבער געבליבן אומשטערבלעך דורך זײַן טאט. „דער איוואן פון דער לאבאָראטאָריע «БП» און דאָס רויכל פון זײַן קוימען קנוילט זיך אין הימל ארײַן, ווי א נײַ־געבוירן שעפּעלע צווישן א גרויסער סטאדע אלטע שאָף, עס האָט שוין אָבער זײַן באשטענדיק אייגן ערטל אין הימלשן רוים, און אין א טאָג, ווען ס'איז ניטאָ קיין ווינט, מישט עס זיך ניט צונויף מיט די איבעריקע רויכן און מע קען עס גרינג דערקענען".

די עסטאפעטע נעמט איבער פון זײַן האנט וואָלאָדיע, א פאָרשטייער פונעם יונגן דאָר. מיט שטאָלץ זאָגט ער אָן מארינקען, מיט וועלכער עס וועט אים, ווײַזט אויס, באשערט זײַן צוזאמען צו בויען דאָס צוקינפטיקע לעבן: „דאָס ברענט דעם טאטנס איוואן!".

וואָלאָדיע וועט זיכער פאָרזעצן די ארבעט פון זײַן שטיפפאָטער.

אזוי אָדער אנדערש, נאָר סע זיגט דאָס לעבן!

די מילכאָמע־קאטאסטראָפע האָט זיך אָפּגערופן אויך אף דעם גוירל פון אנדערע העלדן אין ראָמאן. באזונדערס טיילט זיך אויס אין דעם פּראט די טראגישע פיגור פון העניען, לעוו באָריסאָוויטשעס שוועסטער. מיט טיפן דראמאטיזם שילדערט גען דעם ווייטעק פון א מוטער, וואָס האָט פארלאָרן אף דער מילכאָמע איר איינציקן זון.

עס פאלט א שאָטן פון די פארגאנגענע פּאָלקסליידן אף דעם יונגן גליק פונעם וויסנשאפטלעכן טוער פון דעם ארכיוו ניאָמע ווײַנשטיין און זײַן געליבטער ליזען. די טאָגביכער און די בריוו פון די פארורטיילטע צום אומקום אין די געטאָס און גאז־קאמערעס, וועלכע ס'קומט אויס ניאָמען צו לייענען אין ארכיוו, פארפאָלגן אים טאָג און נאכט.

א קאָרבן פון קאטאקליזם איז אויך דאָס ציגײַנער־מיידל קארמען, וועמעס לעבן די מילכאָמע האָט שוידערלעך פארקריפּלט, געמאכט פון איר „א קאליע עפּעלע, וואָס איז פריצײַטיק אראָפּגעריסן פונעם בוים..."

שילדערנדיק די דראמאטישע פאָלגן פונעם קריג אף דעם יונגן דאָר, הייבט גען אוף א וויכטיקע פּראָבלעם: צי דארף ביכלאל דער יונגער דאָר וויסן פון די מילכאָמע־גרוילן? און עפשער דארף מען אים וועגן זיי ניט דערמאָנען, זיי זאָלן אים ניט שטערן פולשטענדיק צו געניסן פון די פריידן פונעם הײַנטיקן טאָג?

ליזע זאָגט צו ניאָמען:

„— מע דארף וועגן דעם ניט ריידן, מע דארף ניט טראכטן וועגן די גרוילן. וואָס קומט ארויס פון דעם?"

אָן ענלעכער וויקועך קומט פאָר צווישן פּאָלינען און לעבאָרן. פּאָלינע האלט, אז מע דארף פארגעסן די פארגאנגענהײַט. זי איז קעגן דעם, איר זון וואָלאָדיע זאָל וויסן דעם עמעס, אז לעוו באָריסאָוויטש איז ניט זײַן פאָטער, אז זײַן עמעסער פאָטער איז אומגעקומען אפן פראָנט. „קינדער, — טײַנעט זי, — דארפן ניט טראָגן אף זיך די ליידן און די פּײַנען פון די עלטערן... קינדער דארפן וואקסן גליקלעכע..." לעבאָר האלט זיך, פארקערט, בא דער מיינונג, אז מע טאָר ניט פארגעסן די פארגאנגענהײַט, אז די יוגנט דארף שטענדיק געדענקען די ליידן פון די עלטערן און גענוי וויסן, פאר וואָס די עלטערן האָבן געקעמפט און פאר וואָס זיי האָבן מאקריוו געווען דאָס לעבן.

גען גיט אָפּ גערעכט לעבאָרן. זײַן ראָמאן וואָרנט, אז גאָרניט טאָר ניט פארגעסן ווערן. טאקע צוליב דער צוקונפט דארפן די קינדער זײַן באהאוונט אין אלדאָס שוידערלעכן, וואָס עס האָט געבראכט מיט זיך דער היטלעריזם, קעדיי זיי זאָלן זײַן אף דער וואך און אקטיוו קעמפן פאר דעם, אז דער דאָזיקער קאָשמאר זאָל זיך קיינמאָל מער ניט איבערכאזערן.

דעם שרײַבערס אומרו פאר דער צוקונפט לאָזט זיך שפּירן אויך אין יענע שטעלן פונעם ראָמאן, ווו ס'ווערט גערעדט וועגן וויסנשאפטלעך־טעכנישן פּראָגרעס. גען ווייסט גוט, אז דער גוואלדיקער טעכנישער פאָרשריט פון דער מענטשהײַט קען ברענגען אומקום און פארניכטונג, אויב די שאָלעם־ליבנדיקע מענטשן וועלן ניט גענוג אנטשיידן זיך ראנגלען פאר דעם פרידן. טאקע אף דעם מאכט אופמערקזאם לעוו באָריסאָוויטשן זײַן ברודער, דער דאָקטער הארי כאנין, וואָס איז אראָפּגעקומען פון אמעריקע:

„פארשטייסט, ליבער ברודער, די ציוויליזאציע וואקסט, די וויסנשאפט בא אונדז און בא אײַך מאכט גראנדיִעזע פאָרשריטן, מיר פירן דורך די קאָמפּליצירטסטע אָפּעראציעס. אונדזערע, אײַערע קארדיאָלאָגן, אָנקאָלאָגן טוען פיל אף צו באקעמפן די שווערסטע קרענק! אָבער כ'פרעג דיך, וואָס איז דער אופטו? איך האָב אין מײַן קאָנטע ארום הונדערט אָפּעראציעס אפן הארצן. הונדערט מענטשן געראטעוועט פון א זיכערן טויט. דאָס איז א סאך. אָבער אין פארלויף פון איין־און־איינציקער שאָ קאָנען ווערן אומגעבראכט מיליאָנען מענטשן... עס איז גענוג א

קורצער באַפֿעל, אַז די ריזיקע טויט־סקלאַדן זאָלן ברייט צעעפֿענען זייערע טויערן...״

דער ראָמאַן „אונדזערע צײַטן״ שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ נײַעם, העכערן שטאַפּל אין טעוויעס גענס שאַפֿן.

אינעם נײַעם זשאַנער האָבן זיך טיפֿער אַנטפּלעקט די וויכטיקסטע שטריכן פֿון זײַן אייגנאַרטיקן טאַלאַנט און ס׳האָבן זיך באַוויזן נײַע אייגנשאַפֿטן. דער ברייטער לײַוונט האָט געבראַכט מיט זיך גרעסערע מאַסשטאַבלעכקײַט אין דער שילדערונג פֿון דערווירקלעכקײַט, אַ געשטיגענע אויפֿמערקזאַמקײַט צו באַזונדערע דעטאַלן אין דער צייכענונג פֿון שטייגער־בילדער, פֿון טיפּן און געשטאַלטן. נאָך בולעטער, ווי אין די פֿריִערדיקע ווערק, האָט זיך דאָ אויפֿגעדעקט דעם שרײַבערס גרויסע באַאָבאַכטונגס־פֿייִקײַט; עס פֿילט זיך מאַמעש, אַז גאָרנישט גייט ניט פֿאַרבײַ זײַן דאָרשטיק אויג, אַלדאָס געזעענע בעט זיך אַף דער פֿען, ווערט פֿונעם קינסטלער אויפֿגעכאַפּט און בילדעריש פֿיקסירט. עס האָט זיך שטאַרקער אַנטפּלעקט דעם שרײַבערס פּלאַסטישע קונסט, באַזונדערס אין די זשאַנער־ און נאַטור־בילדער. עס האָט זיך פֿאַרברייטערט דער לאַנדשאַפֿטלעכער דיִאַפּאַזאָן, אויב מע קען זיך אַזוי אויסדריקן. צו דעם געוויינלעכן פֿאַר אים אורבאַניסטישן, גרויסשטאָטישן פּייזאַזש, וועלכער פֿאַרנעמט אויך דאָ אַ בעקאָוועדיק אָרט, איז צוגעקומען דאָס פֿאַרביקע, שטימונגספֿולע נאַטור־בילד. עס צויבערט דעם לייענער אי דער אונטערמאָסקווער וואַלד־פּייזאַזש, אי דער צאַרטער, פֿאַרהילטער איןווינטער־שטילקײַט פּייזאַזש פֿונעם נאָוואָסיבירסקער שטעטל פֿון די וויסנשאַפֿטלער, אי דער אָנגעזאַפּטער מיט הימל־בלוי און בלומען־דופֿט זומערדיקער פּייזאַזש פֿון די קאַרפּאַטן־בערג.

עמעס, דער שרײַבער ווערט צײַטנווײַז ווי פֿאַרשקלאַפֿט פֿון זײַן אייגענער באַאָבאַכטונגס־קראַפֿט. אים איז צומאָל שווער זיך צו צוימען, עס פֿאַרפּלייצט אים די פֿאַרצייכענונג־סטיכיע, מיט וועלכער אים קומט אויס אַרײַנצוטרעטן אין אַ געראַנגל. פֿון טייל צו טייל וואַקסט זײַן ווידערשטאַנדס־פֿייִקײַט לעגאַבע דער דאָזיקער סטיכיע, פֿונעם שלאַל זעונגען און בילדער ווערט אויסגעוויילט דאָס וויכטיקסטע; דאָס געוויינלעכע און קליינלעכע ווערט אָפּגעוואָרפֿן. אַזוי, צום בײַשפּיל, זײַנען אייניקע קאַפּיטלען אין דעם ערשטן טייל (באַזונדערס דאָס קאַפּיטל „וואַסער״) איבערגעלאָדן מיט אויספֿירלעכער באַשרײַבונג פֿון שטייגערישע פּראָטים, אויך אין דעם צווייטן טייל טרעפֿן מיר נאָך וווּ־ניט־וווּ אָן איבערפֿלוס פֿון דעטאַלן־פֿאַרצייכענונג (צום בײַשפּיל, אין דער שילדערונג פֿונעם שטעטל פֿון די וויסנשאַפֿטלער). דערפֿאַר צייכנט זיך אויס דער דריטער טייל מיט זײַן דינאַמישקײַט, מיט דער געשפּאַנטער האַנדלונג, וועלכע ווערט קימאַט אין ערגעץ ניט איבערגעריסן דורך איבערפֿליסיקער צייכענונג פֿון איינצלהײַטן (עפּשער בלויז אינעם קאַפּיטל „אַז ניט באַשערט״?).

אַף וויפֿל אינעם נײַעם ראָמאַן־זשאַנער האָט זיך פֿאַרברייטערט די געשטאַלטן־גאַלעריי, איז דאָ נאָך אָנשוילעכער געווען מײַסטערשאַפֿט פֿון אינדיווידואַליזירן געשטאַלטן. אין ראָמאַן איז פֿאַראַן אַ רײַכער טיפּאַזש. צוגלײַך מיט ערשטראַנגיקע זעען מיר אויך צווייטראַנגיקע און דריטראַנגיקע געשטאַלטן, נאָר אַלע לעבן זיי, יעדעס געשטאַלט איז אינדיווידועל געצייכנט. דעם שרײַבער געלינגט אויסצוטיילן בײַ יעדן אַ באַזונדערע, כאַראַקטעריסטישע דעטאַל, וועלכע העלפֿט אויפֿדעקן דאָס אייגנטימלעכע אין זײַן כאַראַקטער. לעבאָרס ראָמאַנטישקײַט, צום בײַשפּיל, זײַן שטענדיק אומשוועבן אין די „העכערע ספֿערן״ ווערט אילוסטרירט מיט אַ דעטאַל, אין וועלכער ס׳איז באַטאָנט זײַן צעשטרייטקײַט: „דיברילן, דעם בלאָקנאָט, די פֿען, דעם זייגער, די בלויע פּאַפּקע — עפּעס מוז ער פֿאַרגעסן״; „ער האַלט, אַז אַ דריטל לעבן גייט בײַ אים ביכלאַל אַוועק אַף זוכן״.

אַ פֿײַנע קינסטלערישע דעטאַל ווערט אויסגענוצט אין דער כאַראַקטעריסטיק פֿונעם זעלבסטצופֿרידענעם, אין זיך פֿאַרליבטן רײַסקין און זײַן דיפּלאָמאַטישער קונסט אויסצונעמען בײַ מענטשן:

„ווען אַנאַטאָלי דאַנילאָוויטש קומט ערגעץ אַרײַן, האַלט ער דאָס היטל אַ פּאָר איבעריקע ווײַלעס אויפֿן קאָפּ, ער אײַלט זיך ניט עס אַראָפּצוכאַפּן. ס׳איז אַ שיין ווינטערדיק היטל פֿון העל־ברוינעם אָנדאַטרע־פֿוטער, מיט אַ גרויסן פֿאַרנעמלעכן פֿונפֿאָרנט און מיט אויך אַזעלכע גרויסע „אויערן״, פֿאַרבונדענע אַרויפֿצו. עס פּאַסט אים דאָס היטל צו זײַן קײַלעכיק פּאָנעם, באַזונדערס ווען דער פֿראָסט רײַבט אָן די באַקן. אַנאַטאָלי דאַנילאָוויטש ווייסט וועגן דעם״.

אַ היפּשע קינסטלערישע דערגרייכונג איז דאָס געשטאַלט פֿון מאָניקען. מיט גרויס וואַרעמקײַט האָט דער שרײַבער געמאָלט איר אין טאָך טראַגישע ליבע צו לעוו באָריסאָוויטשן, אַ ליבע, אין וועלכער ס׳האָבן זיך אָרגאַניש צונויפֿגעשמאָלצן גרויסע פֿרויען־לײַדנשאַפֿט מיט שוועסטערלעכער צאַרטקײַט און מוטערלעכער זאָרג לעגאַבע דעם „גרויסן קינד״. גען רעדט גאָר ווייניק פֿון מאָניקעס ליבע, ער צווינגט אָבער אונדז זי צו דערשפּירן אין יעדן טראָט אירן, אין יעדן שטריך אַף איר געזיכט.

פֿײַן אינדיווידואַליזירט זײַנען אַפֿילע די דריטראַנגיקע געשטאַלטן. צום בײַשפּיל, די גרופּע וויסנשאַפֿטלער, לעבאָרס מיטאַרבעטער אין דער לאַבאָראַטאָריע. יעדערער פֿון זיי האָט זײַן כאַראַקטער, זײַנע שוואַכקײַטן, זײַן לעבנס־פֿילאָסאָפֿיע, מע קען אַפֿילע זאָגן, זײַן סטיל, זײַן אויפֿן זיך אויסצודריקן, אין וועלכן ס׳ווײַזט זיך אַרויס זײַן נאַציאָנאַלער כאַראַקטער, זײַן אינדיווידואַליטעט (גאָגאָבערידזע, קליינערמאַן, אָסקאָלצעוו).

די פֿאַרטיפֿערונג פֿון דער פּסיכאָלאָגישער שילדערונג גייט אינעם ראָמאַן באַנאַנד מיט אַ נײַער אייגנשאַפֿט, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין גענס טאַלאַנט, — דאָס איז די נעטיִע צו דראַמאַטיש־געשפּאַנטע סיטואַציעס, אָן אייגנשאַפֿט, וואָס אַנטהאַלט אין זיך גרויסע מעגלעכקײַטן פֿאַר דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון זײַן שאַפֿן.

טעוויע גענס ראָמאַן „אונדזערע צײַטן״ שטעלט מיט זיך פֿאָר, אָן שום ספֿאָפּעק, אַ וויכטיקע דערשײַנונג אין אונדזער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער פּראָזע.

■ ■ ■

רעפראָדוקציעס פון דער ראָסטאָווער בילדער־גאַלעריי

אין דער בײַלאגע פון דעם נומער פארעפנטלעכן מיר רעפראָדוקציעס פון די שאפונגען פון פיר ראָסטאָווער קונסט־מײַסטערס — פון די פארדינסטפולע קינסטלער פון רספסר, דער גראפיקערן אירינע טשארסקאיא, און דעם מאָלער וואלענטין שטשעבלאנאָוו, דעם סקולפטאָר יוסעף סאָנקין און דעם מאָלער יעווגעני טשארסקי.

פון די פאָרגעשטעלטע ארבעטן איז צו זען, אז יעדער פון זיי האָט זיך זײַן וועלט־באנעם, זײַן קרײַז שעפערישע אינטערעסן און קינסטלערישע אײַנפאלן, וועלכע זאָגן אײדעס וועגן אקטיווער פארבינדונג מיטן הײַנטיקן לעבן.

אירינע טשארסקאיא, אן אָנטיילנעמערן פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, איז געבוירן געוואָרן אין 1923. אין די נאָכמילכאָמע־יאָרן לערנט זי זיך אין דער ראָסטאָווער קונסט־שול, און אין 1952 פארענדיקט זי דעם לענינגראדער אינסטיטוט אָף רעפינס נאָמען.

די ארבעטן, וואָס זי האָט געשאפן פאר די אריבער 20 יאָר פון איר טעטיקײַט (די סעריעס „מענטשן פון דאָן", בילדער און עטיודן פונעם רוסישן צאָפן, די איטאליענישע גוואשן און באזונדערס די מאָנומענטאלע ארבעטן „די וואכטע", „מוטערשאפט", „א באלערינע", „א לערערן" אא., ווי אויך די איליוסטראציעס צו ווערק פון דער רוסישער און סאָוועטישער ליטעראטור, וועלכע זײַנען באוויזן געוואָרן אָף אויסשטעלונגען אין ראָסטאָוו און אין אנדערע שטעט פון אונדזער לאנד), צייכענען זיך אויס מיט אומיטלבארקײַט פון אופנעמען דאָס לעבן, דעם ארום, מיט לירישקײַט און אויסדריקלעכקײַט און, דעריקער, מיט דעם אײדעלן, פילבארן קאָלאָריט פון די פארבן.

א ריי מאָנומענטאלע ארבעטן, צווישן זיי דאָס בילד „קאיאָר", דער טריפטיך וועגן לענינען „דער ערשטער פרילינג. 1918". אא. האָט אי. טשארסקאיא געשאפן צוזאמען מיטן מאָלער יעווגעני טשארסקי, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין 1919 אין ראָסטאָוו און האָט אין אײן צײַט מיט איר, אין 1952, פארענדיקט די מאָלערײַ־אָפטיילונג באם לענינגראדער רעפין־אינסטיטוט, אונטער דער אָנפירונג פונעם באקאנטן מאָלער און פעדאגאָג רודאָלף פרענץ.

וואלענטין שטשעבלאנאָוו איז געבוירן געוואָרן אין 1927. נאָכן פארענדיקן די ראָסטאָווער קונסט־שול פארפולקומט ער זײַן מײַסטערשאפט אלס מאָלער אין מאָסקווער אינסטיטוט אָף סוריקאָווס נאָמען. אין די 60־ער יאָרן באווײַזן זיך אָף די אויסשטעלונגען זײַנע בילדער פון דער סעריע „נאָוואָראָסײסקער פייזאזשן". זייער מאָלערישע פרישקײַט און דער אָריגינעלער קאָמפאָזיציאָנעלער ריטם ציִען צו די אופמערקזאמקײַט פון די באזוכער.

אין דער מערהײַט פון דעם קינסטלערס שאפונגען פילן מיר אויך די לירישע אינטאָנאציע, וואָס איז אזוי אייגנטימלעך פאר זײַן סטיל („דאָס ייִנגל מיטן בוך", „דער לעצטער שניי", די נאטיורמאָרטן „אײריסן", „אבריקאָסן", די סעריע „דאָנער פייזאזשן").

אין מעשעך פון די לעצטע יאָרן האָט וו. שטשעבלאנאָוו געשאפן גרויסע לײַוונטן אָף היסטאָריש־רעוואָליוציאָנערע טעמעס און וועגן דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע („טאמאנער מארש", „הארבסט 1942" אא.).

דער שעפערישער דיִאפאזאָן פון דעם קינסטלער איז פארשיידנארטיק. א גרויס אָרט פארנעמט אין זײַן שאפונג דער פאָרטרעט־זשאנער („די מוטער", „אן ארבעטערן", „דער פאָרטרעט פון א כירורג" אא.).

דער סקולפטאָר יוסעף סאָנקין איז געבוירן געוואָרן אין 1910 אין שטעטל מסטיסלאוול (ווײַסרוסלאנד). זײַן זעלבשטענדיק ארבעטער־לעבן הייבט ער אָן זייער פרי. צו זעכצן יאָר קומט ער אָן אלס ארבעטער אָף א בויונג, ארויסווײַזנדיק א שטארקע נייגונג צו מאָלערײַ.

אין 1939 פארענדיקט י. סאָנקין די לענינגראדער קונסט־אקאדעמיע. אין די מילכאָמע־יאָרן באטייליקט ער זיך אלס אָפיצער אין די שלאכטן פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

נאָכן קריג ארבעט י. סאָנקין אין לענינגראד אלס פעדאגאָג אין דער באוווסטער אינדוסטריעלער קונסט־שול אָף מוכינעס נאָמען, שפעטער באזעצט ער זיך אין ראָסטאָוו. דאָ שאפט ער א גאלעריי סקולפטור־פאָרטרעטן פון כאָשעווע סאָוועטישע מענטשן — געלערנטע, ארבעטער, קאָלווירטניקעס, העלדן פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע; צווישן אנדערע האָט ער אויך אויסגעקלעפט דעם פאָרטרעט פון אלעקסאנדער פעטשערסקי — דעם אָנפירער פונעם אופשטאנד אינעם פאשיסטישן טויטלאגער סאָביבאָר (דער פאָרטרעט, וועלכער געפינט זיך אין ראָסטאָווער קאנטקענטעניש־מוזיי, איז זײַנערצײַט געוועזן רעפראָדוצירט אין זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד").

יוסעף סאָנקינס סקולפטור־ווערק קאָן מען טרעפן אין פיל קולטורפאלאצן, אָף די גאסן און פלעצער פון פארשיידענע שטעט פון אונדזער לאנד און אין די קינסטלערישע פאָנדן פון רספסר.

י. שוסטער

טעאַטער און עסטראַדע

פרילינג־גאסטראָלן

ערעוו די ערשטמײַיקע טעג האָט דער מאָסקווער ייִדישער דראמאטישער אנסאמבל פארענדיקט זײַנע ארויסטרעטונגען פאר די צושויער פון דער הויפטשטאָט.

אלע פאָרשטעלונגען פונעם ספעקטאקל „דרײַ פינטעלעך", וועלכע דער טעאטער־קאָלעקטיוו האָט אין מעשעך פון צען טעג געשפילט אינעם מאָסקווער ערמיטאזש־טעאטער, זײַנען דורכגעגאנגען בא פול־געפאקטע זאלן.

דעם צווייטן מײַ איז דער אנסאמבל אין זײַן פולן באשטאנד ארויסגעפאָרן אין דער וואָלגעשטאָט גאָרקי און קיין יאראָסלאוול, ווו ער האָט אופגעפירט דרײַ ספעקטאקלען פון זײַן רעפערטואר: אווראָם גאָלדפאדענס „די קישעפמאכערן", יאקאָוו גאָרדינס „איבערן אָקעאן" און „דרײַ פינטעלעך" (לויט שאָלעם־אלייכעמס „מענטשן", „א דאָקטער" און „מאזלטאָוו").

די פילהארמאָניעס פון די צוויי גרויסע אינדוסטריעלע שטעט האָבן גאסטפרײַנטלעך באגעגנט די מאָסקווער ייִדישע שוישפילער.

ביכער פון ייִדישע שרײַבער

„יאָרן און רעגעס"

אזוי הייסט יעכיעל שרײַבמאנס נײַ פראָזע־בוך, וואָס איז דערשינען אין פארלאג „סאָוועטסקי פיסאטעל".

אין דער אויסגאבע גייען ארײַן דער ראָמאן „זיבעצניאָריקע", דערציילונגען און נאָוועלן, וועלכע שילדערן דאָס לעבן פון בעסאראביע אין דער באָיארישער רומעניע און פון דער הײַנטיקער סאָוועטישער מאָלדאוויע.

„אהיים"

אין דעם זעלבן פארלאג איז דערשינען אין רוסיש שמועל גאָרדאָנס בוך „אהיים".

דער באנד, וואָס שפיגלט אָפ דאָס הײַנטצײַטיקע לעבן פון די סאָוועטישע מענטשן, שליסט אײַן ש. גאָרדאָנס גרעסערע ווערק „צאַלעל שליפער", „די אײינציקע" און א ריי דערציילונגען, ווי אויך די סעריע רײַזע־בילדער „שטעטלעך".

שאפונגען פון ראַסטאָווער קינסטלער

אירינא טשארסקאיא —
צוויי אילוסטראציעס צו עדוארד באגריצקיס פּאָעמע
„דאָס געזאנג וועגן אָפאנאסן"

דער טויט פון אָפאנאסן

דער קאָמיסאר יאָסיף קאָגאן



וואלענטין שטשעבלאנאָוו — יורי לייענט





יעווגעני טשאַרסקי

דערמאָנונגען וועגן זון

→א פּאַראָם באַם טײַך דאָן

סקולפּטאָר
יויסעף סאַנקין

פאַרדינסטפולער אַרטיסט ג. לעאָנדאָר



אַ מעדיצין־שוועסטער

יעשוע ליובאָמירסקי

„דרײַ פֿינטעלעך"

(דער ייִדישער דראמאַטישער אַנסאַמבל און זײַן נײַער ספּעקטאַקל)



דער אַקטיאָר זינאָווי קאַמינסקי אין דער ראָל פֿון רעב אַלטערן

לעצטנס האָט דער מאָסקווער ייִדישער דראמאַטישער קאָלעקטיוו אונטער דער אָנפֿירונג פֿונעם פֿאַרדינסטפֿולן אַרטיסט ב. שוואַרצער אונדז באַרײַכערט מיט אַ נײַעם שאָלעם־אַליכעם־ספּעקטאַקל אונטערן נאָמען „דרײַ פֿינטעלעך". דאָס זײַנען, אייגנטלעך, די דרײַ באַוווּסטע שאָלעם־אַליכעמס איינאַקטערס — „מענטשן", „אַ דאָקטער" און „מאַזל־טאָוו".

די צושויער נעמען זייער גוט אויף דעם ספּעקטאַקל, זיי רעאַגירן לעבהאַפֿטיק אַף אַ ריי מאָמענטן פֿון דער האַנדלונג, אַן אַטמאָספֿער פֿון ייִאָמטעוודיקײַט טראָגן אַרײַן די ניגונים, וועלכע קלינגען אַף דער בינע (אַ טייל פֿון זיי האָט פֿאַרפֿאַסט לייב פּולווער).

ווי באַוווּסט, איז דער דאָזיקער אַנסאַמבל אַ „וואַנדער־טרופּע". דעריבער זײַנען די באַדינגונגען פֿון זײַן שעפֿערישער טעטיקײַט קאָמפּליצירט. דער געפֿיל פֿון ענטוזיאַזם צעמענטירט אָבער דעם קאָלעקטיוו אַף אַזויפֿיל, אַז ער איז גרייט צו לייזן שווערע שעפֿערישע אויפֿגאַבן. דאָס אַלץ לייגט אַרויף סײַ אַף דער אָנפֿירונג פֿונעם אַנסאַמבל, סײַ אַף דער גאַנצער טרופּע גרויסע היסכײַוועסן.

באַם שטעלן די קלאַסיק אַנטשטייט פֿאַרן אַנסאַמבל אַזאַ ברייַרע: אָדער מאַכמעס גרויסן ייִראַס־האַקאָוועד אָנווענדן צום טעקסט דעם קאַנאָניזאַציע־שטאַנדפּונקט, דאָס הייסט — זײַן אַ פּאַסיווער איליוסטראַטאָר פֿונעם קלאַסיקערס פּיעסע; אָדער אַ פּרוּוו טאָן דעם קריטישן צוגאַנג.

די טעאַטראַלע פּראַקטיק פֿון פֿאַרשיידענע צײַטן האָט באַוויזן, אַז קלאַסישע פּיעסן ווערן ווײַט ניט אַלעמאָל קאַנאָניזירט, אויב דער אַנסאַמבל, וואָס נעמט זיך באַשאַפֿן פֿון זיי אַ ספּעקטאַקל, זאָגט זיך אָפּ צו גיין אַף אויסגעטראָטענע וועגן. אַזוי האָבן זיך נוייעג געווען אַזעלכע סצענישע טוער, ווי סטאַניסלאַווסקי, מייערכאָלד, וואַכטאַנגאָוו, טאַיִראָוו, גראַנאָווסקי אוכדוימע. זיי פֿלעגן פֿאַרוואַנדלען די טעאַטערן, ווו זיי האָבן געאַרבעט, אין לאַבאָראַטאָריעס אַף צו זוכן נײַע ניואַנסן. עמעס, זיי האָבן פֿאַרמאָגט — שוין אָפּגערעדט פֿון זייער פּערזענלעכער קאָלאָסאַלער קולטור און ערודיציע — די נייטיקע מיטלען אַף צו לייזן אַזעלכע אויפֿגאַבעס: די מעלוכע, די געזעלשאַפֿטלעכקײַט האָבן פֿון דער ברייטער האַנט געשטיצט אַזעלכע עקספּערימענטן.

דער ייִדישער דראַמאַטישער אַנסאַמבל, מיט וועלכן עס האָט צו טאָן אונדזער אָפּהאַנדלונג, איז, ווי געזאָגט, אַ באַוועגלעכער קאָלעקטיוו, און דאָס טראָגט אַרײַן באַגרענעצונגען אין פֿראַט פֿון רעאַליזירן דעם אָדער יענעם פֿאַרטראַכט. און דאָך האָבן די רעזשיסערן פֿונעם איצטיקן איינהײַטלעכן גאַנג פֿון די

דרײַ איינאַקטערס, וואָס שטעלן צונויף „דרײַ פּינטעלעך״, — הירש קאַנטאָר און מיכל שאַפּיראָ — אַרויסגעוויזן אַ געוויסע איניציאַטיוו בענעגײַע דער סצענישער אינטערפּרעטירונג פון שאָלעם־אַלייכעמס אָנגעוויזענע ווערק. ערשטנס, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט צו קאָפּירן זייערע פאָרגייער אויף דער בינע פונעם מאָסקווער גאָסעט; צווייטנס, האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַ געוויסע נייגונג צו נאָוואַטאָרישקײַט. דאָס האָט קוידעמקאָל זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעשטרענגט צו באַשאַפן פאַר דעם ספּעקטאַקל אַ רוקנביין, אַ קאַרקאַס, וועלכער זאָל דעם צושויער געבן די מעגלעכקײַט באַטראַכטן די דרײַ אָפּגעזונדערטע איינאַקטערס, ווי טיילן פון איין גאַנצעס. דעם אַקטיאָר זינאָווי קאַמינסקי, וועלכער שפּילט רעב אַלטערן אין „מאַזלטאָוו״, האָבן זיי פאַרוואַנדלט אין אַ מין רופאָר פון שאָלעם־אַלייכעמס אַפאָריזמען, וועלכע שעמערירן, ווי בריליאַנטן, אין פאַרשיידענע זײַנע ווערק. ס'איז קלאָר, אַז די רעזשיסערן באַמיִען זיך מעצאַרעף זײַן די צושויער צו שאָלעם־אַלייכעמס געדאַנקענגאַנג, צו זײַן וועלט־באַנעם. די דאָזיקע אופגאַבע האָט די רעזשי געקאָנט אויספילן, אויסטיילנדיק צוליב דעם אַ באַזונדערן אַקטיאָר. ניט דערפאַר, וואָס ז. קאַמינסקי איז ניט אימשטאַנד זיך ספּראַווען מיט אַזאַ שליכעס. צו קאַמינסקין קאָן מען אין דעם פּראַט קיינע טײַנעס ניט האָבן. אָבער מע קאָן דאָך ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט דעם פאַקט, וואָס דער זעלבער אַקטיאָר שפּילט רעב אַלטערן אין „מאַזלטאָוו״.

ווער עס האָט אופמערקזאַם געלייענט „מאַזלטאָוו״, דער ווייסט, אַז שאָלעם־אַלייכעם מאָלט רעב אַלטערן, ווי עפּעס אַ מין מעכעטייסע־ייִד, וואָס איז אַלעמאָל קאַפּאַבל אויסהערן פאַרשיידענע צדדים און יעדן צד אָפּגעבן גערעכט.

אַז ביילע די קעכן נעמט שעלטן די „צעצעליסטן״ (סאָציאַליסטן), ווערט רעב אַלטער צעקאָכט. „לאָז גאָט היטן, — שלאָגט ער זי איבער, — וואָס האָב איך צו זיי?!״, און ער דערקלערט ביילען, אַז די „צעצעליסטן״ נעמען זיך אָן די קריוודע פון די אָרעמע־לײַט, פון די אַרבעטער. נעמט ביילע און טוט אַ קערעוועע איר קלאָלעס־שטראָם אין אַנדערער ריכטונג: „זאָלן מײַנע באַלעבאַטים אײַנעמען אַ מיסע־מעשונע פאַר דעם מינדסטן נאָגל זייערן״. ווערט רעב אַלטער ווידער ניט צופרידן און רײַסט איבער ביילעס שעלטן: „זאָל גאָט היטן — וואָס האָב איך צו זיי?!״.

שאָלעם־אַלייכעם איראָניזירט ניט נאָר בענעגײַע רעב אַלטערס גוטמוטיקײַט און ווייכלײַביקײַט — ער מאַכט כויזעק פון זײַן געשמאַקלאָזיקײַט, ווען ער פּילנעוועט די ייִדישע מעשאָרסים, קעכנס און פאַקאַיאָוועס מיט ביליקע, וווּלגאַרע ראָמאַנען, אַזעלכע ווי „דער ווילדער נעגער אין רויטן גאַרטל מיט צען אָנגעלאָדענע פּיסטאָלעטן און מיט זעקס פאַרשאָלטענע דאַמען אין טויבן־געשטאַלט״ — אַ מוסטער פון דער „ליטעראַטור״, וואָס רעב אַלטער גופע איז אין איר פאַרקאָכט. האַגאַם ער איז שוין באַקאַנט מיט די פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע ביכלעך, וואָס גיבן אַ געוויסע פאַרשטעלונג וועגן סאָציאַליזם, איז ער אָף אַזויפיל אָפּגעשטאַנען, אַז פון זײַן מויל קלינגט דאָס וואָרט סאָציאַליסטן, ווי „צעצעליסטן״.

ריידנדיק מיט ביילע דער קעכן, זאָגט איר רעב אַלטער: „אָט, לעמאָשל, כאַפּט אָן, צום בלײַשטיפט, אַ יונגע אַלמאָנע, ווי איר זײַט״. אַ געבילדעטער לייענער, אַ קולטורעלער צושויער שטויסט זיך אָן, אַז רעב אַלטער האָט זיך מיסקאַוון געוווען זאָגן: „צום בײַשפּיל״ און געזאָגט האָט ער: „צום בלײַשטיפט״.

אָט דאָס אַלץ באַווײַזט, אַז שאָלעם־אַלייכעם האָט זײַן רעב אַלטערן באַטראַכט, ווי אַן אַמהאָרעץ און אַ ניט גאָר איבערגעשפּיצטן מענטשן.

וואָס זשע זעען מיר אינעם ספּעקטאַקל? דער זעלבער אַקטיאָר, אין דעם זעלבן גרים און קאָסטיום, וועלכער שפּילט אין די אינטערמעדיעס דעם טאַלמידכאָכעם, מע קאָן זאָגן — דעם שטעלפאַרטרעטער פון שאָלעם־אַלייכעמען, ווערט אין „מאַזלטאָוו״ מעגולגל אינעם נאַיִוון רעב אַלטערן. בעעמעס — אַן אומדערוואַרטע מעטאַמאָרפאָזע! אַ פאַרזאָן מיט צוויי קעפּ: איין קאָפּ — פון אַ כאָכעם, און אַ צווייטער קאָפּ — פון אַן אַמהאָרעץ.

צוריקשמועסנדיק, קאָן מען זאָגן, אַז די דרײַ איינאַקטערס האָבן עפּשער ניט אַזוי שטאַרק זיך גענייטיקט אין אַ ספּעציעלן קאַרקאַס דערפאַר, וואָס אַלע דרײַ מיניאַטורן פאַריייניקט סײַוויסײַ איין רויטער פאָדעם, איינע און די זעלבע אידיי. מיט דער דאָזיקער אידיי איז דורכגעדרונגען אַ היפּש ביסל שאָלעם־אַלייכעמס ווערק. דאָס זײַנען זײַנע מאַכשאָוועס מיקויעך דער וויסטער סאָציאַלער אָנשיקעניש, וואָס טראָגט דעם נאָמען — אופגעקומענער ייִדישער גוויר. אַזעלכע, לאָמיר זאָגן, ווי סענדער בלאַנק, ווי די ספּעקוליאַנטן פון דער פּיעסע „יאַקנעהאָז״.

ברענענדיק איז שאָלעם־אַלייכעמס האַס בענעגײַע זיי. העלישפּײַערדיק איז זײַן פאַראַכטונג צו די דאָזיקע ניוווזשעניקעס.

פּונקט אַזעלכע פאַרשווינדלעך זײַנען בייגלמאַן פון „אַ דאָקטער״, די מאַדאַם גאָלד פון „מאַזלטאָוו״, אויך די, וואָס פיגורירן אין „מענטשן״.

אין אַלע דרײַ איינאַקטערס הויערט איבערן בינע־כאַלאַל די אַטמאָספער פון אַכזאָריעס, קליינקעפּלדיקײַט, עקלהאַפטער פאַריסנקײַט. און דער האַס צו זיי איז דער נאַטירלעכער רוקנביין פון די דרײַ איינאַקטערס.

אין לעצטן סאַכאַקל איז שוין עפּשער ניט קעדײַ צו שטעלן די פראַגע, צי מע האָט באַדאַרפט אַרײַנפירן אינעם ספּעקטאַקל דעם פערסאָנאַזש, וועלכער רופט אַרויס אינעם זיקאָרן פון די צושויער שאָלעם־אַלייכעמס אַפאָריזמען, צי ניין, אויף וויפל די האַמצאָע פון די רעזשיסערן איז ניט געבליבן הענגען אינדערלופטן: דעם צושויער געפעלן די כאָכמעס, וואָס מע האָט געשעפּט פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק — דער אוילעם איז מיט זיי זיך מעהאַנע.

די רעזשיסערן הערש קאַנטאָר און מיכל שאַפּיראָ האָבן אַרויסגעוויזן אַ דראַנג צו נאָוואַטאָרישע האַמצאָעס נאָך אין איין פּראַט. אינעם פינאַל פון „מאַזלטאָוו״ דערזעען מיר אין דער קיך פון מאַדאַם גאָלד אַ ייִדישע כופּע. צוויי פאָרלעך פּירט מען צו דער כופּע: רעב אַלטערן מיט ביילע דער קעכן און כאַיִם דעם מעשאָרעס מיט דער פאַקאַיאָווע פּראַדל. אין שאָלעם־אַלייכעמס טעקסט איז ניטאָ קיין אָנווײַזונג אויף אַ כופּע. אויך אין דעם שאָלעם־אַלייכעם־ספּעקטאַקל פונעם מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאַטער האָט מען „מאַזלטאָוו״ פאַרענדיקט אָן אַ כופּע.

ווי ס׳איז שוין געזאָגט געוואָרן, איז דער איצטיקער ייִדישער אנסאמבל ניט מעכויעוו צו זײַן א טרײַער שוימער פון די טראדיציעס פון זײַנע פאָרגייער. אָבער מיר ווייסן, אז א ייִדישע כאסענע איז געווען איינער פון די סאמע אײַנדרוקספולע צערעמאָניִאלן אינעם אמאָליקן ייִדישן שטייגער. מאשמאָעס, אז עס פאָדערט זיך א געוויסע אכטונג און טאקע דערעכערעץ לעגאבע אָט דעם מינהעג. און דאָ, אינעם ספעקטאקל „דרײַ פינטעלעך”, האָט מען עס געמאכט מײַסע כאפ־לאפ. ארײַנגעלאָפן מיט די פיר שטעקנס מיטן דעק־טוך פון אויבן, א וואָרף געטאָן צו שטיקלעך מארליע אַף די קעפ פון ביידע קאלעס, אַף איין אויגנבליק זיי א שטעל געטאָן אונטער דער כופע און, פארשטייט זיך, ניט מעסאדער־קדושין געווען. דאָס איז דאָך א פאראָדיע.

נאָך מײַן מיינונג איז דער איצטיקער פינאל פון „מאזלטאָוו” פעלערהאפט.

דאָך — ווי מיר זאָלן ניט אָפשאצן די אויבן־אָנגעוויזענע אײַנפאלן פון דער רעזשי, איז קלאָר, אז ניט אין זיי איז דער שווערפונקט פון אָט דעם ספעקטאקל. דער איקער איז די שפיל פון די אקטיאָרן — צי האָט זיך באקומען איבערצײַגעוודיק די פארקערפערונג פון דער אָדער יענער ראָל.

לאָמיר באטראכטן די יונגע פאָקאִיאָווע ליזע אינעם איינאקטער „מענטשן”. ליזע איז איינע פון די סאמע באאוולטע „מענטשן” אין דער אטמאָספער פון ווילקיר. דער נעגידעסטעס זון נאטאן מאָיִסייעוויטש האָט זי פארפירט. זי איז שוואנגער, און די באלעבאטים טוען אלץ, קעדיי פון איר פאָטער צו ווערן. דער דראמאטורג מאָלט מיט געדיכטע פארבן איר פארצווייפלטע לאגע. ער שטרײַכט אָפטמאָל אונטער אין זײַנע אווטאָרישע רעמארקעס: „ליזע וויינט”.

ס׳איז קלאָר, אז ליזעס שווערע לאגע מוז ארויסרופן באם צושויער ניט נאָר טיפן מיטלײַד, נאָר אויך סימפאטיע. אָבער ראק מיט כליפען, ראק מיט וויינען קאָן מען דען קריגן כיין באם צושויער? ס׳איז א גרויסער סאָפעק. דער צושויער באדארף כאָטש א פונק פון טעמפעראמענט באמערקן בא דער פערזאָן, וואָס די אקטריסע פארקערפערט. ביפראט נאָך ווען די ראָל שפילט א יונגע פרוי. דאָ טויג ניט אויסנוצן בלויז טריבע פארב. דער צושויער וועט באטראכטן אזא ליזען, ווי א צעקראָכענע בריִע, ווי א קלאָגערן, און עס וועט אים נודיען פון איר יעכצן און יאָמערן.

שלוימע מיכאָעלס האָט בעשאס איינעם פון זײַנע שמועסן מיט א גרופע יונגע אקטיאָרן געזאָגט: „א שווערע אופגאבע אנטשטייט פארן אקטיאָר, אויב אין דער ראָל, וואָס איז פאר אים באשטימט, דאָמינירט איינע און די זעלבע נאָטע, באזונדערס — אויב זי דריקט אויס יִיעש... מיר זײַנען ליב אזעלכע ראָלן, ווו איך קאָן איבערגיין פון מינאָר צו מאזשאָר, אָדער פארקערט. דעמלט דערשפיר איך א ריטם אינעם געשטאלט, מאכמעס ריטם איז א געראנגל פון סטירעס, פון קעגנזעצלעכקײַטן. אויב אָבער עס דאָמינירט איין נאָטע און דערצו נאָך א קלאָגעדיקע, איז אויס ריטם. און אויב אויס ריטם, איז אויס פאָעזיע. און זי איז דאָך די נעשאָמע פון ספעקטאקל”.

ווען ליזע דערציילט דעם מאזשגיִעך פון די קידמענטשן, דאניִעלן, וויאַזוי נאטאן מאָיִסייעוויטש האָט איר דעם קאָפ פארדרייט, מוז בא איר ערגעצווּ זיך ארויסרײַסן א ביטערע, צאָרנדיקע נאָטע. עס מוז פון איר א שפריץ טאָן מיט סארקאזם. שוין זשע האָט ליזע לעגאמרע פארלאָרן דעם געפיל פון געווײנלעכער זעלבסטווירדע? בלויז פאסיוו אויסנוצן דעם טעקסט אין אזא פאל איז א פערספעקטיוולאָזער איניען. מע מוז זיך אָן אייצע געבן און דערגאנצן דאָס ניט דערזאָגטע. זאָלן וועגן דעם א טראכט טאָן סײַ די אקטריסע פאָלינע אײַנבינדער, סײַ די רעזשי.

אין דעם זעלבן איינאקטער האָבן מיר צו טאָן מיט נאָך טרויעריקע דערשײַנונגען. אין דער ערשטער ריי ציט צו אונדזער אופמערקזאמקײַט דער גוירל פון פאניטשקען, דער געוועזענער מאדאם גאָלדס שטוב־מויד, וועלכע מע האָט אזוי ברוטאל באהאנדלט, ווי ליזען, און אזויארום זי א שטויס געטאָן צו אויסגעלאסנקײַט, צו ווערן א גאסן־מויד. יאָ, פאניטשקע איז טראגיש, איר טראגיזם איז אָבער פון אן אנדער מין: ער איז מיט א קאָמישן אונטערשלאק... מאכמעס אָט בראווירט זי מיט אָנדערהאלבן צענדליק פראנצויזישע אומגאנגס־ווערטער, וועלכע באפוצן, ווי מיט מעשענע קנעפ, איר מײַנע־לאָשן (באָנזשור, זשע ווו פרי, קעסקעסע, דאניי מאא קעלקשאז, אָרעוווּאַר, מאָסיע) ... אָט בארימט זי זיך מיט די פיר צימערן, מיט וועלכע אירע „כאסאנים” האָבן זי באשטאט... און אָט בראווירט זי מיט דעם, וואָס אין געראנגל פאר איר האָבן צוויי סטודענטן זיך געשאָסן... און פלוצעם רײַסט זיך פון איר מויל ארויס א געשריי: „ס׳איז מיר גוט, לאך איך: כא־כא־כא! ס׳זאָל זיי (די רײַכע באלעבאטים) זײַן אזוי גוט, ווי מיר”.

און ענדלעך, ווען זי דערמאָנט זיך אין איר ברודער, וועלכער איז א פאָליטישעסקי און שמאכט אין טפיסע (און ער האָט דאָך זי אזוי ליב געהאט), צעוויינט זי זיך היסטעריש.

העיויס פאניטשקע פיגורירט בלויז געציילטע מינוטן אַף דער בינע, אנטשטייט פאר דער אקטריסע, וואָס שפילט די דאָזיקע ראָל, א שווערע אופגאבע: אקצענטירן דאָס טראגישע, אָדער זיך א וואָרף טאָן אין דער שוימיקער סטיכיע פון בורלעסק...

די אקטריסע סאָניע ביניק האָבן זיכער פארכאפט די בונטע פארבן, מיט וועלכע עס זײַנען אָנגעזעטיקט פאניטשקעס בארימערײַען. צי קאָן אן אקטריסע, וועלכע פארמאָגט א מערקווירדיקע נייגונג צו קאָמעדיע, פארכאפט ווערן פון אזעלכע מאָמענטן אין אזא ראָל, ווי פאניטשקע? — געוויס! דער צושויער הערט מיט פארגעניגן זיך אײַן אין איר פראנצויזיש־פלאפלערײַ, האגאם בעשאסמײַסע ווערט אין הינטערגרונט פארשטויסן דאָס טראגישע, וואָס עס שטורעמט בא פאניטשקען אין הארצן. דער צושויער כאפט מיט פארגעניגן אויף די פאטעטישע בורלעסק־פונקען, וואָס די אקטריסע זשאָנגלירט מיט זיי.

אָן שום סאָפעק, איז אומגליקלעך אויך דער לאקיי הערץ. דאָ האָבן מיר ווידער צו טאָן מיט א קאָמפליצירטער ליכט־ און שאָטן־שפיל. האָט דאָך דאניִעל דער מאזשגיִעך פון די „מענטשן” געקרויוונט הערצן מיט דעם צונאָמען „פאיאץ”. דעסגלײַכן באטראכטן אים די איבעריקע לײַט פון זײַן סוויווע, ווי א לעץ. די קעכן ריקל באפוצט אים מיטן טיטל „שמאדאלניק”. דערפון איז געדרונגען, אז הערץ איז זייער א לעבנסלוסטיקע בריִע. מעגלעך, אז ער דערטרינקט

א סצענע פֿונעם איינאַקטער „מענטשן". זיאמע מיימאַן אין דער ראָל דאַניִעל דער מאַזשגיִעך און ראָזע קורץ — ריקל די קעכן.

אין פֿאַיאַצערײַ זײַן טיפֿן צאַר. ער האָט דאָך ליב ליזען, און זי אים נישט. שאָלעם־אַלייכעם גיט אונדז מיקויעך דעם אָנצוהערן אין זײַן רעמאַרקע, ווו ער שרײַבט, אַז בעשאַס הערץ טראָגט אַרויס פֿון קיך ליזעס קעסטל מיט איר געפּעק, שטייען בא אים טרערן אין די אויגן, און דאָס פּאָנעם איז בא אים רויט, ווען ער קערט זיך אום צוריק אין קיך, נאָכ־דעם ווי ער האָט ליזען אַרויסבאַגלייט. אָט פֿאַרוואָס, ניט געקוקט דערוף, וואָס עס שטראָמט, ווי קוועק־זילבער, די לעבנסלוסטיקײַט אין זײַנע געבליטן, פֿאַרגאַנוועט זיך צײַטנווײַז עפּעס שאָטנדיקס אין זײַן געמיט. זײַנע גיפּטיקע רעפּליקעס בענעגייע דער נע־גידעסטע גאָלד, זײַן כיישעק צו זינגען, שפּילן אַף א גיטאַרע — דאָס אַלץ זאָגט איידעס, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט א באַגאַבטן, טעמפּעראַמענטפֿולן פֿאָלקסמענטש.

האָט דער אַקטיאָר מאַרק גויכמאַן גענומען אין באַטראַכט אָט די אַלע הערצס אייגנשאַפֿטן? צום באַדויערן, קומט לעסאַטע אויס צו קאָנסטאַטירן, אַז מ. גויכמאַן האָט נאָך ניט גויווער געווען די שווע־ריקײַטן, וואָס זײַנען אייגנטימלעך פֿאַר דער דאָזי־קער ראָל. זייער צוריקגעהאַלטן, מיט צופֿיל א גע־צוימטן טעמפּעראַמענט שפּילט מאַרק גויכמאַן הערצן. ניטאָ די פֿילפֿאַרביקײַט, וואָס מיט איר איז רײַך אָט די ראָל.

די לײַדנשאַפֿטלעכקײַט, וועלכע פֿעלט אין דער איצטיקער הערץ־פֿאַרקערפּערונג, טוט א בלישטשע אין ריקל דער קעכנס מאַן, אין פֿישלען, וועלכן עס שפּילט דער אַקטיאָר כאַיִם ספּיוואַק. שוין אין די רעמאַרקעס גיט אונדז שאָלעם־אַלייכעם אָנצוהערן, אַז פֿישל איז „א פֿאַרזאָרגטער נעפֿעש". אייגנטלעך, איז פֿישלס מאָרעשכוירע נאַטירלעך: זײַן ווײַב ריקל דינט בא דער מאַדאַם גאָלד, פֿישל גופֿע איז א מעשאָרעס בא אַן אַנדערן גוויר, און זייער יונגע טאָכטער איז א דינסט גאָר בא אַן אַנדער באַלע־באָס — ניטאָ קיין הויזגעזינד: צעזייט און צעשפּרייט. אָבער דאָס איז נאָך קאַרג. עס ברענט בא פֿישלען אין האַרצן די אייפֿערזוכט. זײַן ריקל איז א פֿריי־לעכע נעשאָמע, און זי וויל דאַפֿקע יאָ הערן, ווי הערץ זינגט און שפּילט...

דער אַקטיאָר ספּיוואַק האָט געפֿונען די טרעפֿלעכע אינטאָנאַציעס, די פּאַסיקע מימיק, מאָלנדיק אָט דעם אופֿגעבראַכטן, פּראָטעסטירנדיקן מענטשן: גיפֿטיק, אָנגעזאָפּט מיט גאַל, קלינגען פֿישלס פּראָטעסטן. נאָך מער פֿאַרשטאַרקט זיך דאָ דער עפֿעקט אַדאַנק דעם שאַרפֿן קאָנטראַסט צווישן די כאַראַקטערן פֿון פֿישלען און פֿון זײַן ריקל — דער „פֿריילעכער נע־שאָמע". איבערצײַגנדיק שפּילט די אַקטריסע ראָזע קורץ ריקלס ראָל. דער טיפּ פֿון א האַמוינישער פֿרוי באַקומט זיך בא איר בוילעט.

א באַזונדערן פּלאַץ צווישן אָט די קיך־„מענטשן" פֿאַרנעמט דאַניִעל, דער מאַזשגיִעך איבער דער דיי־נערשאַפֿט. אין אָט דעם דאַניִעלן ראַנגלען זיך סטיי־רעס: אָט דערשפּירן מיר אין אים אַן איבערגעגע־בענעם פֿרײַנט פֿון די „מענטשן", איבער וועלכע ער האָט צו שאַפֿן. זייערע אַנגסטן, זייערע אומגליקן רופֿן אַלעמאָל אַרויס אַן אָפּקלאַנג אין זײַן נעשאָמע. דאָס זעט מען, צום בײַשפּיל, קלאָר אַרויס פֿון זײַן פֿאָטערלעכער דײַגע וועגן דער אומגליקלעכער ליזע. צוריקשמועסנדיק, אַנטפּלעקן מיר אין אים א געוויסע גײַסטיקע יערידע. זײַן לאַנגיאָריקע לאַגע פֿון א ניכנע בא די גווירים האָט געווען די אַנט־וויקלונג פֿון זײַנע שקלאַפֿערישע רעגילעסן. דעהײַנו: ווען ער קומט אין פֿאַרקער מיט זײַנע באַלעבאַטים, דערזעען מיר אין אים עפּעס א מין אופֿלאַגע פֿון טשעכאָווס „כאַמעלעאָן". אַלע מאָל, ווען די באַלע־באָסטע טוט אים א רוף אין די „פּאָקאָיעס", — שטרײַכט אונטער שאָלעם־אַלייכעם, — ווערט דאַניִעל מיט א קאָפּ קלענער, אײַנגעהויקערט, נעבעכדיק, און אין אַזא גילגל קאַראַטשקעט ער זיך אַף די טרעפּ צו דער באַלעבאָסטע. און אַז ער נידערט אַראָפּ, — שרײַבט שאָלעם־אַלייכעם, — ווערט ער מיט א קאָפּ העכער, און איר דערזעט פֿאַר זיך דעם שטאָלצן מוישל איבער די „מענטשן", בענעגייע וועלכע ער האַלט זיך זייער שטרענג, באַפֿעלעריש.

דער אַקטיאָר זיאַמע מיימאַן, וועלכער שפּילט דאַ־ניִעלן, האָט געהאַט די ברייִרע: אָדער פֿולשטענדיק אויסנוצן שאָלעם־אַלייכעמס אָנווײַזונגען און אַזוי־אַרום זיך לאָזן אַפֿן וועג פֿון ריזיקאַלישע עקספּערי־מענטן, אָדער באַטראַכטן דאַניִעלן פֿון גאָר אַן אַנ־דערן קוק־ווינקל. מיימאַן האָט אין דאַניִעלן דערזען בלויז א געטרײַען כאַווער פֿון דער דינערשאַפֿט און זיך אָפּגעזאָגט צו באַטאָנען זײַן האַכנאָע און צופּאַס־לערײַ. אַזויאַרום, האָט מיימאַן דאַניִעלן דערלאַנגט די צושויער אין א לאַכלוטן פּאָזיטיווער באַלויכטונג.

דאָס שטימט מיטן פֿינאַל פֿון דער פּיעסע, ווו דאַ־ניִעל דערלויבט זיך צום ערשטן מאָל אין זײַן לעבן רעוואָלטירן קעגן דער ברוטאַלער עקספּלואַטאַציע און אומענטשלעכקײַט פֿון די אַדוינים און אַזויאַרום דעמאָנסטרירן, ווי־אַזוי בא דעם סאַמע דערשלאָגענעם

מענטשן מוז אופוואכן דער געפיל פון עלעמענטאַרער זעלבסטווירדע.

ווי אן עכטן קינסטלער, א בארופענעם דראמאטורג האָט שאָלעם־אלייכעמען זײַן אינטויציע אונטערגעזאָגט, אז אין אָט דעם טראגישן כאשכעס איז נייטיק ארײַנטראָגן א שטארק קאָנטראסטירנדיקע פארב, וואָס זאָל באם צושויער ארויסרופן ניט נאָר א שמייכל, נאָר אפילע א הילכיק געלעכטער. און שאָלעם־אלייכעם האָט מיט זײַן צויבער־שטעקעלע ארויסגערופן דעם גראָטעסק אין דער פערזאָן פון סענדער דעם מעלאמעד, רעוועטשקעס טאטע.

אָט הערט זיך אײַן, ווי שאָלעם־אלייכעם שטעלט אים פאָר דעם לייענער און דעם צושויער שוין אין דער רעשימע פון די פערזאָנען. ער שטרײַכט אונטער, אז סענדער איז „א באוואקסענער, ווי א כײַע". אין דעם מאָמענט, ווען עס באווײַזן זיך אין קיך סענדער מיט זײַן טאָכטער רעוועטשקע (וועלכע פארבײַט די ארויסגעטריבענע ליזע), שרײַבט שאָלעם־אלייכעם אין זײַן רעמארקע: „רעב סענדער וויקלט זיך אויף פון די שאלן, און מע דערזעט א באוואקסן פאָנעם; ריקל און הערץ באטראכטן אים, ווי א ווילדע כײַע".

סענדער שיט מיט פסוקים פון כומעש, פון פרקי אבות. דער דראמאטורג זשאלעוועט אים ניט קיין ציטאטן. דער ציל פונעם אווטאָר איז — דערלאנגען אונדז א קאריקאטור.

דער אקטיאָר ע. טראקטאָווענקאָ, א דערפארענער אין פראט פון באשאפן גראָטעסקישע געשטאלטן, האָט בענעגייע זײַן רעב סענדערן איגנאָרירט די אויבנציטירטע שאָלעם־אלייכעמישע וואָרענונגען. די בעקלעך פון טראקטאָווענקאָס סענדערן זײַנען ווײַסינקע, עס שפילט אף זיי ראָזעווע פארב, ווי בא א יונגן באָכער. די האלבאָשע איז געצילט כויזעק צו מאכן פון סענדערן.

טראקטאָווענקאָ האָט זיך אליין געקריוודעט, איגנאָרירנדיק שאָלעם־אלייכעמס דײַטלעכע אָנצוהערעניש. אזויארום, איז אין גאָר א גרויסער מאָס פארמינערט געוואָרן דאָס קאָמישע אין רעב סענדערן, ס'איז פארמעקט דער טעאטראלער עפעקט, צו וועלכן עס האָט געשטרעבט דער אווטאָר.

נאָך א פעלער זײַנען באגאנגען די רעזשיסערן, ווען זיי האָבן באשלאָסן, אז טראקטאָווענקאָ זאָל שפילן אינעם איינאקטער „א דאָקטער" רעב שאָלעם שאדכן אָן גרים. אזא שטריך טראָגט ארײַן א דיסאָנאנס אין דער אלגעמיינער שטימונג, וואָס הערשט אין „א דאָקטער". די אקטיאָרן שפילן דאָ סטיליסטיש אויסגעהאלטן, אין דער מאניר פון א בופאָנאדע. דאָס איז דערפאר, מאכמעס זיי האָבן דערשפירט דעם גיפט פון שאָלעם־אלייכעמס סאטירע און האָבן געטאָן אלץ, וואָס ס'איז נייטיק, קעדיי צו שאנד און צו שפּאָט מאכן דעם אופגעקומענעם גוויר בייגלמאן און זײַנע בניי־באַיִס.

שאָלעם־אלייכעם האָט אָט דעם איינאקטער באטראכט ווי א שפּאס, און דער אקטיאָרן־קאָלעקטיוו האָט זיך געפלײַסט דײַטלעך דערלאנגען די צושויער די אידיי פון דער פיעסע, איר שטימונג, און דערייקער — די דינאמיק, וואָס פאָדערט זיך אין אזעלכע סיטואציעס. אדאנק דעם איז דער טעמפּ פון אָט דער פאָרשטעלונג — א פיבערהאפטער, דער ריטם — א זודיקער.

דער אקטיאָר כאַיִם ספּיוואק האָט, ווײַזט אויס, ערנסט דורכגעטראכט זײַן אופגאבע און געפונען די מאנירן, וואָס מאָלן בייגלמאנס קליינקעפלדיקײַט, זײַן אזעס און באזונדערס זײַן פאריסנקײַט. אָט די פּוסטע גײַווע אנטפּלעקט זיך אמבוילעטסטן אין זײַן ביטל־באציִונג צו רעב שאָלעם שאדכן. ווען מע נעמט בייגלמאנס באגרענעצטקײַט קייפלען אף זײַן אקשאָנעס, איז קלאָר, וואָס פאר א פּוסטע קיילע דאָס איז.

אין איינקלאנג מיט דער מאניר פון כאַיִם ספּיוואקס בייגלמאן שפּילט סאָניע ביניק די ראָל פון בייגלמאנס ווײַב כאנע־לייע. אין איר זעלבסטצופרידענעם שמייכעלע, אין איר האלטונג סײַ ווי א וואזשנע מעיוכעסעס און סײַ ווי א הײַנטוועלטיקע מאדאם, געווינט ביניק די אופמערקזאמקײַט פון די צושויער. איר כויזעק בענעגייע כאנע־לייען, וואָס ווערט שטיפעריש אונטערגעטראָגן, דערגרייכט דעם ציל: כאנע־לייע ווערט דעמאסקירט.

באם אקטיאָר מארק גויכמאן האָט אין דער ראָל פון בייגלמאנס זון אבראמטשיקן זיך דורכגעריסן דער טעמפּעראמענט, וועלכן ער האָט געצוימט אין דער ראָל פון הערצן. גויכמאן האָט מיט א זיכערער האנט דערלאנגט שאָלעם־אלייכעמס סאטירע אף אָט דעם פרישגעבאקענעם מאסקיל. דאָס עפּעלע פאלט ניט ווײַט פונעם ביימעלע: אבראמטשיק האָט געיארשנט דעם טאטנס גרויסהאלטערײַ. דער צושויער שאצט אָפּ דעם אויפן, וויאזוי ער ווארפט רעב שאָלעם שאדכענען אין פּאָנעם ארײַן די עטלעכע „איינאָסטראנע ווערטער": דעספּאָטיזמוס, פאנאטיזמוס, קאָנסערוואטיזמוס. ווי איינער רעדט: „איך בין טאקע אן אופגעקלערטער, און דו — וואָס ביסטו?". אָט דער אבראמטשיק וועט איבערלאָזן א שפּור אינעם זיקאָרן פון דעם צושויער.

די סאמע קאָמישע פיגור אינעם איינאקטער „א דאָקטער" איז רעב שאָלעם שאדכן. דאָס איז אזא בריִע, וואָס איז באשאפן געוואָרן מאקסימאל זיך צוצופּאסן צו קאָלערליי סיטואציעס, אבי האָבן פּארנאָסע. געוויס איז שאָלעם שאדכן דער עמבריאָן, פון וועלכן עס האָט שפּעטער ארויסגעשפּראָצט סאָלאָווייטשיק אין „דאָס גרויסע געווינס". אינגאנצן פארלאָרן זײַן מענטשלעכע זעלבסטווירדע, איז ער איינער פון די סאמע נעבעכדיקע שאָלעם־אלייכעמס לופט־מענטשן.

עליע טראקטאָווענקאָ שילדערט מיט בונטע פארבן רעב שאָלעמס קוועקזילבערדיקע זשוואוועקײַט, זײַן אומויסשעפּלעכן אקשאָנעסדיקן אימפּעט. פאר אזא ראָל פאָדערט זיך פונעם אקטיאָר א גוואלדיקע דורכגעטריבנקײַט, פיל עלאסטישקײַט, א ווירטואָזע פּלאסטיק. דאָס אלץ שטורעמט און ברויזט אין טראקטאָווענקאָס דינאמישער שפּיל. זײַן שאָלעם שאדכן איז ווירקלעך דער הויפּט־נערוו אין די געשעענישן, וועלכע וויקלען זיך פאר אונדז דאָ פאנאנדער. אָבער צו וואָס האָט געטויגט ארויסלאָזן טראקטאָווענקאָן אף דער בינע לעגאמרע אָן גרים? דאָס מאכט דאָך לאכלוטן צונישט די איליוזיע.

די דינאמיק, מיט וועלכער ס'איז אָנגעזעטיקט די סצענישע אטמאָספער אין „א דאָקטער", מונטערט

דעם צושויער, רופט בא אים ארויס אומגעדולד — וואָס גיכער איבערצולעבן נײַע, פרישע עמאָציעס.

און ריכטיק איז געווען דער באשלוס צו געבן נאָך „א דאָקטער" — „מאזלטאָוו". פון דער אטמאָספער פון אופגעבלאָזענעם ייִכעס, ווו אלץ איז מאָראליש פויל און דורכגעדרונגען מיט צוויִעס, טראָגן מיר זיך איבער אין א וועלט פון פרײַנטשאפט און ליבע. אין „מאזלטאָוו" בליִען בא די פּאָשעטע פאָלקסמענטשן האָפענונגען אף א בעסערער צוקונפט. פארשטייט זיך, די קעכן ביילע פילט זיך ניט ווייניקער באליידיקט מיצאד איר באלעבאָסטע, ווי ריקל אין „מענטשן". דעסגלײַכן האָט כאִים דער מעשאָרעס אין „מאזלטאָוו" ניט ווייניקער געהאט אויסצושטיין פון זײַנע באלעבאטים, ווי דער לאקיי הערץ אין „מענטשן". אויב אָבער אין „מענטשן" פילט זיך די דינערשאפט אין דער מערהײַט סיטואציעס צופיל געדריקט און באליידיקט, איז אין „מאזלטאָוו" שוין גאָר עפּעס אנדערש. פון סאמע אָנהייב טאנצן שוין דאָ זון־וועוווערקעלעך. מענטשן גלייבן דאָ פון סאמע אָנהייב, אז גאָר אינגיכן וועט קומען א סאָף צו זייער פארוואנדלונג אין „מענטשן". אין טאָך גערעדט, פּיקן זיך דאָ אויס צוויי שידוכים: אלטער און ביילע; כאִים און פראדל. און ווי קונציק דאָס קנײַלעכל צעוויקלט זיך! לאנג געדויערט עס, ביז דאָס געווונטשענע וואָרט ווערט פון מויל ארויסגעבראכט. רעב אלטער ברענגט ביילען דאָס גרויסע גליק פארבאָרגן אין דרײַצן שלייערן. זי וויל שוין גיכער הערן דאָס אויסגעבענקטע וואָרט, נאָר רעב אלטער כאפּט זיך ניט. ער האָדעוועט ביילען אלעמאָל מיטן געהיימניספולן „דיזן, דאזן, דאָס און יענץ".

אווּאדע ווייסט ביילע גאנץ גוט, אז ניט קיין אנדערער, נאָר טאקע רעב אלטער איז איר באשערטער. אָבער ס'איז אזא כּיִעס צו שפּילן אין באהעלטערלעך. ס'איז אזוי רייצנד, וואָס רעב אלטער הייבט לאנגזאם אוף איין שלייער נאָכן צווייטן. נאָך פינף מינוט, נאָך צוויי מינוט — און דאָס גאָלדענע פייגעלע וועט א שעמעריר טאָן אין זײַן פולער פּראכט. אָט די שפּיל גיט צו א באזונדערן כיין דער קאָמעדיע אינגאנצן גענומען.

דער אקטיאָר, וואָס שפּילט רעב אלטערן, קאָן באטאָנען אין אים די מאָמענטן, ווען ער כאזערט איבער, אז „א ייִד איז דאָך עפּעס א ייִד". אייניקע אקטיאָרן שטרײַכן אונטער רעב אלטערס דערעכערעץ פאר די סאָציִאליסטן.

דער אקטיאָר זינאָווי קאמינסקי שאצט פריִער פון אלץ רעב אלטערס גוטהארציקײַט, זײַן טרײַהײַט, זײַן צוגעבונדנקײַט צו די סאמע אָפּגעשטויסענע פון זײַן סוויווע. „א הארץ, וואָס לײַדט פאר יענעם".

רעב אלטערס געשטאלט פארמאָגט אין זיך ניט ווייניק קאָמישעס. קיין איין אקטיאָר טאָר עס ניט איגנאָרירן. ז. קאמינסקי געדענקט עס גאנץ גוט, אָבער זײַן איראָניע איז א לײַכטע, אין זײַן הומאָר ווערט ניט דערטרונקען די סימפּאטיע צום פּערסאָנאזש, וואָס ער פארקערפּערט. זײַן אלטער אנטשטייט פאר אונדז אין אזא באלויכטונג, וואָס וועקט ליבע צו אים.

מיט דער זעלבער מאָס איז צוגעגאנגען נעכאמע סיראָטינא צו דער ביילע־ראָל. נ. סיראָטינא האָט שוין לאנג זיך קוינע־שעם געווען מיט איר פייִקייט טיף ארײַנדרינגען אין דער פּסיכאָלאָגיע פון א פּאָשעטער פרוי. מיט א מערקווירדיקער קראַפט אנטפּלעקט זי אונדז, וויפל ליבע און טרײַהײַט איז פארבאָרגן אין דער ניט איבערגעשפּיצטער ביילע. זי איז דאָך אין איר וועלט־באנעם פיל נאַיִווער און קינדערישער, איידער רעב אלטער. די קלאָלעס, וואָס זי זשאלעוועט ניט בענעגייע אירע באלעבאטים, רופן בא אונדז ארויס א גוטמוטיקן שמייכל.

גאנץ אנדערש רעאגירן מיר אף די קלאָלעס פון פראדלען. אויב אין די באציִונגען צווישן ביילען און רעב אלטערן איז אלץ אזוי נאטירלעך, אזוי מעיורשעוודיק, קאָן מען עס ניט זאָגן וועגן דעם דועט — די פּאָקאָיאָווע פראדל און דער מעשאָרעס כאִים. האגאם ס'איז פון טכילעס אָן קיין שום סאָפעק ניט, אז אָט־אָט ברעכט מען דאָ טעלער, קומט דאָ פאָר די שפּיל צווישן באָכער און מיידל עפּעס זייער טשיקאווע. דאָס, וואָס ער יאָגט זיך נאָך איר, און זי כיטרעוועט און טוט אלץ, קעדיי פון אים זיך אויסצודרייען, איז קיין כידעש ניט. בא אלע ליבעפּאָרלעך קומט עס אזוי פאָר. ער גיט קלאָרע אָנצוהערענישן, און זי מאכט זיך טאמעוואטע, קלוימערשט ווי ניט זי מיינט מען. ניט אין דעם גייט עס. טשיקאווע איז, אין וועלכער פאָרם אָט די שפּיל אין כאפּערלעך קומט דאָ פאָר. ווער קאָן צווייפלען, אז פראדל האָט כאִימען ליב? אָבער הערט זיך אײַן, ווי זי בענטשט אים מיט קײַלעכיקע בראָכעס אלעמאָל, ווען ער ווענדט זיך צו איר. קעדיי דאָס זאָל זײַן יאָווּנע ווּעיאָסנע, מוז איך ציטירן אייניקע רעפּליקעס פון זייער דיִאלאָג.

כאִים (צו פראדלען): מײַן רעבע פלעגט זאָגן, אז ער האָט ניט געהאט אף שאבעס, און די רעבעצן פלעגט אים באגראָבן נײַן איילן אין דער ערד.

פראדל (צו כאִימען): באגראָבן זאָל מען דיך!

כאִים: ס'איז א ביכל, זאָג איך דיר, הערסטו, פראדל, די פינגער צו קושן.

פראדל: וואָס זשע באשרײַבט זיך דאָרט? ביסט ניט קראנק צו דערציילן!

כאִים: כ'האָב דיר געוואָלט ווײַזן, וויִאזוי דער באָכער נעמט ארום ס'מיידל אין ביכל.

פראדל: ווער די קאפּאָרע.

כאִים: וואָס טוען זיי דאָרטן — די בארישניע מיטן כאָסן?

פראדל: איך זאָל אזוי וויסן פון דיר.

כאִים (זינגט): „ביטער זאָל אײַך ווערן אין מויל, שיסן זאָל אײַך א קויל".

פראדל: געשאָסן זאָלסטו ווערן פון גאָט!

און אין דעם זעלבן סטיל — די איבעריקע דיִאלאָגן פון דעם פּאָרל.

איך האָב, שרײַבנדיק אָט די אָפּהאנדלונגען, בעקיוון איבערגעלייענט אוואדע צען אָסטראָווסקיס פּיעסן פונעם רוסיש־סאָכרישן שטייגער און גוט בוידעק געווען די פּסיכאָלאָגיע און דאָס מײַנעלאָשן פון די סאָכרישע דינסטן. אייניקע פון זיי זײַנען אנאלפאבעטן און בעפיירעש אָפּגעשטאנענע. די מערהײַט שטאמט פון דאָרף. זיי שעמען זיך ניט ארויסזאָגן דאָס, וואָס זיי מיינען — זאָל עס אפילע זײַן אף צעפּיקעניש דער באלעבאָסטע אָדער דעם באלעבאָס. אזוי קומט עס פאָר, לעמאָשל, אין דער קאָמעדיע

„באַלזאַמינאָווס כאַסענע״. אָבער דינסטן זאָלן אַזויפיל שעלטן, ווי אין די אויבנדערמאָנטע איינאַקטערס, אַזוינס האָב איך אין אָסטראָווסקיס פּיעסן ניט געפונען.

מיט וואָס זשע פּאַרט דערקלערט זיך דאָס, וואָס שאָלעם־אַליי כעם האָט באַפּוצט פּראַדלס מײַנעלאָשן מיט אַזאַ בוקעט פון קלאָלעס?

שאָלעם־אַליי כעם האָט געוואָלט שילדערן פּראַדלס מיידלשע שעמעוודיקייט אַף אַן אייגנאַרטיקן אויפן: אירע קלאָלעס באַטראַכט ער, ווײַזט אויס, ווי אַ שוץ־מאַסקע: „זאָלן לײַט ניט מיינען, אַז איך בין אַ העפקערדיקע מויד, אַז איך בין שוין גרייט פאַלן מײַן כאַזמען אַפן האַלדז. זאָלן זיי געדענקען, אַז פּראַדל איז אַ קאָשער יידיש מיידל״.

אַ שווערע אויפגאַבע פאַר אַן אַקטריסע איז שפּילן פּראַדלען. מע מוז דאָך ווײַזן, אַז זי האָט בעעמעס ליב כאַזמען, און אין דער זעלבער צײַט אונטערשטרײַכן איר מיידלשן שטאָלץ, איר ווידערשפּעניקײַט, איר צולאַכעס.

עס דוכט זיך, אַז אין דער שפּיל פון דער זייער טאַלאַנטירטער אַקטריסע מאַניע קאַטליאַראָווע זעען מיר טאַקע שאָלעם־אַליי כעמס פּראַדל. קאַטליאַראָווע האָט זיך גוט אַרײַנגעטראַכט אין דער ראָל, און אירע זוכענישן זײַנען פּרוכטבאַר.

פּראַדלס פּאַרטניאָר כאַזמען איז שוין גראָד גרינגער אויפצופאַסן. כאַים איז, ווי מע זאָגט, אַן אָפּענער זעקס־און־זעכציק. ער שפּאַנט האַפּערדיק איבער די וועגן און אומוועגן פון לעבן און נעמט פונעם לעבן אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך, אָן קיינע וואַקלונגען.

אָט אַזוי האָט אים באַנומען דער אַקטיאָר מיכל שאַפּיראָ. פאַראַן אויספּילער, וואָס שילדערן כאַזמען ווי אַ גוטהאַרציק באַכערל און דערצו נאָך אַ ווױליוונגעריש, מיט וועמען עס איז זייער לײַכט ווערן אַ פּאַניבראַט. מ. שאַפּיראָס געמעל איז אַ ביסל שטרענגער. דעם דאָזיקן אַקטיאָר זײַנען פרעמד סענטימענטן, ווייכלײַביקייט. דעריבער שפּירן מיר ניט דעם שטורעם פון הייסן בלוט אין זײַנע פאַרקערפּערונגען. ער איז, ווי אַלע מאָל, ווי אין זײַנע אַנדערע שאַפונגען, צוריקגעהאַלטן. דאָס איז דערפאַר, וואָס דער געפיל פון מאָס און זעלבסטבאַגרענעצטקייט איז דער סאַמע אייגנטימלעכער שטריך פון זײַן אַקטיאָרישער אינדיווידואַליטעט.

אין אָט דער אַפּהאַנדלונג איז צוליב אייניקע סיבעס ניט געווען קיין מעגלעכקייט געניי באַטראַכטן אַלע סצענישע געשטאַלטן, ווי אויך די דעקאָראַטיווע און מוזיקאַלישע אייגנשאַפטן פון דער פאָרשטעלונג.

דאָך רעכענען מיר פאַר אונדזער כויוו אונטערשטרײַכן, אַז מיט זײַן דערפאָלג באַ די צושויער האָט דער ספּעקטאַקל אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די אַקטיאָרן בעײַ נעגייע דערלאַנגען דאָס וואָרט. דאָס וואָרט קלינגט וואָגיק, בוילעט און דײַטלעך באַ דער מערהייט שויישפּילער. דער דיאַלאָג דערגייט פּולווערטיק צום צושויער.

מיר האָפן אינגיכן דערזען אַף דער בינע פון דעם מאָסקווער יידישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל אַ ספּעקטאַקל אַף אַ הײַנטצײַטיקער טעמע.

כראָניק

נײַס פון אויסלאַנד

א סטאַטוע פון שלומע איבן גאַבירעל.

אין מאַלאַגע (שפּאַניע) האָט מען געעפנט אַ סטאַטוע פון שלומע איבן גאַבירעל, דעם יידיש־ספּאַרדישן פּאָעט און פילאָסאָף, וועלכער איז געשטאָרבן אין וואַלענסיע אומגעפער אין 1057.

צו זעכצן יאָר האָט ער אָנגעהויבן שרײַבן העברעישע לידער, און פון דעמלט אָן האָט ער קעסיידער באַרײַכערט די וועלט־ליטעראַטור מיט זײַנע וווּנדערלעכע שאַפונגען. זײַן הויפּט־פילאָסאָפיש ווערק איז דער „מקור חיים״ („דער קוואַל פון לעבן״), וואָס ער האָט געשריבן אין אַראַביש און איז נאָכדעם אין 1150 איבערגעזעצט געוואָרן אַף לאַטײַן מיטן נאָמען „פאָנס וויטע״.

דאָס בוך באַשטייט פון פינף קאַפּיטלען און איז צונויפגעשטעלט אין דער פאָרם פון פראַגן און ענטפערס צווישן אַ לערער און זײַן טאַלמיד, וועלכע גיבן פילאָסאָפישע אויפקלערונגען וועגן וועלט און גאָט. אין דער לאַטײַנישער איבערזעצונג האָט דער „מקור חיים״ געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אַף די קריסטלעכע סכאָלאַסטיקער־פילאָסאָפן אין מיטלאַלטער און שפּעטער אַף דזשאָרדאַנאָ ברונאָ און אפילע אַף שפּינאָזען.

אין אונדזערע צײַטן איז דערשינען אַן אויסגאַבע פון אַלע לידער פון שלומע איבן גאַבירעל אין דרײַ בענדער מיט באַמערקונגען און דערקלערונגען פון ח.־נ. ביאַליק און י.־כ. ראַווניצקי. אין יידיש האָט גאַבירעלס אַ טייל לידער איבערגעזעצט י. שוואַרץ.

■ ■ ■

ארן ווערגעליס

נאָטיצן אָן א סיידער

ניט בלויז אמעראצעס

ס'איז איבעריק צו דערווײַזן, וואָס פאר א נוץ עס ברענגען זאָרגפעליק־ארגומענטירטע ביכער און ארטיקלען וועגן רעאקציאָנערן טאָך פונעם ציעניזם און ווי גרויס עס איז אין איצטיקן מאָמענט דער נאָכפרעג אף זיי. די לייענער ווילן וויסן, וואָס עס איז דער עמעסער מיין פון די פּאָליטישע לאָזונגען, מיט וועלכע עס נוצן זיך די הײַנטצײַטיקע אידעאָלאָגן פון דער ייִדישער רעאקציע, און וואָס פארא מעטאָדן ווענדן זיי אָן אף צו פארטומלען באם האמוין די מויכעס.

דערבײַ דארף מען געדענקען, אז דאָס דעמאַסקירן דעם ציעניזם איז ניט אזא פּאָשעטע זאך, ווי עס קאָן זיך אויסדאכטן פונעם ערשטן קוק. נאָך דער שוידערלעכער קאטאסטראָפע, וואָס דאָס ייִדישע פאָלק האָט איבערגעלעבט אונטער דער היטלער־מעמשאָלע, האָט דער ציעניזם באַקומען א מעגלעכקײַט צו שפּילן אף די פארבאָרגנסטע סטרונעס פונעם ייִדישן פאָלקס־מענטש. אויב פאנאנדערקוקן פונעם פראקטישן שטאנדפונקט די פּראָבלעם פון באקעמפן דעם ציעניזם, איז דער שליסל צו איר לייזונג, ווײַזט אויס, אין אָפּנעמען בא אים די מעגלעכקײַט צו מעלדן זיך אלס פארטיידיקער פון די נאציאָנאַלע אינטערעסן, צו ספּעקולירן אפן פאָלקס־אומגליק, צו אידענטיפיצירן זיך מיטן פאָלק פון ייִסראָעל.

צום באדויערן, טרעפט, אז אייניקע אווטאָרן פון ביכער און ארטיקלען וועגן הײַנטצײַטיקן ציעניזם גייען ארויס פון ניט קיין ריכטיקע האַנאָכעס. אלס בײַשפּיל קאָן דינען די בראָשור פון יע. יעווסייעוון „פאשיזם אונטערן בלויען שטערן”.

שוין אין אָנהייב פון אָט דער בראָשור ווײַזט יעווסייעוו ארויס א נייגונג צו אריבערפירן אין נאציאָנאלן פלאך אידעאָלאָגישע פּראָבלעמען, וועלכע זײַנען פארבונדן מיט דער פּאָליטיק פון דעם ייִסראָעלדיקן עקסטרעמיזם. פארופנדיק זיך אף דעם בורזשואזן היסטאָריקער ארנאָלד טאָיינבי, שרײַבט יעווסייעוו, אז די יורידישע נאָר־מעס פונעם נירנבערגער פּראָצעס איבער די פאַשיסטישע גאָרגלשנײַדער דארפן זײַן גילטיק באם קוואליפיצירן דאָס באגיין זיך מיט דער אראבישער באפעלקערונג פון פּאלעסטינע „מיצאד די ייִדן” (ז. 8), — ניט מיצאד די הערשנדיקע קרײַזן פון ייִסראָעל! און ווײַטער, איבערפראזירנדיק דאָס, וואָס ער האָט אויסגעלייענט „אין איינעם א זשורנאל־ארטיקל” וועגן דעם, אז דער נאציאָנאל־סאָציאליזם איז אנטשטאנען, „ווען היטלער האָט קעגנגעשטעלט דאָס דײַטשישע דעם מענטשלעכן”, גיט יעווסייעוו צו פון זײַן אייגענעם נאָמען: „...ווען דער ציעניזם האָט דאָס ייִדישע קעגנגעשטעלט דעם מענטשלעכן (מײַן קורסיוו. — א. וו.), איז אופגעקומען די טראגעדיע פונעם פּאלעסטינער פאָלק”... (דאָרט). אבי מיר האָבן געמיינט, אז דער ציעניזם שטעלט קעגן דעם מענטשלעכן זײַנע ענגע קלאסן־אינטערעסן, וועלכע זײַנען פרעמד און פײַנטלעך די אינטערעסן פון די פעלקער, ארײַנגערעכנט דאָס ייִדישע פאָלק...

באזונדערס טעמפּעראמענטפול זײַנען די ערטער אין יעווסייעווס בראָשור, ווו עס רעדט זיך וועגן דעם, אז דאָס „אלטערטימלעך־ייִדישע פאָלק” איז שוין פון לאנג פארשוווּנדן, „פון אים איז בעיערושע פארבליבן בלויז דער נאָמען „ייִד”; מיט אָט דעם טראדיציאָנעלן נאָמען ווערן איצט באצייכנט פיל עטנישע גרופּעס..., וועלכע עס פאראייניקט צווישן זיך בלויז איינס — דער יודאיזם, אָדער די טראדיציע, וואָס אין גרונט פון איר ליגט דער יודאיזם” (ז. 19). „די אָנגאבן פון א ריי פאָרשונגען איבער פארשיידענע גרופּעס פון דער באפעלקערונג, וועלכע זײַנען באקאנט אונטערן אלגעמיינעם נאָמען „ייִדן” און זיי לעבן אין הונדערט לענדער, באווײַזן, אז ביז דער שאפונג אין 1948 פון מעדינאס־ייִסראָעל איז די דאָזיקע גרופּעס ניט געווען אייגנטימלעך גאָרנישט אלגעמיינס, אויסער רעליגיע”... (ז. 21).

ווײַזט אויס, יעווסייעוו שטויסט זיך ניט אָן, אז ער זאָגט דאָ דאָס זעלבע, וואָס עס זאָגן די ציעניסטן, די ראבאָנים. אין ייִסראָעל איז אונטערן דרוק פון דער דאָרטיקער רעליגיעז־אָבסקוראנטישער פּארטיי אָנגענומען געוואָרן א געזעץ, לויט וועלכן דער סימען פון א ייִד איז — זײַן אָנגעהעריקײַט צום יודאיזם.

אף וויפל אונדז איז באוווּסט, זײַנען אזעלכע, ווי יעווסייעוו רופט זיי אָן, „פאָרשונגען איבער

דעם אָנהייב פון די „נאָטיצן אָן א סיידער” זע אין „סאָוועטיש היימלאנד” נומ. 11 1971, נומ. 11 1972.

פארשיידענע גרופּעס פון דער באפעלקערונג, וועלכע זייַנען באקאנט אונטערן אלגעמיינעם נאָמען „ייִדן", — ניט געווען, און ווען זיי וואָלטן יאָ פאָרגעקומען, איז דאָך קלאָר, אז אפילע די ציִעניסטן האָבן ניט גענוג מוט צו דערווארטן פון זיי א באשטעטיקונג, אז בלויז די שאפונג פון מעדינאס־ייִסראָעל האָט אריינגעבראכט אלגעמיינס צווישן די ייִדן. לעניִנס טעזיס וועגן דעם, אז ס'איז ניטאָ קיין איינהייַטלעכע אלוועלטלעכע ייִדישע נאציע, האָט יעווסייעוו פארטייַטשט אזוי, אז קיין ייִדיש פאָלק איז ביכלאל ניטאָ.

אינדערעמעסן איז אלץ ניט אזוי, ווי יעווסייעוו שטעלט עס פאָר. יאָ, ס'איז פארשוווּנדן דאָס אלטערטימלעך־ייִדישע פאָלק (די העברייער), פּונקט ווי עס איז פארשווּנדן דאָס אלטערטימלעך־גריכישע פאָלק (די עלינער). אָבער דאָס הייסט ניט, אז פארבליבן איז בלויז דער נאָמען „ייִד" אָדער „גריך". מיר זאָגן, אז עס איז ניטאָ קיין אלוועלטלעך ייִדיש פאָלק, קיין איינהייַטלעך ייִדיש פאָלק — און דאָס באטייַט טאקע, אז ניט די רעליגיע פאראייניקט צווישן זיך ייִדן; דאָס לעבן אין דער קלאסן־געזעלשאפט, די צעשפּרייטקייַט איבער פארשיידענע לענדער, בא קעגנזעצלעכע סאָציִאלע סיסטעמען, פארשטארקט די סאָציִאלע, און דעריבער אויך די נאציִאָנאלע אומאיינהייַטלעכקייַט פון די ייִדן.

יעווסייעוו גייט אזוי ווייַט, אז ער נעמט זיך צו דערווייַזן די ניט־ענלעכקייַט פון די בארג־ייִדן, לעמאָשל, צו די אנדערע ייִדן און זייער ענלעכקייַט צו דער אָרטיקער באפעלקערונג — „לויט דעם גרויסן קאָפּ־אָנווייַזער (בראכיצעפאליע), לויט דער ברייטקייַט פונעם פּאָנעם, לויט דער פאָרם פון דער נאָז, לויט דער טונקלער פּיגמענטאציע פון די אויגן און האָר"... (ז. 22).

אָפּגעפּארטיקט זיך מיטן עקסקורס אין אנטראָפּאָלאָגיע, שטעלט זיך יעווסייעוו אָפּ אויף דער כאראקטעריסטיק פון דער ייִדישער שפּראך, וועלכע ער רופט אָן מיט עמעסער פאראכטונג „אזויגערופענע „מוטער־שפּראך"", האגאם ער אליין שרייַבט ווייַטער: „אין סאָוועטנפארבאנד האָבן — לויט דער פאָלקסציילונג פון 1970 — אנערקענט די דאָזיקע שפּראך, פּינקטלעכער דעם זשארגאָן (?! — א. וו.), בלויז 17,7 פּראָצענט פון דער ייִדישער באפעלקערונג פונעם לאנד, וואָס איר אלגעמיינע צאָל איז 2 מיליאָן 151 טויזנט מענטשן" (ז. 29). לאָמיר זשע, אויב אזוי, מאכן דעם כעזשבן. 380 טויזנט 727 סאָוועטישע בירגער פון פּולקום זעלבשטענדיקן עלטער האלטן הייַנט־צו־טאָג איינע פון די נאציִאָנאלע שפּראכן — ייִדיש — אלס זייער מוטער־שפּראך. וויִאזוי וואגט יעווסייעוו באליידיקן די נאציִאָנאלע געפילן פון אָט די מענטשן! אפילע ווען בלויז איינער פון א גאנצן שייוועט וואָלט אָפּגעהיט און באנוצט דאָס לאָשן פון זייַנע אָוועס, איז ניט דערלויבט צו אָפּפרעגן בא אים אָט דעם איידעלן נאציִאָנאלן געפיל. יעווסייעוו מוז וויסן, אז אויף ייִדיש האָבן געשריבן שאָלעם־אלייכעם, מענדעלע, פּערעץ, וועלכע געהערן צו דער וועלט־קלאסיק. די פילנאציִאָנאלע סאָוועטישע ליטעראטור היט אָפּ אין איר אויצער די ווערק פון אזעלכע באדייַטנדיקע מייַסטערס, עכטע פּאטריִאָטן פון אונדזער סאָציִאליסטיש לאנד, ווי די ייִדישע שרייַבער פון דער נאָכאָקטיאבער־פּאָרמאציע דאָוויד בערגעלסאָן, פּערעץ מארקיש, לייב קוויטקאָ, איזי כאריק, איציק פעפער, ארן קושנירעָוו אאא. הייַנט־צו־טאָג איז שעפעריש אקטיוו א היפּשער אָטריאד סאָוועטישע שרייַבער, וועלכע שרייַבן אויף ייִדיש און גיבן ארויס, אלס אן אָרגאן פונעם שרייַבער־פארבאנד פון פּססר, זייער ייִדישן ליטעראַרישן כוידעש־זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד". אין ביראָבידזשאן לאָזן ארויס א טעגלעכע צייַטונג דער געגנטלעכער קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי און דער געגנטלעכער אויספיר־קאָמיטעט פון דעפּוטאטן פון די ארבעטנדיקע. ס'איז בעפּיירעש, ווי מע זאָגט, אן איראָניע פונעם גוירל: אויך וועגן ייִדיש ריידן פּונקט ווי יעווסייעוו די ציִעניסטן.

יעווסייעוו וואָרנט, אז ווער עס געברויכט דעם טערמין „ייִדיש פאָלק", דער גיסט וואסער אויף די רעדער פונעם סוינעס מיל. ער מעלדעט קאטעגאָריש, אז ריידן וועגן א ייִדישער נאציִאָנאליטעט טאָר מען ניט. האָט אָבער ניט קיין אנדערער, ווי לעניִן, געשריבן: „די ייִדישע ארבעטער לייַדן ניט בלויז פון דעם אלגעמיינעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן יאָך, וואָס דריקט זיי ווי א רעכטלאָזע נאציִאָנאליטעט" („צו די ייִדישע ארבעטער", געזאמלטע ווערק, 4־טע אויפלאגע, ב. 8, ז. 461), אָדער — „און איצט האָבן די ייִדן, אגעוו, יענעם פארדינסט, וואָס זיי גיבן א פארהעלטניסמעסיק הויכן פּראָצענט פאָרשטייער פון דער אינטערנאציִאָנאלער ריכטונג אין פארגלייַך מיט אנדערע פעלקער" („פּאָרטראָג וועגן דער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר", ב. 23, ז. 242); אָדער — „א באזונדערס פייַנטלעכע אגיטאציע ווערט געפירט מיצאד די שווארצמייעניקעס קעגן די ייִדן. אלס א סאָיִר־לאזאָזל פאר אלע זייערע אוויירעס פּרוּוון די פּורישקעוויטשעס מאכן — דאָס ייִדישע פאָלק" („די נאציִאָנאלע גלייַכבארעכטיקונג", ב. 20, ז. 216). (אומעטום מייַן קורסיוו. — א. וו.).

ווען יעווסייעוו וואָלט אריינגעקוקט אין 29־טן באנד פון דער לעצטער אויסגאבע פון דער „גרויסער סאָוועטישער ענציקלאָפּעדיע", וואָלט ער, בא א גוטן ווילן, געקאָנט קומען צום פארשטאנד, אז קעדיי אָנרופן א נאציִאָנאלע געמיינשאפט „פאָלק", דארף מען ניט בייַקומען מאמעש נעשאָמע־קראמפּן. ניט מוירע האָבנדיק צו באגיין א פארברעכן, מעג מען דרייסט זאָגן „עווענקיש פאָלק", „עסקימאָסיש פאָלק", „פאָלק אודעהע" אדג. פּונקט אזוי: „רוסיש פאָלק", „אוזבעקיש פאָלק", „טאָטעריש פאָלק", „קאלמיקיש פאָלק", „ייִדיש פאָלק"... וועגן דעם באגריף „פאָלק" שרייַבט די „גרויסע סאָוועטישע ענציקלאָפּעדיע", אז ער ווערט אָנגעווענדט בענעגייע די „סאמע פארשיידענע פאָרמען פון נאציִאָנאלער און עטנישער איינהייַט"...

„ווער זשע זײַנען פונדעסטוועגן די ייִדן?” — קאָן ניט רוען יע. יעווסייעוו. — „א קלאַן, א שייוועט אָדער נאָך עפּעס וואָס? זיי האָבן ניט קיין כאַראַקטעריסטישע שטריכן ניט פון א שייוועט, ניט פון א קלאַן”... (ז. 27). עס שפּילט אפילע פאר אים קיין ראָל ניט, וואָס פון יורידישן שטאַנדפּונקט אַנערקענען די סאָוועטישע געזעצן גאַנץ נאַטירלעך די ייִדן אלס נאַציִאָנאַליטעט, — זי ווערט אָפּגעמערקט אין אלע אָפּיציִעלע דאָקומענטן: וועגן געבורט און וועגן טויט, אין די פּאַספּאָרטן און פּערסאָנעלע אַנקעטעס, שוין אָפּגערעדט פון דעם, וואָס אין דער קאָנסטיטוציע פון אונדזער לאַנד, אין גרונטגעזעץ, איז מיט דער גאַנצער מעלוכישער אַכרײַעס באַשטעטיקט דער פאַקט פון דער עקזיסטענץ פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט.

יע. יעווסייעוון אלס אווטאָר האָט בעפּייִרעש אָפּגעגליקט. דער רעדאַקטאָר פון זײַן בראָשור ל. אנטיפּינא איז, ווײַזט אויס, א נאָכגיביקער מענטש, און ס'האָט ניט געקאָסט יעווסייעוון קיין סאַך מי, עס זאָל ארויף אף דער דרוק־מאַשין א גאַנצער בוקעט מיט העכסט אָריגינעלע געדאַנקען, אנטדעקונגען, כאָכמעס... דער רוסישער מאָלער איסאַק לעוויטאַן, דער סקולפּטאָר מאַרק אנטאָקאָלסקי, די דײַטשישע שרײַבער סטעפאַן צווייג, העינריך הײַנע אא., — כאָכמעט זיך יעווסייעוו, האָבנדיק דעם צווייפלהאַפטן ציל צו דערווײַזן, אז ס'איז פּראָגרעסיוו דאָס אריבערגיין פון דער ייִדישער רעליגיע אין דער קריסטלעכער, — זײַנען געוואָרן באַרימט און באַליבט קלאַל ניט דערפאַר, וואָס זיי האָבן „ליב געהאַט „פיש” אָדער „צימעס” (ז. 58). אין אן אנדער אָרט, רופנדיק צו אסימיליאַציע, סאָלידאַריזירט ער זיך מיט דער ארויסזאָגונג פון עפּעס אן אמעריקאַנער ראָוו, אז „מיר (די ייִדן. — א. וו.) ווילן זײַן פרײַע אינדיווידוומס, פולקום אינטעגרירטע אין דער געזעלשאַפט, אין וועלכער מיר לעבן, אונטערשיידנדיק זיך פון די אנדערע אירע מיטגלידער בלויז מיט אונדזער רעליגיע”, — און ער דערקלערט מיט אן אָנשטעל פון פולער קאָמפּעטענטקײַט: „אין די דאָזיקע ווערטער איז אָפּגעשפּיגלט די פּאָזיציע פון פיל ייִדן, וועלכע טרעטן ארויס קעגן ציִעניזם” (ז. 29). ס'האָט זיך יעווסייעוון פאַרגלוסט ארײַנכאַפּן אין זײַן דיִאַפּאַזאָן אויך די מאָלערײַ־קונסט, רופט ער אָן דעם נאָמען מאַרק שאַגאַל, „וועלכער איז באַוווּסט אין די מײַרעוולענדער ניט בלויז מיט זײַנע ארבעטן, נאָר אויך מיט די צעיושעטע עקסטרעמיסטישע שטימונגען פון אן אָרטאָדאָקסאַלן ציִעניסט” (ז. 89), און אפילע פּיקאַסאָ, וואָס איז ניט געווען קיין ייִד, באַקומט פון אים א פּאָרציע אָנשטענדיקײַט: „ס'קאָן זײַן, אז עס וועלן עמעצן ניט געפעלן די פאַקטן, וועלכע מיר ברענגען, נאָר אַזאַ איז דאָס לעבן, אזעלכע זײַנען די פאַקטן, וואָס מע קאָן זיי ניט אָפּלייקענען. דאָס ברייטע פּובליקום מוז אומבאַדינגט וועגן זיי וויסן, פּונקט ווי מע מוז וויסן דעם „ווידוי” פון פּיקאַסאָ, וועלכער איז פּובליקירט אין דער פראַנצויזישער צײַטונג „קאָמבאַ” און ווּ דער קינסטלער איזדיעקעוועט זיך אָפּן איבער יענע, ווער עס האָט געזוכט אין זײַן שאַפונג דאָס לעצטע וואָרט פון קונסט”... (ז. 90).

ס'איז קלאָר, אז האָבנדיק דאָס רעכט צו זײַן אָדער ניט זײַן אן אָנהענגער פון דער מאָלערײַ פון שאַגאַל און פּיקאַסאָ, דאַרף מען, איינצײַטיק דערמיט, פאַרלירן די רעאַלע פּראָפּאָרצן צו אָנרופן דעם זייער ווײַטן פון פּאָליטיק מאַרק שאַגאַל — אָרטאָדאָקסאַלער ציִעניסט מיט צעיושעטע עקסטרעמיסטישע שטימונגען — און צו ארײַנשלעפּן פּאַבלאָ פּיקאַסאָס נאָמען אין א קאָנטעקסט, צו וועלכן דער קינסטלער־קאָמוניסט האָט קיין שײַכעס ניט.

וואָס קאָן מען, אין סאַכאַקל, זאָגן וועגן אַזאַ ביכל, ווי יעווסייעווס? מע דאַרף און מע איז מעכוייעוו צו זאָגן, אז אזעלכע ביכלעך פאַרפּירן דעם לייענער, פאַרקריפּלען דעם טאָך פון דער פּראָבלעם.

א פּסיכאָפּאַט אין הילכעס אנטיסאָוועטיזם, אנטי־„גויִעשיזם”, אנטי־אראַביזם אדג.

די טעל־אוויווער צײַטונג „לעצטע נײַעס” דרוקט אף אירע זײַטן אַזאַ פּראָדוקציע:

„ש פ ו ך ח מ ת ך...

גיס אויס דײַן צאָרן אויף די גויִים, וואָס פּאָדערן, אז ישראל זאָל זיך צוריקציִען לויט זייערע תנאים. פאַרגעס נישט דעם אונאָ־שליח גונאר יארינג און די כנופיה אין קרעמל. סאַדאַט, קאַדאַפי עט קאָמפּאַני — דאָס גאַנצע געזעמל. גיס אויף זיי אַלע אויס דײַן צאָרן. זאָלן זיי זיך אַלע סמאַליען ווי א טרוקענער דאָרן. תמיד האָבן זיי נאָר אונדז אין זינען. טאָ זאָלן זיי א טרייסט אין גיהנום געפינען”.

דאָס איז א „ווערק” פון א פּאָליטישן פּסיכאָפּאַט, וואָס אין ייִסראָעל איז ער א „שראַבער” — ספּעציִעל אף אנטיסאָוועטישע, אנטי־„גויִישע”, אנטי־אראַבישע און ענלעכע טעמעס. איך ברענג דאָ דעם דאָזיקן בײַשפּיל ניט אף צו ארומריידן דעם קאָנקרעטן פאַקט, נאָר ס'זאָל נאָכאַמאָל פאַרצייכנט ווערן, צו וואָס פאַר א סכוירע זיי קומען דאָרט אָן.

דער אווטאָר־פּסיכאָפּאַט איז ייִצכאָק בראַט. בא אונדז האָט מען שוין — פונדערווײַטנס, פאַרשטייט זיך, באַם לייענען די ייִסראָעל־פּעריאָדיק — באַמערקט זײַנע שטיק. מע האָט זיך אָנגעהויבן גראָבן, ווער ער איז, און ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז צווישן די דרײַ־פיר הונדערט טויזנט פּוילישע ייִדן, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון היטלערן, איבערלויפנדיק קיין סאָוועטנפאַרבאַנד, איז געווען אויך אָט דאָס מענטשל פון דער וואַרשעווער ייִדישער אונטערוועלט, ווי עפראַיִם קאַגאַנאָווסקי רופט אָן אין זײַן בוך „ייִדישע שרײַבער אין דער היים” א געוויסן טיפּ גראַפאָמאַנען פון „טלאָמאַצקע, 13”. דעם פאַרזעענישל האָט אין סאָוועטנפאַרבאַנד ניט אָפּגעגליקט, ווײַל ער איז ניט ארײַנגעפאַלן און ניט געקאָנט ארײַנפאַלן אין דער

קאטעגאָריע ייִדישע שרײַבער פון פוילן, מיל־כאָמע־פליטים, וועלכע זײַנען, ווי באוווּסט, דערוואַרעמט און אָטכײַעט געוואָרן, און מע האָט זיי אײַנגעאָרדנט אין ווײַטן הינטערלאנד. דער בראַט האָט זיך, ווײַזט אויס, ארויסגעוויזן פאר ניט קיין ברודער דעם שטארק פארדײַגעטן מיט שלאָגן די פאשיסטן סאָוועטישן מענטשן, און ס'האָט אים ניט געפידלט, בראַטן.

איצט איז ייִצכאָק בראַט אַף דינסט בא די ציִעניסטישע אונטערפרישיבייעווס. „גיס אויס דײַן צאָרן אויף די גוייִם, וואָס פאָדערן, אַז יש־ראל זאָל זיך צוריקציען לויט זייערע תנאים...״

פּאָעזיע — א בענטשונג

ס'איז באַוווּסט א געשיכטע מיט א פראנצוי־זישן פּאָעט, אַן ארמענער לויט דער נאַציִאָנאַלי־טעט, מע האָט אים גערופן קאָסטאַן זאַריאַן, וועלכער האָט געשריבן, דאַכט זיך, אויך אַף ענגליש און איטאַליעניש, אָבער קיינמאָל ניט אַף ארמעניש. די שפּראַך פון זײַנע עלטערן האָט ער, עמעס, אין די רײַפע יאָרן עטוואָס אויסגע־לערנט, אָבער ניט אַזוי גוט, ער זאָל קאָנען אַף איר שרײַבן ליטעראַרישע ווערק.

גאַנצע זיבעציק יאָר פון זײַן לעבן איז ער אָפּגעווען ווײַט פון זײַן געבורטסלאַנד. ער פלעגט דרוקן פּאָעמעס, לידער, ראָמאַנען, קרי־טישע עסייען אין פּאַריזש, רוים, בריסעל, קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל, סאָפיע, ניו־יאָרק, באָסטאָן, — ניט אין ערעוואַן. אין פּאַריזש האָט ער ארויס־געגעבן א זשורנאַל, וועלכן ס'האָבן איליוסט־רירט פּיקאַסאָ, דעלאָנע, שאַגאַל, לעזשע, אָבער ווען מע האָט אים געבראַכט א רעפּראָדוקציע פון סאַריאַנס א בילד, האָט ער זי אין זשורנאַל ניט אָנגענומען, ווײַל דער ארמענישער פּייזאַזש איז אים געווען פרעמד. זײַנע פרײַנט זײַנען געווען ווערכאַרן, דרײַזער, לאָרקע, בונין, פּי־ראַנדעלאָ, רעמאַרק — קיין איין ארמענער ניט צווישן זיי.

אַנומלטן האָט קאָסטאַן זאַריאַן געבראַכט ווערכאַרנען א העפטל מיט זײַנע פראַנצויזישע לידער. דער גרויסער דיכטער האָט געבלעטערט דאָס העפטל און, פּונקט ווי ענטפערנדיק אַף די אייגענע מאַכשאָווועס, א פרעג געטאָן זאַריאַנען:

— אַף וועלכער שפּראַך ב ע נ ט ש ט איר?

— איך בין ניט קיין גלייביקער.

— נו, און ווען איר וואָלט געגלייבט אין גאָט, — אַף וועלכער שפּראַך וואָלט איר דאַן געבענטשט?

אין פיל יאָרן אַרום, — קאָסטאַן זאַריאַן האָט שוין אַריבערגעשטיגן דעם אַכטן צענדליק, — האָט ער באַשריבן דעם דאָזיקן שמועס מיט ווערכאַרנען. ווען יענער איז באַשטאַנען, אַז זאַ־ריאַן זאָל זאָגן, אַף וועלכער שפּראַך ער וואָלט געבענטשט, זײַנען אין זיקאָרן באַם פראַנצוי־זיש רעדנדיקן, פראַנצויזיש שרײַבנדיקן, פראַנ־צויזיש דענקענדיקן פּאָעט אויפגעשווומען די ווערטער פון א טפילע, וועלכע ער האָט קינד־ווײַז אויסגעלערנט אַף אויסווייניק, און זײַנע ליפּן האָבן אָנגעהויבן שטילערהייט בענטשן אַף ארמעניש. עמיל ווערכאַרן האָט אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט, און ווען זאַריאַן איז אַנשוויגן געוואָרן, האָט ער געזאָגט:

— פּאָעזיע איז אויך א בענטשונג...

ווער וועמען פירט?

וויפל מאָל קומט אויס צו זען, ווי א הונט פירט נאָך זיך א מענטשן, — לויפט פאָרויס און שלעפּט אָפּן קייטל דעם בניי־אָדאָם, פירט אים ארײַן אין גראָז, לאָזט אים שטיין און וואַרטן, ווען אליין גלוסט זיך אים אויפהייבן דאָס פיסל. און אַלע מאָל זאָגט דער מענטש, אַז ניט דער הונט פירט אים, נאָר ער — דעם הונט...

אַזוי איז אויך מיט די יעניקע, וועלכע שלעפּן זיך אַרום מיט דעם קרענקלעכן נאַציִאָנאַלן גע־פיל.

א שפּיל אין ווערטער

אין די ליטעראַרישע קרײַזן פון מאָסקווע דערציילט מען, ווי מאַרקיש, פעפער, קוויטקאָ, בערגעלסאָן, קושניראָוו, האַלקין האָבן איינמאָל, בייס א זיצונג פון דער ביוראָ פון די מאָסקווער ייִדישע שרײַבער, זיך גענומען מיטאַמאָל שפּילן אין ווערטער.

דאָס איז אַן עמעסע געשיכטע, און ווײַל איך בין דערבײַ בײַגעווען, וועל איך פאַרצייכענען די פּראָטים.

די זיצונג איז פאָרגעקומען אין דער דירע בא יעכעזקל דאָברושינען. ס'האָט שוין געהאַט זיך אָנגעהויבן דער קאַלטער קריג, און, ווי באַוווּסט, האָט די ייִדישע ליטעראַטור אים ניט אויסגע־מיטן. עפּעס איינער א פישמאַן, צי שיפּמאַן, איך געדענק ניט פּינקטלעך, האָט געשריבן אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס", אַז „בא די סאָוועטן" האָבן די ייִדישע שרײַבער שוין פאַרגעסן ייִדיש. בערגעלסאָן האָט זיך עס גענומען צום האַרצן און אָנגעהויבן אַף דער זיצונג זיך נאָכפרעגן, צי עמעצער ווייסט, ווער עס איז דער אַווטאָר. ווען עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז אַלע ווייסן ניט, איז דאָברושין ארויסגעגאַן פון צימער נאָך זאַלמען רייזענס לעקסיקאָן — עפּשער איז דאָרט עפּעס פאַראַן וועגן פישמאַנען (שיפּמאַנען). קושניראָוו, וואָס איז געווען דער פאָרלעזער פונעם אַרטיקל אין „פאָרווערטס", האָט דערווײַל געהאַלטן באַם אָרט, ווו עס ווערט דערציילט, אַז בעשאַס פעפער איז געקומען מיט מיכאָעלסן קיין ניו־יאָרק, האָט מען אים אַף דער ערשטער פרעסע־קאָנפערענץ געפרעגט, צי ער עסט קוגל, און געענטפערט האָט ער אַף דער פראַגע מיט א פראַגע, האַלב אַף ייִדיש, האַלב אַף רוסיש: „קו־געל? וואָס איז עס — קוגעל?.."

די ציצונג האָט געלאַכט. פּעפער האָט א זאָג געטאָן אַפן שפּאַלער אויפן דאָס וואָרט „קיגל", זיך אָפּגעשטעלט א רעגע און אויסגעשאָסן:

— א לאָקשענער קיגל, א רעטשענער קיגל, א קיגל פון פּאַפּעשוי, א בילקע־קיגל...

— א געבלעטערטער, א געפלאָכטענער, א געקנאָטענער, א פראַנצויזישער, א פײַגענער, א געשמאַלצענער... קוגל! — האָט אונטערגעהאַלטן האַלקין, נאָר געזאָגט האָט ער „קוגל", ניט „קיגל".

בערגעלסאָן האָט אראָפּגעטרייסלט דעם אש פונעם פּאַפּיראָס און געפּרוווט פאַרענדיקן דעם איניען:

— אז דער קיגל איז ניט קיין גערוטענער, זוגט מען, אז ער איז א געוואָרפענער...

דאָ איז אין דער שפּיל אַרײַן מאַרקיש. ער האָט אָנגעהויבן וואַרפן מיט „וויראַזשעניעס" — שוין ניט פונעם קוגל־זשאַנער, נאָר גלאַט אַזוי:

— צולייגן א קנייטל! צעפּירן די מילך! אַרײַנסמיטשקען דעם מאַמזער! צעגיין זיך די פּיס! פאַרבליוטע אויגן! זובאַטע ציין!..

און, אַרויסגעריסן בא קושניראָוון דעם „פאָרווערטס", האָט ער גענומען פאָכן מיט אים אײַנדערלופטן:

— רעכנסט דעם פאַרך צו צום מיניען, שטייט ער שוין פאַרן אָמעד...

קוויטקאָ האָט צוגעהאָלפן:

— א פאַרך כאַפּט די ערשטע היטל...

די רעפליקעס וועגן דעם פאַרך האָבן אָפּגעקלונגען אַזוי, ווי גלײַך זיי זײַנען עס די רעצענזיע אַפן אַרטיקל פון פּישמאַנען (שיפּמאַנען). ס'האָט זיך אָבער געוואָלט, אז די שפּיל אין ווערטער זאָל אָנגיין ווײַטער, און קושניראָוו איז אונטערגעקומען מיט א פראַגע:

— האַלקין, בא אײַך אין ראַהאַטשאָוו איז געווען א שוואָם־ייִדענע?

— פאַרוואָס ניט? כאָטש זי האָט פאַרקויפט שוואָמען, ניט קיין שוואַמען, פלעגט מען זי רופן טאַקע שוואָם־ייִדענע... אַלע ווײַבערשע פּראָפעסיעס האָט ראַהאַטשאָוו געהאַט: א טאָרקערן. א פליקערן. א קוועטשערן (געקוועטשט ווײַנשל). א צוקער־בעקערן...

— און א שמאַלץ־ייִדענע איז בא אײַך געווען?

— געווען, געווען.

— און א פּעטרישקע־ווײַבל? און א הינער־סוחרטע?

— אַן אָפּשפּרעכערן. א האָניק־ווײַבל.

— און אַן אוגערקע־ווײַבל. און א הייוון־ווײַבל.

— אָבער קיין זאָקנמאַכערן איז אין ראַהאַטשאָוו ניט געווען: צו א טעכניטשנע פּראָפעסיע...

— שטעלט אײַך פאָר, אז אויך א זאָקנמאַכערן איז געווען! עמעס, געשטריקט האָט זי הענטשקעס. „פאַרוואָס זשע, נעבעך־לעבן, רופט איר זיך זאָקנמאַכערן, אויב איר מאַכט הענטשקעס?" אַף דעם פלעגט זי ענטפערן: „ווײַל זאָקן מאַכט מען אויך"...

די שפּיל וואָלט זיך נאָך געצויגן ווײַטער, נאָר ס'האָט זיך דערהערט א הוסטל פון יענער זײַט טיר, און קוויטקאָ האָט אויסגעשריגן:

— קינדער, שאַט! די מאַמע כאַצי גייט.

דאָברושין איז אַרײַן אין צימער, אופגעהאַנגען זײַן שטעקן אַפן פּאָטעל און, אײַנמאָסטענדיק זיך אין פּאָטעל מיט א מעכײַעדיקן קרעכץ, זיך מוידע געווען, אז ער איז די עטלעכע מינוט אָפּגעשטאַנען בא דער טיר און איז גאָר צום ביכער־שראַנק מיט זאַלמען רייזענס לעקסיקאָן ניט דערגאַנגען. דערנאָך האָט ער געזאָגט צו האַלקינען:

— אייגנטלעך, האָט איר פאַרגעסן צו דערמאָנען א פּראָפעסיע פון א שמאַטע־ווײַבל. אײַ־אײַ־אײַ, שמועל, האָניק־ווײַבלעך ליגן אײַך אין קאָפּ...

ווען מענדעלע וואָלט נאָך געלעבט עטלעכע יאָר

איינער פון די שענסטע פּערלען פון דער ליטעראַטור־פאָרשונג איז העניך מאַנס א דעפיניציע פון דער רוסישער קלאַסיק ווי די „רעוואָלוציע ביז דער רעוואָלוציע".

מע קאָן אויך זאָגן, אז גאָרקיס „געזאַנג וועגן שטורעמפויגל", בלאָקס „צוועלף", בריוסאָווס ליד „אַרבעט", מאַיאַקאָווסקיס „אָדע צו דער רעוואָלוציע" — זײַנען די פיר רעדער, אַף וועלכע די רוסישע דיכטונג איז אַרײַנגעפאָרן אין סאָוועטישן פּעריאָד.

דער גוירל האָט אַזוי געוואָלט, אז מענדעלע, פּערעץ, שאָלעם־אַליכעם זאָלן שטאַרבן בא דער סאַמע שוועל פון דער נײַער עפּאָכע. א גרויסער שאַד, וואָס האגאַם זיי זײַנען דערגאַנגען צו אָט דער שוועל, האָבן זיי ניט באַוויזן זי איבערטרעטן... די לאָגיק פון זייער שאַפונג האָט אונטערגעזאָגט ביז גאָר טשיקאַווע העמשייכים, ווײַל צו יענער צײַט האָט די ייִדישע קלאַסיק שוין א סאַך אָפּגעטאָן, קעדיי אופוועקן בא אירע לייענער „די רעוואָלוציע ביז דער רעוואָלוציע".

ווען מענדעלע, לעמאָשל, זאָל נאָך געווען לעבן עטלעכע יאָר, וואָלט ער צוזאַמען מיט גאָרקין, אַקאָפּיאַנען, קופּאַלאַן און אַנדערע ליטעראַרישע רישוינים פון אונדזער יאָרהונדערט געוואָרן אַן אָנהייבער פון דער סאָוועטישער פילנאַציאָנאַלער ליטעראַטור.

נאָטיצן וועגן נעגינע

■

די צווייטע ליד (נאָך דער מאַמעס וויגליד), וואָס מיר איז אויסגעקומען צו הערן אין מײַן לעבן, איז געווען דאָס מורמלען (באַרמאַטשען) פונעם גלוכאַר. דער וואַלד־האָן איז מינאַסטאַם דער עלטסטער זינגער אַף דער וועלט. ווען דער מענטש איז אויכעט געווען א וואַלד־באַשעפעניש, האָט אין דער ראַשטשע, אין סאַמע טויבן

ווינקל, שוין געגעבן קאָנצערטן דער שאַליאַפּין־פויגל, וועמענס טיטל „מאַעסטראָ פונעם וואַלד" עס האָט באַשטעטיקט די נאַטור אַליין.

אַ קינד נאָך, האָב איך איינמאָל, אַ שפּראָץ אַף טאָג, זיך פאַרקליבן אין אַ טײַגע־זומפּ און שטאַרק זיך דערשראָקן, דערזעענדיק שטיין אַ שפּאַן צוויי פון מיר, אַף אַ הויכער קאָטשקע, אַ מעגושעמדיקן האָן מיט אַן אויסגעצויגענעם האַלדז, ווי גלײַך ער וואָלט זיך וואַרגן, און מיט אַ צעפּאָכעטן עק. איך בין אָבער גלײַך געקומען צו־זיך, ווײַל פון די שמועסן מיט אָרטיקע יעגער־ייִנגלעך האָב איך שוין געוווּסט, וואָס אַזוינס עס איז אַ גלוכאַר. און ווען דער פויגל האָט אָנגעהויבן אַרויסברענגען שטילע קלאַנגען, האָב איך אויך אויסגעצויגן דעם האַלדז און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געבליבן שטעקן צווישן קאָטשקעס — אַליין קימאַט אויך אַ קאָטשקע.

די קלאַנגען האָבן צוערשט דערמאָנט דאָס טרעשטשען פון טרוקענע צווײַגן, ווען מע ברעכט זיי פונעם בוים. דערנאָך האָט זיך דער־הערט אַ מין שיפּען, ווי באַם שלײַפן אַ מעסער, און די דאָזיקע צוויי כאַראַקטעריסטישע קלאַנגען־שנירעלעך, אַרײַנפאַלנדיק אין אַ ריטם און איבערפלעכטנדיק זיך איינס מיטן אַנדערן, האָבן אָנגעהויבן זיך באַפאַרבן עמאָציאָנעל, ציטערן, טרייסלען זיך, שטאַרקער ווערן און שוואַכער ווערן, און, וויבּרירנדיק אין דער שטילקײַט, שאַרנדיק זיך איבער דעם וואַלד, גענומען אים אַרײַנקריכן אַזוי קונציק אין די אייוורים, אַז ס'האָט געדוכט: קיינמאָל איז קיין וואַלד ניט געווען און קיינמאָל וועט קיין וואַלד ניט זײַן אָן אַזאַ מין נעגינע.

7 מײַ 1953

■

באַ די נעוויִיִם איז מוזיק געווען אַ סטימולירנ־דיקער פאַקטאָר פאַרן גײַסט, אַ מיטל „אַרײַנ־צוגיין אין דער ראָל". מיט נעגינע פלעגן די נעוויִיִם דערוועקן אין זיך די פייִקײַט צו פאָרויסזאָגן. די לעגענדע דערציילט, אַז דער קיניג פון יעהודע יעהוישאָפאָט האָט זיך פאַר אַ קריג פאַרשלאָסן מיט עלישע האַנאָווי און גענומען זיך אָנפרעגן, וואָס עס דערוואַרט זײַן כאַיִל. דער נאָווי האָט געהייסן אַרײַנרופן אַ מענאַגן (אַ זינגער), און אונטער די קלאַנגען פונעם געזאַנג און פון דעם שפּילן האָט ער טאַקע דערפילט אין זיך דעם רועך־האַנעוווּע. ווי עס ווערט ווײַטער דערציילט, האָט עלישע האַ־נאָווי פאָרויסגעזאָגט יעהוישאָפאָטן אַ זיג איבערן קיניג פון מויִאָוו, און דאָס נעוויִעס איז מעקויִעם געוואָרן.

איך האָב אַמאָל געפרעגט באַ לייב פּולווערן, וואָסער מוזיקאַלער אינסטרומענט איז באַ די ייִדן געווען דער ערשטער. פּולווער איז פון דער יוגנט אָן געווען פאָלקום אַסימילירט, און דאָך האָט ער ניט בלויז געוווּסט צו זאָגן: „דער קינויר", נאָר ער האָט אויך צוגעגעבן:

— דאָוויד האַמעלעך האָט געשפּילט אַף אַ קינויר.

— וואָס איז עס — אַ פידל?

— אַ פידל, יאָ. און אויב איר ווילט, קאָנט איר באַ אייניקע היסטאָריקער פּויעלן, אַז קינויר איז אַ האַרפּע. און באַ יאָסיף פלאַוויִוסן גע־דענקט איר, וויאַזוי עס ווערט באַשריבן דער קינויר? אַ דרײַעקעכיקער אינסטרומענט מיט צען סטרונעס, דער שפּילער קלאַפּט מיט די פינ־גער איבער די סטרונעס...

— און איך האָב געמיינט, ס'איז אַ גיטאַרע...

— אַ גיטאַרע אויך...

אַגעוו, ווען דאָוויד האָט נאָך ניט געטראָגן זײַן קרוין, פלעגט דער קיניג שאָול, אַ קראַנקער אַף מעלאַנכאָליע, אים רופן צו זיך און באַפעלן, ער זאָל שפּילן. אין טאַנאַך (שמואל א. טז, כג) שטייט געשריבן, אַז פון די קלאַנגען פון דאָ־ווידס קינויר פלעגט שאָולן בעסער ווערן, דער שלעכטער גײַסט — די מעלאַנכאָליע — פלעגט פון אים זיך אָפּטאָן.

אויב איר ווילט, קאָן מען זאָגן, אַז פון אים, פון דאָווידן, קומט אַרויס די עסטראַדע־קונסט. ווען ער האָט געיאַרשנט פון שאָולן די קרוין, האָבן זיך אין קיניגלעכן הויף אײַנגעפונדעוועט גאַנצע פיר טויזנט זינגער און שפּילער, וועלכע זײַנען געווען אײַנגעטיילט אין „אַנסאַמבלען", בעראָש מיט צוויי מײַסטערס — אָסאָף און יעדוסון, — וואָס ווערן אָנגערופן „דעם קיניגס נעוויִיִם" און וועגן זיי איז באַמערקט גע־וואָרן אין טאַנאַך, אַז זיי „זאָגן נעוויִעס אַף פידלען און האַרפן"...

2 אָקטיאַבער 1970

■

ווען בעטהאָווען איז נאָך ניט געווען טויב, האָט ער איינמאָל באַזוכט אַ סינאַגאָגע און גע־הערט זינגען קאָלנידרע. העט שפּעטער, אַ יאָר פאַר זײַן טויט, האָט די מעלאָדיע אויפגעלעבט באַ אים אין זיקאָרן, און ער האָט זי אַרײַנגע־פירט אין זײַן לעצטן קוואַרטעט „אָפּוס 131".

אין דער יוגנט האָט בעטהאָווען איבערגע־לעבט אַ שטורמישע ליבע צו אַ ייִדיש מיידל — ראַכעל לעווענשטיין, — און זײַנע ביִאָגראַפן האַלטן, אַז „די טרויעריקסטע און די דערהויבנ־סטע מעלאָדיע", ווי לעוו טאָלסטאָי האָט אָנ־גערופן קאָלנידרע, איז געווען זײַן, בעטהאָווענס, צוריק־געשריי צו יענע ראָמאַנטישע פּײַנפולע יונגע טעג פון זײַן לעבן.

איצט לאָמיר זיך אַרײַנטראַכטן אין די אַלע זאַכן, און מירן זען, אַז אָדער די ביִאָגראַפן זײַ־נען זיך טויע, ווײַל זיי האָבן אין זינען בלויז די מוזיק פון קאָלנידרע און ניט די טפילע ווי אַ גאַנצע, אָדער אַליין בעטהאָווען (פּונקט ווי טאָלסטאָי) האָט, הערנדיק די מעלאָדיע, ניט געוווּסט, צו וואָסער טעקסט זי איז צוגעפּאַסט.

דער אַקט, וואָס מע רופט אים „קאָלנידרע", האָט אַ שמאָל־וועלטלעכן ציל, ניט קיין רעלי־גיִעזן, האַגאַם ער ווערט רעאַליזירט אין דער פאָרם פון אַ טפילע צו גאָט. ס'איז אַ גאַנץ פּראָ־זאַיִשער איניִען. האָבנדיק, ווי אַלע מיזרעך־פעל־קער, אַן עקספּאַנסיוון כאַראַקטער, זײַנען די

אוראַלטע ייִדן שטענדיק גרייט געווען צו געבן אַ ניידער, צוזאָגן עפּעס, פאַרפליכטן זיך, שווערן זיך צו אָפּטאָן. און פּונקט אַזוי שנעל און אומבאַטראַכט, ווי דער צוזאָג פלעג אָפּט געגעבן ווערן, אַזוי איז ער ניט איין מאָל אויך געוואָרן פאַרגעסן. פאַרשטענדלעך, אַז די דאָזיקע זאַכלאַגע האָט גורירעם געווען מיספּאַרשטייענישן, ווי אויך געוויסן־ביסן. פונדאַנען שטאַמט דער ריטואַל האַטאָראַט נעדאָרים — דאָס אופלייזן מיצאַד דעם ראָוו אַ ניידער. פּאַקטיש ליגט די זעלבע סיבע אין יעסאָד פונעם אַקט פון קאָלנידרע — דאָס געבעט צו גאָט, וואָס מע זינגט אויס פאַרנאַכט, אָנהייב יאָמקיפּער.

אין דער מינוט, ווען דער כאַזן באַם באַלעמער האָט אָפּגעדעקט דאָס פּאָנעם פון אונטערן טאַלעס, אויסגעווישט די אויגן מיט אַ רויטער פּאַטשיילע און גענומען, אין אָנפאַנג שטילשטיל, צוזאַמען מיט זײַנע מעשוירערים, אויסזינגען די טענער פון קאָלנידרע, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז די טעמע פון אַזאַ פּליסטערונג איז אַ געטלעך־דערהויבענע. אינדערעמעסן אָבער האָבן די אַראַמייִשע ווערטער פונעם געבעט באַטײַט בוכשטעבלעך אָט וואָס:

„אַלע צוזאָגן (די דאָזיקע צוויי ווערטער — אַלע צוזאָגן — קלינגען אין אַראַמייִש ווי „קאָל נידרע", פונדאַנען דער נאָמען פונעם געזאַנג. — אַ. וו.), פאַרפליכטונגען, שוווּעס..., דאָס, וואָס מיר האָבן צוגעזאָגט, אָדער זיך געשווירן, אָדער זיך פאַרפליכטעט, אָדער דאָס, מיט וואָס מיר האָבן זיך מיסכײַעוו געווען אָנהייבנדיק פון דעם הײַנטיקן טאָג פון פאַרגעבן די זינד און ביזן קומענדיקן גליקלעכן אָנקום פונעם טאָג פון פאַרגעבן די זינד, — אַף דעם אַלעם האָבן מיר כאַראָטע. זאָל דאָס אַלץ זיך רעכענען פאַר אָפּגעפרעגט, פאַר אַזוינס, וואָס מע איז מויכל, פאַר פאַרניכטעטס, פאַר ניט קיין ווירקלעכס, פאַר אַזוינס, וואָס האָט פאַרלוירן די קראַפט... די נעדאָרים וועלן ניט זײַן פאַררעכנט פאַר נעדאָרים, די פאַרפליכטונגען וועלן ניט פאַרפליכטן און די שוווּע וועט ניט זײַן קיין שוווּע"...

סאַראַ זאַכלעכער, ניט דערהויבענער אָפּזאָג צו האַלטן וואָרט; דער רעליגיִעזער אוילעם האָט אים אַרופגעשלעפּט אַפן באַלעמער און אָנגעקליידט אים אין די הימלשע בגאָדים פון אַ טפילע, מוירע האָבנדיק, אַז אַנדערש וועט ער אין גאָטס אינסטאַנצן ניט זײַן גילטיק און מע וועט מוזן באַקומען די שטראָף פאַר אייגנזיניטיק ברעכן דעם ניידער.

נאָך זאַכלעכער און קאָנקרעטער איז געווען די באַוואָרעניש, וואָס איז אין רוסלאַנד צוגעגעבן געוואָרן צום אורטעקסט לויטן באַשלוס פונעם מיניסטעריום פון אינערלעכע איניאָנים, וועלכער האָט באַקומען די אַלהעכסטע באַשטעטיקונג דעם 25 אָקטיאַבער 1857, און פון דעמלט אָן ווערט פאַרן זינגען קאָלנידרע געמאָלדן פּאָלגנדיקס:

„אין נאָמען פון גאָט און פונעם געזעץ פרעגן מיר אָפּ נעדאָרים און אַזעלכע מינים שוווּעס, דורך וועלכע עמעץ־ווער. געבנדיק דעם ניידער אָדער די שוווּע, האָט דורך דעם אַרופגענומען אַף זיך אָן אײַנגעהאַלטנקײַט צי אָפּזאָג פון עפּעס, ווי ביכלאַל שוווּעס, וואָס האָבן אַ שײַכעס פּערזענלעך און אויסשליסלעך צו אים; אָבער זאָל גאָט אויסהיטן יעדן איינעם צו מיינען, אַז מיר האָבן אופגעגעבן שוווּעס און פּריסיאַגעס, וועלכע מע גיט דער רעגירונג, אָדער דעם געריכט און ביכלאַל אין באַצוג צו די אינטערעסן פון אַ צווייטער פּערזאָן, אומאָפּהענגיק פון זײַן אָפּשטאַם און גלויבן"... אַאַוו.

אָט אַזוי האַלט עס מיט „דער טרויעריקסטער און דערהויבנסטער מעלאָדיע". דאָס לעבן איז האַרב און איז פּאָשעט. די גאַנצע יאָמקיפּערטראַגיק, די טײַכן טרערן האָבן זיך גענומען פונעם פּאַכעד פאַר דעם, וואָס, קלוימערשט, באַם בוירע־אוילאָם, און ניט אַף דער ערד, ווערט אָפּגעמאָסטן און פאַרטיילט די נויט אָדער די האַצלאָכע, די ווייען און פריידן, די קראַנקײַטן, צאָרעס, אומגליקן, פּאַסירונגען, און פּונקט ווי קינדער רופן צו הילף דאָס געוויין אַף ווייכער מאַכן דאָס האַרץ באַ טאַטע־מאַמע, אַזוי האָבן עלטערע ייִדן און ייִדענעס געוויינט מיט ביטערע טרערן פאַר גאָט, געקליאַנטשעט באַ אים „אַ גוט קוויטל" („אַ גוטע כסימע"), געלאָזט אין גאַנג דאָס קאַפּאָרעס־שלאָגן („מיר צום לעבן, דיר צום טויט"), דאָס פּראַווען האַטאָראַט נעדאָרים, דאָס אַרײַנכאַפּן מאַלקעס — לאָזן זיך צו באַקומען 39 שמיץ אַלס אָפּקומעניש פאַר באַגאַנגענע זינד, די האַרצרײַסנדיקע קלאָג־מעלאָדיעס אין די באָטעמעדראָשים אונטערן אַקאָמפּאַנעמענט פון ווײַבערשע היסטעריקעס, און ענלעך — דאָס געזאַנג קאָלנידרע, אַ געניִאַלס לויט דער מוזיק און אַ צוגענאָגלטס צום טאָג־לעבן לויט דעם טעקסט.

אָט דעם ווידערשפּרוך, דעם אײַנרײַס צווישן „הימלדיקן" און ערדישן אין קאָלנידרע האָבן ריכטיק אופגעכאַפּט די גרויסע כאַזאָנים — מוישע קוסעוויצקי, גערשן סיראָטאַ און אַנדערע, — וועלכע האָבן אויסגעפּילט קאָלנידרע אָן דעם רעליגיִעז־מיסטישן נעפּל, ווי זינגער, ווי אַזעלכע זינגער, וואָס פאַרשטייען דעם „קוועטש", ווײַל אויסער דער שטים און דער פּאָעטישער וויזיע, פאַרמאָגן זיי נאָך די ספּעציפישע כאַזאָנישע פאַרשטענדעניש מיטן מאַטעריאַל. די טראַדיציִאָנעלע טרויעריק־אַנגסטפולע מעלאָדיע, וועלכע גייט אַריבער לאַנגזאַם פון פּיאַניסימאָ צו פּאָרטיסימאָ, האָט קוסעוויצקי, לעמאָשל, באַרײַכערט מיט אינטאָנאַציעס, וועלכע זײַנען ווײַט פון אונטערטעניקײַט און שוואַכקײַט. זײַן הויך, שטאַרק קאָל האָט געפּאָדערט, זיך געקלאָגט און אַפילע ערטערווײַז „געקלאַפּט אין טיש".

1 נאָיאַבער 1961

אַ בלעטל פון מײַן טאָגבוך. 14־טער פעווראַל 1959

נעכטן בין איך ווידער געפאָרן צו ראָבסאָנען אין דער סאַנאַטאָריע „באַרוויכע", ווו ער רוט זיך אָפּ צוזאַמען מיט זײַן פרוי עסלאַנדאַ. דאָס איז געווען שוין ס׳דריטע מאָל (אַ טאָג נאָך אַ

טאָג), ווען מיר זײַנען זיך צונויפגעקומען אף צו אָפּרעדן וועגן דעם אָוונט, געווידמעט שאַלעם־אַלייכעמען — צו זײַן 100־טן געבורטסטאָג, — וועלכער וועט פאָרקומען אין קאָלאָנענזאַל פונעם הויז פון די פאַריינען, און סײַ איך, סײַ ראַבסאָן האָבן צוערשט געמיינט, אַז דער שמועס וועט זײַן אַ קורצער און איך וועל זיך אומקערן קיין מאָסקווע נאָך ביזן מיטיק. ערשט, עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז „פּאַוועל וואַסיליעוויטש" (אַזוי רופן מיר ראַבסאָנען) האָט, קאָן מען זאָגן, געוואַרט אַף דער געלעגנהײַט זיך דורכצושמועסן, און מיר איז אויך די זאַך טשיקאַווע, און אָט... דרײַ טעג נאָכאַנאַנד שמועסן מיר, און ס'איז דערווײַל ערשט צו האָפן, אַז מאָרגן, אימירצעשעם, וועלן מיר סאַפּקאַלסאַף זיך אַ נעם טאָן פאַר דער עצם טעמע וועגן דעם אָוונט, כאָטש — וואָס איז דאָ פאַראַן צו ריידן: ניטאָ, דאַכט זיך, אין דער וועלט אַזאַ מענטש, וואָס זאָל ניט גרייט זײַן אָנטיילצונעמען אין אַן אָוונט וועגן שאָלעם־אַלייכעמען.

דערווײַל זיצן מיר אַ שאָ און צוויי און דרײַ — און מיר רעדן.

— צי ווייסט איר, — פרעגט ראַבסאָן, — וויאַזוי איך בין געוואָרן אַ זינגער?

איך ווייס ניט.

— גאָר אומגעריכט בין איך געוואָרן אַ זינגער! ס'איז געשען אין מײַנע סטודענטישע יאָרן, ווען איך האָב, אויסער שטודירן, אַרײַנגעכאַפּט אויך אַ ביסל ספּאָרט — פוטבאָל און באַסקעטבאָל, און באַזונדערס האָב איך זיך אָפּגעגעבן דעם טעאַטער. דאָרט, אין דראַמאַטישן קרײַז פון קאָלעדזש, ווו כ'האָב זיך געלערנט, איז עס טאַקע געשען: פון מײַן „אינעווייניק", פון די טיפענישן פון מײַן וועזן האָט זיך מיטאַמאָל אַרויסגעריסן דער באַס, וועגן וועלכן כ'האָב ביז דעמלט קיין אַנונג ניט געהאַט... נו, ווי אַנדערע פאַרוואַנדלונגען, איז אויך מײַן פאַרוואַנדלען זיך אין אַ זינגער געווען ניט מער ווי אַ צופאַל. איך האָב דעמלט געשפּילט די הויפּט־ראָל אין דער סטודענטישער שטעלונג פון יודזשין אָ'נילס פּיעסע „דער אימפּעראַטאָר דזשאָנס". אַף דעם אָרט, ווו דער אימפּעראַטאָר האָט באַדאַרפט שטימונגספול אונטערפײַפן, האָב איך איינמאָל, אָנשטאָט פײַפן, אָנגעהויבן אַף דער בינע צו זינגען. איר האָט מיסטאָמע געהערט וועגן די ספּיריטשועלס, אונדזערע נעגערשע לידער, מערסטנס אַף ביבלישע סוזשעטן, וואָס די שוואַרצהויטיקע קנעכט אין אַמעריקע פלעגן פאַרפאַסן, קעדיי אין אַן עזאָפּישער פאָרם אַרויסזאָגן זייער פּראָטעסט קעגן די אַכזאָריעסן פון די ווײַסע. איז אָט — מיט אַ ספּיריטשועל האָב איך פאַרביטן דאָס פײַפן! איר ווייסט ניט, וואָס עס האָט זיך דאַן געטאָן אין זאַל... פאַר מיר האָט זיך עס פאַרענדיקט מיט דעם, וואָס איך בין געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער זינגער...

— פּאַוועל וואַסיליעוויטש, איר האָט אָקאָרשט געזאָגט, אַז דער באַס האָט זיך פון אײַך „אַרויסגעריסן". ער איז, הייסט עס, פונקט ווי געזעסן אין אײַך, און איר האָט פריִער אָדער שפּעטער זיך געמוזט פון אים באַפרײַען, „אויסליידיקן דעם האַלדז פון די קלאַנגען". פונקט אַזאַ געפיל איז, ווי איך ווייס לויט זיך אַליין, פאַראַן באַם דיכטער, ווען די ליד איז שוין באַ אים פאַרטיק, ער „וואָרגט זיך מיט איר", זי „ליגט אים אונטערן האַרצן", ער מוז זי אַרויסגעבן, אַניט נאָגט אים עפּעס אינעווייניק, ער דאַרף, כאָזער איך איבער, אויסליידיקן זײַן וועזן פון איר...

— די באַדערפעניש צו אויסליידיקן פון קלאַנגען די נעשאָמע, דעם „אינעווייניק", דעם האַלדז איז אַן ערעך אַזאַ, ווי דער מוז אַרויסצולאָזן אַ ביסל דאַמף, קעדיי דער קעסל זאָל ניט פּלאַצן. אָפט הייב איך אָן גלאַט אַזוי „רײַסן דעם גאַרגל": אָ! אָ! אָ! אָ! — עס זאָל מיר גרינגער ווערן. די מערהײַט מענטשן מיינען, אַז זינגען הייסט אויסשליסלעך אַרויסברענגען האַרמאָנישע קלאַנגען. אַזאַ קוק איז נאַיוו. ווער ווייסט ניט, אַז מוזיק איז ביכלאַל פיל מערער, איידער דאָס, וואָס מיר באַצייכענען מיט אָט דעם נאָמען. אַרבעט — איז מוזיק, דער אָנגעשטרענגטער, פולער אָטעם באַ דעם, וואָס אַרבעט, איז געזאַנג. ווען אַ מענטש הוסט אפילע, זינגט ער. דאָס ריידן — איז מוזיק. הײַנט דער געלעכטער פון אַ מענטשן! הערט זיך צו, ווען מע לאַכט! פאַרוואָס פאַרשרײַבט מען ניט אַף פּלאַטן, וויאַזוי עס לאַכן פאַרשיידנערליי מענטשן? אָט וועל איך באַלד אַ לאַך טאָן, וועט טוואַרישטש ראָקאָסאָווסקי זיך ווילנדיק ניט ווילנדיק אָפּשטעלן און מיט כידעש און נײַגער זיך צוהערן צו דער מוזיק פון מײַן געלעכטער... (אין דער רעגע איז פאַרבײַ דער באַנק, אַף וועלכער מיר זײַנען געזעסן, דורכגעגאַנגען אַ הויכער עלעגאַנט־געבויטער מענטש — אָנגעטאָן אין אַ היימישן יעגעררעקל, — טאַקע, ווײַזט זיך אַרויס, דער מאַרשאַל ראָקאָסאָווסקי).

ראַבסאָן רעדט וועגן ייִדן און נעגערס:

— אויב צווישן די ווערטער: „ייִד" און „נעגער" אַרײַנשרײַבן דאָס וואָרט „אַמעריקע", דאַרף מען צו דעם צוגעבן די אַלגעמיינע פאַר ביידע פעלקער ציפער „300", אָדער עטוואָס מער — ניט אין דער פּינקטלעכער ציפער גייט דאָ, מיט יעדן טאָג ווערט זי דאָך, נאַטירלעך, גרעסער. די ערשטע נעגער־שקלאַפן זײַנען אין דזשיימסטאַון אַראָפּגעפירט געוואָרן פון דער שיף בלויז מיט 35 יאָר פאַר דעם, ווי קיין ניו־אַמסטערדאַם איז געקומען די ערשטע גרופּע ייִדן. און פון אָנהייב אָן האָט עפּעס וועזנטלעכס פאַרבונדן די נעגערס און די ייִדן. איינע זײַנען געווען פאַרשקלאַפט און אַרויסגעפירט פון זייער היים, די אַנדערע — פאַרפאָלגט פון פּאָגראָמען און געצוווּנגען זייער היים צו פאַרלאָזן. אָט די צוויי פעלקער זײַנען נאָך אויך הײַנט ניט „הונדערטפּראָצענטיק אַמעריקאַניש", האַגאַם אין געוועב, וואָס רופט זיך אַמעריקע, פלעכטן זיך אַרײַן זייערע פאַרביקע שטײַפע פעדעם אַף אַלע הונדערט פּראָצענט! האַקלאַל, מײַן טײַערער, ס'איז שוין פאַוואָלינקע מער ווי 300 יאָר, הייסט עס, ווי די נעגערס און די ייִדן גייען אַרום איבער אַמעריקע אַף אומזעבאַר צונויפאַלנדיקע וועגן... און מערקווירדיק: ווען איך זינג אַ ייִדישע ליד פאַר נעגערס, דאַרף איך ניט „איבער־

פארבן" ווייַס אף שווארץ, איך דארף ניט „איבערזעצן" די ריטמען און די אקצענטן. אָפט כידעש איך זיך, ווי גרינג די ייִדן נעמען אויף נעגערשע מעלאָדיעס. און דאָס פירט מיך ווידער ארוף אפן געדאנק, אז מוזיק איז פיל מערער, איידער דאָס, וואָס מיר באצייכענען מיט אָט דעם נאָמען. ווייַזט אויס, אז צונויפגעקרעמפעוועטע פויסטן — זייַנען מוזיק, פארדראָס און צאָרן, און אויך בענקשאפט נאָך פרייַהייַט — אוואדע מוזיק. איינמאָל, ווען איך האָב אף א נעגערשער פראָטעסט־פארזאמלונג געזונגען אף ייִדיש „זאָג ניט קיינמאָל, אז דו גייסט דעם לעצטן וועג", האָבן אין זאל זיך אלע אופגעשטעלט. אף מאָרגן האָב איך צווישן ייִדן געזונגען די נעגערשע ליד וועגן וואסערפירער. איר געדענקט עפשער, וויאזוי אין א פאָר קופלעטן הערט זיך דאָס שווערע ארויסאָטעמען פונעם וואסערפירער באם שלעפן דעם פולן עמער מיט וואסער. איך זינג, און הער, ווי מיט מיר צוזאמען לאָזט ארויס דער גאנצער אוילעם דעם אוניקאלן פאר א זינגער אָטעם־קלאנג...

. . . .

. . . .

■

געווען איז עס צוריק מיט א יאָר אכט־צען. נאָך א קאָנצערט פון ייִדישע פאָלקסלידער בין איך צוזאמען מיטן קאָמפאָזיטאָר זינאָווי קאָמפאנייעץ ארויסגעגאן פונעם מאָסקווער ערמיטאזש, און ווייַל ס'איז געשטאנען א ווארעמער, פרישער אָוונט, זייַנען מיר אוועק זיך דורכשפאצירן איבער די מאָסקווער גאסן.

די מאָדערנע ליניעס פון די נייַע מויערן, אונטערערדישע דורכגאנגען, קאפע־הייַזער, האגאם זיי זייַנען געבויג „בייגעוודיק" לעגאבע די אלטע פאָרמען פון דער שטאָט, פירן א מין וויקועך מיט זיי, אָפרישנדיק אין סאכאקל דעם אויסזען פון מאָסקווע.

וועגן דעם האָבן מיר גערעדט, און מיר זייַנעןביידע געקומען צום געדאנק, אז אזעלכע „צווישנבאציִונגען" צווישן טראדיציע און הייַנטצייַטיקייַט זייַנען לעבנסנייטיק אויך פאר דער נאציִאָנאלער מוזיק, אריַינגערעכנט די זינגליד, קעדיי אויסמייַדן דאָס פארוואנדלען די נאציִאָנאלע קונסט אין א פעלד פון נאציִאָנאלער עקזאָטיק.

דער דאָזיקער שמועס איז געוואָרן אן אָנהייב פון מייַן צוזאמענארבעט מיט א ריי קאָמפאָזיטאָרן אף צו שאפן הייַנטצייַטיקן רעפערטואר פאר ייִדישע סאָוועטישע זינגער. ס'איז ניט אוועק קיין סאך צייַט, און אין „סאָוועטיש היימלאנד" האָט זיך באוויזן קאָמפאנייעצעס „זינג מיר א נייַע ייִדישע ליד". די ווערטער האָב איך פארפאסט מיטן מיין צו פארפירן א וויקועך, פונקט אזא, ווי צווישן די נייַע ליניעס אין דער ארכיטעקטור מיט די אלטע.

פון דעמלט אָן האָב איך שוין אָנגעשריבן א גרויסע צאָל לידער פאר מוזיק, און יעדע פון זיי האָט איר גורל. אָט, לעמאָשל, איז די געשיכטע פון דער ליד „דאָס ייִדישע מיידל מארוסיע".

בעשאס מייַנער א רייַזע איבער מאָלדאוויע בין איך איינמאָל אריַינגעקומען אין א ביר־הויז, וואָס שטייט באם וועג ניט ווייַט פון קעשענעוו. די פארקויפערן איז געווען א יונגע פרוי מיט א מערקבאר פינטעלע טרויער אין די גרויסע טונקלע אויגן און מיט א שווערן שווארצן צאָפ איבערן אקסל. מע האָט זי גערופן מארוסיע. צערעדנדיק זיך מיט מיר, האָט זי אין עפעס א קאָנטעקסט דערמאָנט דעם נאָמען פון איר מאמען — אוודאָטיע סערגייעוונע. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז מארוסיע איז געבוירן געוואָרן בא ייִדישע טאטע־מאמע. אין 1941, ווען די פאשיסטן האָבן אָקופירט מאָלדאוויע, האָט מען זי, אן אייפעלע, געשטעלט צום צעשיסן צוזאמען מיט אירע עלטערן, אין אן אלגעמיינער גרוב. די עלטערן זייַנען אומגעקומען, נאָר זי, דאָס קליינע מיידעלע, איז געבליבן לעבן, ווייַל די מערדער האָבן געשאָסן „העכער פון איר קאָפ". אוודאָטיע סערגייעוונע, א שכיינע, האָט זי ארויסגעשלעפט פון גרוב, א האלב־טויטע, אָנגערופן זי מיטן רוסישן נאָמען מארוסיא און שפעטער זי דערצויגן ווי אן אייגן קינד.

א דערשיטערטער פון דער געשיכטע, האָב איך אָנגעשריבן א ליד, וואָס הייבט זיך אָן מיט די שורעס „דאָס ייִדישע מיידל מארוסיע מיט ביבלישע אויגן און צעפ, געבוירן זי איז צווישן רוסן און צווישן די רוסן זי לעבט", — און זינאָווי קאָמפאנייעץ האָט פארפאסט מוזיק.

פארשטענדלעך, אז אין אזא ליד קאָן די מעלאָדיע ניט זייַן קיין נאציִאָנאל־אָפגעשלאָסענע. ס'איז דאָך א געשיכטע, ווו די אָנטיילנעמער זייַנען מענטשן פון צוויי נאציעס, ניט פון איינער. מארוסיעס געשטאלט איז פונקט אזוי קאָמפליצירט ווי איר גורל. אויב אין דער גרוב איז מארוסיע געווען א ייִדישקע, איז זי אין שטוב פארוואנדלט געוואָרן, מיט גליק, אין א רוסישער. אין דער זעלבער צייַט איז קיין צווייפל ניט, אז פון גרוב זייַנען מיט איר אין שטוב ווי מיטגעגאנגען די שאָטנס פון אירע ייִדישע טאטע־מאמע, און איר געהארגעטע מאמע און אוודאָטיע סערגייעוונע — איר לעבנסלאנגע מאמע — האָבן שוין געהאט איין געשטאלט.

די מוזיק פון א ליד, וועלכע איז געבויט אף אָט דער געשיכטע, האָט דאָס אלץ באדארפט אָפשפיגלען פריִער פאר אלץ און מערסטנס אין די אינטאָנאציעס.

אויך וועגן דעם, אז הייַנטצייַטיקע ייִדישע מוזיק דארף זייַן אין איינקלאנג מיט דער מוזיק פון די פעלקער, צווישן וועלכע מיר, ייִדן, לעבן, — אויך וועגן דעם, געדענק איך, האָבן מיר גערעדט — קאָמפאנייעץ און איך, — ארומשפאצירנדיק אין איינעם א שיינעם פארנאכט איבער מאָסקווע.

1971 פעווראל 4

די טאכלעס־רייד פון אווראָם סוצקעווערן

וועך דער רעדאקטאָר פון דער טעל־אוויווער צײַטשריפט „די גאָלדענע קייט" אווראָם סוצקעווער איז ניט לאנג צוריק געקומען אָף א קורצער צײַט קיין פאריזש, האָט א מיטארבעטער פון דער דאָרטיקער ציִעניסטישער צײַטונג „אונדזער וואָרט" פארגעבן אים „א רייע פראגן", און סוצקעווער האָט בא דער געלעגנהײַט ארויסגעזאָגט זײַנע געדאנקען. „וויִאזוי שטעלט איר זיך פאָר הײַנט, אין אונדזערע טעג, די ראָל פון א ייִדישן דיכטער?" — האָט געוואָלט וויסן דער פאריזשער זשורנאליסט.

טאקע טשיקאווע: וויִאזוי שטעלט זיך פאָר א טוער פון דער הײַנטיקער ייִסראָעל־ליטעראטור די מיסיע פונעם הײַנטיקן שרײַבער?

ס'איז דאָך באוווּסט, אז ייִסראָעל גופע איז, קאָן מען זאָגן, א לערן־ייִנגל, און ניט גאָר קיין סטאטעטשנע, בא דער צײַט. ייִסראָעל האָט די צווייטע העלפט פונעם 20־טן יאָרהונדערט ניט באגעגנט אין דויִרעסדיקער אײַנגעזעסנקײַט צווישן אנדערע פעלקער און שוואָטים, נאָר, פארקערט, איז אופגעקומען, ווען די מענטשנגעזעלשאפט פון דער וועלט האָט איבערגעלעבט א באנײַס־פאָרמירונג נאָך א גראנדיִעזער מילכאָמע, און געפינט זיך אליין נאָך אלץ אין פראָצעס פון פאָרמירונג. הײַנט איז ביכלאָל הימלשרײַענדיק ייִסראָעלס פאראדאָקס: געבוירן געוואָרן, ווען דער הייסער קריג איז אריבער אין א „קאלטן", האָט דאָס קליינע מעלוכעלע, אָנהייבנדיק פון די ערשטע טריט, זיך אליין ארײַנגעטאָן אין די פליאָטקעס, מאכלויקעסן, הינטערפיסלעך, בייזוויליקײַטן, און איצט, ווען די וועלט האָלט שוין פון אָפּזאָגן זיך פון דעם „קאלטן קריג", פירט עס אן אומריינעם קריג — א הייסן.

איז טאקע קיין כידעש ניט, וואָס א רעדאקטאָר פון א ייִסראָעלדיקן ליטערארישן זשורנאל ווערט אופגערופן צו זאָגן, וויִאזוי ער שטעלט זיך פאָר די ראָל פון ייִדישע שרײַבער אין אונדזערע טעג.

סוצקעווערס ענטפער אָף אָט דער ביז גאָר ערנסטער פראגע איז א מוסטער פון קליינשטעטלדיקער גײַווע, פון שיינריידערײַ און נאַציִאָנאלער פּאָזע, אין דער צײַט, ווען עס האנדלט זיך וועגן אן איניען, וועלכער פאָדערט פּראָסטע רייד און קאָנקרעטע מײַסים.

„די ראָל פון א ייִדישן דיכטער אין אונדזערע טעג, — האָט סוצקעווער דעקלאמירט פאר דעם זשורנאליסט, — איז דערהייבן דאָס ייִדישע וואָרט צום סאמע אויבנאָן פון דער וועלט־דיכטונג און אײַנגראווירן זײַן פערזענלעכקײַט אין באוווּסטזײַן פון דער מענטשהײַט"...

א הייליקע מיסיע: מע דארף ווערן דער „אויבנאָן". אין א געוויסן פראט איז שוין, לויט סוצקעווערן, דער ייִדישער שריפטשטעלער „געזאלבט": „א ייִדישער דיכטער אין אונדזערע טעג דארף קוידעמקאָל טאָמיד געדענקען זײַן געזאלבטקײַט. ער איז געזאלבט מיטן בלוט פון זײַנע אויסגעמאָרדעטע כאווײרים אין געטאָס, טורמעס און לאגערן. ער איז דאָס זינגענדיקע מויל פון די טויטע..."

אָבער וואָסערע געזאנגען דארף „דאָס זינגענדיקע מויל פון די טויטע" זינגען הײַנט? עפשער איז דער כיוו פון ייִדישע דיכטער — אופהייבן זייער קאָל לעטויוועס א גערעכטיקן שאָלעם צווישן ייִסראָעל און די אראבישע לענדער, פאר סאָציִאלער באנײַונג אין ייִסראָעל, קעגן די קויכעס פונעם מיטלאלטער און ציִעניזם, וועלכע שלעפּן די יונגע מעדינע צום אָפּגרונט?

ניין! — שרײַט אויס סוצקעווער. — איינמאָל ניין! אָף דער פראגע פונעם זשורנאליסט „מיט וואָס קענט איר דערקלערן דעם פאקט, וואָס די ייִנגערע ייִדישע שרײַבער פון ייִסראָעל זײַנען ביכלאל ניט מיטבאטייליקט אין עפנטלעכן לעבן פון לאנד?" — גיט ער א פּרעצעדענטלאָזן פאר דער ערנסטער ליטעראטור ענטפער:

„איך פארשטיי ניט, וואָס עס מיינט „ניט מיטבאטייליקט אין דעם עפנטלעכן לעבן פון לאנד". אויב עס מיינט — אין פּאָליטישן לעבן, האלט איך עס אין א היפּשער מאָס פאר א בראָכע. די ייִדישע ליטעראטור האָט גענוג באצאָלט פארן זײַן פּאָליטיש אנגאזשירט. דער פארטיי־מיקראָב האָט אופגעפרעסן ניט איין שרײַבער סײַ אין ראטנפארבאנד, סײַ אין אמעריקע. אין ייִסראָעל האָט זיך דער ייִדישער שרײַבער פאר קיינעם ניט געבוקט און האָט ניט געדארפט „צעברעכן קיין לוכעס"...

...אין איינער פון אווראָם סוצקעווערס לידער ווערט געשילדערט, ווי דער אווטאָר קומט ארײַן אין א פאריזשער „קעלער פון פארגעסן", קעדיי זיך א ביסל אָפּוועגדן פון ערדישע זאכן. די ליד ענדיקט זיך מיט אזא סטראָפע:

מיר זענען אראָפּ זיך פארגעסן
און האָבן דערבײַ פארגעסן,
אז אין קעלערן פון פארגעסן
קאָן מען ניט פארגעסן...

איך וואָלט געייצעט סוצקעווערן, ער זאָל זיך ארײַנטראכטן אין דער דאָזיקער אייגענער ליד, אויב ער וויל פארשטיין, וואָס עס קומט ארויס פון „ניט מיטבאטייליקן זיך אין דעם עפנטלעכן לעבן פון לאנד".

„עך־מיר א שפּראך"

דער קלוגער מוישע נאדיר האָט איינמאָל געזאָגט: „אָף קיין איין שפּראך קאָן מען ניט זאָגן מיט אזויפיל ביטל „ווייסיך וואָס, ייִדיש איז עך־מיר א שפּראך!" — ווי אָף ייִדיש!"

דער אומגליק איז, וואָס אזא באציִונג צו אונדזער לאָשן דערלויבט צו באגיין זיך מיט דעם אזוי, ווי יעדן ווילט זיך.

באזונדערס איז עס צו זען אין דער פּרעסע, וועלכע האלט שטענדיק גרייט א טערעץ: צוגענגלעכקײַט פארן מאסן־מענטש, דה. די צײַ־

טונג מוז אָנרופן זאכן פונקט אזוי, ווי דער דורכשניטלעכער לייענער, אפילו ווי יענער „פּאָטענציעלער דורכשניטלעכער לייענער", וועלכער האָט שוין אָף דרײַ פערטל פארגעסן די ייִדישע לעקסיק.

אין סאכאקל באקומט זיך אָט וואָס (אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט"):

„מארטין ראָרבאק, סעקרעטאר־טרעזשורער פון ניו־יאָרקער פעינטערס דיסטריקט־קאונסיל 9, איז אינדאיטעד געוואָרן אויף דער קלאגע פון נעמען גרעפט... ער איז געווען פארוויקלט, ווי דער אינדאיטמענט באהויפטעט, אין א פאר־שווערונג מיט א צאָל פעינטינג־באָסעס און מיט באאמטע פון דער ניו־יאָרק סיטי האוזינג אוי־טאָריטי"...

מאָריס ראָזענפעלד האָט נאָך מיט צענדליקער יאָרן צוריק באַרירט אָט די פּראָבלעם. אין איי־נעם פון זײַנע פּאמפלעטן וועגן „אמעריקאניזם" (מיט אַן אונטערקאָפּ „ייִדישע ליטעראטור אין רוסלאנד און אמעריקע") האָט ער געשריבן מיט פארביטערונג וועגן דער זשאַרגאָניזירונג פון דער ייִדישער שפּראַך אין אמעריקע. ראָזענ־פעלד שרײַבט אויס:

„קוקט, אדעראבע, און לייענט: „דער „באָי" יאָסעל שעשקעס, וואָס ארבעט ביי ליידיס ווייסטס אין וואָקער סטריט, האָט פּלוצים אָנ־געטון זיין קאָלט און זיין העט, האָט גענומען דעם אמברעלא און זיך געשטעלט קוקן אין ווינדאו. די מיסעס האָט דערפאר געמאכט א פייט, עס האָט זיך פארזאמלט א קראוד אין מאַ־קעט און אפן סייד וואָק. די זאך איז געקומען אין קאורט און דער דזשאָדזש האָט דיסמיסט די קייס".

מאָריס ראָזענפעלד מאכט דערבײַ א שאַרפזי־ניקן עקספערימענט. ער פּרוּווט זיך איבערזעצן דעם „בוקעט" און באווײַזט, ווי ער וואָלט גע־קאָנט אויסזען, ווען אין רוסלאנד וואָלט מען זיך אזוי העפקערדיק באצויגן צו דער ייִדישער שפּראַך, ווי אין אמעריקע. עס וואָלט, לויט ראָ־זענפעלדן, אויסגעזען אזוי:

„דער מאלטשיק יאָסל שעשקעס, וואָס ארבעט בא זשענסקע רובאשקעס אין דער געגשע או־ליצא, האָט פּלוצים אָנגעטאָן זיין שובא מיט דער שאפּקא, האָט גענומען אין האנט דעם זאָנ־טיק און האָט זיך געשטעלט איינקוקן אין אָקנאָ. די כאָזײַקע האָט דערפאר געמאכט א דראקע, עס האָט זיך פארזאמלט א טאָלפּא, דער גאנצער פּערעולאָק האָט געקאָכט, די זאך איז געבראכט געוואָרן אין אוטשאסטאָק און דער סודיא האָט זיי בײדן פּאָסילאיעט דאָמאָי".

מ. ראָזענפעלד פרעגט: „איר קענט זיך פאָר־שטעלן דעם געלעכטער, וואָס היגע צײַטונג־שרײַבער וואָלטן געמאכט", ווען זיי דערזעען אָט דעם מישמאש. נאָר „בא אונדז, — גיט צו ראָזענפעלד, — ווייסט מען גאָר אנדערש ניט צו שרײַבן, אָדער, בעסער געזאָגט, שמירן, און עס איז שא, א האָן גיט ניט א קריי. דער היגער „ייִדיש" איז בלויז א פּאראָדיע אפן עמעסן ייִדישן ייִדיש. דאָ פײַפט מען אָף דער שפּראַך, אָף אלץ און אלעמען, אויסער געלט, אזעס און העפקער".

אגעוו, באמערקט ראָזענפעלד, ווען די ייִדן אין רוסלאנד וואָלטן אזוי העפקערדיק בא־האנדלט זייער מוטערשפּראַך, וואָלטן מיר קיינ־מאָל ניט געהאט קיין מענדעלע, קיין שאָלעם־אלייכעם, קיין שאָלעם אש און פיל אנדערע.

און איך וועל צוגעבן:

...וואָלטן מיר ניט געהאט אויך די ליטערא־טור פון „סאָוועטיש היימלאנד".

אונדזער מיטיילונגען

סאַניע פּרײַ

דער אייביק פרישער קוואַל

מיט 70 יאָר צוריק איז ארויס פון דרוק דער לעצטער נומער פון דער לענינישער „איסקרא" — דעם ערשטלינג פון דער מארקסיסטישער פּרעסע אין רוסלאַנד. באַ אַזאַ געלעגנהײַט ווילט זיך נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל אַ בלעטער טאָן די צײַטונג.

די „איסקרא" לעבט אין אונדזער זיכּאָרן, ווי אַן אייביק פרישער קוואַל, פונוואַנען עס ציט איר יעניקע די הײַנטצײַטיקע קאָמוניסטישע פּרעסע, די גאַנצע פּובליציסטישע ליטעראַטור, וואָס פּראָפּאַגאַנדירט די נאָבעלע אידייען פון פעלקער־פרײַנטשאַפט און פּראָגרעס.

דער ערשטער נומער „איסקרא" איז ארויס אין דעקאַבער 1900, דער לעצטער — אין 1903. געדרוקט האָט זיך די צײַטונג אין לײַפּציק, לאָנדאָן און זשענעווע. זי איז אין רוסלאַנד פאַרשפּרייט געוואָרן אומלעגאַל. אירע אַגענטן און קאָרעספּאָנדענטן האָבן באַם פאַרשפּרייטן די „איסקרא" ריזיקירט מיטן לעבן, און וויפל מאָל זײַנען זיי ארײַנגעפאַלן אין די הענט פון דער אָכראַנקע, אויסשטייענדיק אין אירע קאַזעמאַטן שווידערהאַפטע פּײַניקונגען. ניט געקוקט אַף דעם אַלעם, זײַנען אויך אין רוסלאַנד געשאַפן געוואָרן אייניקע אומלעגאַלע דרוקערײַען אַף צו דרוקן די „איסקרא": אין באַקו, נאָווגאָראָד, אומאַן, טאָמסק און אַנד. שטעט. די ערשטע דרוקערײַ אין רוסלאַנד, וווּ די „איסקרא" האָט זיך געדרוקט פון אָקטיאַבער 1901 ביז מאַרט 1902, האָט זיך געפונען אין קעשענעוו, אַף פּאָדאָליער גאַס.

די אַלטע קעשענעווער טוישווים געדענקען נאָך די זעצער ל. גאָלדמאַן, מ. גאָלדמאַן, א. ראַדטשענקאָ, די אַרבעטערן באַם דרוק־וועריקשטעל גאַלינאַ קאָרסונסקאַיאַ, דעם עקספּעדיטאָר ציליע גליקערמאַן און פיל אַנדערע. מיט אַכטונג און דאַנקבאַרקײַט שרײַבן וועגן זיי די היסטאָריקער ק. קאָראָליאָוו און ו. קאָזאַקאָוו אינעם בוך „די לענינישע „איסקרא" (קעשענעוו, 1970), דערמאָנענדיק זיך, אַז ו. אי. לענין האָט הויך געשעצט אָט די קעשענעווער דרייסטע דרוקער פון דער „איסקרא".

אין אויסלאַנד פּלעגט די צײַטונג זיך דרוקן אַף פּאַפּיראָס־פּאַפּיר, קעדיי עס זאָל זײַן לײַכט איבערצופירן די נומערן אומלעגאַל קיין רוסלאַנד. אין דער מאָסקווער לענין־ביבליאָטעק ווערן אָפּגעהיט אַלע 51 נומערן פון דער צײַטונג, וועלכע זײַנען געדרוקט אַף פּאַפּיראָס־פּאַפּיר. דער פולער טעקסט פון דער „איסקרא" איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין 1925, און שוין קימאַט 50 יאָר איז ער צוטריטלעך פאַר די לייענער אין פיל ביבליאָטעקן פון אונדזער לאַנד.

אַז מע לייענט די „איסקרא", דערמאָנט מען זיך אומגערן די טרויעריקע צײַטן פונעם צאַרישן רעזשים אינעם פאַררעוואָליוציאָנערן רוסלאַנד. אין אָנהייב פון הײַנטיקן יאָרהונדערט האָט רוסלאַנד איבערגעלעבט אַ שווערן עקאָנאָמישן קריזיס, וועלכער האָט גוירעם געווען אַרבעטסלאָזיקײַט, הונגער. און אַלס רעזולטאַט — אופגעבראַכטקײַט און פּראָטעסט פון די האָרעפּאַשנע פאָלקסמאַסן.

קעדיי צו געפינען אַן אויסוועג פון דער לאַגע, האָט די צאַרישע רעגירונג זיך ניט באַנוגנט מיט טעראָר, מיט אַרעסטן, מיט שיסן אין פרידלעכע דעמאָנסטראַציעס, — זי האָט זיך באַמיט צערייצן אין די מאַסן די געפילן פון ראַסן־האַס, פּראָוואָצירן נאַציאָנאַלע רײַסערײַען.

איינס פון די פינצטערסטע זײַטלעך אין דער געשיכטע פון דער צאַרישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פאַרנעמען די טרויעריק־באַרימטע ייִדן־פּאָגראָמען. די צאַרישע פּאָליציי, צוזאַמען מיט דער שוואַרצער מייע, האָבן געהאַלטן די ייִדן־פּאָגראָמען אַלס אַ מיטל פון קאַמף קעגן דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג צווישן די אַרבעטער און דער אינטעליגענץ. וולאַדימיר איליטש לענין האָט אַזוי געשריבן וועגן דער פּאָגראָם־פּאָליטיק פונעם צאַריזם:

„...די רוסישע מאָנאַרכיע קאָן אַנדערש ניט ענטפערן אַף די דעמאָנסטראַציעס פונעם פאָלק, וואָס פאָדערט פרײַהײַט, ווי נאָר דורך אָרגאַניזירן אָטריאַדן מענטשן, וועלכע כאַפּן ייִדישע קינדער פאַר די פיס און צעשפּאַלטן זיי די קעפּ אָן די שטיינער, פאַרגוואַלטיקן ייִדישע, גרוזינישע פרויען און שנײַדן אויף די בײַכער פון זקיינים"[1].

דער ערשטמײַיִקער נומער „איסקרא" פון 1903 (נום. 39) האָט געזאָלט זיך עפענען מיט אַ לייטאַרטיקל אונטערן נאָמען „אַ רעוואָליוציאָנער יאָר" (1 מײַ 1902 — 1 מײַ 1903). דער פּלאַן פונעם נומער האָט זיך אָבער אומגעריכט געענדערט אין צוזאַמענהאַנג מיטן קעשענעווער ייִדן־פּאָגראָם. אַף דער אַכטער זײַט פונעם נום. 39 טרעט ארויס די רעדאַקציע מיט אַזאַ דערקלערונג: „די אומגעריכטע געשעעניש אין קעשענעוו האָט אונדז באַוויגן צו ענדערן דעם אינהאַלט פונעם הײַנטיקן נומער. דעם איבערזיכט פון די געשעענישן פונעם רעוואָליוציאָנערן יאָר איז אויסגעקומען אָפּצולייגן אַפן קומענדיקן נומער..." אינעם געענדערטן נומער הייסט דאָס לייטאַרטיקל „די לעצטע קאָרט פונעם צאַריזם". דאָרט ווערט געזאָגט:

„דער נאָרוואָס פאָרגעקומענער קעשענעווער פּאָגראָם האָט געשלאָגן אַ רעקאָרד פון ווילדקײַט און רעציכע... אין דעם מאָמענט, ווען מיר שרײַבן דאָס

---

[1] В. И. Ленин. Соч., т. 17, стр. 300.

РОССІЙСКАЯ СОЦІАЛЬ-ДЕМОКРАТИЧЕСКАЯ РАБОЧАЯ ПАРТІЯ

ИСКРА

„Изъ искры возгорится пламя!"...
Отвѣтъ декабристовъ Пушкину.

№ 1. ДЕКАБРЬ 1900 ГОДА. № 1.

НАСУЩНЫЯ ЗАДАЧИ НАШЕГО ДВИЖЕНІЯ.

ВИЛЬГЕЛЬМЪ ЛИБКНЕХТЪ.

דאָזיקע אַרטיקל, באַטרעפט שוין די צאָל דערהאַרגעטע און אומגעקומענע פון די ווונדן העכער הונדערט מענטשן...״

ווײַטער ברענגט די „איסקרא״ די מיטיילונג פונעם קעשענעווער קאָמיטעט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי: „מע קאָן זאָגן, אַז עס איז בוכשטעבלעך ניט געבליבן קיין איין ייִדישע דירע מיט גאַנצע פענצטער־שויבן... לוזשעס בלוט אַף די טראָטואַרן, אין די הויפן, אין די קאָרידאָרן פון די הײַזער. מער פון אַלע האָבן געליטן די אָרעמע גאַסן... א האַרצרײַסנדיק געוויין און וויי־געשריי טראָגט זיך איבער דער שטאָט״.

אין דער צײַטונג זײַנען אָפּגעדרוקט קאָרעספּאָנדענצן פון מענטשן, וועלכע האָבן מיט די אייגענע אויגן געזען די שווידערן, און זיי דערציילן די פּראָטים. די „איסקרא״ רופט אָן בײַ די נעמען די קאָנקרעטע שולדיקע: דעם רעדאַקטאָר פון דער שוואַרצמייעדיקער צײַטונג „בעסאַראַביע״ קרושעוואַן, דעם נאָטאַריוס פּיסאַרזשעווסקי און דעם זון פונעם היגן גוויר סינאַדין, וועלכע האָבן מיט קרײַד באַצייכנט די ייִדישע הײַזער, אויך די דירעס פון די קריסטן, וועלכע האָבן אויסבאַהאַלטן ייִדן. זונטיק 2 אַזייגער באַטאָג האָט דער קעשענעווער גובערנאַטאָר פאָן־ראַאַבען טעלעגראַפירט קיין פּעטערבורג, אַז די רעגירונג זאָל געבן אָנווײַזונגען. אַן ענטפער איז אָנגעקומען ערשט מאָנטיק זעקס אַזייגער אין אָוונט. שוין דער פאַקט אַליין באַווײַזט, אַז דעם אינערןמיניסטער פּלעווע זײַנען די פּאָגראָמען געווען צום האַרצן. די פּאָליציי האָט עס זייער גוט פאַרשטאַנען און דעריבער גאָרנישט ניט געטאָן, קעדיי צו פאַרטיידיקן די ייִדן, — פאַרקערט, זי האָט געהאָלפן צו פאַרגרעסערן די צאָל הרוגים.

די „איסקרא״ שרײַבט: „די רעגירונג האָט זיך ניט בלויז ניט געײַלט אָפּצושטעלן דעם קעשענעווער פּאָגראָם, זי האָט אים מיט אַלע מעגלעכקייטן צעבלאָזן. די רעגירונג איז אַליין אויסגעוויקעט אינעם בלוט פון די פאַרפּײַניקטע ייִדן״.

מיט וואָס איז צו דערקלערן אַזאַ נידעריקע און אָפן ברוטאַלע פּאָליטיק מיצד דער צאַרישער רעגירונג? דערויף ענטפערט די „איסקרא״:

„דאָס איז צו דערקלערן מיט דער שרעק פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע די רעגירונג האָט געוואָלט דערשטיקן דורך אַ סיסטעם מיטלען פון כיינדלען זיך מיט די אַרבעטער אַף אַ פּאָליצייִשן אויפן (די באַוווּסטע „זובאַטאָווּשטשינע״), נאָר דאָס האָט איר ניט געהאָלפן. דעריבער האָט די רעגירונג פונעם טאַמעוואַטן ניקאָלײַ א וואָרף געטאָן אָפן טיש איר לעצטע קאָרט — אָפּסאַמען דעם זעלבסטבאַוווּסטזײַן פונעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט מיטן סם פון נאַציאָנאַלער שינאה און רעליגיעזן פאַנאַטיזם״.

דאָס לייטאַרטיקל רופט דעם פּראָלעטאַריאַט, ער זאָל דרייסט און אַקטיוו אַרויסטרעטן קעגן די שוואַרצמייעדיקע פּאָגראָמשטשיקעס, אָרגאַניזירן אָפענע אַרויסטרעטונגען פון הונדערטער אַרבעטער און דערשטיקן די אַנטי־ייִדישע אומאָרדענונגען.

„דאָס פאָדערט, — שרײַבט די צײַטונג, — דער קאָוועד פון דער פּאַרטיי, דער קאָוועד פונעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט און די צוקונפט פון דעם לאַנד״.

די מאַטעריאַלן, וועלכע זײַנען פאַרעפנטלעכט אינעם זעלבן נומער „איסקרא״, אויך אין די ווײַטערדיקע נומערן, באַווײַזן, אַז די אַרבעטער און די רעוואָליוציאָנערע אינטעליגענץ האָבן מיט טיפן פאַרשטאַנד אויפגענומען די רופן פון דער צײַטונג. אינעם נומ. 39, אין אָפּטייל „פּאַרטיי־כראָניק״, לייענען מיר: „די רעדאַקציע האָט באַקומען פלוגבלעטלעך, וועלכע זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט די קעשענעווער רעציכעס דורכן קיִעווער, אָדעסער און כאַרקאָווער קאָמיטעטן פון דער רסדאַפּ און דורכן קעשענעווער קאָמיטעט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע. אין דעם קיִעווער פלוגבלעטל אונטערן קעפּל „וועמען זײַנען נייטיק די ייִדן־פּאָגראָמען?״ ווערט דערציילט, אַז קיין קעשענעוו זײַנען געשיקט געוואָרן פּאָליציי־אַגענטן אַף דורכפירן דעם פּאָגראָם. „די פּאָליציי, — וואָרנט דאָס פלוגבלעטל, — גרייט איצט פּאָגראָמען אויך אין אַנדערע שטעט, און אין דער זעלבער צײַט פאַרנעמט זי זיך מיט שאַנטאַזש, מיט אויסנאַרן געלט בײַ די ייִדן, קעדיי, קלוימערשט, אויסקויפן זיך פון די פּאָגראָמען״.

„העיויס די קיִעווער פּאָליציי, — ווערט געמאָלדן אינעם קיִעווער פלוגבלעטל, — גרייט א ייִדן־פּאָגראָם אין קיִעוו, האָט דער קיִעווער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער קאָמיטעט באַשלאָסן אָפּצושאַפן די דעמאָנסטראַציע, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אָפן 20 אַפּרעל, און רופט די כאַווײרים, זיי זאָלן, אויב אַזאַ פּאָגראָם וועט זיך אָנהייבן, פאַרטיידיקן די ייִדן״.

דער ניקאָלײַעווער קאָרעספּאָנדענט פון דער „איסקרא״ דערציילט, אַז ווען אין ניקאָלײַעוו זײַנען פאַר־

שפּרייט געוואָרן קלאַנגען וועגן אַ ייִדן־פּאָגראָם, וועלכן די שוואַרצמייעניקעס גרייטן, האָבן די אַרבעטער באַשלאָסן צעגיין זיך אינעם טאָג פון ערשטן מײַ איבער דער שטאָט, און אויב עס וועט זיך אָנהייבן אַ פּאָגראָם, וועלן זיי אים טייקעף פאַרוואַנדלען אין אַ פּאָגראָם קעגן דער פּאָליציי.

אַ קאָרעספּאָנדענץ פון האָמעל דערציילט: „דער פּאָגראָם, וואָס איז פּראָוואָצירט געוואָרן מיצאַד פּאָליציי־אַגענטן, איז אַ דאַנק דעם אַנטשיידענעם ווידערשטאַנד פון די ייִדישע און רוסישע אַרבעטער פאַרהעלטנישמעסיק שנעל לאָקאַליזירט געוואָרן“.

„מיר מערקן אָפּ מיט פאַרגעניגן אַזאַ פאַקט, — שרײַבט די צײַטונג, — די ייִדישע באַפעלקערונג האָט, אָפּאָנעם, זיך איבערצײַגט, אַז אויב זי וועט זיך האַלטן שטיל, ווי שעפּעלעך, און געהאָרכזאַם, וועט זי זיך צו גאָרנישט ניט דערשלאָגן, זי האָט זיך איבערצײַגט, אַז קעגן אַ גאַזלאָנישן אָנפאַל דאַרף מען זיך פאַרטיידיקן מיט אַ באַוואָפנטער האַנט“ („איסקראַ“, נום. 48).

אינעם אָפּטייל „כראָניק“ ווערט באַוויזן די שטימונג פון די פּאָשעטע רוסישע אַרבעטער, זייער אינטערנאַציאָנאַליזם. אין יול 1903 איז אין אָדעס פאָרגעקומען אַ גרויסע פּאָליטישע דעמאָנסטראַציע אונטער די לאָזונגען: „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!“, „נידער מיט דער רעגירונג!“, „זאָל לעבן דער סאָציאַליזם!“. אין דער דעמאָנסטראַציע האָבן אָנטיילגענומען רוסישע, ייִדישע און אוקראַיִנישע אַרבעטער. די קראָמען האָבן זיך בײַס דער דעמאָנסטראַציע ניט פאַרמאַכט. ווען אייניקע הענדלער האָבן זיך געכאַפּט פאַרשפּאַרן די טירן, האָבן די אַרבעטער זיי באַרויִקט: „שרעקט זיך ניט, דאָ איז ניט קעשענעווו, מיר האָבן גאָר אַן אַנדער מיין, צווישן אונדז זײַנען ניטאָ קיין ייִדן, רוסן, מיר זײַנען אַלע אַרבעטער. אונדז אַלעמען לעבט זיך שווער“ („איסקראַ“, נום. 45).

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט די „איסקראַ“ אין פאָלגנדיקן נומער, אינעם אַרטיקל „דאָס לעצטע וואָרט פונעם בונדישן נאַציאָנאַליזם“ (עס רעדט זיך וועגן די באַשלוסן פונעם פינפטן צוזאַמענפאָר פון „בונד“, אַז ער, דער „בונד“, האָט דאָס מאָנאָפּאָלרעכט צו רעפּרעזענטירן דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט), געשריבן: „ווי עס ווילט זיך געבן די בונדישע נאַציאָנאַליסטן אַן אייצע: נעמט אַראָפּ אַ בײַשפּיל פון יענע אָדעסער אַרבעטער, וועלכע זײַנען געגאַנגען אויף אַ געמיינזאַמען שטרײַק, אויף אַ געמיינזאַמער דעמאָנסטראַציע און האָבן ניט געפרעגט (אָ, סאַראַ כוצפּע!) קיין העכשער פונעם צענטראַלקאָמיטעט פון „בונד“, זיי זאָלן זיך מעגן ווענדן צו דער ייִדישער נאַציע“ („איסקראַ“, נום. 40).

באַם לייענען די דאָזיקע שאַרפזיניקע שורעס קומט אויפן געדאַנק וו. אי. לענינס אַרטיקל אין פעווראַלנומער פון דער „איסקראַ“ פאַרן 1903 יאָר — „צי בײַטיקט זיך דער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט אין אַ זעלבשטענדיקער פּאָליטישער פּאַרטיי“. קריטיקירנדיק דעם בייזן אָנפאַל פונעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד“ אויפן קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פאַר זײַן פלוגבלעטל צו די ייִדישע אַרבעטער, שרײַבט לענין: „...אָט די אויסגעצייכנטע פּראָקלאַמאַציע דערקלערט אויף אַ פּראַקטיקן אופן די ייִדישע אַרבעטער פון דער שטאָט קאַטערינאָסלאַוו, וויִאַזוי די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע באַציט זיך צום ציִעניזם און אַנטיסעמיטיזם. דערבײַ באַציט זיך די פּראָקלאַמאַציע אַזוי זאָרגזאַם, כאַוועריש זאָרגזאַם, צו די געפילן, שטימונגען און פאַרלאַנגען פון די ייִדישע אַרבעטער, אַז זי שטעלט זיך ספּעציִעל אָפּ און באַטאָנט די נייטיקײַט צו פירן אַ קאַמף אונטער דער פאָן פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, אויך „... אין די אינטערעסן פון פאַרהיטן און ווײַטער אַנטוויקלען אײַער (די פּראָקלאַמאַציע ווענדט זיך צו די ייִדישע אַרבעטער) נאַציאָנאַלע קולטור“.

און דאָך איז דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד“ אָנגעפאַלן אויף דער דאָזיקער פּראָקלאַמאַציע דערפאַר, וואָס זי האָט מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט דעם „בונד“[1].

לענין באַטאָנט, אַז גערעכט זײַנען די קאַטערינאָסלאַווער כאַווײרים, וועלכע ווײַזן אָן, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז בעפּיירעש פאַרבונדן גראָד מיט די בורזשואַזע שיכטן, ניט מיט אַרבעטער־שיכטן פון דער באַפעלקערונג. לענין שטרײַכט אונטער, אַז דער סאָציאַלער מעהוס פונעם אַנטיסעמיטיזם ענדערט זיך ניט פון דעם פאַקט, וואָס אין אַ פּאָגראָם נעמען צומאָל אָן אָנטייל אויך ניט אָרגאַניזירטע און פינצטערע שיכטן פון די אַרבעטער. ער האַלט דעריבער פאַר פעלערהאַפט און אינגאַנצן ניט באַגרינדעט די אויסבעסערונג, וועלכע דער „בונד“ האָט געמאַכט אין דער מאַרקסיסטישער אָפּשאַצונג פונעם אַנטיסעמיטיזם, — די באַהויפּטונג פון „בונד“, אַז דער אַנטיסעמיטיזם האָט, קלוימערשט, געלאָזט וואָרצלען אין דער אַרבעטער־מאַסע.

„דער קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט איז אַרויסגעטראָטן (און געזעצלעך אַרויסגעטראָטן) קעגן די באַבעמײַסעס פון די ציִעניסטן, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז אייביק. דער „בונד“ מיט זײַן בייזן קאָרעקטיוו האָט בלויז אַרײַנגעטראָגן אַ פּלאָנטער אין דער דאָזיקער פראַגע און פאַרשפּרייט צווישן די ייִדישע אַרבעטער אידייען, וועלכע קאָנען פאַרטונקלען זייער קלאַסן־באַוווסטזײַן“[2].

די „איסקראַ“ האָט דעמאַסקירט די ציִעניסטישע כקירעס, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז אייביק. די אַרבעטער־קאָרעספּאָנדענטן פון אָדעס האָבן געשריבן אין דער „איסקראַ“, אַז די ציִעניסטן האָבן, פאַרופנדיק זיך אויפן קעשענעווער פּאָגראָם, פאַנאַנדערגעוויקלט אַ העפטיקע קאַמפּאַניע, אַז די ייִדן זאָלן אַרויספאָרן קיין פּאַלעסטינע, און דערמיט גופע אָפּגעצויגן זיי פונעם קאַמף קעגן דער זעלבסטהערשונג. די רעדאַקציע פון דער „איסקראַ“ האָט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דאָזיקער אינפאָרמאַציע געמאַכט אַזאַ באַמערקונג: „אַגעוו, וועגן די ציִעניסטן. מע שרײַבט אונדז, אַז די דאָזיקע הערן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו קומען אויף אַ מיטינג, וועלכן די פּאַריזשער פּראָפעסאָרן האָבן צונויפגערופן, קעדיי דערקלערן אַ פּראָטעסט קעגן די קעשענעווער רעציכעס. דער מאָטיוו: זיי ווילן ניט קאַליע מאַכן די באַציִונגען מיט דער רעגירונג פונעם רוסלענדישן

[1] В. И. Ленин. Соч., т. 6, стр. 296—297.

[2] В. И. Ленин. Соч., т. 6, стр. 299.

סולטאַן. די פּאַריזשער ציוניסטן האָבן זיך ניט וואָס צו שעמען מיט זייערע קאָלעגן: די ליבעראַלע פּראָפעסאָרן פון דער „רוסישער הויכשול" זײַנען אויך ניט געקומען אויף דעם מיטינג. דער מאָטיוו טראָגט, פאַרשטייט זיך, פּונקט אַזאַ כניפעדיקן כאַראַקטער" („איסקרא", נום. 40 פון 1903).

אַז מע לייענט די זײַטן פון דער לענינישער „איסקרא", וועלכע זײַנען אַזוי פריש, אַז עס שמעקט פון זיי מאַמעש די דרוק־פאַרב, איבערצײַגט מען זיך נאָכאַמאָל אינעם טיפן זין פון די ווערטער אין דער באַשטימונג פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד וועגן דער פײַערונג פונעם 50־יאָריקן יובילעי פון פּסר: „די באַוווּסטזיניקע פּראָלעטאַריער, — ווערט געזאָגט אין דער **באַשטימונג**, — האָבן שטענדיק געקעמפּט פאַר דער ענגסטער איינהײַט פון די אַרבעטער און אָרעמסטן פּויערטום אינעם קאַמף קעגן דער רעאַקציע, זיי האָבן אָפּגעוואָרפן יעטווידע פאָרם פון דער בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישער אידעאָלאָגיע, מעג זי שטאַמען פונעם גרויסמעכטישן, צי פונעם אָרטיקן נאַציאָנאַליזם, מעג זי זײַן אַ רעזולטאַט פון נאַציאָנאַלער גאַדלעס, צי פון נאַציאָנאַלן ניהיליזם, פון אַנטיסעמיטיזם אָדער ציוניזם".

די „איסקרא" האָט באַטראַכט די פּאָגראָם־פּאָליטיק פונעם צאַריזם אַלס איינעם פון די אַטריבוטן פון דער פּאָליציייִשער מעלוכע. דעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און קעגן אַלע אַנדערע פאָרמען פון ראַסיזם האָט זי געפירט ניט איזאָלירט, נאָר אין ענגן קאָנטאַקט מיט דער גאַנצער דעמאַסקירונג־טעטיקײַט פון די מאַרקסיסטן קעגן דעם צאַריזם און דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע.

ביז גאָר גרויס זײַנען די פאַרדינסטן פון דער „איסקרא" אין דער אידייִשער און אָרגאַניזאַציאָנעלער צוגרייטונג פון דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, וועלכער האָט זיך געעפנט דעם 30 יולי 1903.

אין דער באַשטימונג פון צק קפּסס פאַרן 12 אַפּרעל 1973 איז גענוי און טיף אַנאַליזירט די היסטאָרישע באַדײַטונג פונעם צווייטן צוזאַמענפאָר פאַר דער געשיכטע פון אונדזער פּאַרטיי און פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג.

דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון רסדאַפּ האָט פאַרפעסטיקט דעם זיג פון דעם רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם, פונעם באָלשעוויזם איבער דעם אָפּאָרטוניזם פון „לינקס" און פון „רעכטס", דעם זיג פונעם אינטערנאַציאָנאַלן פּרינציפּ איבער דעם נאַציאָנאַלן סעפּאַראַטיזם. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ פּאַרטיי פון נײַעם לענינישן טיפּ — אַן איינהײַטלעכע אינטערנאַציאָנאַלע לויט איר רעוואָלוציאָנערן מעהוס און לויט איר באַשטאַנד.

דער צווייטער צוזאַמענפאָר האָט, ווי ס'ווערט געזאָגט אין דער באַשטימונג פון צק קפּסס, אָנגענומען די מאַרקסיסטיש־לענינישע פּראָגראַם אין קאַמף פאַר אַראָפּוואַרפן דעם צאַרישן רעזשים, פאַר פאַרניכטן די הערשאַפט פון די גוטבאַזיצער און קאַפּיטאַליסטן און פאַר שאַפן אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

ס'איז באַלערעוודיק, וואָס די דעלעגאַטן פון צווייטן צוזאַמענפאָר האָבן אין יולי 1903, אַזוי ווי די „איסקרא" אין מײַ פונעם זעלבן יאָר, טיייקעף רעאַגירט אויף די טרויעריקע געשעענישן אין קעשענעוו.

צווישן די פּילצאָליקע באַשלוסן פון דעם צווייטן צוזאַמענפאָר איז פאַראַן אויך אַ דאָקומענט וועגן די פּאָגראָמען.

מיר ברענגען דאָ דעם פולן טעקסט:

„העיויס די באַוועגונגען, וועלכע זײַנען ענלעך צו דעם אַזוי טרויעריק באַרימטן קעשענעווער פּאָגראָם, שוין אָפּגערעדט פון זייערע נידערטרעכטיקע רעציכעס, דינען דער פּאָליציי אַלס מיטל, מיט וועלכן זי פּרוּווט זיך פאַרהאַלטן דעם וווּקס פונעם קלאַסן־זעלבסטבאַוווּסטזײַן פונעם פּראָלעטאַריאַט, רעקאָמענדירט דער צוזאַמענפאָר די כאַווייריִם, זיי זאָלן באַנוצן אַלע מיטלען, וועלכע זײַנען נאָר אָפּהענגיק פון זיי, אויף צו פירן אַ קאַמף קעגן אַזעלכע באַוועגונגען און באַווײַזן דעם פּראָלעטאַריאַט דעם רעאַקציאָנערן און קלאַסעווען אונטערשלאַק פון די אַנטיסעמיטישע און קאָלערליי אַנדערע נאַציאָנאַל־שאָוויניסטישע העצעס"[1].

דער דאָזיקער דאָקומענט איז איינער פון די פּילצאָליקע פאַרשיידנאַרטיקע אויסדרוקן פון די אינטערנאַציאָנאַלע טראַדיציעס אין דער טעטיקײַט פון אונדזער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין משך פון אַלע 70 יאָר, און ער איז אויך אַן אויסדרוק פון אינטערנאַציאָנאַלער פאַרברידערונג אין דעם לעבן און שאַפן פון די אַרבעטנדיקע פון אַלע פעלקער אין אונדזער לאַנד, פאַר וועלכע די פּאַרטיי איז „דער פאַרשטאַנד, די ערע און דער געוויסן פון אונדזער עפּאָכע" (וו. אי. לענין).

אין דער פּראָגראַם־דערקלערונג פון דער רעדאַקציע „איסקרא", וועלכע לענין האָט אָנגעשריבן פאַר דעם ערשטן נומער פון דער צײַטונג אין סענטיאַבער 1900, ווערט געזאָגט: „מיר האָבן ניט בעדייע צו מאַכן פון אונדזער אָרגאַן אַ פּאָשעטן סקלאַד פון פאַרשיידענע אָנשויונגען. פאַרקערט, מיר וועלן אים פירן אין גײַסט פון אַ שטרענג באַשטימטער ריכטונג"[2].

ווען מיר בלעטערן הײַנט די זײַטלעך פון דער לענינישער „איסקרא", דערזעען מיר פאַר זיך די יוגנט פון אונדזער פּאַרטיי, איר רײַכע דערפאַרונג, מיר זעען פאַר זיך, ווי עס איז געבוירן געוואָרן דער הויפּט־אָרגאַן פון דער פּאַרטיי, די עכטע אינטערנאַציאָנאַלע צײַטונג, וועלכע האָט אַזוי פיל און אַזוי ברייט געמאָלט דאָס לעבן און דעם קאַמף פונעם אַרבעטער־קלאַס פון רוסלאַנד.

---

[1] Второй съезд РСДРП, июль—август 1903 г. Протоколы. стр. 433. Изд. М., 1959.

[2] В. И. Ленин. Соч., т. 4, стр. 329.

די פּאָטשט פון סאָוועטיש היימלאַנד 1973

עטוואָס וועגן די בוכאַרער ייִדן

איך האָב באַקומען א בריוו פון מײַנעם א פרײַנט פון מינסק, יויסעף פּערלמאַן. ער שרײַבט, אז אין איינער א טראַנסליאַציע פון דער ראַדיאָ „קול ישׂראל" האָט ער געהערט, אז די בוכאַרער ייִדן זײַנען אָפּגעשטאַנענע, אָרעמע מענטשן. איך מיין, אז מײַן ענטפער י. פּערלמאַנען וועט פאַרשטעלן אַן אינטערעס ניט נאָר פאַר אים, נאָר פאַר א ברייטן קרײַז לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

דאָס בילד וועגן דעם לעבן פון די בוכאַרער ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד וואָלט געווען ניט פול, ווען מע דערציילט ניט כאָטש אינקורצן, וויאַזוי זיי האָבן געלעבט אין די צײַטן פונעם בוכאַרער עמיראַט. די בוכאַרער ייִדן זײַנען דעמלט אויסגעשטאַנען א דרײַגאָרנדיקן דרוק: פונעם רוסלענדישן קייסער, פונעם עמיר און פון דער אָרטיקער נאַציאָנאַלער בורזשואַזיע. לויט די געזעצן פונעם עמיראַט האָבן די בוכאַרער ייִדן באַדאַרפט אויספּילן 21 פליכטן אלס די נידעריקסטע ראַסע. איבער יעדן ייִדישן הויז האָט געמוזט הענגען א מין פענדל, געמאַכט פון א שוואַרצער שמאַטע; א ייִד האָט ניט געטאָרט רײַטן אויף א פערד אָדער פאָרן מיט א פורמאַן; אינדערוואָכן צי אין א יאָמטעוו־טאָג האָט דער ייִד געמוזט גיין אין גאַס ארומגעגאַרטלט מיט א שטריק (די האָרעפּאַשנע ייִדן האָבן אים גערופן „דער קלאָלע־שטריק"); פון בוכאַרע און סאַמאַרקאַנד האָבן די ייִדן געמוזט זיך אריבערקלײַבן אין די ווײַטסטע און אָפּגעשטאַנענסטע געגנטן. די טאַשקענטער ייִדן וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן, וויאַזוי מע האָט אין 1909 מאַסנווײַז פאַרטריבן זיי קיין טשינאַז.

אָט די פאַקטן זײַנען בלויז א טראָפּן אינעם יאַם פון די אומענדלעכע ליידן און רעדיפעס, וועלכע די בוכאַרער ייִדן זײַנען אויסגעשטאַנען ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

בא דער סאָוועטישער אָרדענונג האָבן זיי גלײַך זיך דערפילט ווי גלײַכע צווישן גלײַכע, אײַנגעשלאָסן זיך אין דער סאָציאַליסטישער בויונג. באַבאַדזשאַן אַבדוראַכמאַנאָוו פון שאַכריסאַ באַז, די פינף ברידער קאַכנעאַוס פון פערגאַן, די ברידער אוועזאַווס פון קאָקאַנד, די ברידער יאַקובאָווס פון אַנדיזשאַן, שאַלאָמאַ כאַימאָוו פון נאַמאַנגאַן און פיל אַנדערע זײַנען פרײַוויליק ארײַנגעטראָטן אין די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן און האָבן האַנט־בא־האַנט מיט די רוסן, אוזבעקן און טאַדזשיקן געקעמפט קעגן די באַסמאַטשן, באַשיצט די דעראָבערונגען פונעם גרויסן אָקטיאַבער. מער פון 200 בוכאַרער ייִדן האָבן זיך אָפּגערופן אויף פרונזעס רוף צו העלפן אראָפּוואַרפן דעם עמיראַט און זײַנען ארײַנגעטראָטן אין די פרײַוויליקע אָטריאַדן.

אין דער טראַנסליאַציע פון „קול ישׂראל", וועגן וועלכער עס דערמאָנט מײַן פרײַנט י. פּערלמאַן, האָט גערעדט עפּעס א ציוניסטישער עטנאָגראַף. זײַן באַהויפּטונג קאָן איך באַשטעטיקן: יאָ, דאָס איז עמעס, עס איז טאַקע געווען א צײַט, ווען די בוכאַרער ייִדן זײַנען געווען אָפּגעשטאַנענע, אָרעמע מענטשן, נאָר... ווען איז די צײַט געווען? אויף אָט דער פראַגע מײַנער וועט דער ייִסראָעלדיקער עטנאָגראַף ניט וועלן מינאַסטאַם געבן אַן ענטפער, כאָטש דער ענטפער איז זייער א פּאַשעטער: דאָס איז געווען אין דער צײַט, ווען עס האָט געוועלטיקט דער צאַר, דער עמיר. אין די סאָוועטישע יאָרן איז פון דעם קיין זײַכער ניט געבליבן.

אין די סאָוועטישע יאָרן איז ניטאָ קיין איין צווײַג פון דער פאָלקסווירטשאַפט, וויסנשאַפט און טעכניק, וווּ עס זאָלן ניט אַרבעטן בוכאַרער ייִדן. קעדיי איבערצײַגן זיך, צו וואָס פאַרא הייכן עס האָבן דערגרייכט די בוכאַרער ייִדן, איז גענוג ברענגען אזעלכע פאַקטן: עמאַנועל רובינאָוו, א זון פון אן אַרבעטער, איז איצט א פּראָפעסאָר, דאָקטאָר פון עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן, פּאַרוואַלטער פון דער זײַדקאַטעדרע באַם טעקסטיל־אינסטיטוט; יונא איסכאַקאָוו — א פּראָפעסאָר, דאָקטאָר פון עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן, פּאַרוואַלטער פון דער עקאָנאָמישער קאַטעדרע באַם פּאָליטעכנישן אינסטיטוט; מיכאַעל קאַזיעוו — פּראָפעסאָר, דאָקטאָר פון לאַנדווירטשאַפטלעכע וויסנשאַפטן; איסכאַק קאַלאַנטאַראָוו — פּראָפעסאָר, דאָקטאָר פון לאַנדווירטשאַפטלעכע וויסנשאַפטן; באָריס פינכאַסאָוו — דאָקטאָר פון יורידישע וויסנשאַפטן. פיל בוכאַרער ייִדן זײַנען דאָצענטן, קאַנדידאַטן פון דער וויסנשאַפט, געלערנטע. אויף אויסערן כענען זיי אלע וועלן ניט קלעקן די 192 זײַטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד". און וויפל פּעדאַגאָגן, פּאַרדינסטפולע לערער פון דער רעפּובליק זײַנען פאַראַן צווישן די בוכאַרער ייִדן, וויפל דאָקטוירים, ארײַנגערעכנט מיידלעך און פרויען!

אין גאַנצן סאָוועטנפאַרבאַנד זײַנען באַוווּסט די פאָלקס־אַרטיסטן און פאַרדינסטפולע שוישפּילער איסאַכאַר אַקילאָוו, בערטאַ דאַווידאָווא, שאָכיסטאַ מולאַדזשאַנאָווא, באַרנאָ איסאַקאָווא, רענאַ גאַליבאָווא און אַנדערע. עס זײַנען ברייט באַקאַנט דער פאַרדינסטפולער קונסט־טוער יורי יעליזאַראָוו, דער פאַרדינסטפולער קולטור־טוער פון אוזבעקיסטאַן, לאָורעאַט פון דער מעלוכע־פּרעמיע אָפן נאָמען פון כאַמזאַ עמאַנויל קאַלאַנטאַראָוו.

דער קינא־רעזשיסער בענציאָן קימיאגאראָוו, וואָס איז באלוינט געוואָרן מיט א לענין־אָרדען, האָט געשאפן א ריי אינטערעסאנטע פילמען, און די עלטסטע קינא־אקטריסע מאריאם יאקובאָווא איבע־ראשט די צושויער מיט איר מײַסטערשאפט אין א סאך ראָלן. די קאָמפּאָזיטאָרן סוליימאן יודאקאָוו — א לאורעאט פון דער מעלוכע־פּרעמיע — און דער פארדינסטפולער קונסט־טוער, פאָלקס־ארטיסט פון דער רעפובליק מענאשע לעוויִעוו שאפן מערקווירדיקע מוזיקאלע ווערק.

די בוכארער ייִדן ארבעטן אין די פארטייִשע, סאָוועטישע, ווירטשאפטלעכע אָרגאנען, אין די מי־ניסטעריומס, — אומעטום האָבן זיי, פונקט ווי די פאָרשטייער פון אלע אנדערע פעלקער, די פולע רעכט פון סאָוועטישע בירגער, מע באציט זיך צו זיי מיט קאָוועד און אכטונג.

די דערפאָלגן פונעם סאָוועטנפארבאנד, די בא־עפעקטיקײַט און פרײַנטשאפט צווישן די פעלקער פון אונדזער לאנד ברענגען ארויס פון די קיילים די ציִעניסטן. זיי באמיִען זיך אָף קאָלערליי אויפאנים צו באשמוצן אונדזער לאנד, פארנארן קיין ייִסראָעל סאָוועטישע ייִדן. געפינענדיק אפילע אין די טעלע־פאָן־ביכער די געהעריקע אדרעסן, נעמען אָן די ציִעניסטן די פּאָזע פון ניט־געבעטענע באלעטוווּעס און שיקן פאר אומבאקאנטע מענטשן פּאָטשט־פּעק־לעך, בריוו, קעדיי פארוועבירן זיי קיין ייִסראָעל. דאָס אָבער העלפט די ציִעניסטן ווייניק.

בא אונדז, בוכארער ייִדן, רופט ארויס א באזונ־דערן כידעש, וואָס אין ייִסראָעל ווערן די ייִדן אײַנגעטיילט אָף סאבראס, אשקענאזים און ספאר־דים, אָף שווארצע און ווײַסע, אָף פולווערטיקע און מינדערווערטיקע. דאָס אלץ דערמאָנט אונדז אין די אלטע צארישע צײַטן, ווען אויך מיר, בוכארער ייִדן, זײַנען געווען צוגערעכנט צו דער „נידעריקער ראסע".

ניין, דער ציִעניזם וועט קיין קיִעם ניט האָבן. די בוכארער ייִדן פארשטייען עס זייער גוט.

יאקוב כאזימאָוו,
מיטגליד פונעם שרײַבער־פארבאנד פון פּסטר.

א ווונטש

עס שרײַבט אײַך אן אלטער לערער, וואָס האָט 40 יאָר אָפּגעארבעט אין דער סאָוועטישער שול: 20 יאָר אין דער ייִדישער און 20 יאָר אין דער אלגעמיינער. איך היט אָפּ בא זיך אלע נומערן פון „סאָוועטיש היימלאנד", און ס'איז גרויס מײַן פרייד, ווען עס קומט אָן א פרישער נומער.

כ'וואָלט זייער דאנקבאר געווען דער רעדאקציע, ווען אין יעדן נומער „סאָוועטיש היימלאנד" זאָל זיך דרוקן א זײַטל הומאָר און סאטירע. אזעלכע ווערק, ווי אי. באבעלס „שאבעס נאכמו" אָדער איטקינדס צוויי דערציילונגען, האָבן אלע געלייענט מיט גרויס פארגעניגן. דאָס איז דאָך אן עמעסער אויצער! ווערק מיט א פאָלקסטימלעכן נוסעך וואָלטן די לייענער געדארפט אָפטער טרעפן אָף די זײַטן פון אונדזער זשורנאל.

ל. רעזניק, קעשענעוו

א ייִדישע ביבליאָטעק אין א הויז־פארוואלטונג

איך בין א ליבהאָבער פון ביכער. אין מײַן היי־מישער ביבליאָטעק געפינען זיך פיל ייִדישע אויס־גאבעס. לויט מײַן פארשלאָג האָט די פארוואלטונג פונעם הויז, ווו איך וווין, אויסגעטיילט א לאָקאל פאר א ביבליאָטעק, מיט וועלכער איך פארוואלטע אָף געזעלשאפטלעכע יעסוידעס.

אין דער דאָזיקער ביבליאָטעק האָב איך ארײַנגע־טראָגן פערזענלעך 1000 ייִדישע ביכער, צווישן זיי א גרויסע צאָל ווערק פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַ־בער, וועלכע זײַנען דערשינען פאר די לעצטע 25 יאָר.

מיר באקומען אויך דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" און די צײַטונג „בירָאָבידזשאנער שטערן". עס איז נאָר א גרויסער שאָד, וואָס די באשטעלונגען דורך «Книга—почтой» ווערן ניט אויסגעפילט צו דער צײַט און צומאָל גייען זיי אינגאנצן פארלוירן. צו אזא נאכלעסיקײַט מוז מען מאכן א סאָף.

מיט גרויס אכטונג
א. לעבעדיעוו, קיִעוו

„סאָוועטיש היימלאנד" שטייט זיי, ווי א ביין אין האלדז

טײַערע ווײַטע און נאָענטע סאָוועטישע מענטשן! איך וווין אין סידניי, אויסטראליע. איר ווייסט גאָר ניט, וואָס פאר א גליק דאָס איז, וואָס מיר האָבן דאָ א מעגלעכקײַט צו באקומען און לייענען „סאָוועטיש היימלאנד". ס'איז ווי א טרונק טאָן פון א דער־פרישנדיקן קוואל, ווען ארום־און־ארום סארפעט א מידבער.

די ייִדישע פּרעסע אין אונדזערע לענדער איז אין גרונט א ציִעניסטישע — א קליינקאליבערדיקע און אין באצוג צום פּראָגרעס און צום סאָוועטנפאר־

באנד — א כוצפּעדיקע. ס׳מאכט אן אײַנדרוק, אז די גרעסטע מערהײַט ייִדישע צײַטונגען און זשורנאלן זײַנען א געשעפט־זאך פאר די ציִעניסטישע זשורנאליסטן, וועלכע ארבעטן באם אנטיסאָוועטישן באַלעבאָס, אָפּסאמענדיק די מויכעס פון די ייִדישע לייענער. אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס“ און אין די „אוסטראַליער ייִדישע נײַס“ און „לעצטע נײַס“ פון טעל־אוויוו און אין פאריזשער „אונדזער וואָרט“ — אומעטום שטויסט זיך אָן דער לייענער אף פארברעכערישער דעזינפאָרמאציע פון איינע און די זעלבע אנטיסאָוועטיסטן: לענעמאן, שנײַדערמאן, צאנין, וועבער, מענדל מאן, דזשייקאָבסאָן, יאנוסעוויטש און נאָך אזעלכע.

פארשטייט זיך, די אלע פרעסע־ספּעקוליאנטן זײַנען פון איין שניט, אָבער ס׳איז צו באמערקן, אז באזונדערס קאָנסאָלידירט זײַנען זיי ארום דעם סינע־געפיל צום זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“, וועלכער שטייט זיי, ווי א ביין אין האלדז, און לאָזט זיי ניט מאכן אן אָנשטעל, אז קלוימערשט זיי זײַנען „לײַטישע ייִדן“. איך מיין, איר דארפט זיך גרויסן, וואָס אײַער זשורנאל רופט ארויס אזא סינע בא די ציִעניסטן. ניט לאנג צוריק האָב איך אליין געהערט, ווי אף אן אסיפע בא אונדז אין סידניי האָט איינער א צעיושעטער אמהאָרעץ געטײַנעט, אז ווען ער זעט א נײַעם נומער „סאָוועטיש היימלאנד“, הייבן אָן בא אים פון אופרעגונג ציטערן די הענט און זיי דריקן זיך צונויף אין קולעקעס.

איר זעט? — טאקע קולעקעס, אָבער זיי ציטערן...

א דאנק אײַך, ווײַטע און נאָענטע סאָוועטישע מענטשן!

י. ווײַנער, סידניי

כראָניק

„יאָרבוך, 1973“

דער פארבאנד פון די ייִדישע געמיינדעס אין פּראָג האָט ארויסגעגעבן זײַן יאָרבוך פונעם 1973. צווישן די מאטעריאלן געפינען זיך איבערזעצונגען פון ווערק פון י.־ל. פּערעץ און שאָלעם־אלייכעם, ווי אויך אן איבערזעצונג פון וולאדימיר נאזארס לידער מיט ביִאָגראפישע אָנגאבן וועגן דיכטער.

דער רעדאקטאָר פונעם יאָרבוך איז דר. רודאָלף אילטיס, וועלכער רעדאגירט די פּעריִאָדישע צײַטשריפט „וועסטניק“ — אָרגאן פונעם פארבאנד פון די ייִדישע געמיינדעס פון טשעכיע און מאָראוויע.

געווידמעט דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור

ווי עס טיילט מיט די פּראָגרעסיווע צײַטונג „אונדזער פרײַנט“ (מאָנטעווידעאָ), איז אינעם אורוגוויִש־סאָוועטישן קולטור־אינסטיטוט פאָרגעקומען אן אָוונט, געווידמעט דער ייִדישער ליטעראטור אין סאָוועטנפארבאנד.

געפירט דעם אָוונט האָט דער פאָרזיצער פון דער קולטור־געזעלשאפט, דער דירעקטאָר פונעם מאטעמאטישן אינסטיטוט פּראָפ. ראפאעל לאגוארדיא.

מיט א רעפעראט איז ארויסגעטראָטן פישל טאָביִאש, וועלכער האָט אין זײַן ליטעראַרישן איבערזיכט דערציילט וועגן די גרונטשטריכן פון דער ייִדישער סאָוועטישער פּראָזע און דיכטונג בא הײַנטיקן טאָג, אָפּוואַרפנדיק די ביִזוויליקע טײַנעס, וואָס די רעאקציִאָנערע ליטעראטור־קריטיקער רוקן ארויס קעגן דער שאפונג פון די ייִדישע שרײַבער אין סאָוועטנפארבאנד.

אין שײַכעס מיט דעם אָוונט זײַנען אין זאל אויסגעשטעלט געוואָרן סטענדן מיט סאָוועטישע ייִדישע ביכער און פּעריִאָדישע אויסגאבעס, צווישן זיי עטלעכע נומערן פון „סאָוועטיש היימלאנד“ און פונעם „ביראָבידזשאנער שטערן“, ווי אויך גראמאָפאָן־פּלאטן מיט אלטע און נײַע ייִדישע זינגלידער, וועלכע זײַנען ארויסגעגעבן געוואָרן אין מאָסקווע.

צום סאָף פונעם אָוונט האָבן די בײַוועזנדע דורכגעקוקט סאָוועטישע דאָקומענטאלע פילמען.

■ ■ ■

פאַרשיידנס

די באַפעלקערונג פון אונדזער פּלאַנעטע

אין דער מיט פון 1971 יאָר האָט די באַפעלקערונג פונעם ערדקײַלעך באַטראָפן 3.706 מיליאָן מענטשן, פאַרגרעסערנדיק זיך פאַר א יאָר אױף 74 מיליאָן. מע דערוואַרט, אַז באַם איצטיקן יערלעכן צוּוואוקס פון דער באַפעלקערונג אויף 2 פּראָצענט וועט זי פאַרדאָפּלט ווערן צום 2006־טן יאָר. אָט די יעדיעס זײַנען געבראַכט אינעם דעמאָגראַפישן ספּראַוואָטשניק פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס פאַרן 1971 יאָר.

אױף די ערשטע ערטער לויט דער צאָל באַפעלקערונג שטייען פאָלגנדיקע לענדער: כינע (787 מיליאָן מענטשן), אינדיע (550 מיליאָן מענטשן), דער סאָוועטנפאַרבאַנד (245 מיליאָן מענטשן), פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע (207 מיליאָן מענטשן), אינדאָנעזיע (125 מיליאָן מענטשן).

יעדער צווייטער אײַנוווינער פון אונדזער פּלאַנעטע לעבט אין אַזיע, וואָס איר באַפעלקערונג באַטרעפט 2.014 מיליאָן מענטשן. אין אייראָפּע לעבן 466 מיליאָן מענטשן, אין אַפריקע — 354 מיליאָן, אין צפון־אַמעריקע — 327 מיליאָן, אין דאָרעם־אַמעריקע — 195 מיליאָן מענטשן.

קימאַט אין אַלע לענדער פון דער וועלט, אַחוץ ניגעריע, אייבערשטע וואָלטע, ציילאָן, אינדיע, קאַמבאָדזשע, יאָרדאַניע און פּאַקיסטאַן, לעבן די פרויען לענגער פון די מאַנצבילען. אין דער ווײַסרוסישער רעפּובליק איז איינער פון די העכסטע אין דער וועלט דורכשניטלעכער עלטער פון פרויען — העכער 76 יאָר.

דער סאַמע קלענסטער אין דער וועלט געבורט איז אָפּגעמערקט אין דער דײַטשישער פּעדעראַטיווער רעפּובליק — 12,8 געבורטן אויף יעדע טויזנט מענטשן. דער סאַמע העכסטער אין דער וועלט געבורט איז פאַרעגיסטרירט אין סוואַזילענד — 52,3 געבורטן אויף יעדע טויזנט מענטשן.

אַן אוניקאַלע מאַרקע

דער וועטעראַן פונעם פּעטראָזאַוואָדסקער ווערקשטעלבוי־זאַוואָד ק. ל. נאָוואַק איז געוואָרן אַן אייגנטימער פון אַן אוניקאַלער פּאָטשט־מאַרקע מיט קאַרל מאַרקס׳ פּאָרטרעט, וואָס איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן מיט העכער 60 יאָר צוריק. איצט איז באַ אונדז אין לאַנד פאַרעגיסטרירט פינף אַזעלכע מאַרקעס.

אױף דער מאַרקע זײַנען אָנגעשריבן אויף דער רוסישער, דײַטשישער און פראַנצויזישער שפּראַכן די ווערטער: „רסדאפ. אויף דער וואַל־קאַמפּאַניע". אָט די מאַרקע איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן אין 1912 יאָר באַ פאָלגנדיקע אומשטענדן. ס׳האָבן זיך דערנענטערט די וואַלן אין דער דומע. די פּאָרוואַל־אַרבעט האָט געפאָדערט פון די באָלשעוויקעס ניט ווייניק געלט־מיטלען. אָט דאַן האָבן די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס האָבן געלעבט אין אויסלאַנד, פאָרגעלייגט אָפּדרוקן אין שווייצאַריע א מאַרקע, וואָס קאָסט 10 פראַנק, און דאָס אָפּגעלייזטע געלט פאַר די פאַרקויפטע מאַרקעס איבערשיקן קיין רוסלאַנד. דער קלאַנג וועגן דעם איז דערגאַנגען צום מעלוכע־דעפּאַרטאַמענט פון דער פּאָליציי. ס׳זײַנען טייקעף מאָביליזירט געוואָרן די זשאַנדאַרמישע סאַטראַפּן. נאָר די מאַרקע איז, ווי פריער, פאַרשפּרייט געוואָרן ניט בלויז אין אויסלאַנד, נאָר אויך אין רוסלאַנד.

דער פּאָרטרעט פון אַן אפּיקורעס אויף דער וואַנט... פון א קירך

אָט אַזוי הייסט די נאָטיץ אין דער אָפּימער צײַטונג „לענינעץ", וואָס עס האָט אונדז צוגעשיקט דער לייענער פון אונדזער זשורנאַל אי. זאַמאַנסקי. דער אוטאָר פון דער דאָזיקער נאָטיץ איז דער קאַנדידאַט פון טעכנישע וויסנשאַפטן, וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער פונעם באַשקירער פיליאַל פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון ססר ר. אַבדולין. מיר ברענגען איינינקע אויסצוגן פון דער נאָטיץ.

אַלבערט איינשטיין איז געווען אַן איבערצײַגטער אַטעיִסט. אין אַלע אָפּיציעלע אַנקעטעס האָט ער זיך פאַררעכנט אין דער רובריק „אומגלייביקער" אָדער „געריסן מיט דער רעליגיע". און אַנדערש האָט ניט געקאָנט זײַן — זײַנע גענִיאַלע וויסנשאַפטלעכע ווערק האָט ער געקאָנט שאַפן, בלויז באַפרײַענדיק זיך פון דער רעליגיִעזער וועלט־אָנשויונג, ווײַל זײַן וויסנשאַפטלעכער העלדנטאַט האָט געפאָדערט ניט בלויז דרייסטקײַט פון געדאַנק, נאָר אויך פרײַ זײַן פון פאָרורטיילן.

און אָט איז אין 1931 יאָר איינשטיין, שוין דאַן א באַקרוינטער מיטן אָרעאָל פון וועלט־רום, געווען א גאַסט באַ די אַמעריקאַנער געלערנטע. אַרומרײַזנדיק מיט זיי איבער די אויסטערלישע ערטער פון אַמעריקע, האָט איינשטיין אויפן וועג פון ניו־יאָרק קיין קאַליפאָרניע באַזוכט דעם סאָבאָר אין טשערטש־ריווערסײַד אויפן ברעג פונעם הודזאָן. דאָרטן, פאַרוואונדיק זיך אונטערכאַפּנענען, האָט מען אים באַוויזן זײַן שטיינערנע פיגור אויפן פאַסאַד... פון א קירך.

ווי ס׳איז דערנאָך פעסטגעשטעלט געוואָרן, האָט דער פּאַסטאָר בײַסן בויען די קירך אָפּגעגעבן א פאַראָרדענונג, אַז אויף די ווענט זאָל מען אויסהאַקן פיגורן ניט בלויז פון הייליקע, נעוויִים, קיניגן און פילאָסאָפן, נאָר אויך פון איינינקע גרויסע געלערנטע נאַטורוויסנשאַפטלער. פאָרלויפיק האָט מען אויסגעפרעגט באַ דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, וועמען וואָלט מען געדאַרפט אָפּגעבן דעם קאָוועד זײַן פאָרגעשטעלט צווישן די באַרימטקײַטן. די פּאַסטאָרן האָבן מיט שטוינונג פעסטגעשטעלט, אַז אין די ענטפערס, באַנאַנד מיט אַזעלכע גרויסע, נאָר טיף רעליגיִעזע געלערנטע, ווי ניוטאָן, ווערט אָפּט אָנגערופן דער נאָמען פונעם אפּיקורעס איינשטיין.

וואָס טוט מען, אויב איינשטיינס נאָמען רופן אָן פילאַנטראָפּן, וואָס גיבן גרויסע סומעס געלט אויף דער בויונג פון גאָטס הויז!

אָט אַזוי האָט עס פּאַסירט, אַז צווישן די 600 רעליעפע אָפּבילדונגען פון געשטאָרבענע געטלעכע לײַט און קולט־דינערס האָט זיך באַוויזן די שטיינערנע פיגור פונעם נאָך לעבעדיקן, אפּיקאָרסישן דײַטשישן פיזיקער, א ייִד לויט דער נאַציאָנאַליטעט.

פאַרשיידנס

ווי האָט געלעבט פּושקין

דער מאָסקווער פארלאג „קינדער־ליטעראטור" האָט ארויסגעלאָזט א בוך פון א. אי. געסען „דאָס לעבן פונעם פּאָעט". מע זאָגט, אז אין די מאָסקווער ביכער־מאגאזינען איז ער אויסגעפארקויפט געוואָרן פאר איין טאָג און אין די ביבליאָטעקן איז אײַנגעשטעלט א ריי אף אים.

דאָס קאָן מען דערקלערן מיט דעם אינטערעס פון אונדזערע לייענער פון באליביקן עלטער צום לעבן פונעם גרויסן פּאָעט פון רוסלאנד, און אויך מיטן נאָמען פונעם אווטאָר פון בוך.

א. אי. געסען האָט אָנגעשריבן א סאך ביכער וועגן פּושקינען, וואָס זײַנען ווארעם אויפגענומען געוואָרן מיצאד דער לייענער־אאודיטאָריע. אין גרונט פון די ביכער ליגן עכטע דאָקומענטן, דערינערונגען פון מענטשן, וואָס זײַנען געווען נאָענט צום פּאָעט, ארכיוו־מאטעריאלן און פארנאָטירונגען פון טאָגביכער. און אין דער זעלבער צײַט זײַנען די ביכער טיף עמאָציאָנעל. לייענענדיק זיי, פילסטו די עפּאָכע, אין וועלכער ס'האָט געשאפן פּושקין. זעסט די מענטשן, וואָס זײַנען דאָרט געשילדערט, אי די פרײַנט, אי די סאָנים פונעם פּאָעט. דאָס איז עכטע דאָקומענטאלע פּראָזע. אייניקע זײַטן זײַנען אָנגעשריבן מיט איידעלע, אקווארעל־פארבן. מיר געפינען אף די זײַטן פונעם בוך די געשיכטע וועגן דעם, וויאַזוי ס'זײַנען געשאפן געוואָרן פיל פּושקינס ווערק — אי פּאָעטישע, אי פּראָזאישע. מיר באקומען ניט ווייניק ידיעס וועגן פּושקינס טעטיקײַט אלס פובליציסט, אלס דרייסטן קעמפער קעגן דער זעלבסטהערשונג. זײַענדיק דער אווטאָר פונעם אינטערעסאנטן בוך וועגן די דעקאבריסטן „אין די טיפענישן פון די סיבירער ארץ־גרובנס", באשרײַבט געסען נאָכאמאָל די פארבינדונגען פונעם פּאָעט מיט די דעקאבריסטן.

א רעפּאָרטיאָר, א שילער פונעם בארימטן פּעליעטאָניסט וולאס דאָראָשעוויטש, א מענטש, וואָס האָט א סאך געזען און פארמאָגט א זעלטענעם זיקאָרן, איז א. אי. געסען אָפט געווען אין די ערטער, וואָס מיר רופן אָן פּושקינישע. אים איז אויסגעקומען צו זען דעם דיכטערס יינגערן זון, באקענען זיך מיט דער טאָכטער פון אנא קערן. אויך שפּעטער איז געסען דורכגעגאנגען אן אינטערעסאנטן לעבנס־וועג. זיך געלערנט אין אוניווערסיטעט אינאיינעם מיט בלאָקן. אין די ערשטע רעוואָליוציע־טעג האָט ער געהערט לענינס רעדעס. זײַן בוך וועגן פּושקינען האָט ער אָנגעשריבן ווי אונדזערער א מיטצײַטלער.

דער בוך איז גלענצנד אויסגעפורעמט. ער איז איליוסטרירט מיט פאָטאָגראפיעס און גראוויורן, מיט געמעלן פונעם דיכטער גופא.

דער 95־יאָריקער אווטאָר פונעם בוך „דאָס לעבן פונעם פּאָעט", איינער פון די עלטסטע שרײַבער פון מאָסקווע, שרײַבט איצט א נײַעם בוך „די פארגאנגענהײַט גייט דורך פאר מײַנע אויגן..."

יעווג. מאר („וועטשערניאיא מאָסקווא")

און ס'האָבן אופגעלעבט די ביכער

אין דעם מוזיי־קווארטיר פון וו. אי. לענינען אין קרעמל איז צונויפגעזאמלט ליטעראטור וועגן פילאָסאָפיע, געשיכטע פון דער ארבעטער־באוועגונג, פּאָליטיק, פּעדאגאָגיק, פילצאָליקע ווערטערביכער, ווערק פון רוסישע און אויסלענדישע קלאסיקער... העכער 10 טויזנט בענדער, אף פיל שפּראכן פון דער וועלט — אזא איז איליטשס פּערזענלעכע ביבליאָטעק.

אייניקע פון אָט די אויסגאבעס האָט לענין געבראכט פון עמיגראציע, זיי זײַנען געווען מיט אים אין פארשיקונג. פארשטייט זיך, אז פאר אזויפיל יאָרן זײַנען א סאך זײַטלעך פון די ביכער פארגעלט און אָפּגענוצט געוואָרן. טאָג נאָך טאָג רעסטאווירט די ביכער, וואָס האָבן געהערט וולאדימיר איליטש לענינס פאמיליע, דער וויסנשאפטלעכער מיטארבעטער פונעם אינסטיטוט פון מארקסיזם־לעניניזם באם צק קפּסס אי. אניסימאָווא. באם רעסטאווירן באנוצט זי נײַע פּאסטעס, ספּעציעלע סינטעטישע קלייען. ס'האָט זיך אײַנגעגעבן אומקערן א סאך זײַטלעך פון די ביכער זייער עלאסטישקײַט, שטײַפקײַט, אײַנהיטן די מאטאָנע־אופשריפטן.

ק. מאדאטאָוו („איזוועסטיא").

די ליטערארישע קוועלן טיילן מיט, אז איינשטיין גופא האָט מיט שטוינונג געקוקט אף זײַן אָפּבילד. דאָ האָט אים אפילע ניט געהאָלפן זײַן באשטענדיקע הומאָריסטישע באציִונג צום אייגענעם רום, — ער האָט זיך געפונען אין א גרויסער פארלעגנהײַט, ווי געפּלעפט. נאָר אין א ווײַלע ארום האָט ער אויסגעשאָסן מיט א הילכיקן געלעכטער. דעם פּאסטאָר, וואָס האָט אים באגלייט און איז געווען שאָקירט פון איינשטיינס לוסטיקײַט, האָט ער געזאָגט: „איך האָב נאָך געקאָנט דערלאָזן א האשאָרע, אז מע קאָן פון מיר מאכן א יידישן נאָווי, נאָר בעשום־אויפן ניט, אז איך קאָן ווערן ניט־איז פארוואנדלט ווערן אין א פּראָטעסטאנטישן הייליקן".

זײַנע אנטירעליגיעזע איבערצײַגונגען האָט איינשטיין ניט פאראטן אויך אפן טויטן־בעט. אין זײַן צוואָוואָע האָט ער געבעטן נאָך זײַן טויט ניט דערלאָזן קיין שום רעליגיעזע ריטואלן און קיין שום אָפּיציעלע טרויער־צערעמאָניעס. ער האָט ניט געוואָלט אויך קיין רעדעס אף זײַן לעווײַע און ניט געוואָלט האָבן קיין דענקמאָל אפן קייווער. דעריבער האָבן זיך אין קרעמאטאָריע־זאל צונויפגעקליבן בלויז זײַנע נאָענטסטע קרויווים און פרײַנט, קעדיי שווײַגנדיק זיך געזעגענען מיט אים.

קיין קייווער פון איינשטיינען איז ניטאָ — זײַן אש האָט צעווייט דער ווינט.

אָט אזוי האָט זיך באקומען, אז דער ערשטער סקולפּטור־דענקמאָל דעם בארימטן פיזיקער — דעם אטעיִסט איינשטיינען איז נאָך באם לעבן געווען זײַן שטיינערנער בארעליעף אף דער וואנט פון א קירך. דער דענקמאָל שטייט נאָך ביז איצט דאָרטן, כאָטש נאָך באם לעבן פונעם געלערנטן און דעריקערשט נאָך זײַן טויט האָט זיך די באציִונג צו אים מיצאד די אמעריקאנער גלעלט־זעק און אָפּיציעלע לײַט פאר זײַן טעטיקײַט אף צו באשיצן דעם שאָלעם און פאר זײַנע פּראָגרעסיווע אָנשויונגען ראדיקאל געענדערט, איז געוואָרן א נעגאטיווע.

פאָלקס-שטימע

קולטור־געזעלשאפטלעכע און ליטעראריש־קינסטלערישע וואכנשריפט

לויט די מאַטעריאַלן פון דער
וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע"

דאָס פאָלק באַערט דעם אָנדענק פון די העלדן און מאַרטירער

אין גאַנץ פוילן איז פייערלעך אָפּגעמערקט געוואָרן דער טאָג, ווען די אומפאַרגעסלעכע העלדן פון דער וואַרשעווער געטאָ האָבן מיט 30 יאָר צוריק אויפגעהויבן די פאָן פון אופשטאַנד קעגן דעם גרעסטן סוינע פון דער מענטשהייט — דעם היטלערישן פאַשיזם.

צוזאַמען מיט דער ייִדישער באַפעלקערונג האָט זיך אין די פייערונגען באַטייליקט די פוילישע געזעלשאַפטלעכקייט. ספּעציעלע פּראָגראַמען האָבן איבערגעגעבן די צענטראַלע ראַדיאָ און טעלעוויזיע פונעם לאַנד. „טריבונאַ לודו" — דער צענטראַל־אָרגאַן פון דער פוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי — האָט פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל פונעם מיניסטער פאַר קולטור און קונסט סטאַניסלאַוו וראָנסקי. רעדאַקציאָנעלע אַרטיקלען, אויספירלעכע באַריכטן וועגן דער געטאָ־אַקאַדעמיע, וועלכע איז פאָרגעקומען אין דער וואַרשעווער פילהאַרמאָניע, האָבן אָפּגעדרוקט די צייטונג פון דער הויפּטשטאָט „זשיטשע וואַרשאַווי", די פויערים־צייטונג „דזשענניק לודאָווי", די יוגנט־צייטונג.

די גרויסע פאָלקס־פאַרזאַמלונג, געווידמעט דער היסטאָרישער דאַטע, האָט געעפנט וויטאָלד יאַראָשינסקי — דער סעקרעטאַר פונעם אַלפּוילישן קאָמיטעט פונעם פראָנט פון פאָלקס־אייניקייט.

דער פאָרזיצער פונעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די ייִדן אין פאָלקס־פוילן עדוואַרד רייכער האָט אין זיין רעדע באַטאָנט, אַז די געשעענישן פונעם 19 אַפּריל 1943 סימבאָליזירן דעם העלדנמוט פונעם ייִדישן פאָלק. דער אופשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, — האָט געזאָגט דער רעדנער, — איז ניט געווען קיין סטיכיישער אויפברויז, קיין אַקט פון פאַרצווייפלונג און אויך ניט קיין איזאָלירטע אַקציע, אָפּגעריסן פונעם אַלפאָלקישן באַפרייונגס־קאַמף אויף דער פוילישער ערד. די העלדן פון דער געטאָ זיינען ניט געווען איינזאַם אין זייער געראַנגל, זיי האָבן געהאַט די אונטערשטיצונג און די הילף פון דער פוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

פייערלעך איז דורכגעגאַנגען די צערעמאָניע פון לייגן קרענץ באַם געטאָ־דענקמאָל. די ערן־וואַך האָבן געהאַלטן אָפּטיילונגען פונעם פוילישן קאָמיטעט פונעם פראָנט פון פאָלקס־אייניקייט. „קאָוועד די העלדן־אופשטענדלער פון דער וואַרשעווער געטאָ!" איז געווען אָנגעצייכנט אויף דער לענטע. צופוסנס פונעם דענקמאָל וואַקסט אויס אַ באַרג פון לעבעדיקע בלומען.

אַ מעדאַל אין בראָנזע לעקאָוועד דעם XXX יאָרטאָג פון אופשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

באַם געטאָ־דענקמאָל. 19 אַפּריל 1973.

אין וואַרשעווער פּען־קלוב

אַן אָנדענק־פייערונג לעקאָוועד די העלדן פון וואַרשעווער געטאָ איז פאָרגעקומען אין פּען־קלוב פון דער פוילישער פאָלקס־רעפּובליק, וווּ עס האָבן זיך פאַרזאַמלט אָנגעזעענע דיכטער, נאָוועליסטן און עסעיסטן, צווישן זיי אַנטאָני סלאָנימסקי, אַנאַ קאַמיענסקאַ, מעטשיסלאַוו יאַסטרון, יוליאַן סטריקאָווסקי, וואָיטשעק נאַטאַנסאָן, באָגדאַן אָסטראָמענצקי, יעזשי זאַגורסקי, לעסלאַוו באַרטעלסקי, אַרטור סאַנדאַוער, טעאַטער־טוער, היסטאָריקער, קינסטלער, פּובליציסטן, אַדוואָקאַטן.

געעפנט דעם אָוונט האָט דער באַרימטער שרייבער יאַן פּאַראַנדאָווסקי, פאָרזיצער פונעם קלוב. ער האָט, צווישן אַנדערס, געזאָגט: „דעם העלדנמוט פון די וואַרשעווער ייִדן טאָרן מיר ניט פאַרגעסן. דער געטאָ־דענקמאָל איז פאַר אונדז, פּען־מענטשן, אַ דערמאָנונג וועגן אונדזער הייליקן כויוו צו פאַרייביקן דעם אָנדענק פון די געטאָ־העלדן".

■ ■ ■

שרײַבער און ווערק

נאָטיצן אַפּן קאַלענדאַר

מיט 85 יאָר צוריק, אין 1888, איז אין באָברויסק, מינסקער גוב., געבוירן געוואָרן דער ייִדישער סאָוועטישער היסטאָריקער און ביבליאָגראַף אַווראָם קירזשניץ.

מיט זשורנאַליסטישער טעטיקייט האָט א. קירזשניץ זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען אין 1906, אין עלטער פון 18 יאָר. אין 1912 האָט ער געמאַכט אַ רייַזע איבער פּיל

שטעט און שטעטלעך פונעם „טכום" און אָנגעשריבן אַ סעריע אַרטיקלען וועגן דעם ייִדישן לייענער און ייִדישן ביבליאָטעק־וועזן.

אין די יאָרן פון דער ערשטער אימפּעריאַליסטישער וועלט־מילכאָמע האָט א. קירזשניץ אַרויסגעגעבן און רעדאַגירט אַ ריי זאַמלביכער („דאָס באָברויסקער וואָכנבלאַט", „יונגאַטש", „לעקאָוועד יאָמטעוו" און אַנד.). ער האָט אויך רעדאַגירט דאָס „יאָרבוך פאַר ייִדישע ביבליאָטעקן" (אַרויסגעגעבן אין 1914 אין קלעצקין־פאַרלאַג) און דעם דרײַכאַדאָשימדיקן זשורנאַל „דער ייִדישער ביבליאָטעקער".

פאַר רעוואָליוציאָנערער טעטיקייט איז א. קירזשניץ עטלעכע מאָל אַרעסטירט געוואָרן. אין 1915 האָט אים די אָכראַנקע פאַרשיקט קיין סיביר. נאָר אויך אין דער פאַרשיקונג האָט ער ניט אָפּגעשטעלט זײַן רעוואָליוציאָנערע טעטיקייט: ער האָט אָרגאַניזירט הילף פאַר די מילכאָמע־קאָרבאָנעס און מיטגעאַרבעט אין דער אירקוטסקער מאַרקסיסטישער צײַטונג «Сибирь».

אין 1924 האָט א. קירזשניץ זיך באַזעצט אין מאָסקווע. אין הארבסט 1925 איז ער געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פונעם „עמעס", ווו ער האָט פאַרוואַלטעט מיט די אָפּטיילן „שטאָט, שטעטל, דאָרף" און „ביבליאָגראַפיע". לויטן אויפטראָג פון היסטפּאַרט באַם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער רקפּ(ב) איז ער דעמלט צוגעטראָטן צום שרײַבן די געשיכטע פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג.

מיר ברענגען דאָ אַ קורצע רעשימע פון א. קירזשניצעס באַזונדערס וויכטיקע ווערק, וועלכע זײַנען דערשינען אין אַ בוך־פאָרם: „די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג צווישן די ייִדישע אַרבעטער אין 1905". מאָסקווע, „שול און בוך", 1925. „דער ייִדישער אַרבעטער". כרעסטאָמאַטיע צו דער געשיכטע פון דער רעוואָליוציאָנערער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג צווישן די ייִדישע אַרבעטער. פיר בענדער. מאָסקווע, צענטערפאַרלאַג, 1925 — 1928. „די לענער בלוטבאַד". מינסק, פאַרלאַג פונעם צענטראַל־ראַט פון די פּראָפאַרייַנען אין ווײַסרוסלאַנד, 1927. „די ייִדישע פּרעסע אין ראַטנפאַרבאַנד (1917—1927)". מינסק, ווײַסרוסישע מעלוכע־ביבליאָטעק, 1928. „די הייליקע" שעדיקער און אונדזער קולטור־רעוואָליוציע". מאָסקווע, פאַרלאַג „בעזבאָזשניק", 1929. „די ייִדישע פּרעסע אין ווײַסרוסלאַנד (1917 — 1927)". מינסק, ווײַסרוסישע מעלוכע־ביבליאָטעק, 1929. „די ייִדישע פּרעסע אין דער געוועזענער רוסלענדישער אימפּעריע (1823 — 1916)". מאָסקווע, צענטערפאַרלאַג, 1930. „די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט אין אויפשטײַג". מאָסקווע, „עמעס", 1936.

אַווראָם קירזשניץ איז טראַגיש אומגעקומען אין 1938.

דעם 4 יוני ווערט 70 יאָר, זינט אין קאַטערינאָסלאַוו (היינט דניעפּראָפּעטראָווסק) איז געבוירן געוואָרן דער רוסישער סאָוועטישער דיכטער מיכאַיל סוועטלאָוו.

מ. סוועטלאָוו האָט באַקומען בילדונג אין מאָסקווער אוניווערסיטעט. אַלס דיכטער האָט ער דעביוטירט אין 1917. אין 1923 איז ער אַרויסגעטראָטן מיט די דעמלט פּאָפּולער געוואָרענע לידער „וועגן דעם רעבן". אינעם זעלבן יאָר איז דערשינען זײַן ערשטע לידער־זאַמלונג „רעלסן". אין אַ יאָר אַרום — דאָס בוך „לידער", אין 1925 — „וואָרצלען".

די הויפּט־מאָטיוון פון סוועטלאָווס ליריק זײַנען געווען — דער בירגערקריג, די קאָמיוגישע יוגנט, דאָס שטאַרקע געפיל פון אינטערנאַציאָנאַליזם („צו דער ראַבפאַ־

קאָווקע״ — 1925, „גרענאַדע״ — 1926, „די ליד וועגן קאַכאָווקע״ — 1935 און אנד.).

דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע האָט דער דיכטער געווידמעט די פּאָעמע „אכט און צוואַנציק״ (וועגן די העלדן־פּאַנפילאָווצעס), דעם ציקל לידער וועגן ליזע טשײַקינאַ (ביידע אין 1942). ברייט באַוווּסט איז געוואָרן זײַן ליד „דער איטאַליענער״ (1943) — א מאָנאָלאָג פון א רוסישן סאָלדאַט. די מילכאָמע־אײַנדרוקן זײַנען געקומען צום אויסדרוק אויך אין דער פּיעסע „די בראַנדענבורגער טויערן״ (1946).

מילכאָמע־צײַט איז מ. סוועטלאָוו געווען א ספּעציעלער קאָרעספּאָנדענט פון דער צײַטונג „קראַסנאַיאַ זוועזדאַ״ אַפן לענינגראַדער פראָנט און א קריגס־קאָרעספּאָנדענט פון א ריי פראָנט־צײַטונגען.

מיכאַיִל סוועטלאָוו איז דער אויטאָר פון א ריי לירישע פּיעסן, צווישן זיי: „א מײַסעלע״ (1939), „אין צוואַנציק יאָר ארום״ (1940).

אין 1953 איז געשטעלט געוואָרן זײַן פּיעסע „דאָס פרעמדע גליק״, אין 1956 — „מיט מאַזל״, אין 1964 — די פּיעסע־פאַנטאַזיע לויט די מאָטיוון פון ק. גאָצי „די ליבע צו דרײַ אַפּעלסינען״.

מיכאַיִל סוועטלאָוו איז באַלוינט געוואָרן נאָכן טויט מיט דער לענין־פּרעמיע (1967) פאַרן בוך „לידער פון די לעצטע יאָרן״.

מיכאַיִל סוועטלאָוו איז געשטאָרבן דעם 28 סענטיאַבער 1964 אין מאָסקווע.

פופציק יאָר אַף דער ייִדישער בינע

די טעאַטראַלע געזעלשאַפטלעכקײַט פון טשערנאָוויץ האָט פײַערלעך אָפּגעמערקט דעם זיבעציקיאָריקן געבורטסטאָג פונעם ייִדישן אַקטיאָר יאַקאָוו סאַמסאָנאָוויטש גאַלמאַן. זײַן שעפערישער יוביל איז אויך א קײַלעכיקער — פופציק יאָר אַף דער ייִדישער בינע.

נאָך גאָר א יונגער באָכער, אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן, איז יאַקאָוו גאַלמאַן אָנגעקומען אין כאַרקאָווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער, און גאָר אײַנגיכן איז ער געוואָרן אײנער פון די פירנדיקע אַקטיאָרן. אין כאַרקאָווער, קיִעווער און נאָך דער מילכאָמע אין טשערנאָוויצער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער איז ניט געווען קיין איין ספּעקטאַקל אָן דעם אָנטייל פונעם אַרטיסט יאַקאָוו גאַלמאַן. דער צושויער האָט פאַרגעדענקט פיל פאַרשיידענע קאָלאָריטפולע געשטאַלטן, וועלכע דער אַקטיאָר האָט געשאַפן אין די ספּעקטאַקלען „הערש לעקערט״, „סטעמפּעניו״, „בלאָנדזשענדע שטערן״, „די קישעפמאַכערן״, „איך לעב״, „אַרשין מאַל אַלאַן״ און אין פיל אַנדערע ספּעקטאַקלען.

די לעצטע צוואַנציק יאָר האָט יאַקאָוו גאַלמאַן אַקטיוו און פרוכטבאַר געאַרבעט אינעם טעאַטראַלן אַנסאַמבל, בעראָש מיט דער פאַרדינסטפולער אַרטיסטקע פון אוססר סידי טאַל, בא דער טשערנאָוויצער פילהאַרמאָניע. אין די פילצאָליקע לעבנסלוסטיקע טעאַטראַלע פאַרשטעלונגען, וועלכע דער אַנסאַמבל האָט געשטעלט אין טשערנאָוויץ און אין פיל שטעט פון ראַטנפאַרבאַנד, האָט יאַקאָוו גאַלמאַן געשאַפן א ריי העלע געשטאַלטן פונעם פּאָשעטן פאָלקסמענטשן — געשטאַלטן, וואָס טראָגן אין זיך פיל סאָציאַלע און שטײַגערישע פּראָבלעמען פון אונדזער צײַט.

אינעם באַשטאַנד פונעם אַנסאַמבל איז יאַקאָוו גאַלמאַן ניסגאָלע געוואָרן אויך אַלס א טאַלאַנטפולער זינגער. די ייִדישע פאָלקסליד האָט באַקומען אין זײַן גלענצנדיקער אַקטיאָרישער אויספירונג א באַזונדערן כײַן.

דער שעפערישער וועג פונעם אַקטיאָר איז באַגלייט און אָפּגעמערקט מיט פילצאָליקע הויכע אָפּשאַצונגען אין דער פּרעסע, מיט א סאַך לויב־אָפּרופן פון די צושויער־קאָלעקטיוון, ווו דער אַקטיאָר איז אַרויסגעטראָטן, מיט גראַמאָטעס פון די קולטור־ און קונסט־אַנשטאַלטן.

די טשערנאָוויצער קאָלעגן האָבן הייס באַגריסט דעם יוביליאַר, מיט וועמען זיי האָבן אײנײַנעם דורכגעמאַכט א גרויסן וועג אין דער סאָוועטישער קונסט. פיל פרײַנט — אַקטיאָרן פון אַנדערע שטעט — האָבן צוגעשיקט זייערע באַגריסונג־טעלעגראַמעס.

פאַר דער פילייאָריקער פרוכטבאַרער טעטיקײַט אַפן געביט פון קולטור און קונסט און אַקטיוון אָנטייל אינעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן האָט די פאַרוואַלטונג פון קולטור באַם טשערנאָוויצער געגנטלעכן אויספיר־קאָמיטעט באַלוינט דעם אַקטיאָר יאַקאָוו גאַלמאַן צו זײַן זיבעציקסטן געבורטסטאָג מיט אַן ערן־גראַמאָטע.

■ ■ ■

БЕСЕДЫ В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

Слова и словосочетания:

1) **בליִען**; 2) **זיך באַדעקן**; 3) **פעדערל ז־עך**; 4) **זיך באַווײַזן (האָט זיך באַוויזן)**; 5) **אַגרעסן**; 6) **ס'ווערן פון זיי הײַליק די ציין**; 7) **ווײַמפּערלעך**; 8) **פּיסקעלע ז־ד**; 9) **קערנדל ז־עך**; 10) **מעכײַע נעפּאָשעס**; 11) **צענדליקער־צענדליקער**; 12) **פאַרטיק ווערן**; 13) **אַהינקומען**.

Их перевод:

1) цвести; 2) покрываться; 3) пёрышко; *здесь*: пушинка; 4) показаться, выступить; 5) крыжовник (**אַגרעס** — ягодка крыжовника); 6) они набивают оскомину; 7) смородина (**ווײַמפּערל** — ягодка смородины); 8) мордочка; 9) зёрнышко; 10) одно наслаждение; *здесь*: просто объедение; 11) десятками; 12) поспевать, созревать; 13) деваться, исчезать.

УПРАЖНЕНИЯ:

1) В приведенном отрывке встречается пять раз союз **אַז**. Лишь в одном случае он переводится русским союзом *что*. В каком? Каким союзом переводится **אַז** в остальных четырех случаях?

2) Сравните два варианта:

а) **אַז איר פֿירט דורך צווישן די ליפּן איין צווײַגעלע, באַקומט איר אַ פֿול מויל מיט ווײַמפּערלעך.**

б) **איין צווײַגעלע אַז איר פֿירט דורך צווישן די ליפּן, באַקומט איר אַ פֿול מויל מיט ווײַמפּערלעך.**

Что подчеркивается особенно в варианте *б* по сравнению с вариантом *а*?

3) Рассмотрите еврейские синонимы: גאָר אינגיכן (весьма скоро, вскоре) די נאָענטסטע טעג (в ближайшие дни), אָט־אָט (вот-вот).

Найдите в отрывке фразеологическое сочетание (из четырех слов) с аналогичным значением.

4) Обратите внимание на трудно переводимые словосочетания, встречающиеся в нашем отрывке:

а) **אַ זויערס קוויקט דאָס האַרץ**; б) **צו הײַליקע ציין איז דאָ אַ סגולה — זאַלץ.**

Их приблизительный перевод:

а) Что-либо кислое — одно наслаждение; б) Против оскомины имеется (верное) средство — соль.

Учтите дословный перевод выделенных словосочетаний: а) «услаждает сердце»; б) «к терпким зубам».

Впишите в свой словарик:

קוויקן דאָס האַרץ — быть (одним) наслаждением.

5) Рассмотрите следующий перевод:

מע שיט אַרויף זאַלץ אויף די ציין און מע האַלט אָפֿן דאָס מויל... —

Надо насыпать соль на зубы и держать рот открытым....

Чем отличается в данном случае выражение сказуемого в еврейском языке по сравнению с русским?

6) Выпишите из отрывка единственное ласкательное прилагательное и переведите его на русский язык. При помощи какого суффикса оно образовано в обоих языках? В чем тут сходство и в чем различие?

7) Выпишите уменьшительно-ласкательные существительные, встречающиеся в отрывке. Если они даны во множественном числе, укажите также их форму единственного числа и наоборот.

Упражнения по орфографии.

1) Спишите. Знак (+) замените соответствующей буквой: אָנהייבן — דער זומער היי + ט זיך אָן; קלעפּן (лепить) — דו קלע + סט, ער קלע + ט; וועבן (ткать) — ער ווע + ט; בלײַבן — זי בלײַ + ט; זאָגן — ער זאָ + ט; קוויקן — א זויערס קווי + ט דאָס האַרץ; רעדן — ער רע + ט; זידן (кипеть) — די וואַסער זי + ט שוין; לויפן — ער לוי + ט; פרוּוון (пробовать; (по)пытаться) — ער פרוּ + ט; האָפן (надеяться; ожидать) — זי האָ + ט; ווײַזן — ער ווײַ + ט; וויסן — איר ווײ + ט.

Примечание. В еврейском письме, как и в русском, соблюдается при написании глухих и мягких согласных морфологический принцип: написание таких согласных звуков сохраняется при всех изменениях слова. Сравните: *ловок* — *ловкий* (через *в*), хотя слышится *лофкий*; *резок, резать* — *резкий* (через *з*), хотя слышится *реский*. Точно так же: וועבן — ער וועבט (через ב), хотя слышится **וועפט.**

2) Запомните некоторые практические правила, а именно:

а) Если в украинском диалекте языка идиш произносится гласный *и* или *ы*, а в литовско-белорусском — гласный *у*, надо произносить как в белор.-лит. диал. — *у* и писать ו. Например: в укр. диал. — з*ы*мэр («лето»), бр*и*дэр («брат»), в белор.-лит. диал. — з*у*мэр, бр*у*дэр. Следовательно, в литературном произношении — з*у*мэр, бр*у*дер, и написания — **זומער, ברודער.**

б) Если в укр. диал. слышится *у*, а в белор.-лит. диал. *о*, надо произносить также как в белор.-лит. диал. — *о* и писать אָ. Например: в укр. диал. — з*у*гн («сказать»), с*у*д («сад»), т*у*мид («всегда»), в белор.-лит. диал. — з*о*гн, с*о*д, т*о*мид. Значит, надо произносить: з*о*гн, с*о*д, т*о*мид и писать: **זאָגן, סאָד, טאָמיד.**

в) Если в украинском диалекте слышится *ой*, а в белор.-лит. диал. — *эй*, надо произносить, как в укр. диал. — *ой* и писать וי (а не ײ). Например: в укр. диал. (чаще всего) — к*ой*фн («покупать»), р*ой*тэр («красный»), в белор.-лит. диал. кэйфн, рэйтэр. Значит, надо произносить: к*ой*фн, р*ой*тэр (а не: кэйфн, рэйтэр) и писать: **קויפן, רויטער** (а не: **קייפן, רייטער**).

3) Выпишите из нашего отрывка: а) слова с буквой ו; русскими буквами транскрибируйте их (приблизительно), т. е. укажите их произношение.

б) То же — слова с буквой אָ;

в) То же — слова с буквосочетанием וי.

Повторительные упражнения:

1) Вместо вопросительного знака выпишите подходящий антоним (слово с противоположным значением): **יונגער — ?; שטאָט — ?; גרויסער — ?; מילכאָמע — ?; איניינעם** («вместе») — ?; **זון** («сын») — ?; **לערער — ?; זיידע — ?**

2) Следующую пословицу переведите на русский язык известной пословицей — лозунгом. Уясните себе различия в грамматической структуре этой пословицы в обоих языках:

אז דו וועסט ניט האָרעווען, וועסטו ניט עסן.

3) Продумайте: что представляет собой слово **אַרײַן** в следующей пословице — часть составного предлога אין — אַרײַן („**אין מויל אַרײַן**") или же отделяемую приставку глагола **אַרײַנפליִען** («влететь») („**פליִען ניט אַרײַן**"):

געבראָטענע טײַבעלעך פליִען ניט אין מויל אַרײַן.

Кандидат филологических наук

М. Шапиро

© Журнал «Советиш геймланд», 1973 г.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(На еврейском языке)

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон, М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Мальтинский, Х. Меламуд, Б. Миллер, Г. Полянкер, С. Фрай.**

Ответственный секретарь И. Чичельницкий.

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — 228-27-91; ответственный секретарь — 294-46-69; отделы прозы и поэзии — 228-49-42; отдел критики — 223-96-07.

Художеств. и техн. редакция: И. Шустер, С. Черняк

Подписано к печати 16/V 1973 г. Формат 70×108¹/₁₆. Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125. Цена 50 коп. Зак. 291.

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» при Государственном
Комитете Совета Министров СССР по делам
издательств, полиграфии и книжной торговли.
Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13

Цена 50 коп.

индекс 70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА
№ 6

1 9 7 3

В НОМЕРЕ:

Публицисты Израиля: За мир на Ближнем Востоке.

Стихи М. Талалаевского, Д. Бромберга, М. Грубиана, Г. Блоштейна, Ш. Холоденко, Х. Бейдера.

Х. Табачников. В Баршеве (повесть).

Д. Зильманович. На орбите большой жизни (документальная повесть).

Рассказы С. Боржеса, Г. Полянкера.

Д. Хорол. Лирические тетради.

**Литературная критика.
Библиография.
Вопросы искусства**

А. Раскин. Роман Т. Гена «Наши времена».

Е. Любомирский. Одноактные пьесы Шолом-Алейхема в постановке Московского еврейского драматического ансамбля.

Наши сообщения. Почта «Советиш геймланд». Разное. Хроника. Заметки на календаре.

М. Шапиро. Беседы о еврейском языке.